STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09935

DI GESHIKHTE FUN DI GROYSE FRANTSOYZISHE REVOLUTSYON

Ph Krantz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דיא געשיכטע

פון דיא

גרויסע פראנצויזישע רעוואָלוציאָן

נאך דיא בעסטע און נייעסטע ווערק
און נאכפאָרשונגען

פערפאסט פון

פיליפ קראַנץ.

פינפטע אויפלאַגע.

אין 3 טהיילען.

ליטעראַרישער פערלאג
256 איסט בראָדוויי, ניו־יארק

Copyright by the International Library Publishing Co., 1903.

אינהאַלטס-פערצייכניס.

ערשטער טהייל.

קאַפּיטעל | זייטע

1 דיא נאַציאָנאַלע פערזאמלונג 1
2 דיא שבועה אין דער שפּיעלזאַלע 7
3 דיא נאַציאָנאַלע פערזאמלונג צייגט ארויס איהר מאַכט . 12
4 פאר דעם שטורם פון דער באַסטיליע 16
5 דאס פּאָלק בעוואפענט זיך און גייט שטורמען דיא באַסטיליע 20
6 וויא אזוי דיא באַסטיליע איז גענומען געוואָרן 25
7 דער קעניג דערשרעקט זיך און גיט נאך 30
8 דיא נאַכט פון 4טען אויגוסט 1789 יאָהר 35
9 דיא ערקלערונג פון מענשענרעכטע 39
10 דיא פּאַריזער פרויען פאנגען אן דעם אָנפאל אויף ווערסאיל 42
11 דאס פּאָלק פיהרט דעם קעניג נאך פּאַריז 46
12 דיא רעוואָלוציאָנערע קלובען און צייטונגען 50
13 דיא מיטעל־קלאַסע און דיא ארבייטער־קלאַסע 54
14 דיא ערשטע געזעצע געגען ארבייטער 59
15 דיא סאַנקיולאָטען, דיא בויערן און דער אָנפאנג פון בירגער־קריעג און פון טעררְאָר 63
16 דער טויט פון מיראַבאָ און דיא פּליטה און פערהאַפטונג פון קעניג 67
17 דער פּראָצעס און דער טויט פון קעניג אויף'ן עשאַפאָט . 73

צווייטער טהייל.

1 דיא בלוטפערגיסונג אויף דעם מארס־פעלד 81
2 דיא קאָנסטיטוציאָן, דער קעניג און דאס פּאָלק 86
3 דיא געזעצגעבענדע פערזאמלונג און דיא פּאַריזער קאָמונע 91
4 קאמפף מיט דעם קעניג און מיט דיא עמיגראַנטען . . . 96

קאַפּיטעל		זייטע
5	דיא זשיראָנדיסטישע מיניסטערס און דיא דעמאָנסטראַציאָן פון 20 יוני	102
6	פון 20 יוני ביז 10 אויגוסט 1792	110
7	דיא אַטאַקע אויף טיולערי דעם 10 אויגוסט 1792 ...	118
8	אָנפאַנג פון רעוואָלוציאָנערען געריכט	130
9	דיא סעפּטעמבער פאָלקס־געריכטען און אויסשלאַכטונגען	136
10	דיא שלאַכט ביי וואַלמי	144
11	דער קאָנווענט	148
12	דיא שלאַכט ביי זשעמאַפּ און דער מאַרש נאָך מאַינץ .	153
13	דער קאַמפּף פון יאַקאָבינער און זשיראָנדיסטען	161
14	דער קאָנווענט און דער סוף פון קעניג	167
15	דער אויפשטאַנד אין וואַנדעי	171
16	גענעראַל דיומוריע׳ס פעררעטה	176
17	זשיראָנדיסטען, מאָנטאַניאַרען און מאַראַט	181
18	דער פאַל און אַרעסט פון דיא זשיראָנדיסטען	191
19	דיא מאָנטאַניאַרען און דיא אַרבייטער פראַגע	203
20	אויפשטאַנד פון זשיראָנדיסטען געגען יאַקאָבינער קאָנווענט	207
21	דיא ערמאָרדונג פון מאַראַט	211
22	דיא קאָנסטיטוציאָן פון 1793 און דער פערבינדונגס־פעסט	216
23	זשיראָנדיסטישע אויפשטאַנדען און דיא צושטערונג פון ליאָן	223
24	היגריכטונגען פון מאַריע אַנטואַנעטע, זשיראָנדיסטען און פיליפּ עגאַליטע	227
25	דער רעפּובליקאַנער קאַלענדער און דיא רעליגיאָן פון פערנונפט	234
26	דיא הינריכטונג פון דיא העבערטיסטען און דאַנטאָניסטען	242
27	דיא פראַנצויזישע אַרמעען אין 1793 און 1794	255
28	דיא שרעקענס־צייט אונטער ראָבעספּיער׳ס דיקטאַטור .	263
29	„דאָס העכסטע וועזען"	272
30	ראָבעספּיער און דער קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג	276
31	דער 9־טער טערמידאָר און ראָבעספּיער׳ס סוף	283

דריטער טהייל.

קאַפּיטעל		זייטע
1	דיא טערמידאָרישע רעאַקציאָן און דיא יאַקאָבינער	301
2	דיא אויפשטאַנדען פון יאַקאָבינער און ארבייטער	312
3	דער ווייסער טעראָר און דיא נידערלאַגע פון דיא עמיגראַנטען	326
4	דער דורכפאַל פון פּיטט'ס קאָאַליציאָן	334
5	דיא קאָנסטיטוציאָן פון דריטען יאהר פון דער רעפּובליק	337
6	מאָנאַרכיסטישער אויפשטאַנד און נאַפּאָלעאָן	342
7	שלום פון קאָנווענט	347
8	דיא פּערשוועררונג פון גראַקכוס באַבעף	351
9	ענדע פון וואַנדעיער בירגערקריעג און דיא מלחמה מיט עסטרייך	360
10	נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע אין איטאַליען	363
11	דער שטאַאטס-שטרייך פון 18-טען פרוקטידאָר	368
12	דער קאַמפּף מיט ענגלאַנד און דער שטאַאטס-שטרייך פון 22-טען פלאָרעאַל	377
13	נאַפּאָלעאָן אין עגיפּטען און אין פּאַלעסטינע	383
14	דער צווייטער בונד געגען פראַנקרייך און סואוואָראָוו'ס מאַרש	391
15	דער פּאַרטיי-קאַמפּף אין פּאַרלאַמענט און אין דירעקטאָריום	395
16	דער שטאַאטס-שטרייך פון 18-טען ברומער	400
17	נאַפּאָלעאָן ערשטער קאָנסול	412
18	שלום	417

איינלייטונג.

וואס פאר אן אונגעהייערע איבערקעהרעניס עס האט אָנגעמאכט אין אויראָפּאַ די גרויסע רעוואָלוציאָן, וועלכע האט אויסגעבראָכען אין פראַנקרייך אם ענדע פון 18טען יאָהרהונדערט—דאס וועט יעדערער אליין איינזעהען, ווען ער וועט נאר איבערלעזען די געשיכטע, וועלכע איך האב אָנגעשריעבען נאך די בעסטע און נייעסטע נאכפאָרשונגען וועגען דיזע גרעסטע וועלט־דראַמע. אויך וועט דער לעזער געפינען אין דיזער געשיכטע די אורזאַכען, וועלכע האבען געפיהרט צוערשט צו דער צערשטערונג פון דער באַסטיליע—די אַלטע פעסטונג פון קעניגליכע טיראַניי—און נאַכהער צו דער אָפּשאַפונג פון דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, אויף וועלכער די אַלטע מאָנאַרכיע האט זיך געהאַלטען, און צו דער הינריכטונג פון דעם קעניג זעלבסט אויף'ן עשאַפאָט.

אָבער די אורזאַכען, וועלכע האבען איבערהויפּט מעגליך געמאכט אזא געוואַלדיגע וועלט־איבערקעהרענדע רעוואָלוציאָן; די אורזאַכען, וועלכע האבען ארויסגערופען אזא מעכטיגען סאָציאַל־פּאָליטישען שטורם; די אורזאַכען, וועלכע האבען געפיהרט צו דער פערניכטונג פון דער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציאָן וואס איז איינגעפיהרט און בעפעסטיגט געוואָרן אין פערלויף פון יאָהרהונדערטע נאך דעם פאַל פון דער רוימישער אימפּעריע—דיזע אורזאַכען דארף מען זוכען א סך פריהער, ווייטער און טיעפער; זיי זיינען זאָגאר איי־עוואָרצעלט אין דעם לעבען, אין דעם גייסט, אין די פיהרונגען פון ב״א אויראָפּעאישע פעלקער, ווען אַלע האבען זיך נאך געפונען אין דעם באַרבאַרישען צושטאַנד.

א גרינדליכע גאַפּכאַרשונג וועגען דיא ענטשטעהונג און ענט־וויקלונג פון שטאאטס־אָרגאַניזאציאָנען צייגט אָן אויף אַן אונגעהייער גרויסען און וויכטיגען אונטערשיעד אין אזיען און אין אייראָפּאַ. דיזער אונטערשיעד בעשטעהט אין דעם, וואס אין אייראָפּאַ זיינען דיא ערשטע געמיינדען און געזעלשאַפטליכע גרופּען בעגרינדעט געווען אויף גלייכ־הייט און פרייהייט פון אַלע אַנערקענטע מיטגליעדער, ווערהרענד אין אזיען האבען אַלע מיטגליעדער געהאט בלינד צו פאָלגען דיא עלטסטע. זעלבסטשטענדיגקייט איז געווען דער גרונדשטיין פון אייראָפּעאישע גע־מיינדען, אונטערטעניגקייט איז געווען דער גרונדשטיין פון אזיאטישע געמיינדען. אַן אויספיהרליכע ערקלערונג וועגען דיא פערשידענהייטען אין דער אָרגאַניזאציאָן פון אייראָפּעאישע און אזיאטישע געמיינדען און שטאאטען קען דער לעזער געפינען אין דיא לעצטע 4 קאפיטלעך פון דעם צווייטען באנד פון מיין „קולטורגעשיכטע", בעזאָנדערס אין דעם 15־טען קאפּיטעל: „נייע פאָרמען פון שטאאטס־אָרגאַניזאציאָנען". דער רעזולטאט דערפון איז יעדענפאלס געווען, דאס אין אייראָפּאַ האבען זיך געבילדעט אזעלכע רעפּובליקען, וויא דיא גריכישע און רוי־מישע, און אין אזיען זיינען ענטשטאַנען אזעלכע דעספּאָטישע מלוכות וויא אשור, בבל, פרס ומדי.

דיזער גייסט פון זעלבסטשטענדיגקייט און פרייהייט איז גליק־ליבערווייזע קיין מאָל ניט אָפּגעשטאָרבען אין אייראָפּאַ אפילו אין דיא פינסטערסטע צייטען פון מיטעלאלטער. קיין מאָל איז אַן איי־ראָפּעאישע מלוכה ניט געווען אזא שטיקענדע דעספּאָטיע, וויא אַן אזיאטישע מלוכה. א פונק פון דער אורשפּרונגליכער פרייהייט, וועלכע האט בעזאָנדערס הערליך אויפגעבליהט אין דיא אַלטע צייטען אין גריכענלאַנד, איז אימער פערבליבען אפילו ווען גאַנץ אייראָפּאַ איז פערדעקט געווען מיט דיא געדיכטעסטע וואָלקענס פון פּאפּסטליכע פינסטערנעס. זאָגאַר אין דיא צייטען פון דיא קרייץ־ציגע איז דיזער פונק ניט פערלאָשען געוואָרן.

פארקעהרט, גראדע דאן, ווען דער קריסטליכער פאנאטיזמוס און דער ווילדעסטער אבערגלויבען האבען דערגרייכט זייער העכסטע שטופע, האט דיזער פונק ביסלעכווייז אָנגעפאַנגען צו גלימצערן אַלץ

העלער אין דער פינסטערנעס דורך א נעהענטערן פערקעהר צווישען דיא פערשיעדענע אויראָפּעאישע פעלקער און בעזאָנדערס דורך א נעהענטערע בעקאַנטשאַפט מיט דער מאָהאַמעדאַנישער וועלט, וועלכע האט דאן אויפגעבליהט. דער קאַמפּף מיט דיא אראַבען, וועלכע האבען דאַן איבערגענומען דיא גייסטיגע ירושה פון גריכענלאנד און מצרים—דיא אמת׳ע וויגעלעך פון אונזער ציוויליזאציאָן—האט אויפ־גערודערט דיא אויראָפּעאישע פעלקער, וועלכע האבען גערדעמעלט אין פינסטערן אבערגלויבען אונטער דעם יאָך פון דער קאַטוילישער קירכע. דיא אידיש־אראַבישע אדער סעמיטישע בילדונג האט זיך לאַנגזאַם, אבער אונאויפהערליך פערשפּרייטעט איבער אויראָפּא.

פון אלע וועסט־אויראָפּעאישע לענדער פלעגען זיך צוזאַמענקומען סטודענטען אין דיא אוניווערזיטעטען, וואָס דיא אראַבען האבען געגרינ־דעט אין זיד־שפּאַניען, אום צו לערנען דאָרטען דיא וויסענשאַפטען פון יענע צייטען.

נאָך דעם פאַל פון דער רוימישער אימפּעריע אין 476 יאָהר פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג, ווען דער קריסטליכער גלויבען האט זיך מיט פייער און שווערט אלץ ווייטער פערשפּרייטעט איבער אויראָפּא, האבען זיך אָנגעפאַנגען דיא פינסטערע צייטען פון מיטעל־אלטער. דיא גערמאַנער באַרבאַרען האבען צושטערט דיא צופוילטע רוימישע אימפּעריע, אָבער אין דער זעלבער צייט האבען זיי אויך אָבגעשטעלט איהר ציוויליזאַציאָן, איהר בילדונג. דיא מענשען זיינען פערגרעבט געוואָרן, און דיא גייסטיגע ירושה פון גריכענלאַנד און פון רוים איז געבליבען פערוואָרפען און פערלאָזען.

אנשטאָט ווייטער צו ענטוויקלען דיא וויסענשאַפטען און קונסטען פון דער גריכיש־רוימישער ציוויליזאציאָן, האבען דיא קריסטליכע לעה־רערס און פיהרערס געזוכט אויסצוראָטען זיי מיט דעם וויסטען תירוץ אז דאָס איז פּאַגאַניזמוס (געצענדיענסט). דיא קונסטווערק פלעגען זיי צושטערען און דיא ביכער פון דיא „געצענדינערשע" פילאָזאָפען, ויא אריסטאָטעל, פלאַטאָן, פיטהאגאר א. ז. וו., פלעגען זיי פער־ברענען אָדער בעהאַלטען אין זייערע קלייסטערס.

ניט ליבט און בילדונג האט קריסטענטהום פערשפרייטעט, נאר פינסטערניס און אונוויסענהייט. דיא יעניגע, וואס דיינקען, אז קריס־טענטהום האט געפיהרט צו גייסטיגע ענטוויקלונג, צו אויפקלערונג און צו פראָגרעס, ווייל גראדע אין דער קריסטליכער אייראָפא האט דיא ציוויליזאציאָן דערגרייכט איהר העכסטע שטופע—האבען א זעהר גרויסען טעות. דא איז ניט דער אָרט זיך אריינצולאָזען אין א נאכפאָרשונג וועגען דיא ווירקונגען פון קריסטענטהום אויף דיא אייראָפּעאישע פעל־קער—דאס וואָלט אונז פערפיהרט אין צו ווייטע דרכים—נאר עס איז גענוג צו נעהמען אין אנבעטראכט דיא געשיכטע פון פינסטערן מיטעל־אלטער און אויך דעם פאקט, דאס דיא קריסטליכע פעלקער אין אזיען און אפריקא זיינען געבליבען אזעלכע בארבארען, וויא דיא ניט־קריסט־ליכע פעלקער ארום זיי, אום זיך צו איבערצייגען, אז דיא אייראָפּעאישע ציוויליזאציאָן האט שליסליך גאָר ניט צו פערדאנקען דעם פיעל־פער־שריענעם קריסטענטהום. ווען דער גריכישער פאגאניזמוס וואָלט אָנ־געהאלטען געוואָרן, וואָלט דיא ציוויליזאציאָן ניט פערהאלטען געוואָרן אויף גאנצע טויזענד יאהר און מיר וואָלטען יעצט געשטאנען העכער אין אלע בעציהונגען.

יעדענפאלס איז דער וועלט־בעגליקענדער פּאָרטשריט פון אייראָפּא געקומען דורך דיא אויפבליהונג פון דער גריכיש־רוימישער בילדונג אין קנאפּע טויזענד יאָהר נאך דעם פאל פון דער רוימישער אימפעריע. דיא צייט פון 1450 ביז 1600 טראָגט אויך אין דער געשיכטע דעם נאָמען רענעסאנס, וואס עס בעדייטעט: אויפלעבונג. דער פונק פון זעלבסטשטענדיגקייט און פרייהייט אין דער אייראָפּעאישער פאָרמע פון געמיינדע־אָרגאניזאציאָנען, וויא דאס איז אויבען אָנגעצייגט געווען, האט זיך פאנאנדערגעפלאקערט און האט זיך דורכגעריסען דורך דיא וואָלקענס פון קאטוילישע פינסטערניס, טראָץ אלע שטערונגען און פערפאָלגונגען פון דיא פאפסטען און גלחים. דער גערודער דורך דיא קרייץ־ציגע, וועלכע האָבען זיך געצויגען כמעט 200 יאָהר (דער לעצ־טער קרייץ־צוג איז געווען אין 1270); דיא ענדערונגען, וועלכע זיי האבען ארויסגערופען אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען אין וועסט־אייראָפּא (דיא פריצים האבען, צוםביישפיעל, געמוזט געבען געוויסע פריווילע־

גיעס צו שטעט און געמיינדען, אום צו קריגען פינאנציעלע שטיצע פאר דיא קרייץ־ציגע)· דיא נעהענטערע בעקאנטשאפט מיט דער מאהאמעדאנישער וועלט; דיא אראבישע בילדונג און אוניווערזיטעטען — דאס אלעס האט געוועקט דיא דרעמלענדע גייסטער און האט זיי געטריבען צו שטודירען דיא פערגעסענע ערהאבענע ווערק פון דיא אלטע גריכען און רוימער. דער סוף פון דיזער לאנגזאמער גייסטיגער בעוועגונג איז געוועזען דיא רענעסאנס־צייט, וועלכע איז געוועזען דער אנפאנג פון דער נייער צייט און דיא צווייטע וויגעלע פון אונזער יעצטיגער ציוויליזאציאן.

צוזאמען מיט דער אויפלעבונג פון דיא קונסטען, שריפטען און פילאזאפיען פון דער גריכיש־רוימישער וועלט האט זיך אויך אנגעפאנגען א שטרעבונג צו וויטערע נאכפארשונגען און אויפקלערונגען. דיזע שטרעבונג האט געפונען דיא וויכטיגסטע און ברייטעסטע אויסוועגען דורך גוטענבערג׳ס דרוקעריי־ערפינדונג אין 1436, דורך קאלומבוס׳עס ענטדעקונג פון אמעריקא אין 1492, דורך וואסקא־דע־גאמא׳ס ענטדעקונג פון דעם וועג נאך אינדיען ארום אפריקא אין 1498 און דורך לוטהער׳ס רעפארמאציאן אין אנפאנג פון 16־טען יאהרהונדערט.

דיזע אלע אונגעהייער וויכטיגע פאסירונגען, וועלכע האבען געטראפען אין אנפאנג פון דער רענעסאנס־צייט, האבען אנגעמאכט א גרויסע איבערקעהרענעס אין אייראפא און האבען געטריבען דיא ראד פון פראגרעס מיט אזא ריזיגע קראפט, דאס אלע אנשטרענגונגען פון דיא פאפסטען און פון דער גאנצער מיטעל־אלטערליכער וועלט איהר אבצוהאלטען זיינען שוין געוועזען אומזאנסט. דער עדעלער דזשיארדאנא ברונא, איינער פון דיא מוטהיגסטע דענקערס און רעפארמאטארס אין 16־טען יאהרהונדערט, איז פערברענט געווארן פאר זיינע פרייע געדאנקען אויף דעם בעפעהל פון פאפסט אין 1600 אין רוים, אבער גאלילעי האט שוין ניט געענדיגט אזוי שרעקליך זיין עדעלען לעבען, אבוואהל ער האט מיט עטליכע יאהר נאך ברונא׳ס טראגישען טויט אויסגעשריען זיינע גלחים־ריכטער אין פנים: E pur si muove (דיא ערד דרעהט זיך דאך)!

יא, ניט נאר דיא ערד האט זיך געדרייהט ארום דער זוהן זייט אייבינע יאהרען, וויא גאלילעי האט עס בעוויזען צום טראץ

פון דיא לעהרען פון אלע גלחים און פון גאנצען קריסטענטהום, זאנדערן דיא מענשען אויף איהר האבען זיך אלץ ענערגישער גענומען דרייהען ארום דער פרייהייטס־זון, וועלכע דיא קאטוילישע קירכע האט קיין מאל ניט געקענט אין גאנצען פערלעשען אין אייראפא.

עס האט זיך אנגעפאנגען א נייע וועלט, א וועלט פון צווייפעל, דיא מוטער פון קריטיק און פון וויסענשאפטליכע נאכפארשונגען; א וועלט פון פרייען גייסט; א וועלט פון ערפינדונגען און ענטדעקונגען; א וועלט פון נייע אינדוסטריע און אויפגעלעבטען האנדעל. דיא זיילען פון דער מיטעל־אלטערליכער ארדנונג זיינען דורך דעם שטארקער און טיעפער אונטערגעגראבען געווארן ביז דיא גרויסע פראנצוזישע רעוואלוציאן האט זיי אין גאנצען אומגעווארפען. אהן אזא איבער־קעהרענדע ארבייט אין דיא מוחות און אין דער געזעלשאפטליכער ארגאניזאציאן וואלט דיזע רעוואלוציאן גאר ניט מעגליך געווען. זיא איז בלויז געוועזן דער גוואלדיגער אויסברוך פון דער גייסטיגער און מאטעריעלער עוואלוציאן (ענטוויקלונג), וועלכע איז אונאויפהערליך אנגעגאנגען זייט דער רענעסאנס־צייט; זיא איז געוועזן דער לעצטער אקט אין דעם שטענדיגען קאמפף מיט דיא מיטעל־אלטערליכע געזעלשאפטליכע פארמען, פון וועלכע דיא נייע דורות און קלאסען האבען זיך געזוכט ארויסצורייסען, אום ניט דערשטיקט צו ווערן.

דורך דיא ענטדעקונג פון נייע האנדעלס־וועגען, בעזאנדערס דורך דיא ענטדעקונג פון אמעריקא, איז ענטוויקעלט געווארן דיא אינדוסטריע, וועלכע האט אלץ מעהר פערשטארקט דיא בורזשואזיע אדער מיטעלקלאסע. דיא שטעט, וועלכע האבען זיך נאך פריהער בעפרייט פון דעם יאך פון דיא פריצים, זיינען אלע שטארקער געווארן און האבען פערלאנגט אלץ מעהר פרייהייטען. דיא נייע אויפגעקומענע קויפלייטע און פאבריקאנטען, וועלכע האבען געפיהרט דיא רעדעל אין דיא שטעט, האבען אלץ העכער און קרעפטיגער פערלאנגט א דעה אין שטאאטס־אנגעלעגענהייטען. דיא בויערן, וועלכע זיינען נאך פערבליבען לייבקנעכט אדער פאנסטשיזניקעס, האבען אויך גענומען פערלאנגען פרייהייט. זיי זיינען צוגעשטאנען צו דיא האנדעלס־לייטע און איבער־

הויפט צו דער מיטעלקלאַסע, ווייל זייערע אַלעמענס אינטערעסען זיינען געווען געגען דיא פּריווילעגירטע קלאַסען, דיא פּריצים און דיא גלחים.

דער קאַמפּף פון דער מיטעלקלאַססע, וועלכע איז אַלץ פער־שטאַרקט געוואָרען דורך האַנדעל און אינדוסטריע און אויך דורך דיא שטיצע פון פּראָסטען פאָלק, איז מיט יעדען יאהר אַלץ העפטיגער און שאַרפער געוואָרען געגען דיא מיטעלאַלטערליכע אָרדנונג, וועלכע טראָגט אין דער געשיכטע דעם נאָמען פעאָדאַלע סיסטעם. דיזע סיסטעם איז שוין געווען אונטערגעגראָבען לאַנג פאַר דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, און עס האט געמוזט קומען דיא צייט, ווען דיא אויפגע־קומענע מיטעלקלאַסע, וועלכע האט פאַקטיש געהאַט דיא מאַכט אין איהרע הענד דורך איהר האַנדעל און אינדוסטריע, זאָל אויך פיהרען דיא רעדעל אין שטאַאט און אַרויסרייסען דעם רעגירונגס־רודער ביי דיא אָבגעשוואַכטע פּריצים און גלחים.

דאָס איז געשעהן אם ענדע פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט, וויא דער לעזער וועט עס זעהען אין דיזער געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן.

דער פּערפאַסער.

ערשטער קאַפּיטעל.

דיא נאַציאָנאַלע פערזאַמלונג.

דעם 27 אַפּריל 1789 האט זיך אָנגעפאַנגען דער סוף פון דער אַלטער פראַנצויזישער מלוכה, וועלכע איז ביסלעכווייז אונטער־געגראָבען געוואָרן דורך דיא אויבען אָנגעצייגטע אורזאַכען. פון ער־שטען בליק האט אין יענעם טאָג פּאַסירט א געוויינליכע זאַך: לודוויג דער 16־טער, דער קעניג מיט „גאָטעס גנאַדע", האט אונטערגעשריי־בען א בעפעהל, אז מען זאָל צוזאַמענרופען א נאַציאָנאַל פערזאַמלונג אדער פּאַרלאַמענט פון פאָלקס־פערטרעטער; אבער יעדערער האט דאָן געפיהלט, אז דאס איז א שריט פון דער גרעסטער און וויים־גערענדסטער וויכטיגקייט, און דאס פראַנצויזישע פאָלק האט מיט דיא גרעסטע פריידע און דיא זיסעסטע האָפנונגען אויפגענומען דיזע ענטשיידונג פון דעם קעניג.

לאַנג־לאַנג האט זיך לודוויג דער 16־טער געוויינערט צו פאַסען אזא בעשלוס, דען ער האט אינסטינקטיוו געפיהלט, אז ער שטעלט זיין קרוין אין קאָן און אז דאס פאָלק וועט פערלאַנגען דורך זיינע דעפּוטאַטען א דעה אין אַלע שטאַאטס־אַנגעלעגענהייטען און א קאָנ־טראָל איבער דיא פינאַנצען פון לאַנד; אבער ער האט זיך ניט גע־קענט העלפען.

דיא שטאַאטס־קאַסע איז געווען זאָ גוט וויא פּוסט, און דיא מלוכה איז געווען באַנקראָט. פיעלע געשיקטע מיניסטאָרען האבען

זיך לאַנג די קעפּ געבראָכען און האבען אָנגעווענדעט פערשיעדענע מיטעל די פּאָסטע קאַסע פול צו מאַכען, אבער עס איז אַלעס גע־ווען אומזיסטע מיהע, און וואס ווייטער איז אַלץ ערגער געגאַנגען, דען דאס פאָלק איז אַלץ אָרימער געוואָרען, און די אדעליגע און גייסטליכע האבען קיינע שטייערן ניט געצאָהלט און האבען אויך ניט געוואָלט צאָהלען.

די בעריהמטעסטע פון דיזע מיניסטאָרען זיינען טיורגאָ און נעקער. דער ערשטער איז געווען א מאַן פון גרויס קענטשאַפט, טאַלאַנט און עהרליכקייט. ער האט געוואָלט איינפיהרען פיעלע גרויסע רעפאָרמען, אבער ער איז דורכגעפאַלען, ווייל די אַנדערע ראטהגעבער פון קעניג און אַלע פּריצים האבען עס ניט צוגעלאָזען. אי־בערהויפּט האבען די ביידע הערשענדע אדער פּריווילעגירטע קלאַסען: די פּריצים און די גלחים, ניט געוואָלט הערען פון קיינע שטייער־צאָהלונגען אויס זייערע אייגענע קעשענעס. נעקער איז ניט געווען אזוי פעהיג וויא טיורגאָ, אבער פיעל גליקליכער, דען ער איז גע־וואָרען מיניסטער שפּעטער, ווען די לאַגע פון דער מלוכה איז געווען א געפעהרליכערע, און ער האט זיך ניט גענומען מיט איין מאָל צו פיעלע רעפאָרמען. זיין גאַנצע שטרעבונג איז בעשטאַנען אין דעם, אז מען זאָל צוזאַמענרופען א נאַציאָנאַלע פערזאַמלונג, אום זיא זאָל צווינגען די פּריצים און גלחים צו צאָהלען געוויסע שטייערן. אלס פינאַנץ־מיניסטער האט ער נור געהאט אין אויג די שטאַאטס־קאַסע, און אום צו צווינגען דעם קעניג אָנצונעהמען זיין פּלאַן און אויך צו צייגען דעם עולם וויא ווייט און טיעף די קאַסע איז פּוסט, האט ער פער־עפענטליכט צום ערשטען מאָל א גענויען און ריכטיגען בעריכט פון די איינקינפטע און אויסגאַבען פון דער מלוכה. דער שרעקליך גרויסער דעפיציט האט זיך געוואָרפען אין די אויגען, און דאס גאַנצע פאָלק האט געקענט זעהען, וויא אזוי דער קעניג מיט זיינע אונטער־לעקער פערשפּענדען די מיט בלוט און שוויס בעגאָסענע גראָשענס פון די אונגליקליכע און אונטערדריקטע בויערן, האַנדווערקער און קרעמער, וועלכע זיינען דאַן געווען די איינציגע צאָהלערס פון שטייערן.

דיא ציפערן פון דיזען בעריהמטען בעריכט האבען גערעט מעהר וויא טויזענדע מיילער און שריפטען. זיי האבען אָפען געצייגט, אין וואס פאר אַ'ן אָבגרונד דיא מלוכה האט זיך געפונען, און זיי האבען געמאכט אַ'ן אונגעהויער גרויסע אויפרעגונג און גערודער איבעראַל. דער קעניג און זיינע משרתים האבען שוין ניט געקענט בעהאלטען דיא צרות, און עס איז זיי קיין אַנדער ברירה ניט געבליבען וויא אָנצונעהמען נעקער'ס פּלאַן.

אום עס זאָל אבער ניט זיין צו געפעהרליך פאר דיא פּריווילע־גירטע קלאַסען, האט מען מיט איין האנר געגעבען און מיט דער אַנדערער צוריקגענומען. וויא מיר וויסען עס שוין, איז דאס פראנ־צויזישע פאָלק דאַן פערטהיילט געווען אין דריי בעשטימטע און גע־זעצליך בעגרענצטע שטאנדען אדער קלאַסען. דיא ערשטע צוויי: דיא פּריצים און גלחים, זיינען נאטירליך געווען זעהר קליין אין צאָהל, אבער זיי האבען בעזעסען אלע רעכטע און פּריווילעגיען. דער דריטער שטאנד (טיערז־עטא אויף פראנצויזיש) איז בעשטאנען פון קויפלייטע, ארבייטער, בויערן און האט אַלזאָ ענטהאלטען אין זיך דיא גאנצע מאסע פון פאָלק, וועלכע האט נאר געהאט צו צאָהלען אלע שטייערן און האט קיין דעה ניט געהאט אין דיא פיהרונג פון דער מלוכה. דיא גאנצע רעוואָלוציאָן פון פאָריגען יאָהרהונדערט איז אין גרונד בע־שטאנען נאר אין דעם, אז דער דריטער שטאנד זאָל ווערן דער ריכטיגער רעדעלפיהרער פון שטאאט; אבער דאס האבען אין אָנ־פאנג גוט פערשטאנען נור אזוינע טיעפע קענערס און דענקערס וויא דער גלח סיעז, ד. ה. פיליכט צוויי אדער דריי פערזאָנען.

דער קעניג און אפילו נעקער אליין האבען ניט געזעהען קלאָר צו וואס א נאציאָנאל־פערזאמלונג וועט מוזען פיהרען; אבער זיי האָ־בען גאנץ גוט געפיהלט און געשפירט, אז דיא שפּיעל קען ווערן זעהר געפעהרליך פאר דער מלוכה. דארום האבען זיי זעהר פיעלע שטע־רונגען און בעשרענקונגען געמאכט אין דעם נייעם געזעץ, וויא אזוי דיא וואהלען זאָלען געפיהרט ווערן. דיא ערשטע צוויי קלאַסען האבען, צום ביישפּיעל, געהאט דאס רעכט צו וועהלען דירעקט זייערע פער־טרעטער (ד. ה. גלייך פון דיא געוויינליכע וואָטערס אזוי וויא יעצט

פיהרט זיך); דער דריטער שטאנד האט אבער געמוזט פריהער אויס־
וועהלען פערזאָנען, וועלכע האבען געהאט צו וועהלען דעפּוטאטען.
דער צוועק דערפון איז געוועזען, אז מען זאָל אויסקלייבען זעהר גע־
מעסיגטע מענשען. דאַן האט מען בעשטימט, אז נור דער האט דאס
רעכט צו וועהלען, ווער עס צאָהלט וויינגסטענס 6 פראַנק שטייערן
א יאָהר. דיא סומע איז ניט גרויס אין אונזער צייט, אבער דאס
פאָלק איז דאַן געוועזען אזוי אָרעם, דאס אויף דיזע וויזע האט מען
אויסגעשלאָסען מאסען ארבייטער פון דיא וואהלען. אין פאריז גופא,
וואו דער רעוואָלוציאָנערער גייסט איז נאטירליך געוועזען אם שטארק־
סטען, האבען דיא אלע שפּיצלעך אזוי ווייט געווירקט, דאס מען
האט אויסגעוועהלט מייסטענטהיילס מענשען, וואס זיינען געשטאַנען
אויף דער זייט פון דיא אלטע קעניגליכע פיהרונגען.

דער נייער גייסט איז אבער, צום גליק, געוועזען אזוי טיעף און
מעכטיג איינגעוואָרצעלט אין הארץ פון פאָלק, דאס כמעט אלע
פערטרעטער פון דער דריטער קלאַסע זיינען געוועזען פאָרטגעשריטענע
און ענטשלאָסענע מענער; און אפילו צווישען דיא דעפּוטאטען פון
דיא גייסטליכע און אדעליגע זיינען אויך געוועזען פיעלע, וואס האבען
סימפּאַטיזירט מיט דיא פאָרדערונגען פון פאָלק. נעקער האט אב־
זיכטליך גאָר ניט אָנגעצייגט, וואס אייגענטליך דיא נאציאָנאל־פער־
זאמלונג וועט האבען צו טאָן, אום דאס פאָלק זאָל זיך ניט קענען
צוזאמענריידען און אויסארבייטען בעשטימטע פאָרדערונגען; אבער
דאס האט גאר ניט געהאָלפען דעם קעניג, דען איבעראַל האבען דיא
וועהלער אָנגעדייטעט אין בעזונדערע שריפטען, וואס זיי פערלאַנגען
און ווינשען, און איבעראַל זיינען אויף דיא פאָרדערונגען אין אלגע־
מיינען געוועזען דיא זעלבע, דען איבעראַל האט דאָס פאָלק געליטען
דיא זעלבע צרות. דיא הויפּטפאָרדערונגען זיינען געוועזען, אז דאס
פאָלק זאָל שטענדיג זיין פערטראָטען אין פארלאמענט און אז דיא
פאָלקס־פערטרעטער זאָלען ניט צולאָזען קיינע שטייערן אָהן זייער
בעוויליגונג און זאָלען בעשיצען דאס אייגענטהום און פערזענליכע
פרייהייט. פון א רעפּובליק איז נאך אין קיין אָרט פון פראנקרייך
גאר קיינע רייד ניט געוועזען; פארקעהרט, מען האט נאך מייסטענ־

טהיילס אויסגעדריקט טרייהייט און דאנקבארקייט צום קעניג. אזוי נייט עס שטענדיג, דען דאס פאָלק ווערט זעהר־זעהר לאנגזאם ענט־וויקעלט און פאָרטגעשריטען.

נאך איין וויכטיגע פראגע איז געבליבען ניט בעשלאָסען אין דעם געזעץ וועגען דיא וואהלען, און דאס איז נעמליך, אויב מען זאָל שטימען אין דער נאציאָנאל־פערזאמלונג נאך דיא שטאנדען אדער נאך דיא צאָהל פון דיא פערטרעטער. אין ערשטען פאל וואָלט דער דריטער שטאנד געווען שטענדיג אין דיא מינדער־צאָהל, דען דיאביידע פריווילעגירטע קלאסען וואָלטען שטענדיג געשטימט געגען דיא וויכטיגע פאָרדערונגען פון פאָלק; אין צווייטען פאל וואָלט דער דריי־טער שטאנד אלע מאָל געהאט דיא מעהרצאָהל, ווייל ער האט גע־האט מעהר פערטרעטער (576), וויא דיא פריצים און דיא גייסטלי־כע צוזאמען (561). אויסער דעם זיינען דיא פראָסטע דאָרפס־גלחים געווען פריינדליך צו דיא פאָרדערונגען פון פאָלק, וויא מיר וועלען עס שפעטער זעהען. נעקער האט געוועלט איינפיהרען, אז מען זאָל שטימען נאך דיא צאָהל און דער קעניג האט אָנפאנגס נאכגעגעבען; אבער דיא אדעליגע און דיא קעניגין מאריע אַנטואנעטע, וועלכע האט שטארק געקעמפפט געגען אלע נייע איינפיהרונגען און איז געווען פערהאסט פון פאָלק, האבען עס ניט צוגעלאָזען; און דארום איז גע־בליבען אז מען זאָל דיזע פראגע איבערלאָזען צו בעשליסען אין דער נאציאָנאל־פערזאמלונג גופא, וואס עס האט נאכהער ארויסגערופען לאנגע שטרייטען און גרויסע שוועריגקייטען.

דאס פאָלק איז געווען אזוי צופרידען מיט דעם וואס עס קען ענדליך שיקען זיינע פערטרעטער — וועלכע עס איז — איינצופיהרען נייע געזעץ און צו ערלייכטערן זיין ביטערע לאגע, דאס עס האט זיך אין אלגעמיינען גאנץ ווייניג געקימערט וועגען דיא שפיצלעך און אָפּהאלטונגען, וואס דער קעניג מיט דיא פריצים האבען געמאכט. מען האט געלייגט דיא גרעסטע האָפנונגען אויף דיא נאציאָנאלע פער־זאמלונג — ניט דער ערך מעהר וויא זיא האט אויפגעטאָן אין דער ווירקליכקייט נאך א לאנגען און געפעהרליכען קאמפף מיט דיא פריווילעגירטע קלאסען — און ווען זיא איז ענדליך צוזאמענגעקומען אין

דער קעניג־שטאָט ווערסאיל (ניט ווייט פון פאַריז) אַם 5־טען מאַי 1789 יאָהר, איז אין גאַנץ פראַנקרייך געווען אַ פרייליכער יום־טוב. דער קעניג האָט אַבזיכטליך אויסגעקליבען דיא שטאָט ווערסאיל, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט פון פאַריז; אַבער מאַסען פאַריזער האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אין ווערסאיל צו צוזעהען דיא הערליכקייטען און גרויסע צערעמאָניעס ביי דער עפנונג פון דיא נאַציאָנאַלע פערזאַמלונג אין דער אַנוועזענהייט פון דעם קעניג, דיא קעניגין מיט דעם יונגען קראָנפּרינץ און דעם גאַנצען קעניגליכען הויף אין פּאַראַדנע קליידער. דיא פּריצים זיינען געווען אָנגעטאָן אין זייערע פּראַכטפאָלע בעגולדטע קליידער מיט פעדערהוטען אויף דיא קעפּ און גלענצענדע בעפּוצטע שווערדען; דיא גייסטליכע האָבען געטראָגען דיא בעסטע קליידער נאָך זייער ראַנג און אָרדען, וויא דאָס איז בעשטימט פון דיא קאַטוילישע קירכע; דיא פערטרעטער פון דריטען שטאַנד האָבען געטראָגען איינפאַכע שוואַרצע רעק, אָהן שווערדען און פעדערהוטען. אין פערגלייך מיט דיא גלענצענד־אויסגעפּוצטע פערטרעטער פון דיאביידע פּריווילעגירטע קלאַסען האָבען דיא פאָלקס־פערטרעטער אויסגעזעהען זעהר אָרעם און טרויעריג; אַבער דאָס פאָלק האָט נאָר זיי אויפגענומען און בעגריסט מיט בעגייסטערונג.

דער קעניג האָט געוואָלט צייגען ביי דיזער געלעגענהייט, אַז דיא אַלטע אונטערשיעדען צווישען קלאַסען זיינען נאָך אין קראַפט; דאַרום האָט ער געהייסען, אַז דיא פערטרעטער פון יעדען שטאַנד זאָלען גיין גאַנץ אָבגעזונדערט און אין דער אַלטער אָרדנונג, ד. ה. אַז דיא דעפּוטאַטען פון פאָלק זאָלען גיין גאַר הינטען, וואָס עס האָט ארויסגערופען פיעל אונצופרידענהייט צווישען דיא צוזעהער. דיא פּריווילעגירטע דעפּוטאַטען זיינען אַריינגעקומען אין דיא גרויסע און פּראַכטפאָלע זיצונגס־זאַלע דורך דעם פּאַראַדנעם אַריינגאַנג, און דיא פאָלקס־פערטרעטער האָט מען געהייסען אַריינקומען דורך אַ הינטער־טיהר. דיזע און נאָך אַזוינע קליינע שפּילקעלעך זיינען געווען זעהר דום און לעכערליך; אַבער זיי האָבען גלייך פון אָנפאַנג געצייגט דעם שלעכטען ווילען פון קעניג און האָבען אויפגערעגט דיא דעפּוטאַטען פון דריטען שטאַנד. זייער אונצופרידענהייט האָבען זיי שוין אויף דער

ערשטער זיצונג געצייגט: ווען דער קעניג האט אָנגעפאַנגען זיין טהראָן־רעדע, האט ער אָנגעטאָן זיין הוט; דיא אדעליגע און דיא גייסט־ליכע האבען וויא געוויינליך דאס זעלבע געטאָן; דיא פאָלקס־פער־טרעטער האבען נאך דיא אַלטע מנהגים בעדארפט בלייבען מיט היילע קעפּ, אבער זיי האבען וויא איין מאַן אויך אָנגעטאָן זייערע הוטען, און דאס האט געבראַכט אויסער זיך דיא צערעמאָניע־מייס־טערס און דעם גאַנצען קעניגליכען הויף. דערמיט האט דער דריטער שטאַנד געגעבען אָנצוהערענעס, אז דיא צייט פון זיין אַלטע אונ־טערוואָרפענהייט איז שוין פארבייגעגאנגען.

אויס דיא אונגעשיקטע טהראָן־רעדע פון דעם קעניג, וועלכער האט הויפּטזעכליך גערעט פון זיין נויט אין געלט, און אויס דיא דריי־שטונדיגע רעדע פון דעם מיניסטער נעקער, אין וועלכער ער האט געשאָטען מיט ציפערן און ציפערן און האט ווידער און ווידער גע־רעט וועגען דיא פוסטע קאַסע, — האבען דיא פאָלקס־פערטרעטער געזעהען, אז מען וויל נאר ביי זיי אויסנארען געלט און נאכהער זיי אוועקשיקען אהיים. פון דיא וויכטיגע רעפאָרמען, וואס דאס פאָלק האט אזוי שטארק פערלאַנגט, האט מען אין דיזע פוסטע רעדעס קיין וואָרט ניא דערמאָנט, און דיא דעפּוטאטען פון דריטען שטאַנד זיינען זיך צוגאנגען מיט געקנייצטע שטערענס און געדריקטע הערצער, אבער פעסט ענטשלאָסען צו צייגען, אז דאס פאָלק האט זיי ניט אומ־זיסט אויסגעוועהלט.

צווייטער קאפּיטעל.

דיא שבועה אין דער שפּיעלזאלע.

דיא אונצופרידענהייט, וואס דיא רעדען פון דעם קעניג און דיא פיינדליכע האלטונג פון זיינע משרתים האבען גלייך פון אָנפאַנג ארויסגערופען ביי דיא פערטרעטער פון פאָלק, איז וואס פון טאָג אַלץ גרעסער, טיעפער און שארפער געוואָרן. מיט דעם צוועק צו

האלטען אָפּגעזונדערט דיא דעפּוטאַטען פון דיא דריי קלאַסען, האט דיא קעניגליכע רעגירונג בעשטימט דריי בעזונדערע פערזאַמלונגס־זאַלען פיר זיי. אזוי וויא דער דריטער שטאַנד האט געהאַט מעהר פערטרעטער, האט מען זיי אָבגעגעבען דיא אַלגעמיינע זיצונגס־זאַלע. און דיזען קליינען אומשטאַנד האבען זיי זעהר קלוג בענוצט געגען דיא פּריצים און גלחים. זיי האבען נעמליך געשיקט אַ'ן איינלאַדונג צו דיאביידע פּריווילעגירטע קלאַסען, אז מען זאָל זיך צוזאַמענקליי־בען אין דער אַלגעמיינער זיצונגס־זאַלע, אום דורכצוזעהען דיא פּאַפּי־רען פון יעדען דעפּוטאַט, אויב ער איז ריכטיג אויסערוועהלט גע־וואָרן. דיא פּריצים און דיא גלחים האבען זיך אבער דערפון ענט־זאַגט, דען זיי האבען פערשטאַנען, אז נאַכהער וועט זיי שוין זיין שווער זיך אָפּצוטהיילען פון דעם דריטען שטאַנד, וועלכער וועט דאַן נויטווענדיגער וויזע בלייבען דער ריכטיגער אָנפיהרער פון גאַנצען פאָלק און וועט קענען זיי צווינגען נאָכצוגעבען אלע נייע פאָרדערונגען.

דיא פּריצים האבען טאַקע געמוזט זיך אָפּזאָגען פון זייערע בעזונדערע רעכטע און פּריווילעגיען; אבער דאס האט פּאַסירט ערשט מיט דריי מאָנאַט שפּעטער, אין דער בעריהמטער נאַכט פון 4־טען אויגוסט, נאָך דעם שטורם פון דער באַסטיליע און נאָך אַנדערע גע־שלעג און שטרייטען, וועלכע מיר גייען דאָ פערציילען.

דערווייל האבען זיך דיא ביידע פּריווילעגירטע קלאַסען נאָך פעסט געהאַלטען אָן זייערע אַלטע בעזונדערע רעכטע. זיי האבען ניט געזעהען און אויך ניט געוואָלט זעהען דיא וואַקסענדע מאַכט פון דעם דריטען שטאַנד, און זיי האבען אַלץ געהאָפט אויף דיא שטיצע פון דעם קעניג, וועלכער איז שוין געווען כמעט א געפאַנגענער אין זיין פּאַלאַץ פון ווערסאַיל.

דיא פערטרעטער פון דער דריטער קלאַסע האבען גוט געפיהלט זייער קראַפט און זיי האבען ערקלערט דיא פּריצים און גלחים, דאס זאָ לאַנג מען וועט זיך ניט פערזאַמלען צוזאַמען, קענען זיי ניט אַי־בערגיין צו וועלכע עס איז געשעפטסזיצונגען. גאַנצע זעקס וואָכען זיינען אזוי פאַריבערגעגאַנגען אין אונטערהאַנדלונגען צווישען דעם דרי־טען שטאַנד און דיא ערשטע צוויי; און דאס פאָלק, וואס האט

ארויפגעלויגט זיין גאנצע האָפנונג אויף דיא נאַציאָנאַלע פערזאמלונג, איז געוואָרן העכסט אונגעדולדיג און אויפגערעגט געגען דיא אדעליגע. דיא לאַגע פון דיא פאָלקס־פערטרעטער איז געווען א זעהר שווערע און געפעהרליכע: פון איין זייט האט דאס פאָלק פון זיי געפאָרדערט וואס גיכער איינצופיהרען דיא לאַנג ערוואַרטעטע און געווינשטע ענ־דערונגען אין דער מלוכה, און פון דער אַנדער זייט האבען זיי ניט געקענט נאכגעבען דיא אדעליגע און פערזאמלען זיך בעזונדער, דען דאס האט געהייסען, אז אלעס זאָל בלייבען אויף דעם אַלטען שטיי־גער און דיא פריצים מיט דיא גלחים זאָלען האבען דיא מעהרצאָהל און בלייבען דיא אויבערמאכט. דארום האבען זיי ענדליך בעשלאָסען אָפען און מוטהיג ארויסצוטרעטען געגען דיא אַלטע געזעלשאַפט, זאָל זיין וואס עס וועט זיין.

אין דיזער צייט אבער האבען זיי בעקומען נייע אָנהענגער, וועלכע האבען זיי פיעל געהאָלפען. דאס זיינען געווען דיא אָרימע דאָרפס־גלחים, וועלכע האבען געהאסט זייערע שטאָלצע און אויסגע־לאַסענע אויבערהערשער און אונטערדריקער: דיא עפּיסקאָפּען און קארדינאַלען, און האבען געהאט מיטלייד מיט דעם ארבייטער־פאָלק. דיא פּראָסטע גלחים האבען אין אלגעמיינען געהאַלטען מיט דעם פאָלק, און אייניגע פון זיי (וויא צום ביישפּיעל דער בקאַנטער שטאַאטס־מאַן ס י ע ז, וועלכער האט געשפּיעלט אזא גרויסע און וויכטיגע ראָלע אין אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציאָן) זיינען געווען אויסגעוועהלט פון פאָלק גופא. נאר זיי האבען זיך מיט א מאָל ניט געקענט ענט־שליסען אָפּצוטרעטען פון זייערע עפּיסקאָפּען און מאכען יד אחת מיט דיא דעפּוטאַטען פון דער דריטער קלאַסע. ווען דיזער בונד איז אבער געשעהען, האבען דיא פאָלקס־פערטרעטער נאך מעהר אויפגעהויבען דעם קאָפּ, און דעם 17 יוני 1789 יאָהר האבען זיי מיט 491 געגען 90 שטימען אָנגענומען דעם וויכטיגען פּאָרשלאַג פון סיעז, אז זיי זאָלען זיך רעכענען אלס דיא פערטרעטער פון דער ג א נ צ ע ר נאַציאָן און אז זייער פערזאמלונג זאָל הייסען דיא נ א־צ י אָ נ א ל־פ ע ר ז א מ ל ו נ ג. גלייך נאך דעם האבען זיי שוין אָנגענומען דעם פּאָרשלאַג, אז נאָר דיא נאַציאָנאַל־פערזאמלונג האט דאס

רעכט צו בעשטימען שטייערן און אז דיא אלטע שטאאטס־שולדען קענען אנערקענט ווערען פון פראנצויזישען פאלק נור ווען דיא נאַ־ציאָנאל־פערזאמלונג וועט קענען אונגעשטערט דורכפיהרען דיא פאָר־דערונגען פון פאָלק.

דאס האט געהייסען מיט אנדערע ווערטער, אז דיא פערטרע־טער פון דער דריטער קלאסע האלטען נאר זיך אליין פאר דיא ריכ־טיגע פאָלקס־פערטרעטער און אז דער קעניג מוז זיי אָנפרעגען וואס צו טהאָן און מוז אויספיהרען זייערע בעשליסע. און וויא גרויס עס איז געוועזען דיא שמחה פון פאָלק, ווען דאס איז בעקאנט געוואָרן, אזוי גרויס זיינען געוועזען דער שרעק און כעס פון קעניג און פון אלע אדעליגע. דיזע בעשליסע זיינען געוועזען א טויט־קלאפּ פאר דעם קעניג׳ס זעלבסט־הערשאפט, און ער האט גאר ניט געוואוסט, וואס ער זאָל דאָ טאָן. דער מיניסטער נעקער האט איהם געראטהען אָנצונעמען דיא בע־שליסע פון דיא נאציאָנאלע פערזאמלונג; אבער דיא אדעליגע און דיא קעניגין מאריע אנטואנעטע און דעם קעניג׳ס ברודער, גראף דארטוא, האבען דאס אויף קיין פאל ניט געוועלט צולאָזען. דער שוואכער און דערשראָקענער קעניג האט זיך אלץ אָפענער געשטעלט אויף דער זייט פון דיא פריווילעגירטע קלאסען און האט שטילערהייט איינגעשטימט מיט דיא פערשווערונגען, וועלכע דיא אדעליגע האבען גענומען מאכען, אום פאנאנדערצוטריבען דיא פערטרעטער פון דער דריטער קלאסע.

דער קעניג און זיינע משרתים זיינען געוועזען בלינד וויא אלע הערשענדע קלאסען. זיי האבען געמיינט, אז זיי בעזיצען נאך דיא אלטע מאכט, ווען אין אמת׳ן זיינען זיי שוין געוועזען „גאָר ניט און דיא דריטע קלאסע אלעס“, וויא ס׳יעז האט נאך מיט א יאָהר צוריק נביאות געזאָגט. דיא מוטהיגע און קלוגע האלטונג פון דיא פאָלקס־פערטרעטער האט ניט נאר בעגייסטערט דאס פאָלק, נאר זיא האט אויך צוגעצויגען דיא מעהרצאָהל פון דיא גייסטליכע אויף זייער זייט. זאָ דאס צוויי קלאסען זיינען שוין געשטאנען געגען איינע. דעם קע־ניג׳ס משרתים האבען דיזע פעראייניגונג געוואָלט צושטערען און דאַ־רום האבען זיי בעשלאָסען ארויסצוטריבען פון דער גרויסער זיצונגס־

זאַלע דיא „פאָלקס־קאַנאַליע“, וויא דיא אדעליגע קאוואַליערען האָבען גערופען דיא דעפּוטאַטען פון דריטען שטאַנד. אום דיא זאַך זאָל ניט אויסזעהען וויא א׳ן אָפענע געוואַלטהאַט, האַט דיא פּאַרטיי פון קעניגליכען הויף אויסגעטראַכט דעם לעכערליכען שפּיצעל, אז מען דאַרף פערריכטען דיא זאַלע פיר דיא נעכסטע קעניגליכע זיצונג. דער אָבער־צערעמאָניע־מייסטער, גראַף ד ר ו י ־ ב ר ע ז ע, האַט דיזע נייעס אָנגעזאָגט דורך א צעטעלע דעם פּרעזידענט פון דיא נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, דעם בעריהמטען געלעהרטען ב א ל י; אבער דער לעצטער האַט אויך דורך א צעטעלע געלאָזט וויסען, דאס מען קען דיא זאַלע ניט פערלאָזען זאָ לאַנג דער קעניג אליין וועט עס ניט בעפעהלען. דאַן האבען דעם קעניג׳ס משרתים מיט געוואַלט פערשלאָסען דיא טהיר פון דער זיצונגס־זאַלע און דאס גאַנצע געביידע איז ארומגערינגעלט געוואָרן מיט סאָלדאַטען, וועלכע האבען קיינעם ניט געלאָזען אריינקומען.

דיא פאָלקס־פערטרעטער, וועלכע האבען זיך שוין געריכט אויף אזא אָנפאַל, האבען זיך אבער גאָר ניט דערשראָקען; און אויף דעם פאָרשלאַג פון דר. גילאָטין, וועלכער האַט ערפונדען דיא בעקאַנטע הינריכטונגס־מאַשינע (דיא גיליאָטינע) צו ערלייכטערן דיא שמערצען פון דיא צום טויט פעראורטהיילטע און וועלכער איז שפּעטער אליין געקעפּט געוואָרן אויף איהר, זיינען זיי אלע אוועקגעגאַנגען אין א זאַלע, וועלכע איז געוועזען געמאַכט פאַר דעם קעניג צו שפּיעלען אין פוס־באַל. אין דיזער שפּיעל־זאַלע מיט הייכע פייכטע ווענד, אָהן שום מעבעל, זיינען דיא אויפגערעגטע דעפּוטאַטען געבליבען שטיין, אום זיך צו בעראַטהען וואס מען זאָל טהאָן. מען האַט געבראַכט א באַנק, וועלכע האַט געדיענט פאַר א פּלאַטפאָרמע, און מען האַט מיט צופלאַמטע פּנים׳ער אויסגעהערט דיא היציגע און ענערגישע רעדעס. פיעלע האבען פאָרגעשלאָגען צו פערזאַמלען זיך אין פּאַריז אונטער דעם שוץ פון פאָלק, וועלכער איז געוועזען מיט לייב און לעבען פאַר זיי; נאָר איידער מען איז זיך צוגאַנגען, האַט דער דעפּוטאַט מ אָ נ י ע אויפגעפאָדערט אלעמען צו שווערען, אז זיי וועלען זיך ניט פאַנאַנדערשיידען זאָ־לאַנג מען וועט ניט דורכפיהרען דיא

פאָרדערונגען פון פאָלק. אלע דעפּוטאַטען האבען מיט בעגייסטע־רונג אָנגענומען דיזען וויכטיגען פאָרשלאַג, און דער פּרעזידענט באַלי האט, שטייענדיג אויף א שטוהל, פאָרגעלעזען פאָלגענדע שבועה:

„איהר שווערט, דאס איהר וועט זיך ניט אָפּשיידען, זאָנדערן דאס איהר וועט זיך פערזאמלען, וואו נאר דיא אומשטענדען וועלען דאס ערלויבען, ביז דיא אלגעמיינע געזעצע פון דער מלוכה וועלען געשטעלט ווערן אויף א זיכערן פונדאמענט".

אלע האבען וויא איין מאַן אויפגעהויבען דיא הענט אין דער גרעסטער אויפרעגונג און מיט איין שטימע האבען זיי אויסגעשריען: „דאס שווערען מיר!" און דיא פאָלקסמאַסען, וועלכע האבען זיך צו־זאמענגעקליבען ארום, האבען פון דרויסען געענטפערט מיט בעגייס־טערונג: „עס לעבע דיא נאַציאָנאַלע פערזאמלונג!"

דריטער קאַפּיטעל.

דיא נאציאנאלע פערזאמלונג צייגט ארויס איהר מאכט.

אויף דעם אַנדערן טאָג נאָך דיא בעריהמטע שבועה אין שפּיעל־זאַלע האבען זיך דיא פערטרעטער פון דער דריטער קלאַסע פערזאַ־מעלט אין דער קירכע סען־לואי. דיזעס מאָל זיינען שוין צו זיי צו־געשטאַנען 149 פערטרעטער פון דיא גייסטליכע, און דיא נאַציאָ־נאַל־פערזאמלונג איז דורך דעם פערשטארקט געוואָרן. דאס פאָלק איז דאַן געוועזען ענטציקט פון דיא ענערגישע האַלטונג פון זיינע אויס־געוועהלטע און בעזאָנדערס פון זייער שבועה, וועלכע האט מיט איין קלאַפּ צוגענומען דיא גאַנצע מאכט ביי דעם קעניג.

דיזע שבועה האט פעסט צוזאמענגעבונדען אלע פאָלקס־פער־טרעטער, און מיט דיא הילפע פון פאָלק זיינען זיי אלץ ווייטער און מוטהיגער געגאַנגען צו זייער צוועק: אָפּצושאַפען דיא הערשאַפט פון דיא פּריצים.

פון דער אנדער זייט האבען דיא אדעליגע און אלע דיא יעניגע, וואס זיינען געווען פעראינטערעסירט אין דער אָנהאַלטונג פון דיא אַלטע פיהרונגען, זיך ארומגערינגעלט ארום דעם קעניג און איבער־הויפּט ארום דער קעניגין, וועלכע איז דיא גאנצע צייט געווען דער גרעסטער און געפעהרליכסטער שונא פון דיא נאציאָנאַל־פערזאמלונג און פון פאָלק. זיי האבען אלע צוזאמען געזוכט פערשיעדענע מיטעל און געמאכט פּלענער, וויא אזוי אָנצוהאַלטען אויף ווייטער זייערע פּריווילעגיען; און זיי האבען געטריבען דעם שוואכען קעניג צו בעגיין א געוואַלט־טהאַט, ד. ה. צו ערקלערן פיר ניט־געזעצליכע דיא וויכטיגע בעשליסע פון דיא נאַציאָנאַל־פערזאמלונג און אוועקצושיקען אלע פאָלקס־פערטרעטער אהיים.

דיא הערשענדע קלאַסע און דאס פאָלק זיינען אלזאָ גלייך פון אָנפאַנג ארויסגעטראָטען אלס בלוטפיינדע, און מען האט גלייך גע־קענט זעהען, אז אָהן א לאַנגען און בלוטיגען קאמפּף וועט מען זיך ניט קענען בעגיין.

דעם 23־טען יוני האט דער קעניג ווידער צוזאמענגערופען דיא פערטרעטער פון אלע קלאַסען אין דער גרויסער זיצונגס־זאַלע און האט געהאַלטען א נייע טהראָן־רעדע. דיא צערעמאָניעס זיינען געווען דיא זעלבע, וויא ביי דיא ערשטע קעניגליכע זיצונג; אבער אין דיזער קורצער צייט האבען זיך שוין דיא זאכען געענדערט אזוי וויא עָס וואָלטען פאָריבערגעגאַנגען יאָהרען און יאָהרען. אום ווייטער צו ערגערן און צו ערניעדריגען דיא פערטרעטער פון דער דריטער קלאַ־סע, האט מען זיי געלאָזען שטיין אונטער'ן רעגען לעבען דיא הינ־טער טהיר, דורך וועלכע זיי האבען געזאָלט אריינקומען אין זאַל, און ערשט ווען זיי האבען שטארק אָנגעפאַנגען צו קלאַפּען, האט מען זיי אריינגעלאָזען.

זייער גייסט, וויא מען קען עס לייכט פערשטיין, איז פון דיזע קאַלטע באַד גאָר ניט אָפּגעקיהלט געוואָרן. זיי האבען מיט כעס און פעראַכטונג אויסגעהערט דיא העכסט אונגעשיקטע און דומע רעדע פון דעם קעניג, וועלכער האט זיך דיזעס מאָל אָפען געשטעלט אויף דער זייט פון דיא פּריצים. מיט א שטאָלצען טאָן, וועלכער

האט איהם גאַנץ װעניג געפּאַסט, האט דער קעניג זעהר פיעל גע־רעדט פון זיין ליעבע צום פאָלק, פון זיינע זאָרגען װעגען דאס װאָהל פון דיא מלוכה, נאר ער האט זיך ענטזאגט צו אַנערקענען דיא בעשליסע פון דיא „זאָ־גענאַנטע נאַציאָנאַל־פערזאמלונג“. ער האט זיך ארױסגעשטעלט אלס דער איינציגער געזעצגעבער, און דיא פער־טרעטער האט ער נור אַנגענומען אלס ראטהגעבער. דיא גיטער פון דיא פריצים, האט ער געזאָגט, קענען נאר בעשטייערט װערן, װען זיי אליין װעלען דאס אַננעהמען, װאס עס האט נור ארױסגערופען א ביטערן שמייכעל ביי דיא פאָלקס־פערטרעטער. דער קעניג האט פערשפּראָכען צו געבען מעהר פערזענליכע פרייהייט זיינע אונטערטאַהנען און נאָך אַנדערע רעפאָרמען און האט צום ענדע אױסגערופען מיט גרױס גדלות און גאוה:

„איך בעפעהל אייך, מיינע העררען, זיך זאָגלייך פאַר־נאַנדערצושיידען, און מאָרגען זאָל יעדערער ערשיינען אין דער זאַלע, װעלכע איז בעשטימט פאר זיין שטאַנד!“

דיא פריצים און דיא גלחים זיינען זיך גלייך צוגאַנגען װיא דער קעניג האט פערלאָזען דיא זאַלע; אבער אלע דעפּוטאַטען, װעל־כע זיינען צוגעשטאַנען צו דיא נאַציאָנאַל־פערזאמלונג, זיינען געבלי־בען זיצען אויף זייערע ערטער. יעדערער איז געװען ענטשלאָסען ניט צו געהאָרכען דעם בעפעהל פון קעניג און זיך אויף קיין פאַל ניט אונטערצוגעבען. אלע האבען געשװיגען, פערטיעפט אין ערנסטע גע־דאַנקען; אבער באַלד האט זיך געלאָזט הערען א מעכטיגע שטימע, װעלכע האט אלעמען אױפגעמונטערט און אױפגעפלאַמט.

דיא שטימע איז געקומען פון דעם גלעצענדען און ענערגישען רעדנער מיראַבאָ, װעלכער האט געשפּיעלט דיא גרעסטע און װיכטיגסטע ראָלע אין אָנפאַנג פון דער רעװאָלוציאָן. ער האט אליין געשטאַמט פון דיא עלטעסטע אדעליגע פאַמיליע אין פראַנקרייך און האט געטראָגען דעם טיטול גראַף; אבער דיא פערפאָלגונגען װאס ער האט געהאט אויסצושטיין פון זיין פאָטער און פון דיא קעניגליכע רעגירונג האבען ארױסגערופען ביי איהם דעם טיעפסטען האס צו אלע אַלטע פיהרונגען. ער איז געװען פערהאסט פון דיא פריצים און געליעבט

פון פאָלק פאר זיינע פייערדיגע גייסטרייכע שריפטען, וואו ער האט שארף און מוטהיג קריטיקירט דיא אלטע געזעלשאפט. ער איז גלייך געוואָרן דער אָנפיהרער פון דריטען שטאנד. אלס רעדנער און פאָ־ליטיקער האט ער דאן צו זיך קיין גלייכען געהאט אין דער נאציאָ־נאל־פערזאמלונג; אזוינע מענער זיינען דאָ זעהר ווענינ אין אלע צייטען. ער איז געווען שטארק געבויט, מיט א גרויסען קאָפּ, מיט א געשטופּעלטע, מערקווירדיג העסליכע געזיכט; אבער ווען ער פלעגט אָנפאנגען צו ריידען מיט זיין דונערנדע שטימע און פלעגט אויסגיסען זיין גאל אויף דיא אלטע פערהאסטע פיהרונגען, פלעגט ער ניט וויִ־לענדיג צוציהען צו זיך, און אלע האבען מיט איהם מיטגעפיהלט.

ער האט גראדע געהאלטען אין מיטען פון זיין פייערדיגע רע־דע געגען דיא טיראניי פון דעם קעניג און פון דיא אדעליגע און האט דערמאָנט דיא פערטרעטער אָן זייער שבועה אין דער שפּיעל־זאלע, ווען דער אָבער־צערעמאָני־מייסטער דרווי־ברעזע איז אריינגע־קומען אין זאל און האט געפרעגט דעם פרעזידענט באלי, ווארום ער פאָלגט ניט דעם בעפעהל פון קעניג. דער פרעזידענט האט איהם אויסווייכענד געענטפערט, אז דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג מוז נאך צוערשט דעריבער זיך בעראטהען; אבער מיראבאָ איז מיט כעס צר־געשפּרונגען צום קעניג׳ס משרת און האט אויסגעשריען:

„מיר זיינען דאָ דורך דעם ווילען פון פאָלק, און נור דורך דיא געוואלט פון פּיקעס וועט מען אונז פערטריבען. זאגט דאס אייער העררן!"

דונערנדע אפּלאָדיסמענטען פון אלע פאָלקס־פערטרעטער האָ־בען בעגלייטעט דיזע ענערגישע און שטאָלצע ווערטער, און דער מארקיז דרווי־ברעזע איז שנעל ארויסגעגאנגען.

גלייך נאך דעם האבען זיך געלאָזט זעהען בעוואפענטע סאָלדאטען, וועלכע האבען ארומגערינגעלט דיא זאלע. דאן איז ארויסגעטראָטען דער יונגער אדוואָקאט און פייערדיגער רעדנער באַרנאַוו, וועמען מיר וועלען נאך שפּעטער בעגעגנען אלס אָנפיהרער פון דיא בע־ריהמטע יאקאָבינער קלובען אין רעכטען מיטען פון דער גרויסער רע־וואָלוציאָן, — און ער האט אויפגעפאָדערט דיא פערזאמלונג צו ער־

קלערן, דאס יעדערער וואס וועט נעבערויבען געוואלט נעגען דיא פער־זאָן פון א דעפוטאט, וועט בעטראכט ווערן אלס א פאָלקס־פעררע־טהער און וועט בעשטראָפט ווערן פון פאָלק מיט דעם טויט.

דיא סאָלדאטען זיינען געבליבען שטיין מיט זייער געוועהר אין לופטען, דען דיא רעגירונג האט מורא געהאט צו מאכען א'ן אָנפאל אויף דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג. אלע האבען געפיהלט, אז הינטער דיא דעפוטאטען פון דעם דריטען שטאנד שטייט דאס גאנצע פאָלק פון פאריז און אז א שרעקליכער אויפשטאנד איז אונפערמיידליך, וויא נאר מען וועט אָנגרייפען מיט געוואלט דיא נאציאָנאל־פערזאמ־לונג. דער צאָרן פון פאריז האט זיך שוין געלאָזט הערען, און דיא רעוואָלוציאָן האט געשוועבט אין לופטען.

דער קעניג האט פערלאָרען דעם קאָפּ און דעם מוטה, און ווען דער אָבער־צערעמאָני־מייסטער האט איהם מיטגעטהיילט מיראַ־באָ'ס ווערטער, האט ער מיט א'ן אראָפּגעלאָזענעם נאָז געזאָגט:

„ווען דיא הערען פון דעם דריטען שטאנד ווילען ניט פער־לאָזען דיא זאלע, זאָלען זיי דאָרטען בלייבען".

אזוי האט דערוויילע דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג גלענצענד גע־זיעגט דורך איהר מוטהיגע האלטונג, און דער קעניג האט נאך דיזען גרויסען טאָג פערלאָרען דאס ביסעלע מאכט און אָנזעהען, וואס ער האט נאך בעזעסען.

פיערטער קאפיטעל.

פאר דעם שטורם פון דער באסטיליע.

נאך דיא שבועה פון דיא פאלקס־פערטרעטער און איבערהויפט נאך דיא אויבענבעשריבענע זיצונג פון 23־טען יוני האבען זיך דער קעניג און דיא אדעליגע ארומגעזעהען, דאס דיא „קאנאליע", וויא זיי האבען גערופען דיא פערטרעטער פון דריטען שטאנד, איז געוואָרן א מאכט, מיט וועלכע מען מוז זיך רעכענען און מיט וועלכע עס איז

געפעהרליך זיך צו רייצען. דארום זיינען פון איין זייט צוגעשטאנען צו דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג 47 פערטרעטער פון דיא פריצים (דאס זיינען געווען דיא אָנהענגער פון דעם בעריהמטען הערצאָג פון אָרלעאַן, וועלכער האט אזוי לאנג אינטריגירט און געדריידעלט צו ווערן דער קעניג פון פראנקרייך ביז מען האט איהם ענדליך אָפּגע־דרייט זיין קאָפּ אונטער דער גיליאָטינע אין דיא רעכטע היץ פון דער רעוואָלוציאָן); און פון דער אַנדער זייט האט דער קעניג אליין אָנ־געהויבען זיך אונטערצושמייכלען צו דיא פאָלקס־פערטרעטער.

שטילערהייט האט ער אבער געהאָלפען דער קעניגין און זיינע משרתים פּטור צו ווערן פון דער געפעהרליכער נאציאָנאל פערזאמ־לונג. זיי האבען געהאט עטליכע געהיימע זיצונגען און האבען בע־שלאָסען צו פעררופען דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג אין אַ'ן אַנדער פּלאַץ, ניט אזוי נאָהענט פון פּאריז, וויא ווערסאיל איז; דען מעהר וויא פאר אלץ האבען זיי מורא געהאט פאר פּאריז, דיא גרויסע רע־וואָלוציאָנערע. שטאָט, דיא „שטאָט־ליכט", וויא וויקטאָר הוגאָ האט גערופען פּאריז. נאכהער, ווען דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג וועט בליי־בען אליין, אָהן דיא שטיצע פון פּאריזער פאָלק, האבען זיי גערע־כענט, וועט מען מיט מיליטערישע געוואלט קענען צווינגען דיא פער־טערטער פון דריטען שטאנד אָפּצושטימען דיא פינאנץ־פּאָרדערונגען פון דיא קעניגליכע רעגירונג און דאן זיי אלעמען הייסען זיך אָפּטראָ־גען אהיים.

דיזער איינפאכער פּלאַן וואָלט זיך פיליכט איינגעגעבען, ווען דאס פּאריזער פאָלק, וואס האט אינסטינקטיוו געשפּירט, אז דער קעניגליכער הויף מאכט אַ פערשווערונג געגען דיא נאציאָנאל־פער־זאמלונג, וואלט ניט בעצייטענס אראָפּגעלאָזען אזא קלאָפּ דער אל־טער רעגירונג, אז דער קעניג האט שוין ניט געקענט דיא קאָפּ אויפ־הויבען. מען קען זאָגען אז פּאריז אליין האט דאן אָנגעהאלטען און אָנגעטריבען דיא גרויסע רעוואָלוציאָן.

דיא פּאָרבערייטונגען, וואס דער קעניגליכער הויף האט געמאכט דורכצופיהרען זיין פּלאַן, האט מען באלד בעמערקט אין פּאריז. דיא רעגירונג האט פון אלע זייטען צוזאמענגעצויגען סאָלדאטען ארום

ווערסאַיל און פּאַריז. דער גרעסטער טהייל פון דיא סאָלדאַטען, וועלכע זיינען געווען אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם געהאַסטען אריסטאָקראַט, מאַרשאַל בראָגליאַ, איז בעשטאַנען פון געדונגענע אויסלענדער, דען אויף דיא פראַנצויזישע חיל האָט זיך שוין דיא מלוכה ניט געקענט פערלאָזען. ביז 30 טויזענד סאָלדאַטען זיינען שוין געווען צוזאַמענגעקליבען אין דעם אויפגעבראַכטען פּאַריז, און נאָך 20 טויזענד סאָלדאַטען האָבען מאַרשירט אויף דיא רעוואָלוציאָנערע שטאָט. מיראַבאָ האָט פאָרגעשלאָגען אז מען זאָל שיקען צום קעניג א דעפּוטאַציאָן און פערלאַנגען, ער זאָל צוריקציהען דיא סאָלדאַטען פון פּאַריז; אבער דער קעניג האָט געענטפערט, אז ער מיינט נאָר צו „בעשיצען" דיא נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. „יעדענפאַלס, האָט ער צוגעזעצט, קען דיא פערזאַמלונג האַלטען איהרע זיצונגען אין סוּאַסאָן אדער אַנזשו, ווען זיא האָט מורא פאַר דיא סאָלדאַטען".

דערמיט האָט זיך דער נאַרישער קעניג אַליין ארויסגעגעבען, און אַלע האָבען שוין פערשטאַנען דעם פּלאַן פון דיא פּריצים. מיט יעדער מינוט איז דיא אויפרעגונג פון פּאַריזער פאָלק געוואָרן אַלץ גרעסער און היציגער. דיא ארבייטער האָבען בעשלאָסען צו פערטהיידיגען מיט לייב און לעבען דיא נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג און ניט דערלאָזען איהר צו פעריאָגען נאָך סוּאַסאָן, אַנזשו אדער אירגענד וועלכע אַנדערע שטאָט ווייט פון פּאַריז. גרויסע מאַסען מענער און פרויען פלעגען זיך יעדען טאָג פערזאַמלען אין אַלע גאַסען און פּלעצער און איבערהויפּט אין דעם בעריהמטען גאָרטען פון פּאַלע־רויאַל, וועלכען דער אייגענטהימער, דער הערצאָג פון אָרלעאַן, האָט אָפּגעגעבען צו דיזען צוועק, אום צו געווינען אַנהענגער פיר זיך צווישען פאָלק, דען זיינע בעצאָהלטע אַגענטען פלעגען דאָרטען שטענדיג אינטריגירען געגען דעם קעניג און אויפהייצען געגען דער קעניגין. אין גאָרטען האָט דאַן שטענדיג געקאָכט, און דיא רעוואָלוציאָן איז דאָרטען געוואַקסען וויא אויף הייווען דורך דיא פייערדיגע רעדעס פון דאַנטאָן, קאַמיל־דעמולען און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע רעדנערס און שריפטשטעלערס.

אם 11־טען יולי האָט דער קעניג פּלוצלונג אָבגעזאָגט דעם

מיניסטער נעקער, ווייל מען האט אין הויף געגלויבט אז דיזער מיניסטער וויל זיך שטעלען אן דער שפּיצע פון די „בונטאָוושציקעס״, וואס עס האט זיך דעם קאַלט-בלוטיגען פינאַנסיסט קיין מאל ניט גע־חלום'ט. נעקער האט די לעצטע צייט אויפגערעגט געגען זיך די פאָלקס-פריינדע דורך זיין שוואכען און פאַלשען בענעהמען זיך צווישען דעם קעניג און דעם פאָלק; אבער די ארבייטער און איבערהויפּט די בויערן האבען דאָך ניט געקענט פערגעסען, דאס ער האט גע־זאָרגט פאר זיי און האט צוזאמענגערופען די נאציאָנאַל-פערזאמ־לונג. ווען דער קעניג האט איהם ענטלאסען, איז ער גלייך אָפּגע־פאָהרען נאך בריסעל אין בעלגיען, דען ער האט מורא געהאט אז די אַריסטאָקראַטען וועלען איהם פּשוט ארעסטירען.

די אָפּזאָגונג פון נעקער איז געווען פאר פּאַריז אזוי וויא אייל אויף א פלאַם פייער. דער כעס און די אויפרעגונג פון פאָלק האבען דער־גרייכט ביז דעם העכסטען גראַד. טויזענדע מענשען מיט געפלאמ־טע געזיכטער און אויסגעשטעלטע פויסטען, זיינען זיך צוזאמענגעלאָ־פען אין דעם היסטאָרישען גארטען פּאַלע-ראיאַל צו הערען, וואס די רעדנער וועלען זאָגען, און צו בעראטהען זיך וואס מען זאָל טאָן. יעדערער האט געפיהלט און געזעהען, אז די פּריצים ווילען צוריק פיהרען פראַנקרייך אויף דעם אלטען שטייגער, און יעדערער איז געווען ענטשלאָסען אויף קיין פאַל דאס ניט צו צולאָזען, מעג אפילו פליסען בלוט וויא וואסער. דער קעניג האט צופיעל געהאָפט אויף זיינע סאלדאטען, דען זאָנסט וואלט ער ניט ענטזאגט נעקער'ן און וואלט געווים ניט בעשטימט אויף זיין פּלאַץ דעם בעקאנטען אריסטאקראַטישען פאלקס-פיינד באראָן דע-ברעטויל, וועלכער איז געווען דער שפּיעלצייג פון דער פערהאסטער קעניגין.

די צאָרניגע און פערצווייפעלטע בירגער, וואס האבען זיך פערזאמעלט אין גארטען, האבען פון דעסטוועגען ניט געוואוסט בע־שטימט, וואס זיי זאלען טאָן, ווען פּלוצלונג האט זיך געלאָזט הערען די שטימע פון א יונגען פייערדיגען אַדוואָקאַט, וועלכער איז ארויפ־געשפּרונגען אויף א טיש מיט א רעוואָלווער אין האנד. דאס איז געווען דער בעליעבטער קאַמיל דעמולען, דער גייסרייכסטער און

עדעלסטער זשורנאַליסט פון יענער צייט, וועלכער האט ענדליך פער־לאָרען זיין לעבען אין דיא שרעקענס־צייטען פון דער רעוואָלוציאָן, וויא מיר וועלען עס שפּעטער בעשרייבען.

„בירגער“, האט ער אויסגעשריען, „מיר טאָרען ניט פער־לירען קיין איינציגע סעקונדע. דיא ענטזאַגונג פון נעקער איז דיא טויט־גלאָקע פאַר אַלע פאָלקס־פריינדע. הייטע אבענד נאָך וועלען דיא דייטשע און שווייצערישע באטאַליאָנען סאָלדאַטען אונז בעפאַלען און דערווערגען. עס בלייבט אונז נאר איין רעטונג, זיך נעהמען צו געוועהר!“

דיא נעדיכטע מאַסען צוהערער האבען מיט דיא גרעסטע בעגייסטערונג אויפגענומען דיזע ענערגישע ווערטער, און זייערע בראַוואָס האבען א לאַנגע צייט געהילכט אין לופטען.

דער אויסרוף: „צו דיא וואַפען!“ איז גלייך איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל, און דאס פאָלק האט זיך א שאָט געטאָן זוכען געוועהר

פינפטער קאַפּיטעל.

דאס פאָלק בעוואַפענט זיך און גייט שטורמען דיא באַסטיליע.

ווען דיא מאַסען פון פּאַריזער פאָלק זיינען ארומגעלאָפען איבער דיא גאַסען זוכען געוועהר, זיינען זיי אין איין פּלאַץ בעפאַלען געוואָרן פון דייטשע דראַגונען אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם שטאָלצען אַריסטאָקראַט, פירסט פון לאַמבעסק. דיא געדונגענע פרעמדע סאָלדאַטען האבען פיעלע בירגער צוהאַקט מיט זייערע שווערדען און פיעלע אַנדערע צוטראָטען אונטער דיא פיס פון דיא פערד. דיא איבעריגע זיינען זיך צולאָפען מיט געשרייען: „צו דיא וואַפען, בירגער, צו דיא וואַפען!“ דיזער מערדערישער אָנפאַל אויפ׳ן פאָלק האט געבראַכט דערצו, אז דיא געוועהר־קאַמער פון פּאַריזער שטאָט־

ראטה איז גענעפענט געוואָרן פאר יעדען און אז דער הערצאָג פון אָרלעאן, וועמעס בילד דאס אויפגערעגטע פאָלק האט דאן געטראָגען איבער דיא גאסען צוזאמען מיט דעם בילד פון דעם פערעהרטען מיניסטער נעקער און וועלכער האט דיא גאנצע צייט אינטריגירט געגען דעם קעניג, האט אָפען גערא‏טהען דיא בירגער זיך צו בעוואפנען.

פריהער פאר אלץ האט דאס פאָלק אויסגעראמט אלע ערטער וואו מען האט פאבריצירט און פערקויפט געוועהר, וויא דאס האט פאסירט ביי אלע אנדערע פראנצויזישע רעוואָלוציאָנען. נאכהער איז מען בעפאלען אייניגע מיליטערישע מאגאזינען וואו מען האט גערעכענט צו קריגען געוועהר. צו דערזעלבער צייט זיינען דיא פראנצויזישע גוואר־דיסטען צוגעשטאנען צום פאָלק. דיזע בראווע סאָלדאטען האט מען לאנג געהאלטען פערשפארט אין דיא קאזארמעס, ווייל זיי האבען געהאלטען מיט דעם פאָלק. א פאָלק פון דייטשע דראגונען האט אויף זיי אויפגעפאסט; אבער דיא גווארדיסטען האָבען גלייך דורכגעבראָכען דיא טירען און טויערן פון דיא קאזארמעס, וויא זיי האבען נאר דערהערט, אז דאס פאָלק גייט זיך שלאָגען פאר זיין פרייהייט. נאך א העפטיגען און בלוטיגען געשלעג מיט דיא דראגונען, זיינען זיי אוועקגעלאָפען מיט זייער געוועהר אויף דעם פלאץ לודוויג פינפצעהנטער, וואו דאס פאָלק האט זיי אויפגענומען מיט התלהבות און וואו אויך פיעלע בעוואפענטע בירגער זיינען געבליבען שטיין צוזאמען מיט זיי, אום צו פערטהיידיגען דאס פאָלק געגען דעם ערוואַרטעטען אָנפאל פון דיא געדונגענע דייטשע און שווייצערישע סאָלדאטען, וועלכע זיינען געווען פערזאמעלט אויף דעם בעריהמטען מארס־פעלד פון פאריז.

דער אָנפאל האט זיך אבער גאר ניט איינגעגעבען. דער גענעראל דע־בוזאנוואל, וועלכער האט קאָמאנדירט דעם קעניג׳ס חיל אויף דעם מארס־פעלד, האט ניט געקענט איינריידען זיינע סאָלדאטען, זיי זאָלען אטאקירען דיא פראנצויזישע גווארדיסטען. אייניגע באטאליאָנען זיינען אויף׳ן וועג איבערגעגאנגען צום פאָלק, זאָ דאס דער גענעראל האט זיך דערוויל געמוזט צוריקציהען אוןווארטען,

ביז מען וועט איהם אונטערשיקען מעהר געדונגענע דייטשע סאָל־דאַטען. דאס פאָלק האט אין דיזער צייט אויסגעלאָזען זיין צאָרן אויף דיא ראָגאַדקעס און הייזער, וואו מען פלעגט אָבצאָהלען פער־שיעדענע שטאָט־צאָהלונגען (מיכעס) און קאָראָבקעס, זאָ דאס פון זיי איז קיין שריד ופליט ניט געבליבען.

ווען דער קעניג האט זיך דערוואוסט, וואס עס האט זיך דעם 12 יולי אָפגעטאָן אין פאַריז, איז ער זאָגאָר צופרידען געווען, דען ער האט זיך צו פיעל פערלאָזען אויף זיינע פרעמדע סאָלדאַטען און האט געהאָפט, אז זיי וועלען קענען לייכט אונטערדריקען דעם פאָלקס־אויפשטאַנד, און דאַן וועט ער אין איין סעקונדע פטור ווערן פון דיא נאַציאָנאַל־פערזאמלונג. דער פערבלענדעטער קעניגלי־כער הויף האט דארום אליין געטריבען דאס פאָלק צו א פערצווייי־פעלטען קאמפף, ד. ה. ער האט זיך אליין געגראָבען א טיעפע גרוב.

אויף דעם אנדערן טאָג, דעם 13 יולי, האט מען פון פריה־מאָרגען געקלונגען אין גלאָקען, און דיא אויפגערעגטע מאסע פון דעם רעוואָלוציאָנערן פאַריזער פאָלק האבען זיך ווידער א שאָט געטאָן אין דיא גאסען צו זוכען ביקסען און איבערהויפט הארמאַטען. מען האט אבער ניט פיעל געפונען, און דער מער (בירגער־מייסטער) פלעססעל, ביי וועמען מען האט געפאָדערט ער זאָל אָנצייגען, וואו דאס געוועהר ליגט בעהאַלטען, האט זיך ארויסגעצייגט אלס א פעררעטהער. אום צו געווינען צייט ביז אָבענד, ווען ער האט גע־רעכענט דעם קעניג׳ס סאָלדאַטען וועלען מאכען דעם אָנפאַל אויף דאס אונבעוואָפענטע פאָלק, האט ער אָנגעוויזען אויף פאַלשע בע־האַלטונגס־פלעצער, וואס עס האט נאַטירליך פייערינג אויפגעבראַכט געגען איהם דאס פאָלק און וואס עס האט איהם אויך געקאָסט זיין לעבען אויף מאָרגען, גלייך נאך דעם פאַל פון דיא באַסטיליע.

דער קאָמיטעט פון דיא פאַריזער וועהלערס, וועלכער איז גע־גרינדעט געוואָרן אום אויפצופאסען אויף דיא פאַריזער דעפוטאַ־טען אין דער נאַציאָנאַל־פערזאמלונג, האט זעהר טהעטיג געארבייט פאר דיא אינטערעסען פון פאָלק. ביסלעכווייז האט ער געפונען א גרויסע מאכט אין פאַריז, דען אלע בעאַמטע פון דעם קעניג זיינען

געוועזן פעראכטעט און פערהאסט. דיזער קאמיטעט האט זיך אריינ־געכאפט אין דער שטאטהויז אדער ראטושע און האט בעפאהלען צו ארגאניזירען א נאציאנאל־גווארדיע פון 48 טויזענד מאן. אזוי וויא מען האט ניט געקענט קריגען געוועהר פאר אזוי פיעל מענשען, האט ער געהייסען מאכען 50 טויזענד פיקעס, און דאס פאלק האט עס געשאפען אין א׳ן אונגלויבליך קורצער צייט. אויף דיזער וויזע האט שוין דיא בעפעלקערונג פון פאריז געקענט האפען צו בעשטיין געגען דיא סאלדאטען פון קעניג. אבער אויך אין דיזען טאג האט דער אנפאל ניט שטאטגעפונען, דען גענעראל בחאנוואל האט זיך ניט געקענט פערלאזען אויף דיא סאלדאטען, וואס זיינען געשטאנען פיקס און פערטיג צו דער שלאכט אויף דעם מארס־פעלד, און האט גע־ווארט אויף אנדערע סאלדאטען, וועלכע זיינען ביסלעכווייז און שטי־לערהייט אנגעקומען אין פאריז.

דיא נאציאנאל־פערזאמלונג האט אויך ניט געשוויגען. זיא האט געהאלטען שטענדיגע זיצונגען, האט געפאדערט דער קעניג זאל צוריקפיהרען דיא סאלדאטען פון פאריז און זאל איינפיהרען א נאציאנאל־גווארדיע, האט אויסגעדריקט איהר בעדויערן וועגען דיא ענטזאגונג פון נעקער און האט געמאכט דיא ראטהגעבער פון דעם קעניג פעראנטווארטליך פאר אלעס, וואס עס איז פארגעקומען און וואס עס וועט נאך ארויסקומען.

דער קעניגליכער הויף האט אבער פערלארען יעדע פערנונפט און איז געקראכען אין פייער, וועלכער האט אויך ניט פערפעהלט צו פערברענען איהם מיט דיא גאנצע פערפוילטע אלטע מלוכה. דיא קעניגין און אלע אריסטאקראטען, וועלכע האבען געטריבען דעם שוואכען קעניג גאר ניט נאכצוגעבען דעם פאלק און דעם גייסט פון דיא נייע צייט, האבען נאר געווארט אויף דיא אנקונפט פון דיא גע־דונגענע סאלדאטען, אום ווידער אלעס צו פיהרען אויף דעם אלטען שטייגער.

דעם 14 יולי האבען ווידער דיא גלאקען געדונערט און גע־וועקט אלע פאלקס־פריינדע צום קאמפף. גלייך אין דער פריה האָ־בען איינינע בירגער ענדליך אויסגעפונען דעם שטארק געזוכטען

פלאץ, וואו עס זיינען געלעגען בעהאלטען פערשיעדענע געוועהר פאר די סאלדאטען. דאס איז געוועזן פאר די פאריזער ניט דער ערך טייערער וויא א'ן אוצר מיט גאלד און בריליאנטען. ניט אומזיסט האט זיך דער מער פלעססעל אזוי איינגעשפארט ניט אויסצוזאגען וואו דאס געוועהר איז געווען בעהאלטען. מען האט זיך קוים ארומגעזעהען, וויא פון די 30 טויזענד ביקסען, פון די גאנצע מענגע שווערדען און פיקעס און פון די הארמאטען איז ניט געבליבען קיין סמן אין די קעלערס פון דעם אינוואלידען-הויז, וואו זיי זיינען געלעגען אנגעגרייט פאר די קעניגליכע חיל, דאס פאלק האט זיך דארום געקענט גוט בעוואפנען; און די ארבייטער פון די אלטע רעוואלוציאנערע פארשטעט סענט-אנטואן און סען-מארסא האבען זיך אייסגעשטעלט אונטער דער קאמאנדע פון דעם בעקאנטען ביר-ברויער סאנטער און האבען זיך פעראייניגט מיט די פראנצויזישע גווארדיע.

די בעוואפענטע מאסען זיינען געווען זעהר אונגעדולדיג צו ווארטען ביז די קעניגליכע חיל וועלען זיי איבערפאלען. עס האט זיך זיי געריבען די הענד צו שלאגען זיך פיר זייער רעכט און פרייהייט און אראפצולאזען דער אלטער מלוכה אזא קלאפ, אז זיא זאל שוין קיין מאל ניט קענען אויפהייבען דעם קאפ. זיי האבען דארום געזוכט עפעס א צופאל, אז זיי זאלען קענען מאכען דעם געווינשטען אנפאל, און יעדען איז דאן גלייך געקומען אויף די געדאנקען די פערפלוכטע באסטיליע, וועלכע איז געשטאנען אין מיטען שטאט און וואלט אויך געווים בענוצט געווארן פון די קעניגליכע סאלדאטען געגען זיי. אלע זיינען געווארן דורכגעדרונגען מיט איין פייערדיגען געדאנקען, מיט איין הייסען וואונש, און באלד האבען אפגעהילכט אין אלע גאסען פון פאריז די מעכטיגע און דונערנדע אויסרופען: „צו די באסטיליע! צו די באסטיליע", און פון אלע עקען שטאט האבען זיך א לאז געטאן מחנות בעוואפענטע און ענערגישע קעמפפער צו די פערשאלטענע פעסטונג פון די קעניגליכע טיראנאיי.

זעקסטער קאפיטעל.

וויא אזוי דיא באסטיליע איז גענומען געוואָרן.

„מיר ווילען נעהמען דיא באסטיליע! מיר מוזען צושטערען דיא באסטיליע!" האט דאס אויפגערעגטע פאָלק מוטהיג און מיט בעס געשריען אם 14־טען יולי 1789 יאהר, צוזאמענקלייבענדיג זיך ארום דיא שרעקליכע פעסטונג, וועלכע האט פינסטער אראָפּגעקוקט אויף דיא גרויסע וועלט־שטאָט פון איהרע שטאָלצע און הויכע טור־מעס און האט פערפינסטערט דאס לעבען פון אלע פרייידענקענדע מענשען זייט דעם פיערצעהענטען יאהר־הונדערט. דיזע בעריהמטע־סטע פון אלע אייראָפּעאישע פעסטונגס־געפענגניסען, צוליעב דיא פיעלע בעקאנטע אָפּפער פון קעניגליכע טיראניי, וואס האבען דאָרט געשמאכטעט, איז בעשטאנען פון 8 שטארקע טורעמס, כמעט 100 פוס דיא הויך, וועלכע זיינען געוועזן צוזאמענגעמויערט מיט א שטיי־נערנע וואנד 7 פוס דיא גרעב. אינוויינינג זיינען געוועזן דריי הויפען איינע אין דיא אנדערע. דיא גאנצע פעסטונג איז געוועזן ארומגע־רינגעלט מיט א טיעפען גראָבען 25 פוס דיא ברייט, וועלבער האט געקענט ווערן אָנגעפילט מיט וואסער פון טייך סענע. אריינ־צוקומען אין פעסטונג האט מען אנדערס ניט געקענט, וויא דורך הייגג־בריקען וואס מען פלעגט אראָפּלאָזען אויף קייטען.

ווען מיר בעטראכטען יעצט דיא שטארקייט פון דיזער פעסטונג און דאס געוויינליכע געוועהר וואס דאס פאָלק האט צוזאמענגע־שלעפּט פון אלע לעבער, וואו מען האט נאר געדעבענט צו געפינען אפילו העק און אלטע פיקעס, שיינט אונז גאנץ אונמעגליך איהר איינצונעהמען; אבער מיר ווייסען דאך, אז דיא פאריזער בירגער האבען איהר איינגענומען אין 4 שטונדען; און דאס איבערצייגט

אונז, אז נעגען דעם פעסטען ווילען פון א פאָלק קענען קיינע פעסטונגען פון טיראַניי ניט בעשטיין.

דער קעניגליכער הויף האט זיך אזוי פיעל פערלאָזען אויף דיא נעדונגענע סאָלדאטען און האט אזוי וועניג געטראַכט ארום דיא מעגליכקייט פון א מוטהיגען אָנפאַל פון פאָלק אויף דיא וויכטיגע פעסטונג, דאס אם 14 יולי האבען זיך דאָרטען וויא געוויינליך גע־פונען פראָוויאַנטען נאר אויף איין טאָג, און דיא פערטהיידיגער זיינען בעשטאַנען פון 82 פראַנצויזישע און 33 שווייצערישע סאָל־דאַטען.

דיא בעוואַפענטע בירגער האבען גלייך אויפגעפאָדערט דעם קאָמאַנדיר פון דער באַסטיליע נאמענס דעלאָנע, ער זאָל אראָפּ־לאָזען דיא בריקען און אָפּגעבען דיא פעסטונג; אבער ער האט זיי אפילו ניט געענטפערט. דאַן זיינען ארויסגעשפרונגען צוויי העלדען, דער שיינער און יונגער אָפיציער עלי, דער בעקאַנטעסטער אָנפיהר־רער פון דיזען טאָג, און דער אוהרמאַכער הולען, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן איינער פון דיא בעקאַנטע גענעראַלען אין נאַפּאָ־לעאָן דעם ערשטען׳ס צייטען. זיי האבען מיט העק אָפּגעקלאַפּט דיא קייטען פון איין בריק, וועלכען זיי איז געלונגען אראָפּצולאָזען אויף דעם ריכטיגען פּלאַץ. דיא אָנגרייפער האבען זיך גלייך א לאָז געטאָן איבער׳ן בריק און זיינען צוגעקומען צום פערשלאָסענעם גרויסען און שטאַרקען טויער. דעלאָנע האט דאַן געהייסען שיסען, און פיעלע זיינען געטויט און פערוואונדעט געוואָרן. דאס העלדישע פּאַריזער פאָלק האט אבער ניט נאר דעם מוטה ניט פערלאָרען, נאר האט נאך אָנגע־פאַנגען צו שיסען און צו ברעכען דעם טויער און דיא וואַנד מיט מעהר ענערגיע. דיא בראַווע גוואַרדיסטען און ארטילעריסטען, וואס זיינען צוגעשטאַנען צום פאָלק, האבען צוגעשלעפּט האַרמאַטען און האבען אָנגעפאַנגען צו פייערן פון זיי. צווישען דיזע העלדען האט זיך בעזאָנדערס אויסגעצייכענט דער סאָלדאַט מארסאָ, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן א וועלט בעריהמטער גענעראַל אין נאַפּאָלע־אָן׳ס צייטען. פון פעסטונג האט מען אויך אָנגעפאַנגען צו פייערן פון האַרמאַטען, און טייכען בלוט האבען זיך געגאָסען. דאס פאָלק

האט אויף איין מינוט ניט אויפגעהערט צו שיסען, אבער אזוי וויא דיא פערטהיידיגער פון דער פעסטונג זיינען געשטאנען אונטער דעם שוץ פון דיא וואנד, האט עס זיי ניט געשאט. איינינע בירגער האָבען פרובירט ארויפצוקלעטערן אויף דיא וואנט, אנדערע האבען אונטערגעצונדען אלע הילצערנע בודקעס ארום דיא פעסטונג און האבען דערמיט געשטעלט אין געפאהר איהר פולווער־קאמער, וועלכע וואָלט איינגעשלונגען דעם קאָמאנדיר מיט אלע זיינע סאָלדאטען. קיינער איז ניט אָפּגעטראָטען פון אָרט, און אויף דעם פּלאץ פון דיא הונדערטע געפאלענע, זיינען צוגעקומען טויזענדע נייע קעמפּפער. ארום 4 אוהר נאכמיטאָג האט זיך א ציה געטאָן א נייע געדיכטע מאַסע קעמפּפער פון דער פאָרשטאָט סענט־אנטואן, און וויא דעלאָנע האט איהר דערזעהען, איז איהם פינסטער געוואָרן אין דיא אויגען. ער האט זיך אנגעפאנגען ארומצוזעהען, אז ער האלט זעהר שמאָל, אז דאס פאָלק איז פעסט בעשלאָסען ניט אָפּצוטרעטען פון דיא באסטיליע ביז זיא וועט גענומען ווערן און אז ער וועט זיך לאנג ניט קענען האלטען מיט זיינע גדונגענע סאָלדאטען. דיא פראנצויזישע פערטהיידיגער פון דער פעסטונג האבען זיך שוין לאנג ענטזאגט צו שיסען אין פאָלק, און נאר דיא שווייצערישע סאָלדאטען האבען ניט אויפגעהערט צו שיסען מיט זייער געוויינליכער קאלט־בלוטיגקייט און פּינקטליכקייט, אזוי וויא בלינדע מאשינען.

פלוצלונג האט איינער ארויסגעשטעלט פון דער פעסטונג א ווייסע פאָהנע אלס א צייכען, דאס מען וויל דיא באסטיליע איבערגעבען דעם פאָלק. דאס שיסען האט גלייך אויפגעהערט. דער קאָמאנדיר דעלאָנע האט געוועלט אונטערצינדען דיא פולווער־קאמער, דען ער האט ניט געוועלט איבערלעבען זיין שאנדע און האט אויך געוואוסט אז דאס פאָלק וועט איהם ניט שאָנען; אבער דיא סאָלדאטען האבען איהם דערפון אָפּגעהאלטען.

דער אָפיציער פון דיא שווייצערישע סאָלדאטען האט זיך באלד בעוויזען און האט פערלאנגט מען זאל פריי ארויסלאָזען זיינע סאלדאטען. דאס פאָלק האט מיט א דונערנדע שטימע געענטפערט: „לאָזט אראָפּ אלע בריקען!“ און עלי האט צוגעזעצט: „מען וועט אייך גאר

ניט טאָן!״ דיא בריקען און טויערן זיינען באלד אויפגעמאכט גע־וואָרן, און דאס זיעגרייכע פאָלק איז מיט פריידענס־ און ראַבע־גע־שרייען אריינגעלאָפּען אינוויינג. דאס איז געוועזן ארום 5 אוהר נאכ־מיטאג, נאך א העלדישען בלוטיגען פיער־שטונדיגען קאמפף. דאס פאָלק האט געזיעגט, אבער פיעלע, פיעלע הונדערטע קעמפפער זיינען טויט געפאלען פאר דיא פרייהייט פון דער מענשהייט.

דיא מאסען האבען זיך דיא ערשטע מינוטען ניט געקענט איינהאלטען, ווען זיי האבען דערזעהען דעם פערשאָלטענעם קאָמאנ־דיר און דיא שווייצערישע סאלדאטען. אייניגע פון זיי האט מען ער־מאָרדעט און זייערע קעפּ האט מען געטראָגען אויף פּיקעס צו דיא שטאָטהויז, וואו אלע פאלקסקעמפפער האבען זיך פערזאמעלט. עס איז געוועזן אי א שרעקליכע אי א הערליכע זאך צו זעהען, וויא דיא וואס האבען געשטורמט דיא באסטיליע זיינען צוריקגעגאנגען מיט דיא געפאנגענע סאלדאטען; מיט דיא בעפרייטע אונגליקליכע פּאָלי־טישע געפאנגענע, פון וועלכע צוויי זיינען געוואָרן משוגע פון לאנגען זיצען; מיט דיא פערוואונדעטע בירגער, וועלכע האבען זיך מיטגע־שלעפּט מיט דער הילפע פון זייערע חברים, אונטער קלינגענדע פרייד־געשרייען פון מענער, פרויען און קינדער. דער העלדישער עלי האט זיין גאנצע קראפט אָנגעווענדעט צו האלטען זיין וואָרט און צו פער־טהיידיגען דעם פערהאסטען דעלאָנע, און ער איז ווירקליך געוועזן שטארקער וויא אייזען, ווען ער האט אויסגעהאלטען דיא שטויסען און דיא קלעפּ וואס ער האט דערביי אריינגעקראָגען פון פיעלע קעמפפער, וועלכע זיינען געוועזן אויפגעבראכט און אָנגעצונדען מיט כעס ביז צו משוגעת. ענדליך האט מען טאקע ארויסגעריסען פון עלי׳ס קרעפטיגע הענד דעם קאָמאנדיר, און אין א מינוט איז שוין דעלאָנע׳ס קאָפּ געוועזן אָנגעשטאָכען אויף א פּיקע. דעם זעלבען שיקזאל האט געהאט דעע מער פלעסעל, וועלבער האט פיעלע מאָל פערפיהרט דאס פאָלק און האט נאר געוואָרט אויף דיא שטיצע פון דיא קעניגליכע סאלדאטען. מען האט ארויסגעלאָזען א קלאנג אז אין דעם קאָמאנדיר׳ס קעשענע האט מען געפונען א צעטעלע, אין וועל־כען פלעסעל האט געשריבען: „האלט זיך ביז אבענד; מען וועט

אייך צושיקען סאָלדאַטען". און מען האט פלעסעל'ן גענומען שלעפּען אין דעם גאַרטען פּאַלע־רויאַל, צו האַלטען וועגען איהם א פאָלקס־געריכט; אבער אויף'ן וועג איז איינער צוגעלאָפען פון הינטען און האט איהם מיט א פּיסטאָל דערשאָסען אויף טויט. קיינע אַנדערע פאלקס־פיינדע האט מען אין דיזען גרויסען היסטאָרישען טאָג ניט בעשטראָפט.

אין זיין בעגייסטערונג און שמחה האט דאס פאַריזער פאָלק דאך ניט פערגעסען צו בעוואָפנען זיך ווייטער געגען דעם ערוואַרטעטען אָנפאַל פון דיא סאָלדאַטען. א טהייל האבען זיך בעשעפטיגט מיט דיא צערשטערונג פון דער שרעקליכער פעסטונג ביז עס זיינען פון איהר נאר געבליבען היילע שטיינער און ציגעל. פיעלע האבען זאָגאר אוועקגעטראָגען צו זיך אהיים שטיקלעך שטיינער פאר א צייכען פון זיעג און פאר א'ן אָנדעקען. אַנדערע בירגער האבען געגאָסען קוילען, געשמידט פּיקעס, געשארפט העק און שווערדען, אויסגעריסען שטיי־נער פון ברוק, געבויט באַריקאַדען, זיך פערזאָרגט מיט געוועהר און פּולווער און זיך פאָרבערייטעט אויף יעדער אַרט צום קאַמפּף מיט דיא קעניגליכע סאָלדאַטען. גאַנץ פּאַריז האט אויסגעזעהען וויא א לאַגער פון סאָלדאַטען פאר א שלאַכט, און דיא גלאָקען האבען ניט אויפגעהערט צו קלינגען און צו וועקען דיא בירגער צו קעמפּפען פיר זייערע רעכטע און פרייהייט.

אבער דער אָנגריף פון דיא קעניגליכע חיל האט אויך אין דיזען טאָג ניט שטאַטגעפונען, דען דער קעניג האט שוין דערוויילע זיין ביסעלע מוטה פערלאָרען. ווען דער הערצאָג ליאַנקור האט איהם דערציילט, אז דאס פאָלק האט געשטורמט און צערשטערט דיא באַסטיליע, און האט איהם ערקלערט וואס עס טוט זיך אין פאַריז און אז מען קען זיך ניט פערלאָזען אויף דיא סאָלדאַטען, האט ער אויסגערופען:

— אָ, דאס איז דאך א'ן אמת'ער אויפשטאַנד!

— ניין, אייערע מאַיעסטעט, האט דער הערצאָג געענטפערט, דאס איז א רעוואָלוציאָן!

יא, דאס איז טאקע געווען א רעוואָלוציאָן, דיא גרעסטע רע־וואָלוציאָן וואס דיא מענשהייט האט ביז יעצט געזעהען.

זיעבעטער קאַפּיטעל.
דער קעניג דערשרעקט זיך און גיט נאָך.

מען קען זאָגען, אז מיט דעם פאַל פון דיא פערפלוכטע באַסטיליע האט זיך דיא גרויסע רעוואָלוציאָן פון פאַריגען יאהר־הונדערט אי גענענדיגט, אי אָנגעפאנגען. גענענדיגט האט זיא זיך דערמיט, וואס דיא צערשטערונג פון דיא אַלטע פעסטונג פון קעניגליכע טיראַניי האט אָפּגעהאַקט דעם וועג, אויף וועלכען דיא אַריסטאָקראַטען האבען נאך געקענט האָפען צוריקצופיהרען פראנקרייך אויף ־עם אַלטען שטייגער. דיא אַלטע מלוכה האט געמוזט נאכגעבען, און עס איז שוין אונמעגליך געווען פאר איהר אויפצולעבען. אבער דיזע רעוואָלוציאָן האט זיך צוגלייך אויך אָנגעפאנגען, דען מען האט נאך געהאט, ערשטענס, צו צערשטערן אלע אלטע איינפיהרונגען און, צווייטענס, אויסצואַרבייטען נייע געזעצע און איינפיהרונגען.

דיזע רעוואָלוציאָנערע ארבייט האט געדויערט פינף יאהר ביז דעם פאַל פון דעם בעריהמטען ראָבעספּיער אם 9־טען טערמידאָר (נאך דעם רעפּובליקאנישען לוח) אדער אם 27־טען יולי 1794 יאהר (נאך דעם געוויינליכען קריסטליכען לוח), ווען עס האט זיך אָנגעפאנגען דיא רעאקציאָן פון דיא אויפגעקומענע קאַפּיטאַליסטען, וועלכע האט נויטוועגדיגערווייזע געפיהרט צו דיא קריגערישע אימפּעריע פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען, וויא מיר וועלען עס שפּעטער זעהען. אבער ווען מיר ווארפען א ווייטען, ברייטען און טיעפען בליק אויף דיא געשיכטע פון דיא לעצטע הונדערט יאהר, בעגרייפען מיר אז דיא ערשטע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן האט זיך נאך ניט געענדיגט ביז היינטיגען טאָג. דיא רעוואלוציאנען פון 1830 און פון 1848 יאהר

אין גאַנץ אייראָפּאַ וויא אויך דיא פּאַריזער קאָמונע פון 1871 יאהר זיינען געוועזען איהרע פאָרטזעצונגען, און מיר שטייען היינט אויף דעם שוועל פון א נייע סאָציאַלע איבערקעהרענעס, וועלבע וועט ערשט דורכפיהרען דיא גרויסע אידעען, וואס דיא רעוואָלוציאָנערען פון 1793 האבען אויסגעדריקט אין זייער בעריהמטער קאָנסטיטוציאָן, אבער וואס האבען נאך ניט געקענט מקוים ווערן, ווייל דיא מענשהייט האט נאך געמוזט איבערקומען דיא צייט פון קאַפּיטאַליסטישע הער־שאַפט. דיזע גרויסאַרטיגע קאָנסטיטוציאָן האט אפילו איין טאָג ניט געקענט עקזיסטירען אין פּראַקטישען לעבען און איז נאר געבליבען אויף׳ן פּאַפּיר, בלויז איין היסטאָרישער דאָקומענט. דאס איבער־ציינט אונז, אז ווען א אידעע איז נאך צו הויך, ניט דערבאַקען פאַר איהר צייט, קען מען איהר מיט דעם בעסטען ווילען און מיט דיא גאַנצע מאַכט פון דער רעגירונג ניט איינדרינגען אין פאָלק און ניט אויספיהרען אין ווירקליכען לעבען.

אבער מיר וועלען ניט צו ווייט פערקריכען אין דיא ווייטערע געשיכטע פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן און מיר וועלען אויך ווענינ פיליזאָפירען. אונזער צוועק איז צו דערציילען דיא פאַקטען פון דיזע רעוואָלוציאָן וויא זיי זיינען געוועזען, אָהן קונצען און אויבער־חכמות, אבער קלאָר און דייטליך, אז דער איינפאַכסטער לעזער וואס וויל נאר נאַכדענקען וואס ער לעזט, זאל קענען פערשטיין זייער בעדיי־טונג, וויא אזוי זיי זיינען פאָרעקומען, וואס זיי האבען אויפגעטאָן, — און פון דאס אלעס זאָל ער שוין אליין ציהען א שלום.

מיר וועלען זיך אַלזאָ צוריק־קעהרען צו דער צייט, ווען דאס בראַווע פּאַריזער פאָלק איז געשטאַנען נאך דעם בלוטיגען שטורעם פון דער באַסטיליע בעוואַפענט און פערטיג צו פערטהיידיגען זיך געגען דיא סאָלדאַטען אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם פערהאַסטען מאַר־שאַל בראָגליאָ, וועלכער האט געוועלט אָנפאַלען אין דער נאַכט פון 14־טען יולי אויף פּאַריז פון 7 פערשיעדענע פונקטען. אבער וויא נאר דער קעניג האט זיך דערוואוסט, אז דיא באַסטיליע איז שוין גענומען און צערשטערט פון פאָלק, האט ער זיך דערשראָקען און שטילערהייט בעפאָהלען, אז דיא חיל זאָל זיך צוריקציהען פון פּאַריז.

דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג האט דיא גאנצע נאכט פון 14 אויף דעם 15־טען יולי אָפּגעהאַלטען א זיצונג, אום צו זיין פאָרבע־רייטעט צו טאָן וואס עס וועט זיין נויטיג, ווארטענדיג אויף נייעס פון פאריז. אבער אנשטאָט דיא סאָלדאטען איז אויף מאָרגען פריה געקומען דער קעניג אליין, בעגלייטעט בלויז פון זיינע צוויי ברידער. אייניגע דעפּוטאטען האבען איהם בעגעגענט מיט א שוואכען בראוואָ־געשריי; אבער מיראבאָ, דיזער מערקווירדיג גייסטרייכער מאַן, וועל־כער האט געשפּיעלט דיא גרעסטע ראָלע אין דיזער צייט, האט זיי דערפון אָפּגעהאַלטען. מיט דיא געוויינליכע קראפט פון זיין גרויס־ארטיגע רעדנער־קונסט האט ער דיא דעפּוטאטען דערמאָנט אָן דאס פערגאָסענע בלוט אין פאריז און האט זיי אויפגעפאָדערט זיך צו האַלטען מוטהיג און שטאָלץ. „דאס שווייגען פון דיא פעלקער, האט ער אויסגעשריען, איז א לעהרע פאר דיא קעניגע“.

מען האט דארום אויפגענומען דעם קעניג גאנץ קאַלט, מיט פינסטערע פנים'ער, און דאס האט פון איהם נאך מעהר אראָפּגע־שלאָגען דיא פליגלען.

דיזעס מאָל האט ער שוין גערעדט צו דיא דעפּוטאטען וויא צו דיא פערטרעטער פון פאָלק, האט אנערקענט דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג און האט געענדיגט מיט א ריהרענדען קול: „זאל זיין וויא עס איז; דעפּוטאטען פון מיין פאָלק, איך פערטרוי מיך צו אייך!“ דיזע ווערטער זיינען פערהילכט געוואָרן אין א שטורעם פון בעגייסטערטע בראוואָס און אפּלאָדיסמענטען. צווישען אלע דעפּו־טאטען איז נאך דאמאָלס ניט געווען קיין איינציגער רעפּובליקאנער, און זיי זיינען ענטציקט געוואָרן, וואס דער קעניג האט נאכגעגעבען דעם פאָלק. זיי האבען אין גאנצען פערגעסען, אז ער האט נאר וואס זיך געקליבען זיי פאנאנדערצוטרייבען מיט סאָלדאטען און אז ער וואלט עס אויך געטאָן, ווען פאריז וואלט געדרעמעלט אין דער צייט און וואלט ניט געשטורמט און צערשטערט דיא באסטיליע.

דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג האט גלייך געשיקט אין פאריז א פרידענס־דעפּוטאציאָן פון פיער מאַן, אונטער וועלכע עס זיינען אויך געווען דער בעליעבטער פּרעזידענט באַללי און דער גענעראל לאַ־

פּאַיעט, וועלכער איז בעקאַנט געווען אַלס א פאָלקס־פריינד און אַלס איינער פון דיא בעסטע פראַנצויזישע אָפיציערען, וואס האבען געהאָלפען דיא אַמעריקאַנער אַראָפּצושליידערן פון זיך דעם ענגלישען יאָך. דיא דעפּוטאַציאָן איז מיט גרויס שמחה און בעגייסטערונג אויפגענומען געוואָרן פון פאָלק; אבער ווען מען האט געמעלדעט, אז דער קעניג פערצייהט דיא פראַנצויזישע גוואַרדיסטען, וואס האבען אזוי פיעל געהאָלפען אין דעם שטורעם פון דער באַסטיליע, האבען זיך פון אַלע זייטען אויפגעהויבען אזא אונצופרידענהייט און צאָרניגע געשרייען: „דיא גוואַרדיסטען דאַרפען קיין פערצייהונג ניט", דאס מען האט קוים געקענט איינשטילען דיא פערזאַמעלטע.

דעם 16־טען יולי האט דאס פאָלק אויסגעוועהלט א נייעם שטאַטראַטה נאך דעם נייעם געזעץ, און דיזער שטאַטראַטה האט אויסגעוועהלט דעם בעריהמטען געלעהרטען באַללי אַלס מער (ביר־גערמייסטער) פון פּאַריז און גענעראַל לאַפּאַיעט אַלס קאָמאַנדיר פון דיא פּאַריזער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, וועלכע איז בעשטאַנען אויס גע־וויינליכע בירגער. לאַפּאַיעט האט גלייך אָנגעפאַנגען מיליטעריש צו אָרגאַניזירען דיא גוואַרדיע און האט איהר געגעבען אַלס צייכען קאָ־קאַרדען און פאָהנען מיט דיא פאַרבען בלוי־וויים־רויט, וועלכע זיינען בעקאַנט אין דער וועלט אונטער דעם פראַנצויזישען נאָמען טריקאָלאָר און פון וועלכע עס בעשטייט דער פראַנצויזישער פלאַג. דער טריקאָלאָר און דיא מאַרסעליעזע זיינען געוואָרן א הייליגטהום פאר אַלע פראַנצויזען און מיט זיי האט דאס פראַנצויזישע פאָלק געהאט דעם העלדענמוטה און דיא בעגייסטערונג, מיט וועלכע עס האט זיך אזוי אויסגעצייכענט ביז דעם פאַל פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען אין 1814 יאָהר און וועלכע האבען איהם געגעבען דיא וואונ־דערבאַרע קראַפט צו בעזיעגען גאַנץ אייראָפּאַ.

אום נאך מעהר צו געפעלען דעם פאָלק, האט דער קעניג בעשלאָסען צו בעזוכען פּאַריז. דער נייער מער באַללי האט איהם עמפּפאַנגען ביי'ן טויער מיט דיא ווערטער: „הערר, איך איבערגיב אייערע מאַיעסטעט דיא שליסעל פון דיא גוטע שטאָט פּאַריז. דאס זיינען דיא זעלבע שליסעל, וואס מען האט איבערגעגעבען היינריך

דעם פיערטען. ער האט דאן זיין פאלק איינגענומען; יעצט האט דאס פאלק זיין קעניג ווידער איינגענומען".

דיזער לשון איז אבער דעם פאלק גאר ניט געפעלען געוואָרן, און אויף דעם גאנצען וועג ביז צו דער ראטהויז זיינען געשטאנען 2 רייהען בעוואפענטע בירגער און האבען פינסטער געקוקט און געשוויגען. ווען דער קעניג איז אָנגעקומען אין ראטושע מיט א טרויעריגע הארץ צוליעב דעם פיעל־זאָגענדען־שווייגען פון פאָלק, האט ער גלייך צוגעצעפעט צו זיין הוט דיא טריקאָלאָר־קאָקארדע. דאס האט ארויסגערופען א גרויסען בייפאַל פון דיא פערזאמעלטע; אבער מען האט גלייך פערגעסען אָן דעם און אָן איהם אין גאנצען. יעדער האט לייבט געקענט זעהען, אז דער קעניג האט קיין ברעקעל בעדייטונג געהאט אין פאריז, אָבגלייך דאס פאָלק האט נאך דאמאָלס ניט גערוימט וועגען א רעפובליק. מען האט סתם געפיהלט, אז א קעניג איז עפּעס אזוי וויא א פינפטער ראָד צום וואָגען.

וויא וויט דאס פאַריזער פאָלק האט שוין דאן בעקומען דיא גאנצע מאכט, קען מען זעהען אויס דעם פאקט, דאס אויף זיין וואונש האט מען צוריקגעקעהרט דעם פערהאסטען און גייציגען פינאנצמיניסטער פולאָן און זיין איידים בערטיע, וועלבע זיינען אנטלאָפען נאך דער צערשטערונג פון דיא באסטיליע, אום זיך צו רעטען פון דיא אונפערמיידליכע ראכע פון פאָלק. דיזער שרעקליכער פאָלקס־רויבער פולאָן, וועלכער האט געריסען פון טויטע און לעבעדיגע און האט געהאַלטען ביי זיך פיעלע שפּייכלערס מיט קאָרן און ווייץ, ווען דאס פאלק איז בוכשטעבליך געשטאָרבען פון הונגער, אום צו נעהמען גרעסערע פרייזען, — האט געהאט א ביטערע אבער כשר פערדינטע מפלה. ער האט איין מאָל אויסגעשריען אין דער צייט פון פאָלקס־הונגער: „זאל דיא קאנאַליע עסען היי!" און דערפאר האט איהם דאס פאלק ארייגעדרוקט א בינטעלע היי אין מויל, נאכדעם וויא מען האט איהם אויפגעהאנגען אויף א לאַנטערנע. דיא זעלבע מפלה האט אויך געהאט זיין איידים, א'ן אמת'ער אויסוואורף, און דאס האט אָנגעמאכט א רעש אין דער וועלט און האט ארויפגעיאָגט א שרעק אויף אלע אַריסטאָקראטען, וועלכע האבען ביסלעב־

ווייז גענומען אנטלויפען פון פאַריז און נאָכהער פון פראַנקרייך נאָך אויסלאַנד, וואו זיי האבען אינטריגירט און אויפגערעגט אלע מלכים פון אייראָפּא געגען דאס פראַנצויזישע פאָלק.

אכטער קאַפּיטעל.

דיא נאַכט פון 4־טען אויגוסט 1789 יאָהר.

דער פאַל פון דיא באַסטיליע האט ארויסגערופען א געוואלדי־גען ווידער־קול אין דער גאַנצער וועלט, ברייגענדיג שרעק און הארץ־קלעמעניס צו דיא קעניגע, פירשטען און אלע פריצים, און אריינגי־סענדיג שטראָמען פון פריידע, נחמה און זיסע האָפנונג אין דיא הערצער פון אלע פאָלקספריינדע און פון דיא געדריקטע מאַסען.

פאַר פראַנקרייך איז אבער דער 14־טער יולי געווען וויא א פונק פייער צו א פולווער־פאַס. דיא אויפרעגונג פון דעם גאַנצען פאָלק איז געווען אונגעהייער, אונבעשרייבליך. אלע האבען געפיהלט און געזעהען אז א גאַנצע וועלט גייט צו גרונד און אז א נייע שפּריננט ארויס אויף איהר שטעלע. אין פיעלע גרויסע שטעט האט מען איינגעפיהרט נייע געמיינדע־ראַטהען און אָרגאַניזירט דיא נאַציאָנאַל־גוואַרדיע אזוי וויא אין פאַריז. אבער וויכטיגער פאַר אלץ איז גע־ווען, דאס דיא בויערן האבען זיך א געוואלדיגען הייב געטאָן. דער שטורם פון דיא באַסטיליע איז פאַר זיי געווען א סיגנאַל, אז מען דאַרף חרוב מאַכען דיא שטאָלצע שלעסער פון זייערע פריצים און דיא שטיינרייכע קלייסטערס פון דיא גלחים. דעם גאַנצען כעס און האַס, וואס האבען זיך אָנגעקליבען אין זייערע געדריקטע הערצער זייט יאָהר־הונדערטע געגען זייערע פריצים, האבען דיא בויערן אויס־געגאָסען אויף זיי אין רויב, מאָרד און פלאַמען פייער, וועלכע האבען ביי נאַכט רויט געמאַכט דעם הימעל איבער גאַנץ פראַנקרייך. דיא פריצים און גלחים האבען געהאט א שרעקליכע, שוידערהאַפטע שטראָף

פאר זייערע אונטערדריקונגען פון דיא בויערן, פאר דיא עלענד און אונוויסענהייט, אין וועלכע זיי האבען געהאלטען דאס אונגליקליכע פאָלק; דען דיא בויערן זיינען אויף זיי אָנגעפאלען וויא אמת׳ע ווילדע חיות, האבען ניט געשאָנט פרויען און קינדער.

צו אלע דיזע צרות האט נאך פראנקרייך זעלטען געהאט אזא שרעקליכע הונגער־צייט וויא אין דיזען היסטאָרישען יאהר. מאסען מענשען זיינען אויסגעשטאָרבען פון הונגער ניט נאר אין דיא דער־פער, וואו פיעלע פריצים און אנדערע פאלקס־אונטערדריקער האבען געהאלטען פערשפארט תבואה אין דיא שפייכלערס, אום צו בעקומען העכערע פרייזען און אויך ארויסצושלאָגען דעם נייען פרייען גייסט פון דיא מוחות פון דיא ארבייטער; נאר אפילו אין פאריז גופא, וואו דיא רעגירונג האט אויס פורכט פאר א הונגער־אויפשטאנד געזע־הען פיעל וויינציג לייכטער צו מאכען דיא ליידען פון דיא אונגליקלי־כע, וועלכע זיינען זיך צוזאמענגעלאָפען פון אלע זייטען אין דיא גרוי־סע רעוואָלוציאָנערע שטאָט און האבען נאכהער אָנגעמאכט גרויסע צרות. גרויסע רויבער־באנדעס האבען דארום שוין לאנג פערוויסטעט גאנצע געגענדען; און וויא נור דיא בויערן האבען זיך אויפגעהויבען, איז פאר דיא מאסען בעטלערס און רויבערס געוואָרן א׳ן אמת׳ער יום־טוב און זיי האבען אָנגעטאָן דיא גרעסטע נגישות צו דיא פריי־צים און צו אלע מענשען, וואס זיינען געוועזען פערהאסט פון פאָלק. דיזע רויבער־באנדעס האבען אזוי פיעל שאָדען אָנגעטאָן, דאס דיא בויערן גופא האבען זיי שפעטער אָנגעפאנגען אויסצוראָטען.

ווען מען זאל וועלען בעשרייבען דיא אלע גזלות און שרפות, וואס דיא צוהיצטע בויערן און דיא רויבער־באנדעס האבען דאן אָנגע־מאכט, וואָלט מען בעדארפט אָנשרייבען גאנצע ביכער. א קליינעם בעגריף דערפון וועט דער לעזער קענען האבען, ווען מיר וועלען איהם מיט־טהיילען דיא פאקטען, אז אין דער פראָווינץ פ ר א נ ש־ק אָ נ ט ע האט יעדע נאכט געברענט וועניגסטענס איין שלאָס אדער איין קליי־סטער און אז אין דער פראָווינץ ד אָ פ י נ ע האבען דיא בויערן פער־ברענט אין צוויי וואָכען ניט וועניגער וויא 270 שלעסער און קליי־סטערס. דיא דאָקומענטען און יחוס־פאפירען, וואס דיא בויערן

פלעגען געפינען, ווען זיי פלעגען רויבען דיא שלעסער און קלייסטערס, פלעגען זיי ארייגוואַרפען אין פייער, אָפט צוזאַמען מיט דיא בעלי־הבתים גופא.

דיא פריצים וואס האבען זיך געקענט רעטען זיינען זיך צולאָ־פען פון שרעק וואו דיא אויגען האבען זיי געטראָגען, און פיעלע האָ־בען פערלאָזען פראַנקרייך. דיא גרעסטע אריסטאָקראַטען, וויא גראַף ד'ארטוא (דער פערהאַסטער ברודער פון קעניג), פרינץ קאָנדע, פרינץ קאָנטי, דיא פאַמיליע פאָליניאַק א. ז. וו., זיינען זיך צוזאַמענגעלאָ־פען אין דער איטאַליענישער שטאָט טורין, און פון דאָרטען האָ־בען זיי אָנגעפאַנגען צו אינטריגירען געגען דיא רעוואָלוציאָן. מיר וועלען זיך מיט זיי נאָך בעגעגענען שפּעטער, ווען זיי וועלען זיך שלאָגען געגען זייער פאָטערלאַנד מיט דער הילפע פון אויראָפּעאישע מלכים און זייערע סאָלדאַטען.

אבער דיא פריצים וואס זיינען נאָך פערבליבען, איבערהויפּט זייערע פערטרעטער אין דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, צווישען וועלכע עס זיינען אויך געווען אייניגע אויפריכטיגע פריינד פון דעם אונגליקלי־כען, אונטערדריקטען פאָלק, האבען פערשטאַנען, אז זיי האבען קיין אַנדער מיטעל ניט צו רעטען זיך אליין און זייערע מאַיאָנטקעס, וויא נאַכצוגעבען דיא גערעכטע פאָדערונגען פון פאָלק. דיא נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האט זיך בעשעפטיגט מיט אויסארבייטען נייע געזעצע און איינפיהרונגען, וועלכע דער קעניג פלעגט נעבעך מוזען סוף כל סוף אונטערשרייבען; און גראַדע אין דיזע ביטערע צייטען, ווען דיא רויבער־באַנדעס האבען אָנגעפאַנגען צו פערוויסטען דאס גאַנצע לאַנד און האבען ארויפגעיאָגט א שרעק אויף אלעמען אפילו ביז פּאַריז גופא, זיינען דיא פערטרעטער פון פאָלק געווען פערטיעפט אין וויכ־טיגע טעאָרעטישע ויכוחים איבער דיא פערפאַסונג פון דיא וועלט־בעריהמטע גרויסאַרטיגע „ערקלערונג פון מענשען־רעכטע", וועלכע איז געמאַכט געוואָרן אויף דעם פאָרשלאַג פון גענעראַל לאַפאַיעט נאָך דעם מוסטער פון דיא „דעקלעריישען אָף אינדעפּענדענס" פון דיא פעראייניגטע שטאַאַטען פון אמעריקא.

דער אַלגעמיינער אויפשטאַנד פון פאָלק און איבערהויפּט דיא

געפעהרליכע רויבער־באַנדעס האבען אבער נעצוואונגען אָפּצוהאַקען די טעאָרעטישע פּלפּולים און אָנצונעהמען גלייך ענערגישע מיטעל. מען האט דארום געשטעלט אויף דער טאַגעס־אָרדנונג די וויכטיגסטע פראַגע וועגען די אָפּשאַפּונג פון די בעזונדערע רעכטע (די זאָ־גענאַנטע פעאָדאַלע רעכטע) פון די פּריצים און גלחים, און דאָ האט פּאַסירט א זאַך, וואס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן אין דער געשיכטע און וואס איז געבליבען א רעטענעם פאר אלע היסטאָריקער פון דיזער רעוואָלוציאָן. דאס איז נעמליך דער וואונדערליכער פּאַקט, דאס די פּריצים האבען זיך פרייוויליג און מיט טרערען פון אויפריכטיגע פריידע אָפּגעזאָגט פון זייערע בעזאָנדערע רעכטע אין דער בעריהמטער, אונפערגעסליכער נאַכט פון 4־טען אויגוסט.

עס איז געוויס, דאס דער שרעק צו פערלירען זייער גאַנצען פערמעגען און פיליכט אויך די קעפּ (וויא דאס האט שפּעטער פּאַסירט) האט די פּריצים געצוואונגען נאַכצוגעבען און אויפאָפּפערן א טהייל פון זייערע פערמעגענס; אבער ווען מיר לעזען אלע איינצעלהייטען פון דיזער הייליגער נאַכט, מוזען מיר צוגעבען, אז די פּריצים און גלחים האבען זיך ניט־ווילענדיג פאַרגעסען אָן דעם און אז דער געפיהל פון אמת׳ע ברודערליעבע, וועלכער שטאַרבט קיין מאָל ניט אָפּ אין מענשען׳ס האַרצען, האט זיך פּלוצלונג אָנגעצונדען אין זיי.

דער ערשטער איז ארויסגעטראָטען דער גראַף דענאָאיל, וועלבער האט אין א גלענצענדע און ריהרענדע רעדע ערקלערט, דאס מען מוז אָפּשאַפען די אונגערעכטיגקייטען, וועלכע האבען געטריבען דאס פאָלק צום אויפשטאַנד, און ער האט אויפגעפאָרדערט אלע פּריצים זיי זאָלען זיך אליין אָפּזאָגען פון זייערע פעאָדאַלע רעכטע. אום צו צייגען א ביישפּיעל, האט ער זיך אליין אָפּגעזאָגט פון דיזע רעכטע. דאס זעלבע האט אויך געטאָן דער אַריסטאָקראַט קעראַנגאַל, וועלבער האט מיט ריהרענדע ווערטער געשילדערט די אונגליקליכע לאַגע פון די בויערן און האט אונטערשטיצט דעם עדעלען פאָרשלאַג פון דעם גראַף.

שטירמישער בייפאַל און הערצליכע בעגייסטערונג האבען געפאָלגט

נאך דיזע רעדען אין דער נאַציאָנאַל־פערזאמלונג. עפּעס אזוי וויא דיא שבינה פון ריינע מענשענליעבע איז ארויף אויף דיא אדעליגע און גייסטליכע, און איינער האט געזוכט איבערצושטייגען דעם אנדערן אין גוטסקייט און אויפּאָפּפערונג. מיט גרויס ענטהוזיאַזמוס האט מען אין דיזער נאכט אָפּגעשאַפט: דיא פּאַנשטשיזנע, דיא אלטע באַרבאַרישע געריכטען, דיא אונמענשליכע געזעץ וועגען געיעג אויף פרעמדע לאַנד, דיא שטייער־פרייהייט פון דיא פּריצים און גלחים, דעם פערקויף פון שטאַאַט־שטעלען, דיא בעזונדערע רעכטע פון איי־ניגע שטעט און פּראָווינצען, און צום סוף דיא אלטע צעכען פון דיא האַנדווערקער.

דערמיט האט מען ניט נאר אָפּגעשוואַכט דיא אלטע פעאָדאַ־לע געזעלשאַפט, נאר מען האט אויך געלייגט דעם פונדאַמענט פון גלייכהייט פאר דעם געזעץ, מיט וועלכע דיא היינטיגע געזעלשאַפט שטאָלצירט אזוי שטאַרק. נאַטירליך עס זיינען נאך געבליבען פיעלע אנדערע אלטע אונגערעכטע איינפיהרונגען אָפּצושאַפען און הויפּט־זעכליך צו לייגען א בעשטימטען גרענעץ פאר דיא מאַכט פון קעניג; אבער דיא רעוואָלוציאָן, וועלכע דאס העלדישע פאלק פון פּאַריז האט אָנגעפאַנגען מיט בלוטפערגיסען דעם 14־טען יולי, איז דאך אין אל־געמיינען דורכגעפיהרט געוואָרן געזעצליך און פּאַרלאַמענטאַריש אין דער היסטאָרישער נאכט פון 4־טען אויגוסט.

ניינטער קאַפּיטעל.

דיא ערקלערונג פון מענשענרעכטע.

איידער מיר גייען איבער צו דיא שילדערונגען פון דיא ווייטע־רע חעבסט דראַמאַטישע פּאַסירונגען פון דער גרויסער רעוואָלו־ציאָן, וועלכע האט איבערגעקעהרט א וועלט, ווער ניט איבעריג זיין איבערצוגעבען דיא וויכטיגסטע פּונקטען פון דעם גרויסאַרטיגען היס־

טאָרישען דאָקומענט, וואס דיזע רעוואָלוציאָן האט אונז איבערגעלאָזען און וואס איז געוואָרן מעהר אדער וועניגער דער פונדאמענט פון דיא פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָן פון דער היינטיגער געזעלשאַפט. דאס איז דיא בעריהמטע „ערקלערונג פון מענשענרעכטע", וועלכע דיא פערטרעטער פון דריטען שטאַנד האבען אויסגעאַרבייט נאך לאַנגע און הייסע דעבאַטען און וועלכע זיי האבען ענדליך אָנגענומען צו דיא גרעסטע פריידע פון פאָלק, ווען דער אויפשטאַנד פון דיא בויערן איז א ביסעל שטילער געוואָרן.

1-טער פונקט: מענשען ווערן געבּאָרען פריי, מיט גלייכע רעכטע און בּלייבען אַזוי. דיא אונטערשיעדען, וואס קומען פאָר אין א געזעלשאַפט, קענען נאר האבען זייער גרונד אין דעם אלגעמיינען וואויל פון דער געזעלשאַפט.

2-טער פונקט: דער צוועק פון יעדע געזעלשאַפטליכע פערבינדונג איז דיא אויפהאַלטונג פון דיא נאַטירליכע און נויטווענדיגע רעכטע פון מענשען. דיזע רעכטע זיינען: פרייהייט, אייגענטהום, זיכערהייט און ווידערשטאַנד געגען אונטערדריקונג.

3-טער פונקט: דער מקור (קוועלע) פון יעדע הערשאַפט איז דיא נאַציאָן. קיין חברה און קיין איינצעלנער מענש קען ניט עטוואָס בּעפעהלען, ווען מען בעקומט ניט דאס רעכט דאַצו פון דיא נאַציאָן.

4-טער פונקט: דיא פרייהייט בעשטייט אין דעם, דאס מען קען אלעס טאָן, וואס עס שאַדעט ניט דעם אַנדערן; אַלזאָ, יעדער מענש האט פאר זיינע נאַטירליכע רעכטע נאר דיזע גרענעץ, דאס דיא אַנדערע מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט זאָלען אויך קענען געניסען זייערע נאַטירליכע רעכטע. דיזער גרענעץ קען נאר בּעשטימט ווערן דורך דעם געזעץ.

6-טער פונקט: דאס געזעץ איז דער אויסדרוק פון דעם אלגעמיינען ווילען. אלע מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט האבען דאס רעכט צו נעהמען אַנטהייל אין דיא אויסאַרבּייטונג פון געזעץ אליין אדער דורך פערטרעטער; אזוי וויא אלע בּירגער זיינען גלייך פאר דעם געזעץ, מוזען זיי אויך גלייכע רעכטע האבען צו פערנעהמען עפענטליכע שטעלען נאך זייערע פעהיגקייטען.

8-טער פונקט: דאס געזעץ קען קיינע אַנדערע שטראַפען ארויפלייגען זוֹיא דיא, וועלכע זיינען אויגענשיינליך אין שטרענגסטען זינען נויטווענדיג.

11־טער פונקט: דיא פרייע מיט־טהיילונג פון געדאנקען און מיי־נונגען איז איינע פון דיא טייערסטע רעכטע פון מענשען. יעדער בירגער קען אלזא פריי ריידען, שרייבען, דרוקען, נור ער זאל פעראנטוואָרטליך זיין דורך א בעשטימטען געזעץ פאר דיזע פרייהייט.

12־טער פונקט: דיא בעשיצונג פון דיא רעכטע פון מענשען און בירגער פאָרדערט א׳ן עפענטליכע מאַכט. דיזע מאַכט מוז דיענען צום וואויל פון אלע בירגער און ניט צום בעזונדערן נוצען פון דיא יעניגע, וועלכע האַלטען דיזע מאַכט אין זייערע הענד.

דיא לעזער וואס האבען געהערט פון דיא לעהרען פון דעם פראנצויזישען שרייבער זשאַן־זשאַק־רוסאָ, וועלען געוויס דער־קענען אין דיזער ערקלערונג אדער דעקלאראציאָן פון רעכטע דיא גרונד־געדאנקען, וואס זיינען אזוי גלענצענד אויסגעדריקט אין זיין וועלט־בעריהמטען בוך: „דער סאָציאַלער קאָנטראַקט“, א בוך וואס האט געהאַט אזא שטאַרקען איינפלוס אויף אלע רעוואָלוציאָנערן פון פאָריגען יאהר־הונדערט.

ווענען דיא מיטעל צו פערבעסערן דיא לאַגע פון ארבייטער־פאָלק, וויא מיר פערשטייען עס יעצט, האבען דאַן דיא בעסטע פריינדע פון פאָלק וועניג וואס געזאָרגט, און ווען זיי וואָלטען אפילו ערענסט גערעכענט עטוואָס צו טאָן אויף דיזען וועג, וואָלטען זיי ניט געוואוסט וויא דאס צו טאָן, דען דיא צייט איז נאך געווען ניט־דערבאַקען פאר דעם. זייער כונה איז געוויס געווען גוט — דאס איז זיבער; דאס זעהען מיר אויס דיא איינלייטונג צו דיא „ערקלערונג פון מענשען־רעכטע“, וואו עס שטייט געשריבען: „עס זאָל איין אלגע־מיינע עפענטליכע הילפס־איינריכטונג בעזאָרגט ווערן, אום צו ערציהען פערלאָזענע קינדער, צו אונטער־שטיצען שוואכע אָרימעלייט און צו פערשאַפען אר־בייט פאר געזונטע אָרימעלייט, וועלכע האבען קיין ארבייט ניט“.

דאס האט געהייסען א פאָלשטענדיגע פערניכטונג פון אלעס, אויף וואס דיא אלטע פעאָדאלע געזעלשאַפט מיט איהרע פערשיע־דענע אונטערשיעדען צווישען מענשען און מיט איהרע אלע פריווילע־

ניען איז געבויט געוואָרן. דיא ערקלערונג פון מענשענרעכטע איז צו גלייך געוועזן א טויט־ערקלערונג פאר דיא אַלטע מלוכה.

דער קעניג האט דארום אויף קיין פאַל ניט געוואָלט אונטער־שרייבען דיזע דעקלאראציאָן, און אַלע פּריווילעגירטע האבען ווידער איהם אָנגעפאנגען צו טרייבען צו א הארטען קאמפף, וועלכער האט איהם און טויזענדע אריסטאָקראטען ענדליך געפיהרם צום עשאפאָט.

צעהנטער קאפּיטעל.

דיא פּאריזער פרויען פאנגען אָן דעם אנפאל אויף ווערסאיל.

דער קעניג האט אויך אויף קיין פאַל ניט געוועלט אונטער־שרייבען דיא בעשליסע פון דער נאציאָנאל־פערזאמלונג אין דער נאכט פון 4־טען אויגוסט. גאנץ אָפען ארייסצוטרעטען געגען דעם נייען גייסט און געגען דיא פערטרעטער פון פאָלק חאט ער מורא געהאט, דען ער האט צו גוט געוואוסט אז פאריז איז נאָהענט און מען קען איהם נאך בעפאלען אין זיין אייגענעם פאלאץ. ער האט דארום געמאכט אינטריגעס און געזוכט אלע מיטעל צו געווינען צייט און צו צוטהיילען דיא פערטרעטער פון דער נאציאָנאל־פערזאמלונג. דיא אדעלינע מיט דער קעניגין אָן דער שפּיצע האבען איהם געטריבען צו האלטען זיך פעסט געגען דיא נייע איינפיהרונגען און צו האָפען אויף דיא הילפע פון סאָלדאטען. אין קעניגליכען הויף האט מען אָנגענומען דעם פּלאַן, אז דער קעניג זאל בשתיקה אוועקפאָהרען נאך דער פעס־טונג מעטץ, וואו דער גובערנאטאָר פון לאָטהרינגען, דער מארקיז בויע, האט געהאט אונטער זיין קאָמאנדע א מאסע סאָלדאטען, וועלכע זיינען געבליבען טריי צו זייער קעניג; און פון דארט זאל מען אָנפאלען אויף פאריז און פאנאנדעריאָגען דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג. גראדע אין דער זעלבער צייט זיינען דיא פאריזער געקומען

צום בעשלוס, אז מען מוז דעם קעניג אריבערפיהרען פון ווערסאיל נאך פאריז, אום צו זיין זיכערער מיט איהם און צו צווינגען איהם צו טאָן וואס דאס פאָלק וויל. עס איז מעגליך, אז דיא אָנפיהרערס האבען עטוואָס געוואוסט פון קעניגליכען פלאָן צו אנטלויפען; אבער דאס פאלק האט סתם געפיהלט, אז עס איז א געפאהר צו לאָזען דעם קעניג אין ווערסאיל אונטער דעם איינפלוס פון דיא אריסטאָ־קראַטען. מיראַבאָ, וועלכער האט נאך אלץ געהאַט דעם גרעסטען איינפלוס אויף דעם פאָלק, האט אויך דער ערשטער געגעבען דעם פלאָן צו פערהאַלטען דעם קעניג אין פאריז; אבער אלע אומשטענדען האבען געפיהרט דערצו, אז דאס פאלק זאָל דאס אליין פערלאַנגען. דיא העצערייען פון דיא אַדעליגע און דיא פיינדליכע שטעלונג פון דעם קעניג זיינען געווען שולדיג אין דעם, דאס מען האט נאך אין דער ווירקליכקייט ניט דורכגעפיהרט קיין זאך, וואס דיא נאַציאָנאַל־פערזאמלונג האט אָנגענומען.

דיא ארבייטער, וועלכע האבען אָנגעפאנגען אלץ מעהר צו פער־שטיין וואס עס טהוט זיך ארום זיי און צו בעשעפטיגען זיך מיט דיא פערטהיידיגונג פון זייערע איינענע אינטערעסען, האבען נאך צו אלע צרות געליטען שרעקליכען הונגער. דער יאָהר 1789 איז געווען, וויא עס איז שוין אין א פריהערען קאפיטעל געשילדערט, איינער פון דיא ערגסטע הונגער־יאהרען איז פראנקרייך. אין פאריז גופא האט גע־פעהלט ברויט, און שרעקליכע סצענען האבען טאָג־טעגליך פאסירט. דאס פאלק איז געווען אויפגערעגט אויף דעם העכסטען גראַד, און א פונק איז גענוג געווען ארויסצורופען פלאַמען פון כעס, פערצווייפ־לונג און העלדענמוטה. דיא שניידער־געזעלען, דיא פאַבריק־מאַכערס און זאָגאר דיא קעלנערס און דיענערס האבען געהאט זייערע קלובען, וואו זיי פלעגען דיסקוטירען דיא אינטערעסען פון זייער פאך און דיא אלגעמיינע פאָליטישע פראגען. מען האט איבעראַל היים דיסקוטירט אלעס וואס פלעגט פאָרקומען אין דער נאַציאָנאַל־פערזאמלונג, וואו עס האבען זיך שוין אָנגעפאנגען צו ענטוויקלען דיא פיער גרויסע פאַרטייען, וועלכע האבען צווישען זיך געקעמפפט דיא גאנצע צייט וואס דיא רעוואָלוציאָן האט געדויערט — נעמליך: דיא אריסטאָ־

קראטישע אדער דיא אָנהייגגער פון דיא אַלטע מלוכה; דיא אריסטאָקראטיש־קאָנסטיטוציאָנעלע אדער דיא אָנהיינגער פון ענגלישען פארלאמענטאריזמוס; דיא דעמאָקראטיש־קאָנסטיטוציאָנעלע, וועלכע איז געווען אָנגעפיהרט פון מיראבאָ, סיעז, גענעראל לאפאיעט און באללי; און דיא ריינע דעמאָקראטישע, וועלכע איז שפעטער געוואָרן דיא רעוואָלוציאָנערע רעפובליקאנישע פארטיי. אין דער צייט אבער, וואס מיר בעשרייבען, איז נאך קיינער ניט געווען א רעפובליקאנער, אפילו ניט ראָבעספיער, מאראט, דאנטאָן און קאמיל־דעמולען, וועלכע זיינען שפעטער געווען דיא וואהרע אָנפיהרערס און הערשער פון דיא ערשטע פראנצויזישע רעפובליק.

אפילו דיא פרויען האבען זיך שטארק אָנגעהייבען צו בעשעפטיגען מיט פאָליטיק. דיא פיש־ און פרוכט־הענדלערקעס האבען זיך געווענדעט מיט פאָדערונגען צו דיא וועהלער פון דיא דריטע קלאסע, אז מען זאל זייער שטימע אויך אויסהערען. פיעלע פרויען האבען אויך פערלאנגט, אז מען זאל זיי געבען דיא זעלבע פאָליטישע רעכטע וויא דיא מענער. איבערהויפט האט זיך אויסגעצייכענט צווישען זיי דיא שיינע טהערואן דע מעריקור, וועלכע איז בעקאנט אונטער דעם נאָמען „אמאזאָנע דער רעוואָלוציאָן“. זיא פלעגט שטענדיג גיין בעוואפענט און פלעגט האלטען פייערדיגע רעדעס אויף פערזאמלונגען. אין דיא מיליטערישע פראָצעסיאָנען פון פאָלק פלעגט זיא זיצען אויף א הארמאט.

דיא אלגעמיינע אויפרעגונג פון פאָלק איז נאך געוואָרן היציגער און קאָכעדיגער, ווען עס איז בעקאנט געוואָרן וואס עס האט פאסירט ביי דעם גלענצענדען באנקעט און באל, וואס דיא אָפיציערען פון דיא קעניגליכע לייב־גווארדיע האבען געגעבען צו עהרע פון דיא אָפיציערען פון דעם רעגימענט פון פלאנדערן, וועלכער האט געזאָלט בעגלייטען דעם קעניג נאך מעטץ. ווען דער קעניג און דיא קעניגין האבען זיך בעוויזען אויף דיזען באל, האבען דיא בעזאָפענע אָפיציערען ארויסגעצויגען זייערע שווערדען און זיינען בעפאלען דיא לאָזשען פון דער פעסט־זאלע אזוי וויא דאס וואָלט געווען דער זיצונגס־

פלאַץ פון דיא נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג. אלע האבען אָנגעטאָן ווייסע קאָקאַרדען — ווייס איז געווען דיא פארב פון דיא קעניגליכע פאַמי-ליע — און דיא בלוי-ווייס-רויטע קאָקאַרדען אדער דעם טריקאָלאָר פון פאלק האבען זיי געטראָטען מיט דיא פיס. דיא קעניגין האט אָפען געצייגט, אז זיא איז צופרידען מיט דיזע צייכענס פון טרייהייט. צוויי טעג שפּעטער איז געווען אין פּאלאַץ נאָך אזא לוקסוס-פעסט, ווען דיא זעלבע סצענען האבען זיך ווידערהאָלט. און דאס אלעס האבען דיא אַריסטאָקראַטען געטאָן, ווען דאס פאלק איז בוכשטעבליך געשטאָרבען פון הונגער אין דיא גאסען און ווען אלע האבען ארויפ-געלייגט זייערע בעסטע האָפנונגען אויף דיא נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג!

קיין וואונדער דארום, דאס גלייך נאָך דעם, אם 3 און 4-טען אָקטאָבער, זיינען שוין דיא גאסען פון פּאַריז געווען פול מיט צוהיצ-טע ארבייטער, וועלכע האבען זיך געקליבען צו נעהמען ווערסאַיל וויא זיי האבען גענומען דיא באַסטיליע. דיא נאַציאָנאַל-גוואַרדיע, וועלכע איז מייסטענס בעשטאַנען אויס בורזשואַ אדער מיטגליעדער פון דער מיטעל-קלאַסע, ווייל דיא ארבייטער האבען נאַטירליך קיין געלט גע-האט צו קויפען דיא נויטיגע קליידער און האבען אויך קיין צייט גע-האט צו בעשעפטיגען זיך מיט מיליטערישע איבונגען, האט זיך שוין אין דיזע טעג בעוויזען אין איהר וואהרע ארבייטער-פיינדליכע גע-שטאַלט. זיא פלעגט מיט געוואַלט פאַנאַנדערטרייבען דיא פאָלקס-מאסען אויף דעם בעפעהל פון גענעראַל לאַפאַיעט.

דעם 5-טען אָקטאָבער האבען דיא פאָלקס-פרויען אָנגעפאַנגען אַ'ן אויפשטאַנד. זיי האבען אין דער פריה ניט געקענט קריגען א שטיקעל ברויט, ווייל עס האט געפעהלט מעהל אין פּאַריז. זיי האָ-בען זיך פערזאַמעלט אין מאסען, און דיא נאַציאָנאַל-גוואַרדיע האט ניט געקענט אדער ניט געוואָלט זיי פאַנאַנדערצויאָגען. א יונגע מיי-דעל האט דאַן ארויסגעשלעפּט א פּויק פון וואכט-הויז און האט אָנ-געפאַנגען צו פּויקען, שרייענדיג: „ברויט! ברויט!“ א לאַנגער צוג פון פרויען איז נאכגעגאַנגען דיא בראַווע מיידעל ביז צו דיא ראַטה-הויז. דאָרט האבען זיי געפאָדערט ברויט און געוועהר. צו זיי זיינען גלייך צוגעשטאַנען פּיעלע ענטשלאָסענע מענער, צווישען וועלכע עס

איז אויך געווען דער בעקאנטער מ א י א ר, וועלכער האט זיך אויס־געצייכענט ביי דעם שטורעם פון דיא באסטיליע און שפעטער אין דיא בלוטיגע סעפטעמבער־טעג פון 1792 יאהר. איינינע פרויען האָ־בען אויסגעשריען: „נאך ווערסאיל! נאך ווערסאיל!“ און מאיאר האט זיך געשטעלט פאראויס צו פיהרען דיזע פרויען, וועלכע האבען זיך בעוואפענט מיט דיא געוועהר וואס זיי האבען געקענט אוועק־שלעפען פון ראטהויז.

א באטאליאָן פון דיא נאציאָנאל־גוואַרדיע האט זיי געוואָלט אָפהאַקען דעם וועג; אבער מען האט דיא בורזשוא פאַריאָגט מיט א האָגעל פון שטיינער. דיא פרויען האבען געשריען צו דיא מענער פון פאלק, אז זיי זיינען פייגלינגע וואס זיי בלייבען רוהיג; און נאך א סך מענער זיינען צו זיי צוגעשטאנען. גאנץ פאריז איז געווען וויא אין א היץ־קריינק, ווען דיא פרויען זיינען ארויס פון פאריז אונטער דער קאָמאנדע פון מאיאר אויף׳ן וועג נאך ווערסאיל; און באלד נאך דעם זיינען אויך אוועק אהין טויזענדע בעוואפענטע מענער אונ־טער דער פיהרונג פון דעם קצב זשורדאן, וועלכער האט שפעטער בעקומען דיא שרעקליכע צונעמענעס „קאָפּשניידער“ און וועלכער האט זיך בעקאנט געמאכט אין דיא הייסעסטע צייטען פון דער רע־וואָלוציאָן דורך זיין גרויזאמקייט און בלוט־דורשט. דיא פראנצויזישע גוואַרדיע, וועלכע האט שטענדיג געהאלטען מיט דעם פאָלק, האט אויך אנטהייל גענומען אין דיזען זעלטענען מארש, וועלכער האט זיך געענדיגט מיט דעם ארעסט פון קעניג.

עלפטער קאפיטעל.

דאס פאלק פיהרט דעם קעניג נאך פאריז.

נאכדעם וויא דיא פרויען און מענער פון פאריזער ארבייטער־פאלק זיינען אוועק נאך ווערסאיל, איז דיא נאציאָנאל־גוואַרדיע אויך

געוואָרן לעבעדיג און האט מיט קולות פערלאַנגט פון איהר קאָמאַנ־דיר לאַפאַיעט, אז ער זאל איהר פיהרען צום קעניגליכען פּאַלאַץ. דיא מיטעל־קלאַסע, פון װעלכע דיא נאַציאָנאַל־גװאַרדיע איז הױפּט־זעכליך בעשטאַנען, װיא דאס איז אָנגעצײגט געװען אין פאָריגען קאַפּיטעל, האט געװעלט אונטערשטיצען דעם פּלאַן פון מיראַבאָ, אז מען זאל דעם קעניג אריבערפיהרען אין פּאַריז; אבער לאַפאַיעט אדער דער „העלד פון צװײ װעלטען" װיא מען האט איהם גערופען (דער לעזער װעט זיך ערינערן, דאס ער האט געהאָלפען דיא אַמעריקאַ־נער זיך בעפרײען פון דיא ענגלישע טיראַניי) איז געװען דער ליב־לינג פון דיא רײכע בורזשואַזיע און האט געװעלט לעבען אין שלום מיט דעם קעניג. אָבגלײך ער האט געשפּיעלט דיא גרעסטע ראָלע אפילו נאך אין דער רעװאָלוציאָן פון 1830 יאהר, האט ער אלײן קײן מאָל ניט געװאוסט װיא אָנצופיהרען און װאס צו טאָן, ביז דיא אומשטענדען פלעגען איהם צװינגען צו טאָן װאס מען פלעגט פון איהם פערלאַנגען. ער איז געװען א בראַװער און מוטהיגער סאָלדאַט, אבער א זעהר שלעכטער פּאָליטיקער. מען האט איהם געהאַלטען פאר א גרעסערן מאַן װיא ער איז אין אמת'ן געװען און ער איז שטענדיג בעליעבט געװען פון פאלק.

ער האט געזוכט מיט זיסע װערטער אײנצושטילען זײנע באַ־טאַליאָנען, אבער עס האט איהם ניט געהאָלפען; און װען אײן סאָלדאַט האט צו איהם געזאָגט מיט היץ: „גענעראַל, נאַרט אונז ניט! מיר װילען ניט געברױכען אונזער געװעהר געגען װײבער, זאָנ־דערן דעם קעניג ברײנגען צו אונז, אום מיר זאָלען זיכער זײן מיט איהם", האט ער זיך בעשלאָסען צו גײן; אבער זײן צװעק איז געװען צו בעשיצען װיא װײט מעגליך דעם קעניג.

מאַיאָר איז דערװײל שױן געװען אין װערסאַיל מיט דיא פרױ־ען. ער איז אָנגעקומען פּלוצלונג, דען אויף'ן װעג האט ער ארעס־טירט אלע קוריערען און עסטאַפעטען, װאס זײנען געגאַנגען פון פּאַ־ריז נאך װערסאַיל, ער איז גלײך ארײן אין דיא נאַציאָנאַל־פערזאַמ־לונג, װאו מען האט היים דיסקוטירט װיא אזוי צו צװינגען דעם קעניג אז ער זאל אונטערשרײבען דיא נײע געזעץ און דיא ערקלע־

רונג פון מענשענרעכטע. א דעפוטאציאָן פון פרויען איז אריינגעקור־
מען נאך מאיאר׳ן און האבען פערלאנגט ברויט און אז דער פרעזידענט
פון דער נאציאָנאל־פערזאמלונג מאָניע זאל זיי פיהרען צום קעניג.
דיא פערוואונדערטע פערזאמלונג האט דאס גלייך בעוויליגט; אבער
ווען דיא אויסגעקליבענע פרויען זיינען צוגעקומען צום קעניג, זיינען
זיי געוואָרען שעמעדיג און האבען ניט געקענט שארף פאָרדערן וואס
זיי האבען געוואונשען. דיא שפרעכערין, א יונגע און שיינע פרוי,
האט מעהר ניט געקענט ארויסריידען וויא דעם וואָרט „ברויט“. דער
קעניג האט פערשפראָכען צו העלפען, האט ארומגענומען און א קוש
געטאָן דיא שפרעכערין, און דיא דעפוטאציאָן איז אוועקגעגאנגען
זעהר גערירט פון דיא קעניגליכע „גוטסקייט“.

דיזע „גוטסקייט“ איז אבער גאר ניט געפעהלען געוואָרן דער
מאסע הונגעריגע פרויען, וואס זיינען געשטאנען ארום דעם פאלאץ.
זיי זיינען געוואָרן נאך מעהר אויפגערעגט און האבען אָנגעפאנגען אזוי
צו ליארמען, דאס דיא קעניגליכע לייב־גוואַרדיע האט זיי גענומען
פאנאנדעריאָגען. דיא ווערסאילער נאציאָנאל־גוואַרדיע האט זיך אבער
אָנגענומען פאר דיא פרויען, און בלוט האט אָנגעפאנגען צו פליסען.
צו דער צייט איז אונטערגעקומען דער „קאָפּ־שניידער“ זשורדאן מיט
א מאסע הונגעריגע ארבייטער, און דער געשלעג איז געוואָרן וויא
א׳ן אמת׳ע שלאכט. דיא קעפּ פון דיא געטויטעטע לייב־גוואַרדיס־
טען האט דיא צוקאָכטע מאסע געטראָגען אויף פּיקעס.

געגען אבענד איז אָנגעקומען לאפאיעט מיט זיינע באטאליאָ־
נען און האט אָבגעטהיילט דיא לייב־בוואַרדיע פון פאָלק. א שלאכס־
רענגען האט איהם אין דעם א סך געהאָלפען. דיא לייב־גוואַרדיע
האט פארנומען דעם פאלאץ, און דיא נאציאָנאל־גוואַרדיע האט פאר־
נומען דעם הויף פון שלאָס.

ביי נאכט איז געווען רוהיג, אבער אום 5 אוהר אין דער פריה
האט זיך דאס פאָלק אריינגעכאפּט אין שלאָס דורך א טויער, וואס
מען האט פערגעסען צו פערריגלען, מיט דעם צוועק צו פאנגען דעם
קעניג. מען איז גלייך צוגעקומען ביז צו דיא קעניגליכע צימערן און
דיא דערשראָקענע קעניגין איז אוועקגעלאָפען בּאָרוועס און אָהן

קליידער אין דעם צימער פון איהר מאַן, אום זיך צו רעטען, דען זיא האט גוט געוואוסט, אז דער גאַנצער האַס פון פאָלק איז געווען געגען איהר. פיער פון דיא פערהאַסטע לייב־גוואַרדיסטען האט מען שוין געטויטעט, ווען לאַפאַיעט איז אונטערגעקומען אָבצוהאַלטען דעם בלוטפערגיסען, און זיין פּאָפּולאַריטעט איז געווען אזוי גרויס, דאס מען האט איהם געפאָלגט. דיא פערזאַמעלטע פאָלקס־מאַסען האבען דאַן מיט דונערנדע געשרייען געפאָדערט, אז דער קעניג זאל קומען נאַך פּאַריז. און לאַפאַיעט, וועלכער האט מורא געהאַט צו פערליי־רען זיין פּאָפּולאַריטעט, ווען ער וועט ניט ערפילען דעם וואונש פון פאלק, האט דאַרום גערעאַטהען דעם קעניג נאכצוגעבען און צו פאָהּ־רען נאַך פּאַריז. זעהענדיג, אז דיא פאלקס־מאַסען ווערן אלץ גרע־סער און אויפגערעגטער, האט דער קעניג געמוזט בעשליסען צו פאָהּ־רען נאַך פּאַריז. אום דאס פאלק זאל נאַך צופרידענער ווערן מיט דיזען בעשלוס, איז לאַפאַיעט ארויס אויף א באַלקאָן מיט דעם קע־ניג און קעניגין און נאכהער מיט א לייב־גוואַרדיסט, ווען ער האט אָנגעטאָן דיא דריי־פאַרביגע רעוואָלוציאָנערע קאָקאַרדע. דאס האט א ביסעל בערוהיגט דעם פאָלק.

קורץ נאכדעם איז דער קעניג ארויסגעפאָהרען פון ווערסאַיל אין דער בעגלייטונג פון אלע פרויען און מענער וואס זיינען געקומען פון פּאַריז. אזוי וויא דיא הונגעריגע מאַסען האבען ניט געפונען גענוג שפּייז, האבען זיי זיך פיעלע מאָל אָבגעשטעלט אויף׳ן וועג, און ערשט אַבענדס איז מען אָנגעקומען אין פּאַריז. פון דיזען טאָג אָן איז דער קעניג געבליבען דער געפאַנגענער פון פּאַריז ביז מען האט איהם איבערגעגעבען צום רעוואָלוציאָנערען געריכט און געקעפּט אויף דער גיליאָטינע.

צוועלפטער קאפיטעל.

דיא רעוואָלוציאנערע קלובען און צייטונגען.

זייט דער קעניג איז געוואָרן דער געפאנגענער פון פאריזער פאלק, האט זיך אין דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער שטאָט אָנגעפאנגען א נייער לעבען. אויסער דעם וואס דיא פארטייען אין דער נאציאָנאל־פערזאמלונג האבען זיך אומגעביטען, זאָ דאס עס זיינען געבליבען נור דריי בעשטימטע פארטייען: דיא אבזאָלוט־מאָנארכישע, דיא דעמאָקראטיש־קאָנסטיטוציאָנעלע און דיא אבזאָלוט־דעמאָקראטישע — זיינען אויך אויפגעקומען פיעלע פאָליטישע קלובס, וועלכע האבען מיט דער צייט בעקומען מעהר מאכט וויא דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג. דיא אמת'ע דעמאָקראטישע פארטיי איז נאך דאן געוועזן זעהר שוואך אין דער נאציאָנאל־פערזאמלונג; זיא איז בלויז בעשטאנען פון דרייסיג פערטרעטער, און איהרע אָנפיהרער, ראָבעספיער און פעטיאָן, זיינען נאך דאן געוועזן אונבעקאנט אין פאָלק. אזוי וויא זיי זיינען געזעסען אויף דיא העכסטע פלעצער פון דער זיצונגס זאלע, גאנץ אויבען, האט מען זיי א נאָמען געגעבען דיא מאָנטאניארען (בערג־לייטע); און אונטער דיזען נאָמען זיינען זיי געבליבען בעקאנט אין דער געשיכטע.

דערפאר אבער זיינען דיא מאָנטאניארען געוואָרן זעהר בעליעבט פון דיא פאריזער ארבייטער און פון אלע דעמאָקראטען און האבען בעקומען אלץ מעהר איינפלוס און מאכט דורך דיא קלובס, וואו זיי זיינען געוועזן זעהר טהעטיג. דער בעריהמטעסטער און מעכטיגסטער פון דיזע קלובס איז געוואָרן דער זאָ־גענאנטער יאקאָבינער קלוב (דעם נאָמען האט ער בעקומען, ווייל ער פלעגט זיך פערזאמלען אין דער קירכע פון הייליגען יאקאָב), ווייל איינער פון זיינע גרינדער,

דיופאָר, איז געווען א גוטער אָרגאַניזאַטאָר און האט שטענדיג געזוכט זיך צו שטיצען אויף דיא פראָווינצען. אין א קורצער צייט האט דיזער מערקווירדיגער קלוב געהאַט אבטהיילונגען אין אלע שטעט פון פראַנקרייך און האט אויף דיזער וויזע צוזאַמענגעקליבען אלע ענערגישע און עהרליכע מענער, דיא הייסעסטע רעוואָלוציאָנערען. יעדע אבטהיילונג פלעגט שיקען אין פּאַריז בעריכטען וועגען אלעס וואס עס פלעגט פּאָרקומען אין איהר געגענד, איבערהויפּט וועגען דיא האנדלונגען פון דיא אַדעליגע, גייסטליכע און אלע פערזאָנען וואס זיינען געווען פריינדליך צום פאלק, זאָ דאס דיא פיהרערס פון יאַקאָבינער קלוב האבען שטענדיג געוואוסט, וואס עס טוט זיך אין גאַנץ פראַנקרייך, מעהר וויא דיא נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג און האבען אויך דורך דעם בעקומען א ריזיגע מאַכט. זיי האבען אויך פערשטאַנען וויא דיזע מאַכט אויסצונוצען. ווען דער יאַקאָבינער קלוב פלעגט עטוואס בעשליסען צו טאָן, פלעגט עס באַלד דורכגעפיהרט ווערן אין גאַנץ פראַנקרייך צוליעב דיא שטאַרקע און שטרענגע אָרגאַניזאַציאָן וואס דיופאָר האט איינגעפיהרט. אין דיא הייסעסטע צייטען פון דיא רעוואָלוציאָן (1891-93) איז עס דאַרום אזוי ווייט געקומען, דאס דער יעניגער וואס איז געווען דער פיהרער פון יאַקאָבינער קלוב, איז געווען דער וואַהרער הערשער פון פראַנקרייך.

דער צווייטער בעריהמטער קלוב איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען: קלוב פון דיא קאָרדעליערען (דיזער נאָמען קומט אויך פון דעם נאָמען פון דעם קלייסטער וואו דיא מיטגליעדער פלעגען זיך פערזאַמלען). ער איז געגרינדעט געוואָרן פון דעם גרעסטען זשורנאַליסט קאַמיל־דעמולען, דעם גרעסטען רעדנער דאַנטאָן און דעם הייציגסטען רעוואָלוציאָנער מאַראַט, וואס זיינען ניט צופרידען געווען מיט דיא אָנפיהרערס און מיט דיא געהיימע צענטראַליסטישע אָרגאַניזאַציאָן פון דעם יאַקאָבינער קלוב, צו וועלכען זיי האבען פון דעסטוועגען נאָך א לאַנגע צייט בעלאַנגט. אויסער פּאַריז האט אבער דער קלוב פון דיא קאָרדעליערען קיין איינפלוס ניט געהאַט, דען זיינע טאַלענטפאָלע אָנפיהרערס זיינען ניט נאר געווען שלעכטע אָרגאַניזאַטאָרס, זאָנדערן זיי האבען אפילו ניט געשטרעבט צו אָרגאַניזירען קלובען

אין דיא פּראָווינצען, וויא דיא יאַקאָבינער האבען עס גלייך פון אָנ־פאנג געטאָן. ביי דיא קאָרדעליערען האט מען געקענט הערען דיא הייסעסטע רעוואָלוציאָנערע רעדעס, אבער עטוואס אויפטאָן און אויס־פיהרען געגען דיא צאָהלרייכע פיינדע פון דער רעוואָלוציאָן און פון פאָלק האט מען נאר געקענט אין יאַקאָבינער קלוב.

וויא דער גרויסער און גייסטרייכער היסטאָריקער מ י ש ע ל ע ערקלערט, זיינען דיא קאָרדעליערען געוועזן אַנארכיסטיש געזאָנען: „דאס פאלק האט זיי געשיינט צו זיין אין יעדער איינצעלנער פּערזאָן, שרייבט ער אין זיין גרויסארטיגע „געשיכטער פון דיא פראנצויזישע רעוואָלוציאָן". דאס אבזאָלוטע רעכט פון איין אויבערהאַר האט גע־מעגט זיין אין א שטאָט, אין א סעקציאָן, אין א געוויינליכען קלוב, אין א בירגער. יעדער וואלט געמעגט בעזיצען א ווע ט אָ, א גליי־כע שטימע געגען גאַנץ פראנקרייך. אום צו מאכען דאס פאלק מעהר פריי, האבען זיי איהם געוועלט אונטערוואַרפען צו דיא איינ־צעלנע פּערזאָן. וויא שרעקליך און בלינד מאראט איז ניט געוועזן, האט ער דאך, וויא עס שיינט, בעמערקט דיא געפאהר פון דיזען אַנאַרכיסטישען גייסט, דען ער האט פארגעשלאָגען איינצופיהרען שטאאטס־אינקוויזיטאָרען".

עס איז דארום קיין וואונדער, דאס אין דעם קאמפף, וואס איז שפּעטער ענטשטאַנען צווישען דאַנטאָן און ראָבעספּיער, דעם נאַ־טירליכען אָנפיהרער פון דיא יאַקאָבינער, זיינען דער גרויסער פאלקס־רעדנער און אלע קאָרדעליערען געפאלען אלס אָפּפער פון דער שרעק־ליכער גיליאָטינע.

מיראבאָ, וועלכער איז געוועזן דער ריכטיגער אָנפיהרער פון דער נאַציאָנאל פערזאמלונג און פון דער מיטעל־קלאַס ביז זיין טויט (דעם 2־טען אפּריל 1791), האט געגריינדעט מיט זיינע פריינדע דעם „קלוב פון 1789 יאהר"; אבער דיזער קלוב האט קיין ווירקונג געהאט אויף דיא גרויסע מאסען ארבייטער, וועלכע האבען בעקומען פון דיא מאָנאַרכיסטען און פאלקספיינדע דיא אָפּלאַכענדע צונעמענעס „סאַנ־קיולאָטען (אָהן הייזען)" און וועלכע האבען אָנגעפאנגען ביסלעכווייז זיך ארומזועהען, אז זיי האבען ביז יעצט נאר פארגאָסען זייער בלוט פאר

דיא מיטעל־קלאַסע און אליין זיינען זיי געבליבען דיא זעלבע אונטערדריקטע אָרימעלייט וויא פריהער.

דיא פערטהיידיגער פון דער אַלטער מלוכה האבען אויך געהאַט א קלוב, אבער זיי האבען איהם א נאָמען געגעבען דער „אונפּאַרטייאישער“, אום צו־צוציהען צו זיך אייניגע האַלבע דעמאָקראַטען. דיזער קלוב האט נאַטירליך קיין ברעקעל איינפלוס ניט געהאַט אין פּאַריז. ער האט אויך ניט לאַנג עקזיסטירט, דען פיעלע אַריסטאָקראַטען זיינען אַנטלאָפען פון פראַנקרייך נאָך איידער דער עשאַפאָט האט זיי אזוי אונבאַרמהערציג און שרעקליך אָנגעפאַנגען אויסצוראַמען פון דער וועלט.

אין אַלע דעמאָקראַטישע קלובס האט מען יעדע נאַכט געהאַלטען פייערדיגע רעדעס ניט נאר געגען דעם קעניג און דיא אַלטע פיהרונגען, זאָנדערן אויך געגען לאַפאַיעט׳ן און דיא נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, ווען זיי פלעגען אָפען ארויסטרעטען געגען דיא אינטערעסען פון פאלק, וויא מיר וועלען עס ערקלערן, ווען מיר וועלען קומען דערצו; און דיא ווירקונג פון דיזע רעדעס אויף דעם פאלק איז געווען אונגעהויער גרויס.

דיא רעוואָלוציאָנערע צייטונגען, וועלכע האבען נאָך דעם שטורם פון דער באַסטיליע אָנגעפאַנגען צו ערשיינען אין א גרויסע צאָהל, האבען ניט ווייניגער פאר דיא קלובס געווירקט און געוועקט דעם רעוואָלוציאָנערען גייסט פון פאלק. אַלע בעקאַנטע פּאַרטיי־פיהרער האבען געהאַט זייערע צייטונגען; און דער קעניג האט ניט ווייניג געלט אויסגעגעבען, אום אָנצוהאַלטען דיא צייטונגען, וועלכע האבען פערטהיידיגט דיא אַלטע מלוכה און זיינען נאַטירליך ניט געלעזען געוואָרן פון פאלק. פון דיא דעמאָקראַטישע רעוואָלוציאָנערע צייטונגען זיינען אַם מייסטען פערברייטעט געווען אין פאלק דאס בלאַט „רעוואָלוציאָנען פון פּאַריז“, ארויסגעגעבען פון דעם יונגען טאַלענטפאָלען זשורנאַליסט לוסטאַלאָ, „דיא רעוואלוציאָנען פון פלאַנדערן און בראַבאַנט“, ארויסגעגעבען פון דעם וויציגען און פייערדיגען קאַמיל־דעמולען, דער „טאַטע דיושען“ פון עבער און ענדליך דער „פאלקס־פריינד“ פון מאַראַט, וועלכער האט געמוזט זיין בלאַט געהיים

שרייבען און דרוקען צוליעב דיא פערפאָלגונגען פון לאַפּאיעט און פון דעם בורזשואזנעם שטאָטראַטה פון פּאַריז.

מאַראַט האַט קיינעם ניט געשאָנט. ער האַט שטענדיג גע־פּרעדיגט בלוטיגע ראַכע געגען אַלע פאָלקס־פיינד. ער האַט געהאַט פיעל וועניגער טאַלאַנט וויא לוסטאַלאָ און קאַמיל־דעמולען, אָבער דערפאַר איז ער געווען אָפענער פאַר זיי און האַט ניט געקוקט אויף קיין געפאַהר צו זאָגען דעם אמת. דאַס פאָלק האַט איהם שטאַרק געליעבט דערפאַר, און זיין „פאָלקס־פריינד" איז מיט דער צייט גע־וואָרן דיא געפעהרליכסטע מאַכט געגען אַלע פאָלקס־פיינדע און ליי־דער אויך געגען יעדען אונשולדיגען בירגער, אויף וועלכען ער פלעגט נאַר וואַרפען א חשד, אַז ער האַלט מיט דעם קעניג. וויא אַזוי מאַראַט האַט געשריבען און געווירקט וועלען מיר נאָך זעהען: מיר וועלען זיך מיט איהם ניט איין מאָל בעגעגענען אין דיא בלוטיגע שרעקענס־צייטען פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן.

דרייצעהנטער קאַפּיטעל.

דיא מיטעל־קלאַסע און דיא אַרבייטער־קלאַסע.

אונטער דעם איינפלוס פון הונגער פון איין זייט און פון רע־וואָלוציאָנערע קלובס און צייטונגען פון דער אַנדער זייט האָבען דיא אַרבייטער פון פּאַריז און פון אַנדערע גרויסע שטעט אָנגעפאַנגען שנעל צו ענטוויקלען זיך און צו בעגרייפען, אַז זיי האָבען נאַר פער־גאָסען זייער בלוט פאַר דיא הערשאַפט פון דיא מיטעלקלאַסע אָדער בורזשואזיע, און אַליין הונגערן זיי און ווערן בעטראַכטעט פאַר גאָר ניט. אָבער דאָס וואָס מען פערשטייט יעצט אונטער דיא ווערטער: סאָציאַליזמוס, קלאַסענקאַמפף, זעלבסטשטענדיגע אַרבייטער־פּאַרטיי האָט זיך נאָך אפילו דעם קאָמוניסט העבער ניט געחלום׳ט

מאַראַט האָט נאָך פיליכט א קלענערן בעגריף געהאַט פון

דיזע זאַכען, וויא אַלע אַנדערע פאָלקס־פריינדליכע זשורנאַליס־
טען. ער האט העכער פאר זיי אלעמען געשריען געגען דיא אונ־
גערעכטיגקייטען פון דער בורזשואזיע, אבער ער האט קיין מיטעל
ניט געקענט אָנצייגען, וויא מען קען דאס פערמיידען, אויסער זיינע
שרעקליכע און משוגענע גוואלדען, אז מען דארף האקען דיא קעפּ פון
דיא אריסטאָקראַטען און פון אַנדערע פאלקס־פיינדע. קעפּ האט מען
אונגליקליכערוויזע געהאקט צופיעל — און אויך פיעלע איידעלע און
גרויסע געלעהרנטע קעפּ דאַרונטער, וויא מיר וועלען דאס זעהען —
אבער דיא הערשאַפט פון דער בורזשואזיע איז דורך דעם נאַטירליך
ניט פערמינדערט געוואָרן אויף א האָר. ניט מיט קעפּ האקען שאַפט
מען אָפּ א געזעלשאפטליכע אָרדנונג, נאר מיט דיא פערניכטונג
פון דיא איינריכטונגען אויף וועלכע זיא איז געבויט. דיא נייע איינ־
ריכטונגען וואס האבען נאר געדיענט פאר דיא פערגרעסערונג פון דיא
הערשאַפט און רייכטהום פון דער בורזשואזיע, האבען דיא ארבייטער
ניט פערשטאַנען וויא צו ענדערן. זיי האבען אין דער ווירקליכקייט
אייגענטליך ניט געשטרעבט צו א גרינדליכע ענדערונג פון דעם קאַ־
פיטאַליסטישען צושטאנד, וועלכער האט דאַן אָנגעפאנגען צו בליהען
און פון וועלכען זיי האבען געליטען אזוי שטארק.

יעדע צייט האט איהרע שטרעבונגען, וועלכע ווערן הויפּטזעכ־
ליך בעשטימט דורך דעם עקאָנאמישען צושטאנד פון דיא גאַנצע
געזעלשאפט, און יעדער וואס איז בעקאנט מיט דיא געשיכטע פון
דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאָן און פערשטייט דיא לעהרע
און פרינציפּען פון דעם וויסענשאפטליכען סאָציאַליזמוס, ווייס אז דאס
פאלק האט דאַן ניט געשטרעבט און ניט געקענט שטרעבען צו א
סאָציאַליסטישע געזעלשאפט, נאר צו פרייהייט און צו גלייכהייט פאר
דעם געזעץ. עס איז דארום קיין וואונדער ניט, דאס דיא ארבייטער
האבען גאר ניט אויפגעטאָן פאר זיך אלס קלאַסע, אָבגלייך זיי זיינען
א געוויסע צייט געווען דיא אמת'ע בעלי־הבתים פון פאריז און פאָלג־
ליך פון גאנץ פראנקרייך (אזוי איז דאס שוין ביי דיא פראנצויזען:
ווער עס פיהרט פאריז, דער פיהרט גאנץ פראנקרייך).

דערפאר אבער האט דיא בורזשואזיע גאנץ קלאָר געוואוסט,

וואס זיא האט צו טאָן אום צו בלייבען דיא הערשענדע מאכט. עס איז נעוועזן איהר היסטאָרישע צייט, און אלעס האט איהר געהאָל־פען צו האלטען דיא לייצעס פון שטאאט אין איהרע הענד און צו ווערן מעכטיג און רייך. וואס שוואכער דער קעניג, דיא אדעליגע און דיא גייסטליכע זיינען געוואָרן, אלץ שטארקער איז געוואָרן דיא מיטעל־קלאַסע און אלץ אָפענער האט זיא בעוויזען איהרע וועלפישעציין צו דיא אונצופרידענע ארבייטער. דיא נייע קאָנסטיטוציאָן, וועלכע דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג האט ניט אויפגעהערט אויסצוארבייטען אין דער מישענינע פון דער רעוואָלוציאָן און אויף וועלכע דאס פאלק האט ארויפגעלייגט אזוי פיעל האָפנונגען, איז פערפאסט געוואָרן געגען דיא ארבייטער־קלאַסע. מיר האבען שוין געזעהען אין דיא פאָריגע קאפּיטלעך, וויא דיא נאציאָנאל־גווארדיע פון דער בורזשואַזיע האט זיך בעוויזען פיינדליך צום פאלק. יעצט וועלען מיר זעהען וויא דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג און דער שטאָטראאטה פון פּאריז זיינען ניט בעסער געוועזן.

דער ארבייטער איז פון אָנפאנג אָן אויסגעשלאָסען געוואָרן אלס א שטימגעבענדער בירגער. מען האט איינגעפיהרט א צענ־זוס וויא מען רופט דאס; דאס הייסט, אז בלויז דיא האבען א רעכט צו שטימען, וועלכע צאָהלען א געוויסען דירעקטען שטייער. דיא בירגער זיינען צוטהיילט געוואָרן אויף צוויי טהיילען: אקטיווע אדער דיא וואס האבען געצאָהלט א שטייער פון 3 פראנק יעהרליך, און פּאסיווע, וואס האבען אזא שטייער ניט געקענט צאָהלען. נאר אקטיווע בירגער האבען געהאט א שטימע, און אזוי וויא דיא ארביי־טער זיינען דאן געוועזן נאך אָרימער וויא געוויינליך צוליעב דעם שרעקליכען הונגער און דיא אונרוהיגע צייטען וואס האבען נאטיר־ליך געשטערט דעם האנדעל, זאָ זיינען א גאנצע מאסע פון זיי גע־בליבען אָהן שטימרעכט.

זיי האבען דארום געהאט אזא ווערטה אין דער געזעלשאפט וויא פאר דיא רעוואָלוציאָן, ווען דיא הערשער זיינען געוועזן דיא פּריצים. אויסער דעם איז דאס געזעץ וועגען וואהלען געוועזן אויסגעארבייט אזוי, אז דיא אקטיווע בירגער האבען ניט געוועהלט

דירעקט פערטרעטער אין פארלאמענט וויא עס פיהרט זיך יעצט, נאר זיי האבען פריהער געהאט אויסצו־וועהלען וואהל־מענער, וועלכע האבען שוין פון זיך געהאט צו וועהלען דעפוטאטען. א וואהל־מאן האט אבער געמענט זיין נאר דער וואס האט געצאהלט פון 150 ביז 400 פראנק שטייער א יאהר, זא דאס נאטירליך קיין ארבייטער האט ניט געקענט ווערן א וואהל־מאן. עס איז וואהר, אז דיזע קלאסען־געזעץ, געגען וועלכע קאמיל־דעמולען און אנדערע רעוואלוציאנערע זשורנאליסטען האבען פיעל פראטעסטירט אין נאמען פון גערעכטיגקייט און פערנונפט, האבען גאר ניט געהאלפען דער בורזשוּאזיע איינצוהאלטען דעם אויפגעבראכטען רעוואלוציאנערען גייסט פון פאלק, דען דיא נעכסטע נאציאנאל־פערזאמלונג אדער, וויא מען רופט זיא אין דער געשיכטע, קאנווענט איז געווים געווען דער רעוואלוציאנערסטער פארלאמענט וואס האט ווען עס איז עקזיסטירט אויף אונזער ערד. נאר פאר אונז איז וויכטיג צו זעהען, אין וואס פאר איין ארבייטער־פיינדליכען גייסט דיא נייע געזעץ זיינען פערפאסט געווארן נאך אין דיא ערשטע טעג פון דער רעוואלוציאן.

אבער דער גאנצער האס פון דער בורזשואזיע צו דיא ארבייטער האט זיך ארויסגעצייגט עטוואס שפעטער, ווען דיא הונגעריגע פאריזער האנדווערקער האבען פערלאנגט זייער רעכט אויף ארבייט פון דעם פאריזער שטאטראטה. דיא נאציאנאל־פערזאמלונג האט געשטעלט אויף דער שפיצע פון דער פאריזער ראטהויז צוויי געבראטענע בורזשוא: באלי אלס מער און גענעראל לאפאיעט אלס קאמאנדיר פון דיא נאציאנאל־גווארדיע, און זיי האבען מיט געוואלט געענטפערט אויף דיא קלאגען פון דיא אויסגעהונגערטע ארבייטער. דער הונגער האט נאך געדויערט אין 1790, און דיא ספעקולירענדע קארנהענדלער פלעגען אזוי אויפרעגען דאס פאלק, אז מען פלעגט זיי אפט ערמארדען. דעם 21־טען אקטאבער 1789 האט א הונגעריגע מאסע דערהרג'עט דעם געהאסטען בעקער פראנסוא, און דיא נאציאנאל־פערזאמלונג האט דאן ערקלערט א בעלאגערונגס־צושטאנד אין פאריז און האט געגעבען דעם שטאט־ראטה דאס רעכט צו געברויכען געוועהר געגען דיא הונגעריגע מאסען.

מאראט, לוסטאלאָ, קאמיל־דעמולען א. ז. וו. האבען פייער־ליך געשריבען דאנגען, אבער מען האט זיי ניט געהערט. איבער־הויפט האט זיך דאָ אויסגעצייכענט מאראט, וועלכער האט בעהויפ־טעט אז דאס ערשטע מענשענרעכט איז דאס רעכט אויף עקזיסטענץ און וועלכער האט אזוי העפטיג אטאקירט גענעראַל לאפאיעט'ן, דאס יענער האט ארויסגעשיקט 4000 נאציאָנאל־גוואר־דיסטען איהם צו פאנגען און צו ארעסטירען. מאראט האט דיא גאנצע צייט געלעבט בעהאלטענערהייט; און ווען דיא פּאָליציי פלעגט שוין זיך דערוויסען וואו ער שטעקט, פלעגט זיא דאך ניט וואגען איהם צו פערהאפטען אוים פורכט פאר דעם כעס פון פאלק.

דיא שטאָטפערוואלטער האבען זיך אליץ ברוטאלער בעגאנגען מיט דעם פאָלק. דיא „אָנפיהרערס" און „אויפהעצערס" פלעגט מען אריינזעצען אין א בעזונדערע געפענגניס, און ווען דיא ארבייטער פון דיא בעריהמטע רעוואָלוציאָנערע פּאריזער פּאָרשטאָט סענט־אנטואן האבען זיך א הייב געטאָן צו צערשטערן דיזע נייע באסטיליע, האט זיי דיא קאוואלעריע פון דער נאציאָנאל־גווארדיע פאנאנדערגעיאָגט. פון יענער צייט אָן האבען זיך אָנגעפאנגען העפטיגע צוזאמענשטוי־סען צווישען דיא שטאָטפערוואלטונג און דעם פאלק ביז זיי האבען זיך גע־ענדיגט מיט א גרויסען בלוטפערגיסען אויף דעם פּאריזער מארס־פעלד.

אויף דיא פאָרדערונג פון דיא ארביירער אז מען זאל זיי גע־בען ארבייט, האט דער מער באלי געענטפערט מיט א פּראָקלאמא־ציאָן, אז אלע ארבייטער־פעראיינען מיט דעם צוועק צו בעשטימען א'ן ארבייטסטאָג מיט גלייכע פרייזען זיינען „געגען געזעץ" און פיהרען צו דיא „פערניכטונג פון דיא געזעלשאפטליכע אָרדנונג".

דיא ארבייטער האבען זיך דאַן געווענדעט צו דיא נאַציאָנאל־פערזאמלונג, האָפענדיג פון איהר צו בעקומען הילפע און רעכט; אבער דאָ האט מען זיי אויך ערקלערט פאר צערשטערער פון אָרדנונג און מען האט ארויסגעגעבען געגען אלע ארבייטער־פעראיינען א זעהר פיינדליכען געזעץ, וועלכער איז געבליבען בעקאנט אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען „דאס געזעץ פון שאפעליע" און וועלכער וועט ערקלערט ווערן אין דעם נעכסטען קאפיטעל.

פערצעהנטער קאפיטעל.

דיא ערשטע געזעצע געגען ארבייטער.

דיא אנטוואָרט וואס דיא נאַציאָנאַל־פערזאמלונג האט געגעבען אויף דיא קלאגען און פאָרדערונגען פון דיא ארבייטער, אז מען זאל זיי געבען ארבייט, איז געוועזן דער ארבייטער־פיינדליכער געזעץ פון 14־טען יוני 1891 יאהר, וועלכער איז נאך געבליבען כמעט אונפערענ־דערט ביז היינטיגען טאָג אין פראנקרייך און אין אלע קאפיטאליס־טישע לענדער. דער דעפוטאט שאפעליע, וועלכער האט אויס־געארבייט דיזען געזעץ, האט דערביי געהאלטען א לאנגע רעדע געגען ארבייטער־פעראיינען אין אלגעמיינען. ער האט געזאָגט דאס זעלבע, וויא דער מער באלי און אלע אנדערע בורזשוא פון יענער צייט, וועלכע האבען געזעהען אין א׳ן ארבייטער־פעראיין נאר א צעך, אז דאס איז א׳ן אלטע און שעדליכע זאך, וועלכע דיא רעוואָלוציאָן מוז צושטערען ביז׳ן גרונד. דיא צעכען פון מיטעלאלטער זיינען אָפגע־שאפט געוואָרן, וויא דאס איז שוין בעשריבען געוועזן אין א פריהערן קאפיטעל, אין דער בעריהמטער נאכט פון 4־טען אויגוסט, צוזאמען מיט אלע פריווילעגיען פון דיא פריצים און גייסטליכע.

מען האט דאן געוויינליך בעטראכט דיא צעכען אלס א זאך, וואס איז פעסט פערבונדען מיט דיא אלטע מלוכה און וואס מען מוז אין גאנצען אָפשאפען. וויא לאסאל האט דאס בעוויזען אין זיין „ארבייטער פראָגראם“, זיינען טאקע דיא צעכען אזוי ענג געוועזן צו־זאמענגעוואקסען מיט דיא געזעלשאפטליכע אָרדנונג (דיא פעאָדאלע וויא מען רופט איהר) פאר דיא רעוואָלוציאָן, דאס זיי האבען אויך צוזאמען געמוזט פאלען און צושטערט ווערן. אבער פון א צעך ביז א׳ן ארבייטער־פעראיין פון אונזער צייט, אדער א טרייד־יוניאָן, וויא

מיר רופען דאס, איז דער אונטערשיעד אזוי גרויס וויא פון דיא גאנצע פעאָדאַלע געזעלשאַפט ביז אונזער קאַפּיטאַליסטישע. דאמאָלס האט אבער קיינער ניט פערשטאַנען דיזען אונטערשיעד, און דיא בעסטע און עהרליכסטע פאָלקספריינד פון האבען דארום פערלאָזען דיא ארבייטער, ווען זיי האבען נאר געפאָדערט זייער רעכט אויף אר־בייט און שטאאטס־הילפע. אין דיא גאַנצע צייט וואס דיא ארביי־טער פראַגע איז נאך ניט געווען אזוי קלאָר ערקלערט און דיא אר־בייטער האבען נאך קיין ברעקעל שטימע ניט געהאט אין דיא פיהרונג פון שטאאט, האבען דיא קאַפּיטאַליסטען און זייערע שרייבער און געלעהרטע עקאָנאָמיסטען געזוכט צו בעווייזען, אז יוניאָנס זיינען צער־בען און זיינען דארום שעדליך פאר דיא געזעלשאַפט, אקוראט וויא שאַפּעליע און באַלי האבען עס געטאָן. דער אונטערשיעד איז נאר, אז אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן זיינען דיא בורזשואַ געווען אויפריכטיג, ווען זיי האבען גערעט און געטאָן גענגען דיא ארבייטער יוניאָנס, און אין דיא שפּעטערע צייטען האבען זיי שוין געשריבען ליגענס מיט דער כונה צו פערטהיידיגען דיא קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג.

שאַפּעליע האט יעדענפאַלס גאַנץ ערנסט געמיינט, וואס ער האט געקעמפפט גענגען דיא שוואַכע פאָרדערונגען פון דיא פאַריזער ארבייטער. נאך זיין מיינונג האבען דיא ארבייטער נאר געהאט דאס רעכט זיך צו פערזאַמלען אלס בירגער, אבער ניט אלס א בעזונדערע קלאַסע מיט דעם צוועק צו בעשפּרעכען זייערע פאך־אנגעלעגענ־הייטען און איבערהויפּט זייערע אינטערעסען.

„דיא ארבייטער, האט ער געזאָגט, פערלאַנגען זיך צו פעראייניגען, אום צו שטיצען זייערע קראַנקע און ארבייטסלאָזע ברידער; אבער דיזע פפליכט ליגט אויף דיא גאַנצע נאַציאָן, און מען קען דארום ניט צו־לאָזען, אז זיי אליין זאָלען דאס טאָן". ער האט געענדיגט זיין רעדע מיט א זיפץ, וואס דער לוין פון דיא ארבייטער איז אזוי קליין; און דיא נאַציאָנאַל־פערזאמלונג האט מיט ביידע הענד אָנגענומען אלעס וואס ער האט פארגעשלאָגען, אויסער נאַטירליך דיא נ א צ י אָ נ א ל ע ש ט י צ ע, וואס וואָלט אייגענטליך געווען שטאאטס־סאָציאַליזמוס.

אלע פעראייגען און אסאָציאַציאָנען פון ארבייטער זיינען דארום שטרענג פערבאָטען געוואָרן, און דיא ארבייטער וואס האבען דאך געפאָרדערט זייער רעכט, האט דער שטאַטראטה פון פאריז אָנגעפאַנגען צו ארעסטירען. דאס איז געווען דיא „פרייהייט און גלייכהייט" וואס דיא ארבייטער האבען בעקומען אלס קלאס פון דיא גרויסע רעוואָלוציאָן, פאר וועלכע זיי האבען פערגאָסען זייער בלוט.

שאפעליע'ס געזעץ איז פערבליבען אלס מוסטער פאר אלע אנדערע געזעץ וועגען ארבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען און סטרייקס, וועלכע מען האט פערפאַסט אין אלע ציוויליזירטע לענדער. נאר מען האט דאך ביסלעכוויז געמוזט נאכגעבען דיא פאָדערונגען פון דיא ארבייטער און אנערקענען זייערע טרייד־יוניאָנס. יעצט וואלט שוין א שאפעליע־געזעץ ארויסגערופען א'ן אויפשטאַנד פון דיא ארבייטער ווען מען זאל איהם אָנווענדען וויא ער גייט און שטייט. דיא ארבייטער פון פראַנקרייך האבען פאקטיש גענומען דאס רעכט צו פעראייניגען זיך פיר דיא בעשיצונג פון זייערע קלאסען־אינטערעסען, אזוי גוט וויא דיא ארבייטער פון אנדערע לענדער, דען אין אלע קאַפיטאליסטישע לענדער זיינען דאָ געזעצע וועגען דיא זאָ־גענאַנטע „פרייהייט פון קאָנטראַקט און ארבייט" און וועגען „אָרדנונג", וועלכע זיינען ספעציעל געמאכט געוואָרן, אום צו שטערען דיא ארבייטער אָרגאַניזאַציאָנען.

דאס זיינען דיא קלאסען־געזעץ פון דעם קאפיטאליסטישען שטאאט, וועלכע יעדערער זעהט גלייך פון דעם ערשטען בליק און וועלכע ווערן בענוצט אין פאל פון סכנה פאר דיא הערשענדע קלאסע, בעזאָנדערס ווען עס קומט פאָר א גרויסער און גוט געפיהרטער סטרייק, מיט פיקעטס און באָיקאָטס. אין דיא ערשטע העלפט פון דיזען יאהר־הונדערט האט מען גאר קיינע צערעמאָניעס ניט בעדארפט מאכען מיט דיא ארבייטער, וויא יעצט, דען זיי זיינען געווען שוואך, אָבגעזונדערט און האבען אויך ניט געוואוסט אויף ריכטיג וואס זיי ווילען און צו וואס זיי מוזען שטרעבען, אום פטור צו ווערן פון זייערע צרות; און ביי יעדע געלעגענהייט האבען דיא פערשיעדענע פראַנצויזישע רעגירונגען — מאָנארכיסטישע, אימפעריאַ־

ליסטישע און רעפובליקאנישע — ארויסגעשלעפט פון ארכיוו שאפע־ליע'ס געזעץ, אום צו צערשטערען דיא בעשטייענדע אָרגאניזאציאָנען און צו פג׳ ,אפטען זייערע אָנפיהרערס. אזוי האט נאפאָלעאָן דער דריטער בענוצט דיזען געזעץ אין 1848 יאהר צו פערניכטען אלע קאָאָפעראציאָנען פון דיא ארבייטער, ווען דיזע קאָאָפעראציאָנען זיינען געוועזען אין רעכטען בליהען.

דיא אָפגענארטע און פערלאָזענע פאריזער ארבייטער האבען דאַן נאטירליך גאר ניט געקענט טאָן געגען אזא גוואלט־טהאט פון דיא בורזשואזיע, אויסער זיך צו בעקלאָגען צווישען זיך און צו אונ־טערשטיצען מאראט'ן, וועלכער האט זיך אָנגענומען פאר זיי מיט זיין געוויינליכע היץ. זיי האבען איהם גערופען: דער פראָפעט פון דיא קלאסע פון בעדירפטיגע און פלעגען צו איהם שיקען אלע זייערע קלאגען. זיין צייטונג „דער פאלקס־פריינד“ איז דארום גע־וואָרן דער ריכטיגער ארבייטער־אָרגאן פון יענער צייט, און ווען מען וויל גענוי וויסען און פערשטיין, וויא אזוי דער קאמפף צווישען אר־בייטער און קאפיטאליסטען איז דאַן פאָרגעקומען, מוז מען לעזען דיזע צייטונג. מיר וועלען דאָ נאר בריינגען איין קלאגע פון דיא ארביי־טער אין דיזער צייטונג, אום דער לעזער זאל א בעגריף האבען, וויא דיא אויפגעקלערטע ארבייטער האבען דאַן פערשטאנען זייער לאגע:

„מיר זיינען געוועזען איבעראל, האבען איינינע ארבייטער געשריי־בען, מיר זיינען געקומען אומעטום, וואו דיא געפאהר האט אונז גע־רופען, בערייט צו פערגיסען אונזער בלוט פיר אונזער בעפרייאונג. דריי מאָנאט נאָכאנאנד זיינען מיר אויסגעשטאנען אלע צרות פון מיליטער־מארשען און לאגערן, — דעם גאנצען טאָג אונטערן זון, ליי־דענדיג הונגער און דורשט — אין דער צייט ווען דיא רייכע זיינען זיך געזעסען אין זייערע הייזער און פאלאצען און זיינען זיך געקומען אויף אלעם פארטיגעס צו נעהמען דיא קאָמאנדע און צו פערכאפען אָלע עפענטליכע שטעלען. מיר האבען זיך אלזאָ פיר זיי געאָפפערט און אלס אונזער בעלוינונג האבען מיר יעצט ניט אפילו דעם טרייסט צו האבען א שטימע, צו זיין בירגער פון דעם שטאאט וואס מיר

האבען גערעטעט! וועלכען גרונד קענט איהר, רייכע, האבען אונז אזוי אונעהרליך צו בעהאנדלען?

„דער אָרעמאַן איז אזא שטאאט-בירגער וויא דער רייכער — דאס גיט איהר צו; אבער איהר בעהויפטעט, דאס ער קען זיך גי־כער לאָזען פערקויפען. איז עס דען אמת? בעטראכט נאר אלע מלוכות פון דער וועלט! בעשטייען דען ניט אלע העפלינגע, טעלער־לעקער און אינטריגאנטען פון דיא מלוכות אויס רייכע?“

דאס איז אלעס וואס דיא ארבייטער האבען געקענט אָנווענדען געגען דעם געזעץ, וועלכער האט ביי זיי פאַקטיש צוגענומען דאס שטימרעכט. זיי פרעגען, וואס פאר א גרונד דיא רייכע האבען גע־קענט האבען צו בעהאנדלען דיא ארבייטער אזוי אונעהרליך, און זיי ווייסען אליין ניט וויא דאס צו ערקלערן און צו בעאנטוואָרטען.

פופצעהנטער קאפיטעל.

דיא סאַנקיולאָטען, דיא בויערן און דער אנפאנג פון בירגער־קריעג און פון טעררער.

דורך זיין שטענדיגען שטיצען דיא ארבייטער אין זייער קאמפף געגען דיא בורזשואזיע איז מאראט געוואָרן דער ליעבלינג פון פאריזער פאלק און א שרעק פאר דיא נייע הערשער, בעזאָנדערס פאר דעם מער באלי און גענעראל לאפאיעט. דעם 14־טען סעפטעמ־בער 1790 יאהר האבען זיי געשיקט 300 נאציאָנאל־גווארדיסטען צו מאכען א׳ן אָנפאל אויף דיא דרוקעריי, וואו מאראט׳ס „פאלקספריינד“ האט זיך געדרוקט. דיא דרוק־פרעסען האט מען צוהאקט אויף שטיקלעך און דעם גאנצען דרוק־מאטעריאל פערכאפט. דער „פאלקס פריינד“ האט פון דעסטוועגען ניט אויפגעהערט צו ערשיינען, דען מאראט האט בעקומען שטיצע פון זיינע פריינד און אָנהענגער, אי־בערהויפט פון דער פרוי סימאָניא עווראר, וועלכע האט איהם,

וויא מען דיינקט, געליעבט און וועלכע דיא רעגירונגען האבען געהאל־טען פאר אזא געפעהרליכע פערזאָן, דאס נאפּאָלעאָן I האט איהר געהייסען ארעסטירען דעם 30־טען דעצעמבער 1800 יאהר וועגען א פערשווערונג געגען איהם, הגם מען האט געוואוסט אז זיא לעבט גאנץ איינזאם און בעשעפטיגט זיך שוין ניט מיט פּאָליטיק.

דיא ארבייטער האבען זיך ניט געשראָקען פאר דיא פערפאָל־גונגען און האבען ניט אויפגעהערט צו פאָדערן זייער „רעכט אויף ארבייט" פון שטאאט, זאָ דאס דיא בורזשוא פון פאריזער ראטה־הויז זיינען ענדליך געצוואונגען געווען עטוואָס צו טאָן פאר דיא נויט־ליידענדע בירגער. דיא פּאַריזער שטאָט־טאטעס האבען פערלאנגט פון דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג א קרעדיט צו פערשאפען ארבייט צו דיא אונבעשעפטיגטע און הונגערנדע ארבייטער, און דיא פערזאמ־לונג האט דערצו בעוויליגט 15 מיליאָן פראנק. מיט דיזען געלט האט מען איינגעריכטעט אין פאריז שטאאט־פאבריקען, וועלכע האָ־בען דאן געהייסען „צדקה־ווערק־הייזער". דיזער נאָמען צייגט אונז, וויא אזוי דיא בורזשוא האבען דאָן פערשטאנען דיא הילפע פון שטא־אט. דיא ארבייטער האבען פערלאנגט זייער ר ע כ ט אויף ארבייט אלס בירגער, און דער שטאאט האט זיי מיט צרות צוגעוואָרפען א נ ד ב ה, דען נאָכגעבען אזא רעכט הייסט אייגענטליך איינפיהרען דעם סאָציאליזמוס.

דיא פּאַריזער ארבייטער האבען דאָן ניט פערשטאנען דיא בלו־טיגע בעליידיגונג פון אזא שטיצע, וויא זיי פערשטייען עס יעצט. זיי ווילען יעצט ניט הערען פון שטאאט־צדקה און זיי שרייען: „מיר פערלאנגען אונזער ר ע כ ט, מיר ווילען קיינע צדקות!" דאס פאַרי־זער פאלק איז אויסער דעם געווען אזוי אויסגעהונגערט, דאס יעדערער איז צופרידען געווען צו בעקומען אפילו דיזע צדקה־הילפע.

אזוי וויא דיא ארבייטער פון דיא פּראָווינצען האבען אויך גע־האט דאס רעכט צו בעקומען ארבייט אין דיא צדקה־ווערק־הייזער, זיינען זיך צוזאמענגעקומען אין פאריז מאסען ארבייטער. זיי פלעגען אָנקומען זינגענדיג רעוואָלוציאָנערע לידער. אין דיסטריקט פון מ אָ נ־מ א ר ט ר אליין זיינען געווען בעשעפטיגט 17 טויזענד ארבייטער.

דאס איז געווען דיא ארמיע פון דיא רעוואָלוציאָנערע אָנפיהרער. אין אלע אויפשטענדע פון דיא יאהרען 1792, 1793 און 1794 פלע־גען זיי אַנטהייל נעהמען און זיי פלעגען עס אייגענטליך בעשטימען, ווער עס זאל פיהרען דיא רעדעל. א גרויסע צאָהל פון זיי זיינען נאַטירליך געווען אָנגעטאָן אין צוריסענע קליידער, און ווען זיי פלעגען דורכמאַר־שירען דיא גאַסען פון דיא רייכע קווארטאלען, פלעגען דיא בורזשוא ציטערן פאר זייער פערמעגען. דיא אריסטאָקראַטען האבען זיי א נאָמען געגעבען סאַנקיולאָטען, וואס עס בעדייטעט: אָהן־הייזען. דיזע צונעמענעס האבען דיא שונאים פון דער רעוואָלוציאָן באלד פער־בריימעט אויף אלע פאלקספריינדע, און דיא רעוואָלוציאָנערן האבען איהם דערפאר אָנגענומען אלס א'ן עהרען־נאָמען.

אויסער דיא צדקה־ווערקהייזער האט דיא נאציאָנאל־פערזאמ־לונג פשוט גאר ניט געטאָן פאר דיא ארבייטער, וועלכע זיינען פון דעסטוועגען געווען דיא אמת'ע שטיצע פון דיא רעוואָלוציאָן. אפילו דער פערקויף פון דיא אונגעהייער גרויסע לאַנד־גיטער פון דיא גלחים, וואס פיעלע היסטאָריקער האבען אזוי געלויבט, האט אויך נאר געפיהרט צו מאַכען רייכער דיא בורזשוא און דיא רייכע בויערן. דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג האט בעדארפט פיעל געלט צו דעקען דעם דעפיציט און דיא אויסגאבען, און אויף דעם פאָרשלאַג פון דעם זעלבען בעריהמטען דיפלאָמאַט טאַילעראַן (ער האט דאס געזאָגט דעם בעקאַנטען ווערטעל, וואס ער האט אזוי קינסטליך אויסגענוצט: „דיא שפראכע איז געגעבען דעם מענשען צו בעהאלטען זיינע גע־דאַנקען"), וועלכער האט מיט 25 יאהר שפּעטער אונטערשטיצט א פאָרשלאַג אז מען זאל צוריק איינפיהרען דיא אלטע אָרדנונג — האט מען דעם 2־טען נאָוועמבער 1789 יאהר בעשלאָסען צו פערקויפען אלע מאַיאָנטקעס פון דיא גלחים. שפּעטער האט מען אויך פער־קויפט דיא לענדער, וואס האבען געהערט צו דיא קעניגליכע פאמי־ליע און צו דיא אריסטאָקראַטען. געקויפט האבען אַם מייסטען גרויסע און קליינע הענדלער און אויך דיא בויערן וואס האבען געהאַט געלט און וואס זיינען ניט געווען אבערגלויביש, דען דיא גלחים האָ־בען געזוכט איינצורעדען, אז דער גיהנם איז אָפען פאר אלע וואס

וועלען קויפען דאס קאָנפיסצירטע לאַנד פון דיא קירכע און פון דיא פריצים. אויף דיזער וועיזע איז געשאַפען געוואָרן א גרויסע קלאַסע פון קליינע ערד־בעזיצער, וועלכע איז פערבליבען ביז יעצט און וועל־כער איז גלייך געוואָרן פיינדליך צו דיא וויטערע דורכפיהרונג פון דיא רעוואָלוציאָנערע אידעען.

אנשטאָט צו פערקויפען דיא ערד, וועלכע איז קאָנפיסצירט געוואָרן אלס א נאַציאָנאַל־אייגענטהום, צו איינציגע מענשען, וואלט מען זיא נאטירליך געקענט לאָזען אויף אויביג אלס א'ן אלגעמיינעס אייגענטהום — און דאס האט מען זעהר לייכט געקענט אויספיהרען, דען קיין מאָל אין דער געשיכטע האט נאָך א פאָלק ניט געהאט אזא אויסגעצייכענטע און לייכטע מעגליכקייט צו נאַציאָנאַליזירען דאס לאַנד, וויא אין 1789 יאהר — אבער קיינער האט אפילו ניט געדיינקט דערפון. דיא נאַציאָנאַל־פערזאמלונג האט נאר געזוכט וואס גיכער צו קריגען דאס נויטיגע געלט און וואס מעהר קליינע אייגענטהימער צו שאַפען, אז זיי זאלען האבען איין אינטערעס צו שטיצען דיא יונ־גע קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט; און דיא שטאָט־ארבייטער האבען זיך איבערהויפט גאַנץ וועניג אינטערעסירט מיט דער ערד־פראַגע.

דיזע אומענדערונג פון אייגענטהימער איז זעלבסטפערשטענדליך ניט אזוי גרינג און גלאַט צוגעגאַנגען. דיא גלחים האבען געמאַכט גוואַלדען ביז'ן הימעל, אז מען בערויבט זיי, אָבגלייך דיא נאַציאָנאַל־פערזאמלונג האט זיי געצאָהלט געהאַלט ניט וועניגער וויא 1200 פראַנק יעדען. אין דיא געגענדען, וואו דיא בויערן זיינען געווען זעהר אבערגלויביש, האבען דיא גלחים אויסגעווירקט, אז קיינער זאל ניט קויפען זייער ערד. אין דיא פּראָווינצען ברעטאַן און וואַנדעי האבען דיא גייסטליכע אזוי אונטערגעהעצט דיא בויערן געגען פּאַריז און דיא רעוואָלוציאָן, דאס עס איז ארויסגעקומען א לאַנגער בלוטי־גער בירגער־קריעג. דער אויפשטאַנד פון וואַנדעי איז דערשטיקט געוואָרן אין טייכען בלוט. א סך בויערן האבען איבערהויפט מורא געהאַט צו קויפען ערד, דען זיי האבען גערעכענט, אז דיא פּריצים וועלען ווידער בעקומען דיא מאַכט אין זייערע הענד און וועלען נקמה נעהמען.

פון דער אַנדער זייט האבען זיך דיא אַנטלאָפענע פּריצים צוזאמענגעקליבען אויף דער גרענעץ פון פראנקרייך און האבען געווארט אויף דיא פערשפּראָכענע הילפע פון עסטרייך און פּרייסען, אום צו פערניכטען אלעס וואס דיא רעוואָלוציאָן האט אויפגעטאָן.

דאס אלעס ערקלערט אונז דיא שרעקליכע געוואלט־טהאטען פון 1793־טען יאהר (אין דער געשיכטע ווערט דיזע צייט גערופען מיט דעם נאָמען טעררָאר, וואס הייסט: שרעקען), וואס דיא רעוואָלוציאָנערע רעגירונג האט געמוזט געברויכען נעגען דיא גלחים, פּריצים און אלע פריינד פון דיא אַלטע מלוכה, אום זיך איינצוהאַלטען. יאָהרענלאַנג האט פראנקרייך געמוזט פיהרען א מלחמה אויף טויט און לעבען מיט דיא מלכים פון אייראָפּא און יאָהרענלאַנג זיינען געפאַלען קעפּ אונטער דעם שרעקליכען מעסער פון דער גיליאָטינע.

דעם קעניג'ס לעבען אין פּאריז איז דארום וואס ווייטער געוואָרן אלץ געפעהרליכער. זיין געפאַנגענשאפט האט איהם נאטירליך געקריינקט אויף דעם העכסטען גראד, און ער האט געהיים אונטערשטיצט אלע פּלענער וואס דיא פּריצים האבען געמאכט, אז ער זאל קענען אַנטלויפען. ער איז אויך אַנטלאָפען, אבער מען האט איהם געפּאקט נים ווייט פון גרענעץ.

זעכצעהנטער קאַפּיטעל.

דער טויט פון מיראבאָ און דיא פּליטה און פערהאפטונג פון קעניג.

פיעלע פּלענער פון דיא אַריסטאָקראטען ארויסצורייסען דעם קעניג פון דיא אייזערנע הענד פון פּאריזער פאלק האבען זיך ניט איינגעגעבען. אייניגע פון דיזע פּלענער זיינען כמעט אונבעקאנט אין דער געשיכטע, און אפילו דיא פּלענער וואס מען האט שוין אויסגעפונען, קען מען אויך ניט גאנץ דייטליך ערקלערען אין אלע איינצעל־

הייטען. דיא אריסטאָקראַטען האבען געוואוסט וויא צו האַלטען אין געהיים זייערע פּלענער און פערשווערונגען. אין אָנפאנג פון 1790 יאהר האט מען ענטדעקט אין פאריז א פערשווערונג פון א געוויסען מארקיז פאווראס מיט דעם צוועק אויפצורייסען דיא נאציאָנאַל־פערזאַמלונג, צו ערמאָרדען דעם גענעראל לאַפאיעט און דעם מער באַלי און צו בריינגען דעם קעניג אויף דעם גרענעץ פון פראנקרייך. מען האט גוט געוואוסט אז פאווראס שטייט אין פערבינדונג מיט דעם קעניגליכען הויף; אבער מען האט ניט געקענט אדער, ריכטיגער צו זאָגען, ניט געוועלט אויסגעפינען דעם מאַן וואס איז געווען דער פערמיטלער צווישען דעם מארקיז און דעם קעניג. פאווראס איז פעראור־טהיילט געוואָרן צום טויט, און דאַן האט ער אָנגעבאָטען אַלעס צו דערציילען; אבער דאס געריכט האט ניט געוועלט נאך מעהט פערערגערן דיא לאַגע פון קעניג און האט בעשלאָסען ניט צו נעהמען אין אכט זיין פאָרשלאַג. דאַן האט ער אויסגעשריען: „איך וועל אַלזאָ שטאַר־בען מיט מיין געהיימנים!“ און אזוי איז ער טאקע געשטאָרבען.

דער קעניג וואלט וואהרשיינליך ניט גלאַט אָפּגעשניטען נאך דיזע און אנדערע פערשווערונגען, ווען דער זעלבער געניאַלער מיראַ־באָ, וואס האט אונטערגעגראָבען דיא אַלטע מלוכה מיט זיינע פייער־דיגע רעדען און מיט זיין מעכטיגען איינפלוס אויף דעם גייסט פון פאָלק, וואלט ניט אָנגעפאנגען צולעצט אונטערצושטיצען אין געהיים דעם קעניג. ער איז געווען א גרויסער אויסברייגנער און האט גע־פיהרט א פרייליכען לעבען מיט פרייליכע פרויען. דאס געלט וואס ער האט געהאַט פון זיין שרייבען איז ניט געווען גענוג פאר איהם, און אום צו קענען בעצאָהלען זיינע גרויסע שולדען, האט ער זיך גע־לאָזען אונטערקויפען פון דעם קעניג׳ס אַגענטען. מען האט איהם געגעבען געלט אפילו פאר זיין שווייגען, און ער האט זיך געהאַלטען אזוי שטאָלץ און אונאבהענגיג, דאס ביז א געוויסע צייט נאך זיין טויט האט מען פון דיזע שאַנדע ניט געוואוסט.

ער איז געשטאָרבען אם 2־טען אפּריל 1791 אין פולען גלאַנץ פון זיין גרויסקייט. דער אויסגעלאַסענער לעבען און דיא גרויסע אנשטרענגונגען און ארבייטען זייט דיא רעוואָלוציאָן האט זיך אָנגע־

פאַנגען האבען זיין שטאַרקען גוף געבראָכען, און ער איז פּלוצלונג געשטאָרבען צו דעם בעדויערן פון גאַנץ פראַנקרייך, וואס האט נאָך ניט געוואוסט פון זיין ניעדערטרעכטיגען פעררעטה. אלע פּארטייען האבען דארום אנטהייל גענומען אין זיין גרויסארטיגע לויה, וועלכע איז געווען א׳ן אמת׳ער נאַציאָנאַלער טרויער. מען האט איהם בע־גראָבען אין דעם גרויסארטיגען טעמפּעל פּ א נ ט ע אָ ן, וועלכער איז ספּעציעל אויפגעבויט געוואָרן פאר דיא גרויסע מענער פון פראַנק־רייך און וואו עס ליגען נאָך בעגראָבען וואָלטער, זשאַן־זשאַק רוסאָ, וויקטאָר הוגאָ, גענעראל מארסאָ, גענעראל קאר־נאָ א. ז. וו.

נאָך מיראַבאָ׳ס טויט איז דעם קעניג׳ס לאַגע געוואָרן אלץ געפעהרליכער און ביטערער. זיין איינציגע רעטונג איז געווען צו אנטלויפען. דער מארקיז בויע איז שוין לאַנג געשטאַנען מיט זיינע סאָלדאטען לעבען בעלגישען גרענעץ און האט געווארט אויף דעם קעניג, אום נאכהער אָנצופאלען אויף פאריז; אבער דאס פּאַ־ריזער פאָלק האט גוט געהיט דעם קעניגליכען הויף. דעם 18 אפּריל 1791 האט דער קעניג געוועלט אָפּפאָהרען פון פּאריז מיט דער אויס־ריידע, אז ער וויל פארברייגגען פּסח אין סען קלו (א פּלאַץ לעבען פּאריז); אבער דאס פאלק האט איהם ניט געלאָזען ארויספאָהרען, און דיא נאציאָנאל־גוואַרדיע האט זיך ניט ארייגגעמישט, זאָ דאס ער האט געמוזט ווידער בלייבען אין זיין פּאַלאַץ טיולערי.

אום אָפּצונארען פּאריז האט דער קעניג פערעפענטליכט א שריפט צו אלע געזאנדטע אין אויסלאנד, אז ער אנערקענט דיא רע־וואָלוציאָן. ער האט זאָגאר פּראָטעסטירט געגען דיא „זאָ־געגאַנטע פריינדע פון קעניג, וועלכע זיינען אין אמת׳ן פיינדע פון פראַנקרייך", ווייל זיי זאָגען, אז דער קעניג איז אין געפאַנגענשאַפט און זוכען צו מאכען אונרוהען אין לאַנד. גלייך נאָכדעם האט ער געשריבען צום פּרינץ קאָנדע, דעם אָנפיהרער פון דיא אנטלאָפענע אריסטאָקראַטען: „קומט צוריק, דען אנשטאָט פיינדע וועט איהר דאָ ברידער געפינען. איך בעפעהל אייך דאס אין נאָמען פון דער נאציאָן און אין מיין אייגענעם נאָמען".

דאס איז נאטירליך געוועזן כזב ושקר, דען אין דער זעלבער צייט האט ער איבערגעלאָזען אין טױלערי א מאַניפעסט, אין וועלכען ער האט בעשולדיגט דיא נאַציאָנאַל־פערזאמלונג אין אלע אונרוהען, האט פראָ־טעסטירט געגען דיא רעוואָלוציאָן, האט זיך בעקלאָגט, דאס ער קען נעבעך ניט אויסקומען מיט 25 מיליאָן פראנק יעהרליכע געהאַלט וואס דיא נאַציאָנאַל־פערזאמלונג האט איהם בעשטימט א. ז. וו. אבער דאס פאלק האט איהם געגלויבט אויפ׳ן וואָרט, און נאכדעם וויא זיין בריעף צום פרינץ קאָנדע איז געוועזן אָפּגעדרוקט, האט מען וועניגער געהיט דעם קעניגליכען פאלאַץ.

דער קעניג האט דאס גאַנץ גוט בענוצט, און פיער טעג נאָך דיא פערעפענטליכונג פון דעם בריעף צום פרינץ קאָנדע האט ער אין מיט׳ן נאכט געמאכט א פליטה מיט זיין ווייב, זיין זוהן, זיין טאָכטער, זיין שוועסטער עליזאבעט און מאדאם טורצעל, דיא לעה־רערין פון זיינע קינדער. זיי האבען זיך איינציגווייז ארויסגעגנב׳עט, אָנגעטאָן אין פּראָסטע קליידער, אום ניט ארויפצוציהען דעם חשד פון דיא נאַציאָנאַל־גוואַרדיסטען, וועלכע האבען געהיט דעם פאלאַץ אויף דעם בעפעהל פון גענעראַל לאַפאיעט. זיי זיינען אלע צוגעקומען צו א גרויסע אַלט־מאָדישע קארעטע, וועלכע האט געוואַרט אויף זיי ניט וויים פון פאלאַץ, און זיינען זיך רוהיג אוועקגעפאָהרען מיט פאלשע פאספּאָרטען. מאדאם טורצעל האט זיך גערופען דיא רוסישע פירשטין קאָרף; דער קעניג האט זיך ארויסגעשטעלט אלס איהר קאַ־מערדיענער, דיא קעניגין און דיא פּרינצעסין עליזאבעט — אלס איהּ־רע בעגלייטערינס. זיי זיינען אבער ארויסגעפאָהרען מיט צוויי טעג שפּעטער, וויא דאס איז געוועזן אָפּגעמאכט מיט דעם גענעראַל בויע, און דאס האט שליסליך געהאָלפען צו כאַפּען דעם קעניג אויפ׳ן וועג.

דעם קעניג׳ס פליטה איז נאטירליך גלייך בעקאַנט געוואָרן אויף מאָרגען פריה, און דיא אויפרעגונג אין פאַריז איז געוועזן אונ־בערשרייבליך; בעזאָנדערס ווען מען האט זיך דערוואוסט פון דעם איבערגעלאָזענעם מאַניפעסט, וואו ער האט זיך ארויסגעצייגט אין זיין אמת׳ע געשטאַלט, אלס א צבועק און פיינלינג. דיא נאַציאָנאַל־פערזאמלונג האט זיך גלייך פערזאמעלט און האט זיך ערקלערט אלס

דיא איינצעלנע געזעצגעבענדע מאכט. דאס איז געווען, מיט אנדערע ווערטער, א'ן ערקלערונג, אז פראנקרייך איז א רעפובליק. לאפאיעט האט פאנאדערגעשיקט עסטאפעטען אין אלע עקען פראנקרייך מיט א בעפעהל פון דיא נאציאנאל-פערזאמלונג, אז מען זאל ארעסטירען דעם קעניג וואו מען וועט איהם געפינען.

דער קעניג איז זיך דערווייל צוגעפאהרען ניט ווייט פון דעם פלאץ, וואו דער גענעראל בויע האט אויף איהם געווארט מיט זיין חיל. דעם 22 אפריל אבענדס, אויף דער פאסט-סטאנציע סענטמענעהו, האט ער ארויסגעשטעקט זיין קאפ דורך'ן פענסטער פון קארעטע, אום אנצוטרייבען דיא פאסטאליאנען גיכער איינצושפאנען דיא פערד. און ווען דער פאסטמייסטער דרועט האט איהם דערזעהען, איז איהם גלייך אויפפאלענד געווארן דיא עהנליכקייט פון דעם רייזענדען מיט דעם קעניג'ס בילד אויף דיא פאפירענע געלט. ער האט זיך גענומען גוט צוקוקען און האט אויך דערקענט דיא קעניגין וועלכע ער האט געזעהען אין פאריז, וואו ער האט געדינט ביי דיא דראגונען. נון, דרועט איז געווען א יונגער און פייערדיגער רעוואלוציאנער. ער האט גלייך פערשטאנען, אז דער קעניג איז אנטלאפען פון פאריז, דען אין גאנץ פראנקרייך האט מען געוואוסט, אז דער קעניג קלייבט זיך צו אנטלויפען.

ער האט קיין ווארט ניט געזאגט און קיין מינוטע ניט פערלארען צו לאזען דיא זאך וויסען דיא נאציאנאל-גווארדיע פון שטעטעל. זיי האבען זיך שנעל צוזאמענגעקליבען און האבען זיך א לאז געטאן אויף פערד נאך דער קארעטע פון קעניג דורך א זייט-וועג. זיי זיינען אנגעקומען פריהער פאר דעם קעניג אין דער שטאט ווארען, און דרועט האט געהייסען אפהאקען דעם בריק, וועלכען דער קעניג האט געמוזט איבערפאהרען, ווען ער וואלט ארויסגעפאהרען פון ווארען. דעם מער פון שטאט האט מען אויף'ן שטעל אויפגעוועקט, און דיא נאציאנאל-גווארדיע צוזאמענגערופען. ווען דער קעניג איז אנגעקומען, האט דרועט אפגעהאלטען דיא קארעטע און האט פערלאנגט אין נאמען פון מער א פאס. אין דער צייט האבען שוין דיא גלאקען געוועקט וויא צו א שריפה, און אלע זיינען זיך שנעל צוזא-

מענגעלאָפּען און האבען ארומגערינגעלט דיא אנטלאָפענע. דער מער האט ערקלערט דעם קעניג, דאס מען האט איהם דערקענט און דאס ער טאָר ניט פאָהרען ווייטער. לודוויג האט אומזיסט געטענה'ט, אז ער איז נאך דער קעניג און אז מען מוז איהם געהאָרכען; אבער דער מער איז געבליבען ביי דאס זייניגע און האט ניט געהייסען דורכלאָזען דעם קעניג.

אין דער שטאָט איז געשטאַנען א באַטאַליאָן קאַוואַלעריע, און דיא אָפּיצירען האבען בעפאָהלען דיא סאָלדאַטען צו בעפאַלען דיא נאציאָנאל-גוואַרדיע און צו בעגלייטען דעם קעניג וואו ער דאַרף פאָהרען. ווען דיא סאָלדאַטען זיינען אַנגעקומען, האט זיי דער מער דערמאַנט, אז זיי האבען געשוואָרען טרייהייט צו דער נאציאָנאַל-פערזאַמלונג, און דיא סאָלדאַטען זיינען געבליבען שטיין. דיא גלאָ־קען האבען דערוויילע צוזאַמענגערופען א מאַסע מענשען פון דיא ארומיגע דערפער, און אלע זיינען געווען אויף דער זייט פון דרוע און פון דעם מער. ווען דער קעניג האט דערזעהען, אז עס האלט שמאָל, האט ער ארומגענומען דעם מער און האט זיך אַנגעפאַנגען צו בעט־טען, אז מען זאל איהם לאָזען פאָהרען, דען אין פּאריז וויל מען איהם ערמאָרדען. דיא קעניגין האט געצייגט דעם עולם איהר זוהן און האט מיט טרערען אין דיא אויגען געבעטען אז מען זאל זיי ניט שיקען צוריק אין פּאריז. אבער דער מער האט זיך ניט געלאָזט איבערריי־דען. דערוויילע איז געוואָרן טאָג און עס איז גראַדע אַנגעקומען א'ן עסטאַפעט פון גענעראל לאַפאַיעט מיט דעם אלגעמיינעם בעפעהל צו פערהאַפטען דעם קעניג.

אין דער זעלבער מינוט האט מען א דריי געטאָן דעם וואָגען און אונטער דיא בעגלייטונג פון דיא נאציאָנאַל-גוואַרדיע און א סך איינוואָהנער האט מען זיך א לאָז געטאָן נאך פּאריז. ווען דער גע־נעראל בויע האט זיך דערוואוסט פון דעם קעניג'ס פערהאַפטונג, האט ער, אויסער זיך פון כעס און ערגערניס, זיך א יאָג געטאָן מיט זיינע באַטאַליאָנען; אבער עס איז שוין געווען צו שפּעט.

וויא אזוי פּאריז האט עמפּפאַנגען דעם קעניג, קען מען זיך פאָרשטעלען נאך דיא אויפשריפטען, וועלכע זיינען געווען אויסגע־

שטעלט אין אלע גאסען און וועלבע האבען געלויטעט: „ווער עס וועט בעגריסען לודוויג דעם זעכצעהנטען, וועט געשמיסען ווערן; ווער עס וועט איהם בעליידיגען, זאל געהאנגען ווערן“. עס האט דארום געהערשט דיא שטילקייט פון א קבר, ווען דער קעניג איז דורכגע־פאָהרען; און דאס האט געמאכט א שרעקליכען איינדרוק אויף דיא גאנצע קעניגליבע פאמיליע.

ווען לודוויג איז אָנגעקומען אין טוילערי־פאלאץ, האט ער געזאָגט צו זיין קאמער־דיענער: „אָט האב איך געמאכט א דומע רייזע!“ אבער ווען ער וואָלט געקענט פאראויסזעהען, אז דיזע רייזע וועט ארויסרופען א שטארקע רעפובליקאנישע בעוועגונג און וועט איהם פיהרען צום עשאפאָט, וואלט ער אנדערש גערעדט.

זיעבענצעהנטער קאפיטעל.

דער פראָצעס און דער טויט פון קעניג אויף׳ן עשאפאָט.

דער וויכטיגסטער רעזולטאט, וואס דער אנטלויפען פון דעם קעניג האט געהאט, איז געווען דיא גריגדונג און פערברייטונג פון א עכט רעפובליקאנישע פארטיי. מיר האבען געזעהען, דאס אין דיא ערשטע צייטען פון דיא רעוואָלוציאָן זיינען אפילו קאמיל־דעמולען, מאראט, דאנטאָן, ראָבעספיער קיינע רעפובליקאנער געווען. מען האט נור פערלאנגט, אז דער קעניג זאל אויפריכטיג אָננעהמען דיא נייע איינפיהרונגען און זאל קיינע שטערונגען מאכען. דיא שטענדי־גע אינטריגען פון דעם קעניגליבען הויף, דיא פלענער צו אנטלויפען נאך אויסלאנד און איבערהויפט דיא פעררעטהערישע מאניפעסטען פון דעם קעניג האבען ארויסגערופען אזא שטארקען געפיהל פון פער־אכטונג און עקעל צו לודוויג דעם זעכצעהנטען, דאס ראָבעספיער און דאנטאָן זיינען אויף מאָרגען נאך דעם קעניג׳ס פליטה ארויסגעטראָ־

טען מיט זייער געוויינליכע ענערגיע און היץ געגען דאס גאנצע קעניגטהום און פאר א רעפובליק.

דער קאמפף צווישען דיא אָנהענגער פון דיא אַלטע מלוכה און דיא אָנהענגער פון דער רעוואָלוציאָן איז געוואָרן אַלץ שארפער און געפעהרליכער. דער קעניגליכער הויף און דיא אריסטאָקראַטען האָבען ארויפגעלייגט זייערע לעצטע האָפנונגען אויף דיא הילפע פון אויסלענדישע חיל און האבען געהאַלטען אין איין אינטריגירען און אונטערקויפען דיא רעוואָלוציאָנערען וואס האבען געהאַט א שטיקעל דעה אין דער נאציאָנאַל־פערזאמלונג אדער אין דיא קלובס. דאס פערדאכט פון פאָלק איז דארום אויפגערעגט געוואָרן ביז דעם העכסטען גראַד, און ראָבעספיער איז ענדליך געוואָרן דער אמת׳ער בעפעהלגעבער פון פראנקרייך נור צוליעב דעם, וואס ער איז בעקאנט געווען אלס דער „אונבעשטעכליכער“, דאס הייסט: וואס לאָזט זיך ניט אונטערקויפען און אונטערשמייכלען און בלייבט שטענדיג טריי זיינע אידעען און דער זאכע פון פאלק. דערמיט ערקלערט זיך אויך, ווארום אזוי פיעל מענשען זיינען געקעפט געוואָרן אויף דער גיליאָטינע, אָבגלייך זיי זיינען געווען אדער גאר אונשולדיג, אדער זייער גאנצער פערברעך איז געווען, דאס זיי האבען ניט געשטימט מיט דיא הייסע רעוואָלוציאָנערען.

איבערהויפט האט אויפגערעגט דעם כעס און האס פון פאלק דער אָנגריף פון עסטרייך און פרייסען מיט דעם צוועק צו בעפאלען פאריז, בעפרייען דעם קעניג און פערניכטען אלעם וואס דיא רעוואָלוציאָן האט אויפגעטאָן. קיין פאלק ערלויבט ניט א פרעמדעם פאלק זיך אריינצומישען אין זיינע זאכען; און דיא פראנצויזען זיינען פילייכט דאס הייסעסטע פאטריאָטישע פאָלק אין דער וועלט. דער קאמפף צווישען דאס רעוואָלוציאָנערע פראנקרייך און דיא קעניגע פון אויראָפּאַ איז געווען אויף טויט און לעבען; און עס איז קיין וואונדער ניט, דאס פון אלע עקען פראנקרייך האט מען זיך א לאָז געטאָן צו בעשיצען דאס פאטערלאנד, איבערהויפט נאך דעם, וויא דיא נאַציאָנאַל־פערזאמלונג האט אין יולי 1792 ערקלערט, אז דאס „פאטערלאנד איז אין געפאהר“.

דאס לעבען פון קעניג איז דאַן שטענדיג געהאנגען אויף א האָר.

דעם 20 יוני 1792 האבען זיך א מאַסע מענשען פון דיא רעוואָלו־ציאָנערע פאַריזער פאָרשטעט צוזאמענגעקליבען מיט אויפשריפטען אויף זייערע פאָהנען: „ניעדער מיט דעם קעניג!“, „פרייהייט אדער טויט!“, „דאס פאלק איז שוין מיעד געוואָרן צו ליידען!“. אייניגע האבען געטראָגען א פאָר צוריסענע הייזען אויף א שטאַנג מיט דער אויפשריפט „עס לעבע דיא סאנקיולאָטען!“. וויא פיעל מענשען עס האבען זיך געקענט אריינכאפּען אין פאַלאַץ, האבען עס ניט פער־פעהלט צו טאָן און האבען געפאָדערט מיט שאַרפע ווערטער, אז דער קעניג זאל אָננעהמען אלע בעשליסע פון דער נאציאָנאל־פער־זאמלונג. ער האט זיך ענטזאָגט דאס צו טאָן מיט דער אויסריידע אז עס איז ניט דיא ריכטיגע צייט. איין מאַן פון פאָלק האט איהם דערלאַנגט א רויטע מיצקע (דיא רעפּובליקאנישע פריגישע היטעל) אויף א פיקע, און ער האט עס אָנגעטאָן. איין אַנדערער האט איהם געגעבען א ביסעל שנאַפּס פון זיין פלעשעלע, און דער קעניג האט עס געטרונקען. דאס האט ארויסגערופען געלעכטער און בראַוואָס, און דערווייל האט דאס פאלק פערגעסען נאך וואס מען איז געקומען.

דעם 10־טען אויגוסט 1792 יאהר איז דאס פאלק ווידער בעפאלען דעם פאַלאַץ טיולערי. דיזעס מאָל איז דיא זאך געווען פיעל ערנסטער און רעוואָלוציאָנערער. מען האט אָנגעפאנגען צו שטורמען טיולערי, און דער קעניג מיט דער קעניגין זיינען אַנטלאָפען אין דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג, בעגלייטעט פון 300 שווייצער און 300 נאציאָנאל־גוואַרדיסטען. צווישען דיא איבערגעבליבענע שווייצער און דעם פאלק איז ענטשטאַנען א בלוטיגער געשלעג, וועלכער האט זיך געענדיגט מיט א פאָר טויזענד טויטע פוןביידע זייטען. א סך אריסטאָקראַטען זיינען דערביי אומגעקומען. אייניגע פון פאלק האָ־בען געוועלט אויסהרג'ענען דיא האָף־דאַמען, וועלכע האבען אינטרי־גירט געגען דיא רעוואָלוציאָן; אבער פון אלע זייטען האט מען אויס־געשריען: „שענדעט ניט דיא נאַציאָן! גנאַדע צו דיא פרויען!“ און זיי זיינען געבליבען לעבען. פיעלע קונסט־זאכען האט מען אין דעם קאמפף צובראָכען; אבער אלע היסטאָריקער זאָגען אין איין קול, אז

קיין זאך האט מען ניט גענגב׳עט. דיא מערקווירדיגע עהרליכקייט און ערנסטקייט פון פאריזער ארבייטער־פאלק האבען זיך אלע מאל בעזאָנדערס ארויסגעוויזען אין דיא רעוואָלוציאָנערע טעג, ווען יעדער האט געקענט טאָן וואס ער וויל.

אין דער נאציאָנאל־פערזאמלונג איז באלד געקומען א דעפּוטאַ־ציאָן פון פאלק און פון פאריזער ראטהויז מיט א פאָהן, אויף וועלכע עס איז געווען אָנגעשריבען: „פאטערלאנד, פרייהייט, גלייכהייט!“ זיי האבען געפאָדערט אָפּצושאַפען דעם קעניג. דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג אדער קאָנווענט האט אליין ניט געוואוסט וואס מען זאל דאָ טאָן. ענדליך האט מען בעשלאָסען דעם קעניג צו ענטזאגען, קיין געהאלט איהם מעהר ניט צו צאָהלען און זיין זוהן צו געבען א׳ן ערציה־ער. דיא קעניגליכע פאמיליע האט מען איבערגעפיהרט אין א גרויסען אלטען שלאָס, וואס מען האט גערופען טעמפּעל, ווייל פריהער האָ־בען דאָרטען געוואָהנט דיא טעמפּעל־ריטטער (דאס זיינען געווען ריט־טער, וואס האבען געקעמפּפט געגען דיא מאהאָמעדאנער אין ארץ ישראל). דאָרטען פלעגט מען פיינינען דיא אָפּפער פון דיא קעניגע אין פריהערע צייטען.

דעם פאל פון דעם קעניג האט מען אין גאנץ פראנקרייך אָנ־גענומען אָהן ווידערשטאנד, אבער אויך אָהן בעגייסטערונג. אין פאריז האט מען גלייך אָנגעפאנגען צו פאָדערן, אז מען זאל דעם קעניג משפּט׳ן און קעפּען. דיא לאגע איז געווען זעהר א געפעהרליכע. עסטרייכישע און פּרייסישע סאָלדאטען זיינען בעפאלען פראנקרייך און האבען געהאלטען אין איינגעהמען דיא פעסטונג ווערדיון, וואס וואלט זיי געעפענט א וועג צו פאריז. דיא טרויעריגע נייעס האבען געווירקט, אזוי וויא א דונער איבער׳ן קאָפּ און איין ערדציטערניס אונטער דיא פיס. פון אלע זייטען זיינען זיך צוזאמענגעלאָפען ביר־גער, פערלאנגענדיג מען זאל זיי שיקען אויף׳ן שלאכט־פעלד צו פער־טהיידיגען דאס פאטערלאנד געגען דעם אויסלענדישען שונא. און אין דער צייט, ווען דיזע העלדישע בירגער האבען זיך מיט פערצווייפ־לונג געשלאָגען און האבען צוריקגעשטויסען דעם פיינד אין דער בע־ריהמטער שלאכט ביי וואלמי, זיינען דיא איבערגעבליבענע פאַ־

טריאָטען, וויא דיא הייסע רעוואָלוציאָנערען האבען זיך דאן גערופען, בעפאלען דיא אריסטאָקראטען און דיא פיינדע פון דרע רעפובליק, וועלכע מען האט אין דער צייט מאסענהאפט ארעסטירט, און האָבען טויזענדע פון זיי אויסגעשלאַכטעט. דאס האט פאסירט אין אָנפאַנג פון מאָנאַט סעפּטעמבער 1792 יאהר, און דיזע צייט איז געבליבען בעקאָנט אין דער געשיכטע אונטער דעם טרויעריגען נאָמען „דיא בלוטיגע סעפטעמבער־טעג".

דאס איז אויך געווען דער אָנפאַנג פון טעררא̈ר אדער שרעקענסצייטען, וועלכע האבען זיך געענדיגט מיט דעם פאל און טויט פון ראָבעספּיער אין 1794. דער קעניג וואלט געווים געהאט אזא ביטערן סוף, וויא זיינע אָנהענגער אין דיא שרעקליכע סעפּטעמבער־טעג, ווען דער טעמפּעל וואלט ניט געווען שטארק בעוואכט פון דיא נאציאָנאל־גוואַרדיע. דיא רעוואָלוציאָנערע רעגירונג האט דערווײלע געקליבען בעשולדיגונגס־בעווייזע געגען דעם קעניג מיט דעם גרעסטען פלייס. צו לודוויג'ס אונגליק האט מען אויסגעפונען אין טיולערי א'ן אייזערנע קעסטעלע, וואו ער פלעגט האלטען זיין געהיימע קאָרעספּאָנדענץ. דאָרט האט מען געקראָגען מעהר בעווייזע, וויא מען האט געהאָפט, אז ער האט געמאכט פערשווערונגען געגען דאס פאטערלאַנד און האט אונטערגעקויפט א סך מענשען. דאָן האט מען עס אויסגעפונען, אז דער געניאלער מיראבאָ האט זיך אויך געלאָזען אונטערקויפען.

דיא פאָדערונגען צו משפּט'ן דעם קעניג, וועמען מען האט שוין גערופען לודוויג קאפּעט נאך דעם אלטען נאָמען פון דיא פראנצויזישע קעניגליכע פאמיליע, איז דארום געוואָרן אזוי גרויס, דאס דער קאָנווענט האט געמוזט אָנפאַנגען א פּראָצעס נאך לאַנגע און פייערדיגע דעבאטען. דיא הויפט בעשולדיגונג איז געווען, דאס דער קעניג איז געווען אין פערבינדונג מיט דיא קעניגע פון עסטרייך און פרייסען און דאס ער האט דארום פעררא̈טהען דאס פאטערלאַנד. דאס געריכט איז געווען דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג גופא. דער פּראָצעס האט זיך אָנגעפאַנגען דעם 11־טען דעצעמבער און האט זיך געענדיגט דעם 18־טען יאנואר מיט א טאָדעס־אורטהייל.

פון דיא 726 דעפוטאטען האבען 361 (דיא נויטיגע מאַיאָריטעט) געשטימט פאר דעם טויט אָהן שום בעשרענקונגען, 46 — פאר דעם טויט אָהן א הינריכטונג, 26 — פאר טויט מיט דעם וואונש, אז מען זאל דיא שטראָף אָפּלייגען, 286 — פאר געפענגניס אדער פערשיקען, 2 — פאר גאַלערען־ארבייט. נור 5 דעפּוטאטען האבען זיך אָפּגע־האַלטען פון שטימען. יעדערער האט געמוזט קלאָר און אָפען אויס־דריקען זיין אורטהייל.

ווען דער קעניג איז געבראַכט געוואָרן פון טעמפּעל אין קאָנ־ווענט אין דער בעגלייטונג פון 600 נאַציאָנאַל־גווארדיסטען, האט איהם דער פּרעזידענט באַרער געזאָגט: „לודוויג, דיא פראַנצוי־זישע נאַציאָן קלאָגט אייך אָן. מען וועט אייך פאָרלעזען דיא אַקטען, וועלכע ענטהאַלטען דיא טהאַטזאַכען. לודוויג, זעצט זיך“.

נאָך דער פאָרלעזונג האט דער קעניג געלייקענט, דאס ער וויים פון דיא אייזערנע קעסטעלע. דיזער ליגען האט אזוי אויפגע־בראַכט דיא דעפּוטאטען, דאס מען האט בעשלאָסען אָפּצוטהיילען איהם פון זיין פרוי און קינדער. ווען מען האט איהם אוועקגעפיהרט צוריק אין טעמפּעל, האט דאס פאלק געשריען: „עס לעבע דיא רע־פובליק!“ דיא גאַלערען פון קאָנווענט זיינען געווען בעלאַגערט מיט פּאַטריאָטען, וועלכע האבען מיט זייערע קולות אויפגעמונטערט דיא ראַדיקאַלע דעפּוטאטען און ארויפגעיאָגט א שרעק אויף דיא געמע־סיגטע דעפּוטאטען. דיא דעבאַטען מיט דעם קעניג׳ס אדוואָקאט דעזעז און צווישען דיא דעפּוטאטען האבען זיך געצויגען לאַנג; דיא אָבשטימונג האט געדויערט 3 טעג; און שליסליך האט זיך ארויס־געשטעלט אז פון 720 דעפּוטאטען האבען 683 געענטפערט „שולדיג“ אויף דיא הויפּט־פראַגע: „איז לודוויג קאַפּעט שולדיג אין א פער־שווערונג געגען דיא פרייהייט פון דער נאַציאָן און אין איין אַטענטאַט אויף דיא אַלגעמיינע זיכערהייט פון שטאַאַט?“

דער טויט־אורטהייל איז דורכגעפיהרט געוואָרן דעם 21־טען יאַנואַר 1793 יאהר, אום 10 אוהר מאָרגענס, אויף דעם פּלאַץ פון דיא רעוואָלוציאָן, געגענאיבער דעם פּאַלאַץ טיולערי (איצטער הייסט דיזער אָרט: „פּלאַץ פון איבעראיינשטימונג“ [Place de la Concorde].

ביז 40 טויזענד בעוואפענטע מענער זיינען געשטאַנען אַרום דעם עשאַפאָט; אבער דאס פאלק איז געווען אין דיזען טאָג רוהיגער וויא געוויינליך. דער קעניג האט זיך העפטיג געוועהרט און האט זיך ניט געלאָזען בינדען. דער גייסטליכער האט איהם איינגערעט צו האַלטען זיך רוהיג; אבער ער איז געווען אויפגערעגט און זיין געזיכט רויט פון כעס אויף דיא אונהעפליכע הענקערס.

ער איז אליין ארויף אויף דעם עשאַפאָט און האט געזאָגט: „פראַנצויזען! איך שטאַרב אונשולדיג אין דעם פערברעכען, וואס מען שרייבט מיר צו. איך פערצייה מיינע ריכטער און ווינש, אז מיין בלוט זאל קנעטען דעם גליק פון פראַנקרייך!" גלייך נאכדעם האָבען זיך געהערט קלעפּ פון באַראַבאַנען, דיא הענקערס האבען אָנגענומען דעם קעניג, און זיין קאָפּ איז באַלד אראָפּגעפאַלען אונטער דעם שרעקליכען מעסער פון דער גיליאָטינע, וועלכע האט געהאקט קעפּ אָהן א׳ן אויפהער אין דער צייט פון טעררער.

ענדע פון ערשטען טהייל.

צווייטער טהייל.

ערשטער קאפּיטעל.

דיא בלוט־פערגיסונג אויף דעם מארס־פעלד.

שילדערנדיג דעם טראַגישען סוף פון לודוויג XVI, האָבען מיר אייניגע פּאַסירונגען נאר פארבייגעהענדיג דערמאָנט און אנדערע אין גאנצען דורכגעלאָזען. מיר האָבען געוועלט פאָרשטעלען אין איין בילד דיזע גרויסע היסטאָרישע טראגעדיע: דיא פּליטה, דיא ארונטערזעצונג, דעם פּראָצעס און דיא היגריכטונג פון דעם קעניג, און מיר האָבען זיך ניט געקענט אָפּשטעלען אויף אייגצעלהייטען. ספּעציעל האָבען מיר ניט געקענט פאָרשטעלען צוגלייך דיא שטימונג פון פאָלק, וועלכער האָט דאָס אלעס געפאָרדערט און אויסגעפיהרט. מיר וועלען דארום יעצט בעטראַכטען דיא מערקווירדיגע רעוואָלוציאָן, וועלכע איז אזוי שנעל פאָרגעקומען אין דיא הערצער און מוחות פון דיא פאָלקסמאַסען; מיר וועלען נאכזוכען וויא אזוי דאָס מאָנארכיסטישע פראנקרייך איז אומגעוואנדעלט געוואָרן אין אַ רעפּובליקאנישע.

פון דעם קעניג׳ס פּליטה (21 יוני 1791) ביז זיין הינריכטונג (21 יאנואר 1793) זיינען סך הכל פאָריבער 19 מאָנאַט; אבער אין דיזער קורצער צייט האָט זיך אַ וועלט איבערגעקעהרט ניט נאר אין פראנקרייך, זאנדערן אויך אין גאַנץ אייראָפּאַ. נאָר גרויסע רעוואָ־לוציאָנען קענען אזוי שנעל ארויסרופען אזעלכע גרויסע און וויכטיגע סאָציאַל־פּאָליטישע ענדערונגען. אין איין רעוואָלוציאָנערען טאָג ווערן געשטירצט און פערניכטעט איינריכטונגען פון טויזענדער יאָהרען. ביי אַ גרויסע רעוואָלוציאָן האָט מען ווייניג צייט נאכצודענקען. מען האנדעלט נאָך דיא געפיהלען און פאָרדערונגען פון דער מינוט. מען

לעבט וויא אין א ברויזענדען ים, וואָס וואַרפט זיינע ריזיגע און אַלעס־צושמעטערנדע וועללען, דאָ אויפהויבענדיג איין פּאָליטישע שיפעל, דאָ ארונטערשליידערנדיג און פערניכטענדיג אנדערע. דיא פיהרערס אליין וועדן געטריבען פון דיא פּאַסירונגען, וועלכע יאָגען איינע דיא אַנדערע מיט א גוואַלדיגע קראַפט. דער אָנפיהרער, וואָס ווערט היינט געהויבען ביז׳ן הימעל און איינפאך פערגעטערט פון פאָלק, ווייל דער רעוואָ־לוציאָנערער שטאָרם טראָגט איהם גראדע פאָרויס, קען מאָרגען צוטראָטען ווערן אונטער דיא פיס וויא א וואָרעם, ווייל ער שווימט גראדע געגען דיזען מעכטיגען שטאָרם.

דיא גרויסע פראנצויזישע רעוואָלוציאָן ליפערט אונז דיא מערק־ווירדיגסטע ביישפּיעלע פון אזעלכע שנעלע ענדערונגען און איבער־קעהרעניסען, וויא מיר וועלען עס זעהען אין דיא נעכסטע קאפּיטלעך. דערווייל לאָמיר זיך צוריק קעהרען צו דער צייט, ווען לודוויג XVI איז געפאנגען געוואָרן נאך זיין פליטה פון פאריז. מיר האָבען שוין בעמערקט, אז דיא פליטה, וועלכע לודוויג XVI אליין האָט אָנגערופען „דומע רייזע", האָט געפיהרט צו דער גרינדונג פון אן עכט־רע־פובליקאנישע פּארטיי. נאָר דיזע פּארטיי איז נאך געווען צו שוואך צו צווינגען דיא נאַציאָנאל - פערזאמלונג ארונטערצוזעצען דעם קעניג. מען האָט איהם סוספּענדירט פון זיין אַמט און בעוואַכט אין טיולעריי־פּאַלאַץ; אבער באלד האָט דיא נאַציאָנאל־פערזאמלונג ארויסגעלאָזען אן אויפרוף צום פּאָלק, אז דער קעניג איז פערפיהרט געוואָרן פון דעם פּאָלק׳ס פיינדע. מיט דיזער פוסטער אויסרייד האָט מען געמיינט ריינוואשען דעם קעניג, אז ער זאָל ווייטער קענען בלייבען זיצען אויף דעם טראָן, וועלכער האָט שוין אייגענטליך עקזיסטירט נאר אויפ׳ן פּאַפּיר.

ראָבעספּיער האָט נאָך דעם 21 יוני שאַרף אָנגעגריפען דעם קעניג אויף א פערזאמלונג אין יאַקאָבינער קלוב און האט אויך בע־שולדיגט דיא נאַציאָנאלע פערזאמלונג אין האָכפערראַטה, ווייל זיא האָט ערקלערט דעם קעניג׳ס פליטה פאר א פערפיהרונג. דיזער מערקווירדיגער מאַן, מיט וועמעס טויט אויפ׳ן עשאַפאָט עס האט זיך אייגענטליך געענדיגט דיא אמת׳ע רעוואָלוציאָנערע צייט, איז

שוין געוועז זעהר בעליעבט פון פאָלק און האָט אָנגעפיהרט דיא יאַ־קאָבינער. נאָך איהם האָט געשפּראָכען דאנטאָן, דער מעכטיגער רעדנער און פייערדיגער רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט שוין אָנגע־פאַנגען צו בעהערשען דיא פּאַריזער מאסען. ער האָט געדונערט געגען קעניג און האט אויך אָנגעגריפען גענעראַל לאפאיעט, וועלכער איז נאָך פערגעטערט געוועז פון דער נאציאָנאַל־גוואַרדיע און פון פאָלק.

דיא גרעססטע אויפרעגונג האט געהערשט אין גאַנץ פראַנקרייך. אין פיעלע ערטער האט דאס פאָלק אויסגעלאָזען דעם כעס צו דיא אַדעליגע, וועלכע האָבען גענומען אין שרעק אלץ מעהר אויסוואַנדערן נאָך אויסלאנד. דיא רעפּובליקאַנער פּאַרטיי האט אין דער צייט צו־געקראָגען אלץ מעהר אנהענגער אי אין דער נאציאָנאַל־פערזאמלונג, אי בעזאָנדערס אין דיא אַרבייטער־מאסען. דיא רעפּובליקאַנער האבען פערלאַנגט מען זאָל פּראָצעסירען דעם קעניג פאר זיין פליטה. זיי וואָלטען עס פּיליכט אויסגעפיהרט, ווען באַרנאַוו, איינער פון דיא בעסטע רעדנער און שטאַרקסטער פיהרער אין דער נאציאָנאַל־פער־זאמלונג, וואָלט ניט פעררעטען דיא דעמאָקראַטישע פּאַרטיי צוליעב דיא שעהנע אויגען פון דער קעניגין מאַריע אַנטואַנעטע. ער האָט צוגעצויגען צו זיך אַנדערע דעפּוטאַטען, וועלכע האָבען זיך דיא ערשטע צייט אויסגעצייכענט אין דעם קאַמפּף געגען דיא אַלטע מאָנאַרכיע. זיי זיינען געוועזן דיא פיהרערס אין דעם קלוב, וואס האט געהאַלטען זיינע זיצונגען אין דעם קלויסטער פון דיא פויאַנטען, און זיי האָבען דערפאַר געקראָגען דעם נאָמען פויאַנטען. באַרנאַוו האט געהאַלטען אַ לאַנגע רעדע, אַז מען דאַרף ניט פּראָצעסירען דעם קעניג פאר זיין פליטה נאָך וואַרען. דיא אַנדערע פויאַנטען און אַלע געמעסיגטע און שרעקענדיגע דעפּוטאַטען האָבען איהם אונטערשטיצט און דיא נאַ־ציאָנאַל־פערזאמלונג האָט זיך געלאָזט פון זיי איינריידען, אַז דער קעניג וועט שוין האַלטען זיין שבועה צו בלייבען טריי דער קאָנסטי־טוציאָן. דארום האָט זיא דעם 16 יולי 1791 ערקלערט, אַז לודוויג XVI בלייבט קעניג.

עס איז שווער צו זאגען, אויב דיא נאַציאָנאַל־פערזאמלונג האט געטאָן אַ טובה דעם קעניג מיט דיזער ערקלערונג, דען ווען זיא

וואָלט איהם גלייך אראָפּגעזעצט, קען זיין, אז זיין קאָפּ וואָלט ניט געפאלען אונטער דעם מעסער פון דער גיליאָטינע. מען וואלט פער־שפּאָרט פיעלע אונרוהען און בלוטפערגיסען, און דיא רעפּובליק וואָלט אויסגעמיידעט דעם טעראָר אָדער דיא שרעקענס־צייט פון 1793. אזוי האָט זיך אָנגעפאנגען א קאמפּף געגען דיא מאָנארכיע, וועלכער איז מיט יעדען טאָג אַלץ שאַרפער און ביטערער געוואָרען דורך דיא אריינמישונג פון אויסלענדישע קעניגע צו רעטען לודוויג XVI און איינצופיהרען דיא אלטע אָרדנונג. דעם זעלבען טאָג, ווען דיא פויאַנטען האָבען אויסגעפיהרט, אז לודוויג XVI זאָל פערבלייבען קעניג, האָט מען אין יאקאָבינער קלוב פערפאסט א פּעטיציאָן, אז מען זאָל ארונטערזעצען דעם קעניג. דיזע פּעטיציאָן האָט מען אויס־געקלעפּט אויף דיא ווענט און אויפגעפאָדערט דעם פאָלק צוזאמענ־צוקומען זיך אויף דעם מארס־פעלד איהר צו אונטערשטיצען און אונטערשרייבען.

גלייך אויף מאָרגען, דעם 17 יולי, האָט זיך א גרויסע מאסע אָפּגערופען אויף דיזע אויפפאָדערונג. אויף דעם מארס־פעלד האָט מען אויפגעשטעלט א'ן אלטאר (מזבח) פון פאטערלאנד, וואו דאנטאָן האָט מיט זיין דונערנדע שטימע פאָרגעלעזען דיא פּעטיציאָן. ער און קאמיל דעמולען זיינען דעם טאָג געווען דיא פיהרערס פון דיא רעוואָלוציאָנערע מאסען, וועלכע האָבען פערגאָסען זייער בלוט ביי דעם שטורם פון דער באסטיליע. מען האט אַלץ שטארקער גענומען שרייען: „פערטרייבט דיא בורבאָנען! ניעדער מיט דער נאציאָנאַל־פערזאמלונג!" דאָס פאָלק איז געווען זעהר אויפגערעגט. דאנטאָן וואָלט געוויס געפיהרט דיא פערזאמעלטע מאסע נאך טיולערי צו פעריאָגען דעם קעניג, ווען דער בירגערמייסטער באיאי און גענעראל לאפאיעט וואָלטען ניט אָנגעקומען מיט צוויי באטאליאָנען נאצי־אָנאל־גווארדיע, מיט א רעגימענט גרענאדירען און מיט קאנאָנען.

ווען דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג האָט ערפאהרען וועגען דער מאניפעסטאציאָן אויף דעם מארס־פעלד, האָט זיא בעפוילען דער מוניציפּאליטעט פון פּאריז ניט צו דערלאָזען אונטערשרייבען דיא פּעטיציאָן. דיזעס מאָל איז שוין דאס פּאריזער פאָלק ארויסגעטראָטען

גענען דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג, ווייל זיא האָט געשטיצט דעם קעניג. דאָס איז געווען דער אָנפאנג פון דעם קאמפף צווישען דיא פאריזער רעוואָלוציאָנערן און דעם פארלאמענט, א קאמפף וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט דעם זיעג פון דער פאריזער שטאָטפערוואַל־טונג אדער קאָמונע.

פאָלגענדיג דעם בעפעהל פון דער נאציאָנאל־פערזאמלונג, האָט דער בירגערמייסטער באַיאי געהייסען קלינגען אין שטורם־גלאָק און ערקלערט קריעגס־געזעץ מיט א רויטע פאָהנע, וועלכע איז געווען דער צייכען פון קריעגס־צושטאנד, איז ער צוזאמען מיט שטאָט־פערטרעטער צוגעקומען צום מארס־פעלד און האָט אויפגעפאָדערט דיא מאסע זיך פאנאנדער צו געהן. מען האָט איהם אבער גע־ענטפערט מיט געשרייען: „ניעדער מיט דער רויטער פאָהן!“ און מיט שטיינער. דאן האָט לאפאיעט געהייסען דיא נאציאָנאל־גווארדיסטען שיסען צוערשט אין לופטען, נאכהער אין דער געדיכטער מענגע. פיעלע זיינען געפאלען טויט און פערוואונדעט. דיא מאסע האָט זיך ניט געריבט אויף אזא אטאקע און איז זיך צולאָפען מיט א ווילדען געשריי.

מען איז ביז יעצט ניט דערגאנגען דיא צאָהל פון דיא אָפפער אויף דעם מארס־פעלד. דיא פויאנטען האָבען בעהויפטעט, אז 30 מאן זיינען געטויטעט געוואָרן; דיא יאקאָבינער האָבען גערעכענט עטליכע הונדערט. יעדענפאלס זיינען דיא רעפובליקאנער דיזעס מאָל שטארק דורכגעפאלען; אבער זיי האָבען באלד ווידער אויפגעהויבען דעם קאָפּ. דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג האָט בעפוילען אן אונטערזוכונג מיט דעם צוועק צו בעשטראָפען דיא אָנפיהרער. דאנטאָן, קאמיל דעמולען און מאראט האָבען זיך דארום געמוזט בעהאלטען, שווע־רענדיג ראכע. מאראט האָט זיך געוואלגערט אין קעלערן, און ווען נור ער האָט געקענט ארויסלאָזען א נומער פון זיין צייטונג, האָט ער פייערדיג אָנגעגריפען גענעראל לאפאיעט און דעם בירגערמייסטער באַיאי. אזוי וויא דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג האָט ניט געוועלט צו פיעל איינרייסען מיט דער פאריזער בעפעלקערונג און מיט דיא יא־קאָבינער, וועלכע האָבען זיך אלץ מעהר און פעסטער אָרגאניזירט אין גאנץ פראנקרייך, און אזוי וויא ער האָט אויך בעדארפט ענדיגען דיא פער־

פאסונג פון דער קאָנסטיטוציאָן, האָט זיא באלד צו רוהע געלאָזען דיא פיהרערס פון דער רעפּובליקאַנישער דעמאָנסטראציאָן אויף דעם מארס־פעלד. דיא רעוואָלוציאָנערע אָנפיהרערס האָבען זיך דארום גע־נומען וויעדער בעווייזען אויף פערזאמלונגען, וואו דאנטאָן האָט ניט אויפגעהערט צו דונערן געגען דעם קעניג און אלע מאָנארכיסטען.

צווייטער קאפּיטעל.

דיא קאָנסטיטוציאָן, דער קעניג און דאס פאָלק.

אין דער צייט, ווען דיא רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג איז אלץ קרעפטיגער געוואָרען אין פראנקרייך, האָבען דיא אנטלאָפענע אדע־ליגע און אנהענגער פון דער אלטער אָרדנונג אנגעפאנגען זיך צו אָרגאניזירען מיליטעריש, אום צו מארשירען נאָך פאריז און אויסצו־ראָטען דיא רעפּובליקאַנער און רעוואָלוציאָנערען, וועלכע זיי האבען גערופען סאנקיולאָטען, און צוריק צו דרייהען דיא ראָד פון פּראָגרעס, דאס הייסט איינצופיהרען דיא אלטע מאָנארכיע מיט גאָטעס גנאדע. זייער הויפּט־פונקט איז געווען אין דער דייטשער שטאָט קאָבלענץ, וואו זיי האָבען ערקלערט דעם גראף פון פּראָוואנס פאר דעם רעגענט פון פראנקרייך ביז דער קעניג וועט ערלייזט ווערן פון זיין געפאנגענ־שאפט אין פאריז.

א טהייל פון דיזע אריסטאָקראטען האָט אינטריגירט אין אלע קעניגליכע הויפען פון אייראָפּא, אום צו בעוועגען דיא קעניגע זיך אנצונעהמען פאר זייער געפאנגענעם ברודער און צו דערשטיקען דיא רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט געסטראשעט זיך צו פערשפּרייטען איבעראל. דיא אדעליגע עמיגראנטען וואָלטען אליין ניט געווען געפעהרליך פאר דיא רעוואָלוציאָן, ווען זיי וואָלטען ניט אויסגעפיהרט, אז עסטרייך און פּרייסען זאָלען שיקען ארמעען געגען פראנקרייך. דעם 27 אויגוסט 1791 האָבען זיך לעאָפּאָלד II, קייזער פון עסטרייך, און פריעדריך

ווילהעלם II, קעניג פון פרייסען, צוזאמענגעטראפען אין פילניץ לעבען דרעזדען און האבען ארויסגעלאזען אן ערקלערונג צו אלע קעניגע, אז עס איז זייער געמיינשאפטליכער אינטערעס זיך צו פערבינדען געגען דאס רעוואלוציאנערע פראנקרייך און צו געבען דעם פראנצויזישען פאלק א „פאסענדע רעגירונג“. אונטער דיא ווערטער „פאסענדע רעגירונג“ האבען זיי נאטירליך פערשטאנען דיא אלטע מאנארכיע.

מיט דיזער זאגענאנטער פילניצער ערקלערונג האבען דיא קעניגע אנגעפאנגען דיא מלחמה, וועלכע האט געדויערט 23 יאהר און האט צורודערט גאנץ אייראפא. דאס פראנצויזישע פאלק האט מיט רעכט אנגענומען דיא פילניצער ערקלערונג פאר א קריעגס־ערקלערונג און האט זיך גענומען גרייטען צו א ריזיגען קאמפף. אפילו דיא פראנצויזען, וואס האבען ניט געשטימט מיט דיא יאקאבינער און דיא הייסע רעוואלוציאנערען, זיינען דאך אויפגערעגט געווארען, וואס אויסלענדער מישען זיך אריין אין אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון פראנקרייך, וואס געהענטער עס איז געווארען דיא געפאהר דורך דעם אנפאל פון אויסלענדישע ארמעען, אלץ שטארקער איז געוואקסען דער צארן פון פאלק געגען דיא אריסטאקראטען, וועלכע מען האט גערופען פעררעטהער, און געגען קעניג, וועלכער איז שטילערהייט נאטירליך געווען מיט זיי. דער קעניג, וועלכער איז אייגענטליך געווען אין זיין טיולערי־פאלאץ וויא אין א פאסטקע, האט זיין גאנצע האפנונג געלייגט אויף דיא הילפע פון אויסלאנד.

מען מוז גוט נעהמען אין אנבעטראכט דיא אויסלענדישע אריינמישונג, וועלכע האט ביז'ן העכסטען גראד ערוועקט דעם פאטריאטיזמוס פון פראנצויזישען פאלק, אום צו פערשטיין, ווארום מען האט גענומען אזא שרעקליכע ראכע פון אלע פערבליבענע אינערליכע פיינד פון דער רעוואלוציאן, ווארום מען האט געהאקט אזוי פיעל קעפ אויף דער גיליאטינע און איינגעפיהרט דעם טעראר אדער דיא שרעק־הערשאפט. עס איז געווארען א קאמפף אויף לעבען און טויט. ווען דיא אריסטאקראטען וואלטען זיך אריינגעריסען אין פאריז מיט דער הילפע פון דיא עסטרייכער און פרייסישע ארמעען, וואלטען זיי

געווים פערגאָסען טייבען בלוט. זייער ראַבע וואָלט נאָך געווען אַ שרעק־ליבערע, וויא דיא ראַבע פון דיא זאָ־גענאַנטע סאַנקיולאָטען. זיי האָבען עס ניט נאָר אָפען אַרויסגעזאָגט אין זייערע שריפטען און גע־שפּרעכען, זאָנדערן זיי האָבען עס אין דער ווירקליכקייט אויסגעפיהרט נאָך דעם פאַל פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען׳ס אימפּעריע אין 1814, ווען דיא אייראָפּעאישע קעניגע האָבען אַרויפגעזעצט אויף דעם פראַנ־צויזישען טראָן לודוויג׳ס ברודער. זיי האָבען דאַן איינגעפיהרט זייער שרעקענס־צייט, וועלכע ווערט בעצייכענט אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען „ווייסער טעראָר“.

דיא רעוואָלוציאָנערען האָבען עס גאַנץ גוט געפיהלט און געוואוסט. זיי האָבען קיין שוינונג, קיין מיטלייד ניט געקענט ערוואַרטען פון דיא אַריסטאָקראַטען און זיי האָבען אויך ניט געשוינט זייערע געגנער. אין דער שרעקליכער אויפרעגונג, וועלכע האָט דאַן אַלעמען אַרומגעכאַפּט, האָט מען פערגאָסען בלוט וויא וואַסער, מען האָט, קען מען זאָגען, פערלאָרען דעם מיטליידס־געפיהל.

דיא שרעקענס־צייט, דער רעוואָלוציאָנערער טעראָר, איז נאָך אַלעמען געווען אַ נאַטירליכער רעזולטאַט פון דעם אויסעראָרדענטליכען און פערצווייפעלטען צושטאַנד, אין וועלכען פראַנקרייך האָט זיך געפונען. דיא רעוואָלוציאָנערען האָבען אין דער זעלבער צייט געהאַט צו קעמפּפען מיט אַ מאַסע אינערליכע פיינד, וועלכע זיינען פערבליבען אין פראַנקרייך און האָבען אינטריגירט אין געהיים, און מיט גאַנץ אייראָפּאַ, וויא מיר וועלען דאָס זעהען ווייטער.

דערוויילע, עטליכע מאָנאַט נאָך דער בלוטפערגיסונג אויף דעם מאַרס־פעלד, איז געווען פערהעלטניסמעסיג רוהיג. דער אַנגעלערנטער און דערשראָקענער קעניג האָט געזוכט זיך גוט צו מאַכען מיט דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, וועלכע האָט איהם גערעטעט, און אויך צו צייגען דעם פאָלק, אַז ער וויל זיין אַן אמת׳ער קאָנסטיטוציאָנעלער קעניג. דיא נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג איז געווען ספּעציעל פערנומען מיט דער פערפאַסונג פון דער קאָנסטיטוציאָן, אום נאָכהער זיך אויפצולייזען, אַז דאָס פאָלק זאָל אויסוועהלען אַ נייעם פּאַרלאַמענט. און דיא רעוואָלוציאָנערען זיינען געווען בעשעפטיגט מיט אָרגאַניזירען

זייערע קרעפטע אין גאנצען לאנד און מיט פארבערייטונגען צו דיא נייע וואהלען.

דעם 3 סעפטעמבער 1791 האט דיא נאציאנאל־פערזאמלונג געענדיגט און אנגענומען דיא קאנסטיטוציאן. דען 13 סעפטעמבער האט דער קעניג געלאזט וויסען דורך א בריעף צו דער נאציאנאל־פערזאמלונג, אז ער נעהמט אן דיזע קאנסטיטוציאן און וועט איהר אויך פערטהיידיגען געגען דיא אויסלענדישע פיינד. דאס האט ארויסגערופען גרויסע פריידע צווישען דיא דעפוטאטען און דיא מיטעלע קלאסען. זיי האבען שוין גערעכענט, אז דיא רעוואלוציאן איז צו ענדע און אז פראנקרייך וועט בלייבען א קאנסטיטוציאנעלע מאנארכיע. אום עס זאל ניט אויסזעהען, אז מען האט געצוואונגען דעם קעניג צו אנערקענען דיא קאנסטיטוציאן, האט דיא נאציאנאל־פערזאמלונג ערקלערט, אז זיין געפאנגענשאפט איז צו ענדע און אז ער איז פריי אפילו אנצושטעלען א לייב־גווארדיע, וואס ער האט ניט פערפעהלט צו טאן. גלויבענדיג אז יעצט וועט שוין אלעס גיין צום בעסטען, האט דיא נאציאנאל־פערזאמלונג אויך אנגענומען דעם פארשלאג פון גענעראל לאפאיעט צו בעגנאדיגען אלע פאליטישע פערפאלגטע.

אין דער זעלבער צייט האט אבער דער קעניגליכער הויף ניט אויפגעהערט צו אינטריגירען אין אויסלאנד געגען דיא קאנסטיטוציאנעלע ארדנונג און צו זיין אין געהיימע פערבינדונגען מיט דיא אריסטאקראטען אין קאבלענץ, וועלכע האבען זיך ניט געלאזט נארען פון דער בעגנאדיגונג און האבען זיך אלץ צוגעגרייט צו בעפאלען פראנקרייך און צו פערניכטען דיא קאנסטיטוציאן. דער קעניג האט לאנג נאכגעטראכט און זיך בעראטהען מיט זיינע נעהענסטע פריינד איידער ער האט ערקלערט, אז ער אנערקענט דיא קאנסטיטוציאן. ער האט ערהאלטען א בריף פון דעם עסטרייכער קייזער און פרייסישען קעניג, אז ער זאל זיך האלטען פעסט און ניט נאכגעבען דער נאציאנאל־פערזאמלונג.

אבער ער האט אויף יעדען שריט געזעהען, אז ער האט קיין אנדער ברירה ניט געהאט וויא נאכצוגעבען. עס איז שווער צו זאגען, אויב ער האט אפילו אין דער ערשטער מינוט געדיינקט צו האלטען ווארט אין דיזען פאל. וואהרשיינליך האט ער געהאפט, אז ער וועט

ניך קענען אָפּשאַפען דיא קאָנסטיטוציאָן מיט דער הילפע פון דיא אויסלענדישע אַרמעען. זיכער איז עס יעדענפאַלס, אז זיין פרוי מאַריע אַנטואַנעטע, וועלכע איז געווען אַ סך ענערגישער, קליגער און פאַרבי־סענער פאַר איהם, האָט גאָר קיין אַנדער געדאַנקען ניט געהאַט, וויא צו צוטרעטען דיא קאָנסטיטוציאָן אונטער דיא פיס ביי דער ערשטער געלעגענהייט.

דעם 14 סעפּטעמבער האט לודוויג XVI אָפיציעל וויעדער גע־שוואָרען טרייהייט צו דער קאָנסטיטוציאָן, און דיא נאַציאָנאַל־פער־זאַמלונג האט זיך דעם 30 סעפּטעמבער אויפגעלייזט. דען איהר הויפּט־ארבייט—דיא פערפאַסונג פון אַ קאָנסטיטוציאָן—איז געווען צו ענדע. זיא וואָלט זיך שוין מעהר סיי וויא סיי ניט געקענט האַלטען, דען דאַס פאָלק איז גאָר ניט געווען צופרידען מיט איהר. ביי דיא רעוואָלוציאָנערען איז זיא איינפאַך פערהאַסט געוואָרען זייט דער שיסעריי אויף דעם מאַרספעלד. דער זעלבער פאַרלאַמענט, וועלכער איז בלויז מיט 29 מאָנאַט צוריק אויפגענומען געוואָרען מיט אַזעלכע יובעל־געשרייען פון גאַנצען פראַנצויזישען פאָלק, איז זיך פערנאַנדער־געגאַנגען בעגלייטעט פון בייזע און אויסלאַכענדע ווערטלעך פון פאַריזער פאָלק. נור פעטיאָן און ראָבעספּיער, דיא פיהרערס פון דיא יאַקאָ־בינער און הייסע רעוואָלוציאָנערען, זיינען מיט פריידע עמפּפאַנגען געוואָרען פון דיא מאַסען אַרום דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג.

דיא קאָנסטיטוציאָן איז געווען פערפאַסט נאָך דיא אינטערעסען פון מיטעל־קלאַס, וועלכער האט נאַר געזוכט פּאָליטישע פרייהייט. דיא געזעצגעבענדע מאַכט האָט אין גאַנצען געהערט דעם פּאַרלאַמענט. דער קעניג האָט געקענט רעגירען נאַר דורך פעראַנטוואָרטליכע מיניס־טערס. מען האָט אָבער איבערגעלאַזען דעם קעניג אַ וועטאָ־רעכט, דאָס הייסט דאָס רעכט צו פערוויזען דיא אָפּשטימונגען פון פּאַרלאַ־מענט. ער איז אויך גערעכענט געווען פאַר דעם הויפּטקאָמאַנדיר פון דער אַרמעע, אבער ביי אַ קריעגס־ערקלערונג אדער ביי׳ן שליסען פריעדען האָט ער בעדאַרפט קריגען דיא בעשטעטיגונג אדער הסכמה פון פּאַרלאַמענט.

דאָס ארבייטער־פאָלק האָט אבער פערלאַנגט מעהר וויא פרייהייט פון פּרעסע און פערזאמלונגען און מעהר וויא גלייכהייט פאר׳ן געזעץ. זיין עקאָנאָמישע לאגע האָט זיך דורך דיזע פרייהייטען ניט געענדערט. דיא ארבייטער זיינען געבליבען אזוי אָרים וויא׳ פריהער, און זייער אונצופרידענהייט מיט דער קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנארכיע איז אלץ געשטיגען. אלץ העכער האָבען זיך גענומען הערען שטימען, וועלכע האָבען געפאָדערט אויך עקאָנאָמישע גלייכהייט. מען האָט געהאָפט, אז דיזע גלייכהייט וועט מען דערגרייכען דורך א רעפּובּליק, און דארום האָט דאָס פאָלק געזוכט פּטור צו ווערן פון קעניג און ווייטער פאָרטצוזעצען דיא רעוואָלוציאָן.

דריטער קאפּיטעל.

דיא געזעצגעבענדע פערזאמלונג און דיא פּאריזער קאָמונע.

פיעבערהאפטע האָט מען זיך גענומען צו דיא וואהלען. דיא גוט אָרגאניזירטע יאקאָבּינער האָבען זיך בעזאָנדערס בענוצט מיט דיזער געלעגענהייט צו פערשטארקען זייער פּארטיי. ראָבעספּיער האָט זיך נאך פריהער פערזאָרגט, אז דיא נייע געזעצגעבענדע פערזאמלונג זאָל קענען זיין ראדיקאלער וויא דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג. ער האָט נעמליך דורכגעפיהרט א פּאָרשלאַג, דאָס דיא מיטגליעדער פון דער נאציאָנאל־פערזאמלונג זאָלען מעהר ניט קענען אויסגעוועהלט ווערן אלס פערטרעטער אין נעכסטען פּארלאמענט. דערמיט האָט ער געעפענט א וועג פאר נייע מענשען מיט נייע קרעפטע און מיט פרישע ענערגיע. זיין האָפנונג איז געווען, אז דיא נייע דעפּוטאטען וועלען זיין רעוואָלוציאָנערער וויא דיא אלטע, און דער רעזולטאט פון דיא וואהלען האָט גלייך בעוויזען, אז ער האָט זיך ניט גענארט.

דיא מאַיאָריטעט פון דעם נייעם פּארלאמענט, וועלכער איז זיך צוזאמענגעקומען אין פּאריז דעם 30 אָקטאָבער 1791, איז בעשטאנען פון יונגע לייט. א גרויסער טהייל איז געווען אָרים אדער האָט געהאט א זעהר קליינעם פערמעגען. נאר אלע זיינען געווען געבילדעטע. דער

הויכער אדעל און דיא גלחים, וואס האָבען זיך אָפּגעזאָגט צו שווערען טרייהייט דער קאָנסטיטוציאָן, זיינען נאָר געבליבען אָהן פּערטרעטער. אין גאַנץ פראַנקרייך האָט זיך ניט געפונען אַן אָרט אויסצו־וועהלען אַ פערטרעטער פון דער אַלטער אָרדנונג, אַ געגנער פון דער קאָנסטיטוציאָן—אַזוי שנעל און שטארק איז דאָס פראַנצויזישע פאָלק זיך צוזאַמענגעוואַקסען מיט דער רעוואָלוציאָן, מיט דער נייער אָרדנונג.

דיא ראַדיקאַלע און רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָבען שוין געהאַט דיא מאַיאָריטעט אין דעם נייעם פּאַרלאַמענט, וועלכער האָט געטראָגען דעם נאָמען געזעצגעבענדע פערזאַמלונג. דיא דעמאָקראַטיש־קאָנסטיטוציאָנעלע פּאַרטיי, וועלכע האָט בעהערשט דיא נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג און האָט אויסגעפיהרט דעם פּאַרלאַמענטאַרישען קאַמפּף מיט דעם קעניג און מיט דער גאַנצער אַלטער אָרדנונג, איז שוין געוואָרן דיא קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי און האָט פערנומען דיא רעכטע זייט פון זיצונגס־זאַל. דיא פּויאַנטען האָבען געהאַט זעהר ווענִיג פערטרעטער און האָבען זיך גערופען קאָנסטיטוציאָנעלען. דאָס פאָלק האָט זיי אָבער שוין גערופען רעאַקציאָנערן אָדער אַריסטאָקראַטען, ווייל זיי האָבען געהאַלטען דיא זייט פון קעניג. איינער פון זייערע פיהרער איז געוועזן גענעראַל לאַפאַיעט, וואָס האָט צו דער צייט זיך געמוזט אָפּזאָגען פון זיין קאָמאַנדע איבער דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, ווייל דאָס פּאַריזער פאָלק איז שוין געווען אויפגעבראַכט געגען איהם.

דיא לינקע זייט און דער צענטער פון דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג איז שוין בעזעצט געווען פון יונגע דעמאָקראַטען און רעפּובליקאַנער, וואָס פיעלע פון זיי זיינען בערייט געווען צו אָפּפערן זייער לעבען פאַר פרייהייט. אין צענטער זיינען געזעסען דיא פערטרעטער פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך בעריהמט געמאַכט אונטער דעם נאָמען ז ש י ר אָ נ ד י ס ט ע ן. דיזען נאָמען האָבען זיי נעקראָגען, ווייל זייערע בעסטע פיהרער ז ש אַ נ ס אָ נ ע, וו ע ר נ י אָ און ג אַ ד ע זיינען געווען פערטרעטער פון דעם דעפּאַרטאַמענט זשיראָנד. דיא מייסטע פון זיי זיינען געווען זעהר פעהיגע און ענער־

גישע מענער. א געוויסע צייט זיינען זיי געווען דיא פיהרערס פון דער געזעצגעבענדער פערזאמלונג און דורך דעם פון גאנץ פראנקרייך. זיי האָבען זעהר העפטיג געפיהרט דעם קאמפף מיט דעם קעניג און מיט אלעס, וואָס עס איז נאך איבערגעבליבען פון דער אלטער מאָ־נארכיע; נאר אזוי וויא זייערע אידעאלען זיינען שליסליך ניט גע־גאנגען ווייטער פון פּאָליטישע פרייהייט און אזוי וויא זיי זיינען אין אמת'ן געווען פערטרעטער פון דער מיטעלקלאסע אָדער בורזשואזיע זיינען זייא אלץ ווייטער געקומען אין א צוזאמענשטויס מיט דיא רעוואָלו־ציאָנערען פון פּאריז און איבערהויפּט מיט דיא ארבייטער, וועלכע האָבען אלץ שארפער פערלאנגט עקאָנאָמישע גלייכהייט.

דיא יאקאָבינער, וועלכע האָבען פערנומען דיא פּלעצער אויף דער לינקער זייט פון דעם זיצונגס־זאַל און וועלכע זיינען דיא גאנצע צייט געשטאנען אין נאָהענטע פערבינדונגען מיט דעם פּאָלק דורך זיי־ערע קלובען, האָבען אָנפאנגס געשטיצט דיא זשיראָנדיסטען. אין דעם קאמפף מיט דעם קעניג און מיט דיא אויסלענדער זיינען דיזע גרויסע פּאר־טייען געווען אייניג. פיעלע זשיראָנדיסטען זיינען אויך געווען מיטגליעדער פון יאקאָבינער קלובען. פּעטיאָן, דער בעליעבטער בירגערמייסטער פון פּאריז, א זשיראָנדיסטישער פיהרער, איז געווען געשטיצט אפילו פון ראָבעספּיער'ן, דעם שטרענגען יאקאָבינער פיהרער, וועלכער האָט זיך ערוואָרבען דיא צונעמענעס „אונבעשטעכליכער, ניט־אונטער־קויפליכער" און וועלכער האָט דורך דעם אלץ מעהר געוואונען דעם צוטרויען פון פּאָלק. נאר ביסלעכוויז זיינען דיא יאקאָבינער גע־טריבען געוואָרן פון פּאָלק צו אלץ א שארפערן קאמפף מיט דיא זשי־ראָנדיסטען ביז דיא גלענצענדע און טאלענטפּאָלע פיהרערס פון דיזער ריינער בורזשואזער פּארטיי זיינען געקעפּט געוואָרן אונטער דעם מעסער פון דער גיליאָטינע, וויא מיר וועלען עס שפּעטער זעהען.

דער ראדיקאלסטער טהייל פון דיא יאקאָבינער האָט פערנומען העכערע בייכק אויף דער לינקער זייט און האט דארום געקראָגען דעם נאָמען מאָנטאניארען (פון דעם וואָרט montagne — בארג). דאס זיינען געווען דיא פייערדיגסטע רעוואָלוציאָנערען און דיא ער־געבענסטע פערטרעטער פון דיא אינטערעסען פון פּאָלק. דאנטאָן

איז אנפאנגס געווען זייער נשמה און פיהרער. מאראט האט נאָ־טירליך געהערט צו זיי. דיזער שרעקענס־יאָגענדער רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז אין פריוואט־לעבען געווען א זעהר וויכהערציגער מענש, האט גלייך פון אָנפאנג אטאקירט דיא זשיראָנדיסטען. ער האט זיי גערופען מיט שפּאָט דיא פּארטיי פון שטאאטסמענער און האט געפּאָדערט זיי זאָלען מעהר אין אויג האָבען דיא וואהרע אינטערעסען פון פּראָסטען פאָלק. ער האָט אויך אָנגעגריפען דיא נייע געזעצ־געבענדע פערזאמלונג. „דער צווייטער פּארלאמענט איז ניט וויניגער צופוילט וויא דער ערשטער", האט ער געשריבען אין איינעם פון זיינע ברענענדע אַרטיקלען. פאר איהם זיינען כמעט אלע פאָלקס־פערטרעטער ניט געווען גענוג רעוואָלוציאָנער.

ארום דער צייט איז דער אויסערער צייכען פון דיא יאקאָבינער און פון אלע הייסע רעוואָלוציאָנערען געוואָרען דיא רויטע מיצקע, וואס דיא פערראורטהיילטע צו גאַלערען פלעגען טראָגען. דאס איז געשעהען אויף אזא ארט: סאָלדאטען, וואס זיינען פערראורטהיילט געוואָרען צו גאלערען פאר א בונט געגען קעניג אין דער שטאָט נאַנסי, זיינען בעגנאַדיגט געוואָרען אויף דעם פערלאנג פון פאָלק. אום צו בעעהרען דיא בעגנאדיגטע, האָבען דיא יאקאָבינער פון דער פּאָרט־שטאָט ב ר ע ס ט אָנגעטאָן דיא רויטע יאקאָבינער־מיצקעס אויף זייערע קעפּ. אלע אנדערע רעוואָלוציאָנערען האבען דאס באַלד נאָכגעמאכט. אזוי גוט וויא זיי האָבען שטאָלצירט מיט דעם נאָמען סאנקיולאָטען (אָהן־הויזען), וואס דיא אריסטאָקראטען האבען זיי מיט פעראכטונג געגעבען, האָבען זיי אויך אָנגעפאנגען צו שטאָל־צירען מיט דיא שאנדע־היטלעך פון דיא קאטאָרזשניקעס. דאס איז בעטראכטעט געווען פאר א פּראָטעסט געגען דיא אַלטע אָרדנונג.

דיא בעגנאַדיגטע סאָלדאטען האָט מען אויפגענומען מיט גרויס פּאראד אין פאריז. זיי זיינען אָנגעפיהרט געווען פון דעם בעוואוסטען יאקאָבינער קאָלאָ ד׳הערבוא און זיינען צוערשט געבראכט געוואָרען, אָנגעטאָן מיט זייערע קאָסטיומען פון קאטאָרזשניקעס, אין דער גע־זעצגעבענדער פערזאמלונג, וואו דיא פאָלקספערטרעטער האָבען זיי פריינדליך בעגריסט. נאכהער האט מען זיי מיט טריומף אָפּגעפיהרט

נאָך דעם מארס־פעלד. דיא מאסען בעגלייטערס האבען געטראָגען רויטע מיצקעס. דאָרט האט דיא שטאָט פאריז אָפיציעל בעגריסט דיא געוועזענע גאַלערניקעס. דער בעריהמטער מאלער דאוויד האט אראַנזשירט דיא פּראָגראַם פון דער צערעמאָניע. א טהייל פון דער פּראָגראַם לויטעט אזוי: „דער מזבח פון פאטערלאַנד וועט זיין ארומגערינגעלט פון בירגער און בירגערינען, וואס וועלען בעקלאָגען דיא לעצטע פּאסירונג, וועלכע האָט בעפלעקט דעם פרייהייטס־פעלד. דער נאציאָנאלער פלאג, אין גאנצען בעדעקט מיט שווארצע טול, וועט שוועבען אויבען. אויף דעם מזבח וועט מען אוועקלייגען 4 שטיינער פון דיא קאמערן פון דער באסטיליע. נאכהער וועט מען ברענען א סך פּארפיומען אין וואזען ארום דעם מזבח, אום אויס־צורייניגען דעם פעדעראציאָנס־פעלד״.

דיזער טהייל פון דער פעסט־פּראָגראַם לכבוד דיא קאטאָרזש־ניקעס אין געווען צוגלייך א פּראָטעסט געגען דיא נאציאָנאל־גווארדיע און געגען דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג, וועלכע האָבען דעם 17 יולי פעריאָגט פון מארס־פעלד דיא רעוואָלוציאָנערען, וואס האבען דאן געוועלט ארונטערזעצען דעם קעניג, וויא דאס איז בעשריבען געווען אין א פאָריגען קאפּיטעל.

דיא נאציאָנאל־גווארדיע האָט פּראָטעסטירט געגען דיזע צערע־מאָניע; אבער דיא רעוואָלוציאָנערען האבען גאָר ניט געאכטעט אויף דעם און האָבען פּינקטליך אויסגעפיהרט דיא גאנצע פּראָגראַם. דיא געזעצגעבענדע פערזאמלונג האָט זיך דאן געמאכט ניט וויסענדיג פון דער צערעמאָניע. צו דער צייט האָט זיא שוין געהאט צו רעכענען זיך מיט דיא פערוואלטערס פון דער שטאָט פאריז, וועלכע האָבען פערטראָ־טען מייסטענס דיא אינטערעסען און שטרעבונגען פון דיא ארבייטער. בּיסלעכווייז איז אויפגעקומען דיא העכסט רעוואָלוציאָנערע „קאָמונע״, וויא מען רופט דיא פאריזער שטאָטפערוואלטונג. צוזאמען מיט דיא יאקאָבינער איז זיא געוואָרן אזא מאכט, פאר וועלכע דיא געזעצגע־בענדע פערזאמלונג האט געציטערט.

דיא קאָמונע איז בעשטאנען פון 16 אדמיניסטראטאָרען, 32 מיטגליעדער פון מוניציפּאל־ראטה און 96 מיטגליעדער פון גענעראל-

ראטה דערצו נאך האָבען זיך אויף דיא 48 קוואַרטאַלען אדער סעקציאָנען פון פאַריז אויך אָרגאַניזירט. אין דיזע סעקציאָנען האָבען געהערשט דיא פייערדיגסטע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע זיינען געשטאַנען אם נאָהענטסטען צום פאָלק און וועלכע האָבען געטריבען דיא קאָמונע צו אַלץ ראַדיקאַלערע מיטעל געגען דעם קעניג און געגען אַלע אָפענע אדער פערשטעלטע פיינד פון דער נייער אָרדנונג. דיזע סעקציאָנען זיינען געוואָרן דיא נשמה פון דער רעוואָלוציאָן. זיי האָבען עס געהאַט דיא מאַכט אויפצוהייבען דאָס פאָלק געגען אַלע זייערע געגנער און זיי האָבען שליסליך פערכאַפּט דיא קאָמונע־פערוואַלטונג און זיינען דורך דעם געוואָרן דיא וואַהרע הערשער פון פראַנקרייך אין דער פייערדיגסטער אין געפעהרליכסטער צייט פון דער רעוואָלוציאָן.

דיא יאַקאָבינער האָבען שטענדיג געזוכט דיא שטיצע פון דיא סעקציאָנען, וואו דיא אַרבייטער פון דיא פאָרשטעט פלעגען זיך פערזאַמלען, און דורך דעם האָבען זיי אַלץ מעהר איינפלוס געקראָגען אין דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג. אין זייער קאַמפּף מיט דיא זשיראָנדיסטען האָבען זיי געזיעגט נאר דעריבער, ווייל זיי זיינען געשטיצט געוועזען פון דיא סעקציאָנען אדער פון פאַריזער פאָלק.

נאר דערוויילע האַלטען מיר ביי׳ן אָנפאַנג פון דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג, ווען דיא יאַקאָבינער און זשיראָנדיסטען זיינען געוועזען פעראייניגט אין דעם קאַמפּף געגען דעם קעניג, וועמעס טראָן און קאָפּ זיינען געהאַנגען אויף א האָאַר.

פיערטער קאַפּיטעל.

קאַמפּף מיט׳ן קעניג און מיט עמיגראַנטען.

וויא נאר דיא געזעצגעבענדע פערזאַמלונג האָט זיך ערעפענט, האָט זיך גלייך אנגעפאַנגען א קאַמפּף מיט דעם קעניג. דיא פערזאַמלונג האָט געשיקט א דעפּוטאַציאָן אָנזאָגען דעם קעניג, אַז זיא אין פערטיג צו איהר אַרבייט. אער קעניג האָט זיך געלאָזט איינריידען פון זיין

ווייב און דיא האָפּלייטע, אז ער דאַרף זיין האָכמוטהיג און צייגען דאָס ער איז ניט קעניג בּלויז מיט'ן נאָמען. ער האָט דארום גלאָזט וויסען דורך זיין האָפמייסטער, אז ער וועט אויפנעהמען דיא דעפּוטאַציאָן דעם נעקסטען טאָג. דאָס האָט אויפגעבּראַכט דיא פערזאַמלונג און זיא האָט דערפאר בּעשלאָסען אָפּצושאַפען זיין טיטול „מאַיעסטעט“. לוד־וויג XVI האָט דאַן מיט צאָרן ערקלערט, דאָס זיין פוס וועט ניט קומען אין דער געזעצגעבּענדער פערזאַמלונג, אויב זיא וועט ניט צוריק־רופען דיזען בּעשלוס. דיא פערזאַמלונג האָט דיזעס מאָל נאָכגעגעבּען, אַבּער ווען ער איז געקומען און האָט זיך אַנידערגעזעצט, האָבּען זיך דיא דעפּוטאַטען אויך אַנידערגעזעצט. מען האָט גלייך געקענט זעהען, אז דיא דעפּוטאַטען קוקען מיט מיספּערטרויען אויף דעם קעניג און אז ער טראָגט אַ האַס געגען זיי און געגען דיא גאַנצע נייע אָרדנונגען וועלכע איז געשאַפען געוואָרען זייט דעם שטורם פון דער בּאַסטיליע.

נאָר דאָס זיינען נאָך געווען קלייניגקייטען. דער קאַמפף איז בּאַלד זעהר ערנסט געוואָרען, ווען דיא פערזאַמלונג האָט אָנגענומען אַ פּאָרשלאַג, אז אַלע עמיגראַנטען, וואָס וועלען זיך ניט צוריק קעהרען נאָך פראַנקרייך בּיז דעם 1 יאַנואַר 1792, וועלען בּעטראַכטעט ווערן אַלס פעראַשווערער געגען פאַטערלאַנד. זיי וועלען דארום פערוּרטהיילט ווערן צום טויט הינטער דיא אויגען, און זייערע גיטער וועלען קאָנפיס־צירט ווערן. דיא פערזאַמלונג האָט געפאַסט דיזען בּעשלוס אַלס אַ, אַנטוואָרט אויף דעם זאָ־גענאַנטען קאָבּלענצער מאַניפעסט, וועלכער איז אַרויסגעלאָזען געוואָרען דעם 10 סעפּטעמבּער 1791 פון דיא עמיגראַנטען און וועלכער האָט ערקלערט אַלעס, וואָס עס איז גע־שעהען זייט 1789, פאַר אַ בּייזע אַנשיקענעס. זיי האָבּען אויפגע־פאָדערט דעם קעניג צו האַלטען זיך פעסט און גאָר ניט נאָכגעבּען בּיז זיי וועלען איהם ערלייזען פון זיין געפאַנגענשאַפט. זיי האָבּען אין דער צייט געהאַט אַן אַרמעע פון 60 טויזענד מאַן און האָבּען געהאָפט, אז דערמיט וועלען זיי קענען אריינמאַרשירען אין פּאַריז און פעריאָגען דיא רעוואָלוציאָנערען און איינפיהרען דיא אַלטע אָרדנונג.

דער קעניג האָט זיך בּענוצט מיט זיין וועטאָ־רעכט נאָך דער קאָנסטיטוציאָן און האָט זיך ענטזאָגט אונטערצושרייבּען דעם געזעץ

געגען דיא עמיגראַנטען. דערמיט האָט ער געצייגט אַז ער האלט מיט זיי. אום צו שטילען דעם צאָרן פון פאָלק, האָט ער אין דער זעלבער צייט ארויסגעלאָזען א פּראָקלאַמאַציאָן, אין וועלכער ער האָט אויפגעפאָדערט זיינע אנטלאָפענע ברידער און אַלע אריסטאָקראַטי־שע עמיגראַנטען זיך צוריקצוקעהרען נאָך פראַנקרייך.

דיא רעוואָלוציאָנערן האָבען זיך ניט געלאָזט נאַרען פון דיזער פּראָקלאַמאַציאָן. זיי האָבען געזאָגט, אַז אויב דער קעניג וויל ווירקליך צווינגען דיא עמיגראַנטען קומען צוריק, איז דער בעסטער מיטעל דערצו אונטערצושרייבען דעם געזעץ פון דער פערזאמלונג. דאַן וועלען זיך דיא עמיגראַנטען איבערשרעקען פאַר דיא קאָנפיסקאַציאָן און וועלען פאָלגען. עס איז שווער צו זאָגען, אויב דיא פערביסענע עמיגראַנטען, וועלכע האָבען גאָר ניט געוואָלט וויסען פון דער נייער אָרדנונג, וואָלטען צוריקגעקומען, ווען דער קעניג וואָלט זיך ניט בע־נוצט מיט זיין וועטאָ־רעכט; יעדענפאַלס וואָלט דער קעניג געוואונען דערמיט דאס צוטרויען פון וועניגסטענס א טהייל פון פאָלק. יעצט האָט מען איהם באַלד געגעבען א נאָמען „מסיע וועטאָ“ און מען האָט איהם חושד געווען אין געהיימע פערבינדונגען מיט דיא עמיגראַנטען.

אין דיא קלובען און סעקציאָנען האָט מען דארום אלץ העפטיגער אטאַ־קירט דעם קעניג און געפאָדערט זיין ארונטערזעצונג. דיזע פאָר־דערונגען זיינען נאָך ענערגישער געוואָרן, ווען לודוויג XVI האָט זיך אויך ענטזאגט צו אונטערשרייבען דעם בעשלוס פון דער געזעצגע־בענדער פערזאמלונג געגען דיא גלחים, וואָס האָבען זיך אָפּגעזאָגט צו שווערען טרייהייט צו דער קאָנסטיטוציאָן. דיא גלחים האָבען גע־העצט דיא בויערן אין פיעלע דעפּאַרטאמענטען געגען פאַריז און איבערהויפּט געגען דיא נייע אָרדנונג. זיי זיינען געווען דיא אַגענטען פון דיא עמיגראַנטען און פון אַלע רעאַקציאָנערען. א גרויסער טהייל פון זיי האָט ניט געוועלט פאָלגען דעם געזעץ, וועלכער האט גע־פאָדערט פון זיי א שבועה צו דער קאָנסטיטוציאָן. אום זיי דערפאַר צו בעשטראָפען, האָט דיא געזעצגעבענדע פערזאמלונג אָנגענומען א פאָרשלאַג, אַז אַזעלכע גלחים זאָלען אויסגעוויזען ווערן פון זייערע קירכען אויף דעם פערלאַנג פון 20 בירגער. ווען א גלח וועט זיך

ענטזאַגען צו פאָלגען דעם אויסוויזונגס־בעפעהל, זאָל ער אַרעסטירט ווערן און פעראורטהליט ווערן צו געפענגניס־שטראָף ביז 10 יאָהר.

ווען מען האָט געפאָרדערט פון לודוויג XVI צו אונטער־שרייבען דיזען געזעץ, האָט ער געענטפערט אַז ער וועט ליעבערסט שטאַרבען איידער דאָס צו טאָן. דיזע ענטזאַגונג האָט שטאַרק אויפגעבראַכט ניט נאַר דיא קאָמונע פון פאַריז און דיא יאַקאָבינער, זאָנדערן אויך דיא גאַנצע געזעצגעבענדע פערזאַמלונג. עס איז קיין אַנדער אויסוועג ניט געבליבען, וויא צו ענדערן דיא קאָנסטיטוציאָן, אַז דער קעניג זאָל ניט האָבען דאָס וועטאָ־רעכט, אדער גאָר אָבצושאַפען דיא מאָנאַרכיע און איינפיהרען אַ רעפובליק. דיא רעוואָלוציאָנערן האָבען נאַטירליך נור געזוכט פטור צו ווערן פון קעניג, דען זיי האָבען געוועלט וואָס גיכער איינפיהרען אַ רעפובליק. דערווײַלע האָט דיא פערזאַמלונג בעשטראָפט דעם קעניג דערמיט, וואָס זיא האָט צוריקגעצויגען זיין לייב־גוואַרדיע. בלויז עטליכע שווייצער־קאָמפּאַניעס און דיא נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, וועלכע האָט געהאַלטען מיט דער נייער אָרדנונג, זיינען געבליבען צו בעשיצען דעם קעניג אין זיין פּאַלאַץ. דיא יאַקאָבינער, וועלכע האָבען זיך ניט געקענט פערלאָזען אויף דיא נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, ווייל זיא איז מייסטענס בעשטאַנען פון בורזשואַ, האָבען פאָרגעשלאָגען צו אָרגאַניזירען אַ רעוואָלוציאָנערע אַרמעע פון 20 טויזענד מאַן אין פאַריז. דיזער פאָרשלאַג איז גלייך אָנגענומען גע־וואָרן פון דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג, אָבוואָהל אַלע האָבען גוט געוואוסט, אַז דער קעניג וועט ניט צושטימען. דיא סעקציאָנען פון פאַריז האָבען זיך דאַן שטילערהייט אָרגאַניזירט, אום ביי דער ער־שטער געלעגענהייט אָפּצוראַמען דעם קעניג פון וועג.

אום אָפּצושוואַכען דעם שלעכטען איינדרוק, וואס זיינע וועטאָס האָבען געמאַכט אויפ׳ן פאָלק, האט דער קעניג פּרובירט ענדערן זיין מיניסטעריום. ער האט נעמליך געמאַכט דריי פיהרערס פון דיא פויאַנטען פאַר מיניסטערס. אָבער דאָס האט איהם גאַנץ ווייניג געהאָלפען. נאָר דער געררודער, וואס דיא עמיגראַנטען האָבען אָנגע־מאַכט דורך זייערע אינטריגען און סטראַשונקעס, האָט אויך אַ קורצע צייט געווענדעט דיא אויפמערקזאַמקייט פון פאָלק אויף דיא אויס־

לענדישע געפאהר. א קריעג מיט דיא מלכים פון אייראָפּא איז געווען אונפערמיידליך. עסטרייך און פּרייסען האָבען שוין אָפּגעמאַכט צו בעפאַלען פראַנקרייך מיט 240 טויזענד סאָלדאַטען. דיא עמי־גראַנטען האָבען זיך שוין בעריהמט, אז זיי וועלען באלד זיין אין פּאריז און זיך אָפּרעכענען מיט דיא „מיאַטעזשניקעס און סאנקיר־לאָטען". אין זייערע אויגען איז יעדערער געווען א יאַקאָבינער אָדער א סאַנקיולאָט, ווער עס האָט בלויז געדענקט, אז מען דאַרף עטוואָס נאַכגעבען דעם פאָלק.

דיא עמיגראַנטען זיינען בעזאָנדערס טהעטיג געווען אין דיא קורפירסטען מאַינץ און טריער, וועלכע זיינען געווען אונטער דער הערשאַפט פון ביסקופּען. דאָרט האָבען זיי זיך אָפען בעוואָפענט געגען פראַנקרייך. זיי פלעגען נאָך מיט חוצפּה פערפאָלגען דיא דייטשען, וואָס האָבען סימפּאַטיזירט מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. אום צו מאַכען א סוף פון דיזען צושטאַנד, האט דיא געזעצגעבענדע פערזאַמלונג איינשטימיג בעשלאָסען אויפצופאָדערן דיא קורפירסטען פון מאַינץ און טריער צו ענטוואָפנען און ארויסצוייאָגען דיא עמי־גראַנטען פון זייערע גרענעצען. דער זשיראָנדיסט איסנאַר האָט דערביי געהאַלטען א גלענצענדע און בעגייסטערענדע רעדע, אין וועלכער ער האט געסטראַשעט דיא קעניגע, וואָס וועלען אָנגרייפען פראַנקרייך, מיט א קריעג פון פעלקער געגען זיי.

לודוויג האָט גלייך אונטערשריבען דעם בעשלוס פון דער גע־זעצגעבענדער פערזאַמלונג געגען דיא צוויי קורפירסטען, דען ער האט געוואונשען, אז דער קריעג פון רעוואָלוציאָנערע פראַנקרייך מיט דיא מלכים זאָל זיך וואָס פריהער אָנפאַנגען, אום ערלייזט צו ווערן פון זיין געפאַנגענשאַפט. ער האט געהאָפט, אז עסטרייך און פּרייסען וועלען לייכט אריינמאַרשירען אין פּאריז. אַלע פיינדע פון דער רע־וואָלוציאָן האָבען נאָך ניט געוואוסט וויא שטאַרק עס איז א פאָלק, וואָס איז בעגייסטערט פאַר פרייהייט.

דער קריעגס־מיניסטער נאַרבאָן האט גענומען אָרגאַניזירען אר־מעען אויף דעם גרענעץ, אום אָפּצוהאַלטען דעם אָנפאַל פון דיא עמיגראַנטען מיט דיא ארמעען פון דיא קעניגע. איינער פון דיא קאָ־

מאנדירען פון דיא 4 קאָרפּוסען איז געוועזן לאַפּאיעט, וועלכער האט בעשלאָסען צו פערלאָזען פּאריז נאָכדעם האָט ער געמוזט אויפגעבען זיין קאָמאַנדע איבער דער נאַציאָנאַל-גוואַרדיע. דיא מייסטע גענעראַלען זיינען געוועזן מאָנארכיסטען, וועלכע האָבען זיך וויינינג געקימערט וועגען דיא פערטהיידיגונג פון פראַנקרייך. אַנדערע האָבען נאָר געוואַרט אויף דיא אויסלענדישע אַרמעע, אום צו פערראטהען דאס פראַנצויזישע פאָלק.

אין דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג האַט מען אַלץ שאַרפער אָנגעגריפען דיא מיניסטערס פאַר זייער אונטהעטיגקייט. מען האט פערלאַנגט ענערגישע מיטעל און ענערגישע מענשען צו פיהרען דיא רעגיערונג און דיא אַרמעען. דיא זשיראָנדיסטען און דיא יאַקאָבינער האָבען זיך פעראייניגט, אום צו האנדלען רעוואָלוציאָנער. ווערניאָ, א פיהרער פון דיא זשיראָנדיסטען, האָט אין אַ גלענצענדע רעדע אָנגעוויזען אויף דעם קעניגליכען פּאַלאַץ אַלס אַ נעסט פון פערראַטה געגען פאָלק. „פון דער טריבונע, האָט ער אויסגעשריען, זעה איך דיא פענסטער פון דעם פּאַלאַץ, וואו מען רופט אַרויס געגען-רעוואָלוציאָנען, וואו מען זוכט מיטעל אונז ווידער צו פערשקלאַווען. זאָלען זיי אין אַכט נעהמען, אַז זיי זיינען נאָר געשיצט דורך אונזער קאָנסטיטוציאָן".

דאָס איז געוועזן אַ קלאָרע אָנצוהערעניס, דאָס ווען דיא געזעצגעבענדע פערזאַמלונג וועט עס נאָר וועלען, וועט זיין אַ סוף מיט'ן קעניג. בריסאָ האָט בעשולדיגט דיא מיניסטערס אין האָכפערראַטה און האָט פערלאַנגט, אַז מען זאָל משפּט'ן דעם מיניסטער פון אויסלענדישע אַנגעלעגענהייטען דעלעסאַר. דיא געזעצגעבענדע פערזאַמלונג האָט אָנגענומען דיזען פּאָרשלאַג, און דעלעסאַר איז אַרעסטירט געוואָרן. דעם זעלבען אָבענד האָט מען איהם אָפּגעשיקט צום שטאַאַטסגעריכט אין אָרלעאַן. צוויי אַנדערע מיניסטערס, וועלכע מען האָט אויך געסטראַשעט מיט אַן אַרעסט, האָבען זיך אַליין ענטזאַגט.

דאָס מיניסטעריום פון דיא פּוּאַנטען איז אויף דיזען אופן צוקלאַפּט געוואָרן. דער קעניג האָט דאַן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט וויא אויסצוקלייבען מיניסטערס פון דער זשיראָנדיסטישער פּאַרטיי. בריסאָ, ווערניאָ, זשאַנסאָנע און אַנדערע זשיראָנדיסטיסע פיהרערס אין דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג האָבען פערשפּראָכען

דעם קעניג זייער שטיצע. זיי אליין האבען ניט געקענט ווערן מיני־סטערס, ווייל דיא קאנסטיטוציאן האט פערבאָטען צו מאכען דעפּוטאטען פאר מיניסטערס; נאר זיי האבען בעהערשט דיא רעגיערונג דורך זייער איינפלוס אין דער געזעצגעבענדער פערזאמלונג. גענעראל דיומוריע איז געוואָרן דער מיניסטער פון אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען, ראָלאָן —פון אינלענדישע אנגעלעגענהייטען, קלאוויער—פון פינאנצען, סערוואן —פון קריעג. דיא וויכטיגסטע מיטגליעדער פון דיזען קאבינעט, וואָס דיא עמיגראנטען האבען גערופען „דאָס סאנקיולאָטען מיניסטעריום“, זיינען געווען דיומוריע און ראָלאָן. ראָלאָן האט ספּעציעל געקראָגען פון זיי דיא צונעמענעס „מיניסטער אָהן הויזען“, ווייל זיין שעהנע און עדעלע פרוי איז געווען נאך פעהיגער פאר איהם. מאדאם ראָלאָן איז געווען איינע פון דיא בעריהמטעסטע פרויען פון דער פראנצוי־זישער רעוואָלוציאָן. אין איהר סאלאָן פלעגען זיך פערזאמלען דיא גרעסטע מענער פון פראנקרייך און זיא האט געשפּיעלט א זעהר גרויסע ראָלע ביז דיא יאקאָבינער האבען איהר געקעפּט אויפ׳ן עשאפאָט צוזאמען מיט אנדערע זשיראָנדיסטישע פיהרער.

פינפטער קאפּיטעל.

דיא זשיראָנדיסטישע מיניסטערס און דיא דעמאָנסטראַ־ציאָן פון 20 יוני.

דיא נייע מיניסטערס האָבען זיך ענערגיש גענומען צו זייער ארבייט. זיי האָבען זיך ניט געשראָקען פאר דיא מלכים, זיי האָבען, פאָרקהרט, געוועלט גלייך ערקלערן קריעג דיא קעניגע פון עסטרייך און פרייסען, וועלכע האָבען דעם 27 פעברואר 1792 בעשלאָסען צו בעפאלען פראנקרייך מיט א פערטעל מיליאָן סאלדאטען. אלע זיינען געווען אויפגעבראכט געגען דיא אריינמישונג פון אויסלענדישע הערשער אין דיא אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון פראנקרייך. אפילו דיא מעסיגע פּויאנטען האָבען פערלאנגט קריעג געגען דעם אויסלענ־דישען שונא. א קריגערישע בעגייסטערונג האָט אָנגעכאפּט אלע

פראַנצויזען. נאר דער קעניג האָט זיך געלאָזט בעטען. אין הארצען האָט ער נאַטירליך געוואונשען צו ערקלערן קריעג דיא מלכים, וואָס האָבען זיך געקליבען צו בעפאַלען פראַנקרייך נאָר צוליעב איהם און זיין טראָן; אָבער ער האָט געוואָלט אַרויסציינגען, אז ער ווערט געצוואונגען פון פאָלק דערצו.

שליסליך איז לודוויג XVI געקומען דעם 20 אפריל 1792 אין דער געזעצגעבענדער פערזאמלונג און האט געהאלטען א קורצע רעדע, אין וועלכער ער האָט אָנגעציינט, דאָס עסטרייך אונטערשטיצט דיא עמיגראַנטען און העצט אויף אייראָפּאַ געגען פראַנקרייך. דארום, האָט ער געענדיגט, מוז מען איהר ערקלערן קריעג. דער שלום פון זיין רעדע איז אויפגענומען געוואָרן מיט בעגייסטערטע אַפּלאָדיסמענ־טען. דיא געזעצגעבענדע פערזאמלונג האָט איינשטימיג בעשלאָסען צו ערקלערען קריעג דעם קעניג פון עסטרייך, וועלכער איז אויך געווען קייזער פון דייטשלאַנד.

דיא נאַכריכט וועגען דער קריעגס־ערקלערונג האָט זיך שנעל פערשפּרייטעט איבער גאַנץ פראַנקרייך. איבעראַל איז זיא אויפגענו־מען געוואָרן מיט גרויס פריידע. נאר ראָבעספּיער און אַנדערע יאַקאָבינער פיהרער זיינען אָנפאַנגס געווען געגען קריעג, ווייל זיי האָ־בען געפירכטעט, אַז גענעראַל לאַפאיעט וועט דורך דעם ווידער קריעגען זיין פריהערע מאַכט און פּאָפּולאַריטעט. זיי האָבען אבער מורא געהאַט אָפען איינצורייסען מיט'ן פאָלק, וועלכער האָט זיך געריסען צו א קריעג מיט דיא מלכים, און דארום האָבען זיי אויך אָנגעפאַנגען צו אַגיטירען פאַר דיא מלחמה.

לאַפאיעט איז ווירקליך וויערער געוואָרן דער העלד פון טאָג. מען האָט איהם אַנפערטרויט דיא קאָמאַנדע איבער דער צענטראַל־אַרמעע, וועלכע איז בעשטאַנען פון 52.000 מאַן. ווען ער איז אָנגעקומען אין פאַריז, אום אָפּצופאָהרען צום גרענעץ, האָט דיא נאַציאָנאַל־גוואַרדיע זיך אויסגעשטעלט אין רייהען פון דיא שטאָט־טויערן ביז צו דיא געזעצגעבענדע פערזאמלונג און האט איהם צוזאַמען מיט דעם פאָלק ענטהוזיאַזטיש בעגריסט. מען האָט איהם דאַן אַנדערש ניט גערופען וויא „העלד פון צוויי וועלטען“ און מען האָט געהאָפט

אז ער וועט בעווייזען גרויסע וואונדער געגען דעם אויסלענדישען שונא. ווען ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאר דיא געזעצגעבענדע פערזאמלונג, האָט איהם דער פּאָרזיצענדער געזאָגט; „מיר זיינען רוהיג, מיר שטעלען אָרויס געגען דעם שונא דיא קאָנסטיטוציאָן און גענעראל לאַפּאיעט“.

פוןביידע זייטען איז מען נאָך אָבער ניט געווען צוגעגריים צום קריעג. אין עסטרייך און פרייסען האָט מען גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דיא אַרמעע פון דיא פראַנצויזען איז אין אַ זעהר שוואַכען צושטאַנד, אַז דיא גענעראַלען זיינען ניט ענערגיש גענוג און דיא סאָלדאַטען זיינען פרישע. מען האָט געגלויבט דיא בעריהמערייען פון דיא עמי־גראַנטען, אַז מען וועט באַלד פּעריאָגען דיא „אַרמעע פון אַדוואָקאַטען“ און מען וועט מאַכען אַ „פיינעם מיליטערישען שפּאַצירגאַנג נאָך פּאַריז“. דיא עמיגראַנטען האָבען שוין געדעט צווישען זיך, וויא זיי וועלען מאַכען אַ קורצען סוף פון דיא „סאַנקיולאָטען“. איין אַריס־טאָקראַטישע דאַמע אין מאַינץ האָט פערלאַנגט ביי דיא עמיגראַנטען אַ פינגער פון פּעטיאָן, דעם זשיראָנדיסטישען בירגערמייסטער פון פּאַריז. דיא קעניגע פון עסטרייך און פרייסען האָבען זיך דארום ניט געאיילט צו מאַכען בעזאָנדערע פּאָרבערייטונגען צום קריעג.

דיא ערשטע אַטאַקע האָבען געמאַכט דיא פראַנצויזען, אָבער זיא האָט זיך אויסגעלאָזען זעהר מיאוס פאר זיי. גענעראַל לאַפּאיעט האָט געקראָגען אַ בעפעהל אָנצוגרייפען אַ טהייל פון דער עסטרייכער אַרמעע, וועלכע האָט זיך געפונען אין בעלגיען אונטער דער קאָמאַנדע פון פּרינץ אַלבערט פאָן זאַקס־טעשען. דיא גענעראַלען דילאָן און ביראָן האָבען מאַרשירט פּאָרויס אין בעלגיען, לאַפּאיעט מיט דעם גרעסטען טהייל פון זיין קאָרפּוס—נאָך זיי. נאר ווען דיא סאָלדאַטען פון גענעראַל בּיראָן האָבען דערגרייכט ביז צו דיא פאָרדערסטע רייהען פון דיא עסטרייכער, האָט מען פּלוצלונג דערהערט אַ געשריי: „מיר זיינען פּעררעטהען! רעטעט זיך!“ אין דיא רייהען פון דיא דראַגונען. זיי האָבען דאַן גענומען לויפען אין שרעק און האָבען אָנגעמאַכט אַ טומעל אין דער גאַנצער בריגאַדע, זאָ דאָס דיא עסטרייכער האָבען זיי אַלעמען לייכט פּער־יאָגט. דיא בריגאַדע פון גענעראַל דילאָן האָט אויך געהאַט אַזאַ מיאוסע נידערלאַגע. איידער מען האָט נאָך אָנגעפאַנגען דיא אַטאַקע, האָט דיא

קאווא־עריע גענומען לויפען מיט ווילדע געשרייען: „מיר זיינען פערראטהען!״ דיא סאָלדאטען האָבען נאכהער בעשולדיגט אין פערראטה גענעראל דילאָן און האָבען איהם ערמאָרדעט מיט זיינע אדיוטאנטען.

עס איז שווער צו זאגען, אויב עס איז ווירקליך געווען א פערראטה אָדער דיא פרישע סאָלדאטען האָבען זיך דערשראָקען, ווען מען האָט בעדארפט פיהרען א שלאכט; נאָר דער רעזולטאט איז געווען, אז לאפאיעט האָט זיך געמוזט צוריקציהען פון בעלגיען און אז דאס פראנצויזישע פאָלק איז ווילד אויפגערעגט געוואָרן. אין פאריז האט מען פעסט געגלויבט, אז אין דער ארמעע זיינען דאָ פעררעטהער. מען האט נאטירליך בעשולדיגט דעם קעניגליכען הויף און בעזאָנדערס דיא קעניגין מאריע אנטואנעטע, וועלכע איז געווען דיא נשמה פון אלע פערשווערונגען געגען דיא רעוואָלוציאָן. דער עולם האט פערלאָרען יעדען צוטרויען צו דיא גענעראלען און האט פערלאנגט רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען.

דיא אויפרעגונג אין דיא פאריזער פאָרשטעט איז מיט יעדען טאָג געוואָרן גרעסער. דיא קאָמונע האָט צוטהיילט פיקעס צו דיא ארבייטער פון דיא פאָרשטעט. דער ביערברויער סאנטער, וועלכער האָט זיך בעריהמט געמאכט אלס דער „פיהרער פון דיא סאנקיולאָטען״, האט צוזאמענגעקליבען דיזע רעוואָלוציאָנערען, בעוואפענט מיט פיקעס, און האט מארשירט מיט זיי אין מיליטערישער אָרדנונג צו דער געזעצגעבענדער פערזאמלונג. פארבייגעהענדיג לעבען קעניגליכען פאלאץ, האבען זיי אויסגעשטעלט זייערע פויסטען. „מיר בעגריסען אייך מיט אונזערע פיקעס, האט דער פאָרשפרעכער פון דיזע רעוואָלוציאָנערען געזאָגט צו דיא דעפוטאטען פון דער פערזאמלונג, מיר בעטען אייך אויפצופאסען אויף דעם טועלערי־פאלאץ. מיר זיינען גרייט צו פערטילינגען פון דער ערד דיא פריינדע פון קעניג און איהם אליין צו צווינגען אונז מעהר ניט צו נארען. דאס אויפכאפפען־זיך פון דעם לויב איז ניט ווייט ״

דיזע נבואה איז באלד מקוים געוואָרן. דיזע דעמאָנסטראציאָן איז געווען א פאָרשפיעל פון דער אטאקע אויף דעם קעניגליכען פאלאץ דעם 20 יוני 1792, וועלכע האָט זיך אָנגעפאנגען ווען לודוויג XVI

האָט ענטלאַסען דיא דריי זשיראָנדיסטישע מיניסטערס ראָלאַן, קלאַ־וויער און סערוואַן. זיי האָבען ניט אויפגעהערט צו פערלאַנגען פון איהם ער זאָל אונטערשרייבען דיא געזעצע געגען דיא עמיגראַנטען און געגען דיא גלחים, וואָס האָבען ניט געוועלט שווערען טרייהייט צו דער קאָנסטיטוציאָן. ער האָט אבער אויף קיין פאַל ניט געוועלט נאָכגעבען. ראָלאַן האָט דאַן אַדרעסירט צו איהם אַ שאַרפען בריעף וועלכער איז אין מאַסען פערשפּרייטעט געוואָרן צווישען פאָלק. „דיא אויפרעגונג איז אַלגעמיין און אויסעראָרדענטליך, האָט ראָלאַן געשריבען צום קעניג, איהר וועט זיא ניט איינשטילען מיט ווערטער, נאר מיט האַנדלונגען. מען דארף וועלען טאָן אַלעס, וואָס דאָס פאָלק וויל. נון, דאָס פאָלק פערלאַנגט דיא אויסווייזונג פון דיא גלחים אָהן אַ שבועה, דאָס פאָלק פערלאַנגט אַ לאַגער לעבען פּאַריז. דיא געזעצגע־בענדע פערזאַמלונג האָט עס בעוויליגט, און אויב איהר וועט ניט נאָכגעבען, וועט עס דאָס פאָלק אַליין נעהמען.“

דאָס זיינען געווען קלאָרע דבורים. לודוויג דער XVI האָט דאַן איינגעזעהען, אז ער קען זיך שוין ניט ארויסדרייהען מיט זיין וועטאָ. ער האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט וויא נאָכצוגעבען אדער צו קעמפּפען ווייטער געגען פאָלק׳ס ווילען. ער האָט אויסגע־קליבען דאָס לעצטע און האָט דערפאַר שליסליך בעצאָהלט מיט זיין קאָפּ אויף דער גיליאָטינע. ער האָט ענטלאַסען דיא זשיראָנדיסטישע מיניסטערס און אָנגעשטעלט עטליכע ווילינע ווערקגעצייג אויף זייער פּלאַץ. זיין פרוי און אַנדערע ראַטהגעבער האָבען געמיינט, אז ווען ער וועט ציינען פעסטקייט, וועט דאָס פאָלק קריעגען פאַר איהם אָפּשיי. זיי האָבען אבער געהאַט אַ ביטערן טעות אין זייערע רעכ־נונגען. דיא אַלטע אַכטונג פאַר דעם נאָמען קעניג איז שוין אין גאַנצען פערשוואונדען. אין אַלע רעוואָלוציאָנערע צייטונגען און קלו־בען האָט מען אויפגעפאָדערט דאָס פאָלק צו נעהמען ביד חזקה זיינע רעכטע און צו פעריאָגען „מסיע וועטאָ“.

דיא זשיראָנדיסטען האָבען זיך פערבונדען מיט דיא יאַקאָבינער און האָבען אָרגאַניזירט אַ פאָלקס־דעמאָנסטראַציאָן, אום צו צווינגען „מסיע וועטאָ“ נאָכצוגעבען. מען האָט אויסגעקליבען דעם 20 יוני

פאר דעם טאָג פון דיזער דעמאָנסטראַציאָן צום אָנדעקען פון דער שבועה אין דעם שפּיעלזאל מיט 3 יאָהר צוריק. דער פּלאן איז געווען צו שיקען א מאַסע בעוואפענטע בירגער צום קעניג מיט א פּעטיציאָן, אז ער זאָל אונטערשרייבען דיא פערלאַנגטע געזעץ. פּעטיאָן, דער בירגערמייסטער, איז שטילערהייט געווען איינפערשטאַנדען מיט דער דעמאָנסטראַציאָן און האָט דארום זיך געמאַכט ניט ווייסענדיג וועגען דיא אונגעזעצליכע בעוואפנונג פון דיא ארבייטער אין דיא פאָרשטעט.

דער פּלאַץ פון דער באַסטיליע איז שוין פון אין דער פריה דעם 20 יוני געווען פול מיט בעוואפענטע ארבייטער פון דער פאָרשטאָט סענט־אַנטואן. 30000 מאַן, בעוואפענט מיט פּיקעס, שווערדען, מעסערס, און אַלטע ביקסען, האָבען זיך א לאָז געטהאָן צום טיולערי־פּאַלאַץ. דיא מענער זיינען געווען בעגלייטעט פון א סך פרויען און קינדער. פאָרויס האָט מארשירט אַן אָרקעסטער. דיא אויפשריפטען אויף דיא פאָהנען האָבען דייטליך געצייגט דיא שטימונג פון דיא מאַרשירענדע מאַסען. „דיא קאָנסטיטוציאָן אדער טויט!“ „ניעדער מיט מסיע וועטאָ!“ „פרייהייט אדער טויט!“ „דאָס פאָלק איז מידע צו ליידען!“—האָבען געלויטעט דיא אויפשריפטען. אויף א שטאַנג האָט מען געטראָגען א פּאָר צוריסענע הויזען מיט דער אויפשריפט: „עס לעבען דיא סאַנקיולאָטען!“ אין דיא לעצטע רייהען פון דער פּראָצעסיאָן האָט איינער געטראָגען אַן אָקסענע הארץ מיט דער אונטערשריפט: „אריסטאָקראַטען־הארץ“.

דער בירברויער סאַנטער, דער קצב לעזשאַנדר און אַן אָרימער מארקיז מיט דעם נאָמען סענט־הורוג האָבען געפיהרט דיא מאַסע צו דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג, וועלכע האָט ערלויבט דיא בעוואפענטע רעוואָלוציאָנערען דורכצומארשירען דעם זיצונגס־זאל. דיזער מארש האָט געדויערט דריי שטונדען. אַלע האָבען געזונגען דאָס בעריהמטע רעוואָלוציאָנערע ליעד “ça ira”. דער צוג איז דאַן אוועק צום טיולערי־פּאַלאַץ, אום צו דערלאַנגען דיא פּעטיציאָן דעם קעניג.

דאָרט האָט מען נאַטירליך גאַנץ גוט געוואוסט פון דער דעמאָנסטראַציאָן און מען האָט בעצייטענס צוגעמאַכט דיא טויערן.

דיא מאַסע האָט פערלאַנגט מען זאָל איהר אַריינלאָזען און האָט געסטראַ־שעט צו צוברעכען אַלע טויערן און טירען. איינער פון דיא פיהרער האָט געהייסען אָנלאָדען א קאַנאָנע, וועלכע מען האָט פון ערגעץ געבראַכט צו שלעפּען, און האָט אויסגעשריען: „מיר וועלען אַריינגיין! מיט גוטען אדער מיט בייזען—מיר וועלען עס טאָן!“ דיא מאַסע האָט אונטערגעכאַפּט דיזען געשריי; נאר אין דער מינוט האָט אַן אָפיצער פון דער נאַציאָנאַל-גוואַרדיע געהייסען עפענען דיא טויערן. אין עטליכע מינוט איז דער פּאַלאַץ פערפלייצט געוואָרן פון א שטראָם מענשען.

דיא נאַציאָנאַל-גוואַרדיע, וועלכע האָט דאַן בעוואַכט דעם פּאַ־לאַץ, האָט-ניט געשטערט דיא רעוואָלוציאָנערן צוצוקומען צום זאַל, וואו דער קעניג איז געשטאַנען לעבען פענסטער און האט צוגעקוקט, וויא דיא מאַסע האָט זיך אַריינגעריסען. עטליכע אָפיצירען פון דער נאַציאָ־נאַל-גוואַרדיע האבען ארומגערינגעלט דעם קעניג, אום איהם צו בעשיצען. דיא דערשראָקענע קעניגין האָט אויסגעשריען צו זיי: „רעטעט אייער קעניגין!“ זיי האָבען אויסגעצויגען זייערע שווערדען. נאר לודוויג XVI, וועלכער האָט אין דיזען פאַל ניט פערלאָרען דעם מוטה, האָט צו זיי געזאָגט: „ציהט זיך צוריק, פינף אדער צעהן שווערדען וועלען ניט שטערען אונז צו ערמאָרדען, ווען דיא אָנגרייפער וועלען עס זוכען צו טאָן. איך וויל מיך אליין פאָרשטעלען פאר זיי, אום זיי צו ערקלע־רען, אז איך וועל ניט אונטערשרייבען דיא בעפעהלען געגען דיא גייסטליכע און פאר א לאַנגער לעבען פאַריז“. ער האָט געבעטען דיא קעניגין ארויסגיין און געהייסען עפענען דיא טיר, אין וועלכער דיא רעוואָ־לוציאָנערען האבען שוין שטארק געקלאַפּט.

אונטער דיא געשרייען: „נידער מיט דעם וועטאָ! טויט צו דער עסטרייכערין (מאַריע אַנטואַנעטע)! לאַמיר איהם אוועקשלעפּען אין דער פערזאמלונג! אונטערשרייבט! אונטערשרייבט!“ איז דער זאַל באַלד פערפלייצט געוואָרן. מען האט אויסגעשטעלט אויף דעם קעניג פּיקעס און פערלאַנגט ער זאָל אונטערשרייבען דיא בעפעהלע און אָנשטעלען צוריק דיא זשיראָנדיסטישע מיניסטערס. ער האָט מוטהיג געענטפערט: ניין. דיא מאַסע האָט דאַן ניט געוואוסט וואס צו טאָן.

דיא זשיראָנדיסטען, וועלכע זיינען דעם טאָג געווען דיא הויפּט־אָנפיהרער, האָבען נאָך ניט געוואָלט פעריאָגען אין גאַנצען דעם קעניג. זיי האָבען נאר געמיינט איהם צו סטראַשען. דער קעניג האָט עס פערשטאַגען און האט זיך דארום געהאַלטען פעסט. דיא מעננע איז נאָך אלעמען ניט געווען אַזוי בייז, וויא מען האט עס זיך געקענט פאָר־שטעלען. עס האבען זיך געפונען עטליכע, וועלכע האָבען סתם געוועלט טרייבען אביסעל שפּאַס מיט דעם קעניג. מען האט געשטעלט אַ שטול אויף אַ טיש, און לודוויג XVI האט זיך דאָרט אנידערגעזעצט. איינער האט איהם דערלאַנגט אויף אַ פּיקע אַ רויטע מיצקע. דער קעניג האט פערשטאַנען, אז ער וועט צופריעדען שטעלען דיא מעננע, ווען ער וועט אָנטאָן דיא מיצקע, און ער האט אַזוי געטאָן. אַלע ארום האבען דאַן אויסגעשאָסען אַ הורא־געשריי. דער מעננע איז זעהר געפעלען געוואָרען צו זעהען דעם קעניג אין דער רויטער מיצקע פון קאַטאָרזשניקעס און סאַנקיולאָטען. אַן אַנדער ארבייטער האט דאַן דערלאַנגט דעם קעניג זיין פלעשעל מיט וויין, אום צו טרינקען מיט איהם לחיים. לודוויג XVI האט זיך ווידער לאַנג ניט געלאָזט בעטען און האָט געטרונקען אונטער דיא הילכיגע און פרייליכע געשרייען פון דער מעננע.

דיזער שפּאַס האט אין גאַנצען געענדערט דיא שטימונג פון דיא מאַניפעסטאַנטען. מען האָט כמעט אין גאַנצען פערגעסען נאָך וואס מען איז געקומען. אַנשטאָט צו געברויכען געוואַלט געגען דעם קעניג, האָט מען איהם גאָר בעגריסט און אַפּלאָדירט. דיא צייט האָט זיך דערווייל געשלעפּט ביז דער בירגעמייסטער פּעטיאָן איז אָנגעקומען און האט געבעטען דיא מעננע זיך פאַנאַנדערצוגיין.

נאָך דער קאָמעדיע, וועלכע האט זיך דאָרט אָפּגעשפּיעלט, איז טאַקע קיין אַנדער זאַך ניט געבליבען צו טאָן, וויא צו פערלאָזען דעם פּאַלאַץ. דאָס איז שנעל געשעהען. דיזע דעמאָנסטראַציאָן האָט זיך אַלזאָ געענדיגט מיט גאָרניט. פארקעהרט, אַנשטאָט איינצושרעקען דעם קעניג, וויא דיא זשיראָנדיסטען האָבען עס געהאָפּט, האט מען איהם נאָך מוטה צוגעגעבען, דען ער האט געזעהען, אז ער קען אויס־האַלטען אַן אַטאַקע פון פאָלק. דיא בורזשואזיע, וועלכע האט אָנגעפאַנגען

שטאַרק מורא צו האָבען פאַר דיא ארבייטער פון דיא פאָרשטעט, האָט איהם געשיקט א בעגריסונגס־אדרעס מיט פיעלע טויזענדע אונטערשריפ־טען און דיא פויאַנטען האָבען ווידער אויפגעהויבען דעם קאָפּ. לאַפאַיעט, זייער וויכטיגסטער פיהרער, האט זאָגאַר פערלאַנגט פון דער געזעצגע־בענדער פערזאַמלונג מען זאָל פערפאָלגען דיא אָנפיהרערס פון דער דורכגעפאַלענער דעמאָנסטראַציאָן און אויך צושליסען אלע יאַקאָבינער קלובען, אָבער דיא פערזאַמלונג האט עס גלייך צוריקגעוויזען.

זעקסטער קאַפּיטעל

פון 20 יוני ביז 10 אויגוסט 1792.

א פּאָר וואָכען נאָך דער דורכגעפאַלענער אַטאַקע אויף דעם טיולערי־פּאַלאַץ האָט מען דעם קעניג צו רוהע געלאָזען. דיא זשי־ראָנדיסטען און יאַקאָבינער האָבען זיך א נעהם געטאָן צו פערניכטען דאָס לעצטע ביסעלע איינפלוס פון גענעראַל לאַפאַיעט. ווען ער איז געקומען אין היילענעס פון גרענעץ נאָך פּאַריז, אום צו פערלאַנגען דיא אונטערדריקונג פון אַלע יאַקאָבינער קלובען, האָט איהם דער זשיראָנדיסט גאַדע געפרעגט מיט ביטערע איראָניע, אויב ער האָט שוין בעזיעגט דיא עסטרייכער, וואָס ער האָט פערלאָזען דיא ארמעע, און דער יאַקאָבינער קאָלאָ ד'הערבואַ האָט איהר גערופען סאָלדאַט־מיאַטעזשניק און בעשולדיגט אין פערבינדונגען מיט דעם קעניגליכען הויף און מיט אַלע שונאים פון פראַנקרייך. מען האָט זאָגאַר פאָרגעשלאָגען איהם איבערצוגעבען צו א געריכט, אבער דיא געזעצגעבענדע פערזאַמלונג האָט זיך ענטזאָגט אזוי ווייט צו פערפאָלגען דעם מאַן, וועלכער איז נאָך ערשט מיט צוויי מאָנאַט צוריק פערגעטערט געוועןז. דיא מאַ־סען ארום דיא געזעצגעבענדע פערזאַמלונג האָבען מיט גרויס צאָרן אופגענומען דעם בעשלוס ניט צו פערפאָלגען גענעראַל לאַפאַיעט. דיא דעפּוטאַטען וואָס האָבען געשטימט פאַר איהם זיינען אָנגעגרי־פען געוואָרן אין דיא גאַסען, מען האָט זיי פערוואָרפען מיט בלאָטע.

אין דער צייט האָט לאַפאַיעט פּרובירט זיך פאַראייניגען מיט דעם קעניג געגען דיא רעוואָלוציאָנערן און בעזאָנדערס געגען דיא יאַקאָבינער, וועלכע ער האָט געהאַסט אַזוי וויא זיי איהם. נאָ דער קעניג, וועלכער האָט ניט פערגעסען, אַז ער איז נאָך זיין פּליטה געפאַנגען געוואָרן אויף דעם בעפעהל פון לאַפאַיעט, האָט איהם ניט געטרויט. דיא קעניגין האָט בעזאָנדערס געהאַסט דעם געוועזענעם קאָמאַנדיר פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע. אויסער דעם האָט דאַן דער קעניגליכער הויף געהאָפט ערלייזט צו ווערן דורך דיא עסטריי־כער און פּרייסען. לאַפאַיעט האָט דאַרום געמוזט זיך אָפּטראָגען וואָס שנעלער פון פּאַריז צו זיין אַרמעע לעבען גרענעץ.

וויא נאָר ער איז אָפּגעפאָהרען פון פּאַריז, האָט דער מוניציפּאַל־ראַטה צובראָכען זיין ביוסט, וועלכער איז געשטאַנען אין דעם זיצונגס־זאַל, און אַ מענגע האָט פערברענט זיין פּאָרטרעט אין דעם גאָרטען פּאַלע־רויאַל.

נאָר באַלד האָט מען אויך געמוזט פערגעסען אָן גענעראַל לאַפאַיעט. מען האָט אַלץ מעהר און ערנסטער געמוזט דענקען, וויא צו קעמפּפען געגען דעם אויסלענדישען שונא, וועלכער איז זעהר געפעהרליך געוואָרן. אַבוואָהל פראַנקרייך האָט נאָר ערקלערט קריעג דעם עסטרייכער קייזער, האָט דער פּרייסישער קעניג פריעדריך וויל־העלם II דאָך אַרויסגעשיקט אָן אַרמעע געגען דאָס רעוואָלוציאָנערע פאָלק פון פראַנקרייך. אין זיין מאַניפעסט האָט דער פּרייסישער קעניג ערקלערט, אַז אין דיא אינטערעסען פון דער דייטשער אימ־פּעריע געהט ער „דערשטיקען אין פראַנקרייך דיא אַנאַרכיע און דעם שווינדעלגייסט" און אויפשטעלען דיא קעניגליכע מאַכט. אין דעם זעלבען מאַניפעסט האָט דער פּרייסישער קעניג געלאָזט וויסען אַז לודוויג XVI האָט ניט אַנערקענט דיא קאָנסטיטוציאָן אויפריכטיג און פרייוויליג. דערמיט האָט ער פיעל מעהר שלעכטס געטאָן זיין קעניגליכען חבר, וויא ער וואָלט איהם גוטעס געקענט טאָן מיט זיין אַרמעע.

דיזער אָנגריף פון פּרייסען האָט אין העכסטען גראַד אויפגערעגט גאַנץ פראַנקרייך. אַלע האָבען איינגעזעהען, אַז דיא מלכים מיינען דאָ

ניט אזוי צו רעטען לודוויג XVI, וויא צו פערניכטען דיא ערוואָרבענע פרייהייט, וואס האט שוין אָפּגעקאָסט אזוי פיעל בלוט. אלע פּאַרטייען האבען זיך דארום אין דיזען מאָמענט פעראייניגט. דיא מיטעל־קלאַסע האט מורא געהאט, אז מען וועט ווידער איינפיהרען דיא קעניגליכע טיראַני. דיא בויערן האבען געציטערט, אז מען וועט ווידער אָנשיקען אויף זיי דיא פּריצים, דיא ארבייטער און רעוואָלוציאָנערען האבען נאָך געשטרעבט צו קעמפּפען ווייטער פאר עקאָנאָמישע גלייכהייט. דארום האט מען אין אלע פּראָווינצען געמען אָרגאניזירען באטאַליאָנען וואָ־לאָנטירען. דיזע פרייוויליגע סאָלדאטען האבען אלע געטראָגען דעם נאָמען פעדערירטע אָדער פערבונדענע. מאסען בירגער האבען זיך איינגע־שריבען צו דינען דעם פאטערלאנד געגען דעם אויסלענדישען שונא. אזוי וויא מען האט גערעכענט אז דער קעניגליכער הויף האט עס ארויסגערופען עסטרייך און פּרייסען צו זיין הילפע, איז דער צאָרן געגען דעם קעניג זעלבסט אלץ הייסער געוואָרן.

דיא זשיראָנדיסטען האָבען ספּעציעל געארבייט, אז וואָס מעהר וואָלאָנטירען זאָלען זיך פערשרייבען און קומען נאָך פּאריז. דיא פעדערירטע זעלבסט האָבען אנדערס ניט פערשטאנען, אז זיי דארפען זיך צוזאמענטרעפען אין דער רעוואָלוציאָנערער הויפּטשטאָט. ווען דיא פעדערירטע פון מארסעל, וועלכע האָבען זיך בעזאָנדערס אויס־געצייכענט מיט זייער רעוואָלוציאָנערען גייסט, זיינען אריין אין פּאריז, האבען זיי געזונגען דאָס ליעד, וואָס האָט באלד בעגייסטערט גאנץ פראנקרייך און וואס האָט בעגייסטערנד און פייערדיג געקלונגען וואו נאר דיא פראנצויזישע ארמעען זיינען דורכגעגאנגען. דאָס איז געוועזען דיא בע־ריהמטע „מארסעליעזע“, וואָס דער אָפיציער רוזשע דע־ליל האָט צו דער צייט פערפאסט, אום אויפצומונטערן דעם פּאטריאָטישען גייסט פון פראנ־צויזישען פאָלק. דיזער יונגער אָפיציער האָט איהר פערפאסט אין איין נאכט אין דער שטאָט שטראסבורג, וואו ער האָט איהר צוערשט אליין געזונגען אין דער הויז פון דעם בירגערמייסטער דיעטריך. זיא האָט גלייך אַלעמען בעגייסטערט, דען זיא איז פערפאסט געוואָרן אין א מינוט פון דער העכסטער בעגייסטערונג. ווען עטליכע הונדערט פריי־וויליגע אין שטראסבורג האָבען איהר באלד געזונגען מארשירענדיג

איבער דיא גאסען, האט זיא ארויסגערופען דעם הייסעסטען ענטהו־זיאזמוס. זיא האט זיך שנעל פערשפרייטעט, אויפוועקענדיג איבעראל דעם פייערדיגסטען פאטריאטיזמוס פון דיא פראנצויזען. נאך דעם אנקומען פון דיא פעדערירטע פון מארסעל איז זיא געווארן דיא שטורם־ליעד פון דער רעוואלוציאן. אונטער איהרע קלאנגען זיינען דיא פראנצויזישע סאלדאטען געגאנגען אין פייער וויא צו א טאנץ. קיין ליעד אין דער וועלט האט נאך ניט בעגייסטערט אזוי פיעל מענשען וויא דיא מארסעליעזע, וועלכע איז פערבליבען דער נאציאנאלער הימן פון פראנקרייך.

דעם 22 יולי 1792 האט דיא געזעצגעבענדע פערזאמלונג ער־קלערט, אז דאס פאטערלאנד איז אין געפאהר. מען האט עס בעקאנט געמאכט דורך א שיסעריי פון קאנאנען. אין אלע עקען פון לאנד האט מען אויפגעשטעלט גרויסע אמפיטעאטערס מיט געצעלטען פוןביידע עקען. ביי'ן ארייגאנג אין דיא געצעלטען איז געשטאנען א פיקע מיט א רויטע מיצקע פון אויבען. דארט פלעגט מען זיך פערשרייבען צו מאר־שירען צום גרענעץ געגען דעם אויסלענדישען שונא. א גאנצע וואך האט געדויערט צו פערשרייבען דיא רעקרוטען, וועלכע האבען מאסענ־האפט געענטפערט אויף דעם צורוף צו רעטען דאס פאטערלאנד און דיא פרייהייט. דיא פאטריאטישע בעגייסטערונג איז געווען אונבעשרייבליך.

אין דיזער צייט פון זעלטענע אלגעמיינע בעגייסטערונג פאר פרייהייט האט פאסירט נאך א זעהר זעלטענער פאל. דעם 7 יולי 1792, אין רעכטען מיטען פון א הייסע דעבאטע אין דער געזעצגע־בענדער פערזאמלונג איבער דיא געפעהליכע לאגע פון פראנקרייך, האט לאמורעט, דער ביסקופ פון ליאן, וועלכער האט גלייך פון אנפאנג געשווארען טרייהייט צו דער קאנסטיטוציאן, אויסגעשריען: „א, געזעצגעבער! דיא אמת'ע געפאהר פון פאטערלאנד ליעגט אין אייער אונאייניגקייט. דער יעניגער וואס וועט אויספיהרען, אז איי־ניגקייט און שלום זאלען הערשען צווישען אייך, דער וועט זיין דער זיעגער פון עסטרייך און פון קאבלענץ. ווארום בעקעמפפען זיךביידע פארטייען פון דער פערזאמלונג? איינע וויל איינפיהרען מיט דער הילפע פון אויסלאנד א נייע קאנסטיטוציאן מיט צוויי קאמערן, דיא אנדערע

וויל שטירצען דיא מאַנאַרכיע, אום איינצופיהרען אַ רעפּובליק. נון, פערשילט מיט דיא זעלבע קללהביידע קאַמערן און דיא רעפּובליק! לאָמיר שווערען, אַז מיר האָבען אַלע דעם זעלבען געפיהל! זאָל דער שונא וויסען אַז וואָס מיר ווילען, דאָס ווילען מיר אַלע. דאָס פאַטערלאַנד איז דאַן געראַטעט."

דיזער סענטימענטאַלער אויפרוף האָט געהאַט אַ בעצויבערנדע ווירקונג אויף אַלע דעפּוטאַטען. מען האָט געשריען: „קיין רעפּובליק! קיינע קאַמערן! עס לעבע דיא קאָנסטיטוציאָן!" נאָך מעהר: פון אַלע ביינק האָבען זיך דיא געגנערישע דעפּוטאַטען אַ לאָז געטאָן איינע צו דיא אַנדערע, אום צו שווערען פריינדשאַפט און זיך אַרומצוגעהמען. פון אַלע זייטען האָט מען זיך געקושט און געהאַלזט. דער זשיראָנדיסט קאָנדאָרסע, אַ בעריהמטער געלעהרטער און פילאָזאָף, האָט געמאַכט דעם אָנפאַנג פון דיזע אויסעראָרדענטליכע האַלזונגען, און פיעלע אַנדערע האָבען געפאָלגט זיין ביישפּיעל אין דער מערקווירדיגער אויפרעגונג און פערבלענדעניש פון דער מינוט. נאָכהער האָט מען זיך צוזעצט אָהן שום פּאַרטיי - פערטהיילונגען. אויס רעכטע, אויס לינקע, אויס פּויאַנטען, אויס זשיראָנדיסטען, אויס יאַקאָבינער—אַלע זיינען איינס. אין היילענעס בעשליסט מען צו לאָזען וויסען דיא פּראָווינצען וועגען דיזע גליקליכע פּאַסירונג. צוגלייך שיקט מען אַ דעפּוטאַציאָן מיט דעם ביסקופּ לאַמורעט פאָרויס צום קעניג איהם אָנזאָגען דיא גליקליכע בשורה. דער קעניג דערפרייהט זיך ווירקליך און קומט גלייך אין דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג בעגריסען דיא דעפּוטאַטען. דער ענטהוזיאַזמוס דערגרייכט ביז צו דער העכסטער שטופע. אַלע זיינען פול מיט פריידע און האָפנונג. מען וואָלט געקענט מיינען, אַז משיח׳ס צייטען זיינען געקומען.

עס איז אָבער נאָר געוועזען אַ פערבלענדעניש, וועלכע צייגט וויא פיעבערהאַפט אויפגערעגט אַלע זיינען געוועזען אין יענע שטורמדיגע צייטען. שוין אויף מאָרגען האָבען אַלע דעפּוטאַטען שטילערהייט פערנומען זייערע פריהערע פּלעצער, און דער פּאַרטיי־קאַמפּף איז נאָך הייסער געוואָרען. דיזע זעלטענע פּאַסירונג איז פערבליבען אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען „דער קוס פון לאַמורעט". מיט דיזען נאָמען בעצייכענט

מען יעצט געוועהנליך א פלעצליכע פריינדשאפט, וועלכע קען אויף קיין פאל ניט אנהאלטען.

באלד נאך דיזען פריעדענסקוס האט מען סוספענדירט דעם בירגערמייסטער פעטיאן, ווייל ער האט ניט געשטערט דיא דעמאנ־סטראציאן פון 20 יוני. דאס פאריזער פאלק האט אבער גוואלדיג פראטעסטירט געגען דעם. פעטיאן איז דאן געווען זעהר בעליעבט, און דיא פארשטעט האבען זיך א הויב געטאן מיט געשרייען: „פעטיאן אדער טויט!“ דיא געזעצגעבענדע פערזאמלונג האט דאן איינפאך ער־קלערט, אז פעטיאן בלייבט בירגעמייסטער. דעם קעניגליכען הויף האט עס גאר ניט געשמעקט, אבער ער האט געמאכט א שוויינ. אין דער צייט איז גראדע אנגעקומען דיא נאכריכט וועגען דעם מארש פון א פרייסישע ארמעע צום גרענעץ, און אלע האבען פריהער פאר אלץ געמוזט דענקען וועגען דיא אויסלענדישע געפאהר. מען האט געהאט צו שאפען א פאלקסארמעע געגען דעם אויסלענדישען פיינד, וועלכער איז אין געהיים געשטיצט געווארען פון דער קעניגליכער פארטיי.

דיא יאקאבינער האבען ניט אויפגעהערט צו פערלאנגען דיא ארונטערזעצונג פון קעניג. זיי זיינען געווען געגען איהם ניט נאר, ווייל מען האט איהם פערדעכטיגט אין פערבינדונגען מיט אלע פיינדע פון דער רעוואלוציאן, זאנדערן אויך, ווייל זיי האבען אלץ מעהר אנגעפאנגען צו טרוימען און ריידען וועגען גלייכהייט צווישען מענ־שען. דיא עקזיסטענץ פון א קעניג האט גאר ניט געשטימט מיט זייערע אידעאלען און שטרעבונגען. נאר אויף א געזעצליכען וועג האט מען עס ניט געקענט אויספיהרען, דען דיא קעניגליכע מאכט איז געווען א טהייל פון דער קאנסטיטוציאן, וועלכע מען האט בע־דארפט פערטהיידיגען אין אלע הינזיכטען. מען האט אלזא בעדארפט האנדלען אויף א רעוואלוציאנערען וועג, דאס הייסט דירעקט דורך דיא פאלקס־מאסען. צו דיזער ארבייט האבען זיך גענומען אלע רע־וואלוציאנערע קלובען. זיי האבען ווידער אנגעפאנגען צו ארגאניזירען שטילערהייט אן אטאקע אויף דעם טיולערי־פאלאץ מיט דעם צוועק צו פעריאגען לודוויג XVI.

דיא רעוואָלוציאָנערען האָבען אין דער צייט גענומען דאנקען דעם הערצאָג פון ברונסוויק, דעם הויפּט-גענעראַל פון דיא קעניגליכע אַרמעען ניט ווילענדיג האָט ער זיי געהאָלפען צו ענדיגען שנעלער מיט לודוויג XVI ווען ער איז גענאַנגען בעפרייען. דיזער פערביסענער רעאַקציאָנער, וועלכער איז 14 יאָהר שפּעטער געטויטעט געוואָרען אין דער בעריהמטער שלאַכט מיט נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען לעבען יענא, האָט ארויסגעלאָזען אַ זעהר דומען מאַניפעסט, ווען ער איז אָנגעקו־מען אין קאָבלענץ. אין דיזען מאַניפעסט האָט ער ערקלערט אַלע נאַציאָנאַל-גוואַרדיסטען וואָס וועלען קעמפּפען געגען דיא אַרמעען פון עסטרייך און פּרייסען פאַר מיאַטעזשניקעס, אַזוי וויא זיי וואָלטען געווען אונטערטאַנען פון דיזע לענדער. אַ טהייל פון דיזען מאַניפעסט האָט געלויטעט אַזוי: „אַלע איינוואָהנער וואָס וועלען וואַגען זיך צו פערטהיידיגען וועלען אויפ'ן שטעל בעשטראָפט ווערן מיט דיא שטרענג־קייט פון מיליטער-געזעץ... דיא שטאָט פּאַריז וועט אויפגעפאָרדערט ווערן אונטערצוגעבען זיך אָהן שום אָפּלייגונג... זייערע מאַיעסטעטען פון עסטרייך און פּרייסען ערקלערען נאָך, אַז אויב דער טוילערי-פּאַ־לאַץ וועט בעפאַלען אדער בעגליידיגט ווערן, אויב מען וועט דעם מינדעסטען אָנגריף מאַכען אויף דעם קעניג, קעניגין און דיא קעניג־ליכע פאַמיליע, אויב מען וועט ניט באַלד זאָרגען וועגען זייער זיכערהייט און זיי געבען זייער פרייהייט, וועט דיא ראַכע זיין אַזעלכע, וואָס וועט אויף אייביג בלייבען אין געדעכעניס. מען וועט איבערגעבען דיא שטאָט פּאַריז צו אַ מיליטערישע עקזעקוציע און דיא מיאַטעזשניקעס צו פּייניגונגען.“

ווען אַ דענאַמיט-באָמבע וואָלט געפּלאַצט אין מיטען פון אַ מאַסע ברענבארע זאַכען, וואָלט זיא ניט געמאַכט אַזאַ עקספּלאָזיאָן וויא דער מאַניפעסט פון הערצאָג פון ברונסוויק האָט אָנגעמאַכט אין גאַנץ פראַנקרייך, אפילו אין דיא קלענסטע דערפער. מען האָט עס בעטראַכטעט פאַר אַן אָנגריף אויף דיא אונאַבהענגיגקייט פון פראַנקרייך. אַזוי וויא דיזער אָנגריף איז דאָך געמאַכט געוואָרען צוליעב דעם קעניג, האָט דאָס גאַנצע פאָלק איהם אָנגעפאַנגען צו האַסען. מען האָט איהם געהאַלטען פעראַנטוואָרטליך פאַר דיא

שווערע לאגע, אין וועלכע אלע האָבען זיך געפונען דורך דיא רעוואָ־
לוציאָן. עס פערשטעהט זיך, אז דיא געשעפטען זיינען ניט געגאַנגען
און אז עס האָט אויך געהערשט אן עקאָנאָמישער קריזיס צוזאמען
מיט דעם פּאָליטישען.

דיא נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, וועלכע איז מייסטענס בעשטאַנען
פון קליין־בירגער און וועלכע איז א געוויסע צייט געווען פיעל־ווינציג
דיא שטיצע פון קעניג, ווייל זיא איז געווען צופריעדען מיט דער
קאָנסטיטוציאָן, האָט יעצט ניט געשטערט דיא רעוואָלוציאָנערען
אויסצופיהרען זייער וואונש צו גריינדען א רעפּובליק. לודוויג XVI
מיט זיין הויף זיינען געווען עפּעס וויא אין א חרם. אום צו צייי־
גען זיין צוטרויען צום פּאָלק, האָט דער קעניג געהייסען עפענען
פאַר'ן פּובליקום דעם גאַרטען פון טיולערי־פּאַלאַין; אבער קיינער
האָט אהין ניט געוועלט גייען. ביי איין זייט פון גאָרטען האָט מען
אויפגעהאַנגען אויף סלופּעס דיא קורצע אָבער פיעל־בעדייטענדע אויפ־
שריפט „קאָבלענץ"; ביי אן אנדער זייט האָט מען אוועקגעשטעלט דיא
אויפשריפט: „געהט ניט אין דאס פיינדליכע לאַנד". א יונגער מאַן,
וואָס איז דאָרט דורכגעגאַנגען, ניט געבענדיג אכטונג אויף דיא אויפ־
שריפט, איז פערפּאַלגט געוואָרן פון א גאַנצע מענגע. ער האָט זיך
דאַן שנעל אומגעקערט צוריק, האָט אויסגעטאָן דיא שטיוועל, אָפּ־
געריבען דיא בלאָטע פון דיא פּאָדעשוועס און א שליידער געטאָן דעם
שמוץ אין דער אַללעע פון גאָרטען. דיא מאסע האָט איהם דאַן
ענטהוזיאַזטיש אפּלאָדירט.

דאס אלעס האָט דייטליך געצייגט, אז דעם קעניג'ס טעג זיינען
געצעהלטע, אז ביי דעם ערשטען שטורמווינט פון דער רעוואָלוציאָן וועט
ער ענדליך ארונטערגעשליידערט ווערען פון דעם אלטען טראָן פון דער
אלטער מאָנארכיע. לאַפאַיעט האט אין דיזער צייט ווידער אָנגעבאָ־
טען צו רעטען דעם קעניג. ער האט אויסגעארבייט א פּלאַן אוועקצו־
פיהרען דעם קעניג נאָך דער שטאָט קאָמפּיען. פון דאָרט האט דער
קעניג געזאָלט אריבערגעהן דעם גרענעץ און העלפען דעם גענעראַל צו
קעמפּפען געגען זיינע ביטערסטע פיינד, דיא יאַקאָבינער. לאַפאַיעט
האָט געוואונען אויף זיין זייט דעם מאַרשאַל לוקנער, וועלכער האָט

קאָמאַנדירט איבער אַ גאַנצען קאָרפּוס. ער האָט געוועלט בע־פרייען דעם קעניג, ווייל ער האָט געהאָפט, אַז דער קעניג וועט עהרליך און אויפריכטיג האַלטען זיין שבועה צו דער קאָנסטיטוציאָן. נאָר לוד־וויג XVI און זיינע ראַטהגעבער האָבען זיך ווידער ענטזאַגט אָנצו־נעהמען דיא הילפע פון זייער אַמאָליגען געגנער. זיי האָבען איבריגענס געהאָפט, אַז דיא עסטרייכער און פּרייסען וועלען זיי שוין גיכער און בעסער העלפען וויא לאַפאַיעט.

דער קעניג איז אַזוי געבליבען אַליין געגענאיבער דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס איז אַלץ מעהר בעאיינפלוסט געוואָרען פון דיא יאַקאָ־בינער.

זיעבעטער קאַפּיטעל.

דיא אַטאַקע אויף טיולערי דעם 10 אויגוסט 1792.

דער רעוואָלוציאָנערער שטורם, וועלכער האָט צושטערט דעם טראָן פון דיא בורבאָן־דינאַסטיע, האָט אויסגעבראָכען מיט אַ גרויסער קראַפט דעם 10 אויגוסט 1792. לודוויג XVI האָט אָבגעצאָהלט פאַר זיינע פעהלערן, אָבער דערביי איז ער מעהר געווען אַ כפּרה־הינדעל פאַר דיא פעלערן און חטאים פון זיינע עלטערן און אורעלטערן.

נאָך דעם דומען מאַניפעסט פון דעם הערצאָג פון ברונסוויק איז דאָס פאָלק בערייט געווען ניט נאָר אַרונטערצוזעצען דעם קעניג, זאָנדערן אַרויפצויאָגען שרעק אויף אַלע געגנער פון דער רעוואָלוציאָן וויא דאַנטאָן און בעזאָנדערס מאַראַט האָבען עס ניט אויפגעהערט צו פאָרדערן. דיא וואָלאָנטירען וועלכע זיינען זיך צוזאַמענגעקומען פון אַלע עקען פראַנקרייך אין פּאַריז נאָך דער עקרלערונג פון דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג, אַז דאָס פאַטערלאַנד איז אין געפאַהר, זיינען געווען אַ פאַרטיגע אַרמעע אין דיא הענט פון דיא רעוואָלוציאָנערע פיהרערס. דיא וואָלאָנטירען פון מאַרסעל האָבען זיך אין דיזער צייט בעזאָנדערס אויסגעצייכענט: זיי האָבען גלייך געשלאָסען ברודערשאַפט מיט דיא

פאריזער רעוואָלוציאָנערען און זיינען געוועזן פערטיג יעדע מינוט צו שטורמען דעם קעניגליכען פּאַלאַץ.

דיא ארבייטער פון דיא פאָרשטעט האָבען זיך איינפאך געריסען איינצופיהרען א רעפובליק. זיי האָבען שרעקליך געליטען. מען האָט זיי געצאָהלט מיט אסיגנאציעס, וועלכע זיינען אלץ שנעלער געפאלען אין קורס. דיא פרייזען אייף לעבענסמיטעל זיינען אין דער זעלבער צייט אלץ געשטיגען. דיא ארבייטער האָבען זיך שוין לאַנג בעקלאָגט פאר מאראט'ן אויף זייערע צרות און זיי האָבען אלץ שארפער פערלאַנגט עקאָנאָמישע גלייכהייט. אין דיא יאַקאָבינער קלובען האָבען זיי שטענדיג געהערט רעדען וועגען גלייכהייט און זיי האָבען עס געוועלט אין דער פּראַקטיקע. אָבער ווען זיי האָבען בלויז פערלאַנגט א העכערונג פון לוין, האָבען זיי נאר געקראָגען בייסענדע אנטוואָרטען פון דער בורזשואזיע דורך איהרע צייטונגען. דיא ארבייטער האָבען דארום אָנגעפאַנגען צו האסען דיא מיטעלקלאסע ניט וויינינגער וויא דיא אריסטאָקראַטען; נאר זיי האָבען נאך ניט געוואוסט וויא צו בענוצען זיך מיט זייער קראפט געגען דיא בורזשואזיע, וועלכע האָט צוזאמען מיט זיי געקעמפפט פאר פאָליטישע פרייהייט. זייער צאָרן האָבען זיי דארום אויסגעלאָזען צום קעניג.

שוין דעם 26 יולי האָבען זיך דיא פאריזער פאָרשטעט אויפגעהויבען צו פעריאָגען דעם קעניג פון טיולערי־פאַלאַץ. זייער פּלאַן איז געוועזן צו פאנגען דעם קעניג און אוועקצופיהרען איהם נאך ווענסען, א פעסטונג לעבען פאריז. נאר דער בירגערמייסטער פעטיאָן האָט מורא געהאט, אז זיי וועלען ווידער דורכפאלען וויא ביי דער אטאקע פון 20 יוני, און ער האָט דארום אונטערדריקט דיזען אויפשטאנד.

אויסער דעם וואָס אן אטאקע אויף דעם קעניג איז געוועזן צוגלייך אן אטאקע אויף דער קאָנסטיטוציאָן, זאָ דאס דיא אָנהענגער פון דער קאָנסטיטוציאָן האָבען געשטיצט דיא מאָנארכיע, האָט דער קעניג נאך געהאט טרייע פערטהיידיגער אין זיין שווייצער־גוואַרדיע און אין עטליכע הונדערט אריסטאָקראַטען, וועלכע זיינען פערבליבען אין פּאַלאַץ איהם צו בעשיצען און זיינען שטענדיג ארומגעגאַנגען

בעוואפענט. מען האט זיי גערופען שפּיעז־ריטטער, ווייל זיי האָבען אימער מיטגעטראָגען שפּיעזען. דיזע אריסטאָקראַטען האָבען אויך אָרגאַניזירט א קלוב פון א געוויסע צאָהל נאַציאָנאַל־גוואַרדיסטען און לומפּענפּראָלעטאַריער. דיזער קלוב האָט טעגליך געקאָסט דעם קעניג 10 טויזענד פראַנק. דערצו נאך האָבען דיא האָפּלייטע גע־זוכט אונטערצוקויפען דעפּוטאטען און איינפלוסרייכע פיהרערס, וואָס עס איז זיי אויך ניט איין מאָל געלונגען.

אום ארונטערצוזעצען דעם קעניג האָט מען דארום געמוזט גוט אָר־גאַניזירט זיין. דיא יאַקאָבינער, דיא קאָרדעליערען און א טהייל פון דיא זשיראָנדיסטען האָבען זיך צוזאַמען גענומען צו דיזער ארבייט. דיא נשמה פון דיזער רעוואָלוציאָנערער אטאקע איז געווען דאַנטאָן, וועלכער האָט דאן ארויסגעוויזען א גוואַלדיגע ענערגיע און האָט אין אַלע קלובען אויפגעצונדען דיא צוהערערס מיט זיינע פייערדיגע רעדעס. מאַראַט איז געווען זיין וויכטיגסטער העלפער. מאַראַט האָט בעזאָנדערס געפייערט דורך זיין צייטונג, וועלכע האָט געהאַט א זעלטענעם איינ־פלוס אויף דיא מאַסען.ביידע האָבען ספּעציעל אָרגאַניזירט דיא סעקציאָנען פון פּאַריז, וועלכע זיינען געוואָרן דיא הויפּט־קראַפט פון דער פּאַריזער קאָמונע, וויא דאָס איז שוין אין א פריגען קאַפּיטעל אָנגעצייגט געווען.

דיא הויפּט־פיהרערס פון דיא זשיראָנדיסטען האָבען נאך אַלץ געהאָפט, אז מען וועט קענען אויסמיידען אַן אויפשטאַנד פון דיא פּאַרשטעט און ארונטערזעצען דעם קעניג דורך א בעשלוס פון דער געזעצגע־בענדער פערזאַמלונג. דעם 3 אויגוסט איז ערשיענען אין דער פער־זאַמלונג דער בירגערמייסטער פּעטיאָן מיט א פּעטיציאָן פון דעם גענעראַל־ראַטה פון דער פּאַריזער קאָמונע, אז מען זאָל אָנקלאָגען און ארונטערזעצען דעם קעניג פאַר זיין אנטהייל אין דיא פערשווערונגען געגען פאָלק. דיא סעקציאָנען האָבען אונטערשטיצט דיזען פערלאַנג דורך דעפּוטאַציאָנען. אָבער דיא געזעצגעבענדע פערזאַמלונג האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. דיא זשיראָנדיסטען האָבען נאך מורא געהאַט צו האַנדלען אזוי רעוואָלוציאָנער. מען האָט בעהויפּטעט אז עטליכע פון זיי זיינען אונטערגעקויפט געוואָרען פון קעניגליכען הויף.

ווי האָבען אבער ניט געקענט ענטזאגען דיא פעטיציאָן. דארום האָט דיא פערזאמלונג בעשלאָסען אָבצולייגען דיא דיסקוסיאָן פון דיזער ברענענדער פראגע אויף דעם 9 אויגוסט.

ווען דיזער טאָג איז געקומען, זיינען שוין דיא סעקציאָנען גע־ ווען אָרגאניזירט צו אַן אטאקע. זיי האָבען געלאָזט וויסען, אז אויב דיא געזעצגעבענדע פערזאמלונג וועט ניט ארונטערזעצען דעם קעניג ביז מיטערנאכט, וועט מען לאָזען הערען דעם שטורמגלאָק. דיא פער־ זאמלונג האָט אָבער וויעדער ניט געקענט קומען צו א בעשלוס און האָט אָבגעלייגט דיא זיצונג, איבערלאָזענדיג דעם קעניג צו זיין שיקזאל.

דאָן האָבען זיך דיא סעקציאָנען גענומען צו געוועהר. ארום 12 ביי נאכט האָט מען גענומען וועקען דער עולם מיט'ן שטורמגלאָק. זעהר ווייניג מענשען האָבען דיזע נאכט געשלאָפען אין פאריז. איבעראל האָט עס געקאָכט וויא אין א קעסעל. באטאליאָנען האָבען זיך אויס־ געשטעלט אין דיא פאָרשטעט. דיא פיהרערס זיינען ארומגעלאָפען פון איין גרופע צו אַ'ן אנדערער, אום אויפצומונטערן דעם עולם דיזעס מאָל צו מאכען א סוף פון דער מאָנארכיע. דאנטאָן האָט געדונערט אין דעם שטורמישען קאָרדעליערען־קלוב. ארום צוועלף האָט ער געהייסען ציהען דעם שטורמגלאָק און האָט אליין אויסגע־ שאָסען פון א רעוואָלווער. נאכהער איז ער אוועק צו דיא וואָלאָנ־ טירען פון מארסעל, וועלכע ער האָט בעגייסטערט מיט זיין רעדע. מען האָט זיי איבריגענס ניט בעדארפט פיעל צורייזען, דען זיי זיינען געוועזען מוטהיגע מענער און ענטשלאָסענע רעוואָלוציאָנערן. זיי זיינען אַלע גלייך ארויס אין גאס אונטער דיא קלאנגען פון דער מארסעליעזע. אַנדערע וואָלאָנטירען און דיא ארבייטער פון דיא פאָרשטעט האָבען זיך א שאָט געטאָן נאך זיי.

דער עלזאסער וועסטערמאן, וועלכער איז פריהער געוועזען אַן אונטעראָפיציר אין דער פריסישער ארמעע, האט אויסגעשטעלט דיא באטאליאָנען אין א מיליטערישער אָרדנונג אזוי וויא א געניטער גענע־ ראל. ער האט מארשירט פאָראויס מיט אונגעפעהר 3000 מארסעלער, נאכהער האבען געפאָלגט א 15 טויזענד ארבייטער פון דער פאָרשטאָט

סענט־אנטואַן און א 5000 מאַן פון דער פאָרשטאָט סענט־מארסאָ. זיי האבען אויך מיטגעשלעפּט עטליכע קאַנאָנען.

אין דער זעלבער נאַכט האט זיך אויך אָפּגעשפּיעלט א רעוואָ־לוציאָן אין פּאַריזער ראַטהויז. דיא מיטגליעדער פון דער קאָמונע זיינען ניט געווען גענוג ענערגיש און רעוואָלוציאָנער פאר דיא פיהרערס פון דיא סעקציאָנען, און דיא אָרגאַניזאַטאָרען פון דער אטאַקע אויף דעם קעניגליכען פּאַלאַץ האבען בעשלאָסען זיי ארונטערצוזעצען. יעדע סעקציאָן האט געשיקט א נייעם פערטרעטער אין געמיינדע־ראַטה. דיזע פערטרעטער זיינען געווען פייערדיגע רעוואָלוציאָנערען, ענטשלאָסען אויף אַלעס. זיי האבען ערקלערט, אז זיי זיינען דיא קאָמונע פון פּאַ־ריז, און זיי האָבען אויפגעמונטערט דיא וואָלאָנטירען און ארבייטער צו מארשירען צום טיולערי־פּאַלאַץ. אזוי וויא זיי האבען געוואוסט, דאס דער בירגערמייסטער פּעטיאָן וועט זיי שטערען אלס פעראַנטוואָרט־ליכע פערזאָן און אלס געגנער פון בלוטפערגיסונג, האבען זיי בעשלאָסען איהם צו אַרעסטירען אויף א צייט. ער איז גראָדע געווען אין קעניג־ליכען פּאַלאַץ, ווען דער שטורמגלאָק האט אָנגעפאַנגען צו קלינגען. דיא אַריסטאָקראַטען, וועלכע זיינען פריייוויליג געווען דיא לייבגוואַרדיע פון קעניג, האבען געוואָלט פערהאַלטען דעם בירגערמייסטער פאר א משכן. נאָר דיא געזעצגעבענדע פערזאַמלונג, וועלכע האט ערפאַהרען פון זיין קריטישע לאַגע, האט בעפוילען איהם ארויסצולאָזען, און דער קעניג האט געפאָלגט. מאַנדאַ, דער קאָמאַנדיר פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, אַן אָנהענגער פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנארכיע, האט אָבער ניט אָבגעלאָזען דעם בירגערמייסטער ביז ער האט פון איהם ארויסגעקראָגען א שריפטליכען בעפעהל צו ענטפערן מיט געוואַלט אויף געוואַלט.

ווען פּעטיאָן איז אָנגעקומען אין ראַטהויז, האט הוגענין, דער פּרעזידענט פון דער נייער קאָמונע, געהייסען איהם פערהאַלטען און ארומרינגלען מיט א וואַך, אום פון איהם אראָפּצונעהמען יעדע פער־אַנטוואָרטליכקייט פאר אַנפאַל אויף דעם קעניג. דיא נייע מיט־גליעדער פון דער קאָמונע האָבען אין אַלע הינזיכטען געהאַנדעלט רעוואָלוציאָנעריש. ארום 5 אוהר מאָרגענס האָבען זיי געשיקט רופען

מאנדא, דעם קאָמאנדיר פון דער נאַציאָנאל־גוואַרדיע, וועלכער האט אין דער נאַכט אויסגעארבייט צוזאמען מיט דעם קאָמאנדיר פון דער שווייצער־גוואַרדיע א פּלאַן צו פערטהיידיגען דעם פּאַלאַץ. ער האט ניט געוואָלט געהען, אָבער דער פּראָקוראָר רעדערער האט איהם צוגערעט נאָכצוקומען דעם פערלאַנג פון דער קאָמונע. מאנדא האט נאָך ניט געוואוסט פון דער רעוואָלוציאָן אין ראַטהויז. ווען ער איז אהין אָנגעקומען, האט ער דערזעהען נייע געזיכטער און האט דערקענט עטליכע פון זיינע פּאָליטישע געגנער. מען האָט איהם געפרעגט ווארום ער האָט אָנגעגרייט באַטאַליאָנען פון דער נאַציאָנאל־גוואַרדיע געגען פּאָלק. ער האָט זיך געשיקט אויף דעם בעפעהל פון פּעטיאָן, אָבער ער האָט דיזען בעפעהל ניט געצייגט. מען האָט דאַן געהייסען איהם אונטערזוכען און מען האָט ביי איהם געפונען א בעפעהל צו דער נאַציאָנאל־גוואַרדיע צו אַטאַקירען פון הינטען דיא פּאָלקס־מאַסען, וואָס וועלען בעפאַלען דעם קעניגליכען פּאַלאַץ. דאָס איז געווען א קלאָרער בעווייז, אז מאנדאַ איז געגען פּאָלק און א דיענער פון קעניג. דארום האָט הונגען געהייסען איהם ארעסטירען און אָפּפיהרען אין א געפענגניס. מען זאָגט, אז אין דער צייט האָט ער א פּיהר געטאָן מיט דער האַנט אלס א צייכען, דאָס מען זאָל דעם קאָמאנדיר טויטען. מען זאָגט אויך, אז דיא רעוואָלוציאָנערען האָבען גלייך פון אָנפאַנג בעשלאָסען צו שיקען דעם קאָמאנדיר פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע אויף יענע וועלט. יעדענפאלס האָט איהם אימעצער דערשאָסען אויף טויט, ווען מען האָט איהם ארויסגעפיהרט פון זיצונגס־זאַל פון שטאָט־הויז.

אָהן דעם קאָמאנדיר האָבען דיא פערטהיידיגער פון קעניגליכען פּאַלאַץ פערלאָרען דיא קעפּ. אפילו דיא נאַציאָנאַל־גוואַרדיסטען פון דער בורזשואזיע, וועלכע האָבען ניט סימפּאַטיזירט מיט דער רעוואָלוציאָן, זיינען געווען זעהר אונצופריעדען, וואָס עס וועט זיי אויסקומען צו קעמפּפען צוזאמען מיט דיא פערהאַסטע אריסטאָקראַטען, דיא שפּיעזען־ריטטער. דער פּראָקוראָר רעדערער, וועלכער האָט דעם טאָג געשפּיעלט א זעהר צווייַדייטיגע ראָלע, האָט געראַטען דעם קעניג אוועקצושיקען דיא אריסטאָקראַטען, אבער לודוויג XVI און בעזאָנדערס זיין פרוי האָבען דערפון ניט געוואָלט הערען. דער שוואכער קעניג

האָט איבערהויפּט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. אום 5 אוהר מאָרגענס האָט מען אַרויסגעשיקט דעם קעניג צו מושטירען און ערמונטערן זיינע פערטהיידיגער; ער איז אבער געווען אַזוי נידערשלאָגען, אַז ער האָט נאָר אַרויפגעיאָגט אויף זיי אַ טרויער. נאָר צוויי באַטאַליאָנען פון דער הויכער בורזשואזיע זיינען געווען גענייגט צו פערטהיידיגען דעם קעניג, דיא איבעריגע באַטאַליאָנען האָבען איהם אויפגענומען מיט געשרייען: „עס לעבע דיא נאַציאָן!" „ניעדער מיט דעם וועטאָ!" פּיעלע האָבען געשריען: „עס לעבע פּעטיאָן! ניעדער מיט דעם פערּרעטהער!"

דער קעניג האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אין פּאַלאַץ בלאַס וויא דער טויט. ער האָט שוין געזעהן, אַז עס האָט געשלאָגען דיא לעצטע שטונדע פון דער מאָנאַרכיע. אין דער צייט איז מען געקומען אָנזאָגען אין פּאַלאַץ, אַז דאָס פאָלק פון דיא פאָרשטעט האָט זיך אַריינגעריסען אין אַן אַרסענאַל און זיך בעוואַפענט. דיא אַרטעלעריסטען פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע האָבען אויסגעשטעלט זייערע קאַנאָנען געגען פּאַלאַץ, שרייענדיג: „ניעדער מיט דעם טיראַן!" פון דער ווייטענס האָבען זיך געהערט קלאַנגען פון דער מאַרסעליעזע, אונטער וועלכע דיא רעוואָלוציאָנערע מחנות האָבען מאַרשירט.

לודוויג XVI האָט דאָן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, וויא אָנצונעהמען דעם ראַטה פון פּראָקוראָר רעדערער צו זוכען שוץ אין דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג. אָנפאַנגס האָט ער זיך ענטזאַגט דערפון; אַבער ווען ער האָט געזעהען וויא ערנסט דער אויפשטאַנד איז געוואָרן, האָט ער נאָכגעגעבען. דיא קעניגין האָט איהם פּרובירט אָפּריידען, זיא האָט געזאָגט, אַז זיא וועט ליעבערסט שטאַרבען איידער בעטען רחמים ביי דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג; אבער ווען רעדערער האָט איהר ערקלערט, אַז זיא שפּיעלט מיט'ן קאָפּ פון קעניג, האָט זיא געמוזט שווייגען.

בעגלייטעט פון 300 שווייצער און 300 נאַציאָנאַל־גוואַרדיסטען האָט זיך לודוויג XVI מיט זיין פאַמיליע בעגעבען נאָך דער געזעצגעבענ־דער פערזאַמלונג. מען האָט שוין בעדאַרפט דורכברעכען אַ וועג דורך דיא געדיכטע מאַסען, וועלכע האָבען פערפלייצט אַלע פּלעצער

ארום דעם פּאַלאַץ. דער קעניג איז אריין געארמט מיט זיין שוועס־טער עליזאבעטע, דיא קעניגין איז נאכגעגאנגען געארמט מיט דעם פּראָקוראָר רעדערער. א נאַציאָנאַל־גוואַרדיסט האָט געטראָגען דעם קרוינפּרינץ אויף דער האנט. דיא פערזאמלונג, וועלכע האָט ניט ערוואַרטעט אזא פּראָצעסיאָן, האָט אין היילענעם ארויסגעשיקט א דעפּוטאציאָן אויפצונעהמען דעם קעניג. „איך בין געקומען אום א גרויסען פערברעכען צו פערהיטען. איך גלויב אז איך וועל ערגעץ ניט זיין אזוי זיכער וויא לעבען אייך, מיינע העררן"; האָט געזאָגט דער קעניג צו דער פערזאמלונג. דער פּאָרזיצענדער ווערניאָ האָט איהם געגעבען דיא צווידייטיגע אנטוואָרט, אז דיא פערזאמלונג וועט בע־שיצען דיא רעכטע פון פאָלק און פון דער רעגיערונג. דער קעניג האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבען פּאָרזיצענדען, אבער דער זשיראָנדיסט שאבאָ האָט אָנגעצייגט אויף א פּונקט פון דער קאָנסטיטוציאָן, דאָס מען טאָר ניט פיהרען דיסקוסיאָנען אין דער אנוועזענהייט פון קעניג. דארום האָט מען דעם קעניג מיט זיין פאַמיליע אָפּגעפיהרט אין דעם צימער פון דעם סטענאָגראַף הינטער דעם שטול פון דעם פּאָרזיצענדען.

אין דיזער צייט האָט זיך אין דעם פערלאָזענעם קעניגליכען פּאַלאַץ אָפּגעשפּיעלט א טראַגעדיע. וויא נאר דער קעניג איז ארויס, זיינען דיא מייסטע נאַציאָנאַל־גוואַרדיסטען אויף אוועק. דיא שווייצער זיינען נאך פערבליבען, ניט וויסענדיג וואָס צו טאָן. דאָס בעוואַ־פענטע פאָלק האָט זיך אונגעשטערט אריינגעריסען אין פּאַלאַץ. א טהייל פון דיא רעוואָלוציאָנערען האָבען זאָגאר פריינדליך אויפגענומען דיא שווייצער.

עס האָט געשיינט, אז אלעס וועט פאריבער געהען אָהן א בלוט־פערגיסונג. נאר מיט אמאָל האָבען דיא שווייצער אויסגעשאָסען אין דער מענגע און האָבען א סך נידערגעשאָסען. מען וויים ניט אויף ריכטיג, וויא און ווארום דיזע שיסעריי האָט זיך אָנגעפאנגען. דיא מאָנארכיסטען האָבען בעהויפּטעט, אז עטליכע וואָלאָנטירען פון מאר־סעל האָבען פריהער געטויטעט 5 שווייצער. דיא רעוואָלוציאָנערן האָבען בעהויפּטעט, אז דיא שווייצער האָבען געוועלט זיך אָפּרעכענען מיט דיא מאסען. יעדענפאלס, אזוי וויא קיינער האָט ניט ערוואַר־

טעט אזא מערדערישען אַנגריף, זיינען זיך אָנפאַנגס דיא מאַסען צולאָפען אין שרעק. דיא שווייצער האָבען פערבאַפט דיא קאַנאָנען, וועלבע דיא רעוואָלוציאָנערן האָבען איבערגעלאָזען אנטלויפענדיג, און האָבען גענומען שיסען פון זיי אין דיא מאַסען. אַ סך מענשען זיינען אַזוי געטויטעט געוואָרן, און דער הויף פון פּאַלאַץ איז בעגאָסען געוואָרן מיט בלוט. דער קאָמאַנדיר פון דיא שווייצער האָט זיך דורכגעבראָכען אַ וועג צו דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג, וואו ער האָט פערבאַפט 3 קאַנאָנען און זיי געהייסען אומוואַרפען.

עס האָט געשיינט, אַז דער אַנגריף פון דיא רעוואָלוציאָנערען איז ווידער אומזיסט, דאס דיא שווייצער זיינען דיא זיעגערס. נאָר וועסטערמאַן, וועלבער איז געבליבען קאַלטבּלוטיג אין דעם שרעקליבען געטומעל, האָט צוזאַמענגעקליבען דיא צולאָפענע. דיא מאַרסעלער זיינען געקומען צו לויפען מיט נייע קאַנאָנען און מען האט אנגעפאַנגען אַן אַטאַקע אויף דיא שווייצער, וועלבע האָבען געזוכט זיך צו רעטען, דען זיי האָבען געזעהען, אַז זיי ווערן ארומגערינגעלט פון אַלע זייטען. דיא גרויסע טרעפּ פון פּאַלאַץ און פיעלע קאָרידאָרען ווערן פערפּלייצט מיט בלוט. דיא שווייצער און דיא אַריסטאָקראַטען ווערן אויסגעשלאַבטעט פון דיא צורייצטע מאַסען. אַ טהייל פון דיא שווייצער פאַרבאַריקאַדירען זיך אין פּאַלאַץ; אַבער מען שטעלט אויס קאַנאָנען געגען זיי, מען צוברעבט אַלע טירען און מען יאָגט זיי פון איין צימער אין דעם אַנדערן אַזוי וויא ווילדע חיות. מען טויטעט זיי אָהן רחמנות. מאַנבע שטעקען ארויף דיא קעפּ פון דיא געטויטעטע שווייצער אויף פּיקעס און מאַרשירען דערמיט ארום וויא צר־ווילדעטע, זינגענדיג נאָך דערביי דיא רעוואָלוציאָנערע ליעד Ça ira.

פון דיא פענסטער אין דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג האט מען געקענט זעהען דיא שרעקליבע סצענען און הערען דיא שיסעריי און ווילדע געשרייען. דאָרט האט אויך געהערשט אַן אונבעשרייבליבע אויפרעגונג. יעדער שאָס פון דיא קאַנאָנען האט געמאַבט ציטערן דיא פענסטער. דיא דעפּוטאַטען האָבען געשוואָרען צו שטאַרבען אויף זייערע פּלעצער. מען האט פּיעבערהאַפט געוואַרט אויף דעם סוף פון דעם בלוטיגען קאַמפּף אין פּאַלאַץ. עטליבע דעפּוטאַטען האבען

געפרענט דעם קעניג, אויב ער האָט געהייסען דיא שווייצער שיסען אויפ'ן פאָלק. ער האָט געענטפערט, אז ער ווייסט ניט פון וואס צו זאָגען. דאַן האט מען איהם אויפגעפאָדערט צו שיקען א בעפעהל, אז דיא שווייצער זאָלען אויפהערען צו שיסען. דאס האט ער געטאָן, אָבער אין פּאַלאַץ איז דער קאַמפּף געווען אזא ברענענדיגער, אז מען האָט איהם שוין מיט'ן בעפעהל ניט געקענט אָפּשטעלען ביז כמעט אלע שווייצער זיינען אויסגעשלאַכטעט געוואָרען. דיזער בעפעהל איז געווען דער לעצטער אקט פון לודוויג XVI.

ווען דאס פאָלק האט זיך אזוי בלוטיג אָפּגערעכענט מיט דיא שווייצער און דיא שפּיעז־ריטטער האבען עטליכע צוקאָכטע מענשען אויך געוועלט טויטען דיא האָפדאמען, וואס זיינען בעוואוסט געווען דורך זייער אַנטהייל אין פערשווערונגען געגען פאָלק. אבער באַלד האט זיך דערהערט א געשריי: „שענדעט ניט דיא נאציאָן! גנאַדע צו פרויען!" און קיינער האט זיי שוין ניט אָנגעריהרט. דיא מאסען האָבען זיך צולאָזען איבער אלע ווינקעלעך פון פּאַלאַץ, צוברעכענדיג איבעראַל דיא צייכענס פון דער מאָנארכיע. דערביי זיינען אויך פיעלע קונסט־ווערק צושטערט געוואָרען. אָבער קיין זאך איז ניט געראַבט געוואָרן. דאָס פּאַריזער פאָלק האט דאָ, וויא אין אַלע אַנדערע רעוואָלוציאָנען, ארויסגעוויזען זיין עהרען־געפיהל. עטליכע טויזענטער ווילדע, וואָס האָבען אָנגעפאַנגען צו גנב'נען, זיינען באַלד אויפגעהאַנגען געוואָרן. פיעלע קאָסטבאַרע זאַכען זיינען נאכהער געבראכט געוואָרן פון דיא רעוואָלוציאָנערען אין דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג און אין דער שטאָטהויז.

ארום צוועלף, ווען דיא בלוטפערגיסונג איז שוין געווען צו ענדע און דיא מיט בלוט־בעשפּריצטע און מיט פולווער פערשוואַרצטע רעוואָלו־ציאָנערען האָבען זיך א לאָז געטאָן צו דער געזעצגעבענדער פערזאמלונג אָנזאָגען דעם זיעג פון פאָלק, איז ערשיענען א דעפּוטאציאָן פון דער נייער רעוואָלוציאָנערער קאָמונע, וועלכע איז דאַן געווען פאָלשטענדיג אונטער דעם איינפלוס פון דאַנטאָן. זיא האט געטראָגען פאָראויס א פאָהן, אויף וועלכער עס זיינען געווען אָנגעשריבען דיא ווערטער: „פאַ־טערלאַנד, פרייהייט, גלייכהייט", און האט פערלאַנגט דיא אָראָפּזעצונג פון קעניג מיט א זעהר ענערגישען טאָן. באַלד זיינען אָנגעקומע

אַנדערע דעפּוטאַציאָנען, וועלכע האָבען אונטערשטיצט די פאָדערונ־גען פון די שטאָט־פערוואַלטערס.

די געזעצגעבענדע פערזאמלונג האט ניט געוואוסט וואס צו טאָן מיט דעם קעניג, וועלכער איז אליין געקומען צו איהר, זוכענדיג שטיצע געגען פאָלק. אפילו די זשיראָנדיסטען האָבען זיך קיין עצה ניט געקענט געבען. זיי האבען זיך געשראָקען פאר די רעזולטאטען פון אזא רעוואָלוציאָנערען שריט, וויא די אראָפּזעצונג פון דעם קע־נאָר די קאָמונע פון פאריז האט זיי געצוואונגען צו האנדלען. זיא האט דאָ ארויסגעוויזען איהר שטייגענדע מאכט, וועלכע איז נאכהער אָפט געווען גרעסער וויא די מאכט פון דער געזעצגעבענדער פער־זאמלונג. די דעפּוטאטען האָבען געוואוסט, אז דאנטאָן האט גע־סטראשעט מיט זיי זיך אָפּצורעכענען, אויב זיי וועלען ניט אראָפּזעצען דעם קעניג, און אז ער האָט די מאכט אויסצופיהרען זיינע סטראשונקעס דורך די רעוואָלוציאָנערע קאָמונע, וועלכע, ער האט בעהערשט און אָנ־געפיהרט. דער פאָרזיצענדער ווערניאָ, איינער פון די זשיראָנדיסטישע פיהרערס, האט דארום פאָרגעשלאָגען „דעם קעניג צו סוספּענדירען ביז א נאציאָנאלע קאָנווענציאָן וועט איינבערופען ווערן צו בעשטימען וואס פאר מיטעל מען זאָל אָננעהמען צו פערזיכערן די אויבערמאכט פון פאָלק און די הערשאפט פון פרייהייט און גלייכהייט“.

דיזער פאָרשלאג איז גלייך אָנגענומען געוואָרן. ווען מען האָט דאָס אָנגעזאָגט דעם קעניג, האט ער נאָר בעמערקט, אז דער בעשלוס איז געגען דער קאָנסטיטוציאָן. דאָס איז געווען ריכטיג, אָבער די פערזאמלונג האט אנדערש ניט געקענט האנדלען. זיא האט זיך גע־מוזט רעכענען מיט דער רעוואָלוציאָן, וואס האט אין דיזען טאָג געשטירצט די אַלטע דינאסטיע. אין דער צייט פון א רעוואָלוציאָן קען מען איבערהויפּט ניט האנדלען קאָנסטיטוציאָנעל, זאָנסט וואָלט מען דאָך גאָר ניט געענדערט.

באלד נאָך דעם בעפעהל צו סוספּענדירען דעם קעניג האט די געזעצגעבענדע פערזאמלונג בעשלאָסען צוריק אָנצושטעלען די זשי־ראָנדיסטישע מיניסטערס, וועלכע דער קעניג האָט ענטלאַסען. ראָלאָן איז ווידער געוואָרן מיניסטער פון אינלענדישע אנגעלעגענהייטען,

סערוואַן—פון דער אַרמעע, קלאַוויער—פון פינאַנצען. נאָך דערביי האָט מען זיך שוין געמוזט רעכענען מיט דיא יאַקאָבינער און קאָרדיליערען, וועלכע האָבען אויסגעפיהרט דעם 10 אויגוסט פיעל מעהר וויא דאָס, וואס דיא זשיראָנדיסטען האבען געהאָפט צו דערגרייכען דורך דיא אונגעלונגענע דעמאָנסטראַציאָן פון 20 יוני. דארום האט דיא געזעצגעבענדע פערזאַמלונג אָבגעגעבען דאס יוסטיץ־מיניסטעריום צו דאַנטאָן, דעם הויפטפיהרער פון דיזען שטורם־טאָג.

אין דיזען טאָג האט דאס פאָלק ווידער פערזיכערט דיא אָנגעפאַנגענע רעוואָלוציאָן מיט זיין בלוט. דיא צאָהל פון דיא אָפּפער האָט מען ניט געקענט גענוי בעשטימען. פערשיעדענע בעריכטען גיבען אָן פערשיעדענע צאָהלען, פון 1500 ביז 5000 אָפּפער. דיא שווייצער האָבען פערלאָרען 700 מאַן. דערצו נאָך זיינען געטויטעט געוואָרען א פאָר הונדערט אריסטאָקראַטען און נאַציאָנאַל־גווארדיסטען, וועלכע זיינען געקומען פערטהיידיגען דעם קעניג.

דיא געזעצגעבענדע פערזאַמלונג האָט צוערשט בעשלאָסען צו האַלטען דעם קעניג אונטער איהר אויפפאַסונג, אָבער דיא רעוואָלוציאָנערע קאָמונע האָט ניט געטרויט דער פערזאַמלונג. דיא רעוואָלוציאָנערן האָבען מורא געהאַט, אַז דער קעניג וועט קענען אַנטלויפען, ווען ער וועט זיין בעוואַכט פון פערזאָנען, וועלכע דיא געזעצגעבענדע פערזאַמלונג וועט אויסקלייבען. אין דער פערזאַמלונג זיינען געווען פיעלע קאָנסטיטוציאָנעלען, און פיעלע זשיראָנדיסטען זעלבסט האָבען נאָך ניט געוועלט איינפיהרען א רעפּובליק. א סך דעפּוטאַטען האָבען גערעכענט, אַז מען וועט האַלטען דעם קעניג געפאַנגען אין דעם לוקסאַמבורגער פאַלאַץ, וועלכען מען האָט בעשטימט פאַר דיא קעניגליכע פאַמיליע, אַזוי לאַנג ביז מען וועט שליסען פריעדען מיט דעם אויסלענדישען שונא. אָבער דיא קאָמונע האָט געוועלט איינפיהרען א רעפּובליק און איבערהויפּט מאַכען א סוף פון דעם קעניג. דארום האָט זיא פערלאַנגט ביי דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג איהר איבערצוגעבען דיא וואַך איבער דער קעניגליכער פאַמיליע. דיא פערזאַמלונג האָט דאָס אויך נאַכגעגעבען.

דער בירגערמייסטער פעטיאָן האָט דאַן אָפּגעפיהרט דיא קע־

ניגליכע פאמיליע נאך דעם זאָ־גענאַנטען טעמפעל־טהורם, וויא דיא קאָמונע האָט עס בעפוילען. דאָס איז געווען אַן אַלטער קלויסטער פון דיא טעמפעל־ריטטער מיט אַ טהורם. דיא קאָמונע האָט אויס־געקליבען דיזען קלויסטער, ווייל ער איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט פון אַנדערע געביידעס און ווייל מען האָט איהם געקענט גוט בעוואַכען, אַז דער קעניג זאָל ניט האָבען דיא מעגליכקייט צו אַנטלויפען.

אַכטער קאַפּיטעל.

אָנפאַנג פון רעוואָלוציאָנערען געריכט.

דיא נאַכריכט וועגען דעם שטאַאַטס־שטרייך אָדער איבערקעהר־רעניס פון 10 אויגוסט האָט געטראָפען גאַנץ אייראָפּאַ וויא מיט אַ דונער. אין דיא אַדעליגע און רייכע קלאַסען, וואו מען האָט אפילו סימפּאַטיזירט מיט דעם שטורם פון דער באַסטיליע און מיט דער נייער אָרדנונג אין פראַנקרייך, האָט מען זיך גענומען אָפּטרייס־לען פון דיא פּאַריזער רעוואָלוציאָנערן. דיא פעלקער האָבען נאָך צו דער צייט פערשטאַנען גאַנץ וועניג, וואָס עס קומט פאָר אין פראַנק־רייך, און ווען מען האָט זיי פאָרגעשטעלט, אַז פּאַריז איז פערכאַפּט געוואָרן פון סאַנקיולאָטען, האַלז־שניידער און אויסוואורפען, האָבען זיי עס אָנגענומען פאַר אַ כשר׳ע מטבעה. דער וואָרט יאַקאָבינער איז געוואָרען אַ סטראַשידלע. דיא מלכים האָבען דאַרום געקענט פיהרען אָהן שטערונגען זייער מלחמה געגען פרייהייט, וועלכע האָט אויפגעטאָגט אין פראַנקרייך און האָט געסטראַשעט צו פעריאָגען דיא פינסטערע וואָלקענס פון מיטעל־אַלטער אין גאַנץ אייראָפּאַ.

אין פראַנקרייך זעלבסט האָט מען מייסטענס אָנערקענט דיא אַראָפּזעצונג פון קעניג. דיא פּראָווינצען זיינען יעדענפאַלס ניט אַרויס־געטראָטען געגען פּאַריז. אין דער אַרמעע אָבער זיינען נאָך געווען פיעלע קאָמאַנדירען און אָפיצירען, וואָס זיינען געווען צוגעבונדען צו

דער מאָנארכיע און וואָס וואָלטען גערן מארשירט געגען פאריז, ווען דיא סאָלדאטען וואָלטען זיי געפאָלגט און ווען הינטער זיי וואָלטען ניט געשטאַנען דיא אויסלענדישע ארמעען. דיא מייסטע גענעראלען האָבען דארום בעשלאָסען צו דולדען דאָס געשעהענע. מאנכע האָבען נאך געהאָפט, אַז לודוויג XVI וועט ווידער ארויפגעזעצט ווערן אויף'ן טראָן. נאר לאפאיעט איז אָפען ארויסגעטראָטען פאר דעם קעניג, ווענען ער האָט ערשט מיט א יאָהר צוריק אַליין געהייסען ארעסטירען. זיין ביטערער האַס געגען דיא יאקאָבינער האָט איהם אָנגעטריבען צו אַן אויפשטאנד געגען דיא געזעצגעבענדע פערזאמלונג. ער איז געווען אין סעדאַן, ווען דריי קאָמיסארען פון דער געזעצגעבענדער פערזאמלונג זיינען געקומען איהם אָנזאָגען וועגען דעם שטאאטס־שטרייך פון 10 אויגוסט און פון איהם פערלאַנגען אנערקענונג און טרייהייט. אנשטאָט אנערקענונג האָט ער געהייסען דיא קאָמיסארען ארעסטירען, נאכהער האָט ער געלאָזט זיין ארמעע שווערען טרייהייט צום קעניג און האט זיך צוגעגרייט צו מארשירען געגען פאריז, וואוהין דיא עסטרייכער און פרייסען האָבען שוין אָנגעפאנגען זיך צו רוקען.

דיא געזעצגעבענדע פערזאמלונג האָט ארויסגעלאָזען א בעפעהל איהם צו ארעסטירען און האָט איהם אָנגעקלאָגט אין האָכפערראַטה. דאַן איז דיא ארמעע אָפגעפאלען פון איהם, און ער האָט געמוזט אנטלויפען. צוזאמען מיט זיינע טרייעסטע אדיוטאנטען איז ער אריבער דעם גרענעץ און האָט געוואָלט צוקומען צו האָלאנד, אום פון דאָרט אָפצופאָהרען נאך דיא פעראייניגטע שטאאטען, וואו מען וואָלט איהם אויפגענומען מיט דער גרעסטער פריינדשאפט פאר זיין אנטהייל אין דער אמעריקאַנער רעוואָלוציאָן. נאר ער איז אריינגעפאלען אין דיא הענד פון עסטרייכער, וועלכע האָבען איהם נאך געהאלטען פאר א רעוואָלוציאָנער און האָבען איהם איינגעשפארט אין דעם שלאָס אָלמיץ. דאָרטען האָט מען איהם 5 יאָהר געהאלטען געפאנגען זעהר שטרענג, ביז נאפאָלעאָן דער ערשטער האָט נאך זיינע זיעגרייכע שלאכטען געצוואונגען עסטרייך איהם פריי צו לאָזען. דיא בעפרייאונג פון לאפאיעט איז געווען איינע פון פראנקרייך'ס בעדינגונגעןביי'ן

שליסען פריעדען מיט עסטרייך אין דעם איטאליענישען דאָרף קאַמ־פאָ־פערארִיאָ אין 1797.

אַזוי איז פערשוואונדען פון דער פּאָליטישער סצענע א מאַן, וואָס מען האָט גערופען „העלד פון צוויי וועלטען“ און וואָס איז דריי יאָהר פערגעטערט געוואָרן פון גאַנץ פראַנקרייך. איהם איז אָבער בעשערט געווען אויפצולעבען אויף דער עלטער, מיט 38 יאָהר שפּעטער, ביי דער רעוואָלוציאָן פון 1830 יאהר, ווען דיא בורבאָנען־דינאַסטיע איז שוין אויף אימער פעריאָגט געוואָרען פון פראַנקרייך.

צו דער צייט איז דער אמת'ער הערשער פון פראַנקרייך גע־ווען דאַנטאָן. אַזוי וויא דער קעניג איז פאַקטיש אַרונטערגעזעצט געוואָרן און מען האָט נאָך ניט בעשטימט, וואָס פאַר א רעגירונגס־פאָרמע פראַנקרייך זאָל האָבען, איז דיא געזעצגעבענדע פערזאַמלונג געצוואונ־גען געווען צו זיין אויך דיא רעגירונג. מיר ווייסען שוין פון פאָריגען קאַפּיטעל, אז זיא האָט אויסגעקליבען פאַר מיניסטערס זשיראָנדיסטען און דעם פייערדיגען רעוואָלוציאָנער דאַנטאָן. נאר אָבוואָהל ער איז געווען דער איינציגער פערטרעטער פון דיא פּאַריזער רעוואָלוציאָנערען, האָט ער דאָך גלייך בעהערשט אַלע אַנדערע מיניסטערס, ווייל ער איז געווען געשטיצט פון דער פּאַריזער קאָמונע און פון דיא פּאָלקס־מאַסען. דיא מיטגליעדער פון דער קאָמונע זיינען מייסטענס געווען זיינע פריינד אדער פּאָליטישע אַנהענגער. צווישען דיזע מיטגליעדער זיינען געווען מענער וואָס האָבען שפּעטער געשפּיעלט א גרויסע ראָלע און וואָס האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון דאַנטאָנען, ווייל אין זייערע אויגען איז ער שוין ניט געווען גענוג רעוואָלוציאָנער. ראָבעספּיער איז אויך געווען א מיטגליעד פון דער קאָמונע, אָבער ער איז נאָך ניט געווען אַזוי רעוואָלוציאָנער וויא דאַנטאָן, וועלכער האָט געדונערט: „מוטה, מוטה און אימער מוטה!“ און האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר דיא שרעקליכסטע מיטעל צו ברעכען דעם אָפּענעם אָדער גע־היימען ווידערשטאַנד פון דיא מאָנארכיסטען און איינצופיהרען א רעפּובליק.

שטיצענדיג זיך אויף דיא אַרבייטער פון דיא פאָרשטעט, וועל־כע זיינען שטענדיג פערטיג געווען צו מאַרשירען מיט געוועהר אין

האנד, האָט דיא קאָמונע געקראָגען אלץ מעהר מאכט און געצוואונגען דיא געזעצגעבענדע פערזאמלונג צו שטימען וויא זיא האָט עס געפאָרדערט אדער וויא דאנטאָן האָט עס געוועלט. דיא זשיראָנדיסטען האָבען געמוזט נאָכטאנצען דיא יאקאָבינער, אום ניט צו פערלירען זייער פּאָפּולאַריטעט און ניט ארויפצוציהען אויף זיך דעם צאָרן פון דער קאָמונע און פון דיא סעקציאָנען, וועלכע האָבען קאָמאָנדירט איבער דיא בעוואפענטע מאסען. דיא געזעצגעבענדע פערזאמלונג האָט אליין אויך גענוג ראדיקאל געהאנדעלט. זיא האָט ערקלערט פאַר גילטיג דיא געזעץ גענען דיא אדעליגע און גייסטליכע, וואָס דער קעניג האָט אזוי לאנג און האַרטנעקיג ניט געוועלט אונטערשרייבען. זיא האט אוועקגעשיקט אין דער מינץ־קאמער אלע זילבערנע און גאָלדענע זאכען וואָס מען האָט צוגענומען אין דיא קירכען. זיא האָט אָבגעשאפט דיא נאציאָנאל־גוואַרדיע און איינגעפיהרט דיא ארמעע פון דיא פּאַריזער סעקציאָנען, וויא דיא קאָמונע האָט עס פערלאנגט.

אויף דעם פערלאנג אדער ניכער אויף דעם בעפעהל פון דאנטאָן האָט דיא געזעצגעבענדע פערזאמלונג ערלויבט דיא שטאָט־פערוואלטונגען צו מאכען הויז־זוכונגען איז גאנץ פראנקרייך. דיא פּאַריזער קאָמונע האָט געקראָגען דאָס רעכט צו מאכען הויז־זוכונגען אויך ביי נאכט. זיא האָט בעפוילען, אז יעדערער וואָס וועט שטערען אויסצופיהרען דיזע הויז־זוכונגען וועט בעשטראָפט ווערן מיט׳ן טויט. דיא קאָמונע האט פערבאָפּט דיא פּאָליציי אין איהרע הענד, אום צו ארעסטירען אלע פיינדע פון דער רעוואָלוציאָן, אלע פערדעכטיגטע אנהענגער פון דער מאָנארכיע, בענוצענדיג זיך מיט דעם בעפעהל פון דער געזעצגעבענדער פערזאמלונג וועגען אלגעמיינע זיכערהייט. דיא גייסטליכע וואָס האָבען ניט געוועלט שווערען טרייהייט צו דער קאָנסטיטוציאָן, האָט דיא פערזאמלונג בעפוילען ארויסצושיקען פון פראנקרייך אין פערלויף פון 15 טעג. דיא שטראָף פאַר ניט פאָלגען דיזען בעפעהל איז געוועזען פערשיקונג אויף קאטאָרגע אין גוויאַנא (פראנצויזישע קאָלאָניע אין זיד־אמעריקא). דיא גיטער פון דיא עמיגראנטען זיינען קאָנפיסצירט געוואָרן. דיא געזעצגעבענדע פערזאמלונג האָט בעשלאָסען דיזע גיטער גלייך צו פערקויפען צום נוצען פון דער נאציאָן.

דיזע גיטער האָבען פערנומען א העלפט פון פראנקרייך. דער פער־קויף האָט געדויערט 2 יאָהר און האָט איבערגעקעהרט דיא סאָציאַלע פערהעלטניסע אין גאנץ פראנקרייך. דער צוועק פון דיזער קאָנפיס־קאַציאָן און פערקויף איז ניט נאר געווען צו בעשטראָפען דיא אריסטאָ־קראטען און גייסטליכע (מען האָט אָהן צערעמאָניעס קאָנפיסצירט אויך דיא קירכען־גיטער) און צו שאפען געלט דער רעגירונג, זאָנדערן צו שאפען א קלאס פון קליינע אקערבויער און איבערהויפט צו צו־ציהען דיא לאנדארבייטער אויף דער זייט פון דער רעוואָלוציאָן. דורך דיזען ריזיגען פערקויף פון לאנד איז דיא רעוואָלוציאָן ווירקליך פערבונדען געוואָרען מיט דיא עקאָנאָמישע אינטערעסען פון פאָלק און האָט פאָלגליך געוואונען אנהענגער אפילו אין דיא פערוואָרפענ־סטע דערפער.

דיא קאָמונע האָט אויסגעוועהלט אן אויפפאסונגס־קאָמיטעט, אין וועלכען מאראט האָט געהאט דיא גרעסטע דעה. נאך דעם שטאאטס־שטרייך פון 10 אויגוסט איז מאראט ארויס פון זיינע בעהאלטונגס ערטער. ער האָט שוין געקענט פריי דרוקען זיין צייטונג און פערלאנגען דיא קעפ פון אלע פיינדע פון דער רעוואָלוציאָן. ער האָט נאטירליך געשטיצט דאנטאָנען. דיזעביידע פיהרערס פון דער רעוואָלוציאָן זיינען ניט געווען בעפריינדעט, אבער אין דיזע טעג האָבען זיי געשלאָסען ברודערשאפט און האָבען זיך זאָגאר ארומגענומען אין שטאָטהויז. ביידע זיינען געווען איינפערשטאנדען, אז מען דארף ארויפיאָגען שרעק אויף דיא אינערליכע פיינדע, וועלכע האָבען מיט דער גרעסטער אונגעדולד געווארט אויף דיא אויסלענדישע ארמעען, און ביידע האָבען זיך ניט אָפגעשטעלט פאר דיא שרעקליכסטע און גרויזאמסטע מיטעל.

דיא פרייסען זיינען שוין געווען אין דער פראָווינץ שאמפאין און האָבען מארשירט נאך פאריז. דיא לאגע איז ווירקליך געווען א געפעהר־ליכע. פון איין זייט האָבען זיך אלץ נעהענטער גערוקט דיא ארמעען פון עסטרייך און פרייסען, פון דער אנדער זייט זיינען אין פראנקרייך נאך פעעבליבען א סך אנהענגער פון דער אלטער אָרדנונג און פון קעניג. מען האָט געמוזט האנדלען שנעל און ענערגיש, מען האָט

געמוזט אָפּראַמען פון וועג דיא פיינדע, אום ניט אומגעבראַכט צו ווערן פון זיי. אפילו אַ סך רעוואָליציאָנערע דעפּוטאַטען האָבען זיך דאַן אַזוי ווייט געשראָקען, אַז זיי האָבען פאָרגעשלאָגען, דאַס מען זאָל אַריבערציהען דיא געזעצגעבענדע פערזאַמלונג און דיא רעגירונג נאָך דער שטאָט סאָמיור. אָבער דאַנטאָן האָט אויסגעשריען: „ניין, פראַנקרייך איז אין פּאַריז. אויב איהר וועט איבערלאָזען פּאַריז צום שונא, וועט איהר זיך און גאַנץ פראַנקרייך אונטערגעבען... דער 10 אויגוסט האט צוטהיילט גאַנץ פראַנקרייך און צוויי פּאַרטייען, איינע איז צוגעבונדען צו דער מאָנאַרכיע, דיא אַנדערע וויל אַ רעפּובליק. איהר קענט זיך נאַר פערלאָזען אויף דיא רעפּובליקאַנער... מיין מיינונג איז, אַז אום צו פערניכטען דיא פּלענער פון אונזערע געגנער און אָבצוהאַלטען דעם אויסלענדישען שונא, דאַרף מען אַרויפיאָגען שרעק אויף דיא מאָנאַרכיסטען. יאַ, זאָג איך אייך, מען מוז זיי איינשרעקען!"

דיא קאָמונע האָט באַלד גענומען האַנדלען נאָך דיא פּאָרשריפטען פון דאַנטאָן און מאַראַט. דער אויפּפּאַסונגס-קאָמיטעט האָט געהייסען פערהאַפטען אַלע אַנהענגער פון דער מאָנאַרכיע. דיא געפענגניסע זיינען באַלד פול געוואָרן מיט געגנער פון דער רעוואָלוציאָן. צווישען דיא געפאַנגענע האָבען זיך געפונען מענער וואָס האָבען געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין 1789 און זיינען דאַן געוועזען פיהרערס פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין דער נאַציאָנאַל פערזאַמלונג, וויאַ דיא פּויאַנטען באַרנאַוו, לאַמעטה און דיופּאָן. דיא קאָמונע האט יעצט פערלאַנגט, אַז דיא געזעצגעבענדע פערזאַמלונג זאָל בעשטימען אַ ספּעציעלען געריכט פאַר דיזע פערהאַפטעטע. דיא פערזאַמלונג האט זיך ענטזאַגט איינצופיהרען אַזאַ געריכט, דען פיעלע דעפּוטאַטען האבען איהם געהאַלטען געפעהרליך פאַר זיך זעלבסט. דיא זשיראָנדיסטען האבען גוט פערשטאַנען, אַז דיא יאַקאָבינער וועלען זיך בענוצען מיט דיזען רעוואָלוציאָנערען געריכט געגען זיי אויך און וועלען איבערהויפּט קריגען אַ געפעהרליך גרויסע מאַכט, וויאַ עס איז אויך שפּעטער דער פאַל געוועזען. נאַר דיא קאָמונע האָט געסטראַשעט אויפצורודערען דיא פאָרשטעט מיט דעם שטורמגלאָק און דיא געזעצגעבענדע פערזאַמלונג האָט דאָס אויך געמוזט נאָכגעבען.

דעם 17 אויגוסט האָט מען אָרגאַניזירט דעם רעוואָלוציאָנערען געריכט און מען האָט איהם פערזאָרגט מיט דער האַק־מאַשינע, וועלכע טראָגט דעם נאָמען גיליאָטינע און וועלכע האָט געשפּיעלט אזא שרעקליכע ראָלע אין דער רעוואָלוציאָן. דיזער הינריכטונגס־אינסטרומענט איז אנגערופען געוואָרען גיליאָטינע ווייל א דאָקטאָר מיט דעם נאָמען גיליאָטין האָט פערלאַנגט מען זאָל האַקען קעפּ פון פערברעכער אום זיי וויינִיגער צו מאַטערן. ער האָט ערקלערט, אז דאָס איז דיא לייכטסטע טויטשטראָף און האָט אָנגעוויזען אויף דער האַק־מאַשינע, וועלכע איז שוין זייט לאַנג געברויכט געוואָרען אין איטאַליען און אין אנדערע לענדער. דיא נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט אָנגענומען דעם פּאָרשלאַג פון דעם גוטהערציגען דאָקטאָר, און דיא רעוואָלוציאָנערע געריכטען האָבען אָנגעפאַנגען צו האַקען קעפּ מיט דער גיליאָטינע.

דער געריכט פון 17 אויגוסט האָט פערורטהיילט עטליכע מאָנאַרכיסטען צום טויט דורך דיא גיליאָטינע; אָבער מאַראַט, דאַנטאָן, ראָבּעספּיער און אַלע אַנדערע הייסע רעוואָלוציאָנערען זיינען נאָך ניט געוועזען צופריעדען מיט דעם. דאָס געריכט האָט דאָך ניט געקענט לאָזען האַקען קעפּ אָהן דיא געוועהנליכע פאָרמאַליטעטען. דאָס האָט זיך געצויגען לאַנג און האָט ניט געקענט זעהר אָפּשרעקען דיא שונאים פון דער רעוואָלוציאָן. דיא קאָמונע האָט דאַרום בעשלאָסען צו מאַכען א נייעם שטאַאַטס־שטרייך און א קורצען סוף פון דיא מאָנאַרכיסטען.

ניינטער קאַפּיטעל.

דיא סעפּטעמבער פאָלקס־געריכטען און אויס־שלאַכטונגען.

דעם 24 אויגוסט 1792 האָבען דיא פּרייסען איינגענומען דיא פראַנצייזישע שטאָט לאָנגווי. נאָכהער האָבען זיי זיך א לאָז געטאָן נאָך ווערדון. ווען דיזע שטאָט וואָלט אַריינגעפאַלען אין פּרייסישע הענט, וואָלט דורך דעם דער וועג נאָך פאַריז געבליבען אָפען פאַר דעם אויסלענדישען פיינד. אין פאַריז איז דאַרום דיא אויפרעגונג

געוועזן גוואלדיג און פיעבערהאפט. אין דיא גאסען האט מען גע־שריען: „ניעדער מיט דיא אריסטאָקראטען און מאָנארכיסטען! טויט!“ דיא פאָרשטעט האָבען ערווארטעט, אז דיא קאָמונע וועט אויס־פיהרען דיא שרעקענסמיטעל וואס מאראט האט געפאָדערט. פיעלע הייסע רעוואָלוציאָנערען האָבען אלץ מעהר גענומען דיינקען וועגען א מין לינטש־געריכט. דאנטאָן, מאראט, ראָבעספיער, קאמיל דע־מולען און אנדערע רעוואָלוציאָנערע פיהרערס האבען זיך צוזאמענ־געטראָפען צו בעטראכטען, וואס צו טהאָן געגען דיא אינערליכע פיינד, דען זיי זיינען געוועזן אונצופריעדען מיט דעם געריכט פון 17 אויגוסט. זיי האבען בעשלאָסען צו מאכען א נייעם שטאאטס־שטרייך, אום צו רעטען דאס פאטערלאנד. אזוי וויא דאס האט אָבער ניט געקענט אויסגעפיהרט ווערן אָהן בלוטיגע אונטערדריקונגס־מיטעל, האָבען זיי זיך ניט געקענט אייניגען. ראָבעספיער און זיינע פריינדע זיינען געוועזן געגען גוואלדיגע אונגעזעצליכע מיטעל. זיי האבען יעדענפאלס ניט גע־וועלט נעהמען אנטהייל אין דיא אונפערמיידליכע בלוטפערגיסונגען. נאָר מאראט, דאנטאָן און אזעלכע פייערדיגע רעוואָלוציאָנערע פיהרער פון דער קאָמונע וויא טאליען, בילאָ־ווארען, סאנטער א. ז. וו. האבען זיך פאר קיינע געוואלט־מיטלען ניט אָפּגעשטעלט. זיי האבען איינפאך ערקלערט, אז דיא לאגע פון פראנקרייך איז אזא אויסערגעוועהנליכע דורך דיא אויסערע און אינערליכע פיינד, דאס מען מוז אָנווענדען אויסערגעוועהנליכע מיטעל.

דאנטאָן און מאראט האָבען גענומען אויף זיך דיא אויספיהרונג פון דעם שטאאטס־שטרייך. אלע וויכטיגע פאָרבערייטונגען זיינען געמאכט געוואָרן אין יוסטיץ־מיניסטעריום אונטער דעם פאָרזיץ פון דאנטאָן. מיט אויסנאהמע פון ראָלאָן האָבען אלע אנדערע מיניס־טערס געוואוסט פון דעם געפּלאָנטען שטאאטס־שטרייך, אבער זיי האָבען זיך געהאלטען אָן א זייט. דאס פאָלק האט פערלאנגט ראכע פאר דיא טויטע פון 10 אויגוסט. אלע רעוואָלוציאָנערען האבען מורא געהאט, אז ווען דיא וואָלאָנטירען וועלען אוועקמארשירען צום גרענעץ געגען דעם אויסלענדישען שונא, וועלען דיא פערבליבענע אריסטאָקראטען און אלע פיינד פון דער רעוואָלוציאָן פּרובירען

מאַכען אַ געגען־רעוואָלוציאָן. מאַראַט האָט ניט אויפגעהערט צו אַגיטירען, אַז מען מוז דיא אינערליכע פיינד אויסראָטען אָהן שום צערעמאָניעס און אָהן ערבאַרמען, אַז מען מוז האַקען קעפּ, און דיא רעוואָלוציאָנערען האָבען בעשלאָסען איהם צו פאָלגען און איבערצוגיין פון ווערטער צו טהאַטען.

דאָס אַלעס האָט געפיהרט צו דיא שרעקליכע געריכטען און אויסשלאַכטונגען פון דיא ערשטע סעפּטעמבער טעג. אין דער צייט ווען מען האָט מיט פיעבערהאַפטע שנעלקייט געמאַכט פאָרבערייטונגען אַרויסצושיקען 40 טויזענד וואָלאָנטירען צום גרענעץ, האָט דיא קאָמונע געמאַכט הויז־זוכונגען אין גאַנץ פּאַריז און האט אָנגעפילט אַלע געפענגניסע מיט אַריסטאָקראַטען, מאָנאַרכיסטען און גלחים. עטליכע קלויסטערס האָט מען געמוזט אומוואַנדלען אין געפענגניסע, אום צו געפינען פּלאַץ פאַר דיא געפאַנגענע. מען האָט צוזאַמענגעשטעלט אין שטילען ליסטען פון דיא פערדעכטיגטע און שולדיגע, אום צו וויסען וויא זיך אָפּצורעכענען מיט זיי. דיא געזעצגעבענדע פערזאַמלונג האָט פּרובירט אַרויסטרעטען געגען דיא שרעקענס־מיטעל פון דער קאָמונע, אבער זיא האָט זיך דערשראָקען פאַר אַ דעפּוטאַציאָן פון דיא רעוואָלוציאָנערען און פאַר דיא דונערנדע רעדע פון דעם יוסטיץ־מיניסטער דאַנטאָן, וועלכער האט ערקלערט, אַז דיא רעוואָלוציאָן געפינט זיך צווישען צוויי פייערן — דיא אויסלענדישע אַרמעען און דיא אינערליכע פיינדע — אַז אַ מאָנאַרכיסטישער קאָמיטעט אין פּאַריז איז אין פערבינדונג מיט דער פּרייסישער אַרמעע און אַז מען מוז אַרויפיאָגען שרעק אויף דיא מאָנאַרכיסטען אום זייערע פּלענער צו צושטערען.

דיא רעוואָלוציאָנערען האבען זיך ניט אומזיסט געשראָקען פאַר אַ געגען־רעוואָלוציאָן. אין פיעלע ערטער האבען דיא גלחים אויפגעהעצט דיא בויערן געגען דיא רעפּובליקאַנער און איבערהויפּט געגען דיא נייע אָרדנונג. אַלץ עפּטער האט מען אין פּאַריז בעקומען נאַכריכטען, וויא בויערן בעפאַלען און טויטען רעפּובליקאַנער און יאַקאָבינער. דערצו נאָך האט זיך דעם ערשטען סעפּטעמבער פערשפּרייטעט אין פּאַריז אַ פאַלשער בעריכט, דאַס דיא פּרייסען האבען איינגענומען

ווערדון און מאַרשירען נאָך דיא הויפּטשטאָט. אַלע האבען זיך אַ שאָט געטהאָן אין דיא גאַסען. דיא וואָלאָנטירען האָבען פערלאַנגט מען זאָל זיי גלייך אַרויסשיקען געגען דעם שונא. פון אַלע זייטען האָט מען געפּאָרדערט ראַכע געגען דיא פיינדע פון דער רעוואָלוציאָן. דאַנטאָן האָט אָנגעקינדיגט אין דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג, אַז מען וועט לאָזען הערען דעם שטורמגלאָק אַלס סיגנאַל פון אַן אַטאַקע אויף דעם פיינד. ער האָט געהאַלטען אַ דונערענדע רעדע, אין וועל־כער האָט ווידער ערקלערט, אַז אום צו רעטען פראַנקרייך, דאַרף מען נאָר האָבען מוטה, ווידער מוטה און אימער מוטה.

אין דיא סעקציאָנען איז מען גרייט געווען צו בעפאַלען דיא געפענגניסע און צו פיהרען דאָרט אַ לינטש־געריכט. דיא קאָמיסאַרען פון דיא סעקציאָנען האָבען זעהר פאָרזיכטיג אויסגעפרעגט אַלע גע־פאַנגענע און פריינעלאָזען אַזעלכע וואָס מען האָט געפונען אונשולדיג אַדער וואָס מען האָט ניט געקענט חושד זיין אין פערשווערונגען. אין דער קאָמונע האָט מען גוט נאָכגעקוקט דיא ליסטען פון דיא אַרעסטירטע, אַז אונשולדיגע זאָלען ניט ליידען פון דער פאָלקסראַכע. מען האָט זיך צוגעגרייט אויסצושלאַכטען דיא געפאַנגענע, אבער מען האָט געוועלט בעשטראָפען נאר דיא שולדיגע. אַרום 2 אוהר ביי טאָג דעם ערשטען סעפּטעמבער, אין רעכטען מיטען פון דער ווילדער אויפרעגונג וועגען דעם בעריכטעטען מאַרש פון פּרייסען נאָך פּאַריז, האָט מען גענומען קלינגען אין שטורמגלאָק. צוקאָכטע רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך גלייך אַ לאָז געטאַן צו דיא געפענגניסע, וואו מען האָט אויפ׳ן שטעל גענומען משפּט׳ן און גלאַט שלאַכטען דיא געפאַנגענע. 24 גלחים, וואָס האָבען זיך אָפּגעזאָגט צו שווערען טרייהייט צו דער קאָנסטיטוציאָן און וואס זיינען בעזאָנדערס פער־האסט געווען אין פאָלק, זיינען אויסגעשלאַכטעט געוואָרן פון אַ בע־וואפענטע מאַסע אויפ׳ן וועג, ווען מען האָט זיי געפיהרט פון שטאָט־הויז אין אַ געפענגניס. דיא זעלבע מענגע האָס אויסגעשלאַכטעט געפאַנגענע גלחים אין דער קאַרמעליטען־קירכע. 180 גלחים זיי־נען דאָרט געווען איינגעשפּאַרט, אָבער נאר 4 פון זיי איז געלונגען

זיך צו רעטען פון דעם ווילדען פאָלקסגעריכט דורך אריבערשפּרינגען די הויכע וואַנט פון גאָרטען.

אין די געפענגניסע האָט מען שנעל אָרגאַניזירט פאָלקס־געריכטען. צווערשט האָט זיך דער לינטש־געריכט אָנגעפאַנגען אין אבע־געפענגניס. דער פאָרזיצענדער איז דאָרט געווען דער פייערדיגער מאַיאַר, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט ביי׳ן שטורם פון דער באַסטיליע און וועלכער האָט געפיהרט די פרויען נאָך ווערסאַיל צו ברייננגען דעם קעניג נאָך פּאַריז. ער איז געזעסען מיט א בלאַנקען שווערד אין דער האַנט לעבען א טישעל, אויף וועלכען עס איז געלעגען א ליסטע פון געפאַנגענע וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין יוסטיץ־מיניסטעריום. דאָס פאָלק ארום איהם זיינען געווען די געשוואָרענע. די געפאַנגענע האָט מען געבראַכט איינציגווייז פאַר דיזען פאָלקס־געריכט און יעדען אויסגעפרעגט און אויסגעהערט. ווען איינער פלעגט געפונען ווערן אונשולדיג, פלעגט מאַיאַר אויפהייבען זיין שווערד אין דער הויך. דעם געפאַנגענעם פלעגט מען דאַן גלייך פריי לאָזען. ווען איינער פלעגט ערקלערט ווערן שולדיג, פלעגט מאַיאַר אַראָפּלאָזען דעם שווערד און אויסרופען געוועהנליך: „פיהרט אוועק דעם הערר נאָך קאָבלענץ!“ דאָס האָט בעדייטעט אז מען דאַרף איהם היגריכטען. דער שרעקליכער מאַיאַר, וועלכער האָט גענומען אויף זיך די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר דיזען בלוטיגען פאָלקס־געריכט, האָט ניט געוועלט, אז די פעראורטהיילטע זאָלען וויסען דאָס מען פיהרט זיי צו דער שחיטה. וויא ווייט עס איז נאָר מעג־ליך געווען האָט דיזער בלוטיגער ריכטער געזוכט צו פערשפּאָרען די פעראורטהיילטע די שרעקען פאַר׳ן טויט. וויא מען פלעגט זיי נאָר אויף זיין בעפעהל ארויספיהרען, פלעגט מען זיי גלייך טויטען מיט פּיקעס און שווערדען. ספּעציעלע הענקערס, וועלכע האבען געקראָגען דעם נאָמען tueurs (טויטערס), זיינען געווען אָנגעשטעלט פון דער קאָמונע סאַר א בעשטימטען לוין אויסצופיהרען די טוי־טאורטהיילען פון די פאָלקסגעריכטען.

אין די אנדערע געפענגניסע איז דער שרעקליכער פאָלקסגעריכט אויסגעפיהרט געוואָרען כמעט אזוי וויא אין דער אבע־געפענגניס.

דיא „טויטערס" האבען געהאט אָפּפער ביז דעם 6 סעפּטעמבער, ווען עס איז שוין ניט געבליבען ווען צו היגריכטען. דיא שרעקליכסטע אויסשלאַכטונגען זיינען פאָרגעקומען דעם צווייטען און דריטען סעפּ־טעמבער. מען ווייס ניט גענוי דיא צאָהל פון דיא היגגעריכטעטע. עס איז זיכער אז ניט ווייניגער וויא טויזענד מאָנאַרכיסטען זיינען געפאַלען אונטער דיא פּיקעס און שווערדען פון דיא געדונגענע טוי־טערס. דיא מאָנאַרכיסטישע געשיכטע־שרייבערס בעהויפּטען, אז מען האָט אויסגעשלאַכטעט עטליכע טויזענד, נאָר דאס איז איבערטריבען. עס פערשטעהט זיך, אז מען איז ביי דיזע רעוואָלוציאָנערע געריכטען בעגאַנגען גרויסע רציחות. פיעלע האבען פערלאָרען יעדען מענשליכען געפיהל אין דיזע שוידערליכע טעג, וועלכע טראָגען דעם נאָמען „דיא שלאַכט־טעג פון סעפּטעמבער". אין דער געפענגניס ביסעטר האט מען געשאָסען אויף דיא געפאַנגענע פון קאַנאָנען. דיא שעהנע פּרינצעסין לאַמבאַל, וועלכע איז פערהאַסט געווען פון פאָלק פאַר איהר פריינדשאַפט און טרייהייט צו דער קעניגין, איז ברוטאַל ער־מאָרדעט געוואָרן. מען האט פערלאַנגט זיא זאָל שווערען האס צום קעניג און צו דער מאָנאַרכיע. ווען זיא האט זיך אָפּגעזאָגט צו שווערען, האט איהר איינער דערלאַנגט א קלאַפּ מיט א שווערד איבערן קאָפּ. מען האט איהר דאַן טויט געשלאָגען מיט א דובינע. איהר הארץ האט מען ארויסגעריסען, איהר קאָפּ האט מען אָפּגע־האַקט, ארויפגעשטעקט אויף א פּיקע און ארומגעטראָגען איבער דיא גאַסען און אויך פאַר דעם טעמפּעל, וואו דער קעניג און דיא קעניגין זיינען בעוואַכט געוואָרן פון בעאַמטע, וועלכע דיא קאָמונע האט ספּעציעל אָנגעשטעלט, אז דיא מאַסען זאָלען זיך אָהין ניט קענען ארייגרייסען. מען זאָגט, אז ווילדע ברואים, וועלכע געפינען זיך אימער ביי אַלע מהומות און רעוואָלוציאָנערע אונרוהען, און בעגעהען נאַטירליך דיא גרויזאַמסטע פערברעכען, ווען מען שטערט זיי נאָר ניט, האבען אויך פערגעוואַלטיגט דעם טויטען קערפּער פון דער פּרינצעסין לאַמבאַל.

אין דער זעלבער צייט זיינען אויך פאָרגעקומען סצענען, ווען דיא צוהיצטע רעוואָלוציאָנערען האבען ארויסגעוויזען עדעלען מיטלייד.

צווי אַריסטאָקראַטישע פּריינצעס, וועלכע האבען פערלאַנגט מען זאָל זיי איינשפּארען צוזאַמען מיט זייערע פאָטערס, האבען זיי גערעטעט מיט געבעט און מיט אויסשטעלען זייערע קערפּערס צו דיא טויטערס. איינע האט געכאַפּט אַ שטאָך מיט אַ פּיקע אין ברוסט, ווען זיא האט אַרומגענומען איהר פאָטער, אָבער זיא האט איהם ניט אָבגע־לאָזען ביז מען האט איהם בעגנאַדיגט.

אין עטליכע אַנדערע שטעט האט מען אויך אויסגעשלאַכטעט געפאַנגענע מאָנאַרכיסטען. דאַנטאָן האט בעפוילען איבערצופיהרען נאָך פּאַריז 53 געפאַנגענע, וועלכע זיינען איינגעשפּאַרט געווען אין אָרלעאַן און האבען דאָרט געזאָלט פּראָצעסירט ווערן פאר פערראַטהה. ווען מען האט זיי געבראַכט נאָך ווערסאַיל, האבען זיך צוזאַמענגע־קליבען אַ מאַסע מענשען, וועלכע זיינען זיי בעפאַלען מיט פּיקעס און שווערדען. אין דער מענגע האבען זיך געפונען עטליכע „טויטערס" פון פּאַריז, וואס מען האט ספּעציעל אַרויסגעשיקט און וואס האבען געוואָרט אויף דיא אָפּפער. אַלע 53 אָנגעקלאָגטע זיינען אויסגע־שלאַכטעט געוואָרן אין רעכטען מיטען שטאָט, צווישען זיי דעלעסאַר, געוועזענער מיניסטער פון אויסלענדישע אַנגעלעגענהייטען, הערצאָג בריסאַק, ביסקופּ קאַסטעלאַן.

ווען דיא לינטש־געריכטען האבען זיך אָנגעפאַנגען אין דיא פּאַ־ריזער געפענגניסע, זיינען ראָבעספּיער, פּעטיאָן און אַנדערע רעוואָ־לוציאָנערע פיהרער געקומען צולויפען דערשראָקענע צו דאַנטאָנען און האבען פערלאַנגט ער זאָל אָפּהאַלטען דיא אויסשלאַכטונג. אָבער ער האט געענטפערט: „זאָל מיין נאָמען פערשאָלטען ווערן, אַבי פראַנק־רייך זאָל גערעטעט ווערן!"

דיא פּאַריזער קאָמונע האט אַרויסגעלאָזען אַן ערקלערונג צו אַלע געמיינדען אין פראַנקרייך ווענגען דיא שרעקליכע סעפּטעמבער־טעג. אַ טהייל פון דיזער ערקלערונג האט געלויטעט אַזוי: „דיא קאָמונע פון פּאַריז איילט זיך אָנצוזאָגען אַלע ברידער אין דיא פּראָ־ווינצען, דאָס אַ טהייל פון דיא ווילדע פערשווערער וואָס זיינען איינגעשפּאַרט געווען אין דיא געפענגניסע, זיינען געטויטעט געוואָרן פון פאָלק נאָכדעם וויא מען האָט זיך דערוואוסט, אַ דיא פּרייסען

מארשירען נאך פאריז. דיזע האנדלונג האט געשיינט צו זיין אונ־בעדינגט נויטווענדיג, אום דורך שרעק צו האלטען אין צוים דיא מחנה פעררעטהער אין אונזערע מויערן אין דער צייט, ווען דאס פאלק האט זיך געקליבען ארויסצוטרעטען געגען דעם שונא. געוויס ווערט דיא נאציאן, וועלכע איז געבראכט צום ברעג פון אבגרונד דורך א רייהע פון פעררעטהען, זיך צו איילען אנצו־ווענדען דיזען נויטווענדיגען מיטעל פון עפענטליכען וואהל, און אלע פראנצויזען וועלען זאגען וויא דיא פאריזער: מיר מארשירען געגען דעם פיינד און ווילען ניט לאזען הינטער אונזער רוקען רויבער, וואס וועלען ערמארדען אונזע־רע פרויען און קינדער."

דערמיט האט דיא קאמונע גערעכטפערטיגט דיא אויסשלאכטונגען און רעקאמאנדירט דיא זעלבע שרעקענס־מיטעל אין דיא פראווינצען. דיא ווירקונג פון דיזע רעוואלוציאנערע לינטש־געריכטען איז געווען אן אונגעהייערע. דאס איז אין דער טהאט געווען א נייע רעוואלו־ציאן. דיא פערגאסענע בלוט פון דיא מאנארכיסטען און פערשווע־רער האט אויף אייביג אבגעריסען דאס אלטע פראנקרייך פון דאס נייע. אפילו דיא מעסיגע אנהענגער פון דער נייער ארדנונג, וועלכע זיינען געווען געגען דיא אויסשלאכטונגען, האבען געמוזט אנערקענען, אז דיא קאמונע האט גערעטעט פראנקרייך דורך איהר שטאאטס־שטרייך און דיא לינטש־געריכטען. דיא זשיראנדיסטען זיינען שטי־לערהייט געווען איינפערשטאנדען מיט דיא יאקאבינער און מיט דיא מיטגליעדער פון דער קאמונע וועגען דיא שרעקענס־מיטעל. איינער פון זיי האט אפען ערקלערט אין זיין צייטונג, אז דער גענעראל־ראטה פון דער קאמונע האט גערעטעט דאס פאטערלאנד.

דיא סעפטעמבער־טעג האבען ווירקליך ארויפגעיאגט א שרעק אויף אלע אינערליכע פיינד פון דער נייער ארדנונג. זיי האבען שוין געציטערט אויפצוהייבען א קאפ ניט נאר אין פאריז, זאנדערן אויך אין דיא מייסטע פראווינצען, אבער דערפאר זיינען דיא פיינדע אין אויסלאנד ביטער אויפגעבראכט געווארן געגען דיא רעוואלוציאנערע דעמאקראַ־טיע פון פראנקרייך, און דער קריעג האט זיך אנגעפאנגען פון ביידע

זייטען מיט פלאַם־פייער. דיא קאָמונע פון פּאַריז איז דאן געוואָרן דיא הערשערין פון פראַנקרייך. דיא געזעצגעבענדע פערזאַמלונג האַט פערלאָרען איהר מאַכט. איהרע טעג זיינען שוין געווען געצעהלטע, דען זיא האַט בעדאַרפט אָפּטרעטען דעם אָרט צו אַ נייעם פּאַר־לאַמענט. זיא האַט געפאָלגט, וואַס דיא קאָמונע האַט פון איהר פערלאַנגט. דאַנטאָן און זיינע אַנהענגער, וועלכע האָבען אַראָפּגעזעצט דעם קעניג דעם 10 אויגוסט און אַרויפגעיאָגט אַ שרעק אויף דיא מאָנאַרכיס־טען דורך דיא סעפּטעמבער־שלאַכטעריי, האָבען נאָך געוועלט רעוואָלו־ציאָנירען דערמיט גאַנץ פראַנקרייך. „אַזעלכע הינריכטונגען, האַט דאַנטאָן געזאַגט, וועלען אונז בריינגען דעפּוטאַטען, וועלכע וועלען רעטען פראַנקרייך“. ער האַט קיין טעות ניט געהאַט. דער קאָנווענט, וויא מען האַט גערופען דעם נעכסטען פּאַרלאַמענט, האָט ווירקליך גערעטעט פראַנקרייך דורך זיין מערקווירדיגע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע.

צעהנטער קאַפּיטעל.

דיא שלאַכט ביי וואַלמי.

אין דער צייט ווען דיא רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך אַזוי בלוּ־טיג אָפּגערעכענט מיט דעם אינלענדישען שונא, האָט דער אויסלענדישער שונא מאַרשירט נאָך פּאַריז. דער פּרייסישער קעניג זעלבסט צוזאַמען מיט דעם הערצאָג פון ברונסוויק האבען קאָמאַנדירט אַ שטאַרקע אַרמעע פון 70 טויזענד מאַן; אַן אַרמעע וואָס אין גערעכענט געווען פאַר דיא בעסטע אין אייראָפּאַ. דאָס איז געווען דער צענטער פון דיא אויס־לענדישע אַרמעען; דיא פליגלען זיינען בעשטאַנען פון עסטרייכער און פון אַנדערע דייטשע אונטערטאַנען.

געגען דיזע ריזיגע אַרמעען האָבען דיא פראַנצויזען נאַר געקענט אויסשטעלען אין דער צייט צוויי קאָרפּוסען, איינעם אין סעדאַן פון 23 טויזענד מאַן אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל דיומוריע

און דעם אַנדערן אין מעץ פון 20 טויזענד מאן אונטער דער קאָ־מאנדע פון גענעראל קעלערמאַן. אויסערדעם האָבען דיא פראַנצויזען נאך געהאט 30 טויזענד סאָלדאטען, וועלכע האָבען געמוזט פער־טהיידיגען דעם בעלגישען גרענעץ. דיא אויסלענדישע אַרמעע האָט אלץ ווייטער געיאָגט דיא שוואכע און שלעכט־אָרגאַניזירטע קרעפטע פון דיא פראַנצויזען. דיא פּרייסען האָבען געמיינט, אַז זיי וועלען האָבען אַ שפּאַצירגאַנג נאך פּאריז. גראָדע אם 2 סעפּטעמ־בער, ווען דיא רעוואָלוציאָנערען האָבען בעזאָנדערס געשלאַכטעט דיא אַריסטאָקראַטען אין דיא פּאריזער געפענגניסע, איז ווערדון איינגע־נומען געוואָרן פון דיא פּרייסען נאכדעם דער פראַנצויזישער קאָמאַנדיר באָרעפּער האט זיך דערשאָסען, אום ניט איבערצולעבען דיא שאַנדע פון אונטערגעבען־זיך.

צוזאַמען מיט דיא פּרייסישע אַרמעע האָבען מאַרשירט פון 7 ביז 8 טויזענד עמיגראַנטען, וועלכע האבען שוין זיך צוגעגרייט, אַז אָט־אָט זיינען זיי אין פּאריז און נעהמען נקמה פון דיא סאַנקיולאָטען. זיי האבען אָנגעטריבען דיא אויסלענדישע קאָמאַנדירען צו מאַרשירען וואָס שנעלער, אום דיא רעוואָלוציאָנערען זאלען ניט האָבען קיין צייט זיך פאָרצובערייטען.

גענעראל דיומוריע האט אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן צו בעפעסטיגען זיך אין דער געגענד פון וועלדער, בערג און זומפּען, וואָס טראָגט דעם נאמען אַרגאָנען. דיזע געגענד ציהט זיך אויף׳ן וועג פון סעדאַן נאך פּאריז און זיא איז אַ זעהר געפעהרליכע פּאַר אַן אויסלענדישען שונא. דיומוריע האָט זיך אבער געפונען ווייט פון דאָרטען און האט מורא געהאָט, אַז דער הערצאָג פון ברונסוויק וועט דורכגיין דיא געגענד אָהן שטע־רונגען, ווייל זיא איז גאָר ניט בעשיצט געוועזן. דארום האָט ער זיך שנעל אַ לאָז געטאָן אהין און איז ווירקליך אנגעקומען פריהער פאַר דיא פּרייסען. ער האָט גלייך פערנומען אלע סטראַטעגישע פּונקטען און אלע וויכטיגע דורכגענגע און האָט צוגעשיקט דעם קריעגס־מיניסטער פאָלגענדען קורצען בעריכט: „ווערדון איז איינגענומען, אבער איך וואַרט אויף דיא פּרייסען. דיא דורכגענגע פון אַרגאָנען זיינען דיא

טהערמאָפּילען פון פראַנקרייך, אבער איך וועל זיין גליקליכער פאַר לעאָנידאַס״(*).

עס איז שווער צו זאָגען, וואָס פאַר א סוף עס וואָלט געוואָרן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, ווען דער הערצאָג פון ברונסוויק וואָלט ניט מאַרשירט אַזוי לאַנגזאם און וואָלט אריבער אָהן שטערונגען דיא אָרגאָנען; נאר יעדענפאלס איז עס זיכער, אַז דיומוריע האָט קיין טעות ניט געהאט אין זיינע רעכנונגען. דיא פּרייסען זיינען דאָרטען פערהאלטען געוואָרן צוויי וואָכען, און אין דער צייט האָט קעלערמאַן געקענט צוקומען צו דיא פראַנצויזישע פּאָזיציאָנען און דיומוריע האָט צוגעקראָגען פערשטערקונגען פון אַנדערע ערטער. איבעראל האָט מען זיך בעפעסטיגט און בעוואפענט אין פראַנקרייך.

ווען דער הערצאָג פון ברונסוויק האט אָנגעפאנגען א שטאַרקע אַטאַקע אויף דיא פראַנצויזישע פּאָזיציאָנען לעבען וואַלמי, האט שוין דיומוריע געהאַט אן אַרמעע פון 65 טויזענד מאַן. דיא בערג פון וואַלמי זיינען בעזעצט געווען פון קעלערמאַן׳ס קאָרפּוס. גענעראַל קעלערמאַן איז געווען א פעהיגער און געניטער קאָמאַנדיר, נאָר זיינע סאָלדאַטען זיינען מייסטענס געווען פרישע רעקרוטען. אַנשטאָט קריגערישע געניטקייט האָבען זיי בעזעסען ענטהוזיאַזמוס, אָבער דיזער ענטהוזיאַזמוס האט אויפגעטהאָן וואונדער. אונטער דעם שוץ פון אַרטילעריע האָט דער הערצאָג פון ברונסוויק אנגעפאנגען דעם שטורם. פון 3 זייטען האָבען דיא געניטע פּרייסישע סאָלדאַטען זיך געצויגען צו דיא וואַלמי־בערג, אום צו פעריאָגען דיא פראַנצויזען. קעלערמאַן האָט דאַן אויסגעשטעלט זיינע סאָלדאַטען אין געדיכטע רייהען און האָט זיי בעפוילען מעהר ניט צו שיסען, נאר צו אַטאַקירען דעם שונא מיט באַיאָנעטען. אויפהייבענדיג זיין שווערד האָט ער אויסגעשריען: „עס לעבע דיא נאַציאָן!״ זיינע סאָלדאַטען האָבען ענטהוזיאַזטיש

(*) לעאָנידאַס איז געווען דער קאָמאַנדיר פון דיא 300 ספּאַרטאַנער, וועלכע האָבען 480 יאהר פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג העלדענמוטהיג פּרובירט אָפּהאַלטען דיא ריזיגע מחנות פון דעם פּערסישען דעספּאָט קסערקסעס ביי דעם בערג־דורכגאַנג טהערמאָפּילעס אין טהעסאַליען און האָבען אַזוי לאַנג געקעמפּפט ביז זיי זיינען אלע געפאַלען טויט.

ווידערהאָלט דיזען געשריי און מיט אימפעט זיך א לאָז געטהאָן אויף דיא פּרייסען, וועלכע זיינען באלד צוריקגעשטויסען געוואָרן. דיא פּרייסען האָבען נאך אמאָל אנגעפאנגען צו שטורמען, אָבער זיי זיינען ווידער צוריקגעשטויסען געוואָרן. אין דער זעלבער צייט האָט דיומוריע צוריקגעשטויסען אן אטאקע פון דיא עסטרייכער.

דיא יונגע פראנצויזישע רעקרוטען האָבען אלזאָ בעזיעגט דיא בעסטע ארמעען פון אייראָפּא. ביי דער שלאכט פון וואלמי האָבען דיא פּרייסען פערלאָרען 4000 מאן, דיא פראנצויזען בלויז 700. פון ביידע זייטען האָט מען צוזאמען אויסגעשאָסען ביז 20 טויזענד קאַנאָנען־קוילען. דאָס, קען מען זאָגען, איז געווען דיא ערשטע פייער־טויפע פון דיא פראנצויזישע וואָלאָנטירען.

פון א מיליטערישען שטאנד־פּונקט איז דיא שלאכט ביי וואלמי ניט געווען א וויכטיגע, אבער זיא האָט דאך געהאט אן אונגעהייערע וועלט־בעדייטונג. דאס פראנצויזישע פאָלק איז שטארק אויפגעמונטערט געוואָרן, דיא וואָלאָנטירען האָבען געוואונען קוראזש, זיי האָבען זיך איבערצייגט, אז זיי קענען קעמפּפען מיט דיא בעסטע פּרייסישע סאָלדאטען, און זיי זיינען דארום מונטער און פול מיט האָפנונג געגאנגען אין פייער ביי אלע אנדערע שלאכטען. דיא געג־נער פון דער רעוואָלוציאָן האָבען זיך אָנגעפאנגען צו שרעקען, דיא פּרייסען האָבען זיך ארומגעזעהען, אז עס איז גאָר קיין שפּאצירגאנג ניט נאך פּאריז און אז מען וועט מוזען אוועקלייגען ניט וויניג ביי־נער איידער מען וועט אהין צוקומען. מען זאָגט, אז אין דער נאכט נאך דעם וואלמי־שטורם איז דער פּרייסישער קעניג מיט צאָרן אָנ־געפאלען אויף דיא פיהרערס פון דיא פראנצויזישע עמיגראנטען און האָט ערקלערט, אז מען האָט איהם אָפּגענארט מיט פאלשע בעריכטען וועגען דיא פראנצויזישע ארמעע. קעלערמאן, וועמען נאפּאָלעאָן האָט געגעבען דעם טיטול הערצאָג פון וואלמי, האָט מעהר פון אלץ שטאָל־צירט מיט זיין זיעג ביי וואלמי.

דיא פּרייסישע ארמעע האָט זיך 10 טעג נאך דער שלאכט פון וואלמי געמוזט צוריקציהען צום רהיין, און דיא עסטרייכער ארמעע איז אוועק צום בעלגישען גרענעץ. דיא שטעט לאָנגווי און ווערדון

זיינען דאן ערלייזט געוואָרן פון דיא אויסלענדישע הערשער. פּאַריז איז געראַטעט געוואָרן פון אַ שרעקליכען איבערפאַל, און דיא רעוואָלוציאָן איז אוועק אויף איהר אונפערמיידליכען וועג.

עלפטער קאַפּיטעל.

דער קאָנוועגט.

דעם 21 סעפּטעמבער 1792 איז ערעפנט געוואָרן דער נייער פּאַרלאַמענט, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען נאַציאָנאַל־קאָנווענט און וואָס איז געווים געוועזן דער רעוואָלוציאָנערסטער אין דער וועלט. דיא וואהלען זיינען פאָרגעקומען, ווען מען האָט געשיקט אין גרויס הייכלעם וואָלאָנטירען צום גרענעץ צו פערטהיידיגען דאָס פאַטערלאַנד געגען דיא מעכטיגע אויסלענדישע שונאים צוזאַמען מיט דיא אינערליכע. מען קען זאָגען, אַז דיא מיטגליעדער פון קאָנווענט זיינען אויסגעוועהלט אונטער דעם אָפּקלאַנג פון דער קאַנאָנען־שיסעריי ביי וואַלמי. דיא פּאַטריאָטישע בעגייסטערונג און דיא רעוואָלוציאָנערע שטימונג פון פאָלק האָבען דערגרייכט צום העכסטען פּונקט. דארום האָט מען איבעראל געשטימט פאַר מענשען מיט ראַדיקאַלע מיינונגען און מיט ענערגיע.

וויא עס איז שוין אָנגעוויזען געוואָרן אין אַ פריגען קאַפּיטעל, האָט דיא געזעצגעבענדע פערזאַמלונג בעשלאָסען נאָך דעם שטורם פון טיולערי־פּאַלאַץ (10 אויגוסט), אַז מען זאָל אויסוועהלען אַ ניי־עם פּאַרלאַמענט, וואָס זאָל בעשטימען דעם שיקזאַל פון קעניג און פעסטשטעלען דיא הערשאַפט פון פאָלק. אום דאס אם בעסטען אויסצופיהרען, האָט זיא אנגענומען אַ פאָרשלאָג צו מאַכען דאָס שטימרעכט אַלגעמיין. פריהער האָבען געהאט אַ שטימרעכט נאָר אַזעלכע בירגער, וואָס האבען געצאָהלט אַ דירעקטען שטייער פון אַ דריי־טעגיגען אַרבייטסלוין. דאס האָט דאן דורכשניטליך בעטראָפען אָנדערטהאַלבען פראַנק. דיזער צענזוס איז געוועזן אַ גאַנץ קליינער, אָבער דאָך האָבען דיא מייסטע אַרבייטער פערלאָרען דורך דעם זייער

שטימרעכט. אום זיי זאָלען אויך קענען לאָזען הערען זייער שטימע, האָט דיא געזעצגעבענדע פערזאַמלונג בעשלאָסען, דאס יעדער פראַנ־צויז וואָס איז אלט 25 יאהר און לעבט פון זיין ארבייט האָט א רעכט צו וועהלען פערטרעטער. נאר דיא זשיראָנדיסטען, וועלכע זיינען געוועזן פערטרעטער פון מיטעלקלאַס און האבען בעהערשט דיא געזעצ־געבענדע פערזאַמלונג, האָבען דאָך אויסגעפיהרט אַז דיא וואחלען זאָלען בלייבען אינדירעקטע, אום אָפּצושוואַכען דיא פאָרדערונגען פון דיא ארבייטער. מאַראַט האט פּראָטעסטירט אין זיין „פאָלקספריינד" געגען דיזען בעשלוס; אבער דיזעס מאל האט ער נאָר ניט אויסגע־פיהרט דערמיט.

פּאַריז האָט מייסטענס אויסגעוועהלט דיא ראַדיקאַלסטע רעוואָ־לוציאָנערען. דערמיט האָט דאָס פאָלק געגעבען זיין הסכמה אויף דיא רעוואָלוציאָנערע האַנדלונגען אין דיא סעפּטעמבער־טעג. דיא מייסטע שטימען האָבען געקראָגען ראָבעספּיער און דאַנטאָן, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין אַמט אלס יוסטיץ־מיניסטער, אום צו זיין א מיטגליעד פון קאָנווענט. דיא אַנדערע אויסגעוועהלטע זיינען געוועזן: מאַראַט, זיין אַדיוטאַנט פרעראָן, קאַמיל דעמולען, מאַנועל, לעזשאַנדר, קאָלאָ דהערבואַ, ביליאָ־וואַרען, ראָבעספּיער'ס ברודער, דער מאַלער דאַוויד, דיא רעוואָלוציאָנערע שרייבערס דיוסאָ און פאַבר דעגלאַנטין און אַנדערע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען זיך אויס־געצייכענט דעם 10 אויגוסט און דעם 2 סעפּטעמבער. דיא קלענסטע צאָהל שטימען האָט געקראָגען דער מערקווירדיגער אָרלעאַנער פּרינץ, וועלכע האָט דיא גאַנצע צייט אינטריגירט געגען דעם קעניג, אום צו פּערנעהמען זיין טהראָן, און וועלכער איז דארום געצוואונגען געוועזן צו שפּיעלען אַזוי לאַנג א רעוואָלוציאָנערע ראָלע, ביז זיין קאָפּ איז געפאַלען אונטער דעם מעסער פון דער גיליאָטינע. די־זער פּרינץ איז איינער פון דיא אינטערעסאַנטעסטע כאַראַקטערען פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן, וועלכע איז אַזוי רייך געוועזן מיט זעלטענע מענער. אום צו צייגען אַז ער וויל ניט זיין מעהר אַן אַריס־טאָקראַט און אַז ער האָט אפילו פּערגעסען אָן זיין טיטול, האָט ער זיך א נאָמען געגעבען עגאַליטע (גלייכהייט). דיא קאָמונע פון פּאַריז

האָט איהם דורך אַ ספּעציעלען בעפעהל ערלויבט צו ענדערן זיין פּרינצליכען פאַמיליען-נאָמען אויף פיליפּ עגאַליטע. אונטער דיזען נייען נאָמען איז ער פערבליבען בעקאַנט אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָן. מען האט ניט געקענט דערגיין זיינע מיינונגען אויף ריכטיג. זיינע פריינד האבען געגלויבט, אז ער איז אַן אויפריכטיגער רעפּובליקאַנער; זיינע פיינד האבען בעהויפּטעט, אז ער זוכט נאר צו שמייכלען דעם פאָלק, אום אליין צו ווערן קעניג. פיעלע פון זיינע האנדלונגען צייגען, אז ער איז געווען אַ גרויסער אינטריגאַנט. ער איז פערשלעפּט געוואָרן אין דעם רעוואָלוציאָנערען שטראָם ביז ער איז טאַקע דערטרונקען געוואָרן אין איהם. זיין זוהן לואי פיליפּ איז בעשערט געווען צו ווערן קעניג פון פראַנקרייך מיט 37 יאהר שפּע־טער, נעמליך נאָך דער רעוואָלוציאָן פון 1830.

אין דיא פּראָווינצען האט מען אויך אויסגעוועהלט בעוואוסטע רעוואָלוציאָנערען. פּעטיאָן, דער פּאַריזער בירגערמייסטער, איז אויס־געוועהלט געוואָרן אין דעם דעפּאַרטאַמענט אויר־ע־לואר. כמעט אַלע זשיראָנדיסטען און יאַקאָבינער פון דער געזעצגעבענדער פערזאמלונג זיינען געוואָרן מיטגליעדער פון קאָנווענט. דיא גרעסטע צאָהל פון דיא דעפּוטאַטען זיינען שוין געווען רעפּובליקאַנער, דיא איבעריגע וואָלטען אפילו צופריעדען געווען מיט אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנארכיע, נאָר אויס פורכט פאַר דיא רעוואָלוציאָנערען האבען זיי געמוזט צייגען, אז זיי זיינען אויך טרייע רעפּובליקאַנער.

דיא פּאַרטייען האבען זיך אזוי פערטהיילט אין קאָנווענט: דיא רעכטע זייט האבען פערנומען דיא זשיראָנדיסטען מיט זייערע בעריהמטע און גלענצענדע פיהרער: בריסאָ, גאדע, ווערניאָ, קאָנדאָרסע, ביוזאָ, פּעטיאָן, וועלכער האט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין אמט אלס פּאַריזער בירגערמייסטער אום צו ווערן אַ מיטגליעד פון קאָנווענט, זשאַנסאָ־נע, לואווע און פיעלע אנדערע. אַ טהייל פון זיי זיינען געווען רע־פּובליקאַנער פאַר דעם 10 אויגוסט, דיא אנדערע זיינען געוואָרן רע־פּובליקאַנער דורך דיא ענטוויקלונג פון דער רעוואָלוציאָן, דורך דעם צוואַנג פון דיא אומשטענדען. אין אַ פאָריגען קאַפּיטעל איז שוין ערקלערט געווען, אז דיזע פּאַרטיי איז ניט געגאַנגען ווייטער פון

פּאָליטישע פּרייהייטען און האָט פּערטראָטען דיא אינטערעסען פון דער מיטעלקלאַסע. אזוי וויא מיר וועלען נאָך האבען צו ריידען וועגען איהר, ווען מיר וועלען האבען צו שילדערן איהר ביטערן דורכפאַל אין דעם קאַמפּף מיט דיא יאַקאָבינער, וועלען מיר דערווייל לאָזען איהרע אַנזיכטען און שטרעבונגען אָן א זייט.

דיא לינקע זייט איז בעזעצט געווען פון דיא יאַקאָבינער, קאָר־דעליערען און אַלע הייסע רעוואָלוציאָנערען. דיזע גרויסע און העכסט ענערגישע פּארטיי האָט געקראָגען דעם נאָמען מאָנטאַין (בארג), ווייל איהרע מיטגליעדער זיינען געזעסען אויף דיא אויבערסטע ביינק. דער גרעסטער טהייל פון דיא מאָנטאַניארען זיינען געווען יאַקאָבינער. דיא הויפּטפיהרער זיינען געווען דאַנטאָן, ראָבעספּיער און מאַראַט. דער קאַמפּף מיט דיא זשיראָנדיסטען האָט פּערבונדען דיזע פיהרערס, ביז זיי זיינען פּטור געוואָרן פון זייערע געמיינשאַפטליכע געגנער. דיא אַנדערע בע־ריהמטע מיטגליעדער פון דיזער העכסט רעוואָלוציאָנערער פּארטיי זיינען געווען: קאַמיל דעמולען, קאָלאָ דהערבואַ, קוטהאָן, טאַליען, דער יונגער סען־זשוסט, דער יודענפריינדליכער בּיסקופּ גרעגואַר, דער קצב לעזשאַנדרע, א פייערדיגער פיהרער פון דיא פּאַריזער פּאָרשטעט, קאַרנאָ, דער געניאַלער אָרגאַניזאַטאָר פון דיא רעפּובּליקאַנישע ארמעען. מיט זיי צוזאַמען איז אויך געזעסען פיליפּ עגאַליטע.

אין קאָנווענט זיינען אויך צוגעלאָזען געוואָרען צוויי אויסלענדער, וועלכע זיינען אויסגעוועהלט געוואָרן פון פּאָלק פאַר זייער טרייהייט צו דער רעוואָלוציאָן. איינער פון זיי איז געווען א דייטש מיט דעם נאָמען אַנאַכאַרזיס קלאָאָץ, א גרויסער טרוימער, און דער אַנדערער איז געווען טהאָמאַס פּעין, א פריידענקער און גרויסער שרייבער, וועלכער איז געווען איינער פון דיא וויכטיגסטע קעמפּפער אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָן.

אין צענטער פון קאָנווענט זיינען געזעסען דעפּוטאַטען מיט פער־שיעדענע מיינונגען, וועלכע האבען געשטימט מיט דיא זשיראָנדיסטען אָדער מאָנטאַניארען לויט נאָך דיא אומשטענדען. דיזען צענטער האָט מען מיט פּעראַכטונג א נאָמען געגעבען „זומפּף“ אָדער „בויך“, ווייל דיא מייסטע מיטגליעדער זיינען געווען מענשען, וואָס האבען געזוכט

צו רעטען זייער איינענע הויט. אלע דיא יעניגע, וואס האבען זיך געשראקען ארויסצוטרעטען אפען פאר איינע פון דיא קעמפפענדע פארטייען, האבען זיך פערשטעקט אין צענטרום, וויא קראטען אין א זומפף. זיי האבען געטאנצט צווישען צוויי שטולען. איינער פון זייערע בעסטע און פעהיגסטע פיהרערס, דער גלח סיעס, איז צוויי יאהר נאכאנאנד געזעסען אין קאנווענט אהנע צו ריידען א ווארט פאר אדער געגען אירגענד וועלכען פארשלאג. מיט זייערע שטימען האבען זיי געווארפען דיא וואגשאלען פון פאליטישען שיקזאל דא אויף איין זייט, דא אויף דער אנדערער. אזוי וויא דער קאנווענט איז אייגענטליך אויך געוועזען דיא רעגירענדע מאכט, האט דער בעשלוס פון דער מאיאריטעט בעדייטעט לעבען אדער טויט פאר דיא פיהרערס. דיא זשיראנדיסטען און מאנטאניארען האבען שטענדיג געזוכט צוצוציהען אויף זייער זייט דיא מיטגליעדער פון „זומפף", אום צו בלייבען דיא הערשער. נאך דעם פאל פון ראבעספיער'ן און ענדע פון דער שרעקענסצייט האבען דיזע קראטען אויפגעהייבען דעם קאפ און געשטיצט דיא רעאקציאנערען.

אנפאנגס זיינען דיא זשיראנדיסטען געוועזען שטארקער און צאהלרייכער וויא דיא מאנטאניארען, נאר אזוי וויא זיי האבען מייסטענס פערטראטען דיא וועסטליכע און זידליכע פראווינצען און האבען זעהר וועניג אנהענגער געהאט אין פאריזער פאלק, זיינען זיי שליסליך בעזיעגט געווארען פון דיא יאקאבינער, וועלכע האבען געהאט קלובען אין גאנצען לאנד און האבען זיך געשטיצט אויף דיא פאריזער פאלקסמאסען. דיא פאריזער פארשטעט זיינען שטענדיג פערטיג געוועזען צו קומען דיא מאנטאניארען צו הילפע און צו פעריאגען זייערע געגנער, ווייל דיזע פייערדיגע רעוואלוציאנערען זיינען ניט נאר געוועזען אויפריכטיגע רעפובליקאנער, זאנדערן האבען אויך געשטרעבט צו עקאנאמישע גלייכהייט. זיי האבען געטרוימט פון א ווירקליכע דעמאקראטיע, אז דיא פאלקסמאסען זאלען אויך צופרידען זיין.

נאר דיא שטרעבונג צו גלייכהייט איז אפילו ביי דיא הייסעסטע יאקאבינער און זאגאר ביי מאראט'ן זעלבסט געוועזען מעהר אן אינסטינקטיווע וויא אן אויפגעקלערטע, מעהר אן אידעאלע וויא א

פראקטישע. זיי האָבען אליין ניט פערשטאַנען קלאָר, וויא זיי קע־נען איינפיהרען דיא הערשאַפט פון גלייכהייט, וועגען וועלכע זיי האָבען אזוי אָפט און אזוי היים גערעט אויף פערזאַמלונגען. נאָך אלעם זיינען זיי מייסטענס אָפּגעקומען מיט רייד און טרוימען. דאַ־רום איז עס אזוי שווער צו פערשטעהן דעם אונטערשיעד צווישען יאקאָבינער און זשיראָנדיסטען. מען מוז אבער צוגעבען, אז דיא יאקאָבינער האָבען קיין צייט ניט געהאט צו פערווירקליכען אין דער פּראַקטיקע זייערע ראַדיקאַלע שטרעבונגען און אידעאַלען, דען דיא גאַנצע צייט האָבען זיי געהאַט צו פיהרען א שווערען און ביטערן קאַמפּף מיט דיא אויסלענדישע און אינערליכע שונאים, וועלכע האָבען געזוכט צו פערניכטען דיא מיט זאָ פיעל בלוט געקויפטע פרייהייט. דיזער קאַמפּף האָט שטענדיג אראָפּגעפיהרט פון גלייכען וועג אַלע רעוואָלוציאָנערע פיהרערס, וועלכע האָבען זיך אזוי שנעל געביטען, און האָט זיי געטריבען צום טעראָר, וועלכער האָט אין אַ קורצע צייט אויסגעראָטעט דיא בעסטע און שטאַרקסטע קרעפטע פון דער רעוואָלוציאָן.

צוועלפטער קאַפּיטעל.

דיא שלאַכט בּיי זשעמאַפּ און דער מאַרש נאָך מאַינץ.

אום צו פערשטיין דעם צושטאַנד פון פראַנקרייך אין דער רע־וואָלוציאָנערסטער צייט פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן, ווען א פייערדיגער קאַמפּף איז צוגלייך געפיהרט געוואָרן אין אויסלאַנד, אין פראַנקרייך און אין קאָנווענט זעלבסט, דאַרף מען אין אַנבעטראַכט נעהמען, אז דער קאָנווענט איז געווען א געזעצגעבענדער פּאַרלאַמענט און אויך א רעגירונג, אז דיא קאָמונע פון פּאַריז האט בעהערשט פראַנקרייך, אז דאס פּאָלק איז געווען אין אַן אויסעראָרדענטליכען אויפגערעגטען צו־שטאַנד, אז דיא ראַדיקאַלסטע און רעוואָלוציאָנערסטע געדאַנקען און האַנדלונגען האבען געפונען דעם גרעסטען אָפּקלאַנג אין דיא ארבייטער־

מאסען, וועלכע האבען געהאָפט, דאס א רעפובליק וועט אויך פערבע־סערן זייער עקאָנאָמישע לאגע.

דער קאָנוועגט האט נאך אויך געהאט צו משפט'ן דעם קעניג, וועלכער איז אלץ שטרענגער בעוואכט געוואָרן אין טעמפעל־טהורם, און צו פערפאסען א נייע קאָנסטיטוציאָן.

אויף דער ערשטער זיצונג פון קאָנוועגט האט מען איינשטימיג אויסגעוועהלט אלס פּאָרזיצענדען דעם זשיראָנדיסט פּעטיאָן, וועלכער איז נאך אלץ בעליעבט געווען אין פּאריז. דאס האט געצייגט אז דיא זשיראָנדיסטען האבען בעהערשט דעם קאָנוועגט. דער זשיראָנדיסט מאנועל האט דאן פּאָרגעשלאָגען, אז דער פּאָרזיצענדער זאל וואָהנען אין טיולערי־פּאלאץ, אז ער זאל האבען א גווארדיע, אז אלע זאלען זיך אויפהויבען פאר איהם. דיזער פּאָרשלאג איז נאר ניט געפעלען געוואָרן. דער יאקאָבינער שאבאָ האט ערקלערט, אז פראנקרייך וויל אָפּשאפען ניט בלויז דעם נאָמען קעניג, זאָנדערן אויך יעדען צייכען דערפון; דער יאקאָבינער טאליען, וועלכער האט שפּעטער געשפּיעלט א מיאוסע ראָלע, האט אויסגערופען: „אייער פּרעזידענט איז אויסערהאלב דיזען זאל א געוועהנליכער בירגער. אויב מען וויל מיט איהם רעדען, וועט מען איהם אויפזוכען אויפ'ן פערטען אדער פינפטען עטאזש — ד א ר ט וואָהנט דיא טוגענד!“ דיא לעצטע ווערטער זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט גרויסע אפּלאָדיסמענטען.

דיא זשיראָנדיסטען האָבען זיך געקליבען צו מאכען א פּאָרשלאג, אז מען זאָל אָפּשאפען דיא מאָנארכיע און ערקלערען דיא רעפּובליק; נאר דער יאקאָבינער קאָלאָ דהערבואַ, א געוועזענער שוישפּיעלער, האט אויף זיי ניט געווארט. וויא נאר ער האָט פּאָרגעשלאָגען איינ־צופיהרען א רעפּובליק, האָט אויסגעבראָכען א שטורם פון אפּלאָ־דיסמענטען. איין דעפּוטאט האָט בעמערקט, אז מען דארף דיזען וויכטיגען פאָרשלאג ערנסט דיסקוטירען, נאר דער ביסקופ גרעגואר האָט אויסגעשריען: „צו וואָס זאָל מען דיסקוטירען, ווען אלע זיינען איינפערשטאנדען? דיא קעניגע זיינען אין דער מאָראלישער אָרדנונג דאָס זעלבע וואָס א שרעקליכע בריאה אין דער פיזישער אָרדנונג. דיא געשיכטע פון קעניגע איז דער מארטיראָלאָג (ליידענסבוך) פון

פעלקערן״ דיזע ווערטער האָבען אָבגעהאקט אַלע דיסקוסיאָנען. **דיא** זשיראָנדיסטען, מאָנטאַניארען און אַלע אַנדערע דעפּוטאַטען זיינען אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער און האָבען מיט ענטהוזיאַזמוס אָנגענומען פאָלגענדען בעשלוס:

„דער נאַציאָנאַל קאָנווענט בעשטימט, אַז דאָס קעניגרייך איז אָפּגעשאַפט אין פראַנקרייך און אַז אַלע עפענטליכע אקטען װעלען פון יעצט אָן טראָגען דעם דאַטום פון דעם ערשטען יאָהר פון דער רעפּובליק.״

דעם נעכסטען טאָג האָט מען אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון דעם יאַקאָבינער ביליאָ־וואַרען איינצופיהרען א נייע צייטרעכנונג, וועלכע זאָל זיך אָנפאַנגען פון 22 סעפּטעמבער אלס דער ערשטער יאָהר פון רעפּובליק. דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון דעם זאָ־גענאַנטען רעפּובליקאַנער קאַלענדער, וועלכער האָט אָפיציעל געדויערט ביז נאַפּאָלעאָן אין געוואָרן קייזער. דער צוועק פון דיזער ענדערונג איז געווען אָפּצושיידען זיך וואָס ווייטער פון דער אַלטער וועלט. פאַר דעם נאַציאָנאַלען פעסט־טאָג פון דער רעוואָלוציאָן האָט מען אָנגענומען דעם 10 אויגוסט און ניט דעם 14 יולי (דעם טאָג פון דעם שטורם פון דער באַסטיליע).

דיא פריהערע זשיראָנדיסטישע מיניסטערס זיינען מייסטענס פערבליבען. אזוי וויא מען האָט בעשלאָסען, דאָס קיין דעפּוטאַט דאַרף ניט זיין קיין בעאַמטער, האָט דאַנטאָן זיך אָפּגעזאָגט פון זיין אַמט אלס יוסטיץ־מיניסטער, אום בעסער צו פערבלייבען אין קאָנווענט, וואו דיא הויפּטמאַכט איז געלעגען. דיא מאַכט פון דיא מיניסטערס איז אַלץ מעהר בעשרענקט געוואָרן דורך דיא ספּעציעלע קאָמיסאַרען, וואָס דער קאָנווענט פלעגט בעשטימען אין וויכטיגע אַנגעלעגענהייטען. ווען פּעטיאָן האָט זיך אָבגעזאָגט צו זיין בירגערמייסטער פון פּאַריז, האָט מען איהם פון דאָס נייע אויסגעוועהלט, אָבער ער האָט זיך ווידער ענטזאָגט, אום צו בלייבען פאָרזיצענדער פון קאָנווענט. אַלע וויכטיגע פיהרערס האָבען געזוכט צו פערבלייבען דעפּוטאַטען, אום צו בעהערשען דעם קאָנווענט און דורך דעם גאַנץ פראַנקרייך.

נאר מיר וועלען דערווייל לאָזען אָן א זייט דעם קאָנווענט

מיט זיין פייערדיגען פארטיי־קאמפף און וועלען זיך ווענדען צו דעם קאמפף, וואָס דיא ענטהוזיאזטישע וואָלאָנטירען־ארמעע האָט געפיהרט מיט דעם אויסלענדישען שונא.

ווען דיא פּרייסען האָבען זיך געמוזט צוריקציהען נאָך דיא שלאַכט ביי וואַלמי, האָט דיומוריע, וועלכער האָט אזוי ענערגיש און גלענצענד אויסגעפיהרט זיין מיליטערישען פּלאַן אָפּצוהאַלטען דעם מארש פון דיא פּרייסען נאָך פּאריז, — זיך אַ לאָז געטאָן צום נ - גרענעץ. דיא עסטרייכער האָבען דאָרט באָמבארדירט דיא שטאָט ליל 10 טעג. זייער הויפּט־קאָמאנדיר, דער פּרינץ זאקסען־טעשען, אַ שוויגערזאהן פון דער עסטרייכער קייזערין מאריא טהערעזא, האָט פערנומען אַ שטארקע פּאָזיציאָן לעבען דיא שטאָט מאָנס אין בעלגיען און האָט געוואַרט אויף אן אטאקע פון דיא פראנצויזען. ער איז אזוי זיכער געווען צו בעזיעגען דיא „סאנקיולאָטען“, וויא זיין פּרייסישער חבר דער הערצאָג פאָן ברונסוויק פאַר דעם שלאַכט ביי וואַלמי, נאר ער האָט אויך געקראָגען אַ ביטערע מפּלה.

אין דער צייט ווען דיומוריע האָט מארשירט נאָך בעלגיען, וועלכע איז דאַן געווען אונטער דער הערשאַפט פון עסטרייך, האָט פּרינץ זאקסען־טעשען געוועלט צייגען זיין פּרוי וויא ער וועט איינ־נעהמען אַ „סאנקיולאָטען־שטאָט“. דיא בעגייסטערונג פון פראנצויזישען פאָלק איז געווען אזוי גרויס און טיעף, אַז דיא איינוואָהנער פון ליל האָבען העלדענמוטהיג אויסגעהאַלטען דיא בעלאַגערונג, אבוואהל זיי זיינען פערשאָטען געוואָרען מיט קארטעטשען. פרויען פלעגען צו־טראָגען אמוניציאָן צו דיא קעמפּפענדע מענער אונטער אַ האָגעל פון עסטרייכער קאַנאָנען־קוילען און זיי פלעגען לעשען דיא פייערס, וואָס דיזע קוילען פלעגען אָנמאכען. אייניגע פון דיזע העלדישע פרויען פלעגען נאָכלויפען נאָך דיא קוילען און באַמבען, אום ארויסצורייסען דיא פלעכטלעך, אַז זיי זאָלען ניט פּלאַצען. 100 טויזענד קאַנאָנען־קוילען האָבען דיא עסטרייכער אריינגעשאָסען אין שטאָט, 200 הייזער זיינען אין גאנצען פערברענט געוואָרען, אָבער דיא בירגער האָבען געלאַגערט אין דיא גאַסען און געלאָשען דיא פייערס, זינגענדיג דיא מארסעליעזע און אנדערע בעגייסטערנדע ליעדער.

ווען פרינץ זאקסען־טעשען האָט נעקראָגען דיא נאַכריכט, אַז דיומוריע איז שוין נאָהענט מיט אַן אַרמעע פון 100.000 מאַן, האָט ער אויפגעהערט דיזע אונמענשליכע באָמבאַרדירונג און האָט זיך צוריקגע־צויגען נאָך זיין פּאָזיציאָן אין בעלגיען. דיומוריע האָט גלייך אָנגעפאַנגען דיא אַטאַקע. דעם 6 אָקטאָבער 1792 איז געווען דיא הויפּט־שלאַכט, וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט אַ גלענצענדען זיעג פון דיא פראַנצויזען. דיזע שלאַכט איז פאַרגעקומען לעבען דיא בעלגישע שטעטעל זשעמאַפּ. זיא איז אויך געווען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט פאַר דיא רעוואָלוציאָן.

צוויי מאָל האָבען דיא פראַנצויזען (כמעט אַלע וואָלאָנטירען), גע־שטורמט אָהן ערפאָלג דיא בערג לעבען זשעמאַפּ, אויף וועלכע דיא עסטרייכער האָבען אויסגעשטעלט איבער 100 קאַנאָנען; נאָר דאָס האָט ניט אָפּגעהאַלטען זייער מערקווירדיגע בעגייסטערונג. זיי זיינען געקראָכען אין פייער זינגענדיג דיא מאַרסעליעזע. גענעראַל דיומוריע אַליין האָט מיטגעזונגען דיא מאַרסעליעזע, ווען ער האָט געהייסען שטור־מען מיט באַיאָנעטען אונטער אַ שרעקליכען דונער פון עסטרייכער קאַנאָנען. דיא ענטהוזיאַזטישע וואָלאָנטירען האָבען ענדליך איינגענומען אַלע פּאָזיציאָנען פון דיא עסטרייכער, וועלכע זיינען אָפּגעטראָטען אין אונאָרדנונג. פון עטליכע פּאָזיציאָנען זיינען זיי זיך ענדליך צולאָפען. דיא פראַנצויזען האָבען זיי נאָכגעיאָגט ביז דער שטאָט מאָנס.

דיזער זיעג האָט זעהר טהייער געקאָסט דיא פראַנצויזען, דען אַ מאַסע זיינען געפאַלען טויט און פערוואונדעט ביי דעם העלדענמוטהיגען שטורם; אָבער ער האָט אויפגעמונטערט דאָס פראַנצויזישע פאָלק און אָנגעמאַכט אַ גוואַלדיגען גערודער אין גאַנץ אייראָפּאַ. דיזעס מאָל האָבען שוין דיא סאַנקיולאָטען ניט צוריקגעשטויסען אַן אַטאַקע וויא ביי וואַלמי, נאָר אַליין געשטורמט און איינגענומען שטאַרקע פּאָזיציאָ־נען פון אַזאַ געניטע אַרמעע, וויא דיא עסטרייכער איז דאַן געווען. דיא וועטעראַנען פון דער עסטרייכער אַרמעע האָבען געמוזט צוגעבען אַז זיי האָבען נאָך ניט געהאַט צו פיהרען אַ שלאַכט מיט אַזאַ העל־דענמוטהיגען פיינד. דער פרינץ זאַקסען־טעשען איז געווען אויסער זיך פון צאָרן, ערגערנים און שאַנדע. ער זאָל בעזיעגט ווערן פון אַ סאַנ־

קיולאָטען־גענעראל! ער האָט עס ניט געקענט אריבערטראָגען און האָט זיך אליין ענטזאגט מיט בעם פון זיין קאָמאנדע.

דיומוריע האָט זיך שנעל בענוצט מיט זיין זיעג. אויף מאָרגען נאך דער שלאכט ביי זשעמאפּ האָט ער פערנומען מאָנס און באלד האָט ער אויך איינגענומען בריסעל, ליטיך, נאמור און אנדערע בעלגישע שטעט. דיא עסטרייכער האָבען געמוזט אויפרייסען אלע בריקען איבער דעם טייך ראָער, אום אָפּצוהאלטען דעם זיעגרייכען מארש פון דער פראנצויזישער ארמעע.

אזוי האט זיך געענדיגט דיא קאָמפּאניע פון 1792, דעם ערשטען יאהר פון דער מלחמה פון דער פראנצויזישער רעפּובליק געגען דיא קעניגע פון אויראָפּא. ניט נאָר האבען דיא פּרייסישע און עסטרייכער ארמעען געמוזט אָפּטרעטען פון פראנקרייך, זאָנדערן זיי האָבען שוין שטארק געמוזט זאָרגען וויא צו פערטהיידיגען זייערע אייגענע לענדער געגען דיא זיעגרייכע רעפּובליקאנישע ארמעען. אין דער צייט, ווען דיומוריע האט איינגענומען גאנץ בעלגיען, האט דער גענעראל קוסטין, אן אדעליגער, וועלכער האט געקעמפּפט פיר פרייהייט אין אמעריקא אין וואשינגטאָן׳ס ארמעע, זיך א רוק געטאָן צום רהיין, וואו דיא דייטשע בעפעלקערונג האט סימפּאטיזירט מיט דער פראנצויזישער רע־וואָלוציאָן. מיט דעם מוטה, וועלכען אלע פראנצויזישע גענעראלען האבען דאן ארויסגעוויזען, האט ער אָנגעפאנגען א מארש נאך מאינץ, דיא הויפּטשטאָט פון דעם אלטפרענקישען קורפירסטענטהום. דאָרט האָט געהערשט דער פירסטבישקוף פון ווארמס קארל יאזעף פאָן ערטהאל, וועלכער האט געשפּיעלט דיא ראָלע פון א שטיצער פון וויסענשאפטען און קונסטען. אין דער ווירקליכקייט איז ער געווען א זעהר אויסגעלאַ־סענער פּרינץ. אין זיין הויף האבען דיא גרעסטע דעה געהאט זיינע ליעבהאבערינען. דיא בויערן זיינען געווען פאנסטשיזניקעס, דאס גאנצע פּאָלק איז געווען גערדריקט און געשטיקט פון דיא אדעליגע. דיא פעאָ־דאלע סיסטעם, וועלכע דיא פראנצויזען האבען ביי זיך צושטערט נאך דעם שטורם פון דער באסטיליע, האט זיך דאָרטען געהאלטען אויף א האָר. זיא איז באלד פערשוואונדען, ווען דיא פראנצויזען זיינען אריין אין מאינץ.

קוסטין האט צוקלאפט דיא עמטרייבער און מאינצער סאָלדאַ־טען, וועלכע האבען איהם געוועלט אָפּהאקען דעם וועג, און וויא נאָר ער איז צוגעקומען צו מאינץ, האט דער גאַנצער קורפירסטליכער הויף גאַנץ איינפאַך געשטעלט פיס. דיא גאַסען זיינען געווען פול מיט וואָגענס און דער טייך—מיט שיפען פון דיא אריסטאָקראַטען און גייסטליכע, וועלכע האבען זיך אָפּגעטראָגען אין היילעניס מיט זייערע קאָסטבאַרע זאכען. דער הויפּטמיניסטער האט צום שיין געהאלטען א רעדע צו דיא בירגער, אז זיי מוזען פערטיידיגען זייער שטאָט ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט; אבער אין דער זעלבער צייט האבען זיינע דיענער געפיהרט זיינע קארעטען מיט זיינע זאכען איבער דעם בריק, איידער דיא פראנצויזען זיינען אָנגעקומען. אונטער אזעלכע אומשטענ־דען איז קיין וואונדער ניט, וואס דיא פעסטונג פון מאינץ, וועלכע איז געווען גוט פערזאָרגט מיט געוועהר און פּראָוויאַנט און וואָלט געקענט אויסהאלטען א לאַנגע בעלאַגערונג, האט זיך גלייך אונטערגעגעבען, וויא נאָר גענעראל קוסטין האט געסטראשעט צו באָמבאַרדירען דיא שטאָט. דעם 21 אָקטאָבער האט קוסטין בעזעצט מאינץ און האט גלייך אָפּגעשאַפט אלע פעאָדאַלע איינפיהרונגען. דיא אַמטען האט ער איבער־געגעבען צו דייטשען, וואס האבען סימפּאַטיזירט מיט דיא נייע אידעען.

דעם 23 אָקטאָבער האט א טהייל פון זיין ארמעע איינגענומען פראַנקפורט; אבער דיא פראנצויזען האבען לאַנג ניט געקענט איינ־האלטען דיזע שטאָט. קוסטין האט געזוכט אויפצורודערן דיא שלעפריגע דייטשען, האט פערשפּרייטעט פּראָקלאַמאַציאָנען איבער גאַנץ דייטש־לאַנד, רופענדיג דאָס פאָלק צום קאַמפּף פאר זיינע רעכטע; אבער ער איז ניט געווען א פעהיגער אדמיניסטראטאָר און האט ניט פערשטאַנען וויא צו געווינען דיא פריינדשאַפט פון דיא דייטשען אין דיא רהיין־פּראָווינצען. ווען דיא פרייסישע ארמעע איז אָנגעקומען דעם 12 דע־צעמבער נאַך פראַנקפורט, אויף איהר וועג צוריק פון פראַנקרייך, האָט קוסטין זיך פערלאָרען. דיא פרייסען האבען צוריק גענומען פראַנקפורט און קוסטין האט געמוזט אָפּטרעטען נאַך מאינץ. דערפאר האט ער שפּעטער בעצאָהלט מיט זיין לעבען אויפ'ן עשאַפאָט, ווייל מען האט איהם פערדעכטיגט אין פערראַטה.

דיא פראַנצויזען האבען זיך אויך אָפּגערעכענט מיט דעם קעניג פון סארדיניען, וועלכער איז אויך צוגעשטאַנען צו עסטרייך און פרייסען געגען דיא רעוואָלוציאָן. דער גענעראַל מאָנטעסקיו האט איינגענומען דיא גאַנצע פראָווינץ סאוואָיא און דיא שטאָט ניצא, און דער קאָנווענט האט באַלד ערקלערט, אז זיי זיינען א טהייל פון פראַנקרייך. דיא בעפעלקערונג האט דאָרטען זעהר סימפּאַטיזירט מיט דער רעוואָלוציאָן און מיט דיא פראַנצויזען.

נאָך דעם זיעג ביי זשעמאַפּ האט דער קאָנווענט מיט פריידע אויסגעדריקט א דאַנק צו גענעראַל דיומוריע און צו זיין אַרמעע און האט בעשלאָסען צו פעראייניגען בעלגיען מיט פראַנקרייך. ער האט געשיקט קאָמיסארען, דארונטער אויך דאַנטאָנען, איינצופיהרען דאָרט דיא נייע אָרדנונג. מען האט אָבגעשאפט דיא פעאָדאַלע סיסטעם און ערקלערט אלע מאיאָנטקעס פון דיא פירסטען און קירכען פאר נאַציאָנאַל-אייגענטהום. נאָר דיא בעלגיער זיינען נאָך געווען צו פיעל אונטער דעם איינפלוס פון דיא קאַטוילישע גלחים און זיינען דארום געווען אונצופריעדען מיט דיא רעוואָלוציאָנערע בעשליסע פון קאָנווענט. דיומוריע, וועלכער איז אויך געווען א געשייטער דיפּלאָמאַט און שטאַאטסמאַן, האט געזוכט צו לעבען גוט מיט אַלעמען און האט אויך געוואונגען דעם צוטרויען פון דיא בעלגיער. דיזער מערקווירדיגער מאַן האט שוין צו דער צייט אָנגעפאנגען צו טרוימען וועגען דיא שטירצונג פון דער רעפּובליק און דיא איינפיהרונג פון א מאָנארכיע אין פראַנקרייך. ער האט זיך געשפּיעלט מיט אלע פּארטייען און אלעמען גענארט. אפילו דיא יאַקאָבינער האבען זיך פערלאָזען אויף איהם, וועהרענד ער האט שוין געדענקט צו פערראַטהען דיא רעפּובליק. ער האט געוועלט שפּיעלען דיא ראָלע, וואס נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען איז געלונגען דורכצופיהרען, נאָר ער איז דורכגעפאַלען, און זיין פערראַטה איז בעצייטענס ענטדעקט געוואָרען. בלויז מאַראַט, וועלכער האט בעזעסען א זעלטענע שפּירקראַפט, האט געהאט א חשד אויף איהם און האט איהם אַטאַקירט אין זיין צייטונג.

דער קאָנווענט האט אויך ארויסגעלאָזען איין אויפרוף צו אַלע פעלקער, אז פראַנקרייך וועט זיי העלפען, ווען זיי וועלען נאָר אָנפאַנגען

צו קעמפפען פאר זייער פרייהייט. דערמיט האָט ער געוועלט איינשרעקען אַלע מלכים.

דרייצעהנטער קאפיטעל

דער קאַמפף פון יאַקאָבינער און זשיראָנדיסטען.

אויף דער פערטער זיצונג פון קאָנווענט האָט זיך אָנגעפאַנגען א שטורמדיגער קאמפף צווישען דיא זשיראָנדיסטען און יאַקאָבינער. דיא זשיראָנדיסטען האָבען איהם ארויסגערופען דורך זייער אטאַקע אויף דיא רעוואָלוציאָנערען פון 2 סעפּטעמבער און ספּעציעל אויף מאַראַט׳ן. דער מיניסטער ראָלאַן, וועלכער איז זעהר ערביטערט געווען אויף דיא פיהרערס פון דער פּאַריזער קאָמונע, ווייל זיי האָבען אין דער צייט פון דיא סעפּטעמבער־אויסשלאַכטונגען ארויסגעלאָזען א בעפעהל איהם צו פערהאַפטען (דיזער בעפעהל איז אָבער ניט אויסגעפיהרט געוואָרען), — האָט אריינגעבראַכט קלאַגען, אַז מען מאַכט איהם איבעראל שטערונגען, אַז מען וויל אַרויסרופען נייע מאָרדען וויא אנפאַנג סעפּטעמבער. דער זשיראָנדיסט קערסען האָט אונטערשטיצט דעם מיניסטער און אויסגעשריען, אַז מען וואָלט בעדאַרפט ברייגגען אויפ׳ן עשאַפאָט דיא יעניגע וואָס העצען אויף צו מאָרד־טהאַטען. דאס איז געווען א דירעקטער אָנגריף אויף אַלע מאָנטאַניאַרען און זיי האָבען פייערדיג פּראָטעסטירט. דער זשיראָנדיסטישער פיהרער ביוזאָ האָט אונטערשטיצט דיא פאָרדערונג פון קערסען און האָט נאָך פערלאַנגט, אַז דער קאָנווענט זאָל האָבען א ספּעציעלע גוואַרדיע אין וועלכע אַלע דעפּאַרטאמענטען פון פראַנקרייך זאָלען זיין פערטראָטען. „מיר וועלען דאָן מעהר ניט זיין שקלאַווען פון עטליכע דעפּוטאַטען פון פּאַריז!“ האָט ער אויסגעשריען און דערמיט אָפען ארויסגעציינט זיין אַבזיכט צו האָבען א מאַכט געגען דיא בעפעלקערונג פון פּאַריז, וועלכע האָט געשטיצט דיא יאַקאָבינער.

טראָץ דיא פּראָטעסטען און סטראַשונקעס פון דיא יאַקאָבינער האָט דער קאָנווענט בעשלאָסען, אַז צוויי קאָמיסיאָנען זאָלען צוגרייטען געזעץ־פּראָיעקטען אין דעם גייסט פון דיא פאָרשלעגע פון קערסען און ביוזאָ. דיא מאָנטאַניאַרען זיינען געוועזען אויסער זיך פון צאָרן און האָבען בעשלאָסען צו פיהרען אַ קאַמפּף אויף טויט און לעבען מיט דיא זשי־ראָנדיסטען.

אויף דעם אַנדערן טאָג האָט דער זשיראָנדיסט לאַסורס ווידער אַטאַקירט דיא יאַקאָבינער. ער האָט בעהויפּטעט אַז דיא פיהרערס פון דיא יאַקאָבינער ווילען איינפיהרען אַ טריאומווירואַט (העשאַפט פון דריי) און ווערן דיקטאַטאָרס פון פראַנקרייך. ער האָט געציעלט אויף דיא דריי הויפּטפיהרער פון דיא מאָנטאַניאַרען: ראָבעספּיער, דאַנטאָן און מאַראַט. דיא מאָנטאַניאַרען האָבען פּראָטעסטירט און געשריען, אַז מען מאַכט אויף זיי בלבולים. דער זשיראָנדיסט רעבעקי האָט דירעקט אָנגע־צייגט אויף ראָבעספּיער׳ן אַלס אַ מאַן וואָס זוכט צו ווערן דיקטאַ־טאָר פון פראַנקרייך. ראָבעספּיער האָט געשוויגען, נאָר דאַנטאָן איז קאַלטבלוטיג אַרויף אויף דער טריבונע און האָט פערלאַנגט, אַז מען זאָל בעשטראָפען מיט׳ן טויט יעדען איינעם, וואָס וועט זיך אויס־שפּרעכען צו גונסטען פון אַ דיקטאַטאָר אָדער פון אַ טריאומווירואַט. „אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס, האָט ער אויסגעשריען וואָרפענדיג פייערדיגע בליקען אויף דיא זשיראָנדיסטען, לאָמיר אויך ערקלערן טויטשטראָף געגען דיא יעניגע וואָס ווילען צוברעקלען פראַנקרייך!“ דערמיט האָט ער געוועלט טרעפען דעם זשיראָנדיסטישען פיהרער בריסאָ, וועלכער האָט אין זיינע אַ רעדע זעהר שטאַרק געלויבט דיא פעדעראַליסטישע קאָנסטיטוציאָן פון דיא פעראייניגטע שטאַאַטען. דיא זשיראָנדיסטען זיינען איבערהויפּט געווען צו גונסטען פון אַ פע־דעראַטיווע רעפּובליק, אין וועלכער דיא דעפּאַרטאַמענטען זאָלען האָ־בען זעלבסטפערוואַלטונג, און דיא יאַקאָבינער האָבען געשטרעבט צו אַ שטרענגע צענטראַליסטישע רעפּובליק מיט פּאַריז אַלס דעם צענטראַל־פּונקט. דאָס איז געווען איינע פון דיא וויכטיגסטע פּרינ־ציפּיעלע אונטערשיעדע צווישען דיזעביידע גרויסע פּאַרטייען.

ראָבעספּיער האָט נאָכהער געהאַלטען אַ לאַנגע רעדע און גע־

לייקענט דיא בעשולדיגונגען געגען איהם. דיא זשיראָנדיסטען האָבען איהם אונטערבראָכען. איין זשיראָנדיסט האָט דאן אויסגעשריען: „מאראט האָט אָפען פערלאַנגט אַ דיקטאַטאָר אין אַן אָפישע וועלכע איז אויסגעקלעפּט געוואָרן אויף אַלע וועגט פון פּאַריז“. דאָס האָט געבראַכט דעם שרעקיאָגענדען פאָלקספריינד אויף דיא פיס. נאר וויא ער האָט זיך בעוויזען אויף דער ביהנע, האָבען איהם דיא זשי־ראָנדיסטען און דיא „קראָטען פון זומפּף“ אויפגענומען מיט ווילדע געשרייען: „אַרונטער!“ און מיט שימפּפעררייען. ער האָט זיך אַזוי לאַנג ניט געריהרט פון אָרט, קוקענדיג קאַלטבלוטיג און מיט פעראַכטונג אויף דיא שרייערס, ביז ער האָט ענדליך געקענט זיך לאָזען הערען. ער האָט גערעט מיט הארץ. ער האָט דערצעהלט פון זיינע ליידען, פון דיא פערפאָלגונגען, וועלכע ער האָט געהאַט אויסצושטיין, ווייל ער האָט געקעמפּפט פאַר דיא אינטערעסען פון פאָלק. „ווארום ווילט איהר בעליידיגען אַ מאַן וואָס האָט אַזוי פיעל אויפגעטאָן פאַר דיא פריי־הייט?“ האָט ער געפרעגט דיא דעפּוטאַטען. ער האָט צוגעגעבען אַז ער האָט געוואונשען אַ דיקטאַטאָר, אבער אַזעלכען וואָס זאָל גלייך הייסען אָפּהאַקען אַלע קעפּ פון דיא פיינדע פון פרייהייט און זאָל גלייך נאַכדעם אָפּזאָגען זיך פון זיין דיקטאַטור. ווען מען פער־שטעהט ניט מיינע אַבזיכטען, איז עס ניט מיין שולד, האָט ער געזאָגט.

דער זשיראָנדיסט בואלאָ האָט נאָך מאראַט׳ס רעדע גענומען דאָס וואָרט און האָט אויסגעשריען: „אָט וואָס דיזער טיגער האָט אָנגעשריבען מיט זיינע בלוטיגע נעגעל אין זיין היינטיגען בלאַט: איין איינציגער געדאַנקען דריקט מיך—דאָס איז אַז אַלע מיינע אָנשטרענ־גונגען צו רעטען דאָס פאָלק וועלען פיהרען צו גאָר נישט אָהן אַ נייעם אויפשטאַנד. בעטראַכטענדיג דעם כאַראַקטער פון דיא דעפּו־טאַטען אין קאָנווענט, ווער איך פערצווייפעלט וועגען דעם עפענטליכען גייסט. אָ שוואַכענדעס פאָלק! ווען דו וואָלסט געוואוסט וויא צו האַנדלען!“

דיא זשיראָנדיסטען און דיא פעטרעטער פון „זומפּף“ האָבען דאָס אויפגענומען פאַר אַן אָפענע אויפפאָרדערונג צו אַן אויפ־

שטאַנד געגען דעם קאָנווענט און זיי האָבען געשריען: „שיקט איהם אין געפענגניס! זאָל מאַראַט גילאָטינירט ווערן". „איך פערלאַנג, האָט בואַלאָ אויסגערופען, אַז מען זאָל דיזע שרעקליכע בעשעפענים פערקלאַגען!" מאַראַט האָט זיך פייערדיג פערטהיידיגט. ער האָט בעוויזען, אַז דעם אַרטיקעל האָט ער געשריבען מיט 10 טעג פריהער און האָט פאַרגעלעזען שפּעטערע אַרטיקלען, אין וועלכע ער האָט ניט פערלאַנגט אויפשטאַנדען און אויסשלאַכטונגען. דיא מאַיאָריטעט פון קאָנווענט האָט זיך געשראָקען פאַר מאַראַט'ן און האָט אָנגענומען זיין ערקלערונג. דאַן האָט ער אויסגעשריען: „וויא! צוליעב אַ פעהלער האָט איהר געוואָלט מיך איבערגעבען צום מעסער פון טיראַניי! אבער ניין! איהר וואָלט ניט האָבען דיא מאַכט אויסצופיהרען דיזע אונגערעכטיגקייט! איך האָב דאָ מיט וואָס צו בלייבען פריי, און אויב איהר וואָלט מיך ערקלערן שולדיג, וואָלט דיזע געוועהר מיך בעפרייט פון מיינע פערפאָלגערס!" און אַרויסכאַפּענדיג אַ רעוואָלווער פון זיין קעשענע, האָט ער איהם צוגעשטעלט צו זיין שטערען און אויסגערופען: „יא, איך וואָלט מיך דערשאָסען אויף דיזער טריבונע! אָט דאָס איז דער לוין פאַר דריי יאָהר ליידען אין געפענגניס אום צו רעטען דאָס פאָטערלאַנד?! אבער ניין! איך וועל דאָ בלייבען צווישען אייך אום צו בראַווירען אייער צאָרן!"

ער איז פערבליבען און האָט נאָך דורך זיין מוטהיגע האַלטונג געוואונען מעהר ליעבע און צוטרויען פון דיא פּאַריזער אַרבייטער מאַסען. דער קאָנווענט האָט נאָך דער סצענע מיט מאַראַט'ן בעשלאָסען, אַז „דיא רעפּובליק איז איינע און אונצוטהיילבאַר", וויא דיא יאַקאָבינער צענטראַליסטען האָבען עס פערלאַנגט. אויף דיא אָפיציעלע דאָקומענטען האָט מען געשריעבען און געדרוקט דיזע ווערטער. נאַכהער האָט מען נאָך צוגעשטעלט דיא ווערטער: „פרייהייט, גלייכהייט, ברידערליכקייט".

דער קאַמפּף צווישען דיא זשיראָנדיסטען און יאַקאָבינער איז באַלד איבערגעגאַנגען פון קאָנווענט אין דיא קלובען און גאַסען. דיא פעדערירטע אדער וואָלאָנטירען פון דיא פּראָווינצען, וועלכע האָבען צוזאַמען מיט דיא פּאַריזער אַרבייטער געשטורמט דעם טיולערי־פּאַלאַץ

דעם 10 אויגוסט, זיינען מייסטענס געווען אויף דער זייט פון דיא זשיראָנדיסטען. זיי זיינען ארומגעלאָפּען און האָבען פערלאַנגט ראָבעס־פּיער׳ס קאָפּ. דיא פּאַריזער ארבייטער האָבען כמעט אלע געהאלטען מיט דיא יאַקאָבינער און געסטראַשעט מיט אַן אויפשטאַנד, אויב מען וועט פערפאָלגען ראָבעספּיער׳ן און אַנדערע פיהרערס פון דיא מאָנטאַניארען. דיא קלאַגען און געגען־קלאַגען פון ביידע שטריי־טענדע פּאַרטייען האָבען זיך ניט איין מאָל ווידערהאָלט אין קאָנ־ווענט און אויף פערזאַמלונגען.

דיא זשיראָנדיסטען האָבען אטאַקירט דיא מיטגליעדער פון דער פּאַריזער קאָמונע פּאַר דיא סעפּטעמבער אויסשלאַכטונגען; נאַר דער קאָנווענט האָט מורא געהאַט אָנצופאַנגען מיט דיזע הערשער פון פּאַריז. דיא זשיראָנדיסטען האָבען נאַר אומזיסט ארויסגערר־פען געגען זיך דעם האַס פון דיא מאָנטאַניארען, וועלכע האָבען שפּע־טער זיך בלוטיג אָפּגערעכענט מיט זיי דערפּאַר. מאַדאַם ראָלאַן האָט זיך אויסגעצייכענט אין דיזע פּאַרטיי־שטרייטען. זיא האָט אָנגע־טריבען איהר מאַן און אַנדערע זשיראָנדיסטען אַלץ שאַרפער אָנצוגרייפען דיא יאַקאָבינער. זיא האָט פערפאַסט אַן אַנקלאַגע געגען דיא מאָנ־טאַניארען, וועלכע איהר מאַן האָט פאָרגעלעזען אין זיין נאָמען אין קאָנווענט. דיזע אַנקלאַגע האָט ארויסגערופען אַ גרויסען שטורם, וועלכער האָט זיך בעזאָנדערס אויסגעלאָזען אויף ראָבעספּיער׳ן. מען האָט איהם ווידער אָנגעקלאָגט, דאָס ער וויל ווערן אַ דיקטאַטאָר. ער האָט עס נאַטירליך אָפּגעשטריטען און פערלאַנגט 8 טעג צייט צו בע־ווייזען, אַז אַלע בעשולדיגונגען געגען איהם זיינען פאַלש. מען האָט דאָס איהם בעוויליגט, און אין אַ מייסטערהאַפטע רעדע האָט ער זיך גערעכטפערטיגט.

נאָר מען האָט געהאַט צו פיעל צו טאָן מיט דעם אויסלענדישען שונא און מען האָט אויך בעדאַרפט ענטשיידען דעם שיקזאַל פון קעניג, וועלכער איז אַלץ שטרענגער בעוואַכט געוואָרן פון דער פּאַריזער קאָמונע אין דעם טעמפּעל־טהורם. ווען דיא זשיראָנדיסטען און דיא יאַקאָבינער האָבען געהאַט צו בעקעמפּפען דיא פיינדע פון דער רעוואָ־לוציאָן, האָבען זיי געלאָזען אָן אַ זייט זייערע אייגענע מחלקות. אין

בעצוג אויף דעם קעניג זיינען זיי ניט געווען איינשטימיג, נאָר זיי האבען זיך דאָך וועגען דעם ניט ארומגעריסען.

מען האט אלץ עפּטער און העכער אָנגעפאנגען צו פערלאנגען, אז מען זאָל פּראָצעסירען דעם קעניג. מען האט צו דער צייט געפונען דירעקטע בעווייזע, אז ער האט געזוכט צו פערניכטען דיא נייע אָרד־נונג מיט געוואלט. מען האט געפונען א בריעף פון לודוויג XVI צום ביס־קופּ פון קלערמאָנט, אין וועלכען דער קעניג האט אויסדריקליך געשריבען, אז ער וועט ווידער ווערן הערשער און וועט דאן געבען דער גייסט־ליכקייט איהר פריהערע מאכט. מען האט אויך געפונען בעווייזע, אז דער קעניגליכער הויף האט אויסגעגעבען אָנדערטהאַלב מיליאָן פראנק צו אונטערקויפען דיא געזעצגעבענדע פערזאמלונג. אבער פיעל וויכ־טיגער זיינען געווען דיא דאָקומענטען, וואס מען האט ענטדעקט אין דעם זאָ־גענאַנטען „אייזערנעם קאסטען פון טיולערי". לודוויג XVI, וועלכער פלעגט אויס צייט־פערטרייב זיך בעשעפטיגען מיט שלאָסעריי, האט אָפט געארבייט צוזאמען מיט דעם שלאָסער גאמען. דיזער שלאָסער האט געוואוסט פון דעם געהיימען שקאף אין דעם טיולערי־פּאלאץ און האט וועגען דעם גערעט מיט אנדערע. ער האט דערצעהלט, אז דיא קעניגין מאריע אַנטואַנעטע האט איהם געוועלט פערגיפטען, אום פון איהם פּטור צו ווערן. יעדענפאלס איז גאמען אוועק צום מיניסטער ראָלאַן און האט איהם געוויזען, וואו דער געהיימער שקאף געפינט זיך. ראָלאַן האט פריהער אליין נאכגעזוכט דיא דאָקומענטען, וואס ער האט געפונען אין דעם אייזערנעם קאסטען, און נאכהער זיי פאָרגעלעגט פאר דעם קאָנוועגט. אזוי וויא ער איז ניט געווען פאָרזיכטיג מיטצו־נעהמען עדות, ווען ער האט געעפענט דעם געהיימען שקאף, האבען דיא מאָנטאַניאַרען נאכהער איהם בעשולדיגט, דאס ער האט פערניכ־טעט דיא דאָקומענטען וועלכע האבען אָנגעוויזען אויף דיא חטאים פון זיינע פריינד, דיא זשיראָנדיסטען. מען קען ביז יעצט ניט דערגיין, אויב ראָלאַן האט ווירקליך פערניכטעט אייניגע דאָקומענטען, נאָר דיא מאָנטאַניאַרען האבען זיך בענוצט מיט זיין פעהלער, אום צו שענדען דיא זשיראָנדיסטען אין דיא אויגען פון פאָלק.

אין דיא פּאַפּירען וואס ראָלאַן האט איבערגעגעבען דעם קאָנוענט

זיינען געווען גריגדליכע בעוויזע, אז לודוויג XVI און זיין הויף האבען געמאכט פערשווערונגען געגען דיא רעוואָלוציאָנערען, אז זיי האבען אונטערגעקויפט דעפוטאטען. דאן איז מען עס אויך דערגאנגען פון דעם פערראטה פון מיראבאָ און פון דיא פאָרשלעגע, וואס לאפאיעט האט געמאכט צו רעטען דעם קעניג און צו פערניכטען דיא יאקאָבינער. מען רעכענט, אז דיא ענטדעקטע דאָקומענטען זיינען נאָר געווען א טהייל פון דעם קעניג׳ס געהיימע קאָרעספאָנדענץ; נאָר זיי זיינען גענוג געווען ארויסצורופען געגען איהם דעם צאָרן פון גאנצען פאָלק.

דיא ענטדעקונג פון דעם „אייזערנעם קאסטען״ האט אָנגעמאכט א גוואלדיגען גערודער אין גאנץ פראנקרייך. אלע האבען זיך איבערציינט, אז לודוויג XVI האט נאָר געוועלט אָפּנארען דיא פאָלקס־פערטרעטער ביז דיא אויסלענדישע ארמעען וועלען איהם ערלייזען און מאכען ווידער פאר א קעניג נאך דעם אלטען שטייגער. פון אלע זייטען האט מען דארום גענומען שיקען אדרעסען און פעטיציאָנען צום קאָנווענט, אז מען זאָל מאכען א סוף מיט דעם קעניג. דיא פאריזער קאָמונע האט נאך צוזאמענגעקליבען דיא פערוואונדעטע פון 10 אויגוסט און האט זיי געהייסען פערביימארשירען לעבען קאָנווענט און פערלאנגען ראכע.

פערצעהנטער קאפיטעל.

דער קאָנווענט און דער סוף פון קעניג.

דעם 13 נאָוועמבער 1792 האבען זיך אָנגעפאנגען דיא דעבאטען איבער דעם פאָרשלאג פון דער גזעצגעבונגס־קאָמיסיאָן, אז דער קאָנווענט זעלבסט זאל משפט׳ן דעם קעניג. אייניגע מעסיגע דעפוטאטען האבען פרובירט רעטען דעם קעניג׳ס קאָפּ. זיי האבען געטענה׳ט, אז לויט נאך דער קאָנסטיטוציאָן איז ער געווען אונפעראנטוואָרטליך ביז מען האט איהם אראָפּגעזעצט פון טראָן, אז יעדענפאלס איז ער שוין גענוג בעשטראָפט געוואָרן דערמיט, וואָס מען האָט איהם ענטקרוינט און וואָס מען האלט איהם אין א געפענגניס. געגען דיזע טענות זיינען ארויסגעטראָטען בעזאָנדערס ראָבעספּיער, זיין

טרייער שילער סען־זשוסט און מאראט. זיי זיינען אין אַלגעמיינען געווען גענען טויטשטראַף. עס מעג שיינען אונגלויבליך, אָבער עס איז אַ פאקט, אז מאראט האָט אַמאָל פערפאסט אַ געזעץ־בוך ווע־גען שטראַפען און האָט בלויז נאר צוגעלאָזען דיא טויטשטראַף אין בעזאָנדערע אויסנאַמס־פעלע. וואָס אַנבעלאַנגט צו ראָבעספיער'ן, האָט ער אין דער נאציאָנאל־פערזאמלונג געהאלטען אַ רעדע גענען טויטשטראַף. נאר דיא מייסטע מאָנטאַניארען און אויך אַ סך זשיראָנדיסטען זיינען געווען אַנהעננער פון דער סאָציאַל־פאָליטישער פילאָזאָפיע פון זשאַן זשאַק רוסאָ. דיא שריפטען פון דיזען געניאלען מאַן, בעזאָנדערס זיין בוך ,,דער סאָציאַלער קאָנטראַקט'', האָבען געהאט דעם גרעסטען איינפלוס אויף דעם גייסט פון דיא רעוואָלו־ציאָנען און אויף דעם גאַנג פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן. אין איין אָרט פון זיין ,,סאָציאַלען קאָנטראַקט'' האָט ער געשריבען: ,,אויב עס איז צוועקמעסיג פאר דעם שטאַאט אַז דו זאָלסט שטארבען, מוזטו שטאַר־בען, ווייל דו האָסט נאר ביז יעצט געלעבט אין זיכערהייט דורך דעם שטאַאט און ווייל דיין לעבען איז ניט נאר אַ גאָב פון דער נאטור, זאָנדערן אויך אַ געשאַנק פון שטאַאט''.

שטיצענדיג זיך אויף אַזאַ פונקט, קען מען אפילו איינפיהרען דיא שפאַנישע אינקוויזיציאָן און אומברענגען מענשען מאַסענווייז אין נאָמען פון שטאַאט. ראָבעספיער, סען־זשוסט און אַנדערע יאַקאָבינער האַבען זיך בענוצט מיט דיזען פסוק פון זשאַן זשאַק רוסאָ, אום ניט נאָר צו פערלאַנגען דעם טויט פון לודוויג XVI, זאָנדערן אויך צו האַקען קעפּ פון אַלע דיא יעניגע, וועלכע זיינען זיי געשטאַנען אין וועג אויסצופיהרען זייערע שטאַאטס־פּלענער. אויף דעם טיש פון דער קאָמיסיאָן פון עפענטליכע רעטונג אין דער שרעקענס־צייט איז שטענ־דיג געלעגען זשאַן־זשאַק רוסאָ'ס ,,סאָציאַלער קאָנטראַקט''.

סען־זשוסט האָט גערעט מיט פייער און בעגייסטערונג. ער איז אַלט געווען 24 יאָהר, אָבער ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע גלענצענדע רעדען און טיפע געדאַנקען. ער האָט אויסגעזעהן במעט וויא אַ מיידעל, אָבער ער האָט בעזעסען אַ זעלטענע ענערגיע. ער האָט געשטאַמט פון אַ מארקיזען־פאַמיליע, אָבער קען

מען זאגען, ארייגעלייגט זיין נשמה אין דער רעוואָלוציאָן. אפילו צווישען דיא הייסעסטע מאָנטאַניאַרען זיינען געווען ווייניג אזעלכע, וואס זיינען געווען אזוי טריי דעם פאָלק, וויא דיזער געבאָרענער אַריסטאָקראַט. ער האט אויך ניט ווילענדיג געהאט אַן איינפלוס אויף זיין לעהרער ראָבעספּיער, וועלכען ער האט פערגעטערט, דען ראָבעספּיער פלעגט זיך אָפט בענוצען מיט זיין שילער׳ס געדאַנקען און זיי ארויסגעגעבען פאַר זיינע אייגענע. אין זיין פייערדיגע רעדע געגען קעניג האט סען־זשוסט זיך געשטיצט אויף דעם „סאָציאַלען קאָנטראַקט" און געזוכט צו בעווייזען, אז מען מוז דעם קעניג בעהאַנדלען נאַך דיא גרונדלאַגען פון פעלקער־רעכט.

פיעלע דעפּוטאַטען זיינען ארויסגעטראָטען געגען דיא געדאַנקען און פאָרדערונג פון סען־זשוסט. ראָבעספּיער האט איהם גלייך אונטערשטיצט, נאָר ער האט גערעט קאַלטבלוטיגער, אלס א שטאַאטסמאַן.
„עס האַנדעלט זיך דאָ ניט אום א פּראָצעס, האט ער געזאָגט. לודוויג קאַפּעט איז קיין אָנגעקלאָגטער, איהר זייט קיינע ריכטער. איהר זייט שטאַאטסמענער. פעלקער משפּט׳ן ניט וויא געריכטען; זיי לאָזען ניט ארויס א פּסק, נאָר זיי שליידערן א בליץ. זיי פעראורטהיילען ניט קעניגע, נאָר זיי וואַרפען זיי אריין אין תהום. איך האַס דיא טויט־שטראָף, אבער לודוויג מוז שטאַרבען, ווייל דאס פאַטערלאַנד דאַרף לעבען".

דיא דעבאַטען האבען זיך געצויגען ביז דעם 3 דעצעמבער, ווען דער קאָנווענט האט אָנגענומען פּעטיאָן׳ס פאָרשלאַג, אז דער קאָנווענט וועט פּראָצעסירען דעם קעניג לויט נאַך געריכטליכע פאָרמאַליטעטען. מען האט אויף דער זעלבער זיצונג אויך אויסגעוועהלט א קאָמיסיאָן פון 21 מיטגליעדער צוזאַמען צו קלייבען דיא בעשולדיגונגען און צוזאַמענצושטעלען אַן אַנקלאַגע־אַקט געגען דעם קעניג, וועמען מען האט דאַן נאָר גערופען לודוויג קאַפּעט. דעם 10 דעצעמבער איז דיא קאָמיסיאָן פערטיג געוואָרן מיט איהר אַרבייט און אויף מאָרגען איז דער קעניג געבראַכט געוואָרען אויף דעם בעפעהל פון קאָנווענט אויסצוהערען דיא אַנקלאַגע. ער האט העפטיג פּראָטעסטירט וואָס מען רופט איהם קאַפּעט נאָך דער צונעמענעס פון זיינע אורעלטערן. דער

פאָרזיצענדער באַרער, א פיהרער פון „זומפּף“, וועלכער האָט געשפּיעלט א בעזאָנדערס גרויסע ראָלע, ווען דיא רעאַקציאָן האט זיך אָנגעפאַנגען, האט איהם צוליעב געטאָן און נאָר גערופען איינפאַך: לודוויג.

וועגען דעם לאַנגען פּראָצעס און וועגען דיא שנעלע הינריכטונג פון דעם קעניג האָבען מיר שוין אין א פאָריגען קאַפּיטעל געשריבען און מיר וועלען זיך דאַרום יעצט מעהר ניט אָפּשטעלען אויף דיזער רעוואָלוציאָנערער דראַמאַ.

אום צו געווינען דעם צוטרויען פון פּאַריזער פאָלק, האָבען דיא זשיראָנדיסטען געזוכט נאָכצוטאַנצען דיא יאַקאָבינער אין דער ייט פון דעם קעניג׳ס פּראָצעס. דאַן האָט מען בעדאַרפט בעזיצען גרויסען מוטה, אום אָפען צו זאָגען אפילו א גוט וואָרט פאַר דעם קעניג. דאָך זיינען נאָך אין פּאַריז זעלבסט פערבליבען גענוג מאָנאַרכיסטען, וועלכע האָבען זיך ניט געשראָקען צו מאַכען דעמאָנסטראַציאָנען צו גונסטען פון קעניג אין דיא טהעאַטערס און אפילו אין דיא גאַסען. דיא פּאַריזער קאָמונע האָט געמוזט שטרענג אויפפּאַסען אויף דיזע מאָנאַרכיסטען, וועלכע האָבען געמאַכט פערשווערונגען צו רעטען דעם קעניג. דאָס צייגט, אז דיא סעפּטעמבער אויסשלאַכטונגען האָבען ניט איבערגעשראָקען אַלע אינערליכע פיינדע פון דער רעוואָלוציאָן. אפילו ווען מען האָט געפיהרט דעם קעניג צום עשאַפאָט זיינען איינִיגע מאָנאַרכיסטען אַרומגעלאָפען איבער דעם וועג, שרייענדיג: „ווער עס וויל רעטען דעם קעניג זאָל צושטיין צו אונז!“ דיא נאַציאָנאַל־גוואַרדיסטען, וועלכע זיינען געוועזען אויסגעשטעלט אין רייהען פון טעמפּעל ביז צום הינריכטונגס־פּלאַץ (דער יעצטיגער Place de la Concorde), האָבען פאַנאַנדערגעיאָגט דיא מאָנאַרכיסטישע שרייערס; אָבער קיינעם ניט אַרעסטירט. אין אַלגעמיין איז פּאַריז געוועזען מערקווירדיג רוהיג און שטיל אין דעם טאָג, ווען לודוויג XVI איז געקעפּט געוואָרען.

דער קאָנווענט האָט ערקלערט דעם 21 יאַנואַר, דעם טאָג פון דעם קעניג׳ס הינריכטונג, פאַר א נאַציאָנאַלען יום טוב. 6 יאָהר האָט מען דיזען יום טוב געפייערט מיט גרויסע פּאַראַדען אין פראַנקרייך.

פופצענטער קאפיטעל.

דער אויפשטאנד אין וואנדעי.

ווען דיא מלכים און אריסטאקראטען פון אויראפא האבען דערהערט וועגען דיא הינריכטונג פון לודוויג XVI, זיינען זיי שרעקליך אויפגעבראכט געוואָרן אויף דיא פראנצויזישע רעפובליק. מען האט איינפאך אנגעפאנגען צו פרעדיגען א היילינע מלחמה געגען דיא גאטלאזע סאנקיולאטען. אלע מלכים האבען זיך פערבונדען. זיי האבען יעצט צוגעקראגען א מעכטיגען חבר אין ענגלאנד. דער ענגלישער הויפט מיניסטער, דער יונגער פיטט, איז געוואָרן זייער אנפיהרער און דער געפעהרליכסטער פיינד פון פראנקרייך. ער האט עס זיי צוגעשטעלט, וואס זיי האבען בעזאנדערס געברויכט — געלד. מענשען האבען זיי געהאט גענוג און מיט ענגלישע געלד האבען זיי געקענט אויסשטאטען ארמעען.

ענגלאנד האט שוין אפגעהאקט דיפלאמאטישע פערבינדונגען מיט פראנקרייך נאך דעם 10 אויגוסט. אלע אנדערע געזאנדטע האבען דאן אויך פערלאזען פראנקרייך. נאך לודוויג׳ס הינריכטונג האט פיטט פערבונדען ענגלאנד מיט דיא מלכים פון עסטרייך און פרייסען. דיזער געשיקטער שטאאטסמאן, וועלכער איז אין אלטער פון 23 יאהר געוואָרען הויפטמיניסטער פון ענגלאנד, האט געהאסט דיא פראנצויזישע רעוואלוציאן אזוי וויא אלע אריסטאקראטען. דערצו נאך האט ער געוועלט אפשוואכען פראנקרייך צוליעב דיא ענגלישע האנדעלס-אינטערעסען. ווען דער קאנווענט האט ערפאהרען, וויא פיטט שטעלט אויס אין שטילען גאנץ אויראפא געגען פראנקרייך, האט ער מיט זיין געוועהנליכען רעוואלוציאנערען מוטה ערקלערט מלחמה ענגלאנד און אין דער זעלבער צייט אויך האלאנד, וועלכע האט זיך פערבונדען מיט ענגלאנד. דאס איז געשעהען דעם 1 פעברואר 1793.

דיא פראנצויזישע רעפובליק איז דאן אטאקירט געוואָרן פון אלע זייטען. שפאניען איז אויך צוגעטראָטען צום אלגעמיינען בונד

און האָט געשיקט איהרע סאָלדאַטען איבער דיא פירענעען־בערג. עסטרייך, סארדיניען און פרייסען און דיא קליינע דייטשע שטאאטען האָבען געפיהרט דיא אטאקע אויף דעם מזרח־גרענעץ. ענגלאנד און האָלאנד צוזאמען מיט אן עסטרייכער ארמעע האָבען צוזאמענ־געקליבען זייערע קרעפטע אין אונטערשטען טהייל פון רהיין און אין בעלגיען, וועלכע האָט זיך אויפגעהייבען געגען דיא פראנצויזען. ענגלישע פלאָטען זיינען ארוים צו אטאקירען דיא פּאָרטען פון פראנק־רייך. דער פּאפּסט האָט נאך צוגעהאָלפען דיא פערבונדענע ארמעען מיט זיינע ברכות אזוי וויא ענגלאנד מיט איהר גאָלד.

געגען דיזע אלע שונאים האָט דיא רעפּובלוק בלויז געהאט אן ארמעע פון 250 טויזענד מאן. אבער אפילו דיזע ארמעע האָט זיא ניט געקענט בענוצען אין גאנצען געגען דיא אויסלענדישע געגנער, דען דיא אינלענדישע שונאים האָבען אויפגעהייבען דעם קאָפּ. אין פּאריז זעלבסט האָבען דיא פערבליבענע מאָנארכיסטען ארויפגערופען דורך פערשיעדענע אינטריגען און בעשטעכונגען רוהעשטערונגען, וויא מיר וועלען עס זעהן אין א נעקסטען קאפּיטעל. אין דיא פּראָווינצען זיי־נען זיי געווען שטארקער און האָבען נאך געהאט דיא הילפע פון דיא גלחים, וועלכע האבען ניט געשוואָרן טרייהייט דער קאָנסטיטוציאָן און האבען ניט אויפגעהערט צו העצען דיא בויערן און אלע פרומע קאטאָליקען געגען דיא רעפּובליק און ספּעציעל געגען דיא פּאריזער רעוואָלוציאָנערען. וואָס מעהר דיא מלכים האָבען זיך בעוואפענט, אלץ מוטהיגער זיינען געוואָרן דיא אינערליכע שונאים.

דער גרעסטער און געפעהרליכסטער אויפשטאנד האָט אויסגע־בראָכען אין דער פּראָווינץ וואנדעי. דיא בויערן זיינען דאָרט געווען זעהר פרום און איבערגעבען צו דיא גלחים און פּריצים. א גרויסער טהייל פון זיי האבען זיך בעשעפטיגט מיט נעיעג אין דיא געדיכטע וועלדער און זומפּיגע ערטער פון דיזער געגענד, וועלכע איז זעהר גינסטיג פאר א מיאטיעזש. זיי האבען אין אלגעמיינען געלעבט ניט שלעכט. יעדענפאלס האבען זיי ניט געפיהלט דעם דרוק פון דיא פּריצים און פון דיא גאנצע פעאָדאלע סיסטעם אזוי שטארק, וויא אין דיא אנדערע טהיילען פון פראנקרייך.

דיזע עהרליכע, מוטהיגע, אָבער גייסטיג זעהר בעשרענקטע בויערן זיינען פון אָנפאַנג אָן געווען געגען דיא רעוואָלוציאָן, נאר ביז דעם 10 אויגוסט האָבען זיי איהר נאָך געדולדיג אריבערגעטראָגען. דיא פערפאָלגטע גלחים האָבען זיי אַלץ מעהר אונטערגעהעצט, און ווען זיי האָבען דערהערט, אַז מען האָט הינגעריכטעט דעם קעניג, האָבען זיי זיך אַ נעהם געטאָן צו זייערע ביקסען און שווערע שטעקענס.

אום צו קעמפפען געגען דיא פערבונדענע מלכים, האָט דער קאָנוועגט בעפוילען צו זאַמלען 300.000 רעקרוטען אין גאַנצען לאַנד. ווען מען איז געקומען נעהמען רעקרוטען אין וואַנדעי, האָבען דיא בויערן זיך ענטזאָגט צו דיענען. זיי האָבען ערקלערט, אַז זיי ווילען ליעבערסט זיך שלאָגען געגען דעם קאָנווענט, וויא פאַר דיא רעפּובליק.

דער פוהרמאַן קאַטעלינאָ און דער וואַלדוועכטער סטאָפלע האָבען געגעבען דעם ערשטען סיגנאַל צו דעם שרעקליכען בירגער־קריעג. זיי האָבען צוזאַמענגעקליבען אַ באַנדע בויערן און זיינען בע־פאַלען דיא פּאָסטען, וואָס דיא רעגירונג האָט אויסגעשטעלט אין וואַנדעי, אום צו אונטערדריקען דעם ערוואַרטעטען אויפשטאַנד. אין 700 קירכען פון דער געגענד האָט מען מיט איין מאָל גענומען קלינגען דעם שטורמגלאָק, און דער פערצווייפעלטער און פערוויסטענדער קאַמפּף האָט זיך אָנגעפאַנגען. דיא בויערן פלעגען זינגען רעליגיעזע ליעדער, ווען זיי פלעגען בעפאַלען דיא רעפּובליקאַנער סאָלדאַטען, וואָס דער קאָנווענט האָט ניט אויפגעהערט אַרויסצושיקען געגען זיי, ביז דער אויפשטאַנד איז דערשטיקט געוואָרן אין טייכען בלוט. אין ערגעץ האָט דער קאָנווענט ניט געטראָפען אַזאַ שטאַרקען און געפעהרליכען ווידערשטאַנד וויא אין וואַנדעי. דיא בויערן האָבען פון ערגעץ ניט געקראָגען הילפע, זיי האָבען געפיהרט שלאַכטען מיט זייערע ביקסען און שטעקענס. זיי פלעגען קריעגען געוועהר, ווען זיי פלעגען אויסשלאַכטען דיא רעפּובליקאַנער. זייערע צייכענס זיינען גע־ווען ווייסע פלאַגען און קאָקאַרדען, דיא פאַרב פון קעניגליכען פלאַג. דיא רעפּובליקאַנער האָבען זיי דאַרום גערופען דיא ווייסע. דיא בויערן האָבען גערופען דיא רעפּובליקאַנער דיא בלויע. דער בירגער־

קריעג פון וואנדעי ווערט דארום אויך גערופען דער „קאמפף פון דיא ווייסע און בלויע״.

דיא וועלדער, זומפען און קליינע בערגלעך פון דער געגענד זיינען, וויא שוין געזאגט, זעהר גינסטיג פאר אן אויפשטאנד. דיא בויערן פלעגען אפט שיסען אויף דיא רעפובליקאנער סאלדאטען, שטייענדיג הינטער דיא בוימער. זיי פלעגען פערשווינדען אזוי שנעל וויא זיי פלעגען בעפאלען זייערע געגנער. אזוי וויא זיי זיינען געווען אויסגעצייכענטע ציעל־שיסערס, פלעגען זיי אנמאכען א חורבן אין דיא רייהען פון דיא רעפובליקאנער.

דיא ערשטע באטאליאנען, וואס דער קאנווענט האט ארויסגע־שיקט, זיינען צוקלאפט און אויסגעשלאכטעט געווארן פון דיזע פאנאטישע בויערן, וועלכע זיינען שפעטער ארגאניזירט געווארן אונטער דעם נאמען: „קעניגליכע און קאטאלישע ארמעע״. דער הויפטגענעראל פון דיזער ארמעע איז געווארן קאטעלינא. אויסער איהם האבען דיא ווייסע גע־האט פיעלע אנדערע און זעהר מוטהיגע גענעראלען, וויא שארעט, דעלבעי, באנשאן און דער יונגער לאראש־זשאקלען, וועלכער פלעגט זאגען צו זיינע סאלדאטען: „ווען איך וועל געהן פארויס, געהט נאך מיר; ווען איך וועל שטארבען, נעהמט ראכע פאר מיר; ווען איך וועל צוריקטרעטען, טויטעט מיך״.

דער קאנווענט האט ארויסגעשיקט צוויי נייע ארמעען, אבער זיי האבען אויך ניט געקענט אונטערדריקען דעם אויפשטאנד. פוןביידע זייטען האט מען געקעמפפט ענטהוזיאזמוס, פערצווייפלונג און גרויזאמ־קייט. עס איז ניט געווען א קריעג, נאר אן אויסשלאכטונג. גע־פאנגענע האט מען ניט גענומען, מען האט זיי געשלאכטעט. דיא ווייסע און בלויע זיינען געווען אזוי צוקאכט, אז זיי האבען גאר ניט געפיהלט קיין רחמנות. דיא ווייסע פלעגען זיך בעריהמען, אז זיי זיינען מענשליכער פאר דיא בלויע, ווייל זיי פלעגען דיא געפאנגענע געבען צייט צו זאגען ודוי.

דיא גענעראלען פון דיא ערשטע רעפובליקאנער ארמעען אין וואנדעי זיינען גראדע געווען אונפעהיגע. דיא יונגע וואלאנטירען הא־בען נאטירליך ניט געקענט דיא געגענד און האבען ניט געוואוסט וויא

צו קעמפפען געגען דיא פלינקע בויערן, וועלכע פלעגען בעפאלען פלוצ־לונג פון זייערע בעהאלטונגס ערטער און נאכהער פערשווינדען אין דיא וועלדער. לעבען דער שטאט סאמיור האבען דיא ווייסע בעזיעגט דעם רעפובליקאנער גענעראל מענו און האבען געפאנגען 80 קאנאנען און 100.000 ביקסען. קאטעלינא האט נאכהער צוזאמענגעקליבען אן ארמעע פון 30.000 ווייסע, אום איינצונעהמען דיא שטאט נאנט, וועלכע איז פערטהיידיגט געווען בלויז פון 10.000 רעפובליקאנער. דיא ווייסע וואלטען וואהרשיינליך פערכאפט דיזע שטאט, ווען קאטעלינא וואלט ניט געטויטעט געווארן ביי'ן שטורם. דאס האט אזוי איבערגעשראקען דיא אבערגלויבישע בויערן, אז זיי האבען זיך באלד צוריקגעצויגען.

דער קאנווענט האט בעשלאסען אום יעדען פרייז צו דערשטיקען דעם אויפשטאנד אין וואנדעי, אום צו זיין געזיכערט פון הינטען, ווען דיא רעפובליקאנישע ארמעען וועלען קעמפפען געגען דיא אויסלענדישע ארמעען. דיא יאקאבינער האבען פערלאנגט איינפאך צו פערניכטען וואנדעי, צו פערגיסען איהר מיט טייכען בלוט.

דער קאנווענט האט דאן בעפוילען אז ביז דעם 20 אקטאבער 1793 מוז דער בירגער־קריעג זיין צו ענדע. מען האט ארגאניזירט א גרויסע ארמעע אונטער דער קאמאנדע פון גענעראל לעשעל. דעם 15 אקטאבער האבען זיך לעבען שאלע צוזאמענגעטראפען 13.000 רעפוב־ליקאנער מיט 40.000 וואנדערער. דיא שלאכט איז געווען א זעהר בלוטיגע. דיא רעפובליקאנער זיינען דיזעס מאל געווען קאמאנדירט פון אזעלכע פעהיגע גענעראלען, וויא מארסא, וועסטערמאן און קלעבער, וועלכע האבען זיך אזוי גלענצענד אויסגעצייכענט אין דיא וויטערע מלחמות, און דארום זיינען דיא וואנדעיער בעזיעגט געווארן, טראץ זייער איבער־מאכט. דיא בעסטע פיהרערס פון דיא ווייסע זיינען ביי דיזער שלאכט געטויטעט געווארן. דיא וואס האבען זיך געקענט רעטען דורך אנטלוי־פען, האבען זיך בעהאלטען אין דיא וועלדער, אום וויעדער צו קעמפפען.

אזוי וויא דיא בלויע האבען גענומען אליך מעהר אויספיהרען דעם בעפעהל פון דעם קאנווענט צו פערניכטען וואנדעי דורך האקען און ברענען וועלדער, דורך פערניכטען דיא תבואות אויף דיא פעלדער, דורך פערכאפען בהמות, דורך נידערשיסען אלע דערוואקסענע מענער,

האָבען דיא ווייכע בעשלאָסע אויסצו־וואנדערן נאָך דער דערבייאיגער פּראָווינץ ברעטאַן, וואו זיי האָבען געהאָפט צו קריגען שטיצע פון ענג־לאַנד. א מחנה פון 30.000 נפשות, דארונטער אויך א סך פרויען און קינדער, האבען זיך אריינגעריסען אין ברעטאַן, וואו עס זיינען צו זיי צו־געשטאַנען עטליכע באַנדעס שמוגלערס. ענגלאַנד האט זיי אבער מיט גאָר ניט געהאָלפען, און דיא רעפּובליקאַנער גענעראַלען וועסטערמאַן און קלעבער האבען זיך א לאָז געטאָן נאָך זיי און האָבען זיי דעם 12 דעצעמבער אין גאַנצען אויסגעראָטעט. דיא געפאַנגענע האט מען אונ־בארמהערציג נידערגעשאָסען. דעם 23 דעצעמבער האָבען דיא בלויע ווידער אויסגעראָטעט א מחנה וואנדעיער אונטער דער קאָמאַנדע פון לאראָש־זשאקעלען, און זייט דער צייט האבען דיא בלויע געהאט צו סעמפּפען מיט קליינע באַנדעס וייסע, וועלכע זיי פלעגען איינפאַך אויסשלאַכטען. דיא זאָ־גענאַנטע „העלישע קאָלאָנען“ פון דיא רעפּוב־ליקאַנער פלעגען מיט פייער און שווערד פערניכטען אלעס אויף זייער וועג דורך דיא בערג, וועלדער און זומפּען פון וואנדעי.

זעכצעהנטער קאַפּיטעל.

גענעראַל דיומוריע׳ס פעררעטה.

צו אלע צרות האט נאָך דיומוריע, דער גלענצענדער גענע־ראל און דיפּלאָמאַט, דער זיעגער אין דער שלאַכט ביי זשעמאַפּ, בעשלאָסען צו פעררעטהען פראנקרייך: ווען ער האט איינגענומען גאַנץ בעלגיען, האט ער זיך א לאָז געטאָן נאָך האָלאַנד. דיא האָלענדער האבען אויפגענומען דיא פראנצויזען אלס בעפרייער. דארום האט דיומוריע געקענט איינעהמען האָלאַנד אין א קורצע צייט. אבער אין דער צייט, ווען דיא פראנצויזען האָבען פערנומען האָלענדישע שטעט, האט זיך אַן עסטרייכישע ארמעע אריינגעריסען אין בעלגיען אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל קלערפע. דער טהייל פון דער פראַנ־

צוויזישע אַרמעע, וואס דיומוריע האט איבערגעלאָזען אין בעלגיען, איז בעזיעגט געוואָרן פון דיא עסטרייכער. דיא בעלגיער, וועלכע זיינען אַלץ מעהר אויפגעהעצט געוואָרן פון דיא גייסטליכע געגען דיא פראַנצויזען, האבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד. איין פראָווינץ נאָך דיא אַנדערע איז ארויסגעטראָטען געגען דיא פראַנצויזישע רעפובליק. דיומוריע האט דערזעהען, אז ווען ער וועט נאָך לענגער פערבלייבען אין האָלאַנד, וועט מען איהם אָפּשניידען דעם וועג צוריק נאָך פראַנקרייך. ער האט דאַרום צוזאַמענגעקליבען אַלע זיינע קרעפטע און האט בעשלאָסען צו שטעלען אלעס אויף איין קאָרט דורך אַ גרויסע שלאַכט מיט דיא עסטרייכער. דיזע ענטשיידענדע שלאַכט איז פאָרגעקומען דעם 18 מערץ 1793 לעבען נעערווינדען.

נאָר דער מזל פון מלחמה האט איבערהויפּט פערלאָזען דיא פראַנצויזישע אַרמעען אין 1793. דיא רעפּובליקאַנער סאָלדאַטען זיינען געוועזען אזוי ענטהוזיאזטיש וויא אין 1792, ווען זיי האבען בעוויזען וואונדער ביי וואַלמי און זשעמאַפּ, אבער דיא גענעראַלען זיינען שוין ניט געוועזען אזוי פעהיג און יעדענפאַלס ניט אַזוי טריי וויא פריהער. דיומוריע האט פערלאָרען דיא שלאַכט לעבען נעערווינדען און האט געמוזט צוריקציהען זיך נאָך פראַנקרייך. דיא יאַקאָבינער האבען איהם גלייך בעשולדיגט אין פערראַטה. זיי האבען געשריען, אז ער האט אַבזיכטליך געזוכט אַ נידערלאַגע אויס האס צו דער רעפּובליק. דאס איז נאָך געוועזען פאַלש. אין דער צייט האט ער נאָך ניט געוועלט פערראַטהען פראַנקרייך. ער האט זיך נאר בעקלאָגט אויף דיא יאַקאָבינער, וועלכע ער האט געהאַסט פון טיעפען האַרצען. ער האט בעהויפּטעט, אז זיי שיקען איהם אַבזיכטליך וועניג מענשען, געוועהר און פּראָוויזיאָן, אום ער זאָל בעזיעגט ווערן. יעדענפאַלס האט דיומוריע פערלאָרען אין דער שלאַכט ביי נעערווינדען ניט נאר 7000 סאָלדאַטען און דיא גרעסטע צאָהל פון זיינע קאַנאָנען, זאָנדערן אויך אַלעס, וואס ער האט געוואונען דורך זיינע פריהערע זיעגען.

נאָך דיזער ביטערער נידערלאַגע איז דיומוריע אָפען ארויסגעטראָטען געגען קאָנווענט, וועלכער איז אַלץ מעהר בעהערשט געוואָרן

פון דיא יאַקאָבינער, אָבוואָהל דיא זשיראָנדיסטען האבען אייגענטליך געהאַט דיא מאַיאָריטעט. ער האַט געשיקט א שאַרפען בריעף צום קאָנוועגט געגען דיא יאַקאָבינער, וועלכע האבען איהם אַלץ מעהר פערדעכטיגט אונטער דעם איינפלוס פון מאַראַט׳ס אַטאַקע אויף איהם. זיי האָבען דאַן אַרויסגעשיקט דריי פון זייערע מיטגליעדער צו בעוואַכען דעם גענעראַל. אום בעסער צו בעקעמפפען דיא יאַקאָבינער, האָט דיומוריע געזוכט דיא שטיצע פון דיא זשיראָנדיסטען, וועלכע האָבען צוליעב דעם נאַכהער זעהר פיעל געליטען. אין דער זעלבער צייט האָט ער געשלאָסען וואַפּענשטילשטאַנד מיט דיא עסטרייכער. זיין צוועק איז געווען צו מאַרשירען גלייך מיט זיין אַרמעע נאָך פּאַריז, אום צו פערזאָגען דעם קאָנווענט, זיך אָפּרעכענען מיט דיא יאַקאָבינער און אַרויפזעצען אויף׳ן טראָן דעם הערצאָג פון שאַרטר, דעם זוהן פון פיליפּ עגאַליטע, וועלכער האָט נאָך געשפּיעלט דיא ראָלע פון א יאַקאָבינער.

דיומוריע האָט זיך צו פיעל פערלאָזען אויף זיינע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען איהם ווירקליך געליעבט אלס גוטען און בראַווען קאָמאַנדיר, און דארום האָט ער גאָר ניט בעהאַלטען זיינע פעררעטהערישע פּלענער. דאָס האָט איהם בעגראָבען. ווען דיא דריי קאָמיסאַרען פון דיא יאַקאָבינער האָבען איהם געפרעגט וועגען זיינע האַנדלונגען און אַבזיכטען האָט ער זיי געזאָגט, אַז דער קאָנווענט איז אַן אסיפה פון 200 רויבער און 600 עזלען און אַז ער וויל אָפּשאַפען דעם רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל און איינפיהרען דיא קאָנסטיטוציאָן פון 1791 מיט א קעניג. ווען דער קאָנווענט האָט דאָס דערהערט, האָט ער אַרויסגעשיקט 4 קאָמיסאַרען מיט א פערלאַנג, אַז דיומוריע זאָל קומען אָפּגעבען רעכנונג וועגען זיין אויפפיהרונג. דיזע קאָמיסאַרען האָבען געקראָגען דיא פולע מאַכט צו האַנדלען נאָך זייער פערשטאַנד און אַרונטערצוזעצען גענעראַל דיומוריע. צוזאַמען מיט זיי איז אָפּגעפאָהרען דער קריעגסמיניסטער בוירנאָנוויל, אַן אַלטער פריינד פון דיומוריע.

ווען דיזע קאָמיסאַרען זיינען אָנגעקומען אין דיומוריע׳ס לאַגער, האָט ער שוין געקויפט דיא נייטראַליטעט פון עסטרייך און פּרייסען

דורך א פערראַטה. ער האָט שוין אויך געהאט עסטרייכער הוזאַרען אלס זיין לייב־גוואַרדיע. געהיימערהייט האָט ער אָפּגעמאַכט מיט דעם פּרינץ זאַקס־קאָבורג, דעם קאָמאַנדיר פון דיא עסטרייכער און פּרייסישע אַרמעען, אַז דיא עסטרייכער זאָלען פערנעהמען אלס משכן דיא פראַנצויזישע שטעט קאָנדע, וואַלאַנסיען און אנדערע פּונקטען אין דער צייט, ווען דיומוריע וועט מאַרשירען נאָך פּאַריז. דער פּרינץ זאַקס־קאָבורג האָט הייליג פערשפּראָכען אָפּצוגעבען דיזע פּלעצער, ווען פראַנקרייך וועט האָבען א רעגעלמעסיגע רעגירונג.

דער ערשטער רעזולטאַט פון דיזען פערראַטה איז געווען, אַז דיא עסטרייכער האָבען אויפגעהערט צו אַטאַקירען. מיט אמאָל איז געוואָרען וואַפענשטילשטאַנד. דאַס האָט ערוועקט א חשד אין דער פראַנצויזישער אַרמעע, אַז עס איז עפּעס דאָ ניט גלאַט. דיא אַרמעע וואָלט גערן אונטערשטיצט איהר גענעראַל געגען דיא יאַקאָבינער און געגען דעם קאָנווענט; אבער זיא האָט ניט געוועלט איבערגעבען דעם מינדעסטען טהייל פון פראַנקרייך צו דיא פערהאַסטע עסטרייכער און פּרייסען. וויא נאַר מען האָט אנגעפאַנגען צו פערדעכטיגען, אַז דיומוריע פיהרט געהיימע אונטערהאַנדלונגען מיט דיא עסטרייכער, האָבען דיא סאָלדאַטען אָנגעפאַנגען איהם נאָכצושפּירען. מיט יעדען טאָג איז דער פערדאַכט געוואָרן אלץ שטאַרקער און דיא אונצופרידענהייט איז אלץ געוואַקסען. דיא אָפיצירען האָבען זיך געהאַלטען אָן א זייט פון זייער גענעראַל. ניט איין מאָל האָט ער שוין געהערט הינטער זיך דאַס וואָרט: פעררעטהער. ער האָט געוועלט, אַז זיינע אַגענטען זאָלען פערנעהמען קאָנדע, וואַלאַנסיען און ליל, אבער דיא קאָמאַנדירען מיט דיא סאָלדאַטען האָבען פערזאָגט דיזע פעררעטהער.

דיומוריע האָט מיט אנגסט געזעהען, וויא דיא אַרמעע פערדעכטיגט איהם, אבער ער האָט זיך דאָך פערלאָזען אויף זיין אַלטע פּאָפּולאַריטעט. דארום האָט ער מיט גדלות אויפגענומען דיא קאָמיסאַרען פון קאָנווענט. ווען קאַמוס, דער הויפּט פון דיא קאָמיסאַרען, האָט איהם איבערגעגעבען דעם בעפעהל פון קאָנווענט און האָט איהם געראַטהען אויפ׳ן שטעל צו פאָלגען, דען זאָנסט שפּיעלט ער

מיט זיין לעבען, האָט דיומוריע געענטפערט מיט א שמייכעל, אז אויב אימעצער געפינט זיך אין געפאהר, איז עס געוויס ניט ער. אין דער אנוועזענהייט פון פיעלע אָפיצירען האָט קאָמוס אויסגערופען: „ווילט איהר פאָלגען דעם בעפעהל פון קאָנווענט אָדער ניט?“— „ניט יעצט“, האט דיומוריע געענטפערט מיט א שמייכעל.—„אלזאָ ערקלער איך אייך אַראָפּגעזעצט פון אייער אמט, האט קאָמוס אויס־געשריען, איהר זייט מעהר ניט גענעראל און איך בעפעהל, אז מען זאָל אייך פערראַפּטען“.—„דאס איז צו שטארק“, האט דיומוריע ערווידערט און האט א רוף געטאָן זיינע עסטרייכער הוזארען און זיי בעפוילען צו ארעסטירען דיא 4 קאָמיסארען און דעם קריעגס־מיניסטער. מען האט זיי דאן גלייך אויסגעליפערט צו דיא עסטריי־כער, וועלכע האבען זיי לאנג געהאלטען אלס קריעגס־געפאנגענע און האבען זיי נאך ערגער בעהאנדעלט וויא לאַפּאיעט'ן.

דיומוריע האט גערעכענט, אז ווען ער וועט האנדלען אזוי ענערגיש געגען דעם קאָנווענט, וועט ער צוציהען אויף זיין זייט דיא אַרמעע; אבער אויף מאָרגען האט ער זיך איבערצייגט, אז ער האט געהאט א ביטערן טעות. דיא אַרמעע איז ארויס געגען איהם. גענעראל דאמפּיער, וועלכער האט זיך אונטערגעגעבען דעם קאָנווענט, אָבוואָהל ער האט אויך געהאסט דיא יאקאָבינער און איז געווען אין הארצען א מאָנארכיסט, נאר ער האט ניט געוועלט ווערן א פעררעטהער— איז געווארן דער הויפּטקאָמאנדיר. ווען דיומוריע איז אוועק מיט 30 בעגלייטער נאך קאָנדע, אום איבערצוגעבען דיזע שטאָט צו דיא עסטרייכער לויט נאך דעם אָפּמאך, האט ער זיך אָנגעשטויסען אויף 3 באטאליאָנען וואָלאָנטירען, וועלכע האבען שוין געוואוסט פון זיין פערראַטה און וועלכע האבען גענומען שיסען אויף איהם. ער האט זיך אָפּגעטראָגען צו זיין לאגער, וואו דיא באטאליאָנען האבען ניט געוואגט איהם צו פערפאָלגען. אין זיין לאגער האט מען איהם אויך קאַלט אויפגענומען. ער איז דאָרט פערבליבען צוויי טעג האָפּענדיג אַלץ אויפצוהייבען זיינע טרייעסטע באטאליאָנען געגען דעם קאָנווענט; אבער זיי האבען איהם שטילערהייט פערלאָזען און זיינען אוועק צום לאגער פון גענעראל דאמפּיער.

ענדליך, דעם 1 אפריל, איז דיומוריע פערבליבען במעט אַליין מיט דעם אָרלעאַנער פּרינץ און מיט עטליכע אדיוטאַנטען און זיי האבען זיך געֿרעטעט אין דעם עסטרייכער לאַגער. זאַקס־קאָבורג האט דאַן ארויסגעלאָזען א מאַניפעסט, אז עסטרייך וועט אָנהאַלטען אַלע פערכאַפּטע פראַנצויזישע פּלעצער ביז זיא וועט קריעגען קאָנ־טריבוציאָן. ווען דיומוריע האט געזאַגט דעם עסטרייכער קאָמאַנדיר, אַז דיזע מאַניפעסט שטימט גאָר ניט מיט זייער פריהערן אָפּמאַך, האט יענער געענטפערט, אַז דיא לאַגע האט זיך יעצט געענדערט, דען עסטרייך וועט אַליין מוזען טראָגען דיא לאַסט פון דער מלחמה. דיומוריע איז דאַן אוועק פון עסטרייכער לאַגער נאַך דייטשלאַנד, וואו ער האט געלעבט איינזאַם פון זיינע ליטעראַרישע אַרבייט. נאַכהער איז ער אָפּגעפאָהרען נאַך ענגלאַנד, וואו דיא רעגירונג האט איהם בעוויליגט א פּענסיאָן פון 30 טויזענד פראַנק און וואו ער איז געשטאָרבען אין 1824 פערגעסען פון אַלעמען.

אזוי האט געענדיגט זיין לעבען א זעלטען פעהיגער מאַן, וועל־כער אין פערגעטערט געווען אין פראַנקרייך אין 1792 נאַך דיא גלענצענדע זיעגען ביי וואַלמי און זשעמאַפּ. נאַך זיין שענדליכען פעררעטה, וועלכען ער איז בעגאַנגען אויס האַס צו דיא יאַקאָבינער, האט ער שוין קיין מאָל ניט געקענט אויפהויבען א קאָפּ.

זיעבצעהנטער קאַפּיטעל.

זשיראָנדיסטען, מאָנטאַניאַנערען און מאַראַט.

אין פּאַריז האט עס געקאָכט וויא אין א קעסעל, ווען מען האט זיך דערוואוסט וועגען דעם אַרעסט פון דעם קריעגסמיניסטער בוירנאָנוויל און פון דיא 4 קאָמיסאַרען און וועגען דיא פּליטה פון גענעראַל דיומוריע און פון דעם יונגען אָרלעאַנער פּרינץ. דער צאָרן פון דיא רעוואָלוציאָנערען איז געווען א פירכטערליכער. ווען מען האט געפרעגט פיליב עגאַליטע אין יאַקאָבינער קלוב וועגען דעם

פּיר׳ אַטה פון זיין זוהן, האט ער נאר געענטפערט, אָנצייגענדיג מיט די אויגען אויף די ביוסטען אין זאל: „איך זעה די סטאטוע פון ברוטוס“. די יאקאָבינער האבען זיך מיט פריידע אָנגעכאפּט אָן די געלעגענהייט פּטור צו ווערן פון דיזען פערדעכטיגען חבר, וועלכער האט זיך קאָמפּראָמעטירט. דער קאָנוועגט האט בעשלאָסען צו האַל־טען איהם אונטער ארעסט אין זיין הויז צוזאמען מיט זיין אדיוטאנט סילערי־זשאנלי, וועלכער איז אויך געווען א מיטגליעד פון קאָנווענט און האָט געשפּיעלט די ראָלע פון א יאקאָבינער. פיליפּ עגאַליטע איז נאכהער אריבערגעפיהרט געוואָרן נאך מארסעיל און אין א קורצע צייט ארום איז ער געקעפּט געוואָרן אויפ׳ן עשאפאָט.

דער קאָנווענט האט פערשפּראָכען הונדערט טויזענד עקיוס (אונגעפעהר 300000 פראנק) אין גאָלד, ווען מען וועט צושטעלען דעם גענעראל דיומוריע א לעבעדיגען אדער א טויטען. „צייגט אז איהר זייט רעוואָלוציאָנעריש, האט דאנטאָן גערונערט אין קאָנווענט; דאן וועט די פרייהייט מעהר ניט זיין אין געפאהר. בעפעהלט אז יעדער מאן פון פאָלק זאָל האָבען א פיקע אויף דער רעכנונג פון דער נאציאָן—די רייכע וועלען עס בעצאָהלען. בעפעהלט אז יעדער איינער וואָס וועט וואגען ארויסצוטרעטען געגען דער רעוואָלוציאָן אין די פּראָווינצען, וואו מען האָט שוין פּרובירט מאכען געגען־רעוואָלוציאָנען, וועט געשטעלט ווערן אויסערהאלב דעם געזעץ. זאָל דער רעוואָלו־ציאָנערער טריבונאל גלייך אָנפאנגען צו זיין טהעטיג. ערקלערט די פראנצויזען, אייראָפּא און די גאנצע וועלט, אז איהר זייט א רעוואָלוציאָנערער פּארלאמענט“.

אַלע פּאָרשלעגע פון דאנטאָן און פון אנדערע מאָנטאניארען זיינען גלייך אָנגענומען געוואָרן. די זשיראָנדיסטען האבען געמוזט נאָכטאנצען אוים שרעק פאר דעם פּאריזער פּאָלק. דער פערראטה פון גענעראל דיומוריע איז געווען א געפעהרליכער קלאפּ פאר זיי. זשאנסאָנע און אנדערע זשיראָנדיסטישע פיהרערס זיינען געווען אין פערבינדונגען מיט דיזען גענעראל אוים געמיינשאפטליכען האס צו די יאקאָבינער, וועלכע האבען זיך יעצט בענוצט דערמיט, אום פּטור צו ווערן פון זייערע פּאָליטישע געגנער.

דער קאמפף צווישען דיזע ביידע פּארטייען, וועלכער איז א ביסעל שטילער געוואָרן אין דער צייט פון דעם קעניג׳ס פּראָצעס, האט אויפגעפלאַקערט מיט א גרויסען פייער גראדע מיט א טאָג פאר דיא היגריכטונג פון לודוויג XVI. דיינקענדיג אז זיי זיינען פּאָפּולער געוואָרן אין פאָלק דורך זייער אָפּשטימען פאר דעם טויט פון דעם קעניג, האבען דיא זשיראָנדיסטען ווידער אריינגעבראכט א פּאָרשלאג, אז מען זאָל פערפאָלגען פאר מאָרד און רויב דיא רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האבען אנטהייל גענומען אין דיא אויסשלאכטונגען פון דיא סעפּטעמבער־טעג. דער „זומפּף“ איז דיזעס מאל צוגעשטאנען צו דיא זשיראָנדיסטען און, טראָץ דיא גוואלדיגע געשרייען און סטראשונקעס פון דיא מאָנטאניארען, האט דער קאָנווענט בעשלאָסען, אז דער יוסטיץ־מיניסטער זאָל פערפאָלגען „דיא פערראורזאכער, העלפערס און אויפהעצערס פון דיא מאָרדען און רויבערייען, וואָס זיינען בעגאנגען געוואָרן דיא ערשטע טעג פון סעפּטעמבער“. איין זשיראָנדיסט האט אויסגעשריען: „מאָרגען וועט פאלען דער קאָפּ פון דעם טיראן, האקט אויך ארונטער דיא קעפּ פון דיא מערדער“.

דערמיט האבען דיא זשיראָנדיסטען אָפען ארויסגעצייגט, אז זיי ווילען זיך בענוצען מיט זייער מאיאָריטעט אין קאָנווענט אום אומצוברייננען דיא מאָנטאניארען אויפ׳ן עשאפאָט. זיי האבען אלזא זיך ניט געקענט בעקלאָגען, ווען דיא מאָנטאניארען האבען געוועלט מאכען דיא זעלבע שרעקליכע אָפּעראציאָן מיט זייערע קעפּ און האבען עס שליסליך אויסגעפיהרט מיט דער הילפע פון דער פּאריזער קאָמונע. אין יענע פייערדיגע רעוואָלוציאָנערע טעג האט דער דורכפאל פון א פיהרער אין קאָנווענט בעדייטעט דעם פאל פון זיין קאָפּ אונטער דעם מעסער פון דער גיליאָטינע; א בעשלוס פון קאָנווענט איבערצוגעבען איינעם צום רעוואָלוציאָנערען געריכט איז געווען דאס זעלבע וואָס א טויטאורטהייל. מען האט כמעט ניט געברויכט קיין אנדער שטראָף פאר פּאָליטישע חטאים, אויסער דיא גיליאָטינע. אזוי איז עס בעזאָנדערס געווען אין 1793, דעם שרעקליכסטען יאהר פון דער רעוואָלוציאָן. איין פּארטיי האט געהאקט דיא קעפּ פון דיא אנדערע ביז דיא בעסטע קרעפטע פון דער רעוואָלוציאָן זיינען פערשוואונדען

און עס האט זיך אָנגעפאנגען די רעאקציאָן, וועלכע האָט געבראַכט גענעראל נאפּאָלעאָן באָנאפּארטע אויפ׳ן טראָן.

נאר לאָמיר ניט פערלויפען פאָראויס. מיר האלטען יעצט אין אָנפאנג פון טעראָר. גראדע אבענדס פון דעם טאָג, ווען די זשי־ראָנדיסטען האבען אויסגעפיהרט זייער פאָרשלאג אין קאָנווענט געגען די זאָגענאנטע סעפּטעמבריסטען, וועלכע זיינען בעשטאנען פון די פייערדיגסטע רעוואָלוציאָנערען, האט א געוועזענער לייב־גווארדיסט פון קעניג דערשטאָכען דעם מאָנטאניאר לעפּעלטיע סען־פארזשאָ אין א רעסטאָראן. דער סאָלדאט האט גענומען ראכע פאר די אָפּשטימונג צו טויטען דעם קעניג און איז אנטלאָפען. מען האט קיינמאָל ניט געקענט דערגיין, וואס עס איז מיט איהם געוואָרן. נאר די יאקאָבינער האבען זיך בענוצט מיט דיזען מאָרד, אום צו העצען אויף די זשיראָנדיסטען. „מען זעהט יעצט פון וועלכער זייט עס קומען די ערמאָרדונגען!“ האבען די מאָנטאניארען געשריען, טייטלענדיג אויף די זשיראָנדיסטען. „איהר האט בעליידיגט לע־פּעלטיע סען־פארזשאָ, האט טאליען געשריען. איהר בעשולדיגט אנדערע אין מאָרדען, אבער איהר האט די ערשטע בעדארפט ארויפשטייגען אויפ׳ן עשאפאָט“. דאנטאָן האט זיך אָנגעכאפּט אָן דיזע געלעגענהייט צו פערלאנגען, אז ראָלאָן זאל מעהר ניט זיין מיניסטער פון אינלענדישע אנגעלעגענהייטען. ראָלאן האט אויף מאָרגען אליין רעזיגנירט, ווייל ער האט שוין מעהר ניט געקענט אריבערטראָגען די אטאקעס פון די יאקאָבינער.

די יאקאָבינער און די מיטגליעדער פון דער קאָמונע האבען זיך פערבונדען ניט צו דערלאָזען, אז דער בעפעהל פון דעם קאָנווענט געגען די סעפּטעמבריסטען זאל אויסגעפיהרט ווערן. זיי האבען געשיקט א דעפּוטאציאָן, וועלכע האט אָפען ערקלערט, אז מען האט געמוזט געברויכען שרעקענס־מיטעל, און וועלכע האט ענערגיש פער־לאנגט אז מען זאָל ניט פערפאָלגען די בעסטע שטיצער פון דער רעוואָלוציאָן, סטראשענדיג צוגלייך מיט ראכע. דער „זומפּף“ האט זיך דערשראָקען און די זשיראָנדיסטען אויך. זיי האָבען געוואוסט,

אז הינטער דער קאָמונע שטעהען דיא בעוואפּענטע ארבייטער פון דיא פאָרשטעט, און זיי האָבען דארום נאָכגעגעבען דעם פערלאנג פון דיא מאָנטאַניארען.

דיא זשיראָנדיסטען האָבען זיך ווידער נאר בענארעשט מיט זייערע אטאקעס, וועלכע האבען נאר געפיהרט צו פערשטארקען זייערע פייערדיגע געגענער. זיי האבען ניט פערשטאנען אז אין דער צייט פון א רעוואָלוציאָן זיעגען נאר דיא יעניגע, וועלכע זיינען מוטהיגער און ענערגישער. זיי האָבען אויך ניט געקענט ריכטיג אָפּשעצען דיא גוואלדיגע רעוואָלוציאָנערע קראפט פון פאריז. זיי האָבען געמיינט, אז מיט זייער מאַיאָריטעט אין קאָנווענט, מיט זייערע מיניסטערס און בעזאָנדערס מיט זייערע אונטערשטיצערס אין דיא פּראָווינצען וועלען זיי האלטען אין צוים דיא יאקאָבינער און דיא פאריזער אר־בייטער, וועלכע האָבען אלץ העכער און שטארקער געפאָדערט סאָציאלע רעפאָרמען. זיי האָבען צו פיעל געשטעלט אויף זיך־זעלבסט. אויף זייערע טאלאנטען, ווערהרענד דיא יאקאָבינער האבען זיך פעסט אָרגאניזירט און געהאט שטענדיג אונטער דיא הענט א בעוואפּענטע מאסע. זיי זיינען דארום שטענדיג בעזיעגט געווען פון דיא מאָנטאַ־ניארען און דאס האָט זיי נאך מעהר געערגערט און געטריבען אלץ ווייטער אין דעם ברענענדען קאמפּף, וועלכער האָט זיך געענדיגט און געמוזט ענדיגען אזוי טרויעריג פאר זיי. זיי זיינען נאר געבליבען ביי זייערע פייעריגע רעדעס און סטראשונקעס, ווערהרענד זייערע געגנער האָבען ניט נאר גערעט, זאָנדערן אויך געהאנדעלט רעוואָלוציאָנער.

ביז דיומוריע׳ס פערראטה האָבען נאך דיא מיטגליעדער פון קאָנווענט ניט מורא געהאט פאר זייערע קעפּ, דען זיי זיינען בעשיצט געווען דורך דעם פּונקט פון דער קאָנסטיטוציאָן, אז פערטרעטער פון דער נאציאָן זיינען אונפערלעצליך, דאָס הייסט: קענען ניט ארעס־טירט ווערן. נאָר נאך א נארישע אטאקע פון דיא זשיראָנדיסטען אויף דאַנטאָנען, אז ער איז א פעררעטהער און א מיטהעלפער פון דיומוריע, האבען דיא מאָנטאַניארען דורכגעפיהרט א פאָרשלאג, אז דער קאָנווענט זאָל קענען פערקלאָגען און איבערגעבען צום רעוואָלו־ציאָנערען געריכט יעדען מיטגליעד. געגען וועלכע מען וועט האָבען

גרינדע אדער א שטארקען פערדאכט, אז ער איז פערבונדען מיט דיא פיינדע פון פרייהייט, פון גלייכהייט און פון דער רעפובליקאנישער רעגירונג. דאָס איז געווען א געפעהרליכע און שרעקליכע געוועהר אין דיא הענד פון דיא מאָנטאניארען און זיי האָבען זיך דערמיט בענוצט צו פערניכטען דיא זשיראָנדיסטען.

דיא יאקאָבינער האבען זיך אויך זעהר געשיקט בענוצט מיט דיומוריע׳ס פעררעטה, אום איינצופיהרען זייער רעוואָלוציאָנערען טרי־בונאל, וויא מאראט האָט עס שוין זייט לאנג פערלאנגט. דיזער טריבונאל איז געגרינדעט געוואָרן דעם 6 אפריל 1793 און האָט גע־טראָגען דעם נאָמען „קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג". ער איז געשטאנען איבער דיא מיניסטערס און האָט געמעגט טאָן אלעס, וואס ער האט נאר געפונען פאר נייטיג אין דיא אינטערעסען פון דער נאציאָן, וויא ער האט עס פערשטאנען און פערטייטשט. דאָס איז געווען א רעוואָלוציאָנערע דיקטאטור. דיא 9 מיטגליעדער פון דיזען קאָמיטעט זיינען געוואָרען דיא ווירקליכע הערשער פון פראנקרייך, דען דיא מיניסטערס האָבען געמוזט אויספיהרען זייערע בעפעהלע. זיי האבען נאר בעדארפט אָפּגעבען רעכענונג דעם קאָנווענט, נאר אזוי וויא דער קאָנווענט האָט פאר זיי אויך מורא געהאט, איז דיזע רעכנונג געווען אָפּט בלויז א צערעמאָניע. דיזער קאָמיטעט האָט אויך געהאט אונטער זיך דיא פּאָליציי און האָט געמעגט ארעסטירען יעדען בעאמטען.

אָבער מאראט איז נאך ניט געווען צופריעדען מיט אזא קאָ־מיטעט. איהם האָט זיך געוועלט א דיקטאטור אין איין האנד. אויסערדעם איז דער קאָמיטעט צוערשט אריינגעפאלען אין דיא הענד פון דיא פערטרעטער פון „זומפּף". דאס האבען דיא זשיראָנדיסטען אויסגעפיהרט. ווען זיי האָבען דערזעהען, אז זיי מוזען נאכגעבען דעם פערלאנג פון דיא מאָנטאניארען, האָבען זיי געזוכט אָפּצושוואכען דעם קאָמיטעט דורך אויסוועהלען אזעלכע מיטגליעדער, וואס װעלען גראדע פערפאָלגען דיא מאָנטאניארען. זיי האבען געהאפט אז דער קאָמי־טעט וועט זיי קענען בעפרייען פון מאראט׳ן און פון עטליכע יאקאָ־בינער פיהרער. זיי האבען געדיינקט אז זיי האָבען אונטערגעשטעלט

אַ פּיסעל דיא יאַקאָבינער מיט דעם רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל, אבער זיי האבען ווידער פערגעסען אָן דיא פּאַריזער אַרבייטער־מאַסען.

דער האַס צווישען דיא זשיראָנדיסטען און דיא יאַקאָבינער איז געוואָרען אַזוי גרויס דורך דיא שטענדיגע געגענזייטיגע בעשולדיגונגען אין פערראַטה און דיקטאַטור און דורך דיא סטראַשונקעס מיט דעם עשאַפאָט, דאַס קיינע אויסלענדישע און אינלענדישע געפאַהרען האָבען איהם שוין ניט געקענט איינשטילען אפילו אויף אַ מינוט. עס האָט זיך ניט נאַר געהאַנדעלט, ווער עס זאל בעהערשען דיא יונגע רעפּובליק, זאָנדערן ווער עס זאל טראָגען דיא קעפּ אויף דיא פּלייצעס. ווען דיא מאָנטאַניארען האָבען פערשטאַנען, אַז דיא זשיראָנדיסטען ווילען זיך בענוצען מיט דעם רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל געגען זיי און ספּעציעל געגען מאַראַט׳ן, האבען זיי ווידער גערופען צו הילפע דיא פּאַריזער קאָמונע. דאַנטאָן האַט שוין פריהער ערקלערט דיא זשיראָנדיסטען קריעג אויף טויט און לעבען און ער האָט זיך געקליבען צוזאַמען מיט ראָבעספּיער׳ן און מאַראַט׳ן וואָס שנעלער אָפּצוראַמען פון וועג דיא זשיראָנדיסטישע פיהרערס. דיזע דריי וויכטיגסטע פיהרערס פון דיא מאָנטאַניארען האָבען אָנגעשטעלט דיא קאָמונע צו שיקען צום קאָנווענט אַ דעפּוטאַציאָן, וואָס זאָל פערלאַנגען דיא קעפּ פון דיא זשיראָנדיסטישע פיהרערס. ראָבעספּיער איז דאַן אַרויס מיט אַן אַנקלאַגע־רעדע, וועלכע ער האָט לאַנג און זאָרגפעלטיג פּאָרבערייטעט. ער האָט בעשולדיגט דיא זשיראָנדיסטען אין קאָנספּיראַציאָנען געגען דיא רעפּובליק, ער האָט זיי אָנגעקלאָגט אין פערבינדונגען מיט דיומוריע און מיט דיא אָרלעאַניסטען און־ער האָט פערלאַנגט מען זאָל איבערגעבען צום רעוואָלוציאָנערען געריכט דיא זשיראָנדיסטישע פיהרערס. אין דער זעלבער צייט האָט ער פערלאַנגט דיא קעפּ פון דעם אָרלעאַנער פּרינץ פיליפּ עגאַליטע און פון דער קעניגין מאַריע אַנטואַנעטע, וועלכע איז שטרענג בעוואַכט געוועזען מיט איהרע קינדער אין דעם טעמפּעל. צום שלוס האָט ער אויסגערופען: „איך פערלאַנג אַז דער קאָנווענט זאָל זיך נאַכדעם גלייך אָהן אָפּהאַלטונגען בעשעפטיגען מיט דיא אַזוי פיעל מאָל בעקאַנטגעמאַכטע

מיטעל צו רעטען דאָס פאַטערלאַנד און צו ערלייכטערן דיא ליידען פון פאָלק״.

זיין רעדע איז אויפגענומען געוואָרן מיט דונערנדע אַפּלאָדיס־מענטען פון דיא מאָנטאַניארען. ווערניאָ, איינער פון דיא בעסטע זשיראָנדיסטישע רעדנער, האָט געענטפערט בייסענד אויף דיא שטור־מירטע אַטאַקע פון ראָבעספּיער, וועלכער פלעגט געוועהנליך פריהער אָנשרייבען זיינע רעדען. „איך וועל ענטפערן אָהן פּאָרבערייטונגען, האָט ער געזאָגט, איך וועל ערקלערן דעם פראַנצויזישען פאָלק, אז מען פערבלענדעט איהם. מיין שטימע, וועלכע האָט ניט איין מאָל אריינגעיאָגט פון דיזער טריבונע שרעק אין דעם פּאַלאַץ, פון וואַנען זיא האָט געהאָלפען ארויסיאָגען דעם טיראַן, ועט אויך אריינזאָגען שרעק אין דיא נשמות פון דיא מערדער, וועלכע ווילען איינפיהרען זייער טיראַניי אַנשטאָט דיא קעניגליכע״. עס איז איהם זעהר לייכט געוועזן צו בעווייזען, דאָס דיא זשיראָנדיסטען האָבען קיין שייכות ניט געהאָט מיט מאָנאַרכיסטען, דען זיי זיינען אויך געווען רעפּובליקאַנער וויא דיא יאַקאָבינער, אָבער ער האָט ניט געקענט אָפּשוואַכען דעם שלעכטען איינדרוק, דאָס דיא זשיראָנדיסטען האָבען אינטריגירט צו־זאַמען מיט דיומוריע.

מיט דיזע געגענזייטיגע אַטאַקעס און שטעכווערטער האָט זיך דיזע זיצונג געענדיגט. דיא יאַקאָבינער זיינען נאָך ניט געווען גענוג שטאַרק צו פערניכטען זייערע געגנער. דיא זשיראָנדיסטען האָבען נאָך געהאַט פיעלע פריינד אין פּאַריז צווישען דיא וואָלאָנטירען פון דיא פּראָווינצען. דיא מאַרסעלער און אנדערע וואָלאָנטירען זיינען ארומ־געלאָפען אין דיא גאַסען און האָבען פערלאַנגט דיא קעפּ פון מאַראַט, דאַנטאָן און ראָבעספּיער. עטליכע מאַרסעלער האָבען נאָך געוועלט אונטערצינדען דיא הויז, וואו מאַראַט האָט געוואָהנט, אָבער דיא פּאָ־ריזער פּאָליציי האָט עס ניט דערלאָזען.

דיא זשיראָנדיסטען האָבען געפיהלט, אַז זיי דאַרפען זיך פער־ענטפערן פאַר זייערע פערבינדונגען מיט דיומוריע. זייער הויפּטרעדנער גאַדע האָט אויף זיך גענומען דיזע ארבייט. ער האָט געזוכט צו בעווייזען, אז דיא גאַנצע שולד פאַלט אויף דיא אָרלעאַניסטען, אום

דערמיט ארויפצו־ווארפען א חשד אויף דיא מאָנטאַניארען, ווייל פּי־ליפּ עגאליטע איז געוועזען זייערער א מיטגליעד. נאר צום סוף פון זיין רעדע האָט ער אריינגעשאָסען א באָמבע אין דיא מאָנטאַניארען דערמיט וואָס ער האָט פאָרגעלעזען אַן אויפרוף פון מאראַט'ן צו דיא פּראָווינצען, אז זיי זאָלען זיך אויפהייבען געגען דיא זשיראָנדיס־טען. גאדע האָט עס פערטייטשט אלס א דירעקטען אויפרוף צו אַן אויפשטאַנד געגען דעם קאָנווענט.

דיא זשיראָנדיסטען און דיא „קראָטען פון זומפּף" האָבען דאַן פערלאַנגט מען זאָל איבערגעבען מאראַט'ן צום רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל. דיא מאָנטאַניארען האָבען העפטיג פּראָטעסטירט און גע־סטראשעט. דאַנטאָן האָט פייערדיג פערטהיידיגט מאראַט'ן, אָבער דאָס האָט דיזעס מאָל ניט געהאָלפען: דיא מאַיאָריטעט האָט בע־שלאָסען דעם 13 אַפּריל איבערצוגעבען דעם הויפּט־איינפיהרער פון דעם רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל צו דיזען שרעק־געריכט.

דיא פערהאַפטונג פון מאראַט האָט שטארק אויפגעבראַכט דיא פּאַריזער ארבייטער־מאַסען, וועלכע האָבען איהם איינפאַך פערגעטערט. דיא מאָנטאַניארען, וועלכע האָבען נאַטירליך ניט געוועלט, אַז דער ערשטער אָפּפער פון זייער רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל זאָל זיין מאראַט, האָבען ווידער געשיקט א דעפּוטאַציאָן פון דער פּאַ־ריזער קאָמונע איינצושרעקען דעם קאָנווענט. דיא קאָמונע האָט דאַן אליין בעוואָפענט 12000 מאַן, אום זיי צו שיקען אונטערדריקען דעם אויפשטאַנד אין וואַנדעי. אום צו דעקען דיא קאָסטען פון דיזער ארמעע, האָט זיא געצוואונגען דיא רייכע צו געבען און צו באָרגען. דיזע וואָלאָנטירען האָבען געשריען, אַז זיי וועלען ניט אָפּפאָהרען איידער זיי וועלען בעפרייען פּאַריז און דעם קאָנווענט פון אינטריגאַנ־טען און פעררעטהער. ווען מען האָט ארעסטירט מאראַט'ן, האָבען זיי זיך געריסען איהם צו בעפרייען. פּיהלענדיג איהר מאַכט, האָט דיא קאָמונע געשיקט דעם יאַקאָבינער בירגערמייסטער פּאַש מיט א פּעטיציאָן פון 35 סעקציאָנען, אַז מען זאָל ארויסשטויסען 22 זשי־ראָנדיסטישע פיהרערס פון קאָנווענט אלס פיינדע פון דער רעוואָלוציאָן. דער קאָנווענט האָט נאָך געהאַט מוטה צוריקצו־ווייזען דיזע פּע־

טיציאָן אַלס אַ פערלוימדונג געגען דיא זשיראָנדיסטען, און דיא מאָנטאַניארען האָבען דערוויילע גאָר ניט אויסגעפיהרט.

נאָר דיא זשיראָנדיסטען זיינען נאָך ערגער דורכגעפאַלען מיט זייער אַטאַקע אויף מאַראַט׳ן. דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל האָט איהם איינשטימיג פריינעשפּראָכען איידער מען האָט נאָך אַפילו פאָרגעלעזען דעם אַנקלאַגע־אַקט וועגען אויפרייצונג צו רויב, מאָרד און אויפשטאַנד געגען קאָנווענט. אַנשטאָט זיך צו פערטהיידיגען האָט מאַראַט אַטאַקירט דיא זשיראָנדיסטען. ער האָט זיך געהאַלטען אַזוי שטאָלץ און מוטהיג און דיא מאַסען מענשען אַרום דעם געריכט האָבען אַזוי פייערדיג פּראָטעסטירט געגען דעם פּראָצעס, דאָס דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל וואָלט איהם יעדענפאַלס געמוזט בעפרייען, אַפילו ווען מען וואָלט ·טאַקע צוגעשטעלט אונבעשטרייטבאַרע בע־ווייזע צום אַנקלאַגע־אַקט. ווען מאַראַט איז אַרויס פון טריבונאַל, האָט מען איהם אויפגענומען מיט ענטהוזיאַזטישע פריידע־געשרייען. מען האָט איהם אַרויפגעזעצט אויף אַ טראָג־בעטעל, בעפּוצט מיט בלומען, און אָוועקגעטראָגען מיט נצחון צום קאָנוועגט. פיעלע זיינען געוועזען בעוואָפענט מיט פּיקעס און זיינען אַזוי אַריין אין קאָנווענט. פאָרויס איז געגאַנגען אַ סאָלדאַט מיט אַ האַק אין דער האַנט. „סיטואיען (בירגער) פאָרזיצענדער, האָט ער געזאָגט, מיר ברייננען צו אייך דעם בראַווען מאַראַט. ער איז אימער געווען אַ פריינד פון פאָלק, און דאָס פאָלק וועט אימער האַלטען מיט איהם. אויב מען דאַרף אַז מאַראַט׳ס קאָפּ זאָל פאַלען, וועט מיין קאָפּ פריהער פאַלען. מיר בעטען אייך אונז צו ערלויבען דורכצומאַרשירען אין קאָנווענט. מיר האָפען, אַז איהר וועט ניט ענטזאַגען דיזע געפעליגקייט דיא בירגער ויזעלכע האָבען בעגלייטעט דעם פאָלקספריינד".

דער פאָרזיצענדער איז דאַן געווען דער זשיראָנדיסט לאַסורס. אָבער ער האָט געמוזט מאַכען אַ פיינע מינע צום בייזען שפּיעל, ווען דער פאָרויסגעזאָגט דעם פאַל פון זיין פּאַרטיי. אַ מאַסע מענשען האָבען זיך געצויגען דורך דעם קאָנוועגט־זאַל, זינגענדיג רעוואָלוציאָנערע און פּאַטריאָטישע ליעדער און שרייענדיג: „עס לעבע מאַראַט!" ווען דער העלד פון דיזען טאָג איז ענדליך אַריינגעפיהרט

געווארן טראָגענדיג א קרוין פון דעמבענע בלעטער אויף זיין קאָפּ, האבען אַלע מאָנטאַניארען איהם אויפגענומען מיט אַן אונבעשרייבליכען ענטהוזיאזמוס. ער איז בעגלייטעט געווען פון מיטגליעדער פון דער קאָמונע און איז גלייך צוגעגאנגען צו דער טריבונע. „געזעצגעבער פון פראַנצוזישען פאָלק, האט ער זיך געווענדעט צום קאָנווענט, דיא הערליכע בעווייזע פון בירגערמוטה, וואס איהר זעהט דאָ יעצט, האבען אייך געבראַכט איינעם פון דיא פאָלקספערטרעטער, וואס אין זיין פּערזאָן זיינען דיא פאָלקסרעכטע פערגעוואַלטיגט געוואָרן. איך שטעל אייך יעצט פאָר א בירגער, וועמען מען האט אָנגעקלאָגט און וועלכער איז פאָלקאָם פרייגעשפּראָכען געוואָרן. ער שלאָגט אייך פאָר א ריינע הארץ. ער וועט ווייטער קעמפּפען מיט זיין גאַנצע ענערגיע, וויא ער איז גאר פעהיג, צו פערטהיידיגען דיא רעכטע פון מענשען, דיא פרייהייט און דיא רעכטע פון פאָלק".

אַלע שרייען וויעדער: „עס לעבע מאראט! עס לעבע דער פאָלקספריינד!" נאָר עס הערען זיך שוין אויך געשרייען: „עס לעבע דיא מאָנטאַניאַרען!"—געשרייען, וועלכע קלינגען זעהר טרויעריג אָפּ אין דיא הערצער פון דיא זשיראָנדיסטען.

נאך דיזער דעמאָנסטראַציאָן האט מען דעם פאָלקספריינד אוועקגעפיהרט נאך דעם קלוב פון דיא יאקאָבינער, וואו מען האָט איהם אויך עמפפאנגען מיט דער גרעסטער פריידע. אַנשטאָט דעם וואָגען צו דער גיליאָטינע האט אַלזאָ מאראט געהאט דעם טריי־אומף־וואָגען.

אכצעהנטער קאפּיטעל.

דער פאַל און אַרעסט פון דיא זשיראָנדיסטען.

ווען דיא אויסלענדישע ארמעען וואָלטען געהאט פעהיגערע גע־נעראלען, וואָלט דער קאָנווענט געוויס ניט געקענט אָפּגעבען אזוי פיעל צייט דעם פייערדיגען קאמפף פון דיא זשיראָנדיסטען און מאָנטאַניארען. דיא הויפּטאַרמעע פון דיא עסטרייכער צוזאמען מיט

אן ענגלישע ארמעע אונטער דער קאָמאנדע פון דעם הערצאָג פון יאָרק האָבען זיך אויסגעשטעלט לעבען דעם נאָרד־גרענעץ פון פראנקרייך. אזוי וויא דיא פראנצויזישע ארמעע איז געװען דעזאָרגאניזירט נאך דיומוריע׳ס פעררעטה, וואָלטען דיא אויסלענדער געקענט לייכט אריינרייסען זיך אין פראנקרייך און פיליבט נאך אין פאריז, ווען זיי וואָלטען געהאט אן ענערגישען קריעגס־פיהרער. עס זיינען פאָרגעקומען עטליכע קליינע שלאכטען צווישען דיא פראנצויזען און דיא אויס־לענדער, אבער דאס האט ניט געענדערט דיא לאגע. ביי איינער פון דיזע שלאכטען איז געפאלען דער גענעראל דאמפיער, וועלכער האט איבערגענומען דיא קאָמאנדע נאך דיומוריע׳ס פליטה. מען זאָגט, אז ער האט אבזיכטליך געזוכט דעם טויט, דען ער איז געווען געגען דיא רעפובליק און האט ניט געוועלט ווערן א פעררעטהער. גענעראל קוסטין, וועלכער האט געמוזט אפּטרעטען פון פראנקפורט און מאינץ, האט פערנומען דאמפיער׳ס אָרט, אבער ער האט נאָר ווידער ארויסגעצייגט זיין אונפעהיגקייט. אזוי וויא אין קאָנווענט האט מען איהם חושד געווען, דאס ער איז אבזיכטליך שוואך און ניט טהעטיג געגען דעם אויסלענדישען שונא, האט מען איהם דערפאר גיליאָטינירט, ווען דיא שרעקענסצייט האט זיך אָנגעפאנגען.

דער קאָנווענט האט זיך גוט בענוצט מיט דער אונפעהיגקייט פון דיא אויסלענדישע גענעראלען. אין דער צייט, ווען זיי האבען בעלא־גערט עטליכע פראנצויזישע פעסטונגען, האט דער קאָנווענט ארויס־געשיקט קאָמיסארען איבער גאנץ פראנקרייך צו זאמלען דיא בעשטימטע 300 טויזענד רעקרוטען. דיא ענערגיע פון דיא יאקאָבינער האט דאָ ווידער גערעטעט דיא רעפובליק. איבעראל האבען זיי געוועקט דאס פאָלק צום קאמפף געגען דיא אויסלענדישע און אינלענדישע שונאים. נאָר אין איינינע פראָווינצען האט מען זעהר אונגערן געשיקט רעקרוטען. אין אזעלכע גרויסע שטעט וויא מארסעל, ליאָן און באָרדאָ, וואו מען האט ספּעציעל געשטיצט דיא זשיראָנדיסטען, איז מען געווען אויפגעבראכט ניט נאָר געגען דיא יאקאָבינער, זאָנדערן אויך געגען דעם קאָנווענט, ווארום ער לאָזט זיך בעהערשען פון דיא יאקאָבינער. ספּעציעל אין ליאָן איז דיא אויפרעגונג געגען דיא יאקאָבינער געווען

אזוי גרויס, אז עס איז געקומען צו א גרויסען אויפשטאנד, וועלכער איז שרעקליך אונטערדריקט געוואָרען, וויא מיר וועלען עס שפּעטער זעהען.

נאָר דיא מערקווירדיגע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פון דיא מאָנ־טאניארען און פון דער פּאריזער קאָמונע האט זיך פאר קיינע געפאהרען ניט אָפּגעשטעלט און האט שליסליך אלעס בעזיעגט. וואס גרעסער דיא געפאהרען זיינען געוועז, אלץ מעהר מוטה האבען זיי געקראָגען צו פיהרען דעם קאמפּף. דיא זשיראָנדיסטען זיינען אלץ מעהר גע־שטאנען אין וועג דיא יאקאָבינער, וועלכע האבען געזוכט צו פערבאפּען דיא גאנצע מאכט אין זייערע הענד און פיהרען דיא רעפּובליק נאָך זייערע פּלענער און אידעאלען. דער בעשלוס פון דיא מאָנטאניארען מיט געוואלט פּטור צו ווערן פון דיא זשיראָנדיסטישע פיהרערס איז אלץ פעסטער און פייערדיגער געוואָרן. נאָך דעם נצחון פון מאראט האבען זיי גענומען אָרגאניזירען זייערע קרעפטע צו מאכען א שטאאטס־שטרייך געגען דיא זשיראָנדיסטען, וויא דעם 10 אויגוסט 1792 געגען דעם קעניג. דיא מאָנטאניארען וואָלטען גלייך אויסגעפיהרט זייער פאָרדערונג ארויסצויאָגען דיא זשיראָנדיסטישע פיהרערס פון קאָנווענט, ווען דיא מיטגליעדער פון דער קאָמונע וואָלטען ניט געגאנגען נאָך ווייטער, נעמליך: צו פעריאָגען דעם גאנצען קאָנווענט און צו פעררופען א נייעם פּארלאמענט, וואו זיי זאָלען אויך זיין פערטראָטען. דאנטאָן איז אָנפאנגס געווען געגען דיא פערהאפטונג פון דיא זשי־ראָנדיסטישע פיהרערס, דען ער האט איינגעזעהען, אז דאָס איז א זעהר געפעהרליכער שריט און אז מען קען נאָך ווייטער גיין און אויך פערהאפטען און גיליאָטינירען אפילו מאָנטאניארען, וויא דאס איז טאקע געשעהען אין עטליכע מאָנאט ארום. ער האט אָבער געמוזט נאָכגעבען. נאָך לאנגע פערהאנדלונגען, וועלכע האבען זיך געצויגען דיא ערשטע צוויי וואָכען פון מאַי, האָבען ענדליך מאראט, ראָבעספּיער און דאנטאָן אָפּגעמאכט מיט דיא מיטגליעדער פון דער קאָמונע צו צווינגען דעם קאָנווענט צו שטעלען 22 זשיראָנדיסטישע פיהרערס אונטער אנקלאגע. דיא סעקציאָנען זיינען אָרגאניזירט געוואָרען, אז צו יעדער מינוט זאָלען זיי געקענט ארויסשיקען זייערע בעוואפענטע מחנות.

ווען מען האט זיך דערוואוסט אין קאָנוועגט וועגען דיא פאַר־בערייטונגען פון דער קאָמונע צו א שטאאטס־שטרייך, האָבען דיא זשיראָנדיסטען פּרובירט בעוועגען דעם קאָנוועגט אַראָפּצוזעצען דיא מיטגליעדער פון דער קאָמונע. גאַדע האט געהאלטען א פייערדיגע רעדע געגען דיא מאָנטאַניארען, ער האט זיי פאַרגעשטעלט אלס פערשווערער צו שטירצען דעם קאָנוועגט און צו ווערן דיקטאטאָרס. אום צו פערניכטען דיזע פערשווערערס האט ער פאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל אראָפּזעצען אַלע מיטגליעדער פון דער קאָמונע און אַז מען זאָל צוזאמענרופען אין דער שטאָט בורזש שטעלפערטרעטער פון דיא קאָנוועגט־מיטגליעדער און זיי געבען דיא רעכטע פון א פאַר־לאַמענט אין פאַל דער קאָנוועגט פון פאַריז וועט זיין געשלאָסען.

דיזע ענערגישע פאָרשלעגע, וועלכע וואָלטען וואהרשיינליך גע־רעטעט דיא זשיראָנדיסטען, האבען אָנגעמאכט א געוואַלדיגען גערודער. דיא מאָנטאַניארען האבען געשריען, אַז דיא זשיראָנדיסטען ווילען צער־שפּליטערען פראנקרייך און אויפהייבען דיא פּראָווינצען געגען פּאַריז. דאנטאָן האט געוועלט ריידען, אָבער זיינע חברים האבען איהם ניט דערלאָזען. זיי האָבען יעצט געהאלטען פאר איבעריג צו דיסקוטירען מיט זייערע געגנער, זיי האבען בעשלאָסען צו האנדלען אנשטאָט צו ריידען. דיא מאיאָריטעט פון קאָנוועגט האט זיך אויך דערשראָקען פאַר גאַדע׳ס פאָרשלעגע און זיא האָט זיי פּערוואָרפען. אום צו מאַ־כען א פּשרה און צו געווינען צייט, האָט דער קאָנוועגט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון בארער, אַז מען זאָל אויסוועהלען א קאָמיסיאָן פון 12 מיטגליעדער, וואס זאלען אונטערזוכען אַלע אַקטען און פּלע־נער פון דער קאָמונע און פון דיא סעקציאָנען פון פּאַריז געגען דיא זשיראָנדיסטען. מען האט אויסגעוועלט 12 מיטגליעדער, וועלכע זיינען אַלע געוועזן זשיראָנדיסטען, ווייל זיי האָבען נאך אלץ געצווינגען א מאיאָריטעט אין קאָנוועגט.

דיא צוועלפער־קאָמיסיאָן האט זיך אויף מאָרגען גענומען צו איהר ארבייט און האט ארעסטירט עטליכע הייסע רעוואָלוציאָנערען, דארונטער אויך דעם הילפס־פּראָקוראָר פון דער קאָמונע העבערט, וועלכער האָט זיך ערוואָרבען א גרויסען נאמען אין פאָלק דורך זיין

זעהר ראַדיקאַלע צייטונג „פּער דיושען“. דיא קאָמונע האט העפטיג פּראָטעסטירט געגען דיזען ארעסט און האט ערקלערט, אז זיא וועט ניט שליסען איהרע זיצונגען ביז העבערט וועט בעפרייט ווערן. דער האָס פון דיא מאָנטאַניארען האָט זיך בעזאָנדערס אויסגעדריקט געגען דיא צוועלפער־קאָמיסיאָן, דען זיא איז געווען דער אונטערדריקונגס־אינ־סטרומענט פון דיא זשיראָנדיסטען. אין פּאַריז האט מען גענומען פּאָרדערן, אז דיזע קאָמיסיאָן זאָל איבערגעגעבען ווערן צום רעוואָלו־ציאָנערען טריבונאַל. אַלע געגנער פון דיא זשיראָנדיסטען האָבען בעשלאָסען, אז דיזע קאָמיסיאָן מוז פאַלען צוזאמען מיט דיא 22 זשיראָנדיסטישע פיהרערס. דיא אויספיהרונג פון דיזען בעשלוס האט מען אָפּגעלייגט אויף דעם 31 מאַי. נאָר פריהער האָט דיא קאָמונע געוועלט צווינגען דעם קאָנווענט צו בעפרייען העבערט׳ן. דעם 27 מאַי 1793 האט זיא געשיקט א דעפּוטאַציאָן צום קאָנווענט מיט דעם פערלאַנג אָפּצושאַפען דיא צוועלפער־קאָמיסיאָן, פריי צו לאָזען הע־בערט׳ן און איבערצוגעבען צום רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל דעם רעזיג־נירטען מיניסטער ראָלאָן.

דער זשיראָנדיסט איסנאַר, וועלכער איז דאַן געווען פּאָרזי־צענדער, האט זיי געענטפערט מיט דיזע ווערטער: „הערט וואס איך וועל אייך זאָגען: ווען מען וועט דא בעפאַלען דיא נאַציאָנאַלע פער־טרעטער, ערקלער איך איין דעם נאָמען פון גאַנץ פראַנקרייך, אז פּאַריז וועט פערניכטעט ווערן. יא, גאַנץ פראַנקרייך וועט נעה־מען נקמה פאַר אזא אָנפאַל, און מען וועט באַלד זוכען אויף דיא ברעגעס פון דער סענע, אויב פּאַריז האט עקזיסטירט“.

דיזער ווילדער סטראַשונאָק האָט אַרויסגערופען א געוואַלדיגען ליארם. דיא מאָנטאַניארען האבען זיך א לאָז געטאָן מיט א וויל־דען צאָרן צום שטול פון דעם פּאָרזיצענדען, אום איהם צו פעריאָגען, נאָר דיא זשיראָנדיסטען האָבען עס ניט דערלאָזען. אייניגע האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו שלאָגען. בעוואָפענטע מענשען האבען זיך אריינ־געריסען אין זאַל. נאָר דיא זשיראָנדיסטען האָבען זיך דיזעס מאָל אויך פערזאָרגט מיט בעוואָפענטע בעשיצער, זאָ דאס דיא מאָנטאַניארען האָבען בעשלאָסען אָפּצו־וואַרטען מיט זייער אַטאַקע.

ביידע זייטען האבען זיך אביסעל בערוהיגט, ווען דער מיניסטער פון אינלענדישע אנגעלעגענהייטען גאראט איז אריין אפגעבען א בע־ריכט איבער דעם צושטאנד פון פאריז. צו דער גרעסטער ערגערנים פון דיא זשיראנדיסטישע פיהרערס האט ער ערקלערט, אז פאריז איז פאלקאם רוהיג און אז אין ערגעץ האט ער ניט געפונען צייכענס פון פערשווערונגען. עס איז שווער צו זאגען, ווארום דיזער זשיראנ־דיסטישער מיניסטער האט געמאכט אזא ערקלערונג; עס קען זיין, אז ער האט זיך געשראקען פאר דער קאמונע, עס קען אבער אויך זיין, אז מען האט איהם אפגענארט מיט פאלשע בעריכטען. יעדענ־פאלס זיינען דיא זשיראנדיסטען צומישט געווארען און האבען ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן. זיי האבען געוועלט שליסען דיא זיצונג אהן איין ענטשיידונג, בענוצענדיג זיך דערמיט, וואס עס איז שוין שפעט געווען, נאר דיא מאנטאניארען האבען עס ניט דערלאזען איסנאר איז אזוי אויסגעמאטערט געווארן, אז ער האט געמוזט פער־לאזען דיא זיצונג, און זיין פלאץ האט פערנומען א פריינד פון דאנטאן. אין דעם געטומעל און צומישעניס, וועלכע האבען געהערשט אין קאנווענט, האט מען פלוצלונג בעשלאסען צו בעפרייען אלע פער־האפטעטע און אפצושאפען דיא צוועלפער־קאמיסיאן אונטער דיא ענטהוזיאזטישע פריידע־געשרייען פון דיא מאנטאניארען און פון זייערע אונטערשטיצער. מען האט בעהויפטעט, אז אין דער דונקעלהייט האבען זיך פיעלע מיטגליעדער פון דער קאמונע און פון יאקאבינער קלובען אויסגעזעצט לעבען דיא מאנטאניארען און אז זייערע שטימען זיינען געצעהלט געווארן וויא פון מיטגליעדער פון קאנווענט.

יעדענפאלס איז דיא אפשטימונג געווען א זעהר האסטיגע. דער קאנ־ווענט איז געווען אונטער דעם איינפלוס פון שרעק אין דיא מיטגליעדער זיינען געווען אויסגעמאטערט. דיא פאריזער מאסען זיינען געווען זעהר צו־פרידען מיט דיזען בעשלוס. העבערט איז גלייך ארויסגעלאזען געווארן. מען האט איהם אנגעטאן א קראנץ אויפ'ן קאפ און מיט טריאומף אוועק־געפיהרט אין דעם קארדעליערען־קלוב. פיעלע האבען שוין דעם אבענד געמיינט, אז ביידע פארטייען וועלען זיך וויא עס איז אויסגלייכען אדער

וועלען וויינינגסטענס אָפּלייגען זייערע שטרייטען אויף א לענגערע צייט; אָבער גלייך אויף מאָרגען האט אויסגעבראָכען א נייער שטורם.

לאַנזשואינע, איינער פון דיא הייסעסטע און מוטהיגסטע זשיראָנ־דיסטען, האט פערלאַנגט מען זאל צוריקרופען דעם געסטערדיגען בעשלוס אויף דעם גרונד, דאָס מען האָט ניט דיסקוטירט און פערהאַנדעלט דעם פּאָרשלאַג וויא געהעריג און דאס זייטיגע מענשען האבען זיך צוזאַמענגעמישט מיט מיטגליעדער פון קאָנווענט. אלע מאָנטאַניארען זיינען דאַן אויפגעשפּרונגען מיט א ווילדען צאָרן און האבען פייערדיג פּראָטעסטירט. אונטער דעם איינפלוס פון דיא זשיראָנדיסטישע רעד־נער האט דער „זומפּף" געקראָגען א ביסעל מוטה געגען דיא מאָנטאַנ־יאַרען און האט מיטגעשטימט צו ערוועהלען א נייע צוועלפער־קאָמיסיאָן. נאר דיא בעפרייטע רעוואָלוציאָנערען האט שוין דער קאָנווענט ניט געהייסען אַרעסטירען.

דאס איז געוועזן דער לעצטער שאָס פּולווער פון דיא זשיראָנ־דיסטען. דיא סעקציאָנען האבען דעם 30 מאי ווידער פערלאַנגט דיא אָפּשאַפונג פון דער צוועלפער־קאָמיסיאָן, נאר זיי האבען קיין בעפרידי־גענדע אנטוואָרט ניט געקראָגען. דאַן האבען אלע געגנער פון דיא זשיראָנ־דיסטען זיך נאך ענגער פערבונדען אום אויסצופיהרען זייער פערשווערונג. דעם 31 מאי גאַנץ פריה זיינען שוין דיא ארבייטער פון דיא פּאָרשטעט געווען גרייט צו אַן אַטאַקע. הענריאָט, דער נייער קאָמאַנדיר פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, האט געהייסען אויסשיסען דיא שטורם־קאַנאָנע. אין אלע סעקציאָנען האט מען געצווינגען דעם שטורם־גלאָק אַרום 3 אוהר ביי נאַכט. באַלד האבען בעוואָפענטע מאַסען אַרומגערינגעלט דעם קאָנווענט, וועלכער האט אָנגעפאַנגען זיין זיצונג 6 אוהר מאָר־גענס. דיא פיהרערס פון דער קאָמונע האבען געפאָדערט אין נאָמען פון פּאַריזער פאָלק דיא אָפּשאַפונג פון דער צוועלפער־קאָמיסיאָן, דיא פערהאַפטונג פון 22 זשיראָנדיסטען און א מאַקסימום־פּרייז פאַר ברויט.

דער אָנפיהרער פון דיזען אויפשטאַנד איז געוועזן מאַראַט. ער האט עס בעזאָנדערס געיאָגט דיא פּאָלקסמאַסען צו מאַכען א סוף מיט דיא זשיראָנדיסטען. אין דיזע קאָכעדיגע טעג פון דעם רעוואָלו־

ציאָנערסטען יאהר איז ער געווען דער דיקטאַטאָר פון פּאַריז. נאָר דעם 31 מאַי האָבען דיא מאָנטאַניאַרען ווידער ניט אויסגעפיהרט זייער הויפּט־צוועק, דען דער קאָנווענט האט, נאָך לאַנגע און פייער־דיגע דעבּאַטען, בלויז נאָכגעגעבען דיא פאָרדערונג וועגען דיא אָפּ־שאַפונג פון דער צוועלפער־קאָמיסיאָן. דיא מאָנטאַניאַרען האבען זיך ניט געקענט בערוהיגען זאָ לאַנג דיא זשיראָנדיסטען זיינען געווען דיא פיהרערס אין קאָנווענט און זיי האבען בעשלאָסען צו שמידען דעם אייזען זאָ לאַנג ער איז געווען הייס. דיא בעוואַפענטע אַרבּייטער זיינען ניט פאַנאַנדער געלאָזען געוואָרן. דיא קאָמונע און דיא סעקציאָנען האָבען אָרגאַניזירט אַ נייע אַטאַקע אויף דיא זשיראָנדיסטען דעם 1 יוני. מאַראַט האט צוזאַמענגעשטעלט דיא ליסטע פון דיא געגנער, וואָס ער האט געהאַלטען פאַר נייטיג איבּער־צוגעבען דעם רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל און צו שיקען אויף דער גיליאָטינע. מאַראַט האט אויך אַליין געצויגען דעם שטורם־גלאָק אין דיזען שטורם־טאָג. זיין ליסטע איז אַבענדס געבראַכט געוואָרן אין קאָנווענט פון אַ דעפּוטאַציאָן פון פּאַריז און אומגעגענד מיט דער פאָרדערונג אָנצוקלאָגען דיא זשיראָנדיסטישע פיהרערס. דיא מיטגליע־דער פון „זומפּף", וועלכע האבען געוואָרפען דיא וואָגשאָלען דאָ אויף דער זייט פון דיא זשיראָנדיסטען, דאָ אויף דער זייט פון דיא מאָנ־טאַניאַרען, האבען נאָך ניט געוואוסט וויא צו שטימען. דאַרום האט דער קאָנווענט בעשלאָסען צו געווינען צייט דורך אַ פאָרשלאַג, אַז אין דריי טעג אַרום זאָל דער קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג פאָרלייגען אַ בעריכט וועגען דיא גאַנצע אַנגעלעגענהייט.

דיא דעפּוטאַציאָנען זיינען דאַן אַוועק מיט צאָרן אויף דעם קאָנווענט, אום אָפּצוגעבען אַ בעריכט אין דיא סעקציאָנען. דיא גאַנצע נאַכט פון 1 יוני האבען דיא מאָנטאַניאַרען געזאַמעלט קרעפטע צו אַן ענטשיידענע אַטאַקע דעם 2 יוני. הענריאָט האט געהאַט 100 טויזענד מאַן און 60 קאַנאָנען צו צווינגען דעם קאָנווענט נאָכ־צוגעבען. ער און אַלע אַנדערע פיהרערס פון דיזען שטורם־טאָג האָבען ערקלערט, אַז מען וועט ניט אַוועקלייגען דיא געוועהר ביז דער קאָנ־ווענט וועט ניט הייסען אַרעסטירען דיא 22 זשיראָנדיסטישע פיהרערס.

אַרום 10 אוהר ביי טאָג איז דער קאָנוועגט אַרומגערינגעלט געוואָרן פון אַלע בעוואַפּעגטע אַנהענגער פון דער קאָמונע. פּיעלע זשיראָנ־דיסטען האָבען מורא געהאַט פאַר דיא צוהיצטע מאַסען און זיינען ניט געקומען אין קאָנוועגט דעם טאָג. אייניגע פון זיי האבען זאָגאַר געוועלט פערלאָזען פּאַריז אויף עטליכע טעג אין דער האָפנונג, אַז דיא אויפרעגונג וועט זיך איינשטילען, אבער אַלע שטאָט־טויערן זיינען געוועזן געשלאָסען אויף דעם בעפעהל פון דער קאָמונע.

דער זשיראָנדיסט לאַנזשואינע, וועלכער איז געוועזן מוטהיגער פאַר זיינע חברים, איז געקומען גאַנץ פריה אין קאָנוועגט. ניט אַכטענדיג אויף דיא ווילדע געשרייען און פירכטערליכע סטראַשונקעס, איז ער אַרויף אויף דער טריבונע און האט שאַרף אָנגעגריפען דיא מאָנטאַ־ניארען און מיטגליעדער פון דער קאָמונע און אויפגעפאָדערט דעם קאָנוועגט צו האַלטען זיך פעסט און ניט נאָכצוגעבען דיא „בלוטיגע טיראַנען פון פּאַריז“. ביי דיא לעצטע ווערטער האבען אַלע מאָנטאַ־ניארען זיך אַ לאָז געטאָן מיט ווילדען צאָרן איהם אַראָפּצוטרייבען פון דער טריבונע. דער קצב לעזשאַנדר, אַ פייערדיגער און ברוטאַלער מאָנטאַניאר, האט אויסגעשטעלט זיינע קולאַקעס און אויסגעשריען: „שווייג, אדער איך טויטע דיך אויפ׳ן אָרט!“ אבער לאַנזשואינע האָט איהם געענטפערט מיט בייסענדע איראָניע: „הייס פריהער בעשליסען, אַז איך בין אַן אָקס!“ עס האט זיך אָנגעפאַנגען אַ גע־שלעג צווישען דיא מאָנטאַניארען און זשיראָנדיסטען אַרום דער טרי־בונע, פון וועלכער לאַנזשואינע האט ניט אויפגעהערט צו שיטען פעך און שוועבעל אויף דיא קעפּ פון זיינע געגנער. מען האט זיך גענומען צו מעסערס און פּיסטאָלעטען. איינער האט שוין צוגעשטעלט אַ פּיסטאָלעט צו לאַנזשואינע׳ס שטערן, אבער אין דער מינוט איז אַריין אַ דעפּוטאַציאָן פון דער קאָמונע און האט ערקלערט: „שוין פיער טעג וויא דיא בירגער פון פּאַריז האבען ניט אַוועקגעלייגט זייער געוועהר, שוין פיער טעג וויא זיי פאָדערן פון דיא פאָלקספערטרעטער דיא אויסוויוזונג פון דיא פערשווערער. מיר קומען יעצט צום לעצטען מאָל מיט אונזער פערלאַנג. אַרעסטירט דיזע לייט אויף אַ צייט.

דאס פאָלק איז שוין מידע פון אזוי פיעל אַפּלייגונגען. רעטעט דאס פאָלק, אדער עס וועט זיך אליין רעטען".

דיא מאַיאָריטעט פון קאָנוועגט איז נאָך געווען אונטער דעם איינפלוס פון לאַנזשואינע'ס רעדע און האט ניט געוועלט נאכגעבען. דיא מאָנטאניארען האבען פערלאנגט, אז מען זאָל גלייך דיסקוטירען וועגען דעם פערלאנג פון דער קאָמונע. דער קאָנווענט האט דאן בעשלאָסען איבערצוגעבען דיא פּעטיציאָן פון דער דעפּוטאציאָן צום קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג, אז ער זאָל זאָפאָרט בעטראכטען דיא קלאגע און אָפּגעבען א בעריכט. דיא דעפּוטאציאָן האט גלייך פערלאָזען דעם זיצונגס־זאַל מיט סטראשונקעס. איינינע מיטגליעדער האבען פאָרגעשלאָגען, אז מען זאל דעוויילע פערהאַפטען דיא אָנגעקלאָגטע זשיראָנדיסטען אלס פערדעכטיגע, אום דערמיט זיי צו רעטען פון דעם פאָלק'ס צאָרן, נאר דער קאָנווענט האט ניט געוועלט הערען דערפון.

אין א האלבע שטונדע ארום איז דער קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג אריין מיט א קורצען בעריכט. בארער, וועלכע איז דיזע טעג פּלוצלונג אריבער אויף דער זייט פון דיא מאָנטאניארען און האט איבערהויפּט געשפּיעלט א צווייידייטינע ראָלע, זוכענדיג נאר צו רעטען זיין אייגענע פעל,—האט ערקלערט אין נאמען פון קאָמיטעט, אז מען האט ניט געהאט גענוג צייט צו בעטראכטען אלע קלאגען. דארום האט דער קאָמיטעט ניט געקענט בעשליסען צו ארעסטירען דיא אָנגעקלאָגטע, נאר ער האט פאָרגעשלאָגען צו בעטען דיא אָנגעקלאָגטע אליין צו רעזיגנירען, אום עס זאָל ווערן רוהע און שלום.

דריי פון דיא אָנגעקלאָגטע זשיראָנדיסטען: איסנאר, פאָשע און לאַנטהענאַס האבען געפאָלגט דיזען ראטה, אבער לאַנזשואינע האט זיך ענטזאגט, ניט אכטענדיג אויף דיא ביטעס פון זיינע חברים. מאראט האט ערקלערט, אז ער איז אונצופריעדען מיט דעם פאָרשלאג פון דעם קאָמיטעט און האט פערלאנגט ניט אנדערס מען זאָל ארעסטירען דיא 22 זשיראָנדיסטען און אויך דיא צוועלפער־קאָמיסיאָן. נאָר אין דער מינוט איז אריין א מאָנטאניאר, וועלכער

האט ניט געוואוסט אז דער קאָמונע־גענעראַל הענריאָט האט בע־ פוילען ניט ארויסצולאָזען דיא מיטגליעדער פון קאָנווענט, און האט מיט צאָרן פּראָטעסטירט, דאס ווען ער האט געוועלט ארויסגיין, האט מען איהם פערהאַלטען מיט געוואַלט. דאס האט אָנגעמאַכט א גוואַלדיגען גערודער. מען האט געשריען, אז מען דאַרף קעפּען דעם יעניגען וואס האט ארויסגעלאָזען אזא בעפעהל. „שקלאַפען קענען ניט מאַכען געזעץ, האט בארער אויסגעשריען, לאָמיר צייגען, אז מיר זיינען פריי. איך פערלאַנג אז אַלע מיטגליעדער פון קאָנווענט זאָלען ארויסגיין אין גאַס צווישען דיא בעוואַפענטע מאַסען און צייגען, אז מיר האבען פאַר זיי קיין מורא ניט“.

דיזער פאָרשלאַג איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרן מיט גרויסע אַפּלאָדיסמענטען. דער קאָנווענט מיט דעם פּאָרזיצענדען פאָרויס זיינען אוועק צום נעכסטען טויער. דאָרט האט זיי הענריאָט מיט זיינע אַדיוטאַנטען פערשטעלט דעם וועג און ערקלערט, אז ער וועט קיינעם ניט דורכלאָזען. „דאָס פאָלק איז דאָ ניט געקומען הערען פראַזען, האט הענריאָט געענטפערט אויף דיא פּראָטעסטען פון פּאָרזיצענ־ דען, נאר צו בעפרייען זיך פון פעררעטהער“. ווען דער פּאָרזיצענדער האט פּרובירט ארויסגייען דורכ'ן טויער, האט הענריאָט א קאָמאַנדעווע געטאָן: „צו דיא געוועהר!“ און דיא אָפיצירען האָבען געהייסען דיא סאָלדאַטען אויסשטעלען דיא קאַנאָנען און ביקסען אויף דיא פאָלקס־ פערטרעטער. דער קאָנווענט האט דאַן גענומען וואַנדערן אין גרויסען הויף און גאָרטען פון איין ארויסגאַנג צום אנדערן, אבער איבעראַל זיינען געשטאַנען בעוואַפענטע מענער, וועלכע האבען געפאָלגט הענ־ ריאָט'ס בעפעהל. מאראט האט דאַן אין נאָמען פון פאָלק אויפגע־ פאָרדערט דיא וואַנדערער צוריקצוקעהרען זיך אין זיצונגס־זאַל, און זיי האבען קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט וויא איהם צו פאָלגען. ער האט געהאַנדעלט וויא א דיקטאַטאָר, און דער קאָנווענט האט יעצט געמוזט אָננעהמען דיא בעפעהלען פון דיא מאָנטאַניאַרען:

קוטהאָן, איינער פון ראָבעספּיער'ס הייסעסטע אָנהענגער, שלאָגט פאָר צו אַרעסטירען דיא 22 זשיראָנדיסטען, אויך דיא מיטגליעדער פון דער צוועלפער־קאָמיסיאָן און דיא צוויי געוועזענע זשיראָנדיסטישע

מיניסטערס קלאוויער און לעברען—דער קאָנוועגט נעהמט עס אָן. דער קצב לעזשאנדר ערקלערט, אז מען דארף ניט פערפאָלגען דיא צוועלפער־קאָמיסיאָן, ווייל איהרע מיטגליעדער זיינען ניט געווען איינ־פערשטאנדען מיט דיא אנדערע זשיראָנדיסטישע פיהרערס—דער קאָנ־ווענט שטימט צו. מאראט ענדערט דיא ליסטע פון דיא אָנגעקלאָגטע, שליסט אויס דריי און שטעלט אריין אנדערע צוויי—דער קאָנוועגט פאָלגט. קוטהאָן פערלאנגט מען זאָל ניט ארעסטירען דיא זשיראָנדיס־טען איסנאַר און פאָשע, ווייל זיי האבען פרייוויליג רעזיגנירט. נאר מען זאָל זיי פון דעסטוועגען ניט ארויסלאָזען פון פאריז—דער קאָנוועגט פאָלגט ווידער. שליסליך האט דער קאָנוועגט געמוזט ארויסלאָזען פאָלגענדען בעפעהל:

„דער נאציאָנאלער קאָנוועגט בעשטימט, אז דיא פאָלגענדע מיטגליעדער זאָלען געהאלטען ווערן אונטער ארעסט אין זייערע וואָה־נונגען און פערבלייבען אונטער דער אויפפאסונג פון פראנצויזישען פאָלק, פון קאָנוועגט און פון דיא פאריזער בירגער: זשאנסאָנע, גאדע, בריסאָ, גאָרסאס, פעטיאָן, ווערניאָ, סאלל, בארבארו, שאמבאָן, ביוזאָ, בירא͏טאָ, לידאָן, לאסורס, ראבאָ סענט־עטיען, לאנזשואינע, גראנזשנוויו, לעהארדי, לעסאזש, לואווע, באלאזע, קערוועלעגאָן, גארדיען, בערטראָן, בואלאָ, ווזשעי, מאלעוואָ, לאריוויער, גאָמער, בערגאָאָן. אויך ווערן געשטעלט אונטער הויז־ארעסט דיא בירגער קלאוויער, מיניסטער פון שטייערן, און לעברען, מיניסטער פון אויסלענדישע אנגעלעגנהייטען".

דאס איז געווען דער סוף פון דער גרויסער זשיראָנדיסטישער פארטיי, וועלכע האט אָנפאנגס אזוי מוטהיג געקעמפפט געגען דעם קעניג און וועלכע האט געצעהלט אזוי פיעל גלענצענדע מיטגליעדער. דיא יאקאָבינער האָבען אויסגעפיהרט מיט דער הילפע פון דער פאריזער קאָמונע ארונטערצושליידערן דעם 2 יוני 1793 דיא זשיראָנדיסטישע פיהרערס, אזוי וויא זיי האבען דעם 10 אויגוסט 1792 אויסגעפיהרט ארונטערצושליידערן דעם קעניג פון טראָן. זיי זיינען יעצט געוואָרן דיא הערשער פון פראנקרייך און דיא פיהרערס פון דער רעוואָלוציאָן געגען גאנץ אייראָפּא.

ניינצעהנטער קאַפּיטעל.

דיא מאָנטאַניאַרען און דיא אַרבייטער־פראַגע.

דיא מאָנטאַניאַרען האבען ניט לאַנג געהערשט, סך הכל עטוואס מעהר וויא אַ יאָהר. אָבער אין דיזער קורצער צייט האבען זיי ווירקליך אויפגעטאָן בערג אין פראַנקרייך זעלבסט און אין אויסלאַנד. זייער רעוואָלוציאָנערער פייער האָט פערניכטעט אלע שטערונגען ביז ער האט זיי אליין פאַרברענט. נאר איידער מיר געהען שילדערן דיא טראַגישע פאַסירונגען נאך דעם פאַל פון דיא זשיראָנדיסטען, וועלען מיר בעטראַכטען, וואס דיא מאָנטאַניאַרען און ספּעציעל דיא פאַריזער קאָמונע האבען אויפגעטאָן אין נאָמען פון גלייכהייט פאר דיא ארבייטער מאַסען.

מיר האבען שוין אָנגעצייגט, אז דיא אַרבייטער האבען זעהר פיעל געליטען דורך דעם פּאָליטישען קריזיס און אז זיי האבען אויך פערלאַנגט הילפע פון שטאַאט. דיא זשיראָנדיסטען האָבען זיך גאַנץ ווייניג געקימערט וועגען דיא ליידען פון דיא אַרבייטער און איבערהויפּט וועגען דיא סאָציאַלע פראַגע; אָבער דיא יאַקאָבינער, וועלכע האבען געזוכט דיא שטיצע פון דיא אַרבייטער אין זייער קאַמפּף מיט דיא מאָנאַרכיסטען און זשיראָנדיסטען און האבען ווירקליך סימפּאַטיזירט מיט דעם פּראָסטען פאָלק, האבען שוין ניט געקענט אָפּקומען בלויז מיט פראַזען וועגען גלייכהייט. דיא פאַריזער קאָמונע האט איבערהויפּט געמוזט ערלייכטערן דיא נויט פון דיא אַרבייטער מאַסען, אום צו קענען שפּיעלען אַ גרויסע פּאָליטישע ראָלע.

צוערשט האט דיא קאָמונע געמוזט פערזאָרגען דיא איינוואָהנער מיט שפּייז וויא ווייט דאָס איז נאר מעגליך געוועזן. ספּעקולאַנטען און רייכע פאָלקספיינדע האבען זיך נאַטירליך בענוצט מיט דעם קריזיס, אום צו העכערן דיא פרייזען פון אלע שפּייזוואַרג. דיא קאָמונע האט אָנגענומען זעהר שטרענגע מיטעל געגען דיא פאָלקס־אויסהונגערער, אָבער דאס האט ניט פיעל געהאָלפען. זיא האט דאַן געמוזט זעהען, אז פאַריז זאָל קריעגען צוגעשטעלט וואס מעהר שפּייז־אַרטיקלען. זיא פלעגט

אליין איינקויפען מעהל און עס פערקויפען אויף קאָסט־פּרייז, אום צו ברעכען ריא פערשווערונגען פון דיא פאָלקס־אויסהונגערער.

דיא קאָמונע האט אויך געזוכט צו בעשעפטיגען דיא ארבייטסלאָזע ביי עפענטליכע ארבייטען. אין קאָנווענט האבען דיא זשיראָנדיסטען געזוכט צו שטערען דיא מיטגליעדער פון דער קאָמונע, ווען מען האט פערלאַנגט געלט צו העלפען דיא נויטליידענדע. דיא זשיראָנדיסטען האבען עס אייגענטליך ניט געטאָן אויס פיינדשאַפט צום פאָלק, נאָר אום ניט צו געבען צו פיעל מאכט אין דיא הענד פון זייערע געגנער. דערמיט אָבער האבען זיי ביסלעכווייז ארויפגעצויגען אויף זיך דעם צאָרן פון דיא פּאַריזער ארבייטער. דער קאָנווענט האט געמוזט בעווילינגען דער קאָמונע איינצופיהרען א פּראָגרעסיווען שטייער אויף איינקינפטע. דיא יעניגע וואס האבען געהאט בלויז 900 פראַנק יעהרליכען איינקונפט, זיינען געוועזען בעפרייט פון דיזען שטייער. מען האט איינגעטהיילט דיא איינקינפטע אין 15 קלאַסען. יעדער קלאַס האט געמוזט צאָהלען א העכערן שטייער. דיא ערשטע קלאַסע האט געמוזט צאָהלען 3 פּראָצענט, דיא פופצעהנטע 20 פּראָצענט. אזעלכע שטייערן האבען אנדערע שטעט אויך איינגעפיהרט נאָך דעם מוסטער פון פּאַריז.

דיא קאָמונע האט אין דער זעלבער צייט געהאט צו בעקעמפּפען דיא צאָהלרייכע מאַנארכיסטישע אגענטען, וואס פלעגען אויפהעצען דיא נויטליידענדע דורך פאַלשע בעריכטען. איין מאָל האָבען זיי ארויס־געלאָזען א קלאַנג, אז דיא בעקערס האבען שוין קיין מעהל ניט און אז אלע וועלען מוזען הונגערן. דאס האט אָנגעמאכט א גוואַלדיגען אויפ־רוהר. דיא קאָמונע האט אבער באַלד ארויסגעשיקט בעאמטע צו בעזוכען אלע בעקערייען, און ווען מען האט געפונען, אז זיי זיינען נאָך צימליך גוט פערזאָרגט מיט מעהל, האט זיך דער עולם בערוהיגט. אין פעברואר 1793 האבען דיא מאַנארכיסטישע אגענטען אויפגעהעצט דיא וועשערינען צו אונרוהען. דיא וועשערינען זיינען אוועק צום קאָנ־ווענט אויסגיסען זייערע ביטערע הערצער. זיי האבען זיך בעקלאָגט אויף דיא הויכע פּרייזען פון שפּייזווארג און אויך פון זייף און זיי האָבען פערלאַנגט פון קאָנווענט, אז מען זאָל בעשטראָפען מיט'ן טויט דיא וואוכערערס און אויסקויפערס. אויף מאָרגען נאָך דיזער פּאַסירונג

זיינען פרויען בעפאלען קראָמען און האבען גענומען צוקער, קאפע, זייף און ליכט פאר פרייזען, וועלכע זיי האָבען אליין בעשטימט. אזעלכע געלאפען און בעפאלונגען אויף בעקערייען און קראָמען זיינען אלץ עפטער פאָרגעקומען, וואס מעהר דער קורס פון דיא אסיגנאציעס איז געפאלען און וואס אלע לעבענסמיטעל זיינען טהייערער געוואָרן. דיא קאָמונע האט אונטערדריקט עטליכע אזעלכע אונרוהען. נאָך דעם געטומעל מיט דיא וועשערינען האבען דיא קאָמונע־בעאמטע ארעסטירט 40 פערזאָן, וועלכע האבען אויפגערייצט דאָס פאָלק. זיי זיינען מייסטענס געוועזן גלחים, אמאָליגע אריסטאָקראטען און זייערע דיענערס. צווישען דיא ארעסטירטע איז אויך געוועזן א גרעפין.

פיעלע ארבייטער האָבען נאָר געקענט דערהאלטען דיא נשמה דורך דעם וואס זיי פלעגען קריגען 2 פראנק א טאָג פאר זייער דיענסט אין דיא בעוואפענטע סעקציאָנען. דורך דעם האט דיא קאָמונע שטענדיג געהאט אזוי פיעל בעוואָפענטע פערטהיידיגער וויא פיעל זיא האט בעדארפט, אום צו צווינגען דעם קאָנווענט און דיא זשיראָנדיסטען איהר צו פאָלגען.

דעם 28 מערץ 1793 האט דער קאָנווענט געמוזט אָננעהמען דעם פאָרשלאָג פון דער קאָמונע צו אָרגאניזירען עפענטליכע הילפע פאר דיא נויטליידענדע. דיא מאָנטאניארען האָבען עס פערלאנגט ניט אלס א צדקה, זאָנדערן אלס א פפליכט פון שטאאט. זיי האָבען ערקלערט, אז דיא רייכע זיינען פערפליכטעט צו שטיצען דיא אָרימע. דארום האט מען עס אויך איינגעפיהרט א דירעקטען און פראָגרעסיווען שטייער.

נאָך דעם פאל פון דיא זשיראָנדיסטען האבען דיא מאָנטאניארען אויסגעפיהרט, אז מען זאָל צווינגען דיא רייכע צו באָרגען א מיליארד פראַנק און איינפיהרען א מאקסימום־פרייז אויף לעבענסמיטעל און נויטווענדיגע זאכען. דיא אויספערקויפערס, וואוכערערס און ספעקולאַנטען צו העכערן דעם פרייז פון סחורות האבען ריזיקירט מיט זייערע קעפ, דען מען האט ערקלערט טויט־שטראָף געגען זיי. יעדער איינער וואס האט געהאט תבואות, מעהל, ברויט, וויין, פלייש און אנדערע שפייזווארג, וויא אויך אייזען, לעדער, טוך, באמ־

וועל א. ז. וו. האט עס געמוזט פערקויפען נאך א מאקסימום־פרייז, וואס דיא קאָמונע־בעאמטע פלעגען בעשטימען. דיא שטראָף פאר ניט פאָלגען דיזען געזעץ איז געוועזן טויט. איבעראל האבען דיא קרעמערס געמוזט אויסשטעלען דיזע אָפיציעלע מאקסימום־פרייזען, וועלכע זיינען געוועזן קלענער פאר דיא מארק־פרייזען. אזוי וויא מען האט געצאָהלט מיט אסיגנאציעס, וואס זייער ווערטה איז געפאלען אלץ נידעריגער, זיינען פיעלע קויפלייטע איינפאך רואינירט געוואָרן. דיא פאריזער קאָמונע האט בעשטימט, אז א פונט ברויט זאָל פער־קויפט ווערן צו 15 סאנטים אין אסיגנאציעס. דער ראיעלער פרייז איז געוועזן פיעל העכער, נאר דיא רעגירונג האט געצאָהלט דעם אונטערשיעד. פאריז און אנדערע גרויסע שטעט זיינען אויף דיזער וויזע פערזאָרגט געוועזן מיט ברויט, אבער אויף דער רעכנונג פון פראנצויזישען פאָלק.

מיט דיזע און אנדערע אזעלכע רעוואָלוציאָנערע מיטעל האבען דיא מאָנטאניארען נאטירליך ניט געלייזט דיא סאָציאלע פראגע. יעדערער האט געוואוסט, אז דער מאקסימום־פרייז איז נאר אויף א צייט ביז דער קריזיס וועט פאָריבערגיין. דיא לוין־סיסטעם איז פערבליבען, וויא געוועהנליך, און דיא גאנצע קאפיטאליסטישע אָרדנונג האט זיך ניט געענדערט. נאָר דיא ארבייטער האבען געזעהען און געפיהלט, אז דיא פאריזער קאָמונע סימפאטיזירט מיט זיי אויפריכ־טיג און זאָרגט וועגען זיי, דארום האבען זיי איהר אזוי פעסט און אָפפערווילינ אונטערשטיצט.

דיא הייסעסטע פאָלקספריינד צווישען דיא מאָנטאניארען, אפילו מאראט זעלבסט, האבען נאך ניט פערשטאנען וויא אזוי מען קען אויף שטענדיג פערבעסערן דיא לאגע פון ארבייטערקלאס. דארום האבען זיי אויך זיך ניט בענוצט מיט דער מערקווירדיגער געלעגענהייט, וואס זיי האבען געהאט איינצופיהרען א נייע עקאָנאָמישע אָרדנונג. דיזע געלעגענהייט איז געוועזן ביי דער פערטהיילונג פון דעם לאנד־אייגענטהום, וואָס מען האט קאָנפיסצירט ביי דיא פריצים און גייסט־ליכע. מיר האבען שוין אָנגעצייגט, אז דיא געזעצגעבענדע פערזאמלונג האט אָנגעפאנגען צו פערקויפען דיא קאָנפיסצירטע לענדער. דער

קאָנוועגט האט עס פאַרטגעזעצט מיט זיין געוועהנליכע ענערגיע ער האט זיך זעהר געגוויטיגט אין געלט ניט נאר פאר דיא מלחמות מיט גאנץ אייראָפאַ און פיר דיא געוועהנליכע רעגירונגס־אויסגאבען, זאָנדערן אויך פאר דיא אויסערגעוועהנליכע אויסגאבען דורך דיא אָרגאַניזירטע שטיצע פאר נויטליידענדע. מען האט דארום פערקויפט שטיקלעך לאַנד צו איינצעלנע פערזאָנען פאר זעהר ביליגע פרייזען. אנשטאַט אָנצוהאַלטען דאס לאַנד אַלס שטאַאטס־אייגענטהום און אָרגאַניזירען געמיינדען, וואו אַלע זאָלען מעהר אדער וויניגער האבען א גלייכען טהייל, האט דער קאָנוועגט געשאַפען קליינע לאַנדבעזיצער. אפילו דיא פעלדער וואס האבען געהערט צו געמיינדעס זיינען פערטהיילט געוואָרן אין פריוואַט־אייגענטהום. דיא מאָנטאַניארען האָבען דערמיט געוועלט שאַפען א דעמאָקראַטיע פון קליין־בירגער און צוגלייך דאס פאָלק צובינדען צו דער רעפובליק.

דער רעזולטאַט דערפון איז, דאס פראַנקרייך איז ביז היינט צו טאָג א לאַנד פון קליינע גרונדבעזיצער. קיינע פאָליטישע רעוואָלוציאָנען האבען ניט געקענט ענדערן דיזע צושטאַנד, וועלכער איז איינגעפיהעט געוואָרן פון קאָוועגט.

צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

אויפשטאַנד פון זשיראָנדיסטען געגען יאַקאָבינער קאָנוועגט.

א געוויסע צייט נאָך דעם פאַל פון דיא זשיראָנדיסטען (2 יוני 1793) האט דער פאַרטיי־קאַמפף אויפגעהערט אין קאָנוועגט, הגם ניט נאר האבען דיא פערבליבענע זשיראָנדיסטען און דיא מיטגליעדער פון „זומפף„ בלויז געוואַרט אויף א געלעגענהייט אויפצוהייבען דעם קאַמפף געגען דיא מאָנטאַניארען, זאָנדערן דיא מאָנטאַניארען זעלבסט זיינען גאָר ניט געוועזן אזוי איינינג, וויא עס האט זיך אויסגעוויזען פון ערשטען בליק. וויא מיר וועלען עס שפּעטער זעהען, זיינען דיא מאָנטאַניארען

געווען צוטהיילט וויינינגסטענס אין דריי גרופען נאך זייערע הויפטפיהרער דאנטאן, ראבעספיער און מאראט. נאר אויף א צייט האבען זיי געמוזט פערבייגען אלע זייערע אונטערשיעדען, אום בעסער צו בעקעמפ־פען זייערע געמיינשאפטליכע פיינד.

און פיינד האבען זיי געהאט פון אלע זייטען. אויסער דיא אויס־לענדישע ארמעען, וועלכע האבען ארומגערינגעלט פראנקרייך אויפ'ן ים און יבשה, און אויסער דעם בירגער־קריעג אין וואנדעי, וועלכער האט זיך אין זומער פון 1793 בעזאנדערס פאנאנדער געפלאקערט, האט נאך דער קאנווענט, וועלכער איז שוין פאלשטענדיג בעהערשט געווען פון דיא מאנטאניארען, געמוזט אונטערדריקען דעם זאגענאנטען פעדעראליסטי־שען אויפשטאנד. דאס איז אייגענטליך געווען אן ערהייבונג צו גונסטען פון דיא זשיראנדיסטען אין זידליכע און וועסטליכע שטעט פון פראנק־רייך. אזוי וויא איינינע זשיראנדיסטען האבען געטרוימט וועגען א רעפובליק מיט א פעדעראטיווע ארגאניזאציאן—דאס הייסט אזעלכע, וואו דיא פראווינצען זאלען האבען זעלבסטפערוואלטונגען—האבען דיא מאנטאניארען, וועלכע זיינען געווען פאר א צענטראליסטישע רעפובליק, געמיינט, אז דיא שטעט וואס זיינען ארויסגעטראטען פאר דיא זשי־ראנדיסטען, ווילען זיך אפטהיילען און יעדענפאלס ניט זיין אפהענגיג פון דיא הערשער אין פאריז. אין אמת'ן האבען דיא זשיראנדיסטען גאר ניט געשטריטען פאר א פעדעראטיווע רעפובליק, און זייערע שטעט האבען איינפאך ניט געוועלט זיין בעהערשט פון יאקאבינער.

דיא בירגער פון אזעלכע גרויסע און וויכטיגע שטעט וויא באררדא, ליאן, מארסעל, טולוז און טולאן האבען יעדענפאלס אראב־געזעצט דיא געמיינדע־ראטהען, וועלכע זיינען פערכאפט געווארן פון דיא יאקאבינער, און האבען ערוועהלט זשיראנדיסטישע פערטרעטער. דיא מאנארכיסטען זיינען צוגעשטאנען צו דיא זשיראנדיסטישע שטעט. זיי האבען זיך אנגעכאפט אן דיזע געלעגענהייט צו שטירצען ניט נאר דיא יאקאבינער, זאנדערן אויך דיא רעפובליק. דורך דעם האט דער אויפשטאנד געקראגען א גאנץ אנדערן כאראקטער, וויא דיא זשיראנדיסטען האבען עס געוואונשען. אם שטארקסטען זיינען דיא געגנער פון דיא יאקאבינער געווען אין ליאן. מאנארכיסטען זיינען

דאָרטען ביסלעכוויז געוואָרן דיא אָנפיהרערס. נאָר א טהייל פון דיא ליאָנער ארבייטער האבען געהאלטען מיט דיא מאָנטאניארען, דיא קויפלייטע האבען געהאלטען מיט דיא זשיראָנדיסטען און זאָגאר מיט דיא מאָנארכיסטען און האבען בעאיינפלוסט דיא מאיאָריטעט פון דיא בירגער. דארום האט מען אין ליאָן אויך הינגעריכטעט דעם יאַקאָבינער פיהרער שאליע, ווען מען האט געענדערט דיא שטאָט־פערוואלטונג. דער מארקיז פרעסי, א פייערדיגער מאָנארכיסט, איז געוואָרן דער קאָמאנדיר פון דער ליאָנער גווארדיע.

דיא מייסטע פון דיא פערהאפטעטע זשיראָנדיסטען זיינען זיך צולאָפען אין פערשיעדענע ערטער, אום אָנצופיהרען דעם אויפשטאנד געגען קאָנווענט. דיא מאָנטאניארען האבען זיך בענומען דערמיט, וואָס זיי איז ענדליך געלונגען ארויסצויאָגען זייערע הויפט־געגנער אוים דעם קאָנווענט. מען האט דארום שוואך אויפגעפאסט אויף דיא פערהאפטעטע דעפוטאטען, וועלכע פלעגען נאך קריעגען 18 פראנק טעגליכע געהאלט אלס מיטגליעדער פון קאָנווענט. דאָס האט גאנץ דייטליך געצייגט, אז דיא מאָנטאניארען האבען אָנפאנגס גאר ניט געזוכט אומצובריינגען זייערע זשיראָנדיסטישע געגנער אויפ׳ן עשאפאָט. וויא נאר דיא ארעסטירטע האָבען דערהערט, אז אין דיא פּראָווינצען וויל מען זיי שטיצען, האָבען זיי גלייך געזוכט צו אנטלויפען. פעטיאָן, גאדע, ביוזאָ, קוואווע, לאַנזשואינע, איסנאר, בארבארו און עטליכע אנדערע איז געלונגען זיך ארויסצודרייהען פון פאריז דורך בעשטעכונג פון דיא וועכטערס. זיי זיינען אוועק נאך נאָרמאנדיע און האבען זיך צוזאמענגעקליבען אין דער שטאָט קאען, וועלכע האט געהאלטען מיט דיא זשיראָנדיסטען. דעם געוועזענעם מיניסטער ראָלאן האט געגליקט צו אנטלויפען נאך רואן, אבער זיין שעהנע און גלענצענדע פרוי איז פערבליבען פערהאפטעט אין פאריז.

קאען איז געוואָרן א צענטער פון זשיראָנדיסטישען אויפשטאנד. דער גענעראל ווימפפען, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט אין א שלאכט געגען דיא פרייסען, האט אָנגעפאנגען צו אָרגאניזירען א זשיראָנדיסטישע ארמעע. צו איהם איז גלייך צוגעשטאנען דער

מאָנארכיסטישער פיהרער פויסעי, וועלכער האט שוין געקעמפפט געגען דיא רעפובליק מיט דיא וואַנדעיער אין ברעטאָן. נאך דיזער צוזאַמענהאַנג האט זעהר פיעל געשעדיגט דיא זשיראָנדיסטען. דיא רעפובליקאַנער האבען קיין צוטרויען געהאט צו דיזער ארמעע, וועלכע איז סך הכל בעשטאַנען פון 4.000 מאַן. זיא האט אָנגעפאַנגען צו מאַרשירען נאַך פאַריז, אבער אויפ׳ן וועג זיינען זעהר ווייניג מענשען צוגעשטאַנען צו איהר. אין ווערדון האט זיא זיך צוזאמענגעטראָפען מיט אַ טהייל פון דער יאַקאָבינער אַרמעע, וועלכע האט בענוצט איהר אַרטילעריע. דער שלום איז געווען, אַז דיא זשיראָנדיסטישע אַרמעע איז זיך צולאָפען אין אונאָרדנונג. דיא סאָלדאַטען האבען זיך בעהאַלטען וואו זיי האבען געקענט, און דיא פיהרערס האבען זיך געראַטעט אין ענגלאַנד.

אין אַלגעמיינען זיינען 60 דעפאַרטאַמענטען געווען אָפען געגען קאָנווענט, ווערהרענד פון דיא איבעריגע דעפאַרטאַמענטען האָבען 20 פעסט אונטערשטיצט דעם קאָנווענט. נאָר דאָ האט זיך ארויסגעציינט דיא קראַפט פון דער שטאַרקער צענטראַל־מאַכט, מיט וועלכער דיא מאָנטאַניאַרען האבען זיך ענערגיש בענוצט. דיא דעפאַרטאַמענטען זיינען ניט געווען פערבונדען און האבען געהאַנדעלט אָפגעזונדערט. איבעראַל איז נאַטירליך געווען אַ שטאַרקע מינאָריטעט פון יאַקאָבינער און פייערדיגע רעוואָלוציאָנערען. פיעלע שטעט האבען ניט געקענט ענטשיידען וואס זיי זאָלען טאָן: פון איין זייט זיינען זיי געווען געגען דעם יאַקאָבינער קאָנווענט, פון דער אַנדער זייט אבער האבען זיי מורא געהאט צו צושטערען דיא נייע אָרדנונג דורך אַן אויפשטאַנד. פאַר דיא מאָנאַרכיסטען און פאַר דיא אויסלענדישע שונאים איז נאַטירליך געווען וויא געוואונשען, אַז דיא רעפובליקאַנער זאָלען זיך לאָזען בלוט. דאס האט בעוואָגען אַ סך שטעט צו האַלטען זיך נייטראַל און אנדערע צו דולדען דיא הערשאַפט פון דיא יאַקאָבינער. ווען דיא זשיראָנדיסטען וואלט געלונגען צו אָרגאַניזירען אַ צענטרעל־מאכט ערגעץ, וואָלטען זיי פיללייכט געזיעגט, נאר אָהן דעם זיינען זיי איבעראַל, מיט אויסנאַהמע פון ליאָן, שנעל אונטערדריקט געוואָרן פון דיא בעוואַפענטע מחנות, וואָס

דער קאָנווענט האט מיט מערקווירדיגע ענערגיע ניט אויפגעהערט צוזאַמענצוקלייבען.

עס איז געווען א גליק פאר פראַנקרייך, וואָס דיא מאָנטאַנ־יארען האבען זיך פאר קיינע געפאהרען ניט געשראָקען און האבען געקעמפפט וויא לייבען. יעדע שטערונג האט זיי נאר אויפגעמונ־טערט צו מעהר ענערגיע. דער קאָנווענט צוזאַמען מיט דער פאריזער קאָמונע האבען אַרויסגעוויזען, קען מען זאָגען, איבערמענשליכע גבורה. זייער רעוואָלוציאָנערער פייער האט געצונדען דיא הערצער פון דיא ארבייטער־מאַסען און האט פערצעהרט אַלע געגנער. דיא לאַגע פון דיא מאָנטאַניארען איז געווען א פערצווייפעלטע און זיי האבען דארום אויך געברויכט פערצווייפעלטע מיטעל. דאס מוז מען ניט פערגעסען, אז מען וויל פערשטעהען דיא שרעקענס־צייט, ווען דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל האט געהייסען האקען אַזוי פיעל קעפּ.

איין־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

דיא ערמאָרדונג פון מאַראַט.

נאָך איידער דיא אנטלאָפענע זשיראָנדיסטען האבען געמוזט פערלאָזען קאַען און זיך רעטען אין דיא זידליכע שטעט, איז פון דיזער שטאָט ארויס דיא מערקווירדיגע מיידעל שארלאָטע קאָרדע, אום אויס־צופיהרען א ראַבע־פּלאַן, וועגען וועלכען זיא האט מיט קיינעם א וואָרט ניט גערעט. דאס איז געווען איהר אייגענער סעקרעט און זיא האָט דעם פּלאַן אייגענהענטיג אויסגעפיהרט מיט א זעלטענעם העלדענמוטה.

אין קאַען האט זיא זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט דיא פערפאָלגטע זשיראָנדיסטען, וועלכע דער קאָנווענט האט ערקלערט אויסערהאַלב געזעץ, און פון זייערע געשפרעכען, בעזאָנדערס פון איהר אונטערהאַל־טונג מיט באַרבאַרו, האט זיא געשלאָסען, אז אַלע צרות פון פראַנקרייך שטאַמען פון מאַראַט. דיא זשיראָנדיסטען האָבען זיך בעזאָנדערס בעקלאָגט אויף דעם פאָלקספריינד, וועלכער איז געווען זייער ביטער־סטער און געפעהרליכסטער פיינד. קיינער פון דיא פייערדיגע רעוואָ־

לוציאָנערען איז ניט געווען אזוי פערהאַסט פון אַלע געגנער פון דער רעוואָלוציאָן וויא מאַראַט. מען האט איהם איבעראַל פאָרגעשטעלט פאַר אַ שרעקליכע בריאה, פאַר אַ בלוטדורשטיגע חיה. דיא בורזשואַזיע האט איהם נאָך געהאַסט, ווייל ער האט פערטהיידיגט דיא אינטערעסען פון דיא אַרבייטער. אַלס פערטרעטער פון דער בורזשואַזיע האבען דיא זשיראָנדיסטען ניט געקענט הערען זיין נאָמען אָהן צאָרן און פערצווייפלונג. זיי האבען איהם בעטראַכטעט אַלס דעם גרעסטען אונגליק פון פראַנקרייך און געטראַכט וויא מען קען פון איהם ערלייזט ווערן. זיי האבען געטענה׳ט, אַז זיין בלוטיגע האַרץ ווערט נאַר געזעטיגט, ווען מען האקט קעפּ אויף דער גיליאָטינע.

דיא יונגע און שעהנע שאַרלאָטע קאָרדע האט געשטאַמט פון אַן אַדעליגע פאַמיליע, נאָר זיא האט מיט בעגייסטערונג אָנגענומען דיא נייע אָרדנונג. זיא האָט געטרוימט פון אַ רעפּובליק נאָך דיא ביכער, וועלכע זיא האט געלעזען, און האט פערעהרט דיא זשיראָנדיסטישע פיהרער, צווישען וועלכע עס זיינען ווירקליך געווען גרויסע מענער און דענקער. זיא האט דאַרום אויך געהאַסט דיא יאַקאָבינער. מען האט דערצעהלט, אַז זיא האָט געקראָגען אַ האַס צו דיא יאַקאָבינער, ווייל אויף זייער בעפעהל איז געקעפּט געוואָרן איהר חתן, אַ יונגער מאָנאַרכיסטישער אָפיציר. אַנדערע האבען דערצעהלט, אַז זיא האט זיך פערליעבט אין דעם פערפאָלגטען זשיראָנדיסט באַרבאַרו, וועלכער איז געווען אַ זעלטען שעהנער יונגער מאַן. נאָר דאַס האט מען קיין מאָל ניט געקענט דערגיין אויף זיכער.

אָבער וויא דיא מעשה איז ניט געווען, שאַרלאָטע קאָרדע האט בעשלאָסען צו טויטען דעם שרעקיאָגענדען מאַראַט, וועלכער האט אין דער צייט זיך איינפאַך אָפּגערוהט נאָך דיא פריהערע אָנשטרענגונגען. באַלד וויא דיא זשיראָנדיסטען זיינען אַרעסטירט געוואָרן האט ער זיך בערוהיגט, ווייל ער האט געזעהען, אַז דיא רעפּובליק האט אָנגענומען דיא ווענדונג, וועלכע ער האט זייט לאַנג געוואונשען. ער האט אויך געליטען פון אַ הויט־קראַנקהייט, וועלכע ער האט געקראָגען, ווען ער האט זיך געוואַלגערט אין קעלערן, און ער האט אָפט גענומען בעדער, אום זיך צו קורירען.

שארלאָטע קאָרדע איז אָנגעקומען אין פּאריז אין יולי 1793 און האט גלייך געקויפט א גרויסען און א שארפען מעסער. זיא האט געדיינקט, אז זיא וועט טרעפען מאראט׳ן אין קאָנווענט און וועט איהם דאָרטען קענען ערמאָרדען. ווען זיא האט זיך דערוואוסט, אז ער ליעגט קראנק אין זיין וואהנונג, איז זיא אהין אוועק און האט זיך פאָרגע־שטעלט פאר א פערקאָכטע יאקאָבינעריין, וואס האט מיטצוטהיילען וויכטיגע זאכען וועגען זשיראָנדיסטישע פערשווערונגען. אָבער מאראט׳ס טרייע ווירטהין סימאָניע עווראַרד האט איהר ניט צוגעלאָזען. דאן האט זיא איבערגעלאָזען פאָלגענדען צעטעל: „בירגער, איך קום פון קאען. אייער ליעבע צום פאטערלאנד פיהרט מיך צום געדאנקען, אז איהר וועט זיך אינטערעסירען צו וויסען וועגען דיא אונגליקליכע פּאַ־סירונגען אין יענעם טהייל פון דער רעפּובליק. איך וויל זיך פאָרשטעלען פאר אייך. האט דיא גוטסקייט מיך אויפצונעהמען און מיך אויסהערען א מינוט. איך וועל אייך געבען דיא מעגליכקייט צו לייסטען פראנק־רייך א גרויסען דיענסט״.

דעם אָנדערן טאָג איז שארלאָטע קאָרדע וויעדער געקומען. מאראט, וועלכער האט זיך דאן געפונען אין זיין באדע־צימער, האט געהייסען איהר אריינלאָזען און האט איהר אָנגעפאנגען נאָכצופרעגען וועגען דיא פּאסירונגען אין קאען. זיא האט איהם דערצעהלט, אז דארטען געפינען זיך 18 אנטלאָפענע זשיראָנדיסטען, וועלכע האבען געוואוינט אויף זייער זייט דעם גאנצען דעפּארטאמענט. ווען זיא האט אויף מאראט׳ס פראגע אָנגעגעבען דיא נעמען פון דיא זשיראָנ־דיסטישע פיהרערס, האט ער זיי פערשריבען אין א ביכעל און האט געזאָגט: „גוט, זיי ווילען זיך לאנג ניט ארומדרייהען, זיי ווילען קריעגען זייער שטראָף״. זיא איז דאן אויפגעשפּרונגען און אויסשרייענדיג: „אָט איז דיין שטראָף!״ האט זיא איהם אריינגעשטאָכען א מעסער אין ברוסט. ער האט נאר געקענט אויסשרייען „צו מיר!״ און איז באלד אויסגעגאנגען. ווען סימאָניע עווראַרד איז אריינגעלאָפען, איז ער שוין געווען טויט.

דאס איז געשעהען דעם 14 יולי 1793, דעם פערטען יאָהר־צייט פון דער צערשטערונג פון דער באסטיליע.

שאַרלאָטע קאָרדע איז געבליבען וויא אַ פערשטיינערטע. ווען דיא שכנים פון הויז זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען אין גרויס שרעק און האבען איהר אַנגעכאַפּט, האט זיא זיך גאר ניט געוועהרט. דיא בעאַמטע, וועלכע האבען איהר אָפּגעפיהרט נאך דער אבּע־געפענגניס, האבען געמוזט קעמפּפען, אום איהר צו רעטען פון דעם פאָלק׳ס צאָרן. דיא נאכריכט וועגען דיא ערמאָרדונג פון דעם „פאָלקס פריינד״ האט זיך פערשפּרייטעט מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ און האט אַרויפגערופען אַ גוואַלדיגע אויפרעגונג אין פאָלק. אין דיא רעוואָלוציאָנערע קלובען האט מען שטאַרק און אויפריכטיג בעקלאָגט זיין טויט. פאר דיא אַרבייטער איז עס געווען אַ וואהרער טרויער, דען זיי האבען זייער „פאָלקספריינד״ ווירקליך געליעבט. דער קאָנווענט האט בעשלאָסען צו בעערדיגען מאַראַט׳ן אין דעם פּאַנטעאָן און צו זיין ביי זיין לויה. דער יאַקאָבינער מאַלער דאַוויד האט געמאַכט מאַראַט׳ס פּאָרטרעט, וועלכער איז אויפגעהאַנגען געוואָרן אין קאָנווענט און איז שפּעטער צושטערט געוואָרן פון דיא מאָנאַרכיסטען.

אין אַלע שטעט און דערפער, וואס זיינען בעהערשט געווען פון דיא יאַקאָבינער, האט מען אַראַנזשירט צערעמאָניעס צו מאַראַט׳ס עהרע. עס איז געווען אַ וואהרע פערגעטערונג פון אַ מאַן. מען האט געוועהנליך געמאַכט אַ בארג פון ערד—דיא זאָ־גענאַנטע „הייליגע מאָנטאַין״. דעם בארג האט מען בעדעקט מיט גראָז און פון אויבען אַרויפגעשטעלט מאַראַט׳ס פּאָרטרעט אדער סטאַטוע. דיא עלטערן האבען געשיקט זייערע קינדער לייגען דאָרטען בלומען. דיא וואס זיינען געווען געגען דיזע פערגעטערונג אדער האבען איבערהויפּט געהאַסט מאַראַט׳ן, האבען געמוזט שיקען זייערע קינדער אויס פורכט פאר דיא יאַקאָבינער. דיא מאָנאַרכיסטען און אַלע אַנדערע רעאַק־ציאָנערען האבען דערפאר אויסגעלאָזען זייער האס צו מאַראַט׳ס קערפּער, ווען זיי האבען געקראָגען דיא מאַכט אין זייערע הענד נאך ראָבעספּיער׳ס הינריכטונג. זיי האבען אַרויסגעשלעפּט זיין קערפּער פון פּאַנטעאָן און איהם אַריינגעוואָרפען אין אַ רינשטאָק פון פּאַריז. אַזוי האט זיך עס געענדערט דער שיקזאַל פון דיזען מערק־ווירדיגען מאַן אפילו נאך זיין טויט.

שאַרלאָטע קאָרדע האט זיך געהאלטען העלדענמוטהיג אין געפענגניס און אין רעוואָלוציאָנערען טריבונאל. פון געפענגניס האט זיא געשריבען צו איהר פאָטער פאָלגענדען בריעף: „פערצייהט מיר וואס איך האב זיך מוסר נפש געווען אָהן אייער ערלויבנים. איך האב ראַכע גענומען פאר פיעלע אונשולדיגע קרבנות, איך האב פערהיט פיעלע אַנדערע אונגליקען. ווען דאס פאלק וועט מעהר ניט זיין פערבלענדעט, וועלען זיך אַלע פרייהען וואס מען האט זיי בעפרייט פון אַ טיראַן. אַדיע! איך בעט אייך צו פערגעסען אָן מיר אדער ליעבערסט זיך פרייהען מיט מיין שיקזאַל. דיא אורזאַכע דערפון איז אַ גוטע.“

אויף דיא פראַגען פון דיא ריכטער האַט זיא געענטפערט קורץ און שאַרף. ווען מען האט איהר געשטעלט דיא געוועהנליכע פאָרמעלע פראַגען, האט זיא געזאָגט: „דיזע אלע איינצעלהייטען זיינען נוצלאָז—איך האב געטויטעט מאַראַט'ן“. — „ווער האַט אייך בעוואָגען צו בעגיין דיזען מאָרד?“—„זיינע פערברעכען.“—„ווער האט אייך געהאָלפען צו בעגיין דיזען מאָרד?“—„קיינער, איך האב אליין אַלעס געטאָן.“ —„וואס טוען דיא אַנטלאָפענע דעפּוטאַטען אין קאַען?“—„זיי וואַרטען אז דיא אַנאַרכיע זאָל זיך ענדיגען, אום צו פערנעהמען זייערע פּלעצער“. —„וואס האַט איהר בעצוועקט מיט דער ערמאָרדונג פון מאַראַט?“— „מאַכען אַן ענדע פון דיא אונרוהען און ברייגנען פריעדען אין פראַנקרייך“. — „וויא לאַנג איז עס, אז איהר זייט געפאַלען אויף דעם פּלאַן צו טויטען מאַראַט'ן?“ —„זייט דעם 31 מאַי, ווען מען האט אויסגעשלאָסען פּאָלקספערטרעטער“. נאַכהער האט זיא צוגעזעצט: „איך האַב געטויטעט אַ מאַן, אום צו רעטען הונדערט טויזענד אַנדערע; אַ מערדער, אום צו רעטען אונשולדיגע; אַ ווילדע חיה, אום צו געבען רוהע מיין פּאַטערלאַנד. איך בין נאָך געווען אַ רעפּובליקאַנערין פאַר דער רעוואָלוציאָן און איך האָב אַלע מאָל אַרויסגעוויזען מוטה“.

דער טריבונאַל האט איהר פעראורטהיילט צום טויט, און דעם זעלבען אַבענד (דעם 15 יולי) האט מען איהר געקעפּט אויף דער גיליאָטינע. אין יענע רעוואָלוציאָנערע צייטען האט מען שנעל געריכטעט און נאָך שנעלער הינגעריכטעט. ביז דער לעצטער מינוט האט זיך דיזע פערבלענדעטע מיידעל געהאַלטען שטאָלץ און העלדענמוטהיג.

זיא האט געקוקט גלייך אין דיא אויגען דער צוקאָבטער מאסע, וועלבע איז נאָכגעלאָפען דעם וואָגען, וואס האט איהר געפיהרט צום עשאפאָט. איהר יוגענד, שעהנהייט און פעסטקייט האבען דאָך צוגעצויגען ניט ווייניג הערצער צו איהר. ווען איהר שעהנע קאָפּ איז ארונטערגעפאלען אונטער דעם מעסער פון דער גיליאָטינע, האט דער הענקער געמיינט, אז ער וועט צופרידען שטעלען דיא צאָרניגע מאסע ארום דעם עשאפאָט דערמיט וואָס ער וועט דערלאנגען עטליכע פּעטש אין איהרע באקען. אָבער וויא נאָר ער האט בעגאנגען דיזע אָבשייליכע בארבאריי, האט דאס פאָלק אָנגעפאנגען צו פּראָטעסטירען און דיא קאָמונע האט נאָכהער בעשטראָפט דעם תליון.

צוויי־און־צוואנציגסטער קאפּיטעל.

דיא קאָנסטיטוציאָן פון 1793 און דער פערבינדונגס־פעסט.

מאראט׳ס טויט האט נאָך מעהר אָנגעצונדען דעם רעוואָלוציאָנערען פייער פון דיא מאָנטאניארען. דיא שרעקענסצייט האט זיך אייגענטליך דאן אָנגעפאנגען. מאראט האט נאָר פערלאנגט דיא קעפּ פון אזעלבע געגנער פון דער רעוואָלוציאָן, וואס ער האט געהאט גרינדע צו בע־טראַכטען פאַר פאָלקספיינדע; אָבער ער האָט קיין מאָל ניט געזוכט אומצוברענגען פערזענליכע פיינד אָדער אזעלבע רעוואָלוציאָנערען, מיט וועלבע ער האָט ניט געשטימט. ער האט אייגענטליך מעהר גערעט און נעסטראשעט, וויא געהאנדעלט און אויסגעפיהרט. מען האט אויסגע־רעכענט, אז פון דער גרינדונג פון דעם ערשטען רעוואָלוציאָנערען טריבונאל (17 אויגוסט 1792) ביז מאראט׳ס טויט, דאס הייסט אַלזאָ אין פערלויף פון 11 מאָנאט, האט מען געקעפּט 64 פערזאָן, וועלבע זיינען טאקע מייסטענס געווען אמת׳ע פערשווערער געגען דיא רעוואָלוציאָן; וועהרענד פון מאראט׳ס טויט ביז ראָבעספּיער׳ס פאל, אונגעפעהר אַ יאָהר צייט, האט מען גיליאָטינירט 2572 פערזאָן.

די ערשטע זאַך האבען די יאַקאָבינער הערשער געהייסען איינשפּאַרען אין געפענגניסע די זשיראָנדיסטען, וואָס זיינען בעוואַכט געוועזען פון זשאַנדאַרמען אין זייערע וואָהנונגען. מען האט אויך אַרעסטירט עטליכע מיטגליעדער פון „זומפּף“. ווען מען האט געמאַכט אַ הויז־זוכונג ביי אַ קאָנווענט־מיטגליעד, ווייל מען איז דערגאַנגען, דאָס שאַרלאָטע קאָרדע האט איהם בעזוכט, האט מען ביי איהם געפונען אַ פּראָטעסט פון 73 מיטגליעדער פון „זומפּף“ געגען די אויסשליסונג פון די זשיראָנדיסטען. דיזע מיטגליעדער האבען זיך שטילערהייט פערזאַמעלט דעם 2 יוני און האבען בעשלאָסען צו פּראָטעסטירען אויפ׳ן פּאַפּיר געגען די האַנדלונגען פון די מאָנטאַניאַרען. זיי האבען איינפאַך געוואָלט, אַז די קומענדע דורות זאָלען וויסען, דאָס זיי האבען מורא געהאַט אַרויסצוטרעטען אָפען געגען די מאָנטאַניאַרען. דיזען דאָקומענט האט מען באַלד געבראַכט און פאָר־געלעזען אין קאָנווענט. דאָס האט אַרויסגערופען אַ פייערדיגען שטורם צווישען די מאָנטאַניאַרען. אויף זייער פאָרדערונג האט דער קאָנ־ווענט בעשלאָסען צו שטעלען אַלע 73 אונטערשריבענע מיטגליעדער אונטער אַ הויז־אַרעסט. מען האט זיי גלייך אַוועקגעשלעפּט אין זייערע וואָהנונגען, וואו זיי זיינען בעוואַכט געוועזען עטליכע טעג פון זשאַנדאַרמען, ביז מען האט זיי איבערגעפיהרט אין דער געפענגניס פאָרט־ראָאיאַל.

דורך דיזע אַרעסטען און אויסשליסונגען וויא אויך דורך דעם, וואָס דער קאָנווענט פלעגט שיקען אַלץ מעהר מיטגליעדער אַלס קאָמיסאַ־רען אין די אַרמעען און דעפּאַרטאַמענטען, איז די צאָהל פון די פאָלקספערטרעטער אויף די זיצונגען פון קאָנווענט אַלץ קלענער געוואָרן. ניט איין מאל האט עס געטראָפען, אַז אין קאָנווענט זיינען בלויז געוועזען 200 מיטגליעדער. נייע פערטרעטער האט מען דאָך ניט אויסגעוועהלט. עס איז געוועזען אַ צו רוישענדע צייט פאַר וואַהלען. די יאַקאָבינער, וועלכע האבען פאַלשטענדיג פערכאַפּט די געזעצ־געבענדע און רעגירענדע מאַכט, האבען גאַר ניט געוואָלט צולאָזען נייע פערטרעטער. דאָס האט ניט געשטימט מיט זייער רעוואָלוצי־אָנערע פּאָליטיק. וויטער האבען זיי געוואָלט, אַז נייע פאָלקספערטרע־

טער זאָלען שוין אויסגעוועהלט ווערן נאך זייער קאָנסטיטוציאָן, וועל־
בע זיי האבען אויסגעארבייטעט, ניט אכטענדיג אויף אלע שטערונגען.

דיא קאָנסטיטוציאָן פון 1793, וועלכע איז קיין מאָל אין דער
פּראַקטיק ניט אויסגעפיהרט געוואָרן איז געבליבען דער בעסטער
און מערקווירדיגסטער אָנדיינקען אָן דעם יאקאָבינער קאָנווענט. נאך
ווען דיא זשיראָנדיסטען האבען געפיהרט דיא רעדעל אין קאָנווענט
האט מען אויסגעוועהלט א קאָמיסיאָן צו פערפאסען א נייע קאָנ־
סטיטוציאָן, וואס זאל זיין צוגעמאָסטען צו א דעמאָקראטישע רעפּוב־
ליק. דער גרויסער דענקער קאָנדאָרסע האט פאָרגעלייגט דיא וויכטיגסטע
פּונקטען; נאר אזוי וויא ער איז געווען א זשיראָנדיסט, האט ער
נאטירליך ארויפגעלייגט דעם זיעגעל פון זיין פּארטיי אויף זיין פּלאן.
נאך דעם פאל פון דיא זשיראָנדיסטען האבען דיא מאָנטאניארען
אויך פערוואָרפען דיא זשיראָנדיסטישע פערפאסונג. זיי האבען אויס־
געוועהלט זייער אייגענע קאָמיסיאָן מיט הערא־דע־סעשעל אלס פאָרזי־
צענדער. אין רעכטען מיטען פון דעם רעוואָלוציאָנערען שטורם, ווען מען
האט געמוזט שיקען ארמעען געגען דיא אויסלענדישע פיינד און
אונטערדריקען אויפשטאנדען אין פיעלע דעפּארטאמענטען און שטעט,
האבען דיא יאקאָבינער פיעבערהאפט געארבייט, אום פערטיג צו
מאכען זייער קאָנסטיטוציאָן און דערמיט צייגען זייערע זשיראָנדיס־
טישע און אנדערע געגנער, אז זיי פערשטעהען אויך וויא צו אָרגאני־
זירען א דעמאָקראטישע רעפּובליק, אז זיי קענען ניט בלויז צושטערען
אלטע פיהרונגען, זאָנדערן אויך שאפען נייע צו דער בעפרידיגונג
פון פאָלק.

דיא יאקאָבינער קאָמיסיאָן האט זיך פון דעסטוועגען בענוצט
מיט קאָנדאָרסע'ס ארבייט און האט דארום געקענט צופערטיגען אין
עטליכע טעג א פּלאן פון א קאָנסטיטוציאָן, וועלכע איז זיכער דיא
רעוואָלוציאָנערסטע, וואס מען האט ביז היינט צו טאָג פערפאסט אין
דער וועלט. דיא מאָנטאניארען האבען קיין צייט געהאט צו דיסקוטי־
רען איהרע פּונקטען און מען האט איהר דארום שנעל אָנגענומען.

דיזע קאָנסטיטוציאָן, וואס טראָגט אויך דעם נאָמען „דיא קאָנ־
סטיטוציאָן פון ערשטען יאהר פון דער רעפּובליק", איז בעשטאנען פון

35 אַרטיקלען, וועלכע האָבען בעשטימט דיא רעכטע פון מענש און פון בירגער, און פון 180 אַרטיקלען, וועלכע האבען בעשטימט דיא אָרגאַניזאציאָן פון א ריינע דעמאָקראַטישע רעפּובליק.

דיא וויכטיגסטע פּונקטען זיינען, אַז דער לעצטער וואָרט וועגען געזעץ און רעגירונג געהערט צום פאָלק דורך אַ רעפערענדום אָדער אור־אבשטימונג. גאַנץ פראַנקרייך איז צוטהיילט געוואָרען אין דיסטריקטען פון אונגעפעהר 50 טויזענד נפשות. יעדער דיסטריקט האט געהאט אויסצוקלייבען איין פערטרעטער אין פּאַרלאַמענט. אַלע מענער פון 21 יאָהר אָן האָבען געהאַט אַ שטימרעכט אָהן שום בעשרענקונגען וועגען פערמעגען, וויא פריהער. דיא בעשטימונגען פון פּאַרלאַמענט זיינען גערעכענט געוועזען פאַר געזעץ זאָ לאַנג „אין מיט איינעם מעהר וויא אַ העלפט פון דיא דעפּאַרטאַמענטען האט זיך אַ צעהנטעל פון דיא בירגער־אסיפות פון דיא געמיינדען ניט אויסגעשפּראָכען געגען". אַלע בעשליסע פון פּאַרלאַמענט האָבען געזאָלט געשיקט ווערן צו דיא געמיינדען, אַז זיי זאָלען דאַריבער אויסשפּרעכען זייער מיינונג. דער פּאַרלאַמענט האט געזאָלט געוועהלט ווערן יעדען יאָהר. דיא רעגירונג איז איבערגעגעבען געוועזען צו אַ קאָמיטעט פון 24 מיטגליעדער נאָך דער אָפּשטימונג פון פּאַרלאַמענט. יעדער דיסטריקט האט געהאַט אַ רעכט פאָרצושלאָגען אַ קאַנדידאַט פאַר דעם רעגירונגס־קאָמיטעט.

לויט נאָך דיזער קאָנסטיטוציאָן איז דאס פאָלק אַלזאָ געוועזען דער פאָלקאָמענער הערשער איבער זיך זעלבסט, דען דאס וועטאָ־רעכט האט געהערט צו דיא וועהלערס. איין פּונקט פון דיזער העכסט דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציאָן האט נאָך אַנערקענט דאס רעכט פון נויטבעדירפטיגע בירגער אויף אונטערשטיצונג דורך פערשאַפען זיי אַרבייט. דיזער פּונקט האט געלויטעט אזוי: „עפענטליכע אונטערשטיצונגען זיינען אַ הייליגע פפליכט. דיא געזעלשאַפט דאַרף זאָרגען צו העלפען דיא אונגליקליכע בירגער דורך שאַפען אַרבייט פאַר זיי אָדער דורך פערזיכערן עקזיסטענץ־מיטעל פאַר דיא יעניגע, וואס זיינען אונפעהיג צו אַרבייטען".

אין אַלגעמיינען איז דאס נאר געוועזען אַן אַנערקענונג פון עפענטליכע צדקה; אָבער דיא פערפליכטונג צו פערשאַפען אַרבייט פאַר

נויטלײדענדע האט ענטהאלטען פיעל מעהר וויא אײנפאכע צדקה, נעמליך: דאס רעכט אויף ארבייט, א רעכט וואס איז זייט דעם פערלאנגט געוואָרען פון אויפגעקלערטע ארבייטער און וואס האט געשפיעלט א בעזאָנדערס גרויסע ראָלע אין דער פראנצויזישער רעוואָ־לוציאָן פון 1848.

נאָר, וויא שוין בעמערקט, איז דיזע קאָנסטיטוציאָן פערבליבען א טויטער בוכשטאב. דער קאָנוועגט האט בעשטימט, אז מען קען איהר ניט אָנווענדען ביז מען וועט ניט ענדיגען דעם קאמפף מיט די פיינדע פון דער רעפובליק און איינפיהרען רוהע און פריעדען. אין אזא צייט, ווען מען האָט געהאט צו פיהרען מלחמה מיט אזוי פיעל שונאים וואָלט עס געוועזען זעלבסטפערניכטונג זיך צו ווענדען וועגען יעדען בע־שלום צו דער אורבשטימונג פון פאָלק. דיא רעפובליק האָט זיך דאן געקענט האלטען נאָר דורך א שטארקע און זאָגאר דיקטאטאָרישע צענטראל־מאכט, וויא דיא יאקאָבינער האבען עס אין דער ווירקליכ־קייט איינגעפיהרט.

יעדענפאָלס האט דיזע פאפירענע קאָנסטיטוציאָן געמאכט א גאנץ גוטע ווירקונג אויף פיעלע דעפּארטאמענטען, וועלכע האָבען זיך געהאלטען נייטראל אָדער זיינען געוועזען געגען דיא יאקאָבינער.

דיא בירגער אין דיא פּראָווינצען האָבען איינגעזעהען, אז דיא מאָנטאניארען מיינען ניט שטענדיג צו הערשען וויא דיקטאטאָרס און זוכען פארקעהרט דיא שטיצע פון גאנצען פאָלק. דארום זיינען זיי צוגעשטאנען צום קאָנוועגט און האבען געשיקט דעלעגאטען צום גרויסען יום טוב, וואס איז אָרגאניזירט געוואָרן אין פאריז דעם 10 אויגוסט 1793. דיזען טאג האט מען צוגלייך געפייערט דיא אָפּשאפונג פון דער מאָנארכיע און דיא אויפנאהמע פון דער קאָנ־סטיטוציאָן. יעדער בעצירק האט געשיקט איין דעלעגאט. דיזע דעלעגאטען, אונגעפעהר 8.000, מיט א מאסע רעוואָלוציאָנערען פון פאריז האבען מארשירט צום קאָנוועגט אונטער דיא געשרייען: „עס לעבע דיא רעפובליק! עס לעבע דיא מאָנטאניארען!“ אלע צוזאמען האבען געטאנצט דיא קארמאניאָלע אין זאל פון קאָנוועגט.

בײ דיא צערעמאָניעס, וועלכע זײנען אָרגאַניזירט געוואָרן פון דעם מאָלער דאַווידּ, האָט מען אנשטאָט גאָט געברויכט דעם וואָרט נאַטור. דיא מאָנטאַניאַרען האָבען דערמיט אָפען אַרויסגעצײגט זײער פײנדשאַפט צום קריסטענטהום און זיך ערקלערט פאַר אַטעאיסטען. אויף דער באַסטיליע, צווישען דיא חורבות פון דער צערשטערטער פעסטונג, האָט מען אױפגעשטעלט אַ ריזיגע סטאַטוע פון דער נאַטור מיט דער אונטערשריפט אונטען „מיר זײנען אַלע איהרע קינדער". פון איהרע צװײ בריסט װאָס זיא האָט געדריקט מיט איהרע הענד, האָבען זיך געגאָסען צװײ קװאַלען רײנע װאַסער—אַ צײכען פון דער נאַטור׳ס פרוכטבאַרקײט.

דעם 10 אויגוסט, 4 אוהר מאָרגענס, זײנען אויף דעם באַס־טיליע־פּלאַץ אָנגעקומען דיא מיטגליעדער פון קאָנװענט, דיא דעלע־גאַטען פון דיא געמײנדען און 83 אַלטע מענער פון דיא דעפּאַרטאַמענטען, אום צו פײערן דיא פעראײניגונג פון פראַנקרײך אין אַ רעפּוב־ליק. דיזע פײערליכקײט טראָגט דארום דעם נאָמען פעדעראַציאָנס־פעסט. הערא־דע־סעשעל, דער פּאָרזיצענדער פון קאָנװענט, האָט געפּראַװעט דיא צערעמאָניע, וועלכע איז געװען אַ פערעהרונג פון דער נאַטור. דיא אויפגעהענדע זון איז בעגריסט געװאָרן פון דיא בעװאַפּענטע סעקציאָנען און פון אַרבײטער־מאַסען מיט אַ געזאַנג פון דער מאַרסעליעזע.

הערא־דע־סעשעל האָט זיך אױפגעשטעלט לעבען דער נאַטור׳ס סטאַטוע און האָט אויסגערופען: „אָ נאַטור! הערשערין פון װילדע און פון אויפגעקלערטע פעלקער! דיזעס פאָלק װאָס האָט זיך צוזאַמענגע־קליבען בײ דיא ערשטע שטראַהלען פון טאָג פאַר דיר—איז פרײ! אין דײן ברוסט, אין דײנע הײליגע קװאַלען האָט עס ערװאָרבען זײנע רעכטע און האָט זיך אויפגעהױבען נאָך פיעלע יאָהרהונדערטע פון פינסטערניס און שקלאַװערײ. אָ נאַטור! נעהם אָן דעם אויסדרוק פון דיא אײביגע טרײהײט פון דיא פראַנצויזען צו דײנע געזעץ. זאָלען דיזע פרוכטבאַרע װאַסערן װאָס שפּריצען אַרוים פון דײנע בריסט, אַל דיזער רײנער געטראַנק װאָס האָט ערקװיקט דיא ערשטע מענ־שען, פערהײליגען אין דיזער טאָגע פון ברידערליכקײט און גלײכהײט

דיא שבועות וואס פראנקרייך שווערט דיר דיזען טאָג, דעם שענסטען וואָס דיא זון האט בעלייכטען זייט ,זיא הענגט אין דער אונענדליכ־קייט פון דער וועלט!"

נאָך דיזע קרעפטיגע ווערטער האט ער אָנגעשעפּט אין דער טאַסע וואַסער פון דעם „ברונען פון ווידערגעבורט", וואס איז גע־פלאָסען פון דער נאַטור'ס בריסט, האט בעשפּריצט דיא סטאַטוע און דיא ערד ארום, האט א טרונק געטאָן און דערלאַנגט דיא טאַסע צו דיא 83 אַלטע לייט, וואס זיינען אויסגעקליבען געוואָרן צו טראָגען דיא פאָהנען פון זייערע דעפּארטאַמענטען. דער עלטסטער פון זיי, וועלכער האט דער ערשטער גענומען דיא טאַסע פון פּרעזידענט'ס האנד, האט געזאָגט: „איך שטעה שוין אויפ'ן שוועל פון קבר, נאָר דריקענדיג ד'זע טאַסע צו מיינע ליפּען, גלויב איך ווידער געבאָרן צו ווערן מיט דער נייע־אויפגעקומענער מענשהייט". אן אנדער אלטער, וועמעס שניי־ווייסע האָר האבען זיך געטרייסעלט אין לופטען, האט טרינקענדיג אויגעשריען: „ווייא פיעל טעג זיינען פאָריבער איבער מיין קאָפּ, אָ נאַטור! איך דאנק דיך וואס דו האָסט ניט געענדיגט מיין לעבען פאר דיזען טאָג".

יעדעס מאָל וואס דיא טאַסע פלעגט איבערגעגעבען ווערן פון איין אַלטען מאן צום אַנדערן האט דאס פאָלק ענטהוזיאסטיש אפּלאָ־דירט און קאַנאָנען האבען געדונערט.

נאָך דיזער זינרייכער צערעמאָניע האבען אַלע מאַרשירט צום רע־וואָלוציאָנס־פּלאַץ, וואו מען האט פערברענט א וואָגען בעלאָדען מיט צייכענס פון קנעכטשאפט. אין דיא פלאַמען האט זיך בעוויזען א סטאַטוע פון פרייהייט, וועלכע איז בעגריסט געוואָרן מיט יובעל־געשרייען פון פאָלק און מיט א שיסעריי פון קאַנאָנען. אין דער זעלבער צייט האט מען געלאָזט פליהען טויזענדע פויגלעך בעפּוצט מיט טריקאָלאָרען (דריי־פארבינע לענטעס), אָנצוקינדיגען אין אַלע לענדער וועגען דיא פרייהייט און פערברידערונג פון דיא פראַנצויזען.

פון דעם רעוואָלוציאָנס־פּלאַץ איז דיא ריזיגע פּראָצעסיאָן אוועק נאָך דעם מאַרספעלד, וואו אַלע האבען געשוואָרען אונטער א דונער פון קאַנאָנען צו פערטהיידיגען דיא קאָנסטיטוציאָן ביז'ן טויט. הערא־דע־סעשעל האט צוזאמענגענומען דיא פּיקעס, וואס דיא 83 אַלטע

לייט האבען געטראָגען, און האָט זיי צוזאַמענגעבונדען אַלס אַ צייכען, דאַס אַלע דעפּאַרטאַמענטען זיינען פעראייניגט. דיזער בינטעל פּיקעס איז געוואָרען דער שילד פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק.

דערמיט האבען זיך געענדיגט דיא אָפיציעלע צערעמאָניעס. דאס פאָלק האט נאָך געפייערט עטליכע טעג דעם גרויסען פערברידערונגס יום טוב דורך טענץ און אַנדערע אונטערהאַלטונגען.

דריי־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

זשיראָנדיסטישע אויפשטאַנדען און דיא צושטערונג פון ליאָן.

אין רעכטען מיטען פון דיא פעסטליכקייטען לכבוד דיא יאקאָבינער קאָנסטיטוציאָן זיינען אָנגעקומען זעהר בעאונרוהיגענדע נאַכריכטען פון פערשיעדענע פונקטען. פון אַן אויספיהרונג פון דער קאָנסטיטוציאָן האט גאר קיין רייד ניט געקענט זיין אין אַ צייט פון אויפשטאַנדען אין פיעלע דעפּאַרטאַמענטען. דער קאָנווענט האט דארום בעשלאָסען מיט דער צושטימונג פון אַלע דעלעגאַטען פון דיא פּראָווינצען אָפצולייגען דיא קאָנסטיטוציאָן און דערווייל צו האַנדלען דיקטאַטאָריש.

דיא ערגסטע נייעס וואס זיינען דאן ערהאַלטען געוואָרן, איז געוועזן, דאַס גענעראַל קוסטין האט געמוזט אָפּטרעטען פון מאַינץ, ווען ער איז אַטאַקירט געוואָרן פון אַ פיעל גרעסערע פּרייסישע אַרמעע. דיא 17 טויזענד פראַנצויזישע סאָלדאַטען, וואָס האבען געמוזט פערלאָזען מאַינץ מיט דער בעדינגונג, אַז זיי זאָלען מעהר ניט קעמפּפען געגען דיא אויסלענדישע אַרמעען, זיינען באַלד אוועקגעשיקט געוואָרן פון קאָנווענט נאָך וואַנדעי, וואו דער בירגערקריעג האט דאן דערגרייכט זיין העכסטע שטופע. דיזע אַרמעע איז כמעט אין גאַנצען אויסגעשלאַכטעט געוואָרן פון דיא וואַנדעיער. וואס אַנבעלאַנגט צום גענעראַל קוסטין, האט מען איהם אָפּגעגעבען צום רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל אויף דער קלאַגע אין פעררעטה און גיליאָטינירט, וויא עס איז שוין אין אַ פריהערען קאַפּיטעל בעמערקט געוועזן.

אויסער וואנדעי האט דער קאָנווענט געהאט שטארקע אינ־לענדישע געגנער בעזאָנדערס אין ליאָן. דיא זשיראָנדיסטען וואס האבען זיך געקענט רעטען דורך פליטה פון פאריז אין קאען, האבען זיך צושפרייטעט אין עטליכע זידליכע שטעט, וואו זיי האבען געזוכט אויפצוהייבען דיא בעפעלקערונג געגען דעם קאָנווענט. נאר זיי האָ־בען גאנץ ווייניג אויסגעפיהרט. באָרדאָ, דער אָרט פון דיא וויכטיג־סטע זשיראָנדיסטישע פיהרערס, האט זיך באלד אונטערגעגעבען דעם קאָנווענט, וועלכער האט דערפאר נאר לייכט בעשטראָפט די־זע האנדעלס־שטאָט. דער פייערדיגער יאקאָבינער טאליען, וועלכער איז אהין געשיקט געוואָרן אלס קאָמיסאר פון קאָנווענט מיט דער מאכט פון א דיקטאטאר, האט זיך דאָרט פערליעבט אין דער שעהנער טאָכטער פון א שפאנישען באנקיר, וועלכע האט איינגעשטילט זיין רעוואָלוציאָנערען צאָרן און האט איהם שפעטער אומגעוואנדעלט אין א רעאקציאָנער.

מארסעל האט זיך אונטערגעגעבען אין אויגוסט נאכדעם וויא דער יאקאָבינער גענעראל קארטאָ האט צוטריבען דיא וואָלאָנטירען, וואס דיזע שטאָט האט ארויסגעשיקט צו העלפען דיא ליאָנער געג־נער פון קאָנווענט. דער מאָנטאניאר פרעראָן, דער קאָמיסאר פון קאָנווענט, האט דאָרט גענומען בלוטיגע ראכע. עטליכע הונדערט פערזאָן זיינען הינגעריכטעט געוואָרן. דיא פיהרערס זיינען אנטלאָפען נאך דער פאָרט־שטאָט טולאָן, וואס האט זיך אויך ערקלערט צו גונסטען פון דיא זשיראָנדיסטען. דער קאָנווענט האט נאך בעפוילען, אז מארסעל זאָל פערלירען איהר נאמען און זאָל גערופען ווערן ,,געמיינדע אָהן א נאָמען''.

דיא אנטלאָפענע פון מארסעל האבען ארויפגעיאָגט אזא שרעק אויף דיא טולאָנער מיט זייערע געשיכטען וועגען דיא רציחות פון פרעראָן און פון אלע אנדערע מאָנטאניארען, אז דיא בעפעלקערונג פון טולאָן האט בעשלאָסען ליבערסט זיך אונטערצוגעבען צו דיא ענגלענדער וויא צום קאָנווענט. דער ענגלישער אדמיראל וואוד, וועלכער האט אויפגעפאסט אויף דעם פאָרט פון טולאָן, וואו עס האבען זיך געפונען 50 גרויסע פראנצויזישע קריעגשיפען, האט אָנגעבאָטען דיא טולאָנער צו בעשי־

צען זיי געגען דיא מאָנטאַניארען, אויב זיי וועלען איהם איבערגעבען דיא שטאָט, דעם האַפען און דיא פעסטונגען. זיי האבען אָנגענומען זיין פאָרשלאַג און ער האט דאָרט ערקלערט דיא קאָנסטיטוציאָן פון 1791, און דער אכטיעהריגער זוהן פון לודוויג XVI, וועמען דיא פאריזער קאָמונע האט דאן איבערגעגעבען אויף לעהרע צום יאַקאָבינער שוסטער סימאָן, איז ערקלערט געוואָרן קעניג אונטער דעם נאָמען לודוויג XVII. דורך דיזען פעררראַטה, פאר וועלכען טולאָן האט שפּעטער שרעקליך געליטען פון קאָנוועגט, האט פראנקרייך פער־לאָרען איהר בעסטע פלאָטע.

ליאָן האט זיך ערשט אונטערגעגעבען אין אָקטאָבער נאך א בעלאגערונג און א פירכטערליכען קאמפּף. אין א פאָריגען קאפּיטעל איז שוין אָנגעצייגט געווען, אז מאָנארכיסטען זיינען זיך צוזאמענגעקומען אין ליאָן, אום צו העלפען דיא קויפלייטע קעמפּפען געגען דעם קאָנ־ווענט. דיא ליאָנער האבען געהאט גענוג געוועהר. זיי האבען אויך פאבריצירט קאנאָנען, אָבער זיי איז ניט געלונגען צו מאכען אזעלכע גרויסע קאנאָנען וויא דיא יאקאָבינער ארמעען האבען געהאט. אונ־טער דער קאָמאנדע פון דעם מאָנארכיסט פּרעסי האבען זיי לאנג אויס־געהאלטען דיא פירכטערליכע אטאקעס און באָמבארדירונג פון דיא ארמעען, וואס דער קאָנוועגט האט ארויסגעשיקט געגען זיי. נאר אין דער צייט, ווען דיא ליאָנער קרעפטע זיינען אלץ קלענער געוואָרן, וויל דיא שטאָט איז ארומגערינגעלט געווען, האבען דיא יאקאָבינער אלץ צוגעשיקט פערשטערונגען. קוטאָהן, דער דיקטאטאָר־קאָמיסאר פון קאָנוועגט, איז אָנגעקומען מיט אן ארמעע פון 25.000 מאן און מיט א סך ארטילעריע. ער האט געהייסען באָמבארדירען דיא שטאָט אָהן ערבארמען. דערצו נאך האט דיא ליאָנער בעפעלקערונג אלץ שטארקער אָנגעפאנגען צו ליידען פון הונגער. ענדליך האבען דיא סאָלדאטען פון קאָנוועגט פעריאָגט דיא ליאָנער פון דיא פעס־טונגען, און דיא שטאט האט זיך געמוזט אונטערגעבען. דיא קאָ־מאנדירען פּרעסי און ווירע האבען צוזאמענגעקליבען זייערע בעסטע סאָלדאטען און בעשלאָסען זיך דורכצורייסען דורך דעם אייזערנעם צירקעל פון דער יאקאָבינער ארמעע, אום ניט נאר זיך זעלבסט צו

רעטען, זאָנדערן אויך אום צו ערלייכטערן דיא שטראָף פון דיא איינוואָהנער פון שטאָט. נאר דיא קאָמאַנדירען פון דיא יאַקאָבינער האבען זיך דערוואוסט דורך זייערע שפּיאָנען וועגען דיזען פּלאַן פון דיא מאָנאַרכיסטישע קאָמאַנדירען און דער סוף איז געווען, אז זעהר ווייניג פון דיא אַנטלאָפענע האבען זיך גערעטעט. דיא וואָס האבען זיך ארויסגעריסען פון ליאָן זיינען אויפ'ן וועג נאך שווייץ, וואו זיי האבען זיך געוואלט רעטען, געטויטעט געוואָרען אין דיא שטעטלעך און דערפער, וועלכע האבען אַלע געהאלטען מיט דעם קאָנוועגט. פון דער גאַנצער ליאָנער מחנה זיינען בלויז פּרעסי מיט 60 מאַן אַריבער לעבעדיגע דער גרענעץ פון שווייץ.

אויף דעם פּאָרשלאַג פון באַרער האָט דער קאָנווענט בעשלאָסען איינפאך צו צערשטערען דיא גרויסע האַנדעלס־שטאָט. דיא מאָנטאַניאַרען קוטהאָן, קאָלאָ דהערבוא און פושע האבען אויסגעפיהרט פאָלגענדען שרעקליכען בעפעהל פון קאָנווענט: „א קאָמיסיאָן פון פינף מיטגליעדער פון קאָנווענט זאָל זיך בעגעבען נאָך ליאָן, אום צו פּערהאַפטען און מיליטעריש הינצוריכטען אַלע גענען־רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האבען דאָרטען געקעמפּפט מיט וואַפען אין האַנד. אַלע איינוואָהנער פון דער שטאָט, אויסער דיא וואס האָבען קיין אַנטהייל ניט גענומען אין דעם אויפשטאַנד, זאָלען ענטוואַפענט ווערן. דיא שטאָט ליאָן זאָל צושטערט ווערן. עס זאָלען נאָר בלייבען דיא הייזער פון אָרימע, פאַבריקען, ווערקשטאַטען, האָספּיטעלער, שולען און עפענטליכע געביידעס. דיא שטאָט זאל אין דער צוקונפט מעהר ניט הייסען ליאָן, זאָנדערן „בעפרייטע געמיינדע". אויף דיא חורבות פון דער שטאָט זאָל אויפגעשטעלט ווערן א מאָנומענט מיט דער אויפשריפט: „ליאָן האט געפיהרט קריעג געגען פרייהייט—ליאָן עקזיסטירט ניט מעהר".

דיא קאָמיסארען האָבען אָרגאַניזירט א קאָמיטעט צו צערשטערן דיא הייזער פון דיא געגנער, דאס הייסט פון דיא מאָנאַרכיסטען און קויפלייטע. קוטהאָן, וועלכער איז געווען פּאַראַליזירט, פלעגט ארומגעטראָגען ווערן פון איין הויז צו דער אַנדערער אין דיא רייכסטע קוואַרטאַלען, וואו ער פלעגט דערלאַנגען א קלאַפּ מיט א זילבערנעם האמערל

אָן יעדע פערזאָנליכקייט ...

פיער־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

היגריכטונגען פון מאַריע אַנטואַנעטע, זשיראָנדיסטען און פיליפּ עגאַליטע.

נעהמען זייערע פערוואַנדטע און אַנדערע בעזוכער און קאָרעספּאָנדירען. אלע האבען זיך געקענט צוזאַמענטרעפען און זיך אונטערהאַלטען. אום צו פערטרייבען דיא צייט, האָבען דיא אַרעסטירטע מענער און פרויען אַראַנזשירט פּאָרלעזונגען, פּאָרשטעלונגען און זאָגאַר מאַסקען־בעלער. מען האט דאָרטען אויך פייערדיג דעבאַטירט וועגען פּאָליטישע פראַגען און געפיהרט ליעבעס. פון צייט צו צייט פלעגט מען רופען עטליכע געפאַנגענע צום רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל. אַלע האבען געוואוסט וואס דאס מיינט, אָבער דיא פערבליבענע האבען דאך פּאָרטגעזעצט זייערע אונטערהאַלטונגען מיט עכט פראַנצויזישער לעבהאַפטיגקייט און ליעבענס־ווירדינקייט. דיא וואס פלעגען ארויסגעפיהרט ווערן פון געפענגניס צום רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל, אום באַלד נאכדעם געפיהרט צו ווערן צום עשאַפאָט, דען דיזער שרעקליכער געריכט האט זעלטען וועמען פריי־געשפּראָכען און האט קיין אַנדער שטראָף ניט געברויכט אויסער דעם טויט.—זיי פלעגען זיך רוהיג און הערצליך געזעגענען מיט זייערע קאַמעראַדען, וועלכע האבען גוט געוואוסט, אַז זייער רייהע וועט באַלד קומען. אַלע זיינען געגאַנגען צום טויט מיט אַ מערקווירדיגען מוטה.

דעם 14 אָקטאָבער 1793 איז אויך געקומען דיא רייהע פון דער קעניגין מאַריע אַנטואַנעטע, וועלכע מען האט דאַן גערופען „אלמנה קאַפּעט", צו ערשיינען פאַר דעם רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל. ראָ־בעספּיער און דיא מיטגליעדער פון דער קאָמונע האבען שוין לאַנג בעשלאָסען איהר צו גיליאָטינירען. דעם 7 אויגוסט 1793 ביי נאַכט האט מען איהר איבערגעפיהרט פון טעמפּעל נאך דער קאָנסיערזשעריי־געפענגניס. דאָרט איז זיא שטרענג בעוואַכט געווארן פון זשאַנדאַר־מען. איהר זוהן און טאָכטער און עליזאַבעטע, דיא שוועסטער פון קעניג, זיינען פערבליבען אין טעמפּעל. דעם זוהן, דעם געוועזענעם יורש פון פראַנצויזישען טראָן, האט דיא קאָמונע אָפּגעגעבען דעם יאַקאָבינער שוסטער סימאָן אויף לעהרע.

פוקיע־טינוויל, דער שרעקליכער פּראָקוראָר פון רעוואָלוציאָ־נערען טריבונאַל, האט צוערשט נאָכגעפרעגט דיא געוועזענע קעניגין וועגען דיא קלאַגען געגען איהר און דעם נעכסטען טאָג האט ער צוגעגרייט אַן אַנקלאַגע־אַקט אין פערשווערונגען מיט אויסלענדישע

און אינלענדישע שונאים פון דער רעוואָלוציאָן. דער פּראָצעס האט געדויערט 3 טעג, דען מען האט אויסגעהערט 40 עדות. דיא גע־שוואָרענע, וועלכע זיינען כמעט אלע געווען ארבייטער (2 שניידערס, 2 טישלער, 1 שלאָסער, 1 מאלער, 1 פּאריקמאכער, 1 צימערמאַן, 1 דרוקער, 1 בירורג, 1 גערכטסדינער און 1 געוועזענער מיטגליעד פון דער געזעצגעבענדער פערזאמלונג), האבען איהר ערקלערט שול־דיג און דער טריבונאל האט איהר פערטהיילט צום טויט.

דיא גאַנצע צייט האט זיך מאַריע אַנטואַנעטע געהאַלטען פעסט און שטאָלץ. זיא האט קורץ און שאַרף געענטפערט אויף דיא פראַגען און האט ענערגיש געלייקענט אַלע בעשולדיגונגען. זיא האט בעוויזען אַז זיא איז געווען פיעל פעהיגער פאַר איהר מאַן. פאַר'ן טויט האט זיא אָנגעשריבען אַ זעהר ריהרענדען בריף צו דעם קעניג'ס שוועסטער אין טעמפּעל, אבער דיזען בריף האט מען איבערגעגעבען צו ראָבעספּיער'ן, וועלכער האט איהם געהאַלטען ביי זיך. דעם 16 אָקטאָבער, ווען מען האט איהר געפיהרט צום עשאַפאָט אויף דעם רעוואָלוציאָנס־פּלאַץ, זיינען דיא סעקציאָנען געשטאַנען אויפ'ן וועג בעוואָפענט. מען האט אויסגעשטעלט קאַנאָנען; אבער דאס איז געווען גאַנץ איבעריג. קיינער וואָלט זיך אין דער צייט ניט אָנגענומען פאַר דיא קעניגין, וועלכע איז בעזאָנדערס פערהאַסט געווען פון פאָלק.

דעם 24 אָקטאָבער האט זיך אָנגעפאַנגען דער פּראָצעס פון דיא זשיראָנדיסטען. דער יאַקאָבינער אַמאַר האט צוזאַמענגעשטעלט דעם אַנקלאַגע־אַקט געגען זיי, געגען פיליפּ עגאַליטע און געגען עט־ליכע דעפּוטאַטען, וואס זיינען נאָך געזעסען אין קאָנווענט. ער האט פערלאַנגט, אַז דער קאָנווענט זאָל זיי אַלעמען גלייך איבערגעבען צום רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל. וואָרפענדיג פייערדיגע בליקען אויף דער זייט וואו עס זיינען נאָך געזעסען עטליכע אונטערשטיצער פון דיא זשיראָנדיסטען, האט אַמאַר אויסגעשריען: „דער קאָנווענט דאַרף ניט פערגעסען, אַז ער האט נאָך אין זיין מיטען פעררעטהער, וואס מוזען בעשטראָפט ווערן נאָך'ן געזעץ. זיי זיצען דאָ, זיי הערען וואס איך זאָג. דיא פייגלינגע טראַכטען יעצט וויא צו אַנטלויפען. מען מוז זיי פערהאַלטען אין דיזען זאַל.“

דער קאָנווענט האט גלייך בעשלאָסען צו פערמאכען דיא טירען פון זאַל. עטליכע דעפוטאטען זיינען ארעסטירט געוואָרען אויפ'ן אָרט. מען האט זיי אוועקגעשלעפט אין געפענגנים, וואו עס זיינען געזעסען דיא זשיראָנדיסטען, וואס זיינען ארעסטירט געוואָרן דעם 2 יוני און וואס האבען ניט געוועלט אדער ניט געהאט דיא מעגליכקייט צו אנטלויפען. צוזאמען זיינען זיי געווען 21, נעמליך: בריסאָט, ווערניאָ, זשאנסאָנע, לאַסורס, וואלאזע, גארדיען, בואלאָ, לעהארדי, וויזשעי, פאָנפרעד, לאקאז, דיוקאָ, מענוויעל, דיופערע, פאָשע, סילערי, קארא, באָווע, דיופרא, דיושאטעל. מען האט זיי אויך גערופען בריסאָטיסטען נאך דעם נאָמען פון זייער הויפּטפיהרער בריסאָט. דיא הויפּטקלאַגע געגען זיי איז געווען, דאָס זיי האבען געהאָלפען דיא אויפשטאנדען אין דיא דעפּארטאמענטען. זיי האבען זיך ענערגיש און געשיקט פערטהיידיגט. בריסאָט און ווערניאָ האבען אָנגעווענדעט זייער גלענצענדען רעדנער־טאלענט, אבער אַלע זייערע רעדעס זיינען געווען אומזיסט. ראָבעספּיער און זיינע פריינד האבען בעשלאָסען, אז דיא זשיראָנדיסטען מוזען שטארבען אויפ'ן עשאַפאָט, און דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל האט געטאָן, וואס דער דיקטאטאָר ראָבעספּיער האט געפאָדערט.

דיא האלטונג און דיא רעדעס פון דיא זשיראָנדיסטען האבען קלאָר געצייגט, אז זיי האבען זיך גאר ניט פאַרגעשטעלט, דאס מען וועט זיי, אויפריכטיגע רעפּובליקאנער, וועלכע האבען אזוי פיעל מיטגעווירקט אין דער רעוואָלוציאָן, פעראורטהיילען צום טויט. דער פּראָצעס וואָלט זיך לאנג געצויגען, ווען ראָבעספּיער וואלט פריהער ניט דורכגעפיהרט א פּאָרשלאַג אין קאָנווענט, דאס אַלע געריכטספערהאנדלונגען מעג מען אָפּהאקען אין רעכטען מיטען, ווען דיא געשוואָרענע ערקלערען, אז זיי ווייסען שוין גענוג און קענען אָפּגעבען אן אורטהייל. ביי דעם פּראָצעס פון דיא זשיראָנדיסטען האט מען זיך בענוצט מיט דיזען געזעץ. דעם 30 אָקטאָבער האט דיא דזשורי ערקלערט אַלע 21 אָנגעקלאָגטע שולדיג און דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל האט זיי זאָפאָרט פעראורטהיילט צום טויט. זיי האבען צוערשט ביטער און העפטיג פּראָטעסטירט, נאכהער האבען זיי זיך

אלע ארומגענומען. וואלאזע האט זיך אָבער אליין דערשטאָכען מיט א שארפען מעסער וויא נאר דער טויטאורטהייל איז אויסגעשפּראָכען געוואָרן. דער טריבונאל האט אויפ׳ן שטעל בעשלאָסען, אז זיין קערפּער זאל מיטגעפיהרט ווערן מאָרגען צום עשאפאָט צוזאמען מיט אלע פעראורטהיילטע.

דיא נאכט פאר דער הינריכטונג האבען דיא זשיראָנדיסטען פערבראכט צוזאמען און האבען זיך געטרייסט איינער דעם אנדערן. אייניגע האבען גזונגען דיא מארסעליעזע און אנדערע רעוואָלוציאָנערע ליעדער. זיי האבען זיך געהאלטען העלדענמוטהיג ביז דער לעצטער מינוט. לעבען עשאפאָט האבען זיי זיך ווידער ארומגענומען און ווידער געזונגען דיא מארסעליעזע.

בלויז עטליכע פון דיא טאלענטפאָלע זשיראָנדיסטען איז געלונגען זיך צו רעטען פון דיא אייזערנע הענד פון דיא יאקאָבינער. גאדע, בארבארו און סאל זיינען היינגעריכטעט געווארן אין באָרדאָ, דיא הויפּטשטאָט פון דעם דעפּארטאמענט, וועמעס נאָמען זייער פּארטיי האט געטראָגען. גאדע׳ס שוועסטער איז אויך היינגעריכטעט געווארן, ווייל זיא האט בעהאלטען איהר ברודער און אנדערע זשיראָנדיסטען. בארבארו האט זיך אריינגעשאָסען 2 קוילען, און מען האט איהם אוועקגעשלעפּט אויפ׳ן עשאפאָט א האלב־טויטען.

ביוזאָ און פּעטיאָן, דער פריהער פערגעטערטער בירגערמייסטער פון פּאריז, זיינען געפונען געווארן צופרעסען פון וועלף אין א וואלד ניט ווייט פון באָרדאָ. לעברען, דער געוועזענער מיניסטער פון אויס־לענדישע אנגעלעגענהייטען, איז געקעפּט געווארן אין פּאריז. קלאַוויער, דער געוועזענער פינאנץ־מיניסטער, וועמען עס האט ערווארטעט אָן עהנליכער סוף, האט בעגאנגען זעלבסטמארד אין געפענגניס. זיין פרוי האט געפאָלגט זיין ביישפּיעל.

דיא מאָנטאניארען האבען זיך אויך בלוטיג אָפּגערעכענט מיט דער עדעלער און גלענצענדער מאדאם ראָלאָן. זיא איז פערבליבען אין פּאריז, ווייל זיא האט גערעכענט, אז מען וועט איהר צו רוהע לאָזען. איהר מאן איז געווען בעהאלטען אין א זיכערן אָרט אין נארמאנדיע. מען האט איהר אָבער אין דיזער שרעקענס־צייט אויך

אַרעסטירט. זיצענדיג אין געפענגניס, האט זיא געשריבען איהר לעבענסגעשיכטע און האט זיך געהאַלטען רוהיג און מונטער. אין רעוואָלוציאָנערען טריבונאל, וועלכער האט געשאָטען מיט טויט־אור־טהיילען, האט זיא זיך גלענצענד און ענערגיש פערטהיידיגט. אין געפענגניס איז זיא פערגעטערט געווען פון אַלע געפאַנגענע, וועלכע האבען ביטער געקלאָגט, ווען מען האט איהר דעם 8 נאָוועמבער אַרויסגעפיהרט צום עשאַפאָט. ווען דיזע נאָבעלע פרוי האט דער־זעהען אויפ'ן וועג צום עשאַפאָט א ריזיגע סטאַטוע פון פרייהייט, האט זיא אויסגעשריען: „אָ פרייהייט! וויפיעל פערברעכען מען בע־גייט אין דיין נאָמען!“

ווען איהר מאַן האט זיך דערוואוסט פון איהר טראַגישען סוף, איז ער ארויס פון זיין זיכערן בעהאַלטונגס־אָרט, האט א געוויסע צייט ארומגעבלאָנדזעט איבער פעלדער און האט זיך דערשטאָכען לעבען א דעמבע־בוים. אין זיין קעשענע האט מען נאָר געפונען א צעטעלע מיט פאָלגענדע ווערטער: „ראָלאַן — רעספּעקטירט דעם קערפּער פון אַן עהרליכען מאַן“.

דער גרויסער פילאָזאָף קאָנדאָרסע האט געהאט א זיכערן בע־האַלטונגס־אָרט אין פּאַריז זעלבסט. ער האט דאָרט געשריבען א פילאָזאָפישע ווערק איבער דער מענשהייט. נאָר ער האט ניט געקענט איינזיצען אין איינזאַמקייט און איז איין אבענד ארויס געניסען פרישע לופט און וואנדערן איבער די פעלדער ארום פּאַריז. ער האט גע־וואנדערט אָהן א ציעל אַזוי לאַנג, ביז דער הונגער האט איהם געצוואונגען אריינצוגיין אין א קרעטשמע עפּעס איבערצובייסען. עטליכע יאַקאָבינער האבען איהם דאָרט פערהאַלטען אַלס א פערדעכטיגע פּערזאָן. ווען מען האט איהם אריינגעזעצט אין געפענגניס, האט ער זיך באַלד פער־גיפטעט. אזוי האט געענדיגט זיין לעבען דער מאַן, וואס האט געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער קאָנסטיטוציאָן פון 1793.

פון די וויכטיגע זשיראָנדיסטען האבען נאָר לאַנזשואינע און לואוועט איבערגעלעבט די שרעקענסצייט.

אין דער זעלבער צייט, ווען די יאַקאָבינער וואס זיינען אָנגע־פיהרט געווען פון דעם אונבעשטעכליכען ראָבעספּיער האבען אַזוי

אונבארמהערציג אויסגעראָטעט דיא זשיראָנדיסטען, האט מען אויך געמאכט א סוף פון פיליפ עגאליט. נאָך דעם פערראטה פון גענעראל דיומוריע האט מען איהם צוערשט פראָצעסירט אין מארסעל, נאָר מען האט איהם דאָרט פרייגעשפראָכען. דער קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג האט צוריקגעוויזען דיזען אורטהייל און האט בעפוילען איבערצוגעבען פיליפ עגאליטע אין דיא הענד פון דעם פאריזער רעוואָלוציאָנערען טריבונאל. דאָרט האט מען איהם שנעל פעראורטהיילט צום טויט. ער האט זיך געהאלטען מוטהיג און שטאָלץ. ווען מען האט איהם בעשולדיגט, אז ער האט געוועלט ארויפזעצען אויף דעם פראנצויזישען טראָן א זוהן פון דעם ענגלישען קעניג, האט ער זיך צולאכט. נאכהער האט ער מיט א בייסענדיגען שמייכעל געזאָגט צו דיא ריכטער: „אזוי וויא איהר האט בעשלאָסען מיך אומצובריינגען, האט איהר וויינינסטענס בעדארפט זוכען בעסערע גרינדע. איבריגענס, אזוי וויא מיין שיקזאל איז שוין ענטשיעדען, פערלאנג איך נאָר, אז מען זאָל מיר פערשפאָרען צו ווארטען ביז מאָרגען און הייסען מיך גלייך פיהרען צום טויט“.

דיזען פערלאנג האט דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאל בעוויליגט דעם רעטזעלהאפטען אָרלעאנער פרינץ. גלייך פון זאל איז ער ארויף אויף דעם פאטאלען וואָגען, וועלכער האט שוין צוגעפיהרט אזוי פיעל קעפ צו דער גיליאָטינע. אויף דיזען וואָגען האט ער געפונען 4 אנדערע פעראורטהיילטע צום טויט, דארונטער אויך איין אָרימען שלאָסער. לעבען פאלע־ראָיאל, דעם גרויסען פאלאץ פון דיא אָרלעאנער פרינצען, האט זיך דער וואָגען גראדע אָפגעשטעלט. פיליפ עגאליטע האט געוואָרפען א קורצען בליק אויף זיין פאלאץ, אויף וועלכען עס איז געווען אָנגעשריבען מיט גרויסע בוכשטאבען: „נאציאָנאלעס אייגענטהום“, און האט באלד אָפגעקעהרט זיין קאָפ. ער איז געשטאָרבען מוטהיג, אזוי וויא כמעט אלע פעראורטהיילטע אין יענער מערקווירדיגער צייט. ער איז דאַן אלט געווען 46 יאָהר.

פינף־און־צוואנציגסטער קאפיטעל.

דער רעפובליקאנער קאלענדער און דיא רעליגיאָן פון פערנונפט.

דיא יאקאָבינער זיינען אלץ ווייטער געגאנגען אויף דעם רע־וואָלוציאָנערען וועג, וועלכען זיי האבען זיך אויסגעקליבען. דער שווערער און פייערדיגער קאמפף מיט אינלענדישע און אויסלענדישע שונאים האט זיי אלץ מעהר געיאָגט דורכצופיהרען דיא אָנגעפאנגענע רעוואָ־לוציאָן אויך אין זיטליכען לעבען און אפילו אין רעליגיאָן. זיי האבען געוועלט אָפּהאקען אלע פערבינדונגען מיט דער אלטער וועלט און איינפיהרען אפילו א נייע רעליגיאָן. זיי האבען ניט געפרעגט, אויב דאס פראנצויזישע פאָלק איז איינפערשטאנדען מיט זייערע נייע פיהרונגען, אויב דער עולם וויל זיך אָפּזאָגען פון קריסטענטהום, אויב דיא פראנצויזען זיינען גענוג ענטוויקעלט גייסטיג פיר דיא נייע העכסטע רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען—זיי האבען איינפאך געהאנדעלט וויא דיקטאטאָרען, זיי האבען געדיינקט אז אזוי איז עס בעסער פאר דעם פראנצויזישען פאָלק און זיי האבען אויסגעפיהרט זייערע געדאנ־קען מיט זייער מערקווירדיגע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע.

איבעראל האט מען דארום גענומען פערניכטען דיא סמנים פון דער מאָנארכיע, פון דער פעאָדאלער אָרדנונג און פון דער קא־טוילישער רעליגיאָן. מען פלעגט צוברעכען סטאטוען און צורייסען בילדער, וועלכע האבען פאָרגעשטעלט עפּעס פון דער אלטער אָרד־נונג. פיעלע קונסט־זאכען זיינען אזוי פערניכטעט געוואָרן. מען האט אויך צוגעמאכט און אונטערדריקט פיעלע אלטע אוניווערזיטע־טען, איבערהויפט אזעלכע וואס האבען פריהער געטראָגען דעם נאָמען „קעניגליכע“. מען האט זיך געקליבען צו אָרגאניזירען נייע אויף זייער אָרט, אבער דערווייל זיינען זיי געבליבען צוגעשלאָסען.

דיא וויכטיגסטע פון דיא יאקאָבינער מיטעל צו בעפעסטיגען דיא רעפובליק און דיא גאנצע נייע אָרדנונג אין זיטליכען לעבען

זיינען געווען דיא איינפיהרונגען פון אַ נייען קאַלענדער און פון אַ נייער רעליגיאָן. וועגען דעם רעפּובליקאַנישען קאַלענדער האבען מיר שוין געזאָגט עטליכע ווערטער אין אַ פאָריגען קאַפּיטעל. דער נייער קאַלענדער איז געווען צוגלייך אַן אָפּזונדערונג פון דער אַלטער וועלט און אַ קלאַפּ דעם קריסטליכען גלויבען. דער הייסער מאָנטאַניאַר ראָם האט איהם נאך פאָרגעשלאָגען, ווען דער קאָנווענט האט זיך ערעפענט, אָבער ערשט דעם 24 אָקטאָבער 1793 איז ער איינגעפיהרט געוואָרן. פאַבר דעגלאַנטין, אַ דיכטער און אַ פריינד פון דאַנטאָן, האט גע־געבען פּאָעטישע נעמען דיא נייע 12 מאָנאַטען, וויא פאָלגט:

1. וואַנדעמיער (וויינטרויבען)—פון 22 סעפּטעמבער ביז 21 אָקטאָבער.
2. ברומער (נעבעל) — — „ 22 אָקטאָבער „ 20 נאָוועמבער.
3. פרימער (פראָסט)— — „ 21 נאָוועמבער „ 20 דעצעמבער.
4. ניוואָז (שנעע) — — „ 21 דעצעמבער „ 19 יאַנואַר.
5. פּלוּאַוויאָז (רעגען) — — „ 20 יאַנואַר „ 18 פעברואַר.
6. וואַנטאָז (ווינט) — — „ 19 פעברואַר „ 20 מערץ.
7. זשערמינאַל (שפּראָצונג) — „ 21 מערץ „ 19 אַפּריל.
8. פלאָרעאַל (בליהונג) — „ 20 אַפּריל „ 19 מאַי.
9. פּרעריאַל (גראָז־פעלדער)— „ 20 מאַי „ 18 יוני.
10. מעסידאָר (שניט־צייט) — „ 19 יוני „ 18 יולי.
11. טהערמידאָר (היץ) — „ 19 יולי „ 17 אויגוסט.
12. פרוקטידאָר (פרוכטען) — „ 18 אויגוסט „ 16 סעפּטעמבער.

אזוי וויא יעדער מאָנאַט האט בלויז געהאט 30 טעג, זיינען דאָרום געבליבען 5 טעג בעזונדער (פון 17 ביז 22 סעפּטעמבער). דיזע טעג האבען געקראָגען דעם נאָמען סאַנקיולאָטידען, צו עהרע פון סאַנקיולאָטען, און זיינען געווען נאַציאָנאַלע פייערטעג. דער ערשטער טאָג איז געווען בעשטימט פאַר אַ פערעהרונג פון גייסט, דער צווייטער—פון אַרבייט, דער דריטער—פון גוטע האַנדלונגען. דער פערטער טאָג איז געווען אַ פעסט פון בעלוינונג און דעם פינפטען טאָג האט מען געמעגט אונבעשטראָפט ריידען און שרייבען וואס מען האט געוועלט. יעדען איבער־יאָהר האט מען געהאט אַ זעקסטע

סאנקיולאָטידע, וועלכע איז בעשטימט געווען אַלס אַ רעוואָלוציאָנס־פעסט. מען האט דיזען טאָג גערופען דיא גרויסע סאנקיולאָטידע.

דיא מאָנאטען זיינען געווען צוטהיילט אין דריי דעקאַדען. דער צעהנטער טאָג, גענאנט דעקאַדי, איז געווען אַ פעסט־טאָג אַזוי וויא זאָנטאָג. דיא אַרבייטער האבען אַלזאָ פערלאָרען דורך דיזע נייע איינפיהרונג איין רוהע־טאָג אין מאָנאט. עס פערשטעהט זיך, אַז אַלע קריסטליכע פעסט־טעג זיינען אָפיציעל אָפּגעשאפט געוואָרן.

דיזער קאלענדער, וועלכער האט אָנגעהאלטען 12 יאָהר, האָט ארויסגערופען פּראָטעסטען פון אַלע קריסטען אין אייראָפּא. דיא קאטוילישע גלחים האבען זיך דערמיט בענוצט, אום ארויסצושטעלען דעם קאָנווענט און אַלע רעוואָלוציאָנערען פאר גאָטלאָזע אויסוואור־פען. אויך האט מען זיך געערגערט, וואָס דער קאָנווענט האט איינגעפיהרט דיא סאנקיולאָדיטען. דער נאָמען אַליין איז געווען אַ פּאטש אין פּנים דער אַריסטאָקראטיע און דער גאנצער אַלטער גע־זעלשאפט.

אָבער נאָך גוואַלדיגער זיינען געוואָרן דיא געשרייען פון דיא קריסטען און פון אַלע געגנער פון דער רעוואָלוציאָן, ווען מען האט אָפּגעשאפט דיא קריסטליכע רעליגיאָן. דעם אָנפאנג האט דאָ וויע־דער געמאכט דיא פּאריזער קאָמונע אונטער דעם איינפלוס פון דיא זאָ־גענאנטע העבערטיסטען, וועלכע האבען זיך ערקלערט פאר אַטהעאיסטען.

נאָך מאַראַט׳ס טויט האבען דיא אויבערהאַנד אין דער קאָ־מונע געקראָגען דער בירגערמייסטער שאָמעט און דער זשורנאליסט העבערט. פאר דיא רעוואָלוציאָן האט העבערט געדיענט אין אַ טהעאטער. ביסלעכווייז האט ער זיך גענומען אויסצייכענען מיט זיינע רעוואָלוציאָנערע בראָשורען און מיט רעדען אין דיא קלובען. ער האט נאכהער אָנגעפאנגען ארויסצוגעבען אַ פייערדיגע רעוואָלו־ציאָנערע צייטונג אונטער דעם נאָמען „פּער דיושען“, וועלכע האט געקראָגען אַ זעהר גרויסען איינפלוס אויף דיא מאסען. ער האט געזוכט צו שרייבען וואָס פּראָסטער, בענוצענדיג זיך מיט דער גע־וועהנליכסטער פּאָלקסשפּראַך. אַזוי וויא ער האט זעהר שטארק

פערטהיידיגט דיא אינטערעסען פון דיא ארבייטער, האט ער צוגע־צויגען צו זיך דיא מאַסען אזוי וויא מאראַט. געהייראַטעט האט ער מיט א מאָנאַשקע, וועלכע איז אַנטלאָפען פון אַ קלויסטער.

פון מאראַט׳ן, וועמען ער האט פייערדיג אונטערשטיצט, האט ער זיך בעזאָנדערס אונטערשיידעט דערמיט, וואָס ער איז געווען פאַר דיא אָפּשאַפונג פון דער קריסטליכער רעליגיאָן. מאראַט זעלבסט האט קיין מאָל ניט געקעמפּפט געגען רעליגיאָן און איז אויך ניט געווען אַ פיינד פון דיא קאַטוילישע גלחים. אין זיין בוך „אַ פּלאַן פון אַ קרימינאַל־געזעצגעבונג" האט ער זאָגאַר בעשטימט געוויסע שטראָ־פען פאַר פערברעכען געגען רעליגיאָן. אבער אַלע זיינע אַנהענגער זיינען געוואָרן פייערדיגע אַטהעאיסטען. העבערט, דער דייטש קלאָאָטץ און שאָמעט זיינען געוואָרן דיא אָנפיהרער פון דיזער אַטהעאיסטישער פּאַרטיי. קלאָאָטץ איז געווען אַ גרויסער ענטהוזיאַסט און אַ טיעפער דענקער. ער האט זיך גערופען „פּערזענליכער פיינד פון יעהאָוואַ". זיין פאָרנאָמען אַנאַכאַרזיס האט ער אנגענומען צו עהרע פון אַ בע־ריהמטען גריכישען פילאָזאָף. אין אַ רעדע געגען דיא קריסטליכע רעליגיאָן אין קאָנווענט האט ער אויסגעשריען: „עס איז ניטאָ קיין אַנדער הערשער אויסער דיא מענשהייט זעלבסט. דיא נאַטור בוקט זיך ניט צו זיך זעלבסט. סיטואיען (בירגער), דיא פערנונפט וועט פערבינדען אַלע מענשען".

אונטער דעם איינפלוס פון דיא העבערטיסטען האט דיא פּאַריזער קאָמונע בעשלאָסען דעם 18 אָקטאָבער 1793 אָפּצושאַפען אַלע קריסטליכע צערעמאָניעס. מען האט פערבאָטען רעליגיעזע פּראָ־צעסיאָנען און צושטערט דיא הייליגע בילדער, ביינער, קברים און אַנדערע חפצים פון דיא קירכען. אזוי וויא דיא פּאַריזער ארבייטער זיינען דערמיט צופריעדען געווען, זיינען העבערט, שאָמעט, מאָמאָראָ (אַ שפּאַניער), קלאָאָטץ, קאָלאָ דהערבואַ און עטליכע אַנדערע מיט־גליעדער פון קאָנווענט אַוועק דעם 6 נאָוועמבער צום פּאַריזער ביסקופּ גאָבעל, וועלכע איז אַלט געווען 80 יאָהר און האט סימפּאַטיזירט מיט דער רעוואָלוציאָן, און האבען פון איהם פערלאַנגט ער זאָל קומען דעם נעכסטען טאָג צוזאמען מיט זיין שטאַב אין קאָנווענט

זיך אָפּזאָגען פון זיין אמט. ער האט זיך אָנפאַנגס ענטזאגט דערפון, אבער ער האט נאָכגעגעבען, ווען מען האט איהם געגעבען אָנצוהערענעם ווענען דיא גיליאָטינע. אויף מאָרגען איז ער טאַקע ערשיענען אין קאָנווענט אין דער בעגלייטונג פון פיעלע גלחים, וועלכע האבען געפאָלגט זיין ביישפּיעל. שאָמעט האט זיי אַריינגעפיהרט אין קאָנווענט, וואו זיי האבען אַלע אוועקגעלייגט דיא צייכענס פון זייער אמט. דער ביסקופּ גאָבעל האט דערביי געהאַלטען אַ רעדע, אין וועלכער ער האט ערקלערט, אַז ער שטאַמט פון פאָלק און האלט, אַז מען דאַרף פאָלגען דעם ווילען פון פאָלק.

„איך בין געוועזן ביסקופּ, האט ער געזאָגט, ווען דאָס פאָלק האט געוועלט האבען ביסקופּען. יעצט ווען דאָס פאָלק וויל אַנדערס, ווען עס דאַרף ניט קיין אַנדער נאַציאָנאַלער קולט ווייא דער קולט פון פרייהייט און פון היילינע גלייכהייט, ערקלער איך, אַז פון היינט אָן הער איך אויף צו זיין ביסקופּ פון קאַטוילישען קולט. מיינע גלחים, וועלכע געפינען זיך דאָ, שטימען מיט מיר. דאַרום לייגען מיר דאָ אוועק אַלע אונזערע צייכענס. זאָל אונזער ביישפּיעל דיענען צו בעפעסטיגען דיא הערשאַפט פון פרייהייט און גלייכהייט!" א גרויסע צאָהל גלחים האבען זיך דאַן אָפּגעזאָגט פון זייער אמט. עטליכע האבען ניט געוואַלט פאָלגען דעם ביישפּיעל פון פּאַריזער ביסקופּ. איינער פון דיזע קריסטליך־גלויביגע איז געוועזן דער בעריהמטער ביסקופּ גרעגואַר, אַ פייערדיגער יאַקאָבינער. ביי אַלע זיינע רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען (ער איז אויך געוועזן זעהר פריינדליך צו אידען און האט פערלאַנגט פּאָליטישע גלייכהייט פאַר זיי) איז ער דאָך פערבליבען אַ גלויביגער קריסט.

דער קאָנווענט האט דאַן בעשלאָסען איינצופיהרען דעם „קולט פון פערנונפט" אַנשטאָט דעם קאַטוילישען קולט. ער האט אבער ניט אָפּגעשאַפט אויסדריקליך דיא קריסטליכע רעליגיאָן. עס פערשטעהט זיך, אַז עס זיינען פערבליבען גענוג קריסטען אפילו אין פּאַריז זעלבסט, נאר דיא העבערטיסטען האבען זיך בענוצט מיט דעם בעפעהל פון קאָנווענט, אום איינצופיהרען דיא רעליגיאָן פון פערנונפט און אַרויסצוזאָגען דיא קאַטוילישע גלחים פון אַלע פּאַריי־

ער קירכען. דעם הויפט־קאטהעדראל, דיא בעריהמטע נאָטר־דאַם קירכע, האט מען געמאכט פאר דעם „טעמפעל פון פערנונפט". אנדערע קירכען האט מען אומגעוואנדעלט אין טעמפלען פון ליעבע, פרייהייט, גלייכהייט א. ז. וו.

דער זאָ־גענאנטער גאָטעסדיענסט פון פערנונפט איז בעשטאַ־נען אין פאָרלעזונגען פון דער קאָנסטיטוציאָן און פון דער ערקלערונג פון מענשענרעכטע, אין פאָרטרעגע, אין אונטערהאלטונגען דורך זינגען פאטריאָטישע ליעדער, א. ז. וו. דעם פאריזער פאָלק איז דאָס זעהר געפעלען געווארן, און פיעלע פלעגען קומען אין דיא קירכען פערברייננגען דיא צייט. אייניגע קירכען זיינען געווארן איינפאך פאָ־ליטישע קלובען. ביסלעכווייז האָט מען אויך איינגעפיהרט אייניגע צערעמאָניעס. אין דיא פראָווינצען האָט מען נאָכגעמאנצט פאריז. אין אַלע שטעט און אויך אין פיעלע דערפער האט מען איינגעפיהרט דעם קולט פון פערנונפט. מען האט ארויסגעשלעפט זילבערנע, גילדערנע און אנדערע טייערע זאכען פון דיא קירכען און אוועקגע־שיקט אין קאָנווענט, אום דערפון צו מאכען געלד פיר דיא בע־דירפניסע פון פאטעלאַנד. דיא קירכען־גלאָקען האט מען בענוצט צו גיסען פון זיי קאנאָנען. דיא דעלעגאטען, וואס פלעגען ברייננען דיא קאָסטבארע קירכען־זאכען אין קאָנווענט, פלעגען זיך צום שפאס אָנטאָן אין דיא קליידער פון דיא קאטוילישע גלחים נאך זייער פאנטאזיע. אין סען־דעני (לעבען פאריז) האט מען צושטערט דיא קברים פון דיא פראנצויזישע קעניגע. זייערע ביינער האט מען פאנאנדערגעשליידערט.

יעדען לעצטען טאָג פון דיא דעדאקען האט מען געפראוועט דיא צערעמאָניעס פון דעם פערנונפט־קולט. דיא גרעסטע און שעהנ־סטע צערעמאָניעס זיינען אראנזשירט געווען אין דעם הערליכען קאטהעדראַל נאָטר־דאַם פון פאריז. אין מיטען פון דיזער ריזיגער קירכע איז אויפגעשטעלט געווארן א פלאטפאָרמע מיט טרעפּלעך וואס האט אויסגעזעהען וויא א בארג—דיא געגנער האבען דאָס מיט געלעכטער גערופען דיא „הייליגע מאָנטאַין"—און אויף'ן שפּיץ האָט געברענט א פאקעל—דער פאקעל פון וואהרהייט. אונטען איז געווען דיא אונטערשריפט „צו פילאָזאָפיע". ארום דיזע פלאטפאָרמע

פלעגען זיך אויסשטעלען אַרטיסטען פון אָפּערא־טהעאַטערס און זינגען ליעדער אין דער צייט פון דער צערעמאָניע. נאַכהער פלעגט אַרויפגיין אויף'ן אַלטאַר אַ יונגע און זעהר שעהנע פרוי, האַלב נאַקעט, בעגלייטעט פון אַ סך מיידלעך און פרויען. זיא האַט עס פאָרגעשטעלט דיא געטין פון פערנונפט, אייגענטליך דיא שעפּפענדע נאַטור. גרופּען יונגע מיידלעך אָנגעטאָן אין ווייסען און מיט דעמבענע קראַנצען אויף דיא קעפּ, פלעגען אַרויפגיין אויף דער פלאַטפאָרמע מיט פאַקעלן אין דיא הענד, וועהרענד דיא כאָרען און דאַס פובליקום פלעגען זינגען.

דיא ערשטע צערעמאָניע אין נאָטר־דאַם איז אויפגעפיהרט געוואָרן מיט בעזאָנדערע פּראַכט. אַ גרויסע מאַסע מענשען האַבען זיך געצויגען אַהין אין אַ פּראָצעסיאָן, טראָגענדיג אויף דיא ביוסטען פון דיא ערמאָרדעטע מאָנטאַניאַרען מאַראַט און לעפּעלטיע. דיא „געטין פון פערנונפט‟ איז געזעסען אויף אַ טראָן נאָך אַ זעהר אַלטען מוסטער און איז געטראָגען געוואָרן פון 4 מענער. דיא געגנער פון דיזען נייען קולט, וועלכער איז אַ ביסעל געווען עהנליך צו דער גאָר אַלטער געצענדינערשער רעליגיאָן, וואָס איז געוועהנליך בעקאַנט אונטער דעם נאָמען פאַללוס־קולט*)—האָבען בעהויפּטעט, אַז דיא „געטין פון פערנונפט‟ איז איינפאַך געווען אַ שעהנע שטראַסענמיידעל. זיי האַבען איבערהויפּט דערצעהלט פיעלע פאַלשע געשיכטען, אום צו שענדען דיזען קולט פון דער נאַטור; אבער דער אמת איז, אַז דיא ראָלע פון דער „געטין פון פערנונפט‟ האַט געשפּיעלט דיא זעהר שעהנע פרוי פון דעם שפּאַניער מאָמאָראָ.

---

*) דאַס איז דיא פערגעטערונג פון דער שעפּפענדער נאַטור, אויסווערטיג אויסגעדריקט דורך צייכענס פון דיא געשלעכטליכע אָרגאַנען. פאַללוס איז דער גריכישער וואָרט פאַר דעם מענליכען אָרגאַן, וועלכער איז געווען דער הויפּטצייכען פון דעם נאַטירליכען קולט, וואָס איז געווען פערשפּרייטעט ביי אַלע קולטור־פעלקער און איז נאָך ביז היינט צו טאָג פעבליבען אין אינדיען. איינצעלהייטען וועגען דעם מערקווירדיגען פאַללוס־קולט וועט דער לעזער געפינען אין דעם דריטען באַנד פון מיין „קולטור־געשיכטע‟ (נאָכפאָרשונג איבער רעליגיאָנען).

זיא האט עס געטאָן נעגען איהר ווילען, נאָר אום צו׳יעב צו טאָן איהר מאַן, וועלכער איז געוועזן א פייערדינער העבערטיסט. זיא האט געטראָגען א ווייסע „קלייד מיט א בלויען מאַנטעל אריבערגע־וואָרפען איבער איהרע פּלייצעס, נאָך דער מאָדע פון דיא אַלטע גריכען (אזוי וויא מען זעהט עס אויף סטאַטועז), און מיט דער רויטער מיצקע אויף איהר שעהנעם קאָפּ מיט פּראַכטפאָלע שווארצע האָר. דיא פרוי וואס האט פאָרגעשטעלט דיא „געטין פון פרייהייט“ איז געוועזן א שעהנע שוישפּילערין. נאָך דער צערעמאָניע אין נאָטר־דאַם, וועלכע איז בעשטאַנען בעזאָנדערס אין געזאַנג און אין א פּראָצעסיאָן פון יונגע מיידלעך ארום דעם „הייליגען בארג“, האבען העבערט און שאָמעט, דיא הויפּט־פּריעסטער פון דעם נייעם קולט, אוועקגעפיהרט דיא „געטינען“ און דיא יונגע מיידלעך צום קאָנוועגט, וואו מען האט זיי בעגריסט און געהאַלטען עטליכע רעדען. נאָכהער איז דער קאָנווענט אזוי בעגייסטערט געוואָרן, אז כמעט אַלע מיט־גליעדער זיינען אוועק אין נאָטר־דאַם, וואו מען האט ווידערהאָלט דיא זעלבע צערעמאָניע צו עהרע פון פערנונפט. איין מאָל האט שאָמעט אָרגאַניזירט א גרויסען פעסט אין טעמפּעל פון פערנונפט, אום צו פייערן דיא בעפרייאונג פון דיא נעגער־שקלאַווען (דער קאָנ־ווענט האט פרייגעלאָזען אַלע נעגערן אין דיא פראַנצויזישע קאָלאָניעס). מען האט דאָרטען געזונגען פרייהייטס־ליעדער און אויך געטאַנצט דיא קאַרמאַניאָלע. מען זאָגט, אז שאָמעט האט אליין געטאַנצט מיט נעגערקעס, ווען אַן אָרקעסטער פון 300 מאַן האט געשפּיעלט.

אין איינינע ערטער האט דיזער נײ־מאָדנער נאַטור־קולט ארויס־גערופען אויסגעלאַסענע סצענען. דיא געשיכטען פון זיינע פיינדע וועגען גרויסע אויסגעלאַסענהייט זיינען פאַלשע, אָבער איינינע פרויען האבען ווירקליך זיך אויפגעפיהרט זעהר מיאוס. שאָמעט איז געוועזן נעגען דיזע ליעבע־פרייהייטען, אָבוואָהל דיא נעגנער האבען דיא שולד ארויפגעוואָרפען אויף איהם. דעם 18 נאָוועמבער האבען זיך אריינ־געריסען אין זיצונגס־זאַל פון דער קאָמונע א סך פאַנטאַסטיש־אויס־געפּוצטע פרויען (מאַנכע האבען געטראָגען מענער־קליידער), וועלכע האבען זיך אזוי ניט אַנשטענדיג געהאַלטען, אז שאָמעט האט זיי

געשטראָפט און דערמאָנט אָן זייערע פליכטען אלס מוטערס און ווירטהינען. דיא קאָמונע האט דאן בעשלאָסען ווייטער אזעלכע פּרויען־דעפּוטאציאָנען נים ארייננצולאָזען אין זיצונגס־זאל.

ארום דער צייט האט מען אויך איינגעפיהרט דיא מעטרישע סיסטעם פון מאָסען און געוויכטען, א סיסטעם וועלכע ווערט יעצט אָנגעווענדעט אין דער וויסענשאפט און אין פיעלע לענדער. עס קען קיין צווייפעל נים זיין, אז מיט דער צייט וועט דיזע סיסטעם אָנגענומען ווערן אין דער גאַנצער וועלט, דען זיא איז ווירקליך דיא בעסטע, לייכטעסטע און פּראַקטישסטע. דער קאָנווענט האט נאָך איינגעפיהרט אן איינהייטליכע מינץ־סיסטעם, וועלכע איז פערבליבען ביז יעצט אין פראנקרייך. דאס זיינען געוועזען העכסט ניצליכע רעפאָרמען.

אפילו דיא קליידער האט מען דאן געענדערט. בּיסלעכוויז זיינען אריין אין דער מאָדע דיא זאָ־גענאַנטע „סאַנקיולאָטען־קליידער", וועלכע זיינען בעשטאַנען פון א קאמיזעלקע (קאַרמאַניאָלע), פון ברייטע הויזען און פון א רויטע מיצקע. אנשטאָט דיא ווערטער „מסיע" און „מאַדאַם" האט מען געברויכט דיא ווערטער „סיטואיען" (בירגער), „סיטואיענע" (בירגערין). אין געשפּרעכען האט מען זיך געדוצט, אום צו צייגען, אז אלע זיינען גלייך.

מיט איין וואָרט, עס איז געוועזען א מערקווירדיגע צייט אין אלע הינזיכטען: א נייע וועלט מיט נייע מענשען און נייע מנהגים.

זעקס־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

דיא הינריכטונג פון דיא העבערטיסטען און דאַנטאָניסטען.

דיא איינפיהרונג פון דעם קולט פון פערנונפט איז געוועזען איינע פון דיא אורזאכען וואס האבען אויפגעפלאַקערט דיא שטרייטען אין דיא רייהען פון דיא מאָנטאַניארען, וועלכע מען האט צו דער צייט שוין גערופען טעראָריסטען (שרעק־אָניאָנערס). מיר האבען שוין אין

א פאָריגען קאפּיטעל אָנגעוויזען, אז דיא מאָנטאניארען זיינען צו־טהיילט געווען אין דריי גרויסע גרופּען, וועלכע האבען נאָר געהאנדעלט צוזאמען, אום צו בעזייטיגען דיא זשיראָנדיסטען און פיינדע פון דער רעוואָלוציאָן.

דיא שטאַרקסטע און וויכטיגסטע גרופּע איז געווען אונטער דער לייטונג פון דעם שטרענגען און אונבעשטעכליכען ראָבעספּיער, וועלכער איז געווען דער אנערקענטער פיהרער פון דיא יאקאָבינער און האט בעזעסען פעהיגקייטען פון א שטאאטסמאן. דיזע גרופּע איז געווען גוט אָרגאניזירט אין גאנצען לאנד דורך דיא יאקאָבינער קלובען און האט געהאט אויך זעהר ענערגישע און פעהיגע פערטרעטער אין קאָנווענט. דורך זיין איינפאַכען לעבען, שטרענגע עהרליכקייט, (ראָבעספּיער האט שוין לאנג זיך ערוואָרבען דיא אכטונג פון דיא ארבייטער דורך דעם, וואס אלע האבען געגלויבט, אז איהם וועט מען מיט קיין זאך אין דער וועלט ניט אונטערקויפען צו האנדלען געגען דיא רעוואָלוציאָן און געגען דיא אינטערעסען פון פאָלק) און גוט אָרגאניזירטע קלובען, וועלכע האבען געפאָלגט זיין קאָמאנדע, האט ראָבעספּיער געקראָגען דעם גרעסטען צוטרויען פון פאָלק; דורך דיזען צוטרויען פון פאָלק האט ער בעהערשט דעם קאָנווענט און דעם קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג; און דורך דיזע דיקטאַ־טאָרישע מאַכט האט ער שוין געקענט האקען דיא קעפּ פון זיינע פּאָליטישע געגנער, וויא גרויס זייערע לייסטונגען אין דער רעוואָלו־ציאָן זיינען ניט געווען.

דיא אנדער צוויי גרופּען זיינען בעשטאנען פון העבערטיסטען און דאנטאָניסטען. דיא העבערטיסטען האבען זיך ספּעציעל געשטיצט אויף דער קאָמונע. זיי זיינען געווען אָדער האבען זיך אליין גערעכענט פאר דיא ראדיקאלסטע רעוואָלוציאָנערען. מיר האבען שוין געזעהען, אז זיי זיינען געווען דיא איינפיהרערס פון דעם נייעם קולט. זיי האבען אויך געשטרעבט צו וויכטיגע עקאָנאָמישע רעפאָרמען צו גונסטען פון דיא ארבייטער. אָבער דיזע שטרעבונגען וואָלטען זיי ניט געפיהרט צו העפטיגע שטרייטען אין דיא קלובען מיט דיא דאנטאָ־ניסטען, ווען זיי וואָלטען ניט געפאָלגט דעם ביישפּיעל פון זייער

פערשטאָרבענען און פערגעטערטען פיהרער מאראט און ניט פערלאַנט צו האקען קעפּ אָהן אַן אויפהער. דאנטאָן זעלבסט האט זיך געענ־דערט נאָך דעם פאַל פון די זשיראָנדיסטען. אין דער צייט ווען די מאָנטאניארען האבען אָנגעשטרענגט אַלע זייערע קרעפטען געגען די זשיראָנדיסטען, האט ער זיך מייסטענס אָפּגעגעבען צו פער־זענליכע פערגעניגען. ער האט זיך פערליעבט אין אַ יונגע פרוי, וועלכע איז געווען אַ פרומע קריסטין, און ביסלעכווייז האט זי געקראָגען אַן איינפלוס אויף איהם, איינשטילענדיג זיין רעוואָלוציאָנערען פייער. ער איז דארום אַרויסגעטראָטען געגען די גאָטלאָזע העבערטיסטען. אין קאָנוועַנט האט שוין זיין שטימע ניט געדונערט וויא פריהער. דער דאנטאָן פון 1792, ווען ער האט געפיהרט די מאַסען דעם 10 אויגוסט און אין די סעפּטעמבער־טעג, איז געווען אַ גאַנץ אַנ־דערער וויא אין 1793, בעזאָנדערס זייט מען האט געקעפּט די זשיראָנדיסטען. ער האט זיך ארומגעזעהן, אַז דער טעראָר פיהרט צו ווייט; ער איז געווען געגען דעם, וואס מען האט אויך גיליאָטי־נירט רעפּובליקאַנער. זיינע וויכטיגסטע אנהענגער זיינען געווען קאַמיל דעמולען, דער בריליאַנטענער זשורנאַליסט, העראָ דע סעשעל, שאַבאָ, פערראָן און נאָך אַ פּאָר מיטגלידער פון קאָנוועַנט. די העבער־טיסטען האבען ערקלערט די דאנטאָניסטען פאַר רעאקציאָנערען און זאָגאר פאַר פיינדע פון דער רעוואָלוציאָן.

די שטרייטען צווישען די העבערטיסטען און דאנטאָניסטען האבען זיך אָנגעפאַנגען צו ענדע פון 1793. זיי האָבען בעזאָנדערס ניט געשטימט וועגען די שרעקענס־פּאָליטיק. דאנטאָן, וועלכער איז געווען פאַר דעם טעראָר, ווען מען האט בעדאַרפט בעזייטיגען די מאָנארכיסטען און די פיינדע פון דער רעוואָלוציאָן, איז אַלץ מעהר ארויסגעטראָטען געגען די קעפּ־האקענעס פון רעפּובליקאַנער און רעוואָלוציאָנערען. ער האט געוועלט פערזיכערן אַלע יאַקאָבינער און קאָרדעליערען געגען די גיליאָטינע. אין דעם איז ער בעזאָנדערס געשטיצט געווען פון קאַמיל דעמולען. ווען די העבערטיסטען האבען איינגעפיהרט דעם קולט פון פערנונפט, זיינען די אַטאַקעס פון די דאנטאָניסטען געוואָרען נאָך שאַרפער.

ראָבעספיער, וועלכער האט שוין לאַנג געקוקט מיט בייזע אויגען אויף דיא העבערטיסטען און דאַנטאָניסטען, ווייל זיי האַבען איהם געשטערט צו פיהרען דיא רעפובליק נאך זיינע אידעאַלען, וועלבע ער האט געשעפּפט אין זשאַן זשאַק רוסאָ׳ס „סאָציאַלען קאָנטראַקט“, איז זעהר צופריעדען געווען, וואס זיי רייסען זיך ארום צווישען זיך. ער האט נאר געוואַרט אויף א גינסטיגע געלעגענהייט זיי צו שיקען אויף דער גיליאָטינע מיט דער הילפע פון זיין רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל. צוערשט האט ער אַנגעגריפען דיא העבערטיסטען, ווייל ער איז געווען געגען זייער אַטהעאיזמוס. אין א רעדע אין יאַקאָבינער קלוב האט ער ערקלערט: „דער אַטהעאיזמוס איז אַריסטאָקראַטיש. דער געדאַנק וועגען א „העכערן וועזען“ וואס וואכט איבער דיא פערפאָלגטע אונשולדיגע און בעשטראָפט פערברעכען איז א פאָלקס־געדאַנקען. ווען גאָט וואָלט ניט עקזיסטירט, וואָלט מען איהם געמוזט ערפינדען“. אין בעצוג אויף רעליגיאָן האט זיך ראָבעספּיער ניט אונטערשיידעט פון דיא ערגסטע רעאַקציאָנערען און פאָלקספיינדע, וועלבע האלטען, אז דאָס פאָלק מוז האבען אין א רעליגיאָן, אום מען זאָל איהם קענען האַלטען אין צוים.

מיר וועלען שפּעטער זעהען, אז ראָבעספּיער האט טאַקע ערפונדען א גאָט אונטער דעם נאָמען „העכסטער וועזען“. נאר דערווייל, אום לייכטער פּטור צו ווערן פון דיא גאָטלאָזע העבערטיסטען, האָט ער אונטערשטיצט דיא דאַנטאָניסטען, ספּעציעל קאַמיל דעמולען, וועלבער האט זיי פייערדיג אַנגעגריפען אין זיין צייטונג „דער אַלטער קאָרדעליער“. דיזער גלענצענדער שרייבער האט אבער אַטאַקירט דיא העבערטיסטען ניט אזוי צוליעב זייער אַטהעאיזמוס, נאָר ווייל זיי האבען געפאָדערט אַלץ מעהר טעראָר. שטיצענדיג זיך אויף זיינע פריהערע לייסטונגען, אויף זיין בעקאַנטע טרייהייט צו דער רעפובליק און צום פאָלק, האט ער אויך אַנגעגריפען דעם רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל. ער האט וויעדער בעוויזען, אז ער האט מוטה, דען ער האט פערגליכען דיא האנדלונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג מיט דער הערשאַפט פון דעם בלוטיגען רוימישען טיראַן

נערא. בעזאנדערס שארף איז ער ארויסגעטראטען געגען דעם שרעק־ליכען געזעץ וועגען פערדעכטיגע. זיינע ארטיקלען זיינען איבעראל געלעזען געווארן און זיין צייטונג האט געהאט א גרויסע ווירקונג אויף דעם עולם. ער האט שליסליך פארגעשלאגען א גנאדע־קאמי־טעט און פערלאנגט דיא אפשאפונג פון טעראר. איין צייט האט ראבעספיער אליין ניט געוואוסט, וויא צו האנדלען. אלע מאנטאניארען האבען בעטראכט דעם טעראר פאר א טרויעריגע נויטווענדיגקייט אויף א געוויסע צייט, נאר זיי האבען זיך צוטהיילט וועגען דעם, וויא לאנג דיזע צייט דארף נאך דויערן. דיא דאנטאניסטען האבען גע־רעכענט, אז דיא שרעקענסצייט מוז גלייך געענדיגט ווערן, דיא הע־בערטיסטען האבען געפאדערט דעם טעראר זא לאנג דיא רעפובליק ווערט נאך אטאקירט פון אינלענדישע און אויסלענדישע שונאים.

ראבעספיער און דער קאמיטעט פון עפענטליכע רעטונג האבען זיך געהאלטען צווישען דיזע ביידע פארטייען. אנפאנגס האט ראַ־בעספיער זיך גענייגט אויף דער זייט פון זיין שול־חבר קאמיל דעמולען, אבער ווען קאלא ד׳הערבוא איז אנגעקומען אין פאריז נאך דער בלוטבאד אין ליאן און איז צוגעשטאנען צו דיא העבערטיסטען, האט ראבעספיער זיך ערקלערט געגען זיין פריינד. ווען דיזער מערקווירדיגער מאן האט דערזעהען, אז דיא העבערטיסטען געווינען אנהענגער דורך זיי־ערע רעוואלוציאנערע געשרייען, האט ער זיך אין גאנצען אבגעטהיילט פון זיין יוגענד־פריינד קאמיל דעמולען. איין מאל האט ער פארגע־שלאגען אין יאקאבינער קלוב צו פערברענען קאמיל דעמולען׳ס בלאט, אבער ער האט געקראגען א זעהר בייסענדע אנטווארט פון דעם גייסט־רייכען שרייבער. „פערברענען הייסט ניט אנווארטען!“ האט קאמיל דעמולען אויסגעשריען, און ראבעספיער האט פערביסען דיא ליפען.

דורך זיין מערקווירדיגען שילער און פערעהרער סען־זשוסט האט ראבעספיער געמאכט דיא ערשטע אפענע אטאקע אין קאנווענט אויף דיא העבערטיסטען און דאנטאניסטען. ער אליין האט ער־קלערט, אז דיא צייט איז נאך ניט געקומען צו רעגירען אהן שרע־קענס־געזעץ. ער האט בעשולדיגט דיא העבערטיסטען, אז זיי ווילען אויפלייזען דעם קאנווענט און איינפיהרען א דיקטאטור, וועהרענד

ער אליין איז שוין געווען א דיקטאטאָר, אָבוואָהל ער האט עס נאך פילייכט אליין ניט איינגעזעהען קלאָר. ראָבעספּיער האט אויך דאן אָפען ערקלערט, אז א רעוואָלוציאָנערע רעגירונג הייסט „דעספּאָטיז־מוס פון פרייהייט געגען טיראַניי". דארום האָט ער עס אזוי דעס־פּאָטיש געהאַנדעלט.

קאמיל דעמולען פון איין זייט און סען־זשוסט פון דער אנדערער זייט האבען אויף אלערליי ארטען פערלוימדעט דיא העבערטיסטען. זיי האבען אויך בעהויפּטעט, אז דיא העבערטיסטען זיינען פערבונדען מיט דיא אויסלענדישע פיינד און קריגען געלט פון דעם ענגלישען מיניסטער פּיטט. דאס זיינען נאטירליך געווען ליגענס, נאָר אין דיזער צייט, ווען דער פערדאַכט האט זיך איבעראל אריינגעגנב'עט און ווען מען האט ריזיקירט מיט דיא קעפּ, האט מען נאטירליך ניט געקענט ערווארטען, אז פּאָליטישע געגנער זאָלען ניט שליידערן איינע אויף דיא אנדערע דיא שווערסטע און אבשייליכסטע בעשולדיגונגען. ראָבעספּיער און זיינע אנהענגער האבען אויך בעהויפּטעט, אז דיא העבערטיסטען האבען איינגעפיהרט דעם קולט פון פערנונפט, אום צו שענדען דיא רעפּובליק אין דיא אויגען פון אייראָפּעאישע פעלקער.

אין מערץ 1794 איז קלאָר געוואָרען, אז דער קריזיס קומט, אז דער קאמפּף מוז זיך ענדיגען מיט דעם פּאל פון דער שוואכע־רער פּארטיי. דער קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג האט פריהער געהייסען ארעסטירען א פּאָאר העבערטיסטען, אָבער דיא בעשולדי־גונגען זיינען געווען אזעלכע גרונדלאָזע, דאס מען האט געמוזט פריילאָזען דיא געפאנגענע. אגב האט זיך דער קאָמיטעט געמוזט רעכענען מיט דער פּאריזער קאָמונע, וואו דיא העבערטיסטען האָבען נאך אלץ געפיהרט דיא רעדעל.

אום לייכטער צו בעזייטיגען דיא העבערטיסטען, האט ראָבעס־פּיער ארויסגעשטעלט זיין אדיוטאנט סען־זשוסט צו פערלאנגען, אז מען זאָל נאך וויטער פערגרעסערן דיא מאכט פון דעם קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג. דער קאָנווענט, וועלכער האט געציטערט פאר ראָבעספּיער'ס מאכט, האט עס גלייך בעוויליגט. אין דער זעלבער צייט האט מען אלץ מעהר פערשפּרייטעט בעריכטען, אז דיא הע־

בערטיסטען ווילען מאכען אַן אויפשטאַנד געגען קאָנווענט און ווערן דיקטאַטאָרען. דיא העבערטיסטען האבען ווירקליך אָנגעפאַנגען זיך פאָרצובערייטען צו אַן אויפשטאַנד, ווען זיי האבען דערזעהען, אַז ראָבעספיער מיט זיין קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג וויל זיי איינפאַך גיליאָטינירען. אין זייער קלוב האט העבערט שארף אָנגעגריפען ראָבעספיער׳ן אַלס אַ מאַן וואס וויל אויסראָטען דיא אמת׳ע רעוואָלוציאָנערען, אום צו בלייבען דיקטאַטאָר.

נאָר דער קאָמיטעט האט ניט דערלאָזען דיא העבערטיסטען אָרגאַניזירען אַן אויפשטאַנד פון דיא פאַריזער פאָרשטעט. ער האט געהאט דיא רעגירונגס־מאַשינע אין זיינע הענד, ער האט אויך געהאט איבעראַל שפּיאָנען און איז זיכער געווען מיט דעם קאָנווענט, וועלכער איז געוואָרען זיין ווערקצייג. אין דער נאַכט פון 13 מערץ 1794 זיינען דיא וויכטיגסטע העבערטיסטען ענדליך ארעסטירט געוואָרן אויף דעם בעפעהל פון דעם אַלמעכטיגען קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג. העבערט, מאָמאָראָ, אַנאַכארזיס קלאָאָטץ, ראָנסען, שאָמעט, גאָבעל (דער פאַריזער ארכיביסקופּ), פּאַש (בירגערמייסטער פון פאַריז) און נאָך עטליכע וויינינער בעוואוסטע העבערטיסטען זיינען ארייגעשלייּדערט געוואָרען און געפענגנים אויף דער קלאָגע אין פערשווערונג געגען דיא רעפּובליק. מען האט פאַבריצירט געגען זיי פערשידענע בעשולדיגונגען, וועלכע וואָלטען אין אַ געוועהנליכען געריכט און אין אַ רוהיגע צייט גלייך פערוואָרפען געוואָרן פון דיא ריכטער, נאָר דאַן זיינען בעשולדיגונגען נאָר געווען אַן אויסרייד צו שיקען אויף דער גיליאָטינע.

דער פּראָצעס פון דיא העבערטיסטען האט געדויערט דריי טעג. כמעט אַלע אָנגעקלאָגטע האבען זיך ענטזאָגט צו פערטהיידיגען זיך. זיי האבען פון ערפאהרונג געוואוסט, וויא נוצלאָז דאס איז אין דעם רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל. „דאס איז אַ פּאָליטישער פּראָצעס, האט איינער פון זיי אויסגערופען צו זיינע חברים. צו וואס דארפט איהר נאָך דאָקומענטען און פאָרבערייטונגען צו צייגען אייער אונשולד? איהר ווערט סיי וויא פיי פעראורטהיילט ווערן. איהר האט געשוואצט, ווען איהר האָט בעדארפט האנדלען. צייגט יעצט אַז איהר קענט מוטהיג שטארבען!“

דאס האבען זיי אויך געצייגט דעם 22 מערץ, ווען מען האָט זיי גיליאָטינירט. אויפ׳ן וועג צום עשאפאָט האט זיך צוזאמענגעקליבען א מענגע, וועלכע האט אויסגעלאכט די גאָטלאָזע. דיזע מענגע איז ניט בעשטאנען פון ארבייטער, נאָר פון געהיימע מאָנארכיסטען און פון קאטאָליקען. די ארבייטער־מאסען פון די פאָרשטעט האבען זיך ניט אויפגעהויבען געגען די היגריכטונגען פון די העבערטיסטען, צווישען וועלכע עס האבען זיך געפונען זייערע בעסטע און אויפריכטיג־סטע פריינד, אָבער זיי זיינען דערמיט גאָר ניט געווען צופריעדען. דער פייערדיגער פארטיי־קאמפף האט זיי איבערהויפט צוטומעלט, און די שטענדיגע היגריכטונגען האבען זיי געמאכט גלייכגילטיג צו די אָפפער.

די היגריכטונג פון די העבערטיסטען איז אויך געווען א טויטקלאפ פאר די פאריזער קאָמונע. איהר מאכט איז געבראָ־כען געוואָרן. ראָבעספיער האט אָנגעשטעלט דאָרט זיינע פריינד און אנהענגער, אבער דערמיט האט ער זיך אליין אויך אונטערגעגראָבען, דען די פאריזער ארבייטער האבען שוין ניט געקענט שטיצען די רעוואָלוציאָנערן געגען די רעאקציאָנערען, וועלכע האבען א קורצע צייט שפעטער אויפגעהויבען דעם קאָפ. ווען זיין אייגענער טאָג איז געקומען צו ווערן געפיהרט צום עשאפאָט, האבען די ארבייטער זיך אויך ניט געריהרט און זיינען געבליבען גלייכגילטיג. ראָבעספיער האט ניט בעמערקט, אז ער האקט אליין אונטער דעם לייטער, אויף וועלכען ער איז אלץ העכער געשטיגען, זייענדיג פערבלענדעט פון זיין פילאָזאָפיע וועגען גוטע מדות און עהרליכקייט. ער האט ניט געזעהען, אז ער פערניכטעט די בעסטע קרעפטע פון דער רעוואָ־לוציאָן און העלפט דערמיט די רעאקציאָנערען.

ווען ראָבעספיער און די מיטגליעדער פון קאָמיטעט פון עפענט־ליכע רעטונג האבען דערזעהען, אז דאָס פאריזער פאָלק האט זיך ניט אויפגעהויבען צו בעשיצען די העבערטיסטען, האבען זיי בעשלאָסען צו מאכען אויך א סוף פון די דאנטאָניסטען. ראָבעספיער איז שטענדיג אייפערזיכטיג געווען אויף דעם פייערדיגען רעדנער און רעוואָלוציאָנערען דאנטאָן. ראָבעספיער האט אויך ניט געליעבט אלע דאנטאָניסטען, ווייל נאָך זיין מיינונג האבען זיי געפיהרט א צו לוס־

טיגען און אויסגעלאַסענעם לעבען. זיינע אידעאַלען פון גוטע מדות האבען גאר ניט געשטימט מיט דיא האַנדלונגען פון עטליכע דאַנטאָניסטען, וועלכע האבען ווירקליך געפיהרט אַן אויסגעלאַסענעם לעבען. דאַנטאָן זעלבסט האט געלעבט אין לוקסוס און האט זיך געלאָזען וואויל־גיין. ראָבעספּיער האט זיך דערמיט בענוצט, אום צו וואַרפען אויף דאַנטאָנען אַ חשד, אַז ער קריעגט געלט דורך אונעהרליכע מיטעל, פיליכט נאָך דורך פעררעטה. וויא שוין געזאָגט, האט דאַנטאָן זיך געביטען. דער פריהערער ליוב פון דער רעוואָלוציאָן איז געוואָרן עפּעס וויא אַ לעמעלע. אַפילו ווען מען האט איהם געוואָרנט און ווען ער האט אַליין געפיהלט אַז דער שטורם ציהט זיך איבער זיין קאָפּ, האט ער דאָך גאָר נישט געטאָן, אום דעם שטורם אויס־צומיידען.

אַ געוויסע צייט האט דאַנטאָן רוהיג פערבראַכט אין זיין געבורטס־שטעטעל. ווען זיינע פריינד, וועלכע האבען אַלץ מעהר פורכט געקראָגען פאַר ראָבעספּיער'ן, האבען איהם גערופען צו הילפע, איז ער געקומען, אָבער ער האט קיינע אָנשטרענגונגען ניט געמאַכט זיי צו אָרגאַניזירען און צו קריגען שטיצע אין קאָנווענט מיט זיין מעכטיגע רעדנער־קראַפט. דאָס האט איהם צו גרונדע געבראַכט. וועהרענד ראָבעספּיער האט געהאַט אַן אָרגאַניזירטע מאַכט אין דעם קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג און האט אויך געהאַט פיעלע טרייע אַנהענגער אין קאָנווענט, איז דאַנטאָן געבליבען כמעט אַליין. ער האט זיך צו פיעל פערלאָזען אויף זיין פערגאַנגענהייט און אויף זיין פּאָפּולאַריטעט ביי דעם פּאַריזער פאָלק. ער האט געמיינט, אַז איהם וועט מען ניט וואַגען צו אַרעסטירען. דאָס זעלבע האָט אויך געמיינט קאַמיל דעמולען. ווען איינער פון זיינע פריינד האָט געראַטהען דאַנטאָנען צו פערלאָזען פראַנקרייך, האט ער געענטפערט: „קען מען דען מיטנעהמען דאס פאָטערלאַנד אויף דיא פּאָדעשוועס?"

דעם 30 מערץ אַבענדס, 8 טעג נאָך דער הינריכטונג פון דיא העבערטיסטען, האט דער קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג בעשלאָסען צו אַרעסטירען דיא דאַנטאָניסטען. אַ בעאַמטער האט בעצייטענס אָנגעזאָגט דאַנטאָנען וועגען דעם, אָבער ער האט אויס־

גערופען: „זיי וועלען עס ניט וואגען". עטליכע שטונדען שפעטער האט ער זיך איבערצייגט, אז זיי האבען עס געוואגט. מען האט איהם ארעסטירט און גלייכצייטיג זיינע פריינד קאמיל דעמולען, הערא־דע־סעשעל, פיליפאָ, לאקרוא, וועסטערמאן א. ז. וו. מען האט זיי איינגעשפארט אין דיא זעלבע צעלען, וואו דיא זשיראָנדיסטען זיינען געזעסען. דער געוועזענער גלח שאבאָ, דער פּאָעט פאבר־דעגלאנטין און נאך עטליכע אנהענגער פון דאנטאָן זיינען מיט א פּאָר טעג צוריק ארעסטירט געוואָרן וועגען פעלשונג פון א דעקרעט און שווינדעל. מען האט זיי אבזיכטליך פּראָצעסירט צוזאמען מיט דאנטאָנען, אום אויף איהם אויך צו ווארפען א חשד אין שווינדעל. מען האט יעצט פאָרגעבראכט דיא אַלטע און קיין מאָל ניט בעוויזענע קלאגען געגען איהם, דאָס ער איז אונטערגעקויפט געוואָרן פון קעניגליכען הויף און דאָס ער האט בערויבט דיא בעלגיער, ווען ער איז אהין געשיקט גע־וואָרן אלס קאָמיסאר פון קאָנווענט. דיא אַלגעמיינע קלאגע געגען דיא דאנטאָניסטען איז געווען דיא זעלבע וואס מען האט פאָרגעבראכט געגען דיא זשיראָנדיסטען און העבערטיסטען: פערשווערונג געגען דיא רעפּובליק. דער הויפּט־גרונד פון דיזער פאלשער בעשולדיגונג איז בעשטאנען אין דער טענה, דאָס דיא דאנטאָניסטען האבען געוועלט אָפּשוואכען דיא רעפּובליק דורך זייער שטרעבונג צו מעסיגקייט, דאָס הייסט צו דער אָפּשאפונג פון דער שרעק־סיסטעם. אזוי האט ראָבעספּיער ערקלערט, און דאָס איז געווען גענוג, אז דער רעוואָ־לוציאָנערער טריבונאל זאָל דיא דאנטאָניסטען פעראורטהיילען צום טויט.

דאנטאָן האט בעוויזען, אז א געפאלענער לייב איז נאך אַלץ שטארק. צוליעב זיין אונטהעטיגקייט נאָך דעם פאַל פון דיא זשיראָנ־דיסטען האט ער פערלאָרען זיין איינפלוס אין קאָנווענט און אין דיא קלובען, אָבער דאס פאָלק האט איהם נאָך געליעבט. דיא סעקציאָנען זיינען געוואָרן זעהר אויפגערעגט. אין קאָנווענט האָט לעזשאנדר, איינער פון דאנטאָן'ס פריינד, וועמען דער קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג האט ניט געריהרט, פערלאנגט, אז מען זאל אויסהערען דיא פערהאַפ־טעטע. נאָר ראָבעספּיער האט איהם אָפּגעהאקט דיא רייד מיט סטראַ־

שונקעס. „רייד, האט ער געזאָגט, עס איז גוט צו וויסען ווער דאַנטאָן'ס מיטשולדיגע זיינען". נאָכהער האט ער אויסגעשריען: „מיר דארפען קיינע געצקעס נימ!" קיינער האט מעהר ניט געוואגט צו עפענען א מויל צו גונסטען פון דאנטאָן. סען־זשוסט האט פאָרגעלעזען א קונציג צוזאמענגעשטעלטען אנקלאגע־אקט, אין וועלכען ער האט אויסגערעכענט אלע פאַלשע בעשולדיגונגען געגען דיא דאַנטאָניסטען און זיי ערקלערט פאר פיינדע פון דער רעוואָלוציאָן, פאר אונמאָראַלישע און פערקויפטע נשמות. דיא מיטגליעדע פון קאָנווענט, אוים שרעק פאר זייערע אייגענע קעפּ, האבען אלע קלאגען אָנגענומען פאר כשר'ע מטבעות און האבען בעווילינט איבערצוגעבען דיא דאנטאָניסטען צום רעוואָלוציאָנערען טריבונאל.

דיא דאַנטאָניסטען האבען זיך געהאלטען שטאָלץ און האבען געגעבען בייסענדע אנטוואָרטען. ווען מען האט אריינגעפיהרט דאַנטאָנען אין רעוואָלוציאָנערען טריבונאל, זיינען דיא ריכטער זעלבסט צו־ציטערטע געוואָרן. אויף דיא פראגען וועגען זיין נאָמען און וואָהנונג, האט דאַנטאָן געענטפערט: „איך בין דאַנטאָן, 35 יאָהר אלט, מיין נאָמען איז פערשריבען אין פאַנטעאָן פון דער געשיכטע און מיין וואָהנונג וועט באלד זיין דאס ניכטס". אויף דיא זעלבע פראגען האט קאמיל דע־מולען געענטפערט: „איך האב דיא יאָהרען פון דעם סאנקיולאָט יעזוס קריסטוס, א פאטאלער עלטער פאר רעוואָלוציאָנערען."

זיי האבען זיך פייערדיג פערטהיידיגט, בעזאָנדערס דאַנטאָן, וועלכער האט נאָך אלץ ניט געקענט גלויבען, אז מען וועט איהם פערורטהיילען אויף דעם גרונד פון אזעלכע פאַלשע בעשולדיגונגען, און ער האט וויעדער געדונערט מיט זיין אמאָליגע ענערגיע. ווען ער האט אויסגעהערט דעם אנקלאגע־אקט, האָט ער אויסגעשריען: „איך פיהל וויא דאָס בלוט קאָכט אין מיר. וואו זיינען מיינע אָנ־קלעגער? איך וויל זיי זעהען, איך וויל זיי ענטפערן!" ער האט פערלאנגט מען זאָל רופען ראָבעספּיער'ן און סען־זשוסט'ן. זיין דונערנדע שטימע האט איבערגעהילכט דעם גלאָק פון דעם פאָרזיצענדען פון געריכט. אין און אַרום געריכט האבען זיך צוזאמענגעקליבען מאסען מענשען צו זעהען וויא מען פּראָצעסירט אזעלכע בעריהמטע רעוואָלוציאָנערען.

פיעלע האבען סימפּאַטיזירט מיט דיא אַנגעקלאַגטע, אנדערע האבען גע־האט מיטלייד צו זיי, בעזאָנדערס דיא יענינע, וועלבע האבען געזעהען וויא קאַמיל דעמולען׳ס רייצענדע יונגע פרוי לוסיל האט זיך אומזאָנסט געריסען צו זעהען איהר היים געליעבטען מאן. (מען האט איהר אין אַ פּאָר טעג אַרום אַרעסטירט אויף דער קלאַגע, אַז זיא האט געוועלט בעפרייען איהר מאַן און מען האט איהר אויך גיליאָטינירט).

דיא געשוואָרענע זיינען געווען צושראָקען און האבען ניט גע־וואוסט וויא זיך צו האַלטען. דאַנטאָן האט ניט אויפגעהערט צו פאָדערן מען זאָל רופען זיינע אַנקלעגער און האט געוואָרפען פייער־דיגע בליקען אויף דיא צושראָקענע ריכטער. מען זאָגט, אַז קאַמיל דעמולען, אויסער זיך פון צאָרן, האט געשליידערט קייקעלעך פון ברויט אין דיא געזיכטער פון דיא ריכטער.

דער פּראָקוראָר פוקיע־טינוויל האט געלאָזט וויסען דעם קאָמי־טעט פון עפענטליכע רעטונג, אַז דיא אַנגעקלאַגטע בונטעווען זיך. דער קאָמיטעט האט דאַן גלייך אויסגעפיהרט אין קאָנווענט, דאָס מען זאָל ערלויבען דעם טריבונאַל צו ענדיגען דעם פּראָצעס אָהן ווייטערן פערהער. דאַרום האט מען דעם נעכסטען טאָג אוועקגעשיקט דיא אַנגעקלאַגטע אין געפענגניס, וויא נאַר זיי האבען געעפענט דעם מויל זיך צו פערטהיידיגען. דיא אויסרייד איז געווען, אַז דיא אַנ־געקלאַגטע האבען בעליידיגט דעם טריבונאַל. קאַמיל דעמולען איז אַזוי צוקאָכט געוואָרן, אַז מען האט איהם מיט געוואַלט געמוזט ארויס־שלעפּען פון געריכטס־זאַל. דאַנטאָן איז געבליבען פעסט. זיינע לעצטע ווערטער אין טריבונאַל זיינען געווען: „מען אָפּפערט מיך צו דעם עהרגייץ פון עטליכע פּייגע רויבער, אבער זיי וועלען לאַנג ניט געניסען דיא פרוכטען פון זייער פערברעכערישען זיעג. איך שלעפּ מיט ראָבעספּיער׳ן, ראָבעספּיער וועט מיר נאָכפאָלגען״.

דאַנטאָן׳ס נבואה איז מקוים געוואָרן פיעל שנעלער, וויא מען האט עס ערוואַרטעט, אין קנאַפּע 4 מאָנאַט אַרום.

דיא געשוואָרענע האבען ערקלערט דיא דאַנטאָניסטען שולדיג אין אַ פערשווערונג צו שטירצען דיא רעפּובליקאַנישע רעגירונג און איינצופיהרען אַ מאָנאַרכיע. דער טריבונאַל האט דאַרום פעראורטהיילט

אַלע 14 אָנגעקלאָגטע צום טויט און האָט געהייסען זיי גלייך פיהרען צום עשאַפאָט. דעם 5 אַפּריל 1794 זיינען זיי געקעפּט געוואָרן אויף דעם רעוואָלוציאָנס-פּלאַץ. זיי זיינען אַלע געשטאָרבען מוטהיג. דאַנטאָן האָט געבעטען דעם תליון צו צייגען זיין אָפּגעהאַקטען קאָפּ דעם פאָלק אַרום עשאַפאָט און דער תליון האָט ערפילט זיין בקשה. קאַמיל דעמולען האָט זיך געוועהרט מיט אַלע זיינע כחות, ווען מען האָט איהם געשלעפּט אויף דעם פאַטאַלען וואַגען. ווען מען האָט איהם געבונדען דיא הענט, האָט ער אויסגעשריען: „אָט אַזוי בעלוינט מען עס דעם ערשטען אַפּאָסטעל פון פרייהייט!“

זיצענדיג אין געפענגניס אין דער גרעסטער פערצווייפלונג, פול מיט צאָרן און הארצווייטאָג, וואָס אַזעלבע רעוואָלוציאָנערען וויא ער שיקט מען אויף דעם עשאַפאָט, האָט ער געשריעבען ברענענדע ליעבע בריף צו זיין פרוי, דיא שעהנע און עדעלע לוסיל. אין זיין לעצטע בריף צו איהר האָט ער געשריבען: „אָה, מיין טהייערע לוסיל, מיין היים-געליעבטע! ווען פּיטט אָדער קאָבורג וואָלטען מיך אַזוי שלעכט בעהאַנדעלט!... אָבער מיינע חברים, ראָבעספּיער אַליין האָט אונטערשריבען דעם בעפעהל מיך צו אַרעסטירען! דאָס איז דער פּרייז פאַר אַזוי פיעל אויפאָפּפערונגען... איך פיהל וויא דאָס לעבען פליהט אַוועק פון מיר. איך זעה מיין לוסיל! איך זעה דיך, מיינע געקרייצטע אָרעמס דריקען דיך, מיינע געבונדענע הענט נעהמען דיך אַרום און מיין אָפּגעהאַקטער קאָפּ רוהט אויף דיר. איך געה שטאַרבען!“

דאַנטאָן'ס קאָפּ איז געפאַלען 11 טעג נאָך העבערט'ס און אונגעפעהר 5 מאָנאַט נאָך דער הינרוכטונג פון דיא זשיראָנדיסטען. דיא דריי און האַלב מאָנאַט וואָס האָבען געפאָלגט נאָכדעם, ווען ראָבעספּיער איז געבליבען דער דיקטאַטאָר פון פראַנקרייך, זיינען געווען דיא שוידערליכסטע פון דער שרעקענס-הערשאַפט. נאָר איידער מיר געהען שילדערן וואָס עס איז פאָרגעקומען אין פראַנקרייך ביז דעם פאַל פון ראָבעספּיער, לאָמיר בעטראַכטען, וויא דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט געקעמפפט געגען דיא אויסלענדישע שונאים אין דער גאַנצער צייט פון טעראָר.

זיעבעןֿאוןֿצוואנציגסטער קאפּיטעל

דיא פראַנצויזישע אַרמעען אין 1793 און 1794.

דיא מאָנטאַניאַרען האבען געהאַנדעלט אין דיא אַרמעען אַזוי רעוואָלוציאָנער וויא אין דער רעגירונג. דער קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג פלעגט בעפעהלען דיא גענעראַלען צו זיעגען, און דיא גענעראַלען האבען גאַנץ גוט געוואוסט, אַז זיי שטעלען אין קאָן זייערע קעפּ, ווען זיי וועלען דיזע בעפעהלען ניט אויספיהרען. זייט דעם פערראַטה פון דיומוריע האבען דיא רעוואָלוציאָנערען ווייניג צוטרויען געהאַט צו דיא גענעראַלען. ביי דער מינדעסטער נידערלאַגע האט מען זיי פערדעכטיגט אין פערראַטה. מיטגלידער פון קאָנווענט פלעגען געשיקט ווערען אַלס קאָמיסאַרען צו דיא אַרמעען מיט פולער מאַכט איבער דיא גענעראַלען, אויף וועלכע זיי האבען שטרענג אויפגעפּאַסט.

דער געניאַלער קאַרנאָ האט אונערמידליך אָרגאַניזירט אַרמעען. ער האט געהאַלטען מיט דיא יאַקאָבינער, אָבער ער האט זיך ניט גע־מישט אין דעם פּאַרטיי־קאַמפּף און טראָגט קיין פעראַנטוואָרטליכ־קייט פאַר דיא שרעקענס־צייט. ער האט זיך אין גאַנצען אָפּגעגעבען אַלס קריעגס־מיניסטער צו רעטען פראַנקרייך פון דיא אויסלענדישע שונאים. ער האט אונערמידליך געאַרבייט צו שיקען איין אַרמעע נאָך דער אַנדערער צו דיא שלאַכטפעלדער.

צוערשט האט קאַרנאָ צוגעשיקט פערשטערקונגען צו דער אַר־מעע אין נאָרד געגען דיא ענגלענדער און האָלענדער, וועלכע האבען בעלאַגערט דונקירך. דעם 7 סעפּטעמבער 1793 איז עס געקומען צו אַ שלאַכט לעבען האָנדשאָטען צווישען פראַנצויזען אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל הושאַרד און דיא ענגלענדער מיט דיא האָ־לענדער אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם הערצאָג פון יאָרק. דיא שלאַכט האט געדויערט צוויי טעג. גענעראַל הושאַרד האט ניט גענוג ענערגיש געקעמפּפט, און דער קאָנווענטס־קאָמיסאַר לעוואַסעיר האט איהם געמוזט סטראַשען מיט דער גיליאָטינע, אום איהם אונטער צוטרייבען. ענדליך האבען דיא פראַנצויזען פערטריבען דיא ענגליש־

האָלענדישע אַרמעע נאָך אַ העלדענמוטהיגען שטורם מיט באַיאָנעטען. דיא וואָלאָנטירען האבען נאָך אַמאָל געזיעגט דורך זייער מערקווירדיגע פּאַטריאָטישע בעגייסטערונג. מען האט בעהויפּטעט, אַז ווען הושארד וואָלט געווען ענערגישער, וואָלט מען געקענט אָפּהאַקען דער ענגלישער אַרמעע דעם וועג צוריק. יעדענפאַלס האט דער קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג געפונען דיא האַנדלונגען פון גענעראַל הושארד זעהר פערדעכטיג און האט איהם שפּעטער געשיקט אויפ'ן עשאַפאָט.

דער הויפּט־קאָמאַנדיר איבער דער נאָרד־אַרמעע איז דאַן געוואָרען דער הייסער רעפּובליקאַנער גענעראַל זשורדאַן, וועלכער האט אויך געקעמפּפט אין אַמעריקא געגען דיא ענגלענדער אין וואשינגטאָן'ס אַרמעע. ער האט געקראָגען אַ בעפעהל פון קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג צו בעפרייען דיא פראַנצויזישע שטאָט מאָבעזש, וועלכע איז בעלאַגערט געוועזען פון דיא עסטרייכער אונטער דער קאָמאַנדע פון קאָבורג. דעם 15 אָקטאָבער 1793 האָבען זיך דיא עסטרייכער און פראַנצויזישע אַרמעען צוזאַמענגעטראָפען לעבען וואטיני, און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ גרויסע שלאַכט, וועלכע האט געדויערט צוויי טעג און האט זיך געענדיגט מיט אַ זיעג פון דיא פראַנצויזען. אין דיזער שלאַכט האט קאַרנאָ זעלבסט אַנטהייל גענומען. ווען ער האט דערזעהען, אַז עטליכע פראַנצויזישע באַטאַליאָנען טרעטען אָפּ צוריק, האט ער אַרויסגעכאַפּט זיין שווערד און האט זיי געפיהרט צו אַ שטורם, וועלכער האט ענטשיעדען דעם שיקזאַל פון דער שלאַכט. דיא עסטרייכער זיינען נאָכדעם צוריקגעטראָטען, זאָ דאָס דיא נאָרדגרענעצען זיינען בעפרייט געוואָרען פון דיא אויסלענדישע שונאים.

אין מזרח־זייט האט דיא פראַנצויזישע אַרמעע געהאט צו קעמפּפען לעבען טייך רהיין מיט דיא פּרייסען. גענעראַל באָהאַרנע איז אָנפאַנגס געווען דער קאָמאַנדיר פון דער רהיין־אַרמעע, נאָר אַזוי וויא ער איז צוויי מאָל בעזיעגט געוואָרען פון דיא פּרייסען, האט איהם דער קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג אַרונטערגעזעצט און שפּעטער גיליאָטינירט. דיא קאָמאַנדע איז דאַן איבערגעגאַנגען אין דיא הענד פון דעם 25־יעהריגען גענעראַל האָש, וועלכער האט אַרויסגעוויזען זיינע

מיליטערישע פעהיגקייטען אין דער נאָרד־ארמעע. קאַרנאָ האט גלייך בעמערקט דיא גלענצענדע פעהיגקייטען פון דיזען יונגען רעפּובליקאַ־נישען אָפיציר, וועלכער איז אינגעלוויז געוועזן א דיענער אין א שטאַל און איז געוואָרען א וואָלאָנטיר אין דער גוואַרדיע. זייענדיג א סאָלדאט האט האָש פלייסיג שטודירט דיא קריעגס־קונסט און איז געוואָרן א גענעראַל, וועלכער האט קיין גלייכען צו זיך ניט געהאט, אויסער נאַ־פּאָלעאָנען. דער קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג האט איהם בעפוי־לען צו פעריאָגען דיא פּרייסען פון דער שטאָט לאַנדאָ מיט דיא ווערטער: „לאַנדאָ אָדער טויט!" האָש האט איבערגעגעבען דיזען בעפעהל צו זיין ארמעע, אום צו צייגען, אז ער איז ענטשלאָסען צו זיעגען אָדער צו שטאַרבען.

דיא פּרייסען, אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם הערצאָג פון בראַונשווייג, זיינען צו דער צייט פערשטאַרקט געוואָרען דורך איין עסט־רייכער קאָרפּוס אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם אַלטען מאַרשאַל וואורמזער. אָבער דאס האט ניט אָפּגעהאַלטען דעם יונגען און פייער־דיגען האָש. דעם 28 נאָוועמבער 1793 האט ער אטאַקירטביידע ארמעען; אָבער נאָך א שלאַכט, וועלכע האט געדויערט 3 טעג, האט ער געמוזט אָפּטרעטען מיט גרויס פערלוסט, ווייל דיא פּרייסען און עסטרייכער האבען פערנומען א צו שטאַרקע פּאָזיציאָן. נאָר אין דריי וואָכען ארום האט האָש ווידער אָנגעפאַנגען אַן אטאַקע. ער האט צוערשט צוריקגעשטויסען דיא עסטרייכער און 4 טעג שפּעטער האט ער נאָך א זעהר בלוטיגער שלאַכט געצוואונגען דיא פּרייסען אָפּצוטרע־טען. דער הערצאָג פון בראַונשווייג האט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין קאָמאַנדע אויס ערגערניס און שאַנדע, וואס ער איז בעזיעגט געוואָרן פון א 25־יעהריגען „סאַנקיולאָטען"־גענעראַל. דיא רעפּובליק איז אויף דיזער ווייזע אויך געזיכערט געוואָרן אין מזרח־זייט לעבען רהיין.

לעבען איטאַליענישען גרענעץ האט קעלערמאַן, דער העלד פון וואַלמי, שליסליך פעריאָגט דיא עסטרייכער און סאַרדיניער. נאָר לעבען שפּאַנישען גרענעץ האבען דיא פראַנצויזען קיין ערפאָלג געהאט: דער שפּאַנישער גענעראַל ריקאַרדאָס האט צוריקגעשטויסען דיא פראַנ־צויזישע ארמעע.

קאַרנאָ האָט אויך אַרויסגעשיקט אַ שטאַרקע אַרמעע געגען דיא שטאָט טולאָן, וועלכע האט זיך אונטערגעגעבען צו דיא ענגלענדער, וויא מיר ווייסען עס שוין פון אַ פאָריגען קאַפּיטעל. דיזער מיליטערישער פּאָרט איז פערנומען געוועזען פון אַ שטאַרקע ענגליש־שפּאַנישע פלאָטע, און דיא טולאָנער בירגער זעלבסט האבען זיך זעהר ענערגיש פערטהיידיגט געגען דיא יאַקאָבינער. דער קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג האט בעפוילען איינצונעהמען טולאָן ביז ענדע 1793 יאָהר, און דיזער בעפעהל איז טאַקע אויסגעפיהרט געוואָרען דעם 22 דעצעמבער. אָבער דאס איז נאָר געשעהען, ווייל מען האט אָנגענומען דעם אטאַקע־פּלאַן פון אַ 24־יעהריגען אַרטילעריע־אָפיציר, וועמעס נאָמען האט אין צוויי יאָהר אַרום גענומען קלינגען איבער דער גאַנצער וועלט. דאס איז געווען נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע, דער צוקינפטיגער אימפּעראַטאָר. ער האט גלייך אַרויסגעוויזען זיין זעלטענעם מיליטערישען זשעני.

ווען דיא ענגלישע פלאָטע האט געמוזט אָפּטרעטען, אום זיך צו רעטען פון דעם פייער פון נאַפּאָלעאָן׳ס קאַנאָנען, האט דער אַדמיראַל הוד געהייסען פערברענען דיא פראַנצויזישע שיפען און האט איבערגעלאָזען דיא יאָמערנדע טולאָנער בירגער צו זייער ביטערן שיקזאַל, דען זיי האבען געוואוסט, אַז דער קאָנווענט וועט זיי בלוטיג בעשטראָפען פאַר זייער פערראַטה. דיא שפּאַנישע שיפען האבען מיטגענומען אַ טהייל פון דער טולאָנער בעפעלקערונג. נאַפּאָלעאָן האט אונבאַרמהערציג געהייסען ציעלען זיינע קאַנאָנען אויף דיא פערצווייפעלטע טולאָנער, וועלכע האבען זיך געריסען צו דיא שיפען, אום זיך צו רעטען. נאַפּאָלעאָן האט דאַן געשפּיעלט דיא ראָלע פון אַ יאַקאָבינער און האט זיך בעפריינדעט מיט ראָבעספּיער׳ס ברודער, וועלכער איז געשיקט געוואָרן פון קאָנווענט צו בעוואַכען דיא אַרמעע לעבען טולאָן; אָבער מען רעכענט, אַז שוין אין דער צייט האט ער געטרוימט וועגען זעהר עהרגייציגע פּלענער. פאַר זיין פריינדשאַפט מיט ראָבעספּיער׳ס ברודער האט ער געליטען נאָך ראָבעספּיער׳ס פאַל.

האָש און נאַפּאָלעאָן, דיא צוויי גלענצענדסטע שטערן פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמעע, האבען זיך אַלזאָ גלייכצייטיג אויפגעהויבען דורך זייערע געניאַלע מיליטערישע פעהיגקייטען, אבער זייער

שיקזאל איז געווען א גאנץ פערשיעדענער. האָש איז פריהער געוואָרן א גענעראל, אבער נאפּאָלעאָן האט איהם איבערגעלעבט. מען דיינקט, אז ווען האָש וואלט נים פריהערצייטיג געשטאָרבען, וואָלט נאפּאָלעאָן נים געקענט ווערן קייזער. האָש איז יעדענפאלס געווען אַן אויפריכטיגער רעפּובליקאנער און א פיעל בעסערער מענש וויא דער עהרגייציגער קאָרסיקאנער, וועמען דער צופאל האט מערקווירדיג געהאָלפען.

אלס קאָמיסארען פון קאָנווענט זיינען געשיקט געוואָרן נאך טולאָן דיא דאַנטאָניסטען באראס און פרעראָן, וועלכע האבען גע־הייסען גיליאָטינירען 200 פּערזאָן. טולאָן האט דאן געקראָגען דעם נאָמען „האפען פון מאָנטאין“.

דיא רעפּובליק האָט אַלזאָ בעזיעגט אין 1793 איהרע אויס־לענדישע געגנער אזוי וויא דיא אינלענדישע. נאר אין דיא קאָלאָ־ניען האבען דיא פראנצויזען ערליטען גרויסע נידערלאגעס. מיט דער הילפע פון זייער מעכטיגער פלאָטע האָבען דיא ענגלענדער פערכאפּט אַלע פראנצויזישע קאָלאָניעס אין אינדיען און אין אמעריקא. אויף דעם אינזעל האאיטי האבען דיא נעגערן געמאכט אַן אויפשטאנד און האבען געגרינדעט א רעפּובליק, נאכדעם זיי האבען אויסגע־שלאכטעט דיא ווייסע הערשער. דיא שפּאניער האבען געשטיצט דיא נעגערן געגען פראנקרייך, נאר דער גרעסטער פון דיא נעגער־פיהרערס, דער בעריהמטער טוסען לואווערטיור, וועמען מען האט גערופען נעגער־נאפּאָלעאָן, איז שפּעטער צוגעשטאנען צו דיא פראנ־צויזען. דער קאָנווענט האָט איהם דערפאר געמאכט פאר א גענע־ראל. שליסליך אבער, נאך פיעלע ענדערונגען און שלאכטען, איז האאיטי אפּגעריסען געווארן פון פראנקרייך און איז פערבליבען אַן אונאבהענגיגע רעפּובליק.

אין 1794 זיינען דיא פראנצויזישע ארמעען געווען נאָך ער־פאָלגרייכער וויא אין 1793. דיא וואָלאָנטירען זיינען שוין געוואָרן גענִיטע סאָלדאטען. ביסלעכווייז זיינען זיי אזוי צוגעוואָהנט געוואָרן צו פולווער און שלאכטען, דאָס זיי זיינען געוואָרן אונבעזיעגבאר.

זיי האבען זיך געשלאָגען מיט ענטהוזיאזמוס און קונסט און האבען דארום צושמעטערט אלע זייערע געגנער.

דורך דיא וואונדערבארע טהעטיגקייט פון קארנאָ האט דיא פראנצויזישע רעפובליק געהאט אונטער איהר טריקאָלאָר (דריי־פאר־בינע) פאָהן ביז א מיליאָן סאָלדאטען מיט גלענצענדע גענעראלען. ניט אומזיסט האט קארנאָ געקראָגען דעם נאָמען „אָרגאניזאטאָר פון קריעג".

גענעראל פּישעגרו, וועלכער האט אויך געקעמפפט צוזאמען מיט דיא אמעריקאנער געגען ענגלאנד, איז אריבער דעם נאָרד־גרענעץ פון פראנקרייך און האט צוקלאפּט דיא ענגליש־האָלענדישע ארמעע לעבען טורנעי (בעלגיען) דעם 22 מאי 1794. נאכהער האט ער פערנומען גאנץ בעלגיען און האט זיך א לאָז געטאָן נאך האָלאנד, וואו דאס פאָלק האט מיט פריידע אויפגענומען דיא פראנצויזען אלס בעפרייער.

גענעראל זשורדאן, דער זיעגער ביי וואטיני, האט נאך אונגע־הייערע שוויריגקייטען און גרויסע פערלוסטען צוריקגעשטויסען דיא אטאקעס פון דיא פּרייסען און עסטרייכער. דער קאָנוועגטס־קאָמיסאר אין זשורדאן'ס ארמעע איז געוועזן סען־זשוסט, וועלכער האט אויך דאָ ארויסגעוויזען זיין זעלטענע ענערגיע. דיא פראנצויזען האבען דאָ געהאט צו קעמפּפען געגען אן ארמעע פון 110 טויזענד געניטע דייטשע און עסטרייכער סאָלדאטען אונטער דער קאָמאנדע פון דעם פּרינץ פון קאָבורג. דיא הויפּטשלאכטען זיינען פאָרגעקומען לעבען פלוירוס. פּרינץ פון קאָבורג איז געוועזן זיכער צו זיעגען און גלייך נאָכדעם צו מארשירען ביז צו פּאריז. אָבער דיא פראנצויזען האבען זיך גוט בעפעסטיגט אויף א ליניע, וועלכע האט זיך געצויגען מייד־לענווייט. צוואנציג מאָל האט פּרינץ פון קאָבורג געהייסען אטאקירען אָדער ארומגיין פון הינטען דיא פראנצויזישע פּאָזיציאָנען, אָבער יעדעס מאָל אָהן ערפאָלג. דעם 24 יוני איז פאָרגעקומען דיא הויפּט־שלאכט, וועלכע איז געוועזן דיא וויכטיגסטע און דיא בלוטיגסטע אין דיזען יאָהר. קאָבורג האט אָנגעשטרענגט אלע זיינע קרעפטען. דער ארכידוקעס קארל, א ברודער פון עסטרייכער קייזער, האט צוויי מאָל געפיהרט זיינע דיוויזיאָנען צום שטורם, אָבער ער איז ביידע

מאָל צוריקגעשטויסען געוואָרען מיט גרויס פערלוסט. דאן האבען דיא פראנצויזען אָנגעפאנגען אַן אטאקע און האבען פעריאָגט דיא עסט־רייכער.

גאַנץ פראנקרייך איז געווען פול מיט פריידע, ווען עס איז אָנגעקומען דיא נאַכריכט וועגען דעם שווערען זיעג ביי פלויררוס. דער רעזולטאַט פון דיזער שלאכט איז געווען, אז דיא עסטרייכער גארניזאָנען און 4 פראנצויזישע שטעט האבען זיך אונטערגעגעבען. פישעגרו און זשורדאן האבען זיך פעראייניגט לעבען בריסעל און האבען אַלץ ווייטער געיאָגט דיא אויסלענדישע אַרמעען: פישעגרו האָט זיך איינגעריסען אין האָלאנד און זשורדאן האט פעריאָגט דיא עסטרייכער ביז קעלן.

אויף דיא רהיין־ארמעע איז שליסליך געווען זיעגרייך. גענעראַל מישאָ, וועלכער האט איבערגענומען דיא קאָמאנדע, ווייל גענעראַל האָש איז ארעסטירט געוואָרען אויף דעם פערלאנג פון סען־זשוסט, האט נאָך עטליכע שלאַכטען געצוואונגען דיא ארמעען פון עסטרייך און פרייסען איבערצוגיין דעם רהיין, זאָ דאס דער גאַנצער לינקער ברעג פון דיזען פיעל בעשטריטענעם טייך איז געבליבען אין דיא הענד פון דיא פראנצויזען.

אין זיד פראנקרייך האבען דיא רעפובליקאנישע ארמעען געהאט נאָך גלענצענדערע זיעגען. גענעראל קעלערמאן האט זיך איינגעריסען אין נאָרד־איטאַליען און איינגענומען פיעמאָנט, וואו דאס פאָלק האט בעגעגענט דיא פראנצויזען וויא בעפרייער. דיא קאָמאנדע איבער דער ארמעע לעבען שפּאנישען גרענעץ איז איבערגעגאנגען צו גענע־ראל דיוגאָמיע, דעם זיעגער פון טולאָן, און צו גענעראל מאָנסעי. לעבען סערעט זיינען דיא שפּאניער בעזיעגט געוואָרען און דיא פראנ־צויזען האבען זיך דאן איינגעריסען דורך דיא פירענעען־בערג אין שפּאניען. גענעראַל דיוגאָמיע האט מארשירט נאָך קאטאלאָניען. לעבען מאָנטע־נעראָ האט ער נידערגעשלאָגען דיא שפּאניער נאָך א 4־טעגיגע שלאכט, אָבער דער זיעג האט איהם געקאָסט זיין לעבען. דער שפּאנישער קאָמאנדיר איז אויך געטויטעט געוואָרען אין דיזער

שלאכט. גענעראל מאַנסעי האט איינגענומען דיא פראָווינץ נאַווארא און האט זיך אויך אריינגעכאפט אין דער פראָווינץ אראַגאָניען.

דיא רעפּיבליקאנער ארמעען האבען אלזאָ אין 1794 ניט נאר פעריאַגט דיא אויסלענדישע ארמעען פון דיא פראנצויזישע גרענעצען, נאָר אויך פערנומען פראָווינצען אין דיא פיינדליכע לענדער.

אָבער אויפ'ן ים האבען דיא פראנצויזען געליטען ביטערע ני־דערלאַגעס. דיא מאַטראָסען זיינען געווען אזוי בראוו און בעגייסטערט וויא דיא סאָלדאטען אויף דער יבשה, אָבער דיא פראנצויזישע פלאָטע איז געווען צו שוואך געגען דיא ענגלישע. מען האט געמוזט שאפען א נייע פלאָטע. דיא וויכטיגסטע ים־שלאכט איז פאָרגעקומען דעם 1 יוני, ווען דער אדמיראל ווילארע־זשואיעז איז ארויס פון דעם פאָרט ברעסט צו בעשיצען א פלאָטע פון 200 קאָרנשיפען פון וועסט־אינ־דיען. דער ענגלישער אדמיראל האָו האט אטאקירט דיא פראנצויזישע שיפען מיט א פיעל שטארקערע פלאָטע. דיא שלאכט איז געווען אַן אונגלייכע פון אָנפאנג אָן, און דיא פראנצויזען זיינען בעזיעגט גע־וואָרן, נאָר זיי האבען בעוויזען וואונדער און האבען דאך גערעטעט דיא קאָרנשיפען נאכדעם וויא זיי האבען פערלאָרען 7 קריעגס־שיפען.

אין דיזער פירכטערליכער שלאכט האבען זיך בעזאָנדערס אויסגעצייכענט דיא מאטראָסען פון דער שיף „וואַנזשויר (נקמה־נעה־מער)“. זיא איז אטאקירט געוואָרן פון דריי שטארקע ענגלישע שיפען מיט אמאָל, אבער דיא מאטראָסען האבען געקעמפּפט וויא לייבען ביז זיא איז געזונקען. ווען אלע איהרע מאסטען זיינען צושמעטערט געוואָרן און דיא ענגלענדער האבען אויפגעפאָדערט דיא פראנצויזען זיך אונטערצוגעבען, האבען זיי זיך ענטזאגט. זיי האבען דאן בעשלאָסען ליעבערסט צו זינקען מיט זייער „וואַנזשויר“. זיי האבען אוועקגעשטעלט דיא דריי־פאַרביגע פאָהן אויף דעם דעק פון דער שיף און, אויפהיי־בענדיג דיא אויגען צום הימעל, זיינען זיי אונטערגעגאנגען מיט דער שיף ארויסלאָזענדיג א געשריי: „עס לעבע דיא פרייהייט!“

אָט אזעלכע סאָלדאטען און מאטראָסען האט דיא רעפּובליק געהאט. קיין וואונדער וואס זיא האט בעזיעגט אלע איהרע שונאים. אבער אויך דיא געלעהרטע האבען זיך דאן אויסגעצייכענט. פראנק־

רייך איז געוועזן רייך מיט מערקווירדיגע און געניאַלע מענער אין אַלע צווייגען פון וויסענשאַפטען און קונסטען. אַזעלכע געניאַלע געלעהר־טע, וויא מאָנזש, בערטהאָלעט א. ז. וו., האבען זיך אָנגעשטרענגט צו מאַכען ערפינדונגען און ענטדעקונגען, אום צו ערלייכטערן די ארבייט און צו שאַפען בעסערע געוועהר. די פראַנצויזישע קאַנאָנען זיינען דאַן ווירקליך געוועזן די בעסטע. מען קען זיך קוים פאָר־שטעלען, וויא פיעל ארבייט מען האט געמוזט אָנוועקלייגען, אום אויסצושטאַטען 14 ריזיגע אַרמעען אין אַזא קורצע צייט. אין 9 מאָנאַט צייט האט מען ארויסגעקראָגען פון דעם באָדען פון פראַנק־רייך 12 מיליאָן קילאָגראַם ספּיאַלטער. 45 גוס־פאַבריקען האבען צוגעשטעלט 7.000 בראָנז־הארמאַטען און 13.000 שטאָלענע קאַנאָנען. מען האט איינגעריכטעט 20 נייע געוועהר־פאַבריקען וואו מען האָט אָנגעווענדעט נייע ערפינדונגען און פראָדוקציאָנס־מיטעל. אין פּאַריז האט מען אויפגעבויט א נייע פאַבריק, וועלכע האט צוגעשטעלט יעהרליך 140.000 ביקסען. עהנליכע פאַבריקען זיינען שנעל אויפגע־בויט געווארן אין די פּראָווינצען. אויסערדעם זיינען געוועזן 148 פאַבריקען צו פּעררייכטען אַלערליי געוועהר.

קורץ, אין דער צייט ווען מאַסען וואָלאָנטירען זיינען מיט בעגייסטערונג געגאַנגען צום שלאַכטפעלד, האבען אַנדערע פראַנצויזען מיט בעגייסטערונג געארבייט צו שאַפען די בעסטע קריעגס־מאַטע־ריאַלען פאר די אַרמעען.

אַכט־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

די שרעקענסצייט אונטער ראָבעספּיערס דיקטאַטור.

ניט אַכטענדיג אויף אַלע זיעגען פון די רעפּובליקאַנישע אַר־מעען האט דער אַלמעכטיגער קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג ניט אָפּגעשוואַכט די שרעקענס־הערשאַפט. פאַרקעהרט, דער טע־ראָר איז נאָך בלוטיגער געווארן. ביז די היגריכטונגען פון די העבערטיסטען און דאַנטאָניסטען האט דער רעוואָלוציאָנערער טרי־

בונאל געהאט צו משפט'ן מענשען מיט גרויסע נעמען און בעדייטונג. דיא פראָצעסען האבען געהאט א פּאָליטישען צוועק, אבער נאכהער האט מען געהאקט קעפּ אָהן א טאָלק. עס איז געווען איינפאך א משוגה'דיגע אויסשלאכטונג פון פּראָסטע מענשען, וואס זיינען דורך א מסירה אדער א צופאל אריינגעפאלען אין דיא געפענגניסע אויף דעם גרונד פון דעם שרעקליכען געזעץ וועגען פערדעכטיגע. דער גרעסטער טהייל פון דיזע הינריכטונגען האט קיין ברעקעל זינען ניט גע־האט. דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאל פלעגט הייסען האקען קעפּ עפּעס אזוי וויא א צייטפערטרייב. דערמיט האט ער געוועלט ארויס־ צייגען זיין טהעטיגקייט.

אפילו דיא הינריכטונג פון דער פּרינצעסין עליזאבעטהע, שוועסטער פון לודוויג XVI, איז שוין געווען א זינלאָזער מאָרד. זיא איז געבליבען זיצען אין טעמפעל־טהורם צוזאמען מיט דעם זוהן און טאָכטער פון קעניג 9 מאָנאט. א געוויסע צייט האט מען אזוי וויא פערגעסען אָן איהר, נאר איין אבענד האט מען איהר פּלוצלונג געבראכט צום רעוואָלוציאָנערען טריבונאל אויף דער קלאגע אין פער־ שווערונג. דער פערהער איז געווען אונטער געשלאָסענע טירען, מען האט ניט גערופען קיינע עדות און מען האט איהר געלאָזען אָהן א פערטהיידיגער. מען האט איהר פעראורטהיילט צום טויט און אוועק־ געפיהרט צו דער גיליאָטינע צוזאמען מיט 24 מענער און פרויען, וועלכע מען האט קוים אויסגעפרעגט און שנעל פעראורטהיילט, אויך אויף דער קלאגע אין פערשווערונג געגען דיא רעפּובליק. איינע פון דיא פעראורטהיילטע פרויען איז אלט געווען 76 יאָהר. דיא פּרינצע־ סין עליזאבעטהע האט זיך געהאלטען זעהר פעסט און מוטהיג, הגם זיא האט געמוזט צוזעהען, וויא מען האט פריהער גיליאָטינירט דיא 24 אנדערע אָפּפער.

אין טעמפעל־טהורם זיינען נאכדעם געבליבען לודוויג'ס זוהן און טאָכטער. דיא מיידעלע האט מען ניט שלעכט בעהאנדעלט, מען האט איהר געלאָזט זיין צוזאמען מיט איהר גואוורנאנטקע, אבער דעם איינ־ געל האט מען אָנפאנגס איבערגעגעבען אויף ערציהונג צום יאקאָבינער שוסטער סימאָן, וויא דאָס איז שוין אין א פּאָריגען קאפּיטעל בעמערקט

געוואָרן, און נאכהער האט מען איהם איינגעשפּאַרט אין אַן ענגען ציי־מער, וואו ער האט קיינעם ניט געזעהען אויסער צוויי וועכטער און וואו ער איז אין אונגעפעהר אַ יאָהר אַרום געשטאָרבען, ווען איהם איז געוואָרן 10 יאָהר. לודוויג׳ס טאָכטער האט מען שליסליך געהייסען ארויסלאָזען און איבערגעבען צו עסטרייכער קאָמיסארען נאכדעם מען האט אָפּגעמאכט, אז עסטרייך זאָל דערפאַר פריילאָזען דיא קאָנווענטס־מיטגליעדער און דעם קריעגס־מיניסטער, וואָס גענעראַל דיומוריע האט אויסגעליפערט צו דיא עסטרייכער.

אין דיא דריי מאָנאַט פאַר דעם סוף פון ראָבעספּיער און פון דער שרעקענס־צייט איז דיא צאָהל פון דיא גיליאָטינירטע אַלץ גע־שטיעגען. דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל האט געשאָטען מיט טויט־אורטהיילען. דער וואָגען פאַר דיא פעראורטהיילטע פלעגט עט־ליכע מאָל אין טאָג מאכען זיין טרויער־רייזע פון טריבונאַל צום עשאַפאָט. אנשטאָט אריסטאָקראַטען און בעוואוסטע מענשען האט מען געפיהרט צום עשאַפאָט ארבייטער, בויערן, דיענערס, קעכינס, נייטערקעס, וועשערינען א. ז. וו. איין קעכין האט מען גיליאָטינירט דערפאַר וואָס זיא האט געזאָגט, אז זיא וואָלט בעסער וועלען פראנק־רייך זאָל האבען אַ קעניג, ווייל דאַן וואָלט איהר געליעבטער ניט בעדאַרפט גיין אין קריעג.

ניט איין מאָל האט פּאַסירט, אז איינער איז הינגעריכטעט געוואָרן אנשטאָט אַן אַנדערן דורך אַ פערזעהען אדער דורך אַן עהנליכקייט אין נאָמען אדער אין געזיכט. ווען מען פלעגט זיך באַפּען, אז מען האט געהאט אַ טעות, פלעגט דער פּאָרזיצענדער פון געריכט אדער דער טרויעריג־בעריהמטער פּראָקוראָר פוקיע־טינוויל בעמערקען: „וואָס מאכט עס אויס—היינט אדער מאָרגען״. אַ יונגען מאַן פון 21 יאהר האט מען פעראורטהיילט צום טויט אויף דער קלאַגע, דאס זיינער אַ זוהן האט אנטהייל גענומען אין אַן אויפשטאַנד! ווען מען האט געבראכט דיא 80־יעהריגע אריסטאָקראַטקע מושי אין געריכט און איהר געשטעלט דיא געוועהנליכע פּאָרמאַליטעטס־פראַגען, האט זיא גאר ניט געענטפערט. אימעצער האט דאַן בעמערקט, אז זיא איז טויב. „נישקשה, האט פוקיע־טינוויל געזאגט, זיא האט

קאָנספּירירט טויבערהייט". אָן אַנדערס מאָל האט דער זעלבער פּראָ־קוראָר אויסגעשריען צו אַן אָנגעקלאָגטן מיט אַ פּאַראַליזירטען צונג: „ניט דיין צונג דאַרף איך, נאָר דיין קאָפּ".

פון לוקסאמבורגער געפענגניס איז אַ פאַטער אוועק צום רעוואָ־לוציאָנערען טריבונאל אנשטאָט זיין זוהן, וועמען מען האט גערופען אין דער צייט, ווען ער איז נאָך געשלאָפען. דיא ריכטער האבען עס נאָר ניט בעמערקט און האבען פערוּרטהיילט צום טויט דעם פאָטער אנשטאָט דעם זוהן. אין דער זעלבער לוקסאמבורגער געפענגניס איז אויך געזעסען אַ 16 יעהריגער אינגעל, נאָמענס מעלעט. איין פריה־מאָרגען האט מען אויסגערופען זיין נאָמען און איהם אוועקגעפיהרט צום רעוואָלוציאָנערען טריבונאל. דאָרט האט ער נאָך דעם ריכטער'ס פראַגען פערשטאַנען, אַז מען מיינט נאָר אַ געוויסען בעלעט, וועל־כער איז געווען אַן אַלטער מאַן. „מיין נאָמען איז אָבער מעלעט און איך בין אַלט 16 יאהר," האט דער אינגעל געזאָגט. „דו האסט אָבער 60 יאהר צייט פאר פערברעכען—צום טויט!" איז געווען דעם פּרעזידענט'ס אנטוואָרט. אַ יונגער מאַן איז הינגעריכטעט געוואָרען דערפאר וואס ער האט אויפגעשריבען אויף אַן אסיגנאציע: „עס לעבע דער קעניג!" אפילו פּראָסטיטוטקעס זיינען גילאָטינירט געוואָרען אויף קלאָגען אין קאָנספּיראציאָנען געגען דיא רעפּובליק.

אויף דעם וואָגען פון דיא פערורטהיילטע פלעגען זיך אָפט געפינען אריסטאָקראטען, רייכע דאַמען, גלחים, דיענסטמיידלעך, בויערן, פאַבריקמאכערס א. ז. וו. דעם 17 מערץ 1794 זיינען גילאָטינירט געוואָרען 2 אריסטאָקראטען, אַ דינסטמיידעל און 2 בויערן. דעם 31 מערץ האט מען הינגעריכטעט דיא דאַמע שאַן־לאַריע, ווייל זיא האט געזאָגט, אַז עס איז געווען טיראנייַ צו קעפּען איהר מאַן.

דעם 24 אפּריל 1793 האט מען געקעפּט 33 איינוואָהנער פון ווערדון אויף דער קלאַגע, דאָס זיי האבען פריינדליך עמפּפאַנגען דיא פּרייסען, וועלכע האבען פערנומען דיזע שטאָט אין 1792. צווישען דיזע אָפּפער זיינען געווען 12 פרויען אין עלטער פון 18 ביז 75 יאָהר. דעם 5 מאי האט מען גילאָטינירט 5 פוצמאכערינען.

דעם 8 מאי האָט מען אויף הינגעריכטעט דעם גענעראַלען געלעהרטען לאַוואָזיע, דעם פאָטער פון כעמיע, צוזאַמען מיט 33 אַנדערע געוועזענע גענעראַל־פּעכטער (אָטקופּשטיקעס). לאַוואָזיע האָט געבעטען מען זאָל אָפּלייגען דעם טויט־אורטהייל אויף א פּאָר וואָכען ביז וואַנען ער וועט ענדיגען איינע פון זיינע וויסענשאַפטליכע ענטדעקונגען; אבער דער פּאָרזיצענדער האט איהם געענטפערט: „מיר ברויכען קיינע געלעהרטע!"...

דעם 10 מאי האָט מען גילאָטינירט 2 אַלטע מאַנאַשקעס און א נייטערקע פון 77 יאהר. זייט דעם מאָנאט יוני האט מען אליך מעהר קעפּ געהאַקט און מייסטענס זיינען דיא אָפּפער געווען אַרבייטער. דעם 16 יוני האט מען גילאָטינירט 54 פּערזאָן, דאַרונ־טער 39 אַרבייטער און 10 דיענערס.

מען האט אויסגערעכענט, אַז פון דיא 2750 פּערזאָן וואָס זיי־נען דאַן גילאָטינירט געוואָרן אין פּאַריז, זיינען 2100 געווען אָרימע מענשען. נור 650 אָפּפער האבען געהערט צו דיא רייכע און אדעלע קלאַסען. ראָבעספּיער, וועלכער האט אויפריכטיג געוועלט העלפען דעם פאָלק, האט אַלזאָ געשפּייזט דיא גילאָטינע מיט אַרבייטער־קעפּ, ווייל זיין רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל האט שוין קיינע אַנדערע אָפּפער ניט געקענט קריעגען. דאַרום האבען איהם אויך דיא אַר־בייטער פערלאָזען, ווען זיין רייהע איז געקומען צו בעשטייגען דעם עשאַפאָט. דיא אַרבייטער פון דיא פאָרשטעט האבען געענטפערט זיינע אגענטען, וועלכע זיינען געלאָפען זוכען הילפע ביי זיי: „מיר שטאַרבען פון הונגער און איהר ווילט אונז ערנעהרען מיט דער גי־ליאָטינע".

דיא ריכטער האבען געזוכט איבערצושטייגען איינער דעם אַנדערן אין משונה'דיגע גרויזאַמקייט, אום דערמיט אַרויסצואווייזען זייער רע־וואָלוציאָנערען גייסט און פּאַטריאָטיזמוס. זיי האבען דאַרום געשאָטען מיט טויט־אורטהיילען רעכטס און לינקס. זיי האבען זיך גאָר קיין מיהע ניט גענומען נאָכצוזוכען ווער עס איז ווירקליך שולדיג. דער ערנסטער צווישען זיי איז געווען דער פאָרזיצענדער דיומאַ, וועלכער האט גאָר פערלאָרען דעם מיטליידס־געפיהל אין זיין רעוואָלוציאָנערען פייער. מען

האט געפאָדערט פון דיא ריכטער קעפּ, וואס מעהר קעפּ, אום איינ־צושרעקען דיא שונאים פון דער יאקאָבינער רעפּובליק, און זיי האבען געליפערט קעפּ אָהן שום איבערלעגונג און ערבארמונג.

ראָבעספּיער זעלבסט איז אלץ ווייטער געשטיגען אויף דעם בלוטיגען לייטער, ניט בעמערקענדיג וויא דיזער לייטער שאָקעלט זיך מיט יעדען טאָג אלץ מעהר אונטער זיינע פיס. אום צו ציינען אז ער איז דיא גאנצע שטיצע פון דער רעפּובליק, האט ער אויך נאָכגעמאכט פיעלע טיראנען מיט אן אויפגעבלאָזענער פער־שווערונג געגען זיין לעבען. דיזע פערשווערונג איז פאבריצירט געוואָרן נאכדעם וויא א דיענער נאמענס לאַדמיראל האָט געשאָסען אויף דעם געוועזענעם שוישפּיעלער און נאכהער פייערדיגען מאָנטאניאר קאָלאָ דהערבואַ. דיא קויל האט איהם ניט געטראָפען, אבער דאָס פּאַ־ריזער פאָלק האט איהם ארויסגעצייגט אזוי פיעל סימפּאטיע, אז ראָבעספּיער איז אייפערזיכטוג געוואָרן. דארום האט ראָבעספּיער זיך בענוצט מיט דעם זאָ־גענאנטען אָנפאל פון דער מיידעל סעסיליע רענאָ. מען האט דיזע אונגליקליכע געוועלט אומוואנדלען אין א נייע שארלאָטע קאָרדע. דיזע האלב־פערריקטע מיידעל איז איין מאָל געקומען אין ראָבעספּיער'ס וואָהנונג און האט ערקלערט, אז זיא וויל איהם זעהען. מען האט איהר גלייך פערהאַלטען און אונטערזוכט. אין איהר קעשענע האט מען געפונען 2 קליינע טאַ־שענמעסערס. דערצו נאך האט זיא געזאָגט, אז זיא האט געוועלט זעהען וויא א טיראן קוקט אויס. דאס איז פאר ראָבעספּיער'ן און זיינע אנגענטען געווען גענוג צו פערפאסען א גאנצע פערשווערונגס־געשיכטע. זיי האבען בעהויפּטעט אז דער דיענער לאַדמיראל און דיא צודולטע סעסיליע רענאָ זיינען אָנגעשטעלט געוואָרן פון דעם ענגלישען מיניס־טער פּיטט אומצובריינגען ראָבעספּיער'ן, דעם „פאָטער פון דער רע־פּובליק".

מען האָט גלייך ארעסטירט דעם פאָטער, דיא ברידער און דיא טאָנטע, וויא אויך פיעלע בעקאנטע פון דער אונגליקליכער מיידעל. אפילו זייערע דיענערס און דיענסטען האט מען איינגע־שפּארט. צוזאמען האט מען אזוי אָנגעקלאָגט אין פערשווערונג 61

פערזאָן דארונטער 10 פרויען. אלע זייערע פראָטעסטען און בעווייזע, דאָס זיי האבען קיין שום אהנונג ניט געהאט פון אירגענד וועלכע פערשווערונג, האבען ניט געהאָלפען. מען האט אויך גאר ניט גע־נומען אין אכט דיא שבועות פון דעם דיענער לאדמיראל, אז ער האט קיין מאָל אין זיינע אויגען ניט געזעהען סעסיליע רענאָ און דיא אַנדערע אָנגעקלאָגטע. מען האט זיי אַלעמען שנעל פעראור־טהיילט צום טויט, אָנגעטאָן אין רויטע העמדער און אוועקגעפיהרט צו דער גיליאָטינע. דאָס איז געשעהען דעם 17 יוני 1794.

ראָבעספיער האט איבעראל אָנגעהאלטען זיינע שפּיאָנען, אפילו אין דיא געפענגניסען, וואו זיי פלעגען אונטערכאפּען אונפאָרזיכטיגע ווערטער פון דיא אַרעסטירטע און עס פאָרשטעלען אלס פערשווערונגען, אום דיא אונגליקליכע גיכער צו שיקען אויפ׳ן עשאַפאָט.

דיזע שטענדיגע מאַסענהאַפטע הינריכטונגען זיינען געוואָרן אַזוי שוידערליך, דאָס אפילו פוקיע־טינוויל, דער שרעק־יאָגענדער פּראָקוראָר פון רעוואָלוציאָנערען טריבונאל, האט אָנגעפאַנגען צו ציטערן. מען דערצעהלט, אז איין מאָל האט ער געזאָגט צו זיין בעגלייטער, ווען ער איז אריבער אַ בריק איבער דער סענע, אז איהם דוכט זיך, דאָס דיא סענע איז אַ בלוטשטראָם. דאס פּאַריזער פאָלק האט אלץ מעהר אָנגעפאַנגען צו האַסען דעם רעוואָלוציאָנערען טרי־בונאַל און דיא גיליאָטינע. צו עהרע פון דיא פּאַריזער אַרבייטער מוז מען זאָגען, אז זיי האבען קיין מאָל קיין סימפּאַטיע ניט געהאט צום טעראָר. זייט דיא בלוטיגע סעפּטעמבער־טעג האבען זיי זעלבסט קיין בלוט פערגאָסען אויסער זייער אייגענע אויף דיא שלאַכטפעלדער, וואו זיי האבען העלדענמוטהיג געקעמפפט געגען דיא אינלענדישע און אויסלענדישע שונאים. צוערשט, ווען מען האט גיליאָטינירט ווירקליכע פיינד פון דער רעוואָלוציאָן, האבען זיי עס גערולדעט און בעטראַכטעט אלס אַ טרויעריגע נויטווענדיגקייט, נאר ווען מען האט אלץ מעהר גענומען האקען קעפּ פון רעוואָלוציאָנערען און פון גאַנץ אונבעקאַנטע אָפּפער, האבען דיא אַרבייטער אָנגעפאַנגען אָפען ארויס־צו־ווייזען זייער אונצופריעדענהייט. דיא נוצלאָזע הינריכטונגען האבען אלץ מעהר אויפגעבראַכט דיא בעפעלקערונג און ארויסגערופען אַן

עקעל אין דיא ארבייטער־קווארטאלען. נאָר דיא ארבייטער זיינען שוין געוועזען נידערשלאָגען דורך שטענדיגען הונגער, דורך פערלאָרענע האָפנונגען און דורך דעם, וואס דיא שטארקסטע און מוטהיגסטע פון זיי זיינען אוועק אלס וואָלאָנטירען אין דיא ארמעען. אויסער דעם איז דיא קאָמונע געוועזען פאַלשטענדיג אין דיא הענד פון ראָבעספיער׳ס אנהענגער זייט דער הינריכטונג פון דיא העבערטיסטען און דאנטאָניסטען, און דיא סעקציאָנען האבען פערלאָרען זייער פרייהערע מאכט דורך דעם, וואס ראָבעספיער האט דורכגעפיהרט אין קאָנווענט אז מען זאָל דיא בעוואפענטע ארבייטער מעהר ניט צאהלען צו 2 פראנק א טאָג.

צוליעב דיזע אַלע אורזאכען האבען דיא ארבייטער שוין ניט געקענט ארויסטרעטען וויא אין דער צייט, ווען דיא מאָנטאניארען האָבען בעדארפט האבען זייער הילפע געגען דיא זשיראָנדיסטען. נאָר זיי האבען זיך שטילערהייט אַלץ מעהר אָפּגעטרייסעלט פון ראָבעספיער׳ן און פון אנדערע שרעק־יאָגערס, ווייל זייער לאגע איז גאָר ניט פערבעסערט געוואָרען דורך ראָבעספיער׳ס דיקטאַטור. ביסלעכווייז האט מען אָנגעפאנגען צו בעגעגנען דעם שרעקליכען עשאפאָט־וואָגען מיט פראָטעסטען, געשרייען און פייפערייען אין דיא גאַסען. פיעלע פלעגען צומאכען זייערע קראָמען, ווען דער שרעקליכער וואָגען מיט דיא אָפּפער פלעגט פערביי פאָהרען. דער קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג האט פּרובירט אריבערפיהרען דיא גיליאָטינע אויף אַן אנדער אָרט, זאָ דאס דער טרויער־וואָגען זאָל זיך ציהען דורך דיא פאָרשטאָט סענט־אַנטואַן. דיא רעכנונג איז געווען, אז דיא ארבייטער פון דער רעוואָלוציאָנערער פאָרשטאָט וועלען אונטערשטיצען דיא הינריכטונגען. אָבער אויך דאָרטען האט מען בעגעגענט דעם עשאפאָט־וואָגען מיט פּראָטעסטען און עקעל און מען פלעגט צומאכען דיא קראָמען. דיא ארבייטער פלעגען אויך פאנאנדעריאָגען דיא נייגיריגע פרויען, וועלכע פלעגען זיך צוזאמענלויפען זעהען דיא הינריכטונגען.

דאס זיינען אַלץ געווען אָנווייזונגען, אז דיא שרעקענס־צייט מוז באַלד קומען צו אַן ענד; אָבער ראָבעספיער האט זיי ניט געזעהען אָדער ניט געוועלט זעהען ביז זיין אייגענער פאַל איז געקומען.

אין די א פראָווינצען איז דיא שרעקענסצייט ניט געווען אזוי שוידערליך און לאַנג וויא אין פאריז. דאָרט האט מען מייסטענס גילאָטינירט נאך אויפשטאַנדען אדער דיא ערשטע צייט, ווען דיא קאָמיסארען פון קאָנווענט פלעגען אָנקומען איינשרעקען דעם עולם. מיט גרויזאַמקייטען האבען זיך בעזאָנדערס אויסגעצייכענט דיא קאָמיסארען לעבאָן אין אררא, קאריער אין נאַנט און מעניעט אין זיד־פראַנקרייך.

קאריער האט אומגעבראכט מאסען געפאַנגענע וואַנדעער און זאָ־גענאַנטע פערדעכטיגע. ער פלעגט הייסען בינדען מענער און פרויען צוזאמען—אָפט גאַנץ נאַקעט—און זיי ארייַנשליידערן אין טייך. אויף זיין בעפעהל פלעגט מען אויך ארויפזעצען געפאַנגענע אויף שיפען, וועלכע מען פלעגט דורכלעכערען און זינקען. מען האט דיזע שרעקליכע מאָרדען גערופען „רעפובליקאנישע האָכצייטען אָדער טויפען“. וויא גרויזאם מעניעט איז געווען, צייגט פאָלגענדער שוידערליכער פאַקט: אין דער שטעטעל בעדואַן פון דעפּאַרטאַמענט וואָקליוז האט אימעצער אָב־געהאַקט דעם פרייהייטס־בוים אין אַ זעהר פינסטערע נאכט. דערפאַר האט מעניעט געהייסען פערברענען אלע הייזער פון דער שטעטעל (500), האט אומגעבראכט אַ סך איינוואָהנער און ארויסגעלאָזען אַ בעפעהל, אַז יעדערער וואס וועט בעזוכען דיא חורבות פון דיזער אונגליקליכער שטעטעל, וועט בעשטראָפט ווערן מיט׳ן טויט.

פיעלע פלעגען אויס שרעק, אַז מען זאָל זיי ניט חושד זיין אַלס געגנער פון דיא יאַקאָבינער, אויסשטעלען דעם פאָרטרעט פון מאראַט און אָנשרייבען אויף זייערע טויערן דיא ווערטער „פרייהייט, גלייכהייט, ברידערליכקייט אָדער ד ע ר ט ו י ט!“

דער עולם האט זיך אין דיזער שרעקענס־צייט אזוי צוגעוואָהנט צו דיא היגריכטונגען, אַז מען פלעגט אויך שפּאסען וועגען דעם און רופען דיא גילאָטינע „דער נאַציאָנאַלער ראַזירמעסער“ אדער „דאס נאַציאָנאַלע פענסטער“. אַ היגריכטונג האט מען צום שפּאס גערופע „דיא רויטע מעסע“.

נאָר איינער פון דיא קאָמיסארען־שרעקיאַנערס האט אין דער צייט אליין פערזוכט דיא גילאָטינע פאר זיינע גרויזאַמקייטען. דאס איז

געוועזן דער דייטשער געלעהרטער עלאָגיאוס שניידער, וועלכער איז גע־וואָרן דער פּראָקוראָר פון רעוואָלוציאָנערען טריבונאל אין שטראסבורג. סען־זשוסט האט איהם געהייסען ארעסטירען און פערקלאָגען פאר אי־בערטרעטען זיין מאכט, און מען האט איהם טאקע פעראורטהיילט צום טויט און הינגעריכטעט. מיט אנדערע גרויזאמע קאָמיסארען און שרעק־יאָגערס האט מען זיך אָפּגערעכענט נאָך ראָבעספּיער'ס הינריכטונג, וויא מיר וועלען עס זעהען.

ניין־און־צוואנציגסטער קאפּיטעל.

„דאס העכסטע וועזען".

מיר האבען שוין געזעהען, וויא דער קאָנווענט האט געלאָזען דיא העבערטיסטען און אטהעאיסטען איינפיהרען א נייע רעליגיאָן אין פּראקטייך, דיא זאָ־גענאנטע רעליגיאָן פון פערנונפט. דאס איז געווען געגוג זאָנדערבאר אפילו אין יענער מערקווירדיגער צייט. אָבער נאָך זאָנ־דערבארער איז געווען, דאס דער שטרענגער ראָבעספּיער אליין, וועלכער איז ארויסגעטראָטען געגען דיא אטהעאיסטען און האט געשיקט אויפ'ן עשאפאָט דיא העבערטיסטען, האט אויך בעשלאָסען צו געבען דעם פראנצויזישען פאָלק א נייע רעליגיאָן. אין דער צייט, ווען דיא גיליאָ־טינע האט געהאקט אזוי פיעל קעפּ, אין רעכטען מיטען פון דער שרעק־קענסצייט, האט דער דיקטאטאָר אלץ ערנסטער נאָכגעטראכט וויא צו פערשטארקען דיא רעפּובליק נאָך זיין געשמאק און געדאנקען אויך מיט א נייע א רעליגיאָן. זיין מאכט האט איהם אזוי ווייט פערבלענדעט, דאס ער האט ניט געזעהען דיא לעבערליכקייט פון דיזען גאנצען פּלאַן. ער האט צו פיעל געגלויבט אין זיינע אידעען און אין זיין קראפט זיי דורכצופיהרען מיט בעפעהלען פון קאָנווענט, זאָנסט וואָלט ער פער־שטאנען, אז מען קען ניט צושטערען אן אלטע רעליגיאָן און מאכען גלויבען אין א נייע דורך א בעשלוס פון א פּארלאמענט.

דעם 7 מאַי האט ער געהאַלטען א לאַנגע רעדע, אין וועלכער ער האט אויך געזוכט צו ערקלערן, אַז דער גלויבען אין דער אונשטערבליכקייט פון דער זעעלע וועט פערשטאַרקען דיא רעפובליק און וועט געבען מעהר מוטה דיא בירגער. דער קאָנווענט, וועלכער האט געציטערט פאַר איהם, האט געפּאַטשט בראַוואָ, אָבוואָהל פיעלע האבען ביי זיך אין הארצען געלאַכט פון דיזער רעדע. נאַכהער האט ראָבעספּיער געצוואונגען דעם קאָנווענט ארויסצולאָזען פאָלגענדען בעפעהל:

„דאָס פראַנצויזישע פאָלק אנערקענט דיא עקזיסטענץ פון א „העכסטען וועזען" און דיא אונשטערבליכקייט פון דער נשמה. עס אנערקענט אויך, אַז א ווירדיגע פערעהרונג פון העכסטען וועזען איז א פפליכט פון מענשען. דארום זאָל מען איינפיהרען פעסטען, אום מענשען זאָלען זיך דערמאָנען וועגען געטליכקייט און וועגען דיא ווירדע פון העכסטען וועזען. דיזע פעסטען זאלען טראָגען דיא נעמען פון דיא בעריהמטע פּאַסירונגען פון אונזער רעוואָלוציאָן, פון דיא טהייערסטע און ניצליכסטע טוגענדען פון מענשען, פון דיא גרעסטע וואָהלטהאַטען פון דער נאַטור. דעם 20 פּרעריאַל זאָל געפייערט ווערן א פעסט צו עהרע פון העכסטען וועזען".

פיעלע האבען געלאַכט פון דיזען בעפעהל וועגען „העכסטען וועזען", אבער קיינער האט ניט געוואַגט אָפען ארויסצוטרעטען געגען דעם—דיא גילִיאָטינע האט קיין שפּאַס ניט געמאַכט. ווייטער זיינען דאַן דיא פראַנצויזען גענוג צוגעוואָהנט געוואָרן צו פערשיעדענע ענדערונגען. וויא לאַנג צוריק האט מען אָפּגעשאַפט דיא קריסטליכע רעליגיאָן און געפּראַוועט צערעמאָניעס צו עהרע פון דער נאַטור און פון פערנונפט? דיא ענדערונג איז סך הכל בעשטאַנען אין א נאָמען. נאַטור, פערנונפט, גרויסער גייסט, העכסטער וועזען א. ז. וו.—דאס זיינען אַלץ פערשיעדענע נעמען פון דער אייביגער שעפּפונגס-געהיימניס.

דיא פעסטליכקייט צו עהרע פון „העכסטען וועזען" איז אראַנזשירט געוואָרן פון דעם מאַלער דאַוויד, וועלכער איז געווען א הייסער אנהענגער פון ראָבעספּיער. דער לעזער וועט זיך דערמאָנען, אַז

דיזער גרויסער מאָלער איז געווען דער צערעמאָניע־מייסטער פון די גרעסטע רעוואָלוציאָנערע פעסטען און אויך פון דעם פעסט פון די העבערטיסטען לכבוד די פערנונפט אין דער נאָטר־דאַם קירכע פון פאַריז. אנשטאָט שאָמעט איז יעצט דער כהן גדול געווען ראָבעספיער, וועלכער האט זיך געלאזט אויסוועהלען צו דער געלעגענהייט אלס פאָרזיצענדער פון קאָנווענט.

דעם 20 פרעריאל (8 יוני 1794), דעם בעשטימטען טאָג פון דעם פעסט צו עהרע פון ראָבעספיער׳ס העכסטען וועזען, איז דער דיקטאַטאָר ערשיענען אין קאָנווענט אין א הימעלבלויען ראָק מיט א הוט, וועלכע איז בעפוצט געווען מיט טייערע פעדערן. אין האנט האָט ער געהאַלטען א בוקעט פון בלומען און זאנגען, וויא אלע מיטגליעדער פון קאָנווענט. די צערעמאָניע איז אויסגעפיהרט געוואָרן אין טיולערי־גאָרטען, וואו מען האט אויסגעבויט א גרויסען אמפיטהעאַטער פאר דעם קאָנווענט און פאר גרופען פון מענער, פרויען און קינדער. קינדער האבען געטראָגען קראַנצען פון וויאָלעטען, בחורים — פון מירטהען, מענער — פון דעמבע, אלטע לייט — פון אָליווען און וויינשטאָקען. פרויען האבען געהאַלטען קערבלעך מיט בלומען. אנטקעגען דעם אמפיטהעאַטער זיינען געווען סטאַטוען וואס האבען פאָרגעשטעלט אַטהעאיזמוס, אונאייניגקייט און עגאָאיזמוס און וואס מען האט בעשטימט צום פערברענען.

ווען די מיטגליעדער פון קאָנווענט האבען זיך צוזעצט אויף זייערע פּלעצער, האט אָנגעפאַנגען צו שפּיעלען א גרויסער אָרקעסטער. ראָבעספיער האט נאָכהער געהאַלטען די פעסט־רעדע. „פראַנצויזען רעפּובּליקאַנער, האט ער אָנגעפאַנגען, ענדליך איז געקומען דער גליקליכער טאָג, ווען דאס פראַנצויזישע פאָלק ווידמעט זיך צום העכסטען וועזען. קיין מאָל האט נאָך די וועלט, וועלכע ער האט בעשאַפען, איהם ניט געצייגט א ספּעקטאַקעל וואס זאָל אזוי ווערטה זיין זיינע בליקען. ער האט געזעהען וויא אויף דער ערד האבען געהערשט טיראַנייע, פערברעכען און פאַלשקייט; אין דיזער מינוט זעהט ער וויא א גאַנצע נאַציאָן, וואס שטעהט אין קאַמפף מיט אלע אונטערדריקער פון מענשליכען געשלעכט, הערט אויף איהרע העלדישע ארבייטען, אום צו ערהויי־

בען איהרע געדאנקען און ווינשע צום גרויסען ווענען, וועלכער האט איהר געגעבען די מיסיאָן דיזע ארבייטען צו אונטערנעהמען און דעם מוטה זיי אויסצופיהרען!" געענדיגט האט ער מיט דיזע פיעל־בעדייטענדע ווערטער, וועלכע האבען ארויפגעיאָגט א שרעק אויף א סך צוהערער: „לאָמיר זיך היינט אָפּגעבען צו ריינע פריידע, אָבער מאָרגען, ווען מיר וועלען ווייטער פאָרטזעצען אונזער ארבייט, וועלען מיר מיט נייע קראפט קלאפּען אלע שונאים פון פאטערלאנד".

נאָך דיזער רעדע האט ראָבעספּיער גענומען א פאקעל און האט אונטערגעצונדען די דריי פעראורטהיילטע סטאטוען. ווען זיי זיינען אומגעוואנדעלט געוואָרן אין אש, האט זיך אויפגעהויבען א סטאטוע פון ווייזהייט. זי איז אָבער פעררויכערט געוואָרן, און פיעלע קאָנווענט־מיטגליעדער האבען זיך צולאכט, ווען איינער האט בעמערקט, אז די ווייזהייט פון כהן גדול איז פערפינסטערט געוואָרן. עס איז געווען א געלעכטער מיט יאשטשערקעס.

ווען דיזע צערעמאָניע איז געווען צו ענדע, האט ראָבעספּיער געהאלטען נאָך א רעדע, אין וועלכער ער האט אָנגעצייגט ווי מען דארף אויסראָטען די שלעק, וועלכע האבען זיך פערבונדען געגען די רעפובליק. נאכדעם זיינען אלע אוועק צום מארספעלד, ווען ראָבעספּיער האט זיך געסטארעט צו געהן עטליכע שריט פאָראויס, אז אלע זאָלען איהם קענען גוט בעטראכטען און בעוואונדערן. דיזע ארויסציינגען־זיך און אָפּזונדערונג האבען זעהר שטארק אויפגערעגט פיעלע מיטגליעדער פון קאָנווענט. איינינע האבען געמורמעלט דעם וואָרט „טיראַן" און איינער האט געהאט דעם מוטה א געשריי צו טאָן צום דיקטאטאָר: „פון קאפּיטאָל ביז צום טארפּעאישען פעלז איז בלויז איין שריט!"*)

*) קאפּיטאָל איז איינע פון די 7 בערג פון רוים. דאָרטען פלעגט מען קריינען די זיעגערס. דערביי האט זיך געפונען דער פעלז טאַרפּעי, פון וועלכען מען פלעגט אַרונטערשליידערן די יעניגע, וועלכע מען פלעגט פעראורטהיילען צום טויט פאַר האָכפעררעטה. דערפון איז ענטשטאַנען דער ווערטעל, אז „דער טאַרפּעאישער פעלז איז ניט ווייט פון קאַפּיטאָל", אום אויסצודריקען דעם געדאַנקען, אז דער פאַל פון א הערשער קומט אָפט באַלד נאך זיין נצחון.

מען רעכענט, אַז דיזע פיעל־בעדייטענדע ווערטער האט אויסגעשריען דער בעוואוסטער מאָנטאַניאַר און מיטגליעד פון קאָמיטעט פון עפענט־ליכע רעטונג ביליאָ־וואַרען.

אויף'ן מאַרספעלד, אויף דעם אָרט וואו עס איז געשטאַנען דער מזבח פון פאַטערלאַנד ביי דעם פעדעראַציאָנס־פעסט, האט מען אויפ־געשטעלט אַ ריזיגען באַרג מיט אַ בוים אויפ'ן שפּיץ. אונטער דיא צווייגען פון דיזען בוים האבען זיך אנידערגעזעצט דיא מיטגליעדער פון קאָנווענט. ביי יעדער זייט פון באַרג זיינען געשטאַנען פערשיעדענע גרופּען, בעפּוצט וויא אין טיולערי־גאָרטען. מען האט געשפּיעלט מוזיק און געזונגען אַ ליעד, וואס דער פּאָעט שעניע האט אָנגעשריבען. נאָכ־הער האבען יונגע לייט ארויסגעצויגען זייערע שווערדען און האלטענדיג אַלטע לייט פאר דיא הענד, האבען זיי געשוואָרען צו פערטהיידיגען דאס פאַטערלאַנד און דיא רעפּובליק. מוטערס האבען אויפגעהויבען זייערע קינדער און אַלע האבען אויסגעשטרעקט זייערע הענד צום הי־מעל. אין דער צייט האט מען אויסגעשאָסען פון 50 קאַנאָנען. ראָ־בעספּיער האט דאן געהאַלטען אַ דריטע רעדע, וועלכע ער האט וויעדער געענדיגט דערמיט, אַז מאָרגען וועט מען בעשטראָפען דיא שונאים פון דער רעפּובליק.

דיזער פעסט האט זיך געענדיגט מיט פאָלקס־אונטערהאלטונ־גען, וועלכע זיינען שוין אָבער ניט געווען אַזעלכע לוסטיגע וויא ביי דיא פריהערע גרויסע פעסטען.

דרייסיגסטער קאַפּיטעל.

ראָבעספּיער און דער קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג.

אויף מאָרגען נאָך דעם בעריהמטען פעסט פון העכסטען וועז־זען האט מען ערפאַהרען, וואס ראָבעספּיער האט געמיינט מיט דיא לעצטע ווערטער פון זיין פעסט־רעדע, אַז מען דאַרף נאָך שטרענגער פערפאָלגען דיא שונאים פון דער רעפּובליק. אין נאָמען פון קאָמי־

טעט פון עפענטליכע רעטונג האט ראָבעספּיער׳ס אדיוטאנט קוטהאָן אריינגעבראכט א נייעם שרעקענס־פאָרשלאג. דער צוועק פון דיזען פאָרשלאג איז גטוועזן אוועקצונעהמען ביי דיא אָפּפער פון רעוואָלוציאָנערען טריבונאל יעדען פערטהיידיגונגס־מיטעל, וויא אפילו א פערהער פון עדות און אדוואָקאטען, און אויך צו קענען ארעסטירען דיא פּאָלקספּערטרעטער זעלבסט אָהן דער צושטימונג פון קאָנווענט.

„ווען דער טריבונאל ערקלערט, האט געלויטעט דער ערשטער פּונקט פון דיזען שרעקליכען פאָרשלאג, אז ער האט פאקטישע אָדער מאָראַלישע בעווייזע נעגען אַן אָנגעקלאַגטען, דאַרף מען שוין קיין עדות־פערהער ניט האבען. דעם פערלוימדעטען פּאַטריאָט גיבט דאָס געזעץ פּאַטריאָטישע געשוואָרענע אלס פערטהיידיגער, אָבער קיינע פערטהיידיגער פאר פערשווערער.“

דער קאָנווענט וואלט ארונטערגעשלונגען דיזען טיראַנישען פּונקט, דען אַ גרויסער טהייל פון דיא מאָנטאַניארען האבען געהאלטען, אז מען דאַרף פאָרטזועצען דיא שרעקענס־צייט. אָבער ווען קוטהאָן האט פאָרגעלעזען דעם צווייטען פּונקט, אז דער קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג זאל מעגען ארעסטירען פאָלקספּערטרעטער אָהן דער צושטימונג פון קאָנווענט, דאַן האבען דיא קאָנווענט־מיטגליעדער געקראָגען שרעק פאר זייער אייגענע הויט. עס האט זיך אָנגעפאנגען א גערודער, און דער מאָנטאַניאר רואמפּ האט אויסגעשריען: „ווען דיזער פאָרשלאג זאָל ווערן געזעץ, דאַן בלייבט אונז נאר אריינצויאָגען זיך א קויל אין קאָפּ!“

אפילו פוקיע־טינוויל, דער גרויזאמער פּראָקוראָר פון רעוואָלוציאָנערען טריבונאל, האט זיך דערשראָקען, ווען ער האט דערהערט וועגען דיזען טיראַנישען פאָרשלאג. ער איז אוועק אין קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג אָפּצורייִדען דיא מיטגליעדער פון אזא האנדלונג. אָבער קארנאָ, קאָלאָ דהערבואַ און בילאָ־וואַרען האבען איהם אָנגעוויזען אויף ראָבעספּיער׳ן, אלס דעם פאָטער פון דעם געזעץ־פאָרשלאג. ער האט זיך דאַן געווענדעט צו ראָבעספּיער׳ן זעלבסט און האט איהם געזוכט צו ערקלערן, אז דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאל וועט פערלירען צוטרויען און אכטונג דורך אזא געזעץ. נאר ראָבעספּיער האט איהם

קורץ און שארף געענטפערט, אז נאר אריסטאָקראַטען קענען אזוי דיינקען און ריידען. אין קאָנווענט האט ראָבעספּיער פערלאַנגט, אז מען זאל גלייך אָפּשטימען דעם פאָרשלאַג פון קאָמיטעט פון עפענטליבע רעטונג, וואו ער איז געווען דער פאָלשטענדיגער הערשער. זיין מאַכט איז דאַן געווען אזוי גרויס, אז דער קאָנווענט האָט טאַקע גלייך אָפּגעשטימט וויא ראָבעספּיער האט עס פערלאַנגט. דאס איז געשעהען דעם 22 פּרער־ריאל (10 יוני), און דיזער שרעקענסגעזעץ טראָגט דארום אין דער געשיכטע דעם נאמען פון דיזען טאָג.

דעם נעקסטען טאָג האט דער קאָנווענט פּרובירט צוריקרופען וויניגסטענס דעם פּונקט וועגען דיא פערפאָלגונג פון זיינע מיטגליע־דער אָהן זיין צושטימונג. בורדאָן האט בעזאָנדערס מוטהיג פער־טהיידיגט דעם פאָרשלאַג, אז עס זאל בלייבען וויא פריהער, דאָס פאָלקספערטרעטער זאלען נאר קענען ארעסטירט ווער נאך אן אָפּ־שטימונג פון קאָנווענט. זיין רעדע האט אויפגעמונטערט אביסעל דיא אנדערע דעפּוטאַטען און זיי האבען איהם אפּלאָדירט. קוטהאָן האט דאַן אָנגעגריפען און געסטראַשעט אפילו דיא הייסעסטע מאָנ־טאַניאַרען. נאר דער קאָנווענט האט דאך צוריקגערופען זיין געסטער־דיגען בעשלוס. דאַן איז ראָבעספּיער ארויף אויף דער טריבונע און האט גערעט מיט אזא דיקטאַטאָרישען טאָן און אזוי געסטראַשעט דעם דעפּוטאַט בורדאָן, דאס אלע אנדערע האבען זיך דערשראָקען און האבען ווידער אָנגענומען דעם געזעץ פון 22 פּרעריאַל. ראָבעספּיער האט דיזען טאָג אָם דייטליכסטען בעוויזען, דאס ער איז דער בעי־פעהלס־געבער פון קאָנווענט און דער דיקטאַטאָר פון פראַנקרייך. קיינעם האט זיך דאַן ניט געחלום׳ט, דאָס בלויז מיט 47 טעג שפּעטער וועט ראָבעספּיער׳ס קאָפּ פאַלען אונטער דעם מעסער פון דער גיליאָטינע, און גרויסע מאסען פון פאָלק וועלען דערביי טאַנצען פון פריידע.

נאָך דעם פעסט פון העכסטען וועזען האט ראָבעספּיער ערהאַל־טען פיעלע אנאָנימע בריף, אין וועלבע מען האט איהם געסטראַשעט מיט׳ן טויט אדער פאָרגעשלאָגען צו מאַכען א שטאַאַטס־שטרייך געגען קאָנווענט. דיא רעאַקציאָנערען און געגנער פון דער רעפּובליק האבען געגומען האָפען, אז ראָבעספּיער שטרעבט צו ווערן קעניג

אדער וויניגסטענס צו דרייהען דיא ראָד פון דער רעוואָלוציאָן צוריק. דאַרום האבען זיי עס איהם אויפגעמונטערט אין זייערע אַנאָנימע בריף געגען דעם קאָנוועגט. ער האט דאן אָנגעפאנגען צו פירכטען, אַז זיינע געגנער וועלען איהם פאָרשטעלען פאר א רעאקציאָנער, און אום צו צייגען, אַז ער בלייבט א רעוואָלוציאָנער, האט ער געזוכט נאָך מעהר שרעק ארויפצויאָגען דורך דעם רעוואָלוציאָנערען טריבו־נאַל און דיא גיליאָטינע. דער געזעץ פון 22 פּרעריאַל האט איהם געגעבען דיא בעסטע מעגליכקייט צו צייגען זיין שרעקיאָגענדע מאַכט, דען אין דיא לעצטע 45 טעג פון זיין דיקטאַטור זיינען 1285 פּערזאָן גיליאָטינירט געוואָרען.

דיא אַרבייטער פון דיא פאָרשטעט זיינען זעהר אויפגעבראַכט געוואָרן געגען דיזע אויסשלאַכטונגען אין נאָמען פון דער רעוואָלוציאָן, אָבער ראָבעספּיער האט ערשט דערפיהלט דעם האס פון פאָלק געגען זיינע „אויסרייניגונגען", ווען מען האט איהם אַליין געפיהרט צו דער גיליאָטינע. נאר פיעל געפעהרליכער פאר דיזען דיקטאַטאָר, וועלכער האט זיך ארומגעטראָגען מיט איינבילדונגען צו רעטען און צו רייניגען דאס פראַנצויזישע פאָלק דורך דיא לעהרע פון זשאַן זשאַק רוסאָ (וועגען דעם איינפלוס פון דיזען געניאַלען מאַן איז שוין גערעט געוועזען אויף זייטע 168)—פיעל געפעהרליכער איז געוועזן, דאס אי אין קאָנוועגט, אי אפילו אין קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג איז ענטשטאַנען א זעהר שטאַרקע אָפּאָזיציאָן געגען איהם. וויא נאר דער געזעץ פון 22 פּרעריאַל איז אָנגענומען געוואָרן, האבען 60 מיטגליעדער פון קאָנוועגט אויפגעהערט צו נעכטיגען אין זייערע וואָהנונגען אויס פורכט ארעס־טירט צו ווערן אויף דעם בעפעהל פון ראָבעספּיער, וועלכער האט איבעראַל אָנגעהאַלטען זיינע שפּיאָנען. אפילו דיא הייסעסטע מאָנטאַ־ניאַרען האבען זיך אָנגעפאַנגען צו שרעקען פאר זייערע קעפּ. קאָלאָ דהערבואַ און ביליאָ ווארען, מיטגליעדער פון קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג, האבען זיך גאר ניט געפיהלט זיכער מיט זייער לעבען, זיי זיינען א פּאָר מאל ארויסגעטראָטען געגען דיא מיינונגען און פאָרשלעגע פון ראָבעספּיער מיט זיינע צוויי וויכטיגסטע אַדיוטאַנטען: סען־זשוסט און קוטהאָן. ער האט דערפאר גענומען ארויסצייגען זיין אונצופרידענהייט

מיט זיי און האט שוין ניט בעזוכט אזוי אָפט דיא זיצונגען פון קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג, וויא פריהער. ער פלעגט אָנפיהרען דעם רעוואָלוציאָנערען־טריבונאל און דעם יאַקאָבינער קלוב, וואו קאָלאָ דהערבואַ און ביליאָ־וואַרען האבען שוין ניט געוואגט זיך צו בעווייזען.

דער געשיקטער באַרער, וועלכער האט פערלאָזען דיא זשיראָנדיסטען און איז צוגעשטאַנען צו דיא מאָנטאַניאַרען, האט אויך אָנגעפאַנגען צו אינטריגירען געגען ראָבעספּיער׳ן. דיא פריהערע אַנהענגער פון דיא זשיראָנדיסטען, פון העבערט און פון דאַנטאָן, וועלכע זיינען נאך פערבליבען אין קאָנוועגט, זיינען מיט פריידע צוגעשטאַנען צו קאָלאָ דהערבואַ, ביליאָ־וואַרען און באַרער, אום אונטערצוגראָבען און לעבערליך צו מאַכען דעם דיקטאַטאָר מיט זיין רעליגיאָן און שטאַאטס־לעהרע. זיי האבען אָנגעשטעלט דעם קאָנוועגט־מיטגליעד מאַזשאַנטי אריינצוברייננגען א פאָרשלאַג, אז מען זאָל בעשטראָפען מיט׳ן טויט יעדען איינעם וואָס וועט מיסברויכען דעם נאָמען פון „העכסטען וועזען“. דאס האט ארויסגערופען אַ גרויסען געלעכטער, און אַזוי וויא ראָבעספּיער איז געווען דער כהן גדול פון „העכסטען וועזען“, האט דער געלעכטער געציעלט אויף איהם. ניט וויינינער האט מען געלאַכט, ווען מען האט אבזיכטליך אַרעסטירט צווי בעזאָפענע יונגע לייט אויף דעם גרונד, דאס אין אַזאַ טוגענדהאַפטען שטאַאט, וויא ראָבעספּיער האט געוועלט איינפיהרען דאַרף קיינער ניט זיין בעזאָפען.

וויטער האט מען ראָבעספּיער׳ן אונטערגעשטעלט א פיסעל אין דער זעהר קוריעזער געשיכטע מיט דער זאָ־גענאַנטער „מוטער טהעאָ (Théot)“. זיא איז געווען אַן אַלטע פעררוקטע פרוי, וועלכע האט ערקלערט אז משיח דאַרף באַלד קומען, און האט געפונען עטליכע צודולטע אַנהענגער. צווישען זיי האט זיך אויך געפונען דער גלח דאָם זשערל, וועלכער איז געווען א מיטגליעד פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג און האט געקראָגען פון ראָבעספּיער׳ן זעלבסט אַ צייגניס, דאס ער איז אַ כשר׳ע נשמה און שטעהט אויסערהאַלב פערדאַכט. איין אַבענד, ווען מען האט אַרעסטירט מאַדאַם טהעאָ מיט איהרע אַנהענגער אויף אַ פערזאַמלונג פון דיזע סעקטאַנטען, האט מען צווישען איהרע פאַפּירען געפונען אַ בריף, אַדרעסירט צו ראָבעספּיער׳ן. אין דיזען בריף האט

זיא איהם גערופען „מיין טהייערער זוהן“. זיינע פיינד האבען זיך דערמיט ווידער בענוצט, אום איהם לעבערליך צו מאַכען אין דער עפענטליכער מיינונג. בארער האט צוזאַמענגעשטעלט וועגען דיזער געשיכטע אַ בעריכט, וועלכער איז פול געווען מיט פערשטעלטע שטעכווערטלעך געגען ראָבעספּיער׳ן מיט זיין רעליגיאָן. דעם נאָמען פון דער פערריקטער פרוי האט מען אומגעביטען פון Téhot אויף Théos (גאָט), אַז עס זאָל אויסווייזען, דאָס זיא איז „גאָט׳ס מוטער“ און ראָבעספּיער איז איהר „טהייערער זוהן“. וואַדיע, איינער פון ראָבעספּיער׳ס פערשטעלטע געגנער, האט פאַרגעלעזען באַרער׳ס בעריכט אין זיין נאָמען אונטער דעם לוסטיגען געלעכטער פון גאַנצען קאָנוועגט. פיעלע האבען געלאכט און געשפּאַסט וועגען דעם נייען גאָט׳ס „זוהן“, אום נאר צו ערגערן ראָבעספּיער׳ן.

דיזער געלעכטער האט אַרויסגערופען דעם ביטערסטען כעס פון דעם דיקטאַטאָר, וועמעס טעג זיינען שוין געווען געצעהלטע. ער האט בעשלאָסען פּטור צו ווערן פון זיינע געגנער אין קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג. זיין כאַראַקטער איז געווען אַזעלכער, אַז ווען ער האט געגען איינעם געטראָגען אַ האַרץ, האט ער שוין ניט געקענט מיט איהם גוט ווערן. זיינע געגנער האט ער צו טיעף געהאַסט און יעדען ווידערשטאַנד געגען זיינע פּלענער און געדאַנקען האט ער אָנגעפאַנגען צו בעטראַכטען אַלס אַ פעררעטה געגען דיא רעפּובליק. נאָר קאָלאָ דהערבואַ, ביליאָ־וואַרען, באַרער און קאַרנאָ האבען אַלץ מעהר אַרויסגעוויזען זייער פיינדשאַפט צו איהם. ניט איין מאל זיינען פאָרגעקומען העפטיגע רייסערייען אין קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג צווישען ראָבעספּיער׳ן מיט זיינע אַדיוטאַנטען סען־זשוסט און קוטהאָן פון איין זייט און דיא איבעריגע מיטגליעדער פון דער אַנדער זייט. סען־זשוסט האט איין מאָל פאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל אָפיציעל אַנערקענען ראָבעספּיער׳ן פאַר אַ דיקטאַטאָר, אבער דער קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג האט עס פערוואָרפען. סען־זשוסט האט זאָגאַר געסטראַשעט גענעראַל קאַרנאָ מיט׳ן טויט. דער קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג האט אויך געוועלט אָפּשוואַכען אַ ביסעל דיא שרעקענס־הערשאַפט און האט ניט נאר זיך ענטזאַגט צו הייסען

ארעסטירען עטליכע פערזאָן, אויף וועלכע ראָבעספּיער האט אָנגעצייגט, אַנדערן האט נאך ארויסגעלאָזען א בעפעהל, אז אין ערטער מיט ווייניגער וויא 1200 איינוואָהנער זאל מען פריילאָזען אַלע אַרבייטער, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרן אויף דעם גרונד פון דעם שרעקלי־כען געזעץ וועגען פערדעכטיגע.

ראָבעספּיער האט דאן אין גאַנצען אויפגעהערט צו קומען אין קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג, וואו סען־זשוסט און קוטהאָן האָ־בען איהם טריי פערטראָטען. ער האט בעשלאָסען זיך צו שטיצען אויף דעם יאַקאָבינער קלוב און דיא פּאַריזער קאָמונע, אום אָפּצוראַ־מען פון וועג זיינע געגנער אין קאָמיטעט און אין קאָנווענט. דער מעכטיגער יאַקאָבינער קלוב איז געווען אין גאַנצען אונטער זיין איינפלוס. דיא מיטגליעדער פון דער קאָמונע און דער קאָמאַנדיר הענ־ריאָט האבען געהאַלטען מיט איהם. אין יאַקאָבינער קלוב האט ער געזוכט אויפצוהעצען דיא רעוואָלוציאָנערען געגען זיינע געגנער מיט פערלוימדונגען, אז זיי זיינען בעצאָהלטע אַגענטען פון ענגלאנד צו שטירצען דיא רעפּובליק. ער פלעגט שוין ניט ארויסגיין אָהן בעוואַ־פענטע בעגלייטער, דען ער האט געפירכטעט, אז מען וועט איהם איינפאך ערמאָרדען.

דער קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג האט איהם צוויי מאָל איינגעלאדען צו געבען ערקלערונגען איבער דער פערשווערונג, וועגען וועלכע ער פלעגט ניט אויפהערען צו ריידען אין יאַקאָבינער קלוב; אבער ער איז ניט געקומען, ווייל ער האט בעשלאָסען ארויסצוטרעטען געגען זיינע געגנער אין קאָנווענט זעלבסט. מיט דער הילפע פון סען־זשוסט, קוטהאָן, הענריאָט, לעבא און זיינע אנהענגער אין דער פּאַריזער קאָמונע האט ער פּאָרבערייטעט אן אטאקע אויף זיינע געג־נער, וועלכע האבען אויך ניט געדרעמעלט. איינער פון זיינע פייער־דיגסטע געגנער איז געוואָרן דער פריהער פייערדיגער מאָנטאַניאַר טאַליען. אוים ליעבע צו דער שעהנער אריסטאָקראַטישער דאַמע פאָנטענעי האט ער אויפגעהערט צו גיליאָטינירען דיא אנהענגער פון דיא זשיראָנדיסטען, ווען ער איז נאך געווען דער קאָמיסאַר פון קאָנווענט אין באָרדאָ. נאר ראָבעספּיער האט בעפוילען איהר צו

פערהאפטען, ווען זיא איז געקומען אין פאריז. איהר איז געלונגען צו מעלדען וועגען דעם דורך א בריף דעם דיקטאטאָר אין באָרדאָ. זיא האט געבעטען טאליען׳ס הילפע און ער האט געשוואָרען צו רעטען איהר און אלע מאָנטאַניארען, וועלכע ראָבעספּיער האט געזוכט אומצובריינגען. פול מיט האס צו ראָבעספּיער׳ן איז ער געקומען נאך פאריז און האט אונטערשטיטצט אלע געגנער פון דעם דיקטאטאָר.

איין און דרייסיגסטער קאפיטעל.

דער 9־טער טערמידאָר און ראָבעספּיער׳ס סוף.

ענדליך, דעם 8 טהערמידאָר (26 יולי 1794), איז ראָבעספּיער ארויסגעטראָטען אין קאָנווענט מיט א פאָרזיכטיג צוגעגרייטע רעדע געגען זיינע געגנער. דיא רעדע איז געוועזען זעהר א לאנגע, דען ער האט געברויכט זעהר פיעל פראזען וועגען דיא ריינקייט און עהרליכקייט פון דער רעפובליק, וויא ער האט עס פערשטאנען, און האט אויך ניט איין מאָל ווידערהאָלט, אז ער איז ניט א דיקטאטאָר און ניט א טיראן. ער האט פאָרגעשטעלט, אז דיא רעפובליק געפינט זיך אין א פערצווייפעלטער לאגע און אז מען מוז ענערגיש אונטערדריקען אלע איהרע שונאים. דיא אונטערשטע שורה פון זיין לאנגער און געקינצעלטער רעדע איז געוועזען א קלאגע געגען אייניגע מיטגליעדער פון קאָנווענט און פון קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג אין א פערשווערונג.

„יא, האט ער צום שלום אויסגערופען, עס עקזיסטירט א קאָנספּיראציאָן געגען דיא עפענטליכע פרייהייט. דיזע קאָנספּיראציאָן איז קרעפטיג דורך א פערברעכערישע פערבינדונג, וועלכע אינטריגירט אין סאמע קאָנווענט. דיזע קאָנספּיראציאָן האט איהרע מיטהעלפערס אין דעם קאָמיטעט פון אלגעמיינע זיכערהייט, וועלכען זיי בעהערשען. אויך מיטגליעדער פון קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג זיינען אין

דיזער פערשווערונג. דיזער פערבאַנד זוכט צו פערניכטען דיא פּאַטריאָטען און דאס פאַטערלאַנד. וואס איז דער מיטעל געגען דיזע צרה? בעשטראָפען דיא פעררעטהער, גרינדען אַ נייעם קאָמיטעט פון אַלגעמיינע זיכערהייט, אויסרייניגען דעם קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג, שטעלען דיא מאַכט פון דער רעגירונג אונטער דער העכסטער פּאָלמאַכט פון נאַציאָנאַלען קאָנווענט און צו דריקען אַלע געגנער אונטער דעם געוויכט פון דער נאַציאָנאַלער אויבערמאַכט, אום אויפצוהייבען אויף זייערע חורבות דיא הערשאַפט פון גערעכטיגקייט און פון פרייהייט. דאס זיינען דיא פּרינציפּען. וואס אַנבעלאַנגט צו מיר, בין איך נאָר געשאַפען צו בעקעמפּפען פערברעכען, אָבער ניט צו רעגיערען. דיא צייט איז נאָך ניט געקומען, ווען וואָהלמיינענדע מענשען קענען אונבעשטראָפט דיענען דעם פאַטערלאַנד. דיא פערטהיידיגער פון פרייהייט וועלען זיין פערפאָלגט זאָלאַנג אַ באַנדע פון שווינדלער וועלען הערשען".

אַלע האבען געשוויגען און זיך איבערגעקוקט, ווען ער האט געענדיגט זיין רעדע. פיעלע זיינען געווען אונרוהיג און האבען ניט געוואוסט וואס צו טאָן. אַנדערע האבען נאָך ניט געוואַגט אַרויסצוטרעטען אָפען געגען דעם דיקטאַטאָר. איינער פון זיינע אַנהענגער האט געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל דיא רעדע אָפּדרוקען. בורדאָן איז אַרויסגעטראָטען געגען דיזען פאָרשלאַג און האט פערלאַנגט מען זאָל ראָבעספּיער'ס אַנקלאַגע איבערגעבען צו אַן אונטערזוכונג פון ביידע קאָמיטעטען, וועלכע זיינען צוזאַמען געווען דיא רעגירונג פון דער רעפּובליק. נאָר קוטהאָן איז פייערדיג אַרויסגעטראָטען געגען בורדאָ'ס פערלאַנג און האט געפאָדערט, אַז ראָבעספּיער'ס רעדע זאָל צושיקט ווערן צו אַלע געמיינדען פון פראַנקרייך. דער קאָנווענט האט דאַן כמעט איינשטימיג בעשלאָסען אָפּצודרוקען און פאַרנאַנדערצושיקען ראָבעספּיער'ס רעדע. דער דיקטאַטאָר האט שוין געמיינט, אַז ער האט זיינס אויסגעפיהרט. אָבער באַלד האט זיך אויפגעהייבען וואַדיע, אַ מיטגליעד פון קאָמיטעט פון אַלגעמיינע זיכערהייט (פּאָליציי), און האט אָפּגעשטריטען ראָבעספּיער'ס בעהויפּטונגען. דאָס האט צוגעגעבען מוטה אַנדערע אַרויסצוטרעטען געגען דעם דיקטאַטאָר. קאַמ

באָן, וועמען ראָבעספּיער האַט אין זיין רעדע גערופען שורקע, האַט אויסגעשריען: „עס אין געקומען דיא צייט דאָ צו זאָגען דיא וואהר־הייט: איין מענש האַט ביז יעצט אונטערדריקט דעם ווילען פון נאַ־ציאָנאַל־קאָנווענט, און דיזער מענש איז ראָבעספּיער". פון אַלע זייטען האָט מען דאַן גענומען אָנגרייפען ראָבעספּיער׳ן. פרעראָן האַט פערלאַנגט מען זאָל צוריקרופען דעם געזעץ פון 22 פּרעריאַל. פיעלע האבען פערלאַנגט, אַז מען זאָל צוריקרופען דעם בעשלוס וועגען אָפּדרוקען ראָבעספּיער׳ס רעדע. בורדאָן האַט דאַן ווידער געמאַכט זיין פּאָרשלאַג צו אונטערזוכען ראָבעספּיער׳ס קלאַגע. ראָבעספּיער האַט אויסגעשריען, אַז מען וועט אַזוי איבערגעבען זיין קלאַגע צו דיא זעלבע פּערזאָנען, וועלכע ער בעשולדיגט, אָבער מען האַט איהם שוין ניט געהערט און מען האַט אָפּגעשטימט בורדאָן׳ס פּאָרשלאַג.

אַלע מיטגליעדער פון קאָנווענט זיינען זיך נאָכדעם צוגאַנגען אין דער גרעסטער אויפרעגונג. קיינער האַט ניט פערלאָרען אַ מינוט צייט אין דער נאַכט פון 8 טערמידאָר. פון ביידע זייטען האַט מען געמאַכט פּאָרבערייטונגען צו אַ קאַמפּף אויף לעבען און טויט. ראָ־בעספּיער׳ס געגנער האבען גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ער וועט זיי שי־קען אויף דער גיליאָטינע, ווען ער וועט נאָר בעזיצען דיא מאַכט, און זיי האבען זיך אָנגעשטרענגט צו רעטען זייערע קעפּ. טאַליען און אַנדערע מאָנטאַניאַרען זיינען ארומגעלאָפען זוכען מיטגליעדער פון קאָנווענט און זיי איינריידען צו האַלטען זיך פעסט, זאָנסט זיינען אַלע פערלאָרען: ראָבעספּיער וועט ביסלעכווייז אַלעמען אומברייננגען, אום צו בלייבען דיקטאַטאָר. דאַנטאָן׳ס פריינדע: טאַליען, פרעראָן, באַראַס, מערלין און עטליכע אַנדערע זיינען געווען בעזאָנדערס טהעַ־טיג דיזע נאַכט. זיי האַבען אַלעמען אויפגעמונטערט צום קאַמפּף. זיי האבען זיך אויך צוזאמענגערעדט מיט דיא פערבליבענע זשיראָנדיס־טען און מיט דיא פיהרערס פון „זומפּף", וועלכע האבען פערשפּראָכען זייער מיטווירקונג נאָר אונטער דער בעדינגונג, אַז מען זאָל אָפּשאַ־פען דיא שרעקענס־הערשאַפט. דיא רעגירענדע קאָמיטעטען און דער גאַנצער קאָנווענט האבען זיך אַלזאָ פערבונדען געגען דעם זאָ־גענאַנ־טען טריאומוויראַט: ראָבעספּיער, סען־זשוסט און קוטהאָן, וועלכע

זיינען נאר געשטיצט געווען אין קאָנוועגט פון ראָבעספּיער'ס ברודער און פון דעם פייערדיגען טערראָריסט לעבא.

ראָבעספּיער האט דעם גאַנצען אבענד פון 8 טהערמידאָר פער־בראַכט אין יאַקאָבינער קלוב, וואו עס האט געקאָכט וויא אין א קעסעל. ער האט אין דיזער קריטישער צייט, ווען ער האט געשפּיעלט מיט זיין קאָפּ, בענאָנגען דאַנטאָן'ס פעהלער, נעמליך: ער האט זיך צו פיעל פערלאָזען אויף זיין רעדעקראַפט און אויף דעם, אז מען וועט ניט וואגען איהם זעלבסט צו אַרעסטירען. ער האט דארום פערלאָ־רען זיין צייט אויף וויעדערהאָלען אין יאַקאָבינער קלוב דיא רעדע, וועלכע ער האט געהאַלטען אין קאָנוועגט. צום שלוס האט ער אויס־געשריען, ארויסשטעלענדיג זיך פאר א מארטירער: „איך בין בערייט רוהיג אויסצוטרינקען סאָקראַט'ס בעכער." *) דער גרויסער מאלער דאוויד האט דאן אויסגערופען: „ראָבעספּיער, איך וועל מיט דיר צוזאמען טרינקען!" ער האט עס אבער ניט געטאָן, ער האט שפּעטער געשטיצט נאַפּאָלעאָנען און איז רוהיג געשטאָרבען אין בריסעל אין 1825.

דיא יאַקאָבינער האבען אויפגענומען ראָבעספּיער'ס רעדע מיט ענטהוזיאזטישע אפּלאָדיסמענטען. זיי האבען געשוואָרען איהם צו שטיצען. מען איז אזוי וויט געגאַנגען, אז מען האט אונטערשטיצט א פאָרשלאג צו פעריאָגען און אויפצולייזען דעם קאָנוועגט. קאָלאָ דהערבואַ, ביליאָ־וואַרען און אַנדערע מאָנטאַניאַרען, וועלכע האבען ניט געשטימט מיט ראָבעספּיער'ן, זיינען קוים לעבעדיגע אַנטלאָפען פון דיזען קלוב. דער טריאומוויראַט האט בעשלאָסען מאָרגען וויעדער אָנצוקלאָגען דיא געגנער אין קאָנוועגט און צו פערלאַנגען זייער אַרעסט. דער פייערדיגער סען־זשוסט האט אויף זיך גענומען צו מאכען דיא ערשטע אטאקע, וויא נאר דיא זיצונג פון קאָנוועגט וועט זיך עפענען.

---

*) דער בעריהמטער גריכישער פילאָזאָף סאָקראַטעס, וועלכער האט געלעבט מיט 400 יאהר פאר דער קריסטליכער צייטרעכענונג, איז פעראור־טהיילט געוואָרן אויסצוטרינקען א בעכער מיט גיפט אויף דער פאלשער קלאַגע, דאס ער האט געוועלט פערניכטען דיא גריכישע רעליגיאָן

דעם 9־טען טהערמידאָר, איינער פון דיא בעריהמטעסטע טעג פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן, האבען זיך דעפּוטאטען גאנץ פריה גענומען צוזאמענקלייבען. אַ סך זיינען געקומען בעוואפענט אזוי וויא טאַליען, וועלכער האט אויף דער זיצונג געציינט זיין שפּיעז. אין דיא קאָרידאָרען האט זיך אָנגעפאַנגען אַ שטורם, איינער האט אויפגעמונטערט דעם אנדערן; אָבער זיי האבען זיך אַלע אזוי גע־שראָקען פאַר ראָבעספּיער׳ן, דאס זיי האבען אָפּגעמאַכט איהם אויף קיין פאַל ניט צולאָזען ריידען און איהם צו פערשרייען, וויא נאַר ער וועט עפענען זיין מויל, וואס זיי האבען אויך פּינקטליך אויסגעפיהרט. דיא מערקווירדיגסטע, שטורמדיגסטע זיצונג פון קאָנווענט איז ערעפענט געוואָרן אַרום 11 אוהר ביי טאָג אונטער דעם פאָרזיץ פון קאָלאָ דהערבואַ, וועלכער האט פון זיין זייט אַלעס געטאָן צו דערשטיקען ראָבעספּיער׳ס שטימע.

אַלע זיינען שטיל געוואָרן, ווען סען־זשוסט איז אַרויף אויף דער טריבונע צו לעזען זיין בעריכט אין נאמען פון קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג. ער האט פערשפּראָכען פריהער צו ציינען דיזען בעריכט דיא מיטגליעדער פון דיזען קאָמיטעט, אבער ער האט ניט געהאַלטען וואָרט. זיין בעריכט איז אייגענטליך געווען אַן אַנקלאַגע געגען ראָבעספּיער׳ס געגנער. ער האט אָנגעפאַנגען מיט דיא ווער־טער, אַז דיא טריבונע קען נאָך פיליכט זיין פאַר איהם דער טאַר־פּעאישער שטיין, אבער ער וועט דאָך זאָגען זיין מיינונג וועגען דיא שפּאַלטונגען אין קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג. טאַ־ליען, וועלכער איז אַלט געווען 25 יאהר אזוי וויא סען־זשוסט און איז געווען אין פערצווייפלונג דורך דעם אַרעסט פון זיין געליעבטע, האט אונטערבראָכען ראָבעספּיער׳ס לייטענאַנט מיט דיזע ווערטער: „אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד געפינען מיר זיך? ווער וועט ניט וויינען וועגען דעם שיקזאַל פון דער רעפּובליק? געסטערן האט זיך איין מיטגליעד פון דער רעגירונג (ראָבעספּיער) אָפּגעזונדערט און געהאַל־טען אַ רעדע אין זיין נאָמען, היינט קומט אַן אנדערער טאָן דאס זעלבע. זאָל זיין אַ סוף דערפון. איך פערלאַנג, אַז דער פאָרהאַנג זאָל אין גאַנצען צוריסען ווערן!“

„יאָ, יאָ, דאָס מוז מען!“ האָט מען אויסגעשריען פון אַלע זייטען און דריי מאל געפּאַטשט בראַוואָ. סען־זשוסט איז געבליבען וויא אַ פערשטיינערטער—אַזאַ אויפנאַהמע האט ער ניט ערוואַרטעט. ביליאָ־וואַרען איז דאַן אַרויפגעשפּרונגען אויף דער טריבונע און האט דערצעהלט, וויא אין יאַקאָבינער קלוב האט מען געשימפּפט אויף דעם קאָנוועגט און פאַרגעשלאָגען צו פעריאָגען דיא פאָלקספּערטרעטער. דער קאָמאַנדיר הענריאָט, האָט ער געזאָגט, האט פערשפּראָכען אויס־צופיהרען דיזען פּלאַן פון דיא פערשווערער און ער וועט באַלד קומען. אויב דער קאָנוועגט וועט זיך ניט האַלטען פעסט, וועט ער צו גרונדע גיין. ראָבעספּיער, אויסער זיך פון כעס, איז צוגעלאָפען צו דער טריבונע און האָט פערלאַנגט דאָס וואָרט, נאָר מען האט איהם אויפגענומען מיט אַ גוואַלדיגען געשריי: „ניעדער מיט דעם טיראַן!“

ביליאָ־וואַרען בלייבט אויף דער טריבונע, אום ניט צו לאָזען ראָבעספּיער׳ן פערנעהמען זיין פּלאַץ. ראָבעספּיער רייסט זיך צו ריידען; אָבער זיין שטימע ווערט וויעדער פערהילכט פון פערצווייי־פעלטע געשרייען: „ניעדער מיט דעם טיראַן!“ טאַליען פערלאַנגט דאָס וואָרט, און קאָלאָ דהערבואַ גיט עס איהם גערן.

„איך האָב פערלאַנגט, אַז דער פּאָרהאַנג זאָל צוריסען ווערן, האָט טאַליען געזאָגט. יעצט איז ער צוריסען געוואָרן. געסטערן בין איך געוועזען אין יאַקאָבינער קלוב. דאָרט האָב איך געזעהען, וויא מען האט געבילדעט דיא אַרמעע פון דעם נייען קראָמוועל. איך האָב זיך בעוואָפּענט מיט אַ שפּיעז, אום איהם דורכצולעכערן דיא ברוסט, אויב דער קאָנוועגט וועט ניט האָבען דעם מוטה איהם גלייך צו שטעלען אונטער אַן אַנקלאַגע“. ביי דיא ווערטער האָט ער אַרויסגעצויגען זיין שפּיעז אונטער ברויזענדע אַפּלאָדיסמענטען פון גאַנצען קאָנוועגט.

ראָבעספּיער, וועלכער איז אַלץ געשטאַנען הינטער דער רעדנער טריבונע, וואַרטענדיג אויף זיין רייהע צו ריידען, האט זיך געווענדעט מיט פייערדיגע בליקען צו דיא הייסעסטע מאָנטאַניאַרען, האָפענדיג נאָך אויף זייער סימפּאַטיע; אָבער אייניגע פון זיי האָבען געקוקט אָן אַ זייט, אַנדערע האָבען אַראָפּגעלאָזען דיא אויגען, דיא מייסטע האָבען נאָר אַרויסגעוויזען האָס צו איהם. ער האט נאָך אַלץ ניט פערשטאַ־

נען, אַז אַלע מאָנטאַניאַרען האָבען איהם פערלאָזען און איבערגעגעבען אין דיא הענט פון זיינע געגנער.

טאַליען האָט פאַרטגעזעצט זיין פייערדיגע אַטאַקע אויף דעם דיקטאַטאָר מיט זיינע העלפערס. ער האָט זיי בעשולדיגט אין אַ קאָנספּיראַציאָן געגען דעם קאָנוועט און געגען דיא רעפּובליק און האָט אויך פערלאַנגט דעם אַרעסט פון דעם קאָמונע־קאָמאַנדיר הענריאָט. דערביי האָט ער אויך אָנגעקינדיגט, אַז דער געזעץ פון 22 פרעריאַל דאַרף געענדערט ווערן, אַז אונשולדיגע זאָלען ניט פערפאָלגט ווערן, אַז דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל זאָל האַנדלען נאָך דיא פּרינציפּען פון גערעכטיגקייט (ער האָט נאָך אין דער מינוט ניט געוואַגט פאָרצושלאָגען דיא אָפּשאַפונג פון דיזען פערהאַסטען טריבונאַל). דאָס האָט ער געזאָגט, אום צוצוציהען דיא מיטגליעדער פון „זומפּף“, וועלכע זיינען געוועזען שטענדיג געגען טעררער, נאָר האָבען געציטערט צו עפענען זייערע מיילער. „ראָבעספּיער, האָט ער אויסגעשריען, האָט אונז געוואָלט אַטאַקירען איינעם נאָך דעם אַנדערן, אונז צוטהיילען און אָפּזונדערן, אום ער זאָל ענדליך בלייבען דער איינציגער הערשער מיט דיא שמוציגע און פערדאָרבענע קערלען וועלכע דיענען איהם. איך פערלאַנג, אַז מיר זאָלען ניט ענדיגען אונזער זיצונג ביז דער שווערד פון געזעץ וועט פערזיכערן דיא רעוואָלוציאָן און אַז מיר זאָלען בעפעהלען צו אַרעסטירען דיזע בעשעפעניסען!“

דער גאַנצער קאָנוועט האָט שטורמיש אַפּלאָדירט. טאַליען׳ס פאָרשלעגע זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט געשרייען „עס לעבע דיא רעפּובליק!“

ביליאָ־וואַרען האָט פערלאַנגט מען זאָל אַרעסטירען דיא פיהרערס פון דיא יאַקאָבינער און דעם פּרעזידענט פון רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל. אין דער מינוט איז אַריין באַרער אין דעם נאָמען פון קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג. מען זאָגט, אַז ער האָט געהאַט אָנגעגרייט צוויי רעדעס—איינע פאַר און דיא אַנדערע געגען ראָבעספּיער׳ן. ווען ער האָט דערזעהען, אַז דער גאַנצער קאָנוועט איז אַרויס געגען דעם דיקטאַטאָר, האָט ער איהם אויך אַטאַקירט און האָט פאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל רופען דעם בירגערמייסטער פון

פאריז און איהם מאכען פעראנטוואָרטליך פאר דיא רוהע אין שטאָט. ווען דיזער און עטליכע אנדערע פאָרשלעגע פון בארער זיינען אָנגע־נומען געוואָרן, האט ראָבעספּיער, וועלכער איז שוין הייזעריג געוואָרן שרייענדיג, אז ער פערלאַנגט דאס וואָרט, געמיינט, אז יעצט וועט ער שוין קענען ריידען: אבער זיינע גענגער האבען איהם אַלץ פער־שריען. אָנשטרענגענדיג זיינע לעצטע קרעפטע האט ער אויסגעשריען מיט אַ הייזעריגע שטימע: „צום לעצטען מאָל, פרעזידענט פון מער־דער, פערלאַנג איך דאס וואָרט!"

עס איז געווען אַ שרעק אויף איהם צו קוקען, זיין געזיכט איז געווען אָנגעגאָסען מיט בלוט, דער מויל האט געשוימט, דיא אויגען האבען געפייערט. דער פרעזידענט האט איהם געענטפערט: „דו וועסט ריידען ווען דיין רייהע וועט קומען" און האט גענומען קלינגען צו פערהילכען ראָבעספּיער'ס ווערטער. פון אַלע זייטען האט מען געשריען: „ניין! ניין! ער זאָל ניט ריידען!" ראָבעספּיער האט שוין קיין כוח ניט געהאט צו שרייען און האט זיך אראָפּגעלאָזען אַן אויס־געמאַטערטער אויף אַ שטול. גארניע דע־ל'אַב, דאַנטאָן'ס אַ פריינד, האט דאן אַ געשריי געטאָן צו איהם: „עלענדער, דאַנטאָן'ס בלוט שטיקט דיך!"

דער מאָנטאַניאר לושע האט דאן אָפען פערלאַנגט, אז מען זאָל ארעסטירען ראָבעספּיער'ן. דיזער פאָרשלאג איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַפּלאָדיסמענטען, וועלכע זיינען אַלץ הילכיגער געוואָרן. אָנפאַנגס האבען ניט ווייניג מיטגליעדער זיך געשראָקען צו אונטער־שטיצען לושע'ס פאָרשלאג; נאר זיי זיינען אויפגעמונטערט געוואָרן פון דיא פייערדיגע מאָנטאַניארען, וועלכע האבען בעשלאָסען אומצו־ברייגגען ראָבעספּיער'ן, אום צו רעטען זייער אייגענע הויט. ווען מען האט אָנגעפאַנגען צו שטימען דיזען פאָרשלאג, האט ראָבעספּיער'ס ברודער אויסגערופען: „איך בין אויך שולדיג, וויא מיין ברודער. איך בין איינפערשטאַנדען מיט איהם און וויל האבען זיין שיקזאַל. איך פערלאַנג דארום, אז מען זאָל מיך אויך ארעסטירען." ראָבעס־פּיער וויל ריידען צו גונסטען פון זיין ברודער, אבער מען פערשרייט איהם ווידער. ווען דער קאָנווענט האט איינשטימיג בעשלאָסען

צו אַרעסטירען ביידע ברידער ראָבעספּיער, זיינען אַלע אויפגעשפּרונ־גען און האבען אויסגעשריען: „עס לעבע דיא פרייהייט! עס לעבע דיא רעפּובליק!“— „דיא רעפּובליק—זיא איז פערלאָרען, דיא רויבער זיע־גען!“ האט ראָבעספּיער אויסגערופען.

דיא רעפּובליק איז טאקע פערלאָרען געווען אין דיזען מאָמענט, דען דיא רעאַקציאָן האט באלד נאכדעם אויפגעהויבען דעם קאָפּ. פאלשע און פערדאָרבענע מענשען האבען געקראָגען דיא איבערמאַכט, וויא מיר וועלען עס זעהען אין דיא נעכסטע קאפּיטלעך, און האבען אויסגעלייגט א וועג פאר נאפּאָלעאָן'ס אימפּעריע, אָבער ראָבעספּיער אליין איז שולדיג געווען אין דיזען סוף פון דער רעפּובליק דורך זיי־נע איבערטרייבונגען און דיא שרעקענס־הערשאפט.

דער קאָנווענט האט אויך בעשלאָסען צו ארעסטירען ראָבעס־פּיער'ס אדיוטאנטען סען־זשוסט און קוטהאָן. לעבאַ האט דאן אויס־געשריען: „איך וויל נים טראָגען אויף זיך דיא שאנדע פאר דיזען בעפעהל, איך פערלאַנג, אז מען זאל מיך אויך ארעסטירען“. מען האט עס איהם צו ליעב געטאָן, און דיא 5 פערטרעטער זיינען אין זיצונגס־זאל ארעסטירט געווארן. דיא בעאמטע האבען קוים געוואגט ארויפצולייגען זייערע הענד אויף דיא קאָנווענטס־מיטגליעדער, וועלכע זיינען נאך אין דער פריה געווען דיא הערשער פון פראנקרייך.

בארער האט אָנגעשריבען א בעפעהל צו ארעסטירען דיא ברידער ראָבעספּיער, סען־זשוסט, קוטהאָן, לעבאַ און אויך דעם קאָמאנדיר הענריאָט און עטליכע פיהרערס פון יאקאָבינער קלוב. דאס איז געשעהען ארום 5 אוהר נאכמיטאג. אין דער צייט האבען נאך דיא מיטגליעדער פון דער קאָמונע און ראָבעספּיער'ס אנהענגער, וועלכע האבען זיך צוזאמענגעקליבען אין דער שטאָטהויז, נים געוואוסט וועגען דעם ארעסט פון דיא 5 דעפּוטאטען. הענריאָט, וועלכער האט געשוואָרען אין יאקאָבינער קלוב, אז ער וועט צוטרייבען אין אש דעם גאנצען קאָנווענט מיט זיינע קאנאָנען, איז ארומגעריטען איבער דיא גאסען א בעזאָפענער. ער האט געוועלט צוזאמענקלייבען עטליכע באטאליאָנען ארום שטאָט־הויז, אבער ער איז ארעסטירט געוואָרן לעבען טיולערי־פּאלאץ פון זשאנדארמען, וואס דער קאָנווענט האט

ארויסגעשיקט. מען האט איהם געבונדען און אוועקגעשלעפט אין דעם זאל פון קאָמיטעט פון אַלגעמיינע זיכערהייט (פּאָליציי), וואו דיא 5 דעפּוטאַטען זיינען איינגעשפּארט געוואָרן.

דיא מיטגליעדער פון קאָנווענט האבען שוין געמיינט, אַז זיי האבען אין גאנצען געזיעגט; אבער דיא פּאַריזער קאָמונע האט זיי באַלד בעוויזען, אַז מען מוז זיך נאָך מיט איהר רעכענען. וויא נאר דיא נייעס וועגען דיא אַרעסטען איז געבראַכט געוואָרן אין שטאָטהויז, האט קאָפינהאַל, אַ פּרעזידענט פון דעם שרעקליכען רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל, אויסגעשריען: „לאָמיר גיין בעפרייען דיא געפאַנגענע! וועד פּאַלגט מיר נאך?" אונגעפעהר 300 מאן האבען זיך אַ לאָז געטאָן נאָך איהם צום קאָנווענט. אין דער זעלבער צייט האט דיא קאָמונע אַרויסגעלאָזען אַן אויפרוף צום פאָלק, אַז מען זאַל שטיצען דיא טריאומווירען ראָבעספּיער, סען־זשוסט און קוטהאָן, און האט ערקלערט פאר ניט גילטיג דיא בעשליסע פון קאָנווענט. זיא האט אויך אַרויסגעלאָזען אַ בעפעהל צו דיא אויפּפּאַסערס פון אַלע פּאַריזער געפענגניסע, אַז זיי זאלען קיינעם ניט אַרויסלאָזען און ניט אַריינלאָזען אָהן איהר שריפטליכע ערלויבניס, און האט געהייסען ציהען דעם שטורמגלאָק, אום דיא סעקציאָנען זאלען איהר קומען צו הילפע מיט געוועהר אין האנד.

קאָפינהאַל מיט זיינע בעגלייטערס האָבען זיך אַריינגעריסען אין זאַל פון קאָמיטעט פון אַלגעמיינע זיכערהייט, וואו ער האט מיט אַ שווערד אין דער האנד פעריאָגט דיא מיטגליעדער און בעפרייט דעם קאָמאַנדיר הענריאָט. דיא 5 דעפּוטאַטען זיינען שוין דאָרטען ניט געוועזען, מען האט זיי מיט עטליכע מינוט פריהער פערנאַנדערגעשיקט אין פערשיעדענע געפענגניסען. נאר ווען מען האט זיי אָהין געבראַכט, האבען שוין דיא אויפּפּאַסערס ערהאַלטען דעם בעפעהל פון דער קאָמונע און האבען זיך ענטזאַגט זיי אַריינצונעהמען. דיא בעאַמטע פון דער קאָמונע האבען דאן אוועקגעפיהרט דיא 5 בעפרייטע קאָנווענטס־מיטגליעדער צום שטאָטהויז, וואו ראָבעספּיער איז אויפגענומען געוואָרן מיט דעם גרעסטען ענטהוזיאַזמוס. מען האט איהם אַרומגענומען, געקושט און מען האט געשוואָרען צו פערטהיידיגען איהם ביז'ן טויט.

ארום 7 אוהר, ווען דער קאָנוועגט האט זיך ווידער צוזאַ־מענגעקליבען, האט שוין הענריאָט מארשירט מיט באטאליאָנען און אַרטילעריע צום טיולערי־פּאלאַץ. דיא מיטגליעדער פון קאָנוועגט זיינען? געוועזען אין טויטשרעק. זיי האבען בעשטימט, אז באראַס זאָל זיין דער קאָמאנדיר פון דער נאציאָנאל ־ גוואַרדיע און האבען איהם ארויסגעשיקט צוזאַמענצורופען דיא סעקציאָנען, וואס זיינען געווען טריי צום קאָנוועגט. אָבער הענריאָט איז שוין געשטאַנען מיט זיינע באטאליאָנען לעבען קאָנוועגט און האט שוין געהייסען זיינע אַרטילעריסטען פייערן. דער פּאָרזיצענדער קאָלאָ דהערבואַ האט דאן אויסגערופען מיט פערצווייפלונג: „בירגער, מיר זיינען פער־לאָרען, יעצט בלייבט אונז נאָר צו שטארבען מוטהיג אויף אונזערע פּלעצער!" „דאָס וועלען מיר טאָן!" האבען דיא דעפּוטאַטען זיך אָפּגערופען מיט אַנגסט און צאָרן. טאַליען, לעזשאַנדר און אַנדערע הייסע מאָנטאַניאַרען האבען גענומען אויפמונטערן דיא איבערגע־שראָקענע מיטגליעדער.

אין דער מינוט איז א דעפּוטאַט אריינגעלאָפען איבערצוגעבען, אַז הענריאָט שטעלט אויס זיינע קאַנאָנען געגען קאָנוועגט. אימיצער האט דאן אויסגעשריען: „זאָל מען דיזען רויבער ערקלערן אויסערהאַלב געזעץ!" דיזער געשריי האט גערעטעט דעם קאָנוועגט. מען האָט גלייך אָפּגעשטימט, אז הענריאָט איז אויסערהאַלב געזעץ, און עט־ליכע מיטגליעדער זיינען ארויסגעלאָפען אויפ'ן קארוסעל־פּלאַץ, וואו דיא אַרטילעריסטען זיינען געשטאַנען לעבען זייערע קאַנאָנען, און האבען א געשריי געטאָן צו זיי: „היט אייך צו פּאָלגען דיזען פער־ברעכער! איהר שפּיעלט מיט אייערע קעפּ—דער קאָנוועגט האט איהם געשטעלט אויסערהאַלב געזעץ!" דיא אַרטילעריסטען, וועלכע האבען אזוי אויך מורא געהאט צו שיסען אויפ'ן קאָנוועגט, האבען זיך ענטזאַגט צו פּאָלגען זייער קאָמאנדיר'ס בעפעהל. הענריאָט האט דאן געמוזט אַנטלויפען צו דער שטאָטהויז אזוי שנעל וויא זיין פערד האט איהם געטראָגען.

ווען דיא מיטגליעדער פון קאָנוועגט האבען דערזעהען, וואָס פאר א קרעפטיגע ווירקונג זייער בעשלוס געגען דעם קאָמאנדיר

הענריאָט האט געהאט, האָבען זיי נעקראָגען מוטה אויף צו ערקלערן אויסערהאלב געזעץ ראָבעספיער'ן מיט אלע זיינע העלפערס. דער קאָנוועגט האט ארויסגעלאָזען אַן אויפרוף צום פאָלק און האט פער־באָטען צו געהאָרכען דיא בעפעהלען פון דער מיאטעזשנער קאָמונע. בּאראס און 7 אנדערע דעפוטאטען זיינען ארויסגעשיקט געוואָרן צו רופען דאס פאָלק צו געוועהר און בעקאנט צו מאכען דיא בעפעהלען פון קאָנוועגט. כמעט איבעראל האט מען זיי אויפגענומען מיט פריידע. אין דער נאַכט פון 9 טהערמידאָר האט מען ניט אויפגעהערט פוןביידע זייטען צו וועקען דאס פאָלק דורך דעם שטורם־גלאָק. דיא אנהענגער פון ראָבעספיער האבען זיך מיט שרעק ארומגעזעהען, וויא זייער שרעק־סיסטעם איז פערהאסט געוואָרן אין פאָלק. אפילו אין דיא פאָרשטעט סען־מארסאָ און סען־אנטואן, וואו הענריאָט איז געוועזען זיכער צו געפינען שטיצע, האבען זיך דיא ארבייטער ענטזאגט צו בעשיצען ראָבעספיער'ן. דארטען האבען עס ראָבעספיער'ס אנהענ־גער געקראָגען אויף זייער צוריף דיא אנטוואָרט: „מיר שטארבען פון הונגער און איהר מיינט אונז צו ערנעהרען מיט דער גיליאָטינע!"

וויא נאר דיא קאָמיסארען פון קאָנוועגט האבען צוזאמענגעקליבען 3 באטאליאָנען, האט באראס געהייסען זיי שיקען צו דער שטאָטהויז. דאָס איז געוועזען ארום 2 אוהר מאָרגענס דעם 10־טען טהערמידאָר. בורדאָן, וועלכער האט אָנגעפיהרט דיא קאָנוועגטס־באטאליאָנען, האט געפונען לעבען שטאָטהויז אַ קליינע צאָהל בעוואפענטע מענשען, וועלכע זיינען געקומען שטיצען דיא קאָמונע. ער האט זיי לייכט פערטריבען, ווייל פיעלע פון זיי האבען זיך אפילו ניט געוועהרט, און האט ארומגערינגעלט דיא שטאָטהויז, וואו דיא ברידער ראָבעספיער, סען־זשוסט, קוטהאָן, לעבאַ, הענריאָט און דיא מיטגלייִדער פון דער קאָמונע האבען זיך געקליבען מארשירען געגען קאָנוועגט.

דיא בעפעהלען פון קאָנוועגט האבען געהאט אַ שטארקע וויר־קונג אויף אלעמען. מען איז אזוי צוגעוואָהנט געוואָרן צו ציטערן פאר דיזען רעוואָלוציאָנערען פארלאמענט, אַז זעהר ווייניגע האבען געוואגט ארויסצוטרעטען געגען איהם אפילו אין דיזער קריטישער מינוט. זאָגאר ראָבעספיער אליין האט זיך דערשראָקען און איז

גנוואהרן אָבהענדיג, ווען ער האט דערהערט, אז דער קאָנוועגט האט איהם ערקלערט אויסערהאלב געזעץ. ער האט גערעכענט, אז מען וועט איהם איבערגעבען צום רעוואָלוציאָנערען טריבונאל און ער האט געהאָפט, אז מען וועט ניט וואגען איהם צו פעראורטהיילען, ווען דיא קאָמונע האלט מיט איהם. סען־זשוסט, וועלכער האט ביז דער לעצטער מינוט ניט פערלאָרען זיין העלדישען מוטה, און אנדערע האבען אומזיסט געזוכט צו בעוועגען ראָבעספיער'ן צו האנדלען ענער־גישער. ער איז אזוי וויא צומישט געוועזען און האט פערלאָרען דיא בעסטע צייט, ווערהענד דיא קאָמיסארען פון קאָנוועגט האבען טיכטיג געארבייט און געזאמעלט קרעפטע. ער האט הפנים געפיהלט, אז ער איז שוין א פערלאָרענער. ער איז געבליבען זיצען אין שטאָטהויז און האט זיך אין ערגעץ ניט געצייגט. דארום זיינען דיא מייסטע סעקציאָנען אריבער אויף דער זייט פון קאָנוועגט. פון 48 פאריזער סעקציאָנען האבען זיך 18 ערקלערט פאר דעם קאָנוועגט און 13 פאר ראָבעספיער'ן. דיא איבעריגע זיינען געבליבען נייטראל, אבער האבען סימפאטיזירט מיט דעם קאָנוועגט, ווייל זיי האבען גערעכענט, אז דיא שרעק־הערשאפט וועט פאלען צוזאמען מיט ראָבעספיער'ן.

ווען דיא באטאליאָנען פון קאָנוועגט זיינען צוגעקומען אויף דעם פלאץ לעבען דער שטאָטהויז, איז הענריאָט ארונטערגע־לאָפען מיט אימפעט, אום צו הייסען דיא ארטילעריסטען שיסען; אבער ער האט זיי שוין ניט געפונען. ער איז דאן אריינגעלאָפען מיט כעס אין זאל און האט אויסגעשריען: „אָה, דיא פעררעטהער! זיי האבען אונז פערלאָזען!" קאָפינהאל האט זיך דאן א וואָרף געטאָן וויא א צורייצטער לייב אויף דעם קאָמאנדיר און אויסשרייענדיג: „עלענדער, צוליעב דיין פייגהייט האבען מיר פערלאָרען!" האט ער איהם אָנגע־כאפט פאר'ן קערפער, האט איהם צוגעשלעפט צו א פענסטער און ארונטערגעשליידערט אין גאס. הענריאָט איז געפאלען אויף א קופע מיסט, זאָ דאס ער איז בלויז פערוואונדעט געווארן. ווען דיא בע־וואפענטע מענער פון קאָנוועגט, צווישען וועלכע עס זיינען געווען א סך געוועזענע העבערטיסטען, האבען זיך אָהן שטערונגען אריינגעריי־סען אין זאל, האבען זיי דערהערט צוויי רעוואָלווער־שיסען. ראָבעס־

פיער, וועלכער האט דערזעהען, אז ער קען זיך שוין ניט רעטען און האט ניט געוועלט אריינפאלען א לעבעדיגער אין דיא הענט פון זיינע שונאים, האט זיך אריינגעשאָסען א קויל. ער האט געוועלט טרעפען אין מארך, אבער דיא קויל האט איהם נאר דורכגעלעכערט דיא באק. דעם צווייטען שאָס האט אויסגעפייערט לעבא, וועלכער האט זיך דערשאָסען אויף טויט. דער יונגער ראָבעספיער איז ארויסגע־שפרונגען דורך א פענסטער און האט זיך צובראָכען א פוס. קוטהאָן האט זיך א פאָר מאָל אריינגעשטאָכען א שפיעז און איז אנידערגע־פאלען אונטער א טיש, וויל ער האט זיך ניט געקענט האלטען אויף זיינע פאראליזירטע פיס. נאר סען־זשוסט איז געבליבען רוהיג שטעהען מיט א רעוואָלווער אין דער האנד.

בורדאָן האט ארעסטירט אלע אנוועזענדע אין זאַל, און באראס, דער נייער קאָמאנדיר פון דער נאציאָנאל גווארדיע, האט זיי ארום 3 אוהר מאָרגענס אוועקגעפיהרט צום קאָנווענט. דיא פערוואונדעטע ראָבעספיערס, לעבא און העגריאָט האט מען געבראכט אויף טראָג־ברעטלעך. באראס האט לעבען טהיר פון קאָנווענט געפרעגט, אויב ער זאָל אריינפיהרען דיא געפאנגענע. נאָר א דעפוטאט האט אויס־געשריען: „ניין, אריינברייגגען אהער דעם קערפער פון א שרעקליכען פערברעכער הייסט אריינצוברייגגען דיא פעסט און בעפלעקען דעם גלאנץ פון דיזען שעהנען טאָג. זיין אָרט איז אויף דעם רעוואָלוצי־אָנס־פלאַץ. לאָמיר יעצט בעזאָרגען, אז ער און זיינע העלפערס זאָלען באלד הינגעריכטעט ווערן!"

דער קאָנווענט האט דאן בעשלאָסען, אז מען זאָל אויפשטעלען דעם עשאפאָט אויף דעם רעוואָלוציאָנס־פלאַץ און אז עס זאל גענוג זיין בלויז צו בעשטימען אָפיציעל, ווער דיא געפאנגענע זיינען. אזוי וויא זיי זיינען ערקלערט געוואָרן אויסערהאלב געזעץ, האט מען קיינע געריכטס־פאָרמאליטעטען ניט בעדארפט האבען. דער קאָנווענט האט נאכהער אויסגעדריקט א דאנק צו דיא סעקציאָנען פאר זייער הילפע און האט געשלאָסען זיין מערקווירדיגסטע זיצונג ארום 4 אוהר מאָרגענס.

ראָבעספיער׳ן האט מען אריינגעבראכט אין דעם זאל פון קאָמי־טעט פון עפענטליכע רעטונג, וואו ער האט געהערשט איבער גאנץ פראנקרייך. דאָרט האט מען איהם אוועקגעלייגט אויף א טיש מיט א פאק פאפירען צוקאָפּענס. פון זיין באק האט אָהן אויפהער גע־רונען בלוט. ער איז געווען אָנגעטאָן אין דעם הימעלבלויען ראָק, וואס ער האט געטראָגען ביי דער צערעמאָניע לכבוד דעם העכסטען וועזען. צוויי שטונדען האט ער געהאט צו ווארטען ביז א דאָקטאָר איז געקומען פערבינדען זיין וואונד. פיעלע פון זיינע פיינד האבען זיך געשטופּט איהם צו בעטראכטען—האבען איהם אויסגעלאַכט און בעשימפּפט, אבער ער האט א וואָרט ניט ארויסגערעט. עטליכע האבען איהם זאָגאר אָנגעשפּיגען אין געזיכט. ווען מען פלעגט איהם דערלאַנגען א שטיקעל פאפיר, פלעגט ער רוהיג אָפּשמירען דאָס בלוט פון זיין געזיכט. ער איז געבליבען קאלט וויא א שטיין צו אלע בעליידיגונגען און האט אויף קיינע פראגען ניט געענטפערט. ווען דער דאָקטאָר איז געקומען, איז ער אליין אראָפּגעקראָכען פון טיש און האט זיך געזעצט אויף א שטול. דיא אָפּעראציאָן איז געווען א זעהר שמערצליכע, אבער ער האט אפילו א קרעכץ ניט געטאָן.

אלע געפאנגענע האט מען אריבערגעפיהרט אין קאָנסיערזשע־ריי־געפענגניס, וואו דער פּראָקוראָר פוקיע־טינוויל האט געמוזט בעשטעטיגען, ווער זיי זיינען. ארום 4 אוהר נאכמיטאג האט מען זיי אוועקגעפיהרט צום עשאַפּאָט. ביידע ראָבעספיערס, סען־זשוסט, קוטהאָן און הענריאָט זיינען ארויפגעזעצט געוואָרן אויף איין וואָגען. ראָבעספיער׳ס פערבלוטיגטע געזיכט איז געווען בעדעקט מיט א באנד, הענריאָט האט נאר געהאט א צוריסענע העמד אויף זיך. זשאַנדאַר־מען האבען אָנגעצייגט מיט זייערע שווערדען אויף ראָבעספיער׳ן. אן אונגעהייערע מאסע האט זיך צוזאמענגעקליבען אויף דעם וועג צום עשאַפּאָט און איז נאָכגעלאפען נאָך דעם וואָגען. אלע האבען זיך געפרייהט און פיעלע האבען געשימפּפט אויף ראָבעספיער׳ן. דאס פאלק האט דערמיט ארויסגעצייגט זיין האס צום טעראָר און צו דיא מענשען, וועלכע זיינען בעזאָנדערס פעראנטוואָרטליך געווען פאר דיא

מאסענהאפטע הינריכטונגען. דיא פריינדע און פערוואנדטעט פון דיא הינגעריכטעטע האבען געטאנצט פון שמחה און האבען בעשאַטען מיט דיא גרעבסטע שימפף־ווערטער ראָבעספיער׳ן מיט זיינע חברים. סען־זשוסט האט רוהיג געקוקט אויף דער מענגע און איז געווען פערטיעפט אין זיינע געדאנקען. לעבען ראָבעספיער׳ס הויז האבען זיך צוזאמענגעקליבען מאסען פרויען, וועלכע האבען ווילד געטאנצט פון פריידע. איינינע פון זיי האבען געבראכט אַן עמער מיט אָקסענע בלוט און האבען דערמיט בעשפריצט ראָבעספיער׳ס הויז.

אויף דעם עשאפאָט האט דער תליון אראָבגעריסען דעם באַנד פון ראָבעספיער׳ס געזיכט. ראָבעספיער האָט דאן ארויסגעלאָזען אזא הויכען שמערץ־געשריי, דאס מען האט עס געהערט אויף׳ן גאנצען רעוואָלוציאָנס־פּלאַץ. ווען זיין קאָפּ איז אראָפּגעפאלען אונטער דעם מעסער פון דער גיליאָטינע, האט דיא מענגע אפּלאָדירט עטליכע מינוט נאָכאנאנד.

דאס איז געווען דער סוף פון דעם אונבעשטעכליכען רעוואָלו־ציאָנער, וועלכער איז 4 מאָנאט געווען דער דיקטאטאָר פון פראנק־רייך. ער איז דאן אלט געווען 34 יאָהר. דאנטאָן׳ס נבואה איז מקוים געוואָרן.

פאר איין נאנג האט מען אויך גיליאָטינירט פלוריאָ־לעסקאָ, דעם פּאָריזער בירגערמייסטער, דיומאַ, דעם פּרעזידענט פון רעוואָלו־ציאָנערען טריבונאל, פּאיאן, א קאָמונע בעאמטען, און דעם שוסטער סימאָן, וואָס איז געווען דער לעהרער פון לודוויג׳ס זוהן.

דעם נעכסטען טאָג (11טהערמידאָר) האט מען הינגעריכטעט 70 יאקאָבינער, מייסטענס מיטגליעדער פון דער קאָמונע, און א טאָג שפּעטער נאך 12 ראָבעספּיער׳ס אַנהעננער. מען האט אזוי אויסגעראָטעט דיא וויכטינסטע מיטגליעדער פון ראָבעספּיער׳ס פּארטיי.

אבער דערביי האט מען נאך מעהר אָפּגעשוואכט דיא קרעפטע פון דער רעוואָלוציאָן. דיא יאקאָבינער און דיא זאָ־גענאנטע טעראָ־ריסטען האָבען נים איין מאָל פּרובירט אָפּהאלטען דעם שטראָם פון דער רעאקציאָן, וועלכער האט זיך אלץ מעהר און ווייטער צוגאָסען נאך דעם 9־טען טערמידאָר; אבער זיי זיינען נאר דערטרונקען גע־

געווארן אין איהם. נאך ראָבעספּיער'ס פאַל איז שוין די רעפּוב־ליק ניט געגאַנגען פאָרויס, נאר צוריק. וועגען די אַרבייטער, וועל־כע האבען אַלץ געהונגערט, האָט מען שוין ניט געזאָרגט אפילו מיט'ן מויל. מען האט זיי קיינע סימפּאַטיע געציינט. די בורזשואזיע האט אַלץ מעהר פערכאַפּט די מאכט אין איהרע הענד, און די מאָנאַרכיסטען האבען אויך אויפגעהויבען דעם קאָפּ. דארום רעכענט מען דעם 9־טען טערמידאָר פאַר דעם סוף פון דער גרויסער רעוואָ־לוציאָן. יעדענפאַלס איז עס געוועזען דער אָנפאַנג פון א נייער צייט אין דיזער גרעסטער וועלט־דראַמע, וועלכע טראָגט דעם נאָמען: די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן.

ענדע פון צווייטען טהייל.

דריטער טהייל.

ערשטער קאפּיטעל.

דיא טערמידאָרישע רעאַקציאָן און דיא יאַקאָבינער.

באלד נאך ראָבעספּיער׳ס הינריכטונג האבען זיך דיא מאָנטאַ־ניארען ארומגעזעהען, אז ניט זיי זיינען געבליעבען דיא זיעגערס, נאר דיא בורזשואזיע מיט איהרע פערטרעטער, וועלכע האבען יעצט אויפ־געהייבען דעם קאָפּ, ווען דער פריהערער שרעק פאר דעם מעסער פון דער גיליאָטינע האט אויפגעהערט.

אין גאנץ פראנקרייך האט מען זיך דערפרייהט, ווען מען האט זיך דערוואוסט פון דער איבערקעהרענעס פון דעם 9 טערמידאָר. דיא פריידע איז ארויסגערופען געוואָרן דורך דיא זיכערהייט, אז דיא סיסטעם פון טעראָר וועט אָפּגעשאפט ווערן. א מאסע מענשען, וואס האבען זיך געהאלטען אָן א זייט אדער האבען זיך בעהאלטען, ווען ראָבעספּיער האט קאָמאנדעוועט מיט דער גיליאָטינע, זיינען יעצט ארוים אין דער עפענטליכקייט און האבען געשטיצט דיא געגנער פון דיא פערבליבענע יאַקאָבינער און פון אלע הייסע רעוואָלוציאָנערען. אפילו מאָנארכיסטען זיינען ארוים פון זייערע בעהאלטונגס־ערטער און האבען פרובירט מאכען אויפשטאנדען.

אין קאָנווענט האט זיך געבילדעט א נייע פּארטיי, וועלכע האט געקראָגען דעם נאמען טערמידאָרישע. דיא פערשיעדענע פּאר־טייען, וועלכע האבען זיך פערבונדען פאר דעם 9 טערמידאָר, האבען

זיך אָפּגעטהיילט גלייך וויא ראָבעספּיער׳ס קאָפּ איז געפאלען אונ־טער דעם מעסער פון דער גיליאָטינע. דער „זומפּף“ האט זיך פערבונדען מיט דיא פערבליבענע זשיראָנדיסטען אונטער דער פיה־רונג פון בואסי דאנגלאַ. דיא גרויסע פּארטיי פון דיא מאָנטאַניא־רען האט זיך צושפּאָלטען: א טהייל איז צוגעשטאַנען צום „זומפּף“ און איבערהויפּט צו דיא מעסיגע פערטרעטער פון דער נייע־אויפגע־קומענער בורזשואזיע און איז דארום געווען געגען טעראָר, און א טהייל האט נאך געוועלט פאָרטזעצען דעם טעראָר. דיא מייסטע טעראָריסטען זיינען געווען יאַקאָבינער. זייערע פיהרערס האבען זיך פערבונדען מיט קאָלאָ דהערבואַ און ביליאָ־וואַרען, וועלכע האבען אזוי פיעל געארבייט צו שטירצען ראָבעספּיער׳ן. צו זיי איז אויך צו־געשטאַנען באַרער, וועמען זיין פערגאַנגענהייט און טעראָריסטישע טהעטיגקייט אלס פּאָרזיצענדער פון קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג האט דערצו געצוואונגען. זיי האבען זיך אלע אָנגעשטרענגט צו בעקעמפּפען דיא שטייגענדע רעאקציאָן, אבער אזוי וויא זיי זיינען שוין געווען א קליינע מינאָריטעט און דיא מאכט פון דער קאָמונע איז געבראָכען געוואָרען, האבען זיי גאר ניט אויסגעפיהרט.

דיא פיהרער פון דער טערמידאָרישער פּארטיי זיינען געווען באַראַס, טאַליען, פרעראָן, לעזשאַנדרע, וועלכע האבען זיך אליין פריהער אויס־געצייכענט מיט זייער טעראָריזמוס. דער גלח סיעס, וועלכער האט צוויי יאהר ניט געעפענט זיין מויל אין קאָנווענט, האט יעצט געלאָ־זען הערען פון זיך. זיי זיינען געוואָרען דיא אָנפיהרערס פון דער נייע־געבילדעטער מאַיאָריטעט אין קאָנווענט און האבען זיך געשטיצט אויף דיא סעקציאָנען, וואו דיא מיטגליעדער פון דער בורזשואזיע האבען געקראָגען דיא איבערמאכט דורך דיא גלייכגילטיגקייט פון דיא אַרבייטער און דורך דיא הילפע פון דיא געפאַנגענע, וועלכע מען האט ארויסגעלאָזען פון דיא געפענגניסען. דיא רעאקציאָן האט אויך געפונען א מעכטיגע געוועהר אין דיא נייע צייטונגען, וואס זיינען געגרינדעט געוואָרען באלד נאך דעם 9־טען טערמידאָר. ראָבעספּיער האט אונטערדריקט דיא פרייהייט פון דער פּרעסע מיט דער אויס־ריידע, אז זיא איז געגען דיא רעוואָלוציאָן. אבער נאך דעם 9־טען

טערמידאָר איז געוואָרן פרעסע־פרייהייט, און די שרייבערס פון דער בורזשואזיע און פון די רייכע קלאַסען איבערהויפט האָבען גענומען אטאקירען די יאקאָבינער און פערלאַנגען די אָפּשאַפונג פון טעראָר.

בעזאָנדערס האט זיך יעצט אויסגעצייכענט אלס געגנער פון די יאקאָבינער פרעראָן, וועלכער איז געווען א פריינד פון מאראט און א פייערדיגער טעראָריסט, ווען דער קאָנווענט האט איהם בע־שטימט פאַר א קאָמיסאַר אין טולאָן. דאָרט איז ער בעגאַנגען פיעלע רציחות, נאָר ער האט יעצט געזוכט דורך אטאקעס אויף זיינע פריהערע פריינד מען זאָל איהם דערפאַר פערצייהען. ער איז געוואָרן אזוי וויט אונפערשעהמט, אז ער האט זאָגאר בעשימפּט אין זיין בלאט „דער פאָלקסרעדנער" מאראט'ן, וועמען ער האט ערשט נאָך מיט עטליכע מאָנאט צוריק פערגעטערט. זיין ציעל איז יעצט געווען צו פערניכטען די יאקאָבינער אדער יעדענפאַלס צו פערמאַכען זייערע קלובען, וועלכע האָבען נאָך אלץ געיאָגט א שרעק אויף אלע רעאקציאָנערען.

דיזער איבערלויפער האט אויך אָרגאניזירט א באַטאַליאָן פון רייכע יונגע לייט, אום צו בעקעמפפען מיט געוועהר אין האנד די יאקאָבינער און סאנקיולאָטען. מען האט זיי א נאָמען געגעבען „די גאָלדענע יוגענד". זיי זיינען געווען געקליידעט זעהר שעהן און רייך. זייערע קליידער האָבען זיי גערופען „קאָסטיום „קאָפּטיום פון די אָפּפער פון דער גיליאָטינע". אנשטאָט די „מארסעליעזע" האָבען זיי געזונגען די נייע ליעד „דאס ערוואכען פון פאָלק", אין וועלכער מען האט בעקלאָגט די אָפּפער פון דער גיליאָטינע. זיי זיינען בעוואפענט געווען מיט שווערע שטעקענס, מיט פיסטאָלעטען און שפּיעזען און פלעגען בעפאַלען פערזאמלונגען פון יאקאָבינער און אָנמאַכען גרויסע רוהעשטערונגען. אזוי וויא די טערמידאָריסטען האָבען געקוקט צווישען די פינגער אויף די אונגעזעצליכע האנדלונגען פון דיזע יונגע און רייכע בויאַנעס, האָבען זיי אלץ מעהר אטאקירט די יאקאָבינער. פרעראָן פלעגט אויפמונטערן די „גאָלדענע יוגענד" צו אלץ גרע־סערע געוואלט־טהאַטען.

דיא רעאַקציאָן האט זיך פערשפּרייטעט זעהר שנעל און איז געוואַקסען מיט יעדען טאָג. דיא יעניגע, וועלכע זיינען רייך געוואָרען דורך ספּעקולאַציאָנען מיט דיא קאָנפיסצירטע מאַיאָנטקעס פון דיא פּריצים און גלחים, וואס דער קאָנווענט האט ניט אויפגעהערט צו פערקויפען, אום צו שאַפען געלט, וויא אויך דורך צושטעלען געוועהר און פּראָוויאַנט פאַר דיא אַרמעען,—דיזע ניי־אויפגעקומענע בורזשואזיע האט אָנגעפאַנגען צו לעבען אין גרויס לוקסוס און צו פיהרען דיא רע־דעל אין דער געזעלשאַפט. זיא איז געווען געגען דיא מאָנארכיע און האט געשטיצט דיא רעפּובליק, נאָר אוים פורכט, דאס דיא צוריקגע־קעהרטע אַריסטאָקראַטען זאָלען ניט צונעהמען ביי איהר דיא געקויפטע מאַיאָנטקעס. אָבער זיא האט געוועלט, אז דיא רעפּובליק זאָל נאָר איהר שטיצען און גאָר ניט זאָרגען פאַר דיא אַרבייטער. דיא אויפגע־קומענע גבירים זיינען דארום געווען דיא פייערדיגסטע געגנער פון דיא יאַקאָבינער, וועלכע האבען נאָך אַלץ געטרוימט וועגען גלייכהייט און האבען געזוכט אָנצוהאַלטען א דעמאָקראַטישע רעפּובליק. דיזע גבירים זיינען יעדענפאַלס געווען דיא הויפּט־פעסטונג פון דער רעאַקציאָן, וועלכע האט שנעל געפיהרט צו נאַפּאָלעאָן׳ס אימפּעריע.

דער צענטראַל־פּונקט פון דער נייער בורזשואזער געזעלשאַפט איז געוואָרען דער סאַלאָן פון דער שעהנער מאַדאַם פאָנטענעי, וועלכע איז געוואָרען טאַליען׳ס פרוי. אוים ליעבע צו איהר איז טאַליען געוואָרען א ביטערער געגנער פון ראָבעספּיער און אויך פון דיא יאַקאָבינער, וויא מיר האבען דאס שוין געזעהען. יעצט האט ער מיט איהר הילפע גע־פיהרט דיא רעדעל. אין איהר סאַלאָן פלעגען זיך צוזאַמענקומען רע־אַקציאָנערען, אינטריגאַנטען, עלעגאַנטע דאַמען און אויך קינסטלער און שריפטשטעלער, וועלכע זיא פלעגט זוכען צו בעקעהרען אויף דער זייט פון דיא טערמידאָריסטען. זיא איז אויך געוואָרען דיא קעניגין פון מאָדעס. דעם פריהערן סאַנקיולאָטען־קאָסטיום האבען נאַטירליך אַלע, אויסער דיא פערביסענע יאַקאָבינער, אַראָפּגעוואָרפען פון זיך באַלד נאָך דעם 9 טערמידאָר. מאַדאַם טאַליען האט איינגעפיהרט א מין אַלט גריכישען קאָסטיום, וועלכער האט קוים בעדעקט דעם קערפּער פון דיא דאַמען. מען האט דיזע קליידער א נאָמען געגעבען דיא „נאַ־

קעמע מאָדע". דיא הענט און דיא בריסט פון דיא דאַמען זיינען געוועזען גאַנץ נאַקעט. מען האָט אויך אָבגעשאַפט זאָקען און געטראָגען טופלען אויף נאַקעטע פיס, ווייל מאַדאַם טאַליען האָט געוועלט צייגען איהרע שעהנע פיס. דיא שטאָפען פון דיא דאַמען־קליידער זיינען אַלץ דורכזיכטיגער געוואָרען. מאַסען פרויען זיינען געשטאָרבען דורך ערקעלטונגען צוליעב דיזע נאַקעטע מאָדע, אָבער דיא קאָסטיומען זיינען פון דעסטוועגען אַלץ לייכטער געוואָרען... דיא אונפערשעהמטהייט פון דיא דאַמען איז אַזוי וויים געגאַנגען, דאַס דריי מיידלעך פון זעהר רייכע פאַמיליעס האָבען זיך איין אָבענד בעדעקט פון קאָפּ ביז דיא פיס נאָר מיט אַ דינעם שלייער. אָבער פאָלקס־פרויען זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען און האָבען פערטריבען דיא נאַקעטע מיידלען. דיא רייכע מענער זיינען געוועזען אויסגעפוצט אין קאָסטיומען, וועלכע זיינען געוועזען עהנליך צו דיא אַריסטאָקראַטישע אין דיא קעניגליכע הויפען.

אין אַלגעמיינען האָבען זיך דיא רעאַקציאָנערען און רייכע הערען און דאַמען אָפּגעגעבען צו אַלערליי פערגעניגען. שרעקליכע אויסגעלאַסענהייט האָט פערשטויסען דיא שטרענגע מדות, וועלכע ראָבעספּיער האָט געשטרעבט איינצופיהרען. דיא גאַסען פלעגען זיין פול מיט לוסטיגע קאָמפּאַניעס. מען האָט געשפּיעלט, געטאַנצט און געהולעט דיא יאַקאָבינער אויף צו להכעיס. מען האָט אויך געטאַנצט אין קירכען און אפילו אויף דיא בית עולם'ס, וואו מען האָט בעגראָבען דיא אָפּפער פון דער גיליאָטינע. מען האָט אָרגאַניזירט בעלער, אויף וועלכע נאָר פערוואַנדטע פון גיליאָטינירטע פלעגען ערשיינען אָדער אויף וועלכע מען פלעגט נאָכמאַכען דיא טואַלעטען פון דיא גיליאָטינירטע.

דיא יאַקאָבינער פלעגט מען אויסלאַכען און פערפאָלגען אויף יעדען טריט און שריט ניט נאָר אין פּאַריז, זאָנדערן אויך אין דיא פּראָווינצען. זיי זיינען יעצט געוואָרען דיא אָפּפער פון דער געזעלשאַפט.

דיא אַרבייטער האָבען אין דער צייט נאָך מעהר געהונגערט, דען איינער פון דיא ערשטע שריט פון דער רעאַקציאָן איז געוועזען דיא אָפּשאַפונג פון דעם מאַקסימום־פּרייז אויף שפּייז־זאַכען, וועלכע זיינען נאַטירליך באַלד טהייערער געוואָרען. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ

לעבעדיגע צייט פאר וואוכערערס, ספעקולאנטען, אויסקויפערס א. ז. וו., וועלכע האבען זיך בעהאלטען אין דער צייט פון טעראָר, אום צו רעטען זייערע קעפ פון דער גיליאָטינע. דער גרעסטער עלענד האט געהערשט דעם ווינטער נאך'ן 9 טערמידאָר אין דיא פאריזער פאָרשטעט. אויסער דעם וואָס אפילו ברויט האט געקאָסט זעהר טהייער, איז עס אויך געוועזען שווער צו קריגען. פרויען פון ארבייטער פלעגען מוזען אָפּשטיין גאנצע נאכט אין א לאנגע רייהע לעבען בעקערייען און פלייש־קראָמען, אום צו קריגען עפּעס פאר א טייערן פּרייז.

דיא קאָמונע, וועלכע איז יעצט פערכאפּט געוואָרן פון טערמידאָרי־סטען, האט זיך שוין ניט געקימערט, אז דאָס פאָלק זאל ווייניגסטענס האבען בילינע ברויט. נאר דיא ארבייטער זיינען שוין אזוי צוגעוואָהנט געוואָרן צו אלע צרות און זיי האבען אזוי וויט פערלאָרען זייער צוטרויען צו אלע פאָליטישע פּארטייען, אז זיי האבען אויך דיא נייע צרות געדולדיג איבערגעטראָגען.

דיא רעאקציאָנערען האבען זיך בענוצט מיט דיזע געדולד און גלייכגילטיגקייט פון דיא ארבייטער, אום אויך צו מאכען א סוף פון דיא שרעקיאָגענדע יאקאָבינער קלובען. אין דיזע קלובען האבען זיך פערבונדען אלע דיא יעניגע, וואס האבען געוועלט פיהרען דיא רעפּובליק אויף א דעמאָקראטישען וועג אדער וואס האבען געפירכטעט דאס מען וועט זיי פערפאָלגען פאר זייער אנטהייל אין דעם טעראָר. אין פיעלע ערטער האט מען שוין גענומען פערהאפטען דיא טעראָ־ריסטען, וועלכע זיינען בעצייטענס ניט אריבער אויף דער זייט פון דיא טערמידאָריסטען. פון אלע זייטען האט מען פערלאנגט, אז מען זאָל זיך אָפּרעכענען מיט דיא „בלוט־טרינקערס", וויא מען האט יעצט גערופען דיא טעראָריסטען.

אין קאָנווענט האבען דיא טערמידאָריסטען געהאט צו פיהרען א פייערדיגען קאמפף מיט דיא טריי־פערבליבענע יאקאָבינער און מאָנטאניארען. מען האט צוערשט אָפּגעשאפט דעם געזעץ פון 22 פּרעריאל און צוגעמאכט דעם רעוואָלוציאָנערען טריבונאל און בייז־לעבוויז איבערגעגעבען דיא גאנצע רעגירונגס־מאכט אין דיא הענט פון טערמידאָריסטען. דעם רעוואָלוציאָנערען טריבונאל האט מע

באלד ווידער איינגעפיהרט, אָבער דיא ריכטער זיינען שוין געוועזן טערמידאָריסטען, וואס זייער אויפגאבע אין געוועזן צו פערפאָלגען יאקאָבינער. דעם שרעקליכען פּראָקוראָר פוקיע־טינוויל האָט מען געשטעלט אונטער אנקלאגע פאר גרויזאמקייט און ארעסטירט. דיא קאָמיטעטען פון עפענטליכע רעטונג און פון אלגעמיינע זיכערהייט, דאס הייסט דיא רעגירונג און דיא פּאָליציי, האט מען רעאָרגאניזירט און זייער מאכט בעשרענקט, אז קיינער זאל ניט קענען ווערן א דיקטאטאָר. דיא פּלעצער פון ראָבעספּיער, סען־זשוסט, קוטהאָן און עטליכע אנדערע מיטגליעדער פון קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג זיינען באלד פערנומען געוואָרן פון זייערע הייסעסטע געגנער. ביליאָ־ווארען, קאָלאָ דהערבוא און באַרער, וועלכע האבען געוועלט פערהאלטען דיא רעאקציאָנערען, זיינען אנפאנגס פערבליבען אין קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג, נאר אזוי וויא דער קאָנווענט האט בעשלאָסען, אז יעדען מאָנאט זאל מען אויסוועהלען א פערטעל פון דעם קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג, האט מען ביי דער ערשטער בענייאונג פון דיזען קאָמיטעט ארויסגעשטופּט באַרער'ן און אפילו קארנאָ, וועלכער איז פערזענליך גאָר ניט שולדיג געוועזן אין דעם טעראָר, דען ער האט זיין גאנצע צייט אָפּגעגעבען צו אָרגאניזירען ארמעען, וויא מיר ווייסען עס שוין.

קאָלאָ דהערבוא און ביליאָ־ווארען האָבען זיך דאן אליין ענטזאגט, דען זיי האבען געזעהען, אז נעכסטען מאָנאט וועט מען זיי אראָפּזעצען. זיי זיינען יעצט געוואָרן דיא לייטענדע שטערן אין דעם יאקאָבינער קלוב. דיזע פייערדיגע רעוואָלוציאָנערען האבען געמיינט, אז זיי וועלען קענען איינפיהרען א דעמאָקראטישע רעפּובליק נאך דעם מוסטער פון דער קאָנסטיטוציאָן פון 1793, ווען אלע יאקאָבינער וועלען זיך פעסט האלטען און אָרגאניזירען. זיי האבען בעשלאָסען צו קעמפּפען מיט דעם קאָנוועגט, וועלכער איז יעצט אלמעכטיג געוואָרן. זיי האבען פייערדיג פּראָטעסטירט, וואָס מען האט אָנגעפאנגען צו פערפאָלגען דיא פריהערע טעראָריסטישע קאָמיסארען, אָבוואָהל אזעלכע טעראָריסטען וויא פרעראָן, טאליען, לעזשאנדר א. ז. וו. האבען אליין טייכען בלוט פערגאָסען אין דער שרעקענסצייט.

איין אבענד האט ביליאָ־ווארען אויסגעשריען אין יאקאָבינער

קלוב: „ווען דער לייב שלאָפט, מיינט מען, אז ער האט פערלאָרען זיין קראפט. אָבער זיין אויפכאפּפען־זיך וועט זיין פורכטבאר און ער וועט פערניכטען אלע זיינע פיינדע!" ווען מען האט איבערגעגעבען דיזע ווערטער אין קאָנווענט, האט דאָרט אויסגעבראָכען א שטורם געגען דיא יאקאָבינער, וועלכע מען האט דאן גערופען „ראָבעספּיער׳ס עק". דיא טערמידאָריסטען האבען בעשלאָסען אָפּצוהאקען דיזען עק, און פרעראָן האט אָנגערייצט זיין „גאָלדענע יוגענד". צוערשט האט דער קאָנווענט פערבאָטען דעם פּאריזער יאקאָבינער קלוב צו האבען פער־בינדונגען מיט זיינע אָבטהיילונגען אין אנדערע ערטער. נאכהער האט מען א לאָז געטאָן דיא „גאָלדענע יוגענד" צו בעפאלען דיא יאקאָבינער, אום ארויסצורופען וואס מעהר אונרוהען. גרופען פון דיא רייכע קווארטאלען האבען זיך צוזאמענגעשטויסען מיט ארבייטער און יא־קאָבינער פון דיא אָרימע קווארטאלען און האבען זיך געשלאָגען מיט שטעקענס און שטיינער. דיא „גאָלדענע יוגענד" איז ארומגעלאָפען איבער דיא גאסען שרייענדיג: „ניעדער מיט דיא טעראָריסטען, ניעדער מיט ראָבעספּיער׳ס עק!" דיא יאקאָבינער האבען געענטפערט מיט געשרייען: „עס לעבע דיא יאקאָבינער, ניעדער מיט דיא אריס־טאָקראטען!" מען האט זיך עטליכע טעג געשלאָגען ביז בלוט. ביידע זייטען פלעגען איבערגעבען זייערע געפאנגענע צו דיא אגענטען פון דעם קאָמיטעט פון אלגעמיינע זיכערהייט, וויא מען האט דאן גערור־פען דיא פּאָליציי. מען בעהויפּטעט אז דיא מיטגליעדער פון דיזען קאָמיטעט, וועלכע זיינען אלע געווען טערמידאָריסטען, פלעגען שטי־לערהייט ארויסלאָזען זייערע געפאנגענע אנהענגער און האלטען פער־שפּארט דיא געפאנגענע יאקאָבינער, אום זייער קראפט אָפּצושוואכען.

דעם 19 ברומער (9 נאָוועמבער 1794) האט דיא „גאָלדענע יוגענד" אטאקירט דעם יאקאָבינער קלוב זעלבסט. זיי האבען זיך צוזאמענגעקליבען פון אלע זייטען, האָבען פעריאָגט דיא גרופען, וואָס זיינען געקומען צו לויפען בעשיצען דעם קלוב, און האבען גענומען ווארפען שטיינער אין זיצונגס־זאל, וואו עס איז גראדע געווען א פערזאמלונג. דיא פרויען, וועלכע האבען זיך דאָרט געפונען, זיינען אויף דיא גרעבסטע און שענדליכסטע ארט בעהאנדעלט געוואָרן, ווען זיי האבען

געוועלט ארויסגיין. דיא רעאקציאָנערען האבען גערופען דיזע פרויען: „גי־ליאָטינע־מכשפות" און האבען פיעלע פון זיי געפּאטשט, אויסגעטאָן נאַקעט און געשמיסען. דיא יאקאָבינער זיינען דאן ארויסגעלאָפען מיט שטעקענס אונטער א האָגעל שטיינער און האבען זיך א לאָז געטאָן אויף זייערע אָנגרייפער. דער געשלעג איז געווען א ווילדער. ווען דיא שלעגערס וואָלטען געווען בעוואפענט מיט רעוואָלווערען און שפּיעזען, וואָלטען פערגאָסען געוואָרן טייכען בלוט. פיעלע זיינען אַזוי אויך פערוואונדעט געוואָרן. ענדליך זיינען אָנגעקומען פּאָליציי־אגענטען און האבען אָפּגעטהיילט דיא שלעגערס. א סך געפאנגענע האבען זיי אוועקגעשלעפּט אין קאָמיטעט פון אלגעמיינע זיכערהייט, וואו מען האט ווידער דיא טערמידאָריסטען ארויסגעלאָזען און דיא יאקאָ־בינער פערהאַלטען. אין דער זעלבער צייט האט דער קאָמיטעט גע־הייסען צושליסען דעם יאקאָבינער קלוב און ארויפלייגען זיעגלען מיט דער אויסריידע, אז מען דארף פערמיידען ווייטערע אונרוהען.

דיזער בעריהמטער קלוב איז שוין מעהר ניט געעפענט געוואָרן. דיא רעאקציאָנערען זיינען געווען אויסער זיך פון פריידע מיט דער נידערלאגע פון דיא יאקאָבינער. אייניגע רייכע גאסען זיינען אילומינירט געוואָרן. דיא רעאקציאָנערע מאַיאָריטעט האט זיך אָנגעכאַפּט אָן דיא געלעגענהייט צו אונטערדריקען דיא געפירכטעטע יאקאָבינער און האט גוטגעהייסען דעם בעפעהל פון קאָמיטעט פין אלגעמיינע זיכערהייט אונטער געשרייען: „עס לעבע דיא רעפּובליק!"

דיא רעפּובליק איז שוין אייגענטליך געווען א פערלאָרענע, דער נאָמען בלויז האט נאך געבליבען. אַזוי וויא דיא ארבייטער האבען ניט אונטערשטיצט דיא יאקאָבינער הויפּטזעכליך דעריבער, ווייל דיא יאקאָבינער האָבען געהאָלפען ראָבעספיער'ן אומצוברייגגען דיא העבער־טיסטען און דאנטאָניסטען, האבען דיא טערמידאָריסטען אלץ מעהר מוטה געקראָגען צו פערפאָלגען זייערע געגנער. אויסער דעם האט מען זיך ארומגעזעהען, אז דיא צאָהל פון דיא יאקאָבינער, וועלכע האָבען ארויפגעיאָגט א שרעק אויף גאנץ אייראָפּא, איז אין דער ווירקליכקייט געווען גאנץ קליין. זייער גוואלדיגע רעוואָלוציאָנערע

ענערגיע האט זיי געמאכט אזוי מעכטיג זאָ לאנג זיי האבען זיך געהאלטען צוזאמען.

דיא הייסעסטע פון דיא פערבליבענע יאקאָבינער האבען זיך דאן בעזעצט אין דיא ארבייטער קווארטאלען, אום ארויסצורופען אן אויפ־שטאנד, וואס עס איז זיי געלונגען אין עטליכע מאָנאט ארום. דערווייל האבען זיך דיא טערמידאָריסטען בענוצט מיט זייער זיעג, אום צו פער־שטארקען זייער מאיאָריטעט דורך דיא צולאָזונג פון דיא 73 דעפוטאַ־טען, וועלכע זיינען אויסגעשלאָסען און פערהאפטעט געוואָרן פאר זייער פראָטעסט געגען דיא אויסשליסונג פון דיא זשיראָנדיסטען. ראָבעספיער און דיא אַנדערע טעראָריסטען האבען דיא גאנצע צייט צו רוהע געלאָזען דיזע קאָנוועגט־מיטגליעדער אין געפענגנים פון פאָרט־ראָיאל. נאך דעם 9־טען טערמידאָר האבען דיא רעאקציאָנערען אלץ העכער פערלאַנגט מען זאָל זיי ארויסלאָזען און זיי געבען זייערע פלעצער אין קאָנווענט. דיא טערמידאָריסטען האבען אָבער נאָך אלץ מורא געהאט פאר דיא יאקאָבינער און דיא פערבליבענע מאָנטאניארען אין קאָנווענט, וועלכע האבען נאטירליך העפטיג פראָטעסטירט געגען דעם פאָרשלאָג פון דיא רעאקציאָנערען. אָבער נאך דער צושליסונג פון יאקאָבינער קלוב האבען דיא מאָנטאניארען געמוזט צוקוקען, קריצענדיג מיט דיא ציין, וויא מען האט מיט טריומף אריינגעפיהרט דיא 73 אויסגעשלאָ־סענע מיטגליעדער.

ווען דיא רעאקציאָנערע מאיאָריטעט איז אזוי פערשטארקט גע־וואָרען, האט מען אויך פאָרגעשלאָגען אויפצונעהמען דיא יעניגע פון דיא פערפאָלגטע זשיראָנדיסטען, וועלכע עס איז געלונגען זיך צו רעטען פון דיא יאקאָבינער׳ס הענט. נאָר עטליכע פון דיא טערמידאָריסטען האבען זיך שוין אליין דערשראָקען, וואס דיא רעאקציאָן געהט אזוי שנעל פאָראויס: זיי האבען אליין פערפאָלגט דיא זשיראָנדיסטען און האבען ניט געוועלט זעהען זייערע אָפּפער אין קאָנווענט. דיא מאָנטאניארען האבען נאטירליך פייערדיג פראָטעסטירט געגען דיא צולאָזונג פון דיא לעבעדיג געבליבענע זשיראָנדיסטען. דארום האט דער קאָנווענט דער־ווייל בעשלאָסען זיי צו בעגנאדיגען, אָבער נאָך ניט צו אנערקענען פאר מיטגליעדער.

אין דער זעלבער צייט האט מען אויך פון אלע זייטען גענומען פערלאנגען דיא קעפּ פון דיא בעוואוסטע טעראָריסטען. זייער כעס האבען דיא טערמידאָריסטען בעזאָנדערס אויסגעלאָזען צו דעם פּראָקוראָר פוקיע־טינוויל און צו דיא קאנווענטס־קאָמיסארען לעבאָן און קאריער, וועמעס גרויזאמקייטען זיינען שוין געשילדערט געווען אין א פּאָריגען קאפּיטעל. מען האט זיי ארעסטירט און איבערגעגעבען צום נייען רעוואָלוציאָנערען טריבונאל, אָבוואָהל זיי האבען נאָר פּינקטליך אויסגעפיהרט דיא בעפעהלען פון קאָנווענט און פון קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג. לעבאָן האט אָנפאנגס געהאנדעלט זעהר מילד מיט דיא מאָנארכיסטען, אָבער דאס איז ניט געפעלען געוואָרען דעם קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג, וועלכער האט איהם בעפוילען ארויפּצוואָגען שרעק. דאן האט ער גענומען האקען קעפּ וויא א ווילדער, פּירכטענדיג הפּנים פאר זיין אייגענע קאָפּ. פרעראָן, מערלען, טאליען און אנדערע טעראָריסטען, וועלכע זיינען יעצט געוואָרן דיא פיהרערס פון דיא טערמידאָריסטען, האבען אונטערשטיצט דעם פערלאנג הינצוריכטען זייערע חברים, וועלכע זיינען געבליבען טרייע יאקאָבינער. דארום האט מען נאָך א קורצען פּראָצעס צוערשט הינגעריכטעט דיא בלוטיגע קאָמיסארען לעבאָן און קאריער און מיט עטליכע מאָנאט שפּעטער דעם פּראָקוראָר פוקיע־טינוויל (דעם 7 מאי 1795). דיא מאָנטאניארען האבען זיך בעזאָנדערס אָנגעשטרענגט צו רעטען זייער פּראָקוראָר, וועלכער איז ווירקליך נאָר געווען אן אינסטרומענט פון קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג, אָבער עס איז זיי נאָר געלונגען צו פערציהען זיין פּראָצעס. צוזאמען מיט פוקיע־טינוויל זיינען גיליאָטינירט געוואָרן 12 ריכטער און געשוואָרענע פון דעם יאקאָבינער רעוואָלוציאָנערען טריבונאל.

דיא רעאקציאָנערען האבען אפילו ניט געשאנעוועט זייערע טויטע געגנער. זייער צאָרן האבען זיי בעזאָנדערס אויסגעלאָזען צו מאַראט'ן. דיא „גאָלדענע יוגענד“ האט אָנפאנגס צובראָכען זיינע ביוסטען און צוריסען זיינע בילדער. נאכהער האט מען ארויסגעשלעפּט זיין קערפּער פון פּאנטעאָן און אריינגעוואָרפען אין א רינשטאָק. מען האט אויך פערניכטעט דעם פּראכטפאָלען בילד פון דעם גרויסען יאקאָבינער

קינסטלער דאוויד, וועלכער האט פאַרגעשטעלט וויא מאראט איז דערשטאָכען געוואָרן פון שארלאָטע קאָרדע.

אין מערץ 1795 האבען דיא רעאקציאָנערען זיך אויך גענומען צו קאָלאָ דהערבוא, ביליאָ־ווארען, בארער און וואדיע, וועלכע זיינען זיי געשטאנען וויא א דאָרן אין אויג. מען האט פערלאנגט זיי צו פערקלאָגען און צו ארעסטירען. אין דער זעלבער צייט האט מען געפאָדערט דיא צולאָזונג פון דיא בעפרייטע זשיראָנדיסטען, וועלכע האבען יעצט פערלאנגט זייער רעכט אלס מיטגליעדער פון קאָנווענט. אייניגע טערמיראָריסטען האבען ווידער געשטיצט דיא מאָנטאניארען: וועלכע האבען פראָטעסטירט געגען דיא צולאָזונג פון דיא זשיראָנדיסטען און געסטראשעט מיט אַן אויפשטאנד, אבער דיזעס מאל איז שוין דיא רעאקציאָנערע מאיאָריטעט געוועזן געגוג שטארק, און לאנזשואינע, איסנאר, לואווע, לאריוויער און עטליכע אנדערע זשיראָנדיסטען זיינען ערקלערט געוואָרן פאר מיטגליעדער פון קאָנווענט. דיזע פערפאָלגטע זיינען אריין מיט א פייערדיגען האס געגען דיא יאַקאָבינער און מאָנטאניארען און האבען מיט אלע זייערע קרעפטען געהאָלפען צו אונטערדריקען „ראָבעספיער׳ס עק״. וויא נאָר מען האט זיי צוגעלאָזען, האט דער קאָנווענט בעשלאָסען צו פערהאפטען קאָלאָ דהערבוא, ביליאָ־ווארען, בארער און וואדיע, וועלכע זיינען געוואָרן דיא פיהרער פון דיא יאקאָבינער און איבערהויפט פון דיא רעוואָלוציאָנערען.

צוויי טער קאפיטעל.

דיא אויפשטאנדען פון יאַקאָבינער און ארבייטער.

דיא פערהאפטונג פון דיא געוועזענע מיטגליעדער פון קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג האט אויפגערעגט דיא יאקאָבינער ביז צום העכסטען גראד. זיי האבען דאַן בעשלאָסען צו מאכען אַן אויפשטאנד, אום צו צווינגען דעם קאָנווענט אָנצונעהמען דיא קאָנסטיטוציאָן פון 1793 און אום צו פערבאפען דיא מאכט אין זייערע הענט. צו דיזען

צוועק האבען זיי זיך בענוצט מיט דער הונגערנויט פון דיא ארביי־טער אין דיא פארשטעט. באלד נאך דער צושליסונג פון זייער קלוב האבען זיי זיך צושפרייט צווישען דיא ארבייטער און האבען דארט אגיטירט געגען דיא טערמידאריסטען און דיא אויפגעקומענע בורזשואזיע.

דער ווינטער איז גראדע געווען אן אויסערגעוועהנליך קאלטער. צו דיא הונגערליידען זיינען נאך צוגעקומען דיא ליידען דורך דיא ביטערע פרעסט. דיא אסיגנאציעס זיינען נאך דעם 9 טערמידאר אלץ געפאַ־לען אין קורס. דיא נייע שטאטספערוואלטער האבען זיך גאר ניט גע־קימערט וועגען דיא לאגע פון דיא ארבייטער, וויא דאס איז שוין אין א פאריגען קאפיטעל בעמערקט געווארען. זיי האבען אפילו ניט אויפגע־פאסט, אז עס זאל זיין גענוג ברויט, פלייש, האלץ א. ז. וו. פאר דיא יעניגע, וואס האבען געהאט מיט וואס צו קויפען. דער יקרות איז געווען א שרעקליכער אי דורך מאנגעל אין שפייזווארג, אי דורך דיא טהייערקייט פון געלט. עס איז דארום ווירקליך געווען א וואונדער, וואס דיא ארבייטער האבען דעם גאנצען ווינטער געליטען און געשוויגען.

נאר אין פריהלינג פון 1795 האבען דיא ארבייטער אנגעפאנגען צו לאזען הערען פון זיך אונטער דעם איינפלוס פון דיא יאקאבינער, וועלבע האבען זיי איינגערעדט, אז זייער הילפע ליעגט אין דער קאנ־סטיטוציאן פון 1793. ווען דער קאנווענט האט געהייסען ארעסטירען קאלא דהערבוא, ביליא־ווארען, בארער און וואדיע, האבען דיא יאקא־בינער אויך אנגעטריבען דיא ארבייטער צו פערלאנגען זייער בעפרייאונג. דער קאנווענט האט פרובירט איינשטילען דיא שטייגענדע אויפרעגונג אין דיא פאריזער פארשטעט, וועלבע זיינען געבליבען רוהיג און נידער־שלאגען זייט דעם 9 טערמידאר. ער האט אין מערץ בעשלאסען, אז יעדער איינוואהנער זאל קריעגען וויינינגסטענס פון 1 ביז 1½ פונט ברויט א טאג. נאר דאס איז ניט געווען גענוג, און דעם 17 מערץ איז אנ־געקומען אין קאנווענט א דעפוטאציאן פון דיא פארשטעט פון סענט־אנטואן און סענט־מארסא און האבען זיך בעקלאגט אויף דעם מאנגעל אין ברויט. זיי האבען אויך ערקלערט, אז „ארבייטער הייבען אן צו בעדויערן, וואס זיי האבען אזוי פיעל אפפער געבראכט פאר דער

רעוואָלוציאָן, דורך וועלכע זיי ליידען הונגער". דער פּאָרזיצענדער האט זיי געענטפערט, אז מען גיט זיי גענוג ברויט און האט זיי געהייסען ארויסגעהן. אָבער דיא ארבייטער האבען מיט צאָרן געשריען „ברויט, ברויט!" און דיא מאסע, וועלכע האט זיך צוזאמענגעקליבען ארום קאָנווענט האט געוועלט אריינרייסען זיך אין זיצונגס־זאל. באלד זיינען אָבער אָנגעקומען דיא בעוואפענטע סעקציאָנען פון דיא רייכע קוואר־טאלען און האבען פעריאָגט דיא אונצופריעדענע ארבייטער.

דעם 20 מערץ האבען זיך דיא פּאָרשטעט וויעדער אויפגעהויבען. א מאסע ארבייטער זיינען אוועק צום קאָנווענט מיט געשרייען „ברויט און דיא קאָנסטיטוציאָן פון 1793!" לעבען דעם טיולערי־גאָרטען האָ־בען זיך דיא ארבייטער צוזאמענגעטראָפען מיט א טהייל פון דער „גאָל־דענער יוגענד", וועלכע זיינען געקומען פערטהיידיגען דעם קאָנווענט. עס האט זיך אָנגעפאנגען א געשלעג, ביי וועלכען עטליכע „גאָלדענע" יונגע לייט זיינען אריינגעשליידערט געוואָרען פון דיא ארבייטער אין טייך. אין דער זעלבער צייט האט מען אין קאָנווענט געפיהרט היציגע דעבאטען וועגען דיא קאָנסטיטוציאָן פון 1793. דיא מאָנטאניארען האָבען אונ־טערשטיצט דיא פּעטיציאָן פון דיא פּאָרשטעט און יאקאָבינער, דיא אנדערע פּארטייען זיינען העפטיג ארויס געגען. ענדליך האט מען בע־שלאָסען אָפּצולייגען דיא איינפיהרונג פון דיזער דעמאָקראטישער קאָנ־סטיטוציאָן ביז מען וועט בעשטימען דיא אלגעמיינע געזעץ פון לאנד. דאס איז נאָר געווען אן אויסרייד צו בערוהיגען דיא ארבייטער־מאסען. דער קאָנווענט האט זיך אָבער אויך געקענט בעגיין אָהן דיזען אויסרייד, דען דיא סעקציאָנען פון דער בורזשואזיע און דיא „גאָלדענע יוגענד" האבען וויעדער פעריאָגט דיא פאָלקס־מאסען.

דיזעס מאָל האט שוין דער קאָנווענט בעשלאָסען שטרענג צו פערפאָלגען דיא אונצופריעדענע ארבייטער, ווען זיי וועלען וויעדער אויפהויבען דעם קאָפּ. דער גלח סיעס, וועלכער איז געוואָרן א פיהרער פון דער רעאקציאָן, האט דורכגעפיהרט זיין פּאָרשלאג וועגען דיא פערגרעסערונג פון דער פּאָליציי־מאכט. נאָר דיא ארבייטער האבען זיך ניט דערשראָקען און זיך געקליבען צו א גרעסערע אטאקע. איינינע מאָנטאניארען, בעזאָנדערס דער יונגער דעפּוטאט גוזשאָן, האבען אויפ־

געמונטערט דיא ארבייטער און זייערע פרויען צו פערלאנגען ברויט פון קאָנוועט. אזוי וויא אין דער צייט האט זיך אָנגעפאנגען דער פּראָצעס פון קאָלאָ דהערבוא, ביליאָ־וואַרען, בארער און וואדיע, האבען דיא יאקאָבינער נאָך מעהר אויפגעהעצט דיא פּאָרשטעט צו אַן אויפשטאנד. דעם 12 זשערמינאל (1 אפריל 1795) האט זיך דארום א גרויסע מאַסע פון דיא פּאָרשטעט א לאָז געטאָן צום קאָנוועט און האט זיך אריינגעריסען אין זיצונגס־זאל מיט געשרייען: „ברויט און דיא קאָנסטיטוציאָן פון 1793!" דיא מאָנטאניארען האבען אויפגענומען דיא ארבייטער מיט אפּלאָדיסמענטען, אָבער דיא אנדערע מיטגליעדער האבען געשוויגען, קוים איינהאלטענדיג זייער צאָרן. דיא ארבייטער האבען זיך צושפּרייט איבער'ן גאַנצען זאל און פערנומען פּלעצער לעבען דיא דעפּוטאטען. דיא געשרייען זיינען געווען גוואלדיגע. דער פּאָרזיצענדער האט פערשפּראָכען, אז דער קאָנוועט וועט בעטראכטען דיא פערלאנגען פון פּאריזער פאָלק, ווען מען וועט קענען רוהיג פערהאנדלען; אבער דיא ארבייטער האבען דערפון ניט געוועלט הערען און האבען געשריען: „ניין, בעשליסט אויף'ן שטעל, מיר וועלען ניט ארויסגיין פון דאנען; דאס פאלק איז דא ביי זיך." דיא מאָנטאניארען, וועלכע האבען איינגעזעהען, אז דיא מאיאָריטעט פון קאָנוועט איז אויפגעבראכט, האבען אליין גענומען איינריידען דיא מאסע זיך פאנאנדערצוגיין, אום דער קאָנוועט זאל קענען אָנפאנגען זיין זיצונג. א סך ארבייטער האבען דאן געפּאָלגט. אין דיזער צייט זיינען זיך צוזאמענגעקומען באטאליאָנען פון דיא סעקציאָנען פון רייכע קווארטאלען, אום צו בעשיצען דעם קאָנוועט. זיי האבען פאנאנדערגעיאָגט דיא ארבייטער, וועלכע זיינען נאָך פערבליבען.

ווען דיא מאיאָריטעט האט זיך געפיהלט זיכער אונטער דעם שוץ פון דיא סעקציאָנען, האט זיא געוועלט בעשטראָפען איהרע געגנער. „עס איז צייט, האט דער פּאָרזיצענדער אנדרע דיומאָן אויסגערופען, צו בעשטראָפען דיא פערברעכערישע רוהעשטערער. מען האָט היינט געוועלט בעפרייען דיא ביליאָס, דיא קאָלאָס, דיא באַרערס. נון, לאָמיר זיי בעשטראָפען! איך שלאָג אייך ניט פאָר זיי

צו שיקען אויפ'ן עשאפאט, דען דיא צייט פון ערמאָרדונגען איז פאָריבער, נאָר ארויסצושיקען זיי פון אונזער לאנד, וואס זיי בעשמוצען און רודערן אויף מיט בונטען. לאמיר זיי פעראורטהיילען צו פערשי־קונג דיזע נאכט!"

דיזער פאָרשלאג איז באלד אָנגענומען געוואָרן מיט פריידע־געשרייען פון אלע רעאקציאָנערען און טערמידאָריסטען. ביליאָ־ווארען, קאָלאָ דהערבוא, בארער און וואדיע זיינען פעראורטהיילט געוואָרן צו פערשיקונג נאך דער אונגעזונטער פראנצויזישער קאָלאָניע גוויאנא (זיד־אמעריקא). אין דער זעלבער צייט האט דער קאָנווענט בע־שלאָסען צו ארעסטירען זיבען אנדערע דעפוטאטען, וועלכע האבען אנטהייל גענומען אין דעם אויפשטאנד פון דיא פאָרשטעדט. קאָלאָ דהערבוא און ביליאָ־ווארען זיינען באלד פערשיקט געוואָרן נאך גוויאנא, וואו דער ערשטער איז אין א יאָהר ארום געשטאָרבען פון געלען פיעבער. ביליאָ־ווארען האט געענדיגט זיינע יאָהרען אויף דעם אינזעל האאיטי, דען ער האט זיך מיט שטאָלץ ענטזאגט פון דער אמניסטיע, וואס נאפּאָלעאָן האט איהם שפּעטער פאָרגעשלאָגען. בארער און וואדיע זיינען פערבליבען אין פראנקרייך.

גענעראל פּישעגרו האט זיך גראדע געפונען אין פאריז, און דער קאָנווענט האָט איהם איבערגעגעבען דיא קאָמאנדע איבער דיא באטאליאָנען. דיא זיצונג האט געדויערט ביז 6 אוהר מאָרגענס, און דיא גאנצע נאכט האט עס געקאָכט אין פאריז. עטליכע שטונ־דען שפּעטער האבען זיך צוזאמענגעקליבען פיעלע יאקאָבינער און ארבייטער, אום מיט געוואלט צו בעפרייען דיא ארעסטירטע מאָנ־טאניארען, וועלכע מען האט ארויסגעפיהרט אין 2 קארעטען אויפ'ן וועג נאך דעם מיליטערישען פאָרט ברעסט. פּישעגרו האט זיי אבער לייכט פאנאנדערגעיאָגט מיט דער הילפע פון א פּאָר באטאליאָנען און פון דער „גאָלדענער יוגענד". אזוי וויא אין דיא פּראָווינצען האבען דיא יאקאָבינער, וועלכע דיא רעאקציאָנערען האבען איבעראל אָנגעפאנגען ביטער צו פערפאָלגען, אויך פּרובירט מאכען אויפשטאנ־דען, האט דער קאָנווענט בעשלאָסען צו ענטוואפנען אלע דיא יעניגע, וועלכע זיינען בעוואוסט געווען אלס אנהענגער פון טעראָר און פון

דיא יאַקאָבינער. אויף דעם פאָרשלאג פון טאַליען האט מען אויף דער זעלבער זיצונג פון קאָנווענט אַרעסטירט נאך 8 מאָנטאַניארען.

דער אויפשטאַנד פון 12 זשערמינאַל, וועלכער איז שוין געווען אַ קאַריקאַטורע אויף דיא פריהערע רעוואָלוציאָנערע טעג, האט זיך אַלזאָ געענדיגט מיט אַ נייער אָפּשוואַכונג פון דיא יאַקאָבינער און מאָנטאַניארען. זיי האבען אבער נאך אַלץ ניט אויפגעגעבען דעם קאַמפּף מיט דיא טערמידאָריסטען און האבען געהאָפט, אַז מיט דער הילפע פון ארבייטער־פאָלק וועלען זיי דאָך קענען פערכאַפּען דיא מאַכט. זיי האבען דארום ניט אויפגעהערט צו אַגיטירען אין דיא פאָרשטעט פאַר אַ וואהרע דעמאָקראַטיע, פאַר דיא דורכפיהרונג פון דיא רעוואָלוציאָנערע אידעאַלען וועגען גלייכהייט. דיא ארבייטער וואָלטען וואהרשיינליך געבליבען אַזוי גלייכגילטיג צו דיא צורופען פון דיא יאַקאָבינער אַזוי וויא שפּעטער אונטער דער הערשאַפט פון דיא דירעקטאָרען, קאָנסולען און פון נאַפּאָלעאָן, ווען דער קאָנווענט און דיא קאָמונע וואָלטען זיי פערזאָרגט מיט ברויט. דער הונגער איז צו דער צייט געווען דער בעסטער אַגיטאַטאָר און העלפער פון דיא איבערגעבליבענע יאַקאָבינער. צום אָנפאַנג פון מאָנאַט מאי האט מען שוין אָנגעהויבען צו געבען בלויז אַ האלב פונט ברויט פער קאָפּ אַנשטאָט אַ פונט, וועלכער איז אויך ניט גענוג געווען. דאס האט געטריבען דיא פאָרשטעט אין דיא הענד פון דיא מאָנטאַניארען, וועלכע האבען געפּלאַנעוועט אַ נייעם אויפשטאַנד. דיא קאָנווענטס־מיטגליעדער ראָם, גודשאָן און בורבאָט זיינען געווען דאן דיא הויפּט־פיהרער.

דיא ארבייטער פון דיא פאָרשטעט האבען נאך געהאט זייער געוועהר, און דיא יאַקאָבינער האבען ניט אויפגעהערט זיי אויפצור־מונטערן צו מאַכען געברויך דערפון, אום ניט נאר צו רעטען זיך פון הונגער, זאָנדערן צו רעטען דיא רעפּובליק פון דער שטייגענדער רעאַקציאָן.

דער רעזולטאַט דערפון איז געווען דער גרויסער אויפשטאַנד פון 1 פּרעריאַל (20 מאי 1795), וועלכער איז אויך געווען דער לעצטער פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן. דעם 17 מאי האט זיך

אַנגעפאַנגען אַ פיעבערהאַפטע אויפרעגונג אין דיא ארבייטער־קוואר־טאַלען. אבענדס איז ערשיענען אין קאָנווענט אַ גרויסע דעפּוטאַציאָן פון יאַקאָבינער מיט אַ פּעטיציאָן, אין וועלכער עס זיינען אויסגערע־כענט געוועזען עלף פאָרדערונגען, וויא דיא איינפיהרונג פון דער קאָנ־סטיטוציאָן פון 1793, דיא בעשטימונג פון מאַקסימום־פּרייזען אויף שפּייזוואַרג, דיא צוריקרופונג פון דיא פערשיקטע מאָנטאַניארען, דיא אויסשטויסונג פון דיא זשיראָנדיסטען און פון דיא 73 פּראָטעס־טאַנטען אויס דעם קאָנווענט, דיא פריילאָזונג פון אַלע ארעסטירטע יאַקאָבינער א. ז. וו. זייער הויפּט־געשריי איז אַלץ געווען: „ברויט און דיא קאָנסטיטוציאָן פון 1793״.

דעם 20 מאַי גאַנץ פריה האט שוין דער שטורמגלאָק געוועקט דיא הונגערנדע מאַסען זיך צו בעוואַפנען און צו מאַרשירען צום קאָנווענט. מען האט אויך אויסגעשאָסען דיא שטורמקאַנאָנע. דיא מאַיאָריטעט פון קאָנווענט האט צוזאַמענגערופען דיא סעקציאָנען צו הילפע, אבער זיי זיינען ניט געקומען אין דער ריכטיגער צייט צו פעריאָגען דיא מאַסען. מען האט זיך אין אַלגעמיינען ניט גערירכט, אז דיא יאַקאָבינער זאָלען מיטשלעפּען אַזעלכע גרויסע מאַסען, וויא עס האבען זיך אַ שאָט געטאָן פון דיא פאָרשטעט. ארום 10 אוהר מאָרגענס האבען זיך בעוויזען דיא ערשטע רייהען אין דעם טיולערי־גאָרטען. דער קאָנווענט איז באלד פערפּרלייצט געוואָרן פון אַ מענגע, וועלכער איז אַלץ גרעסער און פייערדיגער געוואָרן. דיא גאַלערעען זיינען בעזעצט געוואָרן פון רעוואָלוציאָנערע פרויען, וועלכע דיא טערמידאָריסטען האבען צום שפּאַס אַ נאָמען געגעבען „ראָבעספּיער׳ס אַלמנות״. דיא מאַסע האט זיך געריסען אין זיצונגס־זאַל פון קאָנווענט, נאָר דיא זשאַנדאַרמען מיט אַ טהייל פון דיא סעקציאָנען האבען פערשטויסען דיא ערשטע אָנגרייפער. דיא ארבייטער האבען אבער באלד פעריאָגט דיא צוזאַמענגעלאָפענע פערטהיידיגער פון קאָנווענט, האבען צובראָכען אַלע טירען און זיינען אריין אין זאַל מיט געשרייען: „ברויט און דיא קאָנסטיטוציאָן פון 1793!״ וועהרענד דיא דעפּוטאַ־טען האבען געשריען: „עס לעבע דיא רעפּובליק!״ דיא קאָנווענטס־פערטהיידיגער האבען זיך געוועהרט אפילו אין זאַל געגען דיא מאַסע

אַנגרייפער. מען האט געפּאַכטען מיט שווערטען און אויך געשאָסען. איין אָפיציר פון דיא סעקציאָנען איז געטויטעט געוואָרן, א סך זיינען פערוואונדעט געוואָרן.

ווען דיא אָנגרייפער האבען ענדליך פערנומען דעם זיצונגס-זאל און דעם גאַנצען פּאַלאַץ און האבען זיך א לאָז געטאָן צום פּאָרזי־צענדען בואסי דאַנגלאַ, אז ער זאל זאָפאָרט הייסען אָפּשטימען דיא פּאָרדערונגען פון דיא יאַקאָבינער, האבען זיך עטליכע דעפּוטאַטען געוועלט דורכרייסען דורך דיא מענגע, אום איהם צו בעשיצען. איינער פון זיי, א געוויסע פערא, איז דערביי פערוואונדעט געוואָרן און צוטראָטען געוואָרן אונטער דיא פיס. מען האט איהם אָנגענו־מען פאר דעם טערמידאָריסט פרעראָן, דעם אָרגאַניזאַטאָר פון דער „גאָלדענער יוגענד“, וועלכער איז דאן זעהר פערהאַסט געוועזן פון דיא יאַקאָבינער. איינער פון דער מענגע, א גרויזאַמער מענש, האט אָפּגעהאַקט פערא׳ס קאָפּ און ארויפגעשטעקט אויף א פּיקע. דיזע פּיקע מיט׳ן קאָפּ האט מען נאכהער צוגעטראָגען צום פּאָרזיצענדען בואסי דאַנגלאַ, וועלכער איז געשטאַנען ארומגערינגעלט פון בעוואַ־פענטע רעוואָלוציאָנערען און האט אלץ ניט געוועלט נאכגעבען זייערע פּאָרדערונגען. ער האט זיך פערנייגט פאר דעם קאָפּ פון ערמאָר־דעטען דעפּוטאַט און איז געבליבען פעסט אויף זיין אָרט איבער 5 שטונדען, וועהרענד ארום האט עס געקאָכט וויא אין א קעסעל. מאַסען מענשען האבען זיך געצויגען אריין און ארויס, און דער גע־טומעל איז געווען א פירכטערליכער. עטליכע דעפּוטאַטען האבען זיך ענדליך דורכגעבראָכען א וועג צום פּאָרזיצענדען, האבען איהם ארויפגעזעצט אויף א שטול און אוועקגעטראָגען.

ארום 7 אוהר אבענדס, ווען דיא מאָנטאַניאַרען האבען אביסעל בערוהיגט דיא מאַסען, וועלכע האבען אלע צוזאַמען געשריען און געליאַרמט, האט איינער פּאָרגעשלאָגען, אז מען זאל מיט געוואַלט צוזאַמענשלעפּען אין מיטען זאַל דיא צולאָפּענע און דערשראָקענע דעפּוטאַטען און זיי צווינגען אָפּצושטימען דיא פּאָרדערונגען פון דיא יאַקאָבינער. דיזער פּאָרשלאַג איז גלייך אָנגענומען געוואָרן. מען האט פעריאָגט דיא דעפּוטאַטען פון זייערע פּלעצער, מען האט זיי

אראָפּגעשלעפּט פון דיא אויבערשטע ביינק, וואו זיי האבען געזוכט זיך צו רעטען פון זייערע אָנגרייפער, מען האט זיי אויסגעשטעלט אין מיטען זאל און ארומגערינגעלט מיט בעוואפענטע ארבייטער. זיי זיינען געשטאַנען וויא א סטאַדע שעפּסען. דיא פיהרערס פון דיזען אויפשטאַנד האבען דאן געמאכט פאָרשלעגע, וועלכע דיא צוזאמענ־געטריבענע דעפּוטאַטען האבען געמוזט אָפּשטימען אויפהייבענדיג זייערע הוטען אלס א צייכען פון זייער צושטימונג. מען האט אזוי אָפּגעשטימט אלע פּונקטען פון דיא יאַקאָבינער פאָרדערונגען אונטער דיא פריידע־געשרייען פון דיא מאַסען. מען האט ניט געצעיילט דיא שטימען פון דיא דעפּוטאַטען, נאר דיא מענשען וואס זיינען געווען אויסגעשטעלט ארום זיי מיט פּיקעס, האבען יעדעס מאָל אויסגעשריען: „אָנגענומען“.

דער מאָנטאַניאר סובראַני איז ערקלערט געוואָרען פאר דעם קאָמאַנדיר פון דער פּאריזער ארמעע. אויף דעם פאָרשלאַג פון גוזשאָן האט מען בעשלאָסען אָפּצושאַפען אלע רעגירונגס־קאָמיטעטען פון דיא טערמידאָריסטען. נאכדעם האט מען בעשטימט, אז דיא דעפּוטאַטען בורבאָט, פּריער, דיורוא און דיוקענוא זאלען זיין דיא רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטאָרס פון פראנקרייך. זיי זיינען גלייך אוועק פּעריאָגען דיא טערמידאָריסטישע רעגירונג און צו פערכאפּען דיא מאַכט.

אָבער דיא טערמידאָריסטען האבען ניט געדרעמעלט. דיא יאַ־קאָבינער האבען פערלאָרען צו פיעל צייט אין קאָנווענט, ווען זיי האבען געזוכט צו צווינגען דיא מיטגליעדער אָנצונעהמען זייערע פאָרשלעגע. דיא רעגירונגס־קאָמיטעטען פון דיא טערמידאָריסטען האבען זיך בע־נוצט מיט דער צייט, אום צו זאמלען זייערע קרעפטע. פון אלע זייטען זיינען זיך צוזאמענגעלאָפען בעוואפענטע בירגער פון דיא מיטעלע און רייכע קלאַסען צו שטיצען דעם קאָנווענט. דיא יאַקאָבינער האבען געמיינט, אז דיא רעוואָלוציאָנערע טעג פון 31 מאי און 2 יוני 1793, ווען זיי האבען ארויסגעשטויסען דיא זשיראָנדיסטען, האבען זיך צוריק־געקעהרט; אָבער אין אמת'ן איז שוין א גרויסער טהייל אפילו פון דער ארבייטער־בעפעלקערונג געווען געגען זיי. אין 1793 האט א גרויסע

מאיאָריטעט פון פאריזער פאָלק געשטיצט מיט געוועהר אין האנט דיא מאָנטאַניארען, יעצט אָבער, זייט דעם 9 טערמידאָר, זיינען שוין דיא מאיאָריטעט פון דיא בעוואפענטע סעקציאָנען און כמעט דיא גאנצע מיטעלקלאסע געווען געגען דיא יאקאָבינער.

דארום זיינען דיא ניי־געבאקענע יאקאָבינער דיקטאטאָרען אליין פעריאָגט געוואָרען, ווען זיי זיינען אוועק פעריאָגען זייערע געגנער. דיא רעגירינגס־קאָמיטעטען פון דיא טערמידאָריסטען זיינען שוין געוועזן ארומגערינגעלט פון דער „גאָלדענער יוגענד" און פון בעוואפענטע באטאַ־ליאָנען פון דיא רייכע קווארטאלען. עטליכע מיטגליעדער פון דעם טער־מידאָרישען קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג האבען זיך באלד א לאָז געטאָן מיט זייער בעוואפענטע מחנה צום קאָנווענט, אום צו פערטריי־בען דיא יאקאָבינער. עס איז געווען ארום 12 אוהר ביי נאכט, און עס האט זיך אָנגעפאנגען א העפטיגער קאמפף צווישען דיא אָנגעקומענע מחנה פון דיא טערמידאָריסטען און דיא ארבייטער, וועלכע האבען פער־נומען דעם קאָנווענט. פיעלע פון דיא ארבייטער זיינען אויסגעמאטערט געווען דורך דיא אָנשטרענגונגען דעם גאנצען טאָג און זיינען אוועק, אנדערע האבען גערעכענט, אז מען האָט שוין געזיעגט און אז דיא יאקאָבינער וועלען פערבלייבען ביים רעגיערונגס־רודער, און האבען אויך פערלאָזען דעם קאָנווענט. דארום האבען דיא אנהענגער פון דיא טערמידאָריסטען געקענט צוקומען אָהן גרויסע שטערונגען צו דער גע־בײדע פון קאָנווענט. אפילו אין זאל זעלבסט איז דיא וואך פון דיא יאקאָבינער געווען א שוואכע.

דער קאָמאנדיר פון דיא טערמידאָריסטען האט צוריקגעשטויסען דיא 4 מאָנטאניארען, וואס האבען זיך שוין גערעכענט פאר דיקטא־טאָרס פון פראנקרייך, און האט זיך אריינגעריסען אין קאָנווענט. „צו אונז סאנקיולאָטען!" האבען דאן דיא מאָנטאניארען אויסגעשריען, און דיא יאקאָבינער, וועלכע האבען זיך געפונען אין טיולערי־הויף, האבען זיך א לאָז געטאָן צו פעריאָגען דיא „גאָלדענע יוגענד" און דעם קאָמאנ־דיר פון דיא סעקציאָנען. דער געשלעג איז געווען א פייערדיגער. אָנ־פאנגס האבען דיא יאקאָבינער פעריאָגט דיא טערמידאָריסמען, אָבער דיא לעצטע האבען באלד געקראָגען פערשטערקונגען פון אנדערע סעק־

ציאָנען און ענדליך ארויסגעיאָגט דיא יאקאָבינער פון קאָנווענט נאָך אן אטאקע מיט שווערדען און באיאָנעטען. דיא יאקאָבינער האבען זיך געמוזט רעטען דורך אנטלויפען און שפרינגען דורך דיא פענסטער, און דיא מיטגליעדער פון קאָנווענט, וועלכע זיינען 14 שטונדען געווען פערשפּארט און האבען געמוזט שטימען, וויא דיא מאָנטאניאַרען האבען געפאָדערט, זיינען ארויס מיט גרויס צאָרן און מיט ראכע-געשרייען געגען זייערע אָנגרייפער.

וויא אויסגעמאטערט דיא קאָנווענט-מיטגליעדער זיינען ניט גע-ווען, האבען זיי דאָך ניט געוועלט אָפּלייגען דיא זיצונג אפילו אויף איין מינוט. זיי האבען זיך געוועלט גלייך בענוצען מיט זייער נייעם זיעג איבער דיא יאקאָבינער, אום צו צייגען זייער מאכט. זיי האבען צוערשט ערקלערט, אז אלע זייערע אָפּשטימונגען אונטער דעם צוואנג פון דער יאקאָבינער מאסע זיינען ניט גילטיג. מען האט אפילו פערברענט דעם פּראָטאָקאָל, וואו דיא אָפּשטימונגען זיינען פערשריבען געווען. נאכהער האט מען בעשלאָסען צו ארעסטירען און צו פערקלאָגען אין אויפשטאנד 13 פיהרערס פון דיא מאָנטאניאַרען, דארונטער דיא 4 מיטגליעדער פון דעם יאקאָבינער קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג און דעם קאָ-מאנדיר סובראני. זשאנדארמען האבען זיי אויפ'ן שטעל ארעסטירט און אוועקגעשלעפּט אין געפענגנים. דער קאָנווענט האט אויך בע-שלאָסען צו ארעסטירען פיעלע איינפלוסרייכע יאקאָבינער, וועלכע הא-בען זיך אויסגעצייכענט אין דעם אויפשטאנד. אָבער פיעל וויכטיגער איז געווען דער בעשלוס צו ענטוואפנען דיא ארבייטער אין דיא פאָר-שטעט. דיא טערמידאָריסטען האבען זיך שוין לאנג געקליבען אוועק-צונעהמען דיא געוועהר ביי דיא ארבייטער, אָבער זיי האבען עס ניט געוואגט צו טאָן. זיי האבען גוט געוואוסט, אז אזא שריט וועט פיה-רען צו אן אויפשטאנד. יעצט אָבער, ווען אן אויפשטאנד איז שוין אונטערדריקט געוואָרן, האבען זיי שוין פאר איין גאנג אויסגעפיהרט זייער ווונש. אין דעם בעפעהל פון קאָנווענט האט עס געהייסען, אז „מען דארף ניט לאָזען געוועהר ביי מערדער, רויבער, בלוטזויגער און אגענטען פון דער טיראניי פון פאר דעם 9 טערמידאָר".

אבער דיא יאקאָבינער האבען נאָך אלץ ניט געוועלט אויפ-

געבען דעם קאַמפּף. דיא אַרבייטער זיינען נאַטירליך אויפגערעגט געוועזען געגען דעם קאָנוועגט, בעזאָנדערס צוליעב דעם בעפעהל וועגען דיא ענטוואפנונג און וועגען דיא שענדליכע אויסדריקע אין דעם בעפעהל געגען דעם זעלבען פאָלק, וואס האט געשטורמט דיא באַסטיליע, געשטירצט דיא מאָנארכיע און געשטיצט דיא רעפּובליק געגען אַלע אינלענדישע און אויסלענדישע שונאים. דארום איז עס געלונגען דיא יאַקאָבינער דעם נעכסטען טאָג ווידער אויפצוהייבען דיא אַר־בייטער פון דיא פאָרשטעט. זיי האבען זיך צוזאמענגעקליבען לעבען דער שטאָטהויז, וואו זיי האבען זיך געקליבען אָנצושטעלען אַ נייעם קאָנוועגט, און האבען זיך אַ לאָז געטאָן צום קאָנוועגט מיט זייערע קאַנאָנען. דיזעס מאָל זיינען דיא אַרבייטער געוועזען גוט בעוואפנעט. זיי האבען אָנגעשטעלט זייערע קאַנאָנען אויף דעם קאָנוועגט, און דיא לאַגע איז געוועזען אַזעלכע, אַז דער קצב לעזשאנדר, וועלכער איז נאָך דעם 9 טערמידאָר געוואָרן אַ פייערדיגער געגנער פון דיא יאַקאָבינער, האט אויסגעשריען: „מיר מוזען בלייבען אויף אונזערע פּלעצער—דאס ערגסטע וואָס קען אונז טרעפען איז דער טויט“.

נאר דיא אַרבייטער האבען גלייך ניט אַטאַקירט. זיי זיינען איבערהויפּט ניט געוועזען ענטשלאָסען און האבען ניט געוואוסט וואס זיי זאלען טאָן, דען דיא בעסטע פיהרערס פון דיא יאַקאָבינער און איבערהויפּט פון דיא רעוואָלוציאָנערען זיינען שוין אויסגעשלאַכטעט און פערשיקט געוואָרן. דער קאָנוועגט האט זיך בענוצט דערמיט, אום איבערצורייידען דיא אַרבייטער בשלום אוועקצוגיין. ער האט נעמליך אויסגעוועהלט אַ דעפּוטאַציאָן צו דיא אַרבייטער מיט אַ פערשפּרעכען, אַז מען וועט זיי פערזאָרגען מיט שפּייז. דיזער פער־שפּרעכען האט זעהר גוט געווירקט, דען דיא אַרבייטער האבען דאָן אייגענטליך מעהר ניט געזוכט וויא צו שטילען זייער הונגער. דיא שטענדיגע אונרוהען, אויפרוהרען און אויפשטאַנדען, וועלכע האבען נאָך אַלעמען ניט פערבעסערט דיא לאַגע פון דיא אַרבייטער מאַסען, האבען שליסליך דערעסען דעם פאָלק. אום צו צייגען, אַז ער מיינט ווירקליך אויסצופיהרען זיין פערשפּרעכען, האט דער קאָנוועגט אויך בעשטימט אַ קאָמיטעט, וואס זאל אין פערלויף פון 4 טעג אויס־

אַרבייטען דיא בעשטימטע אַלגעמיינע געזעץ פאַר דיא איינפיהרונג פון דער קאָנסטיטוציאָן פון 1793.

דיא אַרבייטער האבען זיך דאַן רוהיג צוריקגעצויגען מיט זייער געוועהר נאָך זייערע קוואַרטאַלען, ניט אַכטענדיג אויף דיא וואַרנונגען פון דיא יאַקאָבינער, דאָס מען נאַרט זיי נאָר אריין אין זאַק. דער קאָנוועגט האט אַלזאָ געקענט פרייער אויפאָטהעמען און ווייטער פערפאָלגען דיא יאַקאָבינער. אויף מאָרגען (22 מאַי) זיינען דיא יאַקאָבינער בעפאַלען דיא זשאנדאַרמען און סאָלדאַטען, וועלכע האבען בעגלייטעט דעם מערדער פון דעפּוטאַט פעראָ צום עשאַפאָט, האבען אַרויסגעריסען פון זייערע הענט דעם פעראורטהיילטען און האבען איהם אַוועקגעשלעפּט אין דער פּאָרשטאָט סענט־אַנטואַן, וועלכע זיי האבען ווידער אויפגערודערט געגען קאָנוועגט. נאָר דער קאָנ־וועגט האט דאַן שטילערהייט צוזאַמענגערופען אין פּאַריז אַבטהיילונגען פון דער רעגעלמעסיגער אַרמעע. עס זיינען אָנגעקומען עטליכע קאָמ־פּאַניעס אינפאַנטעריע און קאַוואַלעריע, און דער גענעראַל מענו איז ערנאַנט געוואָרן אַלס הויפּטקאָמאַנדיר פון דער בעוואַפענטער מאַכט אין פּאַריז.

אויף דעם געפעהל פון קאָנוועגט, וועלכער האט בעשלאָסען אויסצופיהרען זיין בעפעהל וועגען דיא ענטוואַפנונג פון דיא פּאַריזער פּאָרשטעט, האט גענעראַל מענו אַרומגערינגעלט דיא פּאָרשטאָט פון סענט־אַנטואַן מיט אַ מחנה פון 30.000 מאַן (איבער צוויי־דריי־טעל זיינען געוועזען באַטאַליאָנען פון דיא סעקציאָנען פון דיא רייכע קוואַרטאַלען) און מיט אַ סך קאַנאָנען. מענו האט אויפגעפאָדערט דיא אַרבייטער אַרויסצוגעבען דעם מערדער פון דעם דעפּוטאַט פעראָ און זייערע געוועהר. דיא אַרבייטער האבען ניט געוועלט פערגיסען זייער בלוט צוליעב אַזעלכע זאַכען און האבען בעשלאָסען אויסצו־פיהרען דיא פאָדערונגען פון קאָנוועגט.

דאָס איז געוועזען דער סוף פון דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט פון דיא יאַקאָבינער און פון דיא פּאָרשטעט. דער קאָנוועגט איז יעצט געבליבען דער פּאָלשטענדיגער הערשער איבער פּאַריז און פראַנקרייך, און אַזוי וויא דיא רעאַקציאָנערען האבען געקראָגען אַלץ אַ גרעסערע

דעה, האבען זיי אָנגעפאַנגען צו דרייהען דיא רעדעל אַלץ ווייטער צוריק. דער קאָנווענט האט איבערגעגעבען זיינע הויפּטגעגנער צו א מיליטערישער קאָמיסיאָן, וועלכע האט זיי פערורטהיילט צום טויט. מען האט אַרעסטירט אַלע פערבליבענע מיטגליעדער פון דעם געוועזענעם טעראָריסטישען קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג, דאָרונטער אויך קארנאָ, וועלכער איז אַליין ניט שולדיג געווען אין דער שרעקענסצייט, אבער וועלכער האט פון דעסטוועגען זעהר עדעלמוטהיג פערטהיידיגט זיינע חברים, אפילו קאָלאָ דהערבואַ, ביליאָ-וואַרען און באַרער, ווען יענע זיינען פּראָצעסירט געוואָרן. איינער פון דיא פערהאַפטעטע, דער אַלטער קאָנווענטס-מיטגליעד ריהל, וועלכער איז אַמאָל געווען א האָפמייסטער ביי א דייטשען אַריסטאָקראַט, איז אַזוי פערצווייפעלט געוואָרן וואָס דיא רעאַקציאָן האט געקראָגען דיא אויבערמאַכט, דאס ער האט בעגאַנגען זעלבסטמאָרד אין געפענגניס. דיזער ריהל האט זיך בעזאָנדערס אויסגעצייכענט דערמיט, וואס ער האט צובראָכען אויף דעם מאַרק פון דער שטאָט רעימס אין דער אַנוועזענהייט פון א גרויסע מאַסע מענשען דיא פלעשעל מיט עיל, וועלכע א טויב זאָל האבען אַראָפּגעבראַכט פון הימעל צו זאַלבען דעם קעניג קלאָדוויק און וועלכע האט געדיענט צו זאַלבען אַלע קעניגע פון פראַנקרייך.

ווען דיא מיליטערישע קאָמיסיאָן האט פערורטהיילט צום טויט דיא מאָנטאַניאַרען ראָם, גוזשאָן, בורבאָט, דיורוא, דיוקענוא און סובראַני, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט אַלס זעהר מוטהיגע און פייערדיגע רעוואָלוציאָנערען, האט ראָם אַרויסגעכאַפּט א שפּיעז און זיך דערשטאָכען, דאַן האט ער איבערגעגעבען זיין שפּיעז צו גוזשאָן, וועלכער האט זיך אויך דערשטאָכען און איבערגעגעבען דעם שפּיעז צו דיוקענוא. דער שפּיעז איז אַזוי איבערגעגאַנגען פון איין פערורטהיילטען צום אַנדערן, און אַלע זעקס האבען איהם געברויכט, אום ניט צו זעהען דיא גיליאָטינע. אבער נאָר ראָם, גוזשאָן און דיוקענוא זיינען גלייך אויסגעגאַנגען; דיורוא, בורבאָט און סובראַני האבען זיך נאָר טויטליך פערוואונדעט און מען האט זיי צובלוטיגטע אוועקגעפיהרט אויף דעם הינריכטונגס-פּלאַץ און גיליאָטינירט.

דיא טערמידאָריסטען האבען זיך אלזאָ בלוטיג אָפּגערעכענט מיט זייערע געגנער. זיי וואָלטען נאָך וויטער איינגעפיהרט זייער טעראָר, ווען זיי וואָלטען ניט געוואוסט, אז דאָס פאלק האסט דיזע הינריכטונגען. יעדענפאלס האבען זיך דערמיט געענדיגט דיא רעוואָ־לוציאָנערע פרייהייטס־בעוועגונגען. דיא יאקאָבינער האבען שוין נאָך דיזער נידערלאגע ניט געקענט אויפהייבען א קאָפּ, אבוואָהל זיי האָ־בען דאָך ניט אויפגעהערט צו אגיטירען פאר א פאָלקס־אויפשטאנד אין נאמען פון גלייכהייט און אמת'ע דעמאָקראטיע.

דריטער קאפיטעל.

דער ווייסער טעראָר און דיא נידערלאגע פון דיא עמיגראנטען.

מיר האבען געזעהען, וויא דיא רעאקציאָן האט געזיעגט אין פאריז נאָך דעם 9 טערמידאָר. לאָמיר יעצט ווארפען א קורצען בליק, וויא דיא זעלבע רעאקציאָן איז אָנגעפיהרט געווארן אין דיא פראָווינצען.

אין דיא נאָרד־וועסטליכע דעפּארטאמענטען זיינען נאָך פער־בליבען באנדען וואנדעיער, וועלכע האבען אלץ געקעמפפט געגען דיא רעפּובליקאנער ארמעען אין נאָמען פון קעניג און קאטאָליציזמוס. דאָרט האבען נאָך דיא רעאקציאָנערן קיין כוח געהאט שטארק צו פערפאָלגען דיא יאקאָבינער, וועלכע זיינען סיי וויא סיי קליין געווען אין צאָהל. אין דיא מיטעלע פּראָווינצען האט מען אויך פערהעלט־ניסמעסיג ניט גרויזאם פערפאָלגט דיא יאקאָבינער און טעראָריסטען. דערפאר אבער אין עטליכע מזרח־דעפּארטאמענטען און בעזאָנדערס אין זידליכען טהייל פון פראנקרייך האט זיך אָנגעפאנגען א רעאק־ציאָנערע שרעקענס־צייט, וועלכע איז נאָך שוידערליכער און בלוטיגער געווען וויא דער רעוואָלוציאָנערער טעראָר.

דיא הייסע זידליכע בלוט, וועלכע האט פריהער געקאָכט פאַר דיא רעוואָלוציאָן, האט יעצט אָנגעפאנגען צו קאָכען געגען איהר.

גלחים, וועלכע האבען זיך ענטזאגט צו שווערען טריייהייט צו דער ערשטער קאָנסטיטוציאָן, און אַדעליגע עמיגראַנטען האבען זיך צוריקגעקעהרט ביסלעכווייז פון אויסלאַנד און האבען גענומען העצען דיא בעפעלקערונג געגען דיא גאָטלאָזע יאַקאָבינער. אין דער צייט האט געהערשט פאָלקאָמענע רעליגיאָנס־פרייהייט. דיא טערמידאָריסטען האבען נאַטירליך אָבגעשאפט ראָבעספיער'ס „העכסטען וועזען", אַבער זיי האבען ניט אַנערקענט דיא קריסטליכע רעליגיאָן פאַר אַן אָפיציעלע. יעדע דעקאַדע האט מען נאך געפייערט מיט מוזיק, טענץ און פאָרלעזונגען; אַבער קיינער איז ניט געצוואונגען געוועזען צו בעזוכען דיזע פעסטליכקייטען און צערעמאָניעס. קריסטען האבען נאַטירליך געקענט בעזוכען זייערע קירכען. דיא גלחים האבען זיך בענוצט מיט דיזער פרייהייט, אום אויפצוהעצען דיא קריסטען אין דיא דערפער געגען דיא רעפּובליק. דיא פאַמיליען פון דיא הינגעריכטעטע אין דער צייט פון רעוואָלוציאָנערען אַדער, וויא מען רופט איהם אויך, *רויטען* טעראָר, זיינען נאַטירליך געוועזען דיא ערשטע צו פערלאַנגען ראַכע פון דיא יאַקאָבינער און צו פערגיסען זייער בלוט, ווען דיא רעאַקציאָנערען זיינען שטאַרקער געוואָרן.

דיא קאָמיסאַרען, וואס דער טערמידאָריסטישער קאָנווענט האט אַרויסגעשיקט אין דיא פּראָווינצען, האבען געקוקט צווישען דיא פינגער אויף דיא רציחות און מאָרדען, וואס אויפגעהעצטע מאַסען אין זידליכע דעפּאַרטאַמענטען זיינען בעגאַנגען געגען דיא יאַקאָבינער. דיא גלחים האבען אַלץ העכער און עפטער גענומען פערלאַנגען, אַז מען זאָל מיט שווערד און פייער פערטיליגען דיא גאָטלאָזע טעראָריסטען—דאס האט געהייסען: אַלע דיא יעניגע, וועלכע האבען געשטיצט דיא יאַקאָבינער און דיא דעמאָקראַטישע רעוואָלוציאָנערען. זיי האבען געגרינדעט זאָ־גענאַנטע יעזוס אַדער זונען־פעראיינען, וואס זייער צוועק איז געוועזען צו פערפאָלגען דיא טעראָריסטען און יאַקאָבינער. פיעלע גאַנץ אונשולדיגע מענשען האבען געליטען דורך דיזע פערפאָלגונגען. אין איינּיגע ערטער איז דיזער רעאַקציאָנערער אַדער,

ווִיא מען רופט איהם אויך, ווייסער טעראָר געוועזען ערגער און שרעקליכער, ווִיא דער רעוואָלוציאָנערער, אפילו ווִיא אין ראָבעספיער׳ס צייט, דען מען האט געמאָרדעט אָהן שום געריכטליכע פאָרמען.

עטליכע מאָנאט נאך דעם 9 טערמידאָר איז דיא רעאקציאָן שוין אזוי שטאַרק געוואָרן אין פיעלע זידליכע שטעט, אז בעוואוסטע יאקאָבינער האבען זיך געמוזט בעהאַלטען. דיא „יעזוס-ברידער" פלעגען זיי בעפאַלען אין מיטען גאס. דיא געפענגניסע האט מען גענומען אָנפילען מיט יאקאָבינער. אין ליאָן, וואו דיא מאָנטאַניארען האבען זיך אזוי שרעקליך אָפּגערעכענט מיט זייערע געגנער און מיט דער שטאָט, האָט מען יעצט אָנגעפאַנגען צו פערגיסען בלוט פון יאקאָבינער און טעראָריסטען. אין מאַי 1795 האט מען דאָרט געמשפּט א פאָליסמען, וועלכער האט געדיענט, ווען קאָלאָ דהערבואַ איז געוועזען דער קאָמיסאַר פון קאָנווענט. א מענגע יעזוס-ברידער האבען זיך אריינגעריסען אין געריכטס-זאַל און פערלאַנגט דעם טויט פון דעם אָנגעקלאָגטען. ווען דער ריכטער האט געוועלט פיהרען א פאָרמעלען פּראָצעס, האבען דיא יעזוס-ברידער טויטגעשלאָגען דעם אָנגעקלאָגטען אין געריכטס-זאַל. נאכהער האבען זיי זיך א לאָז געטאָן אין געפענגניס, וואו זיי האבען אויסגעשלאַכטעט 97 פּערזאָן, דאַרונטער אויך פרויען, אָהן שום אונטערזוכונג. וועה איז געוועזען דעם יעניגען, אויף וועלכען מען פלעגט אָנצייגען אלס א יאקאָבינער—מען פלעגט איהם איינפאך אריינשליידערן אין דעם טייך רהאָן.

אין א סך זידליכע שטעט האט מען נאָכגעמאַכט דיא רעוואָלוציאָנערע סעפּטעמבער-אויסשלאַכטונגען אין 1792 אין דיא פּאַריזער געפענגניסע; אבער דיא רעוואָלוציאָנערן האבען ווייניגסטענס פריהער צוזאַמענגעשטעלט ליסטען פון דיא שולדיגע און ארויסגעלאָזען דיא אונשולדיגע, דיא רעאקציאָנערן האבען געשלאַכטעט אָהן שום בערעכנונג און צערעמאָניעס. אין טאַראַסקאָן פלעגט מען ארויסשלעפּען דיא געפאַנגענע יאקאָבינער אויף א הויכען טהורם און פון דאָרטען אראָפּשליידערן זיי אויף דיא שטיינער ביי׳ן ברעג פון רהאָן. אין מאַרסעל האבען דיא יעזוס אדער זונען-ברידער נידערגעשאָסען מיט קאַרטעטשען און לעבעדיג פערברענט 200 יאקאָבינער, וועלכע זיינען געזעסען אין דער

פעסטונג סען־זשאַן. דיא שטאָט־בעאַמטע זיינען אַבזיכטליך אָנגע־
קומען צו שפּעט. זיי האבען אַרעסטירט עטליכע זונען־ברידער, אבער
האבען זיי באַלד פריינעלאַזען. אין דער שטאָט ע (Aix) האט מען
ערמאָרדעט 30 יאַקאָבינער פאַר דיא אויגען פון דעם קאָנוועגטס־
קאָמיסאַר, וועלכער האט נאר צום שיין פּראָטעסטירט. אין אַוויניאָן
און אין פיעלע אַנדערע שטעט האט מען געמאָרדעט יאַקאָבינער אָהן
א צאָהל. אין טולאָן, וואו דיא זשיראָנדיסטען און מאָנאַרכיסטען
האבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד געגען דיא יאַקאָבינער אין 1793,
האבען יעצט דיא יאַקאָבינער געמאַט אַן אויפשטאַנד געגען דיא
טערמידאָריסטען און מאָנאַרכיסטען. דעם 17 מאַי 1795 האבען
זיך 3000 יאַקאָבינער צוזאַמענגעקליבען מיט געוועהר און האבען מוט־
היג געקעמפּפט געגען דיא סאָלדאַטען, וואָס דער קאָנוועגט האט
ארויסגעשיקט; אָבער זיי זיינען בעזיעגט געוואָרן, און קיינער פון זיי
האט שוין ניט געוואַגט צו מאַכען א נייעם אויפשטאַנד.

אין וואַנדעי האט דער קאָנוועגט צוריקגערופען דעם גענעראַל
טיורא, דעם ערפינדער פון דיא זאָ־גענאַנטע „גיהנם־קאָלאָנען", וועלכע
האבען עטליכע מאָנאַט פערוויסטעט דיא פּראָווינץ מיט שווערד און
פייער,—און האט געשיקט דעם גענעראַל קאַנקלאָ, וועלכער האט
געשלאָסען אַן אָפּמאַך מיט דיא וואַנדעיער פיהרערס שאַרעט און
סטאָפלע. דיא בויערן האבען געקראָגען דאָס רעכט צו האַלטען זיי־
ערע גלחים און ניט צו דיענען אין מיליטער. באַלד נאכדעם האבען
זיי זיך גענומען צו פעלדארבייט און האבען זיך בערוהיגט.

נאָך דער ענטוואַפנונג פון דיא פּאַריזער פּאָרשטעט האבען דיא
רעאַקציאָנערע מיטגליעדער פון קאָנוועגט אַלץ אָפענער ארויסגעוויזען
זייער מאָנאַרכיסטישע פּאַרב. א טהייל פון דיא פערבליבענע זשיראָנ־
דיסטען צוזאַמען מיט פיעלע מיטגליעדער פון „זומפּף" און מיט עטליכע
טערמידאָריסטען האבען ביסלעכווייז געבילדעט א פּאַרטיי, וועלכע האט
ניט נאָר געשטרעבט איינצושפּאַנען דיא רעוואָלוציאָן אין א רעאַקציאָ־
נערען וואָגען, זאָנדערן אויך איינצופיהרען א קאָנסטיטוציאָנעלע מאָ־
נאַרכיע. אין פּאַריז זעלבסט האבען דיא מאָנאַרכיסטען אַלץ העכער
געהויבען זייערע קעפּ. אין דיא רייכע קווארטאַלען האט מען זעה־

שטאַרק אַגיטירט פאַר אַ מאָנאַרכיע. די נײַ־אויפגעקומענע בורזשואַזיע איז צוגעשטאַנען צו דער אַלטער אַריסטאָקראַטיע אויס פורכט, דאָס אַ פאָרטזעצונג פון דער רעוואָלוציאָן וועט פערשטאַרקען די אַרבייטער און פיהרען צו וויכטיגע סאָציאַלע רעפאָרמען. עמיגראַנטען האָבען געוואַגט זיך צוריקצוקעהרען, און די בעריהמטע מאַדאַם סטאַל האָט געעפענט אַ סאַלאָן, וואו מאָנאַרכיסטען און איבערהויפט רעאַקציאָנערען פלעגען זיך צוזאַמענקומען. די „גאָלדענע יוגענד" האָט זיך עפענטליך ערקלערט פאַר אַ מאָנאַרכיע. באַלד האָבען זיך אין פאַריז זעלבסט בעוויזען מאָנאַרכיסטישע צייטונגען, און דער אַלטער אַריסטאָקראַטישער קוואַרטאַל סען־זשערמען, וועלכער איז מיט אַ קנאַפען יאָהר צוריק געוועזען פוסט, ווען אַלע אַריסטאָקראַטען האָבען געציטערט אפילו פאַר ראָבעספּיער׳ס נאָמען, האָט אָפגעלעבט.

קורץ, וואָס שוואַכער די יאַקאָבינער זיינען געוואָרן, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן די מאָנאַרכיסטישע פאַרטיי. די רעאַקציאָן האָט זיך אַזוי שנעל פערשפּרייטעט, וויא די רעוואָלוציאָן.

אַרום דער צייט (8 יוני 1795) איז געשטאָרבען דער יונגער זוהן פון לודוויג XVI און פון מאַריע אַנטואַנעטע, וועלכער איז פון די עמיגראַנטען און מאָנאַרכיסטען ערקלערט געוואָרן פאַר דעם קעניג פון פראַנקרייך נאָך זיין פאָטער׳ס הינריכטונג. ער איז אויסגעגאַנגען אין טעמפּעל־געפענגניס, וואו מען האָט איהם ניט גוט בעהאַנדעלט און געהאַלטען אין שטרענגע איינזאַמקייט אפילו נאָך דעם 9־טען טערמידאָר. נאָך זיין טויט האָט לודוויג׳ס ברודער זיך ערקלערט פאַר דעם קעניג פון פראַנקרייך אונטער דעם נאָמען לודוויג דער אַכצעהנטער. גראַף ד׳אַרטואַ, אַ צווייטער ברודער פון דעם גילאָטינירטען קעניג, האָט שוין גערעכענט, אַז עס איז געקומען די צייט אַריינצוטרעטען אין פראַנקרייך מיט דער גאַנצער מחנה עמיגראַנטען. דיזער הייסער רעאַקציאָנער, וועלכער איז געוואָרן קעניג פון פראַנקרייך אין 1824 און איז פעריאָגט געוואָרן נאָך דער רעוואָלוציאָן פון 1830, האָט זיך דאָן געפונען אין ענגלאַנד, וואו ער האָט אינטריגירט געגען די רעפּובליק. ער האָט צוזאַמענגערופען פיעלע עמיגראַנטען אין ענגלאַנד, וואו פּיטט, דער ביטערסטער געגנער פון דער רעוואָלוציאָן, האָט זיי פערשפּראָכען

צו בעזאָרגען מיט קריעגשיפען, געוועהר און געלט. דער פּלאַן איז גע־
ווען צו לאַנדען דיא אַרמעע פון דיא עמיגראַנטען אויף דיא וועסטליכע
ברעגעס פון פראַנקרייך, ערגעץ אין וואַנדעי אָדער אין ברעטאַן, און זיך
צו פערבינדען מיט דיא דאָרטיגע בויערן. פּויסעי, וועלכער איז פריהער
ארויסגעשיקט געוואָרן פון גראַף ד'אַרטואַ, צו פעראייניגען אַלע מאָ־
נאַרכיסטישע אַנהענגער אין דיא צוויי האַלב־פערוויסטעטע פּראָווינצען,
האַט אויסגעפיהרט, אַז שאַרעט און סטאָפלע, דיא צוויי וויכטיגסטע
וואַנדעיער פיהרערס, זאָלען זיך ווידער נעהמען צו דיא געוועהר, וויא
נאָר דיא עמיגראַנטען וועלען לאַנדען.

פּיטט, גראַף ד'אַרטואַ און אַלע עמיגראַנטען האבען זיך גענאַרט
דורך איבערטריבענע בעריכטען וועגען דיא רעאַקציאָנערע בעוועגונג אין
פראַנקרייך. זיי האבען עס באַלד אויסגעפונען, וויא נאָר זייער אַרמעע
האַט געלאַנדעט אויף דעם האַלב־אינזעל קוויבעראָן אין דער פּראָווינץ
ברעטאַן. דיזע אַרמעע איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין ענגלאַנד אויף
דער רעכנונג פון דער ענגלישער רעגירונג. עס האבען זיך צוזאַמענגע־
קליבען ביז 1500 עמיגראַנטען. אַזוי וויא זיי האבען אַלע געוועלט זיין
אָפיצירען, האַט זיי דיא ענגלישע רעגירונג געגעבען 3000 געפאַנגענע
פראַנצויזישע סאָלדאַטען, וועלכע האבען זיך אָנגעכאַפּט אָן דער גע־לע־
גענהייט צוריק צו קעהרען זיך אין זייער פאָטערלאַנד, אום ביי דער
ערשטער געלעגענהייט צו פערלאָזען זייערע מאָנאַרכיסטישע קאָמאַנדיי־
רען. דיא עמיגראַנטען זיינען אַזוי פערבלענדעט געוועזן, דאַס זיי האבען
געמיינט, אַז רעפּובליקאַנער סאָלדאַטען וועלען פּלוצלונג ווערן מאָנאַר־
כיסטען, ווען מען וועט זיי אָנטאָן אין ענגלישע מונדירען מיט ווייסע
קאָקאַרדען (קעניגליכע פאַרב). אַ שטאַרקע ענגלישע פלאָטע האַט
בעגלייטעט דיזע עקספּעדיציאָן און האַט מיטגעפיהרט אַ מאַסע געוועהר
און פּראָוויאַנט פאַר דיא יעניגע, וועלכע האבען געזאָלט צושטיין צו
דער עמיגראַנטען־אַרמעע אין פראַנקרייך. מען זאָגט, אַז דיא עמי־
גראַנטען האבען אויך מיטגעפיהרט אַ מאַסע פאַלשע אַסיגנאַציעס,
וועלכע פּיטט פלעגט לאָזען פאַבריצירען אין לאָנדאָן מיט דעם צוועק
נאָך מעהר צו פערקלענערן דעם קורס פון דיא פראַנצויזישע פּאַפּיר־געלט.

אַ פראַנצויזישע פלאָטע איז געשיקט געוואָרען ניט צו דערלאָזען

דיא עמיגראַנטען לאַנדען, אָבער נאָך א קורצע שלאַכט דעם 23 יוני 1795 האט זיא געמוזט אָפּטרעטען, דען דיא ענגלישע פלאָטע איז געוועזן פיעל שטאַרקער. באַלד וויא דיא עקספּעדיציאָן האט געלאַנדעט, האָט גענעראַל האָש, וועלכער האט דאַן קאָמאַנדירט דיא רעפּובליקאַנישע אַרמעע אין יענע געגענדען, זיך א לאָז געטאָן צום האַלב־אינזעל קוויבעראָן, אום פון דאָרט צו פעריאָגען דיא מאָנאַרכיסטישע אַרמעע, וועלכע איז פערשטאַרקט געוואָרען דורך פיעלע שואַנען פון ברעטאָן און דורך נייע קרעפטע פון ענגלאַנד. דיא עמיגראַנטען האָבען פערלאָרען אַכט טעג אין שטרייטען וועגען דיא אויבער־קאָמאַנדע און וועגען א פּלאַן פון אַטאַקע, זאָ דאָס האָש האט געקענט צוקומען מיט אַן אַרמעע פון 15.000 מאַן איידער דיא עמיגראַנטען האבען צייט געהאט צו פערבינדען זיך מיט דיא וואַנדעיער מחנות, וועלכע האבען אויף זיי געוואַרט. דיא עמיגראַנטען האבען אויך געוואַרט, אז גראַף ד'אַרטוא זאָל קומען, אבער ער האט געהאַלטען פאַר פערנינפטיגער צו פערבלייבען אין ענגלאַנד. פיעלע פון דיא רעפּובליקאַנער סאָלדאַטען, וואס דיא עמיגראַנטען האבען מיטגעבראַכט פון ענגלאַנד, זיינען זיך צולאָפען ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט. דיא איבעריגע האבען איבערגעגעבען דיא הויפּטפעסטונג פּאַנטיעווער צו דער רע־פּובליקאַנער אַרמעע, ווען האָש האט אָנגעפאַנגען דיא אַטאַקע. דעם 16 יולי האבען דיא עמיגראַנטען פּרובירט זיך אַרויסרייסען פון דעם האַלבאינזעל, וואו האָש האָט זיי איינגעשפּאַרט, אבער זיי זיינען צו־ריקגעשטויסען געוואָרן. ווען דיא פעסטונג פּאַנטיעוור, וועלכע האט פערטהיידיגט דעם אַריינגאַנג אויף דעם האַלבאינזעל קוויבעראָן, איז פערנומען געוואָרן פון דיא רעפּובליקאַנער, איז דיא עמיגראַנטען נאָר געבליבען צו רעטען זיך אויף דיא ענגלישע שיפען, וועלכע האבען געאַנקערט ניט ווייט פון דיא ברעגעס. דיא מאָנאַרכיסטען האבען זיך אין דער גרעסטער אונאָרדנונג צוזאַמענגעקליבען ביי'ן עק פון האַלבאינזעל, וואו זיי האבען זיך געפונען אונטער דעם שוץ פון דיא ענגלישע שיפען.

מען זאָגט אז האָש האט ניט באַלד אַטאַקירט דיא עמיגראַנ־טען אין זייער לעצטען פּונקט, אום זיי צו געבען צייט זיך צו רעטען

אויף דיא ענגלישע שיפען. נאר דיא קליינע שיפעלעך, וואס דער ענגלישער אדמיראל האט ארויסגעשיקט, זיינען מייסטענס אָנגעקומען צו שפּעט. יעדענפאלס האבען זיי מיט א מאָל ניט געקענט ארייננעהמען אזוי פיעל מענשען. דיא דערשראָקענע און פערצווייפעלטע מאָנארכיסטען האָבען זיך געשטופּט צו דיא שיפלעך און זיינען צוריק געטריבּען געוואָרן פון דיא ענגלישע מאַטראָסען. פיעלע האבען זיך א לאָז געטאָן שווימען צו דיא קריגשיפען און זיינען מייסטענס דערטרונקען געוואָרן. אנדערע זיינען געטויטעט געוואָרן פון דיא קאַרטעטשען, וואס מען האט געשאָסען פון דיא ענגלישע שיפען, אום צוריקצוהאלטען דיא רעפּובּליקאַנער ארמעע. נאָר א קליינער טהייל האט זיך געקענט רעטען אויף דיא שיפלעך.

דער יונגער גראף סאָמבּרויל האט צוזאמענגעקליבּען 1000 עמיגראַנטען, 3000 שואַנען און דיא געדונגענע רעפּובּליקאַנישע סאָלדאַטען, וועלכע האבען נאָך ניט געקענט פריהער זיך אָפּטראָגען. ער האט פאָרגעשלאָגען זיך אונטערצוגעבען, ווען מען וועט קיינעם ניט בּעשטראָפען מיט׳ן טויט, אויסער איהם אליין. דיא רעפּובּליקאַנער אָפיצירען האבען עס פערשפּראָכען ניט אָנפרעגענדיג גענעראל האָש. זיי זיינען געווען זיכער, אז זייער גרויסער און עדעלמוטהיגער גענעראל, וועלכער האט אויסגעמיידעט אומזיסטע בּלוטפערגיסונגען און האט געזוכט איינצושטילען דעם אויפשטאַנד אין וואַנדעי מיט גוטען, וועט ניט הייסען נידערשיסען דיא געפאַנגענע עמיגראַנטען. ער האט ווירקליך ניט געוועלט בּרעכען דאס וואָרט פון זיינע אָפיצירען, אָבער טאַליען, וועלכער איז געשיקט געוואָרען פון קאָנווענט אלס קאָמיסאַר מיט א בּעפעהל צו בּעשטראָפען דיא עמיגראַנטען נאָך דיא קריעגסגעזעץ, האט געהייסען איבּערגעבּען דיא געפאַנגענע צו א מיליטער־געריכט. דיזער פעררעטהער פון דיא יאַקאָבּינער איז אין דער צייט פערדעכטיגט געווען, דאס ער האט געהיימע פערבּינדונגען מיט דיא מאָנאַרכיסטען. אום צו צייגען, אז ער איז נאָך א רעפּובּליקאַנער, האט ער בּעשלאָסען צו האַנדלען טעראָריסטיש וויא אמאָל אין בּאָרדאָ.

גענעראל האָש, וועלכער האט ניט געוועלט זיין בּיי דער נידערשיסונג פון דיא געפאַנגענע עמיגראַנטען, האט זיך צוריקגעצויגען מיט

זיין אַרמעע גלייך וויא דיא ענגלישע פלאָטע איז אָפּגעפאָהרען פון דיא פראַנצויזישע ברעגעס. קיינער פון דיא פראַנצויזישע אָפיצירען האט ניט געוועלט זיין אין דעם מיליטער־געריכט, וואס טאַליען האט בעשטימט. מען האט דארום געמוזט צוזאַמענשטעלען דעם מיליטער־געריכט פון בעלגישע און שווייצערשע אָפיצירען. דיזער געריכט האט פעראורטהיילט צום טויט 788 געפאַנגענע, דארונטער 30 גלחים און 300 געוועזענע קעניגליכע פלאָטען־אָפיצירען. מען האט זיי אַלעמען נידערגעשאָסען אויף א פעלד ניט וייט פון דער שטאָט אָרע. גראף סאָמברויל, הערצאָג בראָגלי אין דער ביסקופ פון סענט־פּאָל מיט 30 גלחים זיינען דיא ערשטע דערשאָסען געוואָרן.

אזוי האט זיך געענדיגט דיא ערשטע עקספּעדיציאָן פון עמיגראַנטען מיט דער הילפע פון ענגלאַנד. צוויי מאָנאט נאך דיזער שרעקליכער נידערלאַגע האט אַן ענגלישע פלאָטע ווידער אוועקגעפיהרט אַן אַרמעע פון א 10.000 עמיגראַנטען צו דיא ברעגעס פון וואַנדעי. צוזאַמען מיט דיא עמיגראַנטען האט דיא ענגלישע רעגירונג געשיקט 4.000 ענגלישע סאָלדאַטען. נאר דיזע אַרמעע האט זיך אין זעקס וואָכען אַרום צוריקגעקעהרט נאך ענגלאַנד, ווייל אין ברעטאַן, וואו גענעראַל האָש האט קאָמאַנדירט, האבען דיא שואַנען זיך געהאַלטען רוהיג און אין וואַנדעי האבען שאַרעט און סטאָפלע נאָר געקענט צוזאַמענקלייבען קליינע באַנדען פון דיא פאַנאַטישע בויערן.

פיערטער קאַפּיטעל.

דער דורכפאַל פון פּיטט׳ס קאָאַליציאָן.

דער קאָנוועגט, וועלכער האט ווידער אונטערדריקט אַלע זיינע אינערליכע פיינד, האָט אויך בעזיעגט אַלע אויסלענדישע אַרמעען. דיא רעפּובליקאַנישע אַרמעען האָבען איבעראַל געיאָגט דעם שונא און זיך אריינגעריסען אין פרעמדע לענדער. דיא קאָאַליציאָן (פעראַנד) פון אַלע אייראָפּעאישע קעניגע געגען דיא פראַנצויזישע רע־

פובליק איז צופאלען געוואָרן אונטער דיא מעכטיגע קלעפּ פון דיא ארמעען, וואָס דער געניאַלער קארנאָ האט ארויסגעשיקט אויף דיא פיעלע שלאַכטפעלדער. אלע אינערליכע שפּאלטונגען, בלוטפערגיסונגען און אויפשטאַנדען האבען גאָר ניט געשטערט דיא פראַנצויזישע סאָלדאטען צו קעמפפען מיט בעגייסטערונג און העלדענמוטה געגען אלע אויס־לענדישע שונאים.

כמעט יעדען טאָג פלעגען אָנקומען נאכריכטען פון זיעגען אין בעלגיען, האָלאַנד, שפּאניען, דייטשלאַנד. דיא ארמעען פון דיא קעניגע פלעגען אָפּט איינפאך אויסמיידען א שלאַכט מיט דיא זיעג־רייכע פראַנצויזען. ביסלעכווייז זיינען דיא קעניגע און פירסטען אויס־געמאַטערט געוואָרן דורך דעם לאנגען קריעג און זייערע ביטערע נידערלאַגעס. דער גרויסהערצאָג פון טאָסקאַנאַ האט געשיקט איינעם פון זיינע גענעראַלען בעטען פריעדען ביי דיא „פערפלוכטע סאַנקיור־לאָטען", ווען א פראַנצויזישע ארמעע איז אריבער דיא אלפּען בערג און האָט זיך אריינגעריסען אין איטאליען. ער האט געמוזט בעצאָהלען א מיליאָן פראַנק קאָנטריבוציע, אום צו רעטען זיין טראָן.

אין אָנפאנג פון 1795 האט גענעראל פּישעגרו איינגענומען גאנץ האָלאַנד. ער האט פעריאָגט דיא ענגלישע ארמעע, וועלכע האט שליסליך געמוזט זוכען רעטונג אין דייטשלאַנד. א גרויסער טהייל האָלענדער האט סימפּאטיזירט מיט דער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציאָן און האט זעהר פיעל מיטגעהאָלפען דער פראַנצויזישער ארמעע, זאָ דאס דער האָלענדישער קעניג האט געמוזט אנטלויפען נאך ענג־לאַנד. דיא פלאָטע האָט געזאָלט איהם נאכפאָלגען, אָבער דיא שיפען זיינען מייסטענס איינגעפראָרען געוואָרן, ווייל דער ווינטער איז געווען א מערקווירדיג קאַלטער. פּישעגרו האט זיך בענוצט דער־מיט צו פאנגען דיזע פלאָטע מיט זיין קאַוואַלעריע. דיא פראַנצויזישע קאַוואַלעריסטען האבען זיך א לאָז געטאָן איבער דעם אייז צו דיא שיפען, וועלכע האבען זיך באלד אונטערגעגעבען. אזוי האט עס געטראָפען א גאנץ אונגעוועהנליכע זאך, דאָס א פלאָטע זאל גע־פאנגען ווערן פון קאַוואַלעריסטען.

אין מאי 1795 איז האָלאַנד אַנערקענט געוואָרן פון קאָנוועגט אַלס אַן אומאָבהענגיגע רעפּובליק אונטער דעם נאָמען באַטאַוויאַ. דיזע פּאַסירונג האַט זעהר אָפּגעשלאָגען דיא פליגלען פון דיא מלכים, וועלכע דער ענגלישער מיניסטער פּיטט האַט פערבונדען געגען פראַנקרייך. גלייך וויא האָלאַנד איז אַריינגעפאַלען אין פראַנצויזישע הענד, האַט דער פּרייסישער קעניג פריעדריך ווילהעלם II זיך דערשראָקען, אַז דיא פראַנצויזען וועלען זיך אַריינרייסען אין דייטשלאַנד און וועלען ביי איהם פאָרדערן אַ גרויסע קאָנטריבוציע. ער האַט שוין אַזוי אויך קיין געלט ניט געהאַט ווייטער צו פיהרען מלחמה. דיא געלט־אונ־טערשטיצונגען פון ענגלאַנד זיינען ניט געווען גענוג, ער האַט פער־לאַנגט אַז עסטרייך זאָל איהם צאָהלען 30 מיליאָן טאַלער יעהרליך פאַר פּרייסען׳ס אַנטהייל אין דער מלחמה; אַבער עסטרייך האַט קיין געלט ניט געהאַט. אויסערדעם האַט נאָך פּרייסען מורא געהאַט פאַר אַ שטרייט מיט רוסלאַנד וועגען דיא פערטהיילונג פון אונגליק־ליכע פּוילען.

דער שלום דערפון איז געווען, דאַס אַ פערטרעטער פון פּריי־סען האַט שטילערהייט אָנגעפאַנגען צו פערהאַנדלען מיט דעם פראַנ־צויזישען געזאַנדטען באַרטעלעמי אין דער שווייץ וועגען פריעדען. דעם 5 אַפּריל האָבען פּרייסען און פראַנקרייך געשלאָסען פריעדען אין באַזעל (שווייץ). דיא פראַנצויזישע רעפּובליק האַט דורך דיזען אָפּמאַך געוואונען דיא דייטשע פּראָווינצען אויף דעם לינקען ברעג פון רהיין.

שפּאַניען האַט באַלד געפאָלגט דעם ביישפּיעל פון פּרייסען. זיא האַט געכאַפּט איין קלאַפּ נאָך דעם אַנדערן פון דיא פראַנ־צויזישע אַרמעען. גענעראַל מאָנסעי האַט בעזיעגט אַ שפּאַנישע אַרמעע און איינגענומען דיא שטעט בילבאַאָ, וויטאָריאַ, ווילאַרעאַל א. ז. וו. דיא גענעראַלען פּערניאָן און שערער האָבען איינגענומען פיגוערעס און זיינען צוגעקומען ביז צו באַרסעלאָנאַ. דיא שפּאַנישע רעגירונג האַט זיך אָנגעפאַנגען צו שרעקען, אַז דיא פראַנצויזען ווע־לען אַרויסרופען אַ רעוואָלוציאָן אין שפּאַניען, און האַט דאַרום געבעטען פריעדען. דיזער פריעדען איז געשלאָסען געוואָרן דעם 6 יולי וויע־

דער אין באזעל דורך דעם געזאנדטען בארטעלעמי. פראנקרייך האט צוריקגעקעהרט אלע איינגענומענע שפאנישע שטעט, אבער האט דערפאר געקראגען דעם שפאנישען טהייל אויף דעם אינזעל האאיטי.

פיטט׳ס פערבאנד געגען פראנקרייך איז אזוי צופאלען געווארן. דיא רעפובליק האט ניט נאר אויסגעהאלטען דיא אטאקעס פון גאנץ אויראפא, זאנדערן האט נאך געוואונען נייע פראווינצען. דיא באזעלער פריעדענס־אפמאכונגען האבען ארויסגערופען א גרויסע פריידע אין גאנץ פראנקרייך (אין שפאניען האט מען זיך אויך געפרעהט דערמיט) און האבען זעהר פערשטארקט דיא טערמידאריסטען, וועלכע האבען זיך גוט בענוצט מיט דיא זיעגען פון דיא העלדענמוטהיגע רעפובליקאנישע אר־מעען. מען האט שוין אנגעפאנגען צו דענקען, אז באלד וועט זיין אן ענד צו דיא מלחמות און אז פראנקרייך וועט וויינגסטענס פטור ווערן פון אויסלענדישע שונאים, אבער מלחמות האבען ניט אויפגעהערט ביז נאך נאפאלעאן׳ס פאל.

פינפטער קאפיטעל.

דיא קאנסטיטוציאן פון דריטען יאהר פון דער רעפובליק.

דער טערמידארישער קאנווענט, וועלכער האט בעזיעגט דיא אויסלענדישע ארמעען דורך דיא רעפובליקאנישע סאלדאטען, האט בעשלאסען צו געבען פראנקרייך א נייע קאנסטיטוציאן. דיא יאקאבי־נער קאנסטיטוציאן פון 1793, וועלכע איז געבליבען א טויטער בוכ־שטאב, האט דער קאנווענט יעצט נאטירליך אין גאנצען פערווארפען. זיין נייע קאנסטיטוציאן, גענאנט „דיא קאנסטיטוציאן פון דעם דריטען יאהר פון דער רעפובליק“, איז שוין געווען א גאנץ רעאקציאנערע. זיא האט פיעל מעהר געפאסט פאר א מאנארכיע, וויא פאר א רעפובליק.

פיעלע פונקטען פון דיזער קאנסטיטוציאן זיינען נאך געווען מעהר געגען דעם פראסטען פאלק וויא דיא קאנסטיטוציאן פון 1791, וועלכע לודוויג XVI האט אנערקענט. מען האט ווידער איינגעפיהרט א פערמעגענס־צענזוס און אינדירעקטע וואהלען. יעדערער וואס איז אלט געווען 21 יאהר האט געהאט א שטימרעכט, אבער נאר אויס־

צוקלייבען וואהלמענער, וועלכע האבען געהאט אויסצו־וועהלען פער־טרעטער אין פארלאמענט. א וואהלמאן האט נאר געקענט זיין איינער, וואס האט בעזעסען א בעשטימטען פערמעגען און געצאהלט א בע־שטימטען שטייער.

אום נאך מעהר צו בעשרענקען דיא דעמאָקראטישע שטרע־בונגען, האט מען איינגעפיהרט א דאָפּעלטען פארלאמענט: איינעם פון איינגערע דעפוטאטען, דעם אנדערן פון עלטערע, וועלכער איז געווען א מין סענאט. דיא קאמערע פון איינגערע דעפוטאטען איז בעשטאנען פון 500 מיטגליעדער און האט געהייסען „ראטה פון פינף־הונדערט"; דיא קאמערע פון עלטערע דעפוטאטען איז בעשטאנען פון 250 מיטגליעדער און האט געהייסען „דער ראטה פון עלטע־רע". א מיטגליעד פון 500־ראטה האט געמוזט זיין אלט ווייניג־סטענס 30 יאהר, א מיטגליעד פון „ראטה פון עלטערע" האט בע־דארפט זיין איבער 40 יאהר אלט און דערצו נאך א פערהייראַ־טעטער. א דריטעל מיטגליעדער פון יעדען ראטה האט מען געהאט אויסצו־וועהלען יעדען יאהר. קיין בעשלוס פון דעם 500־ראטה האט ניט געקענט זיין גילטיג אָהן דער צושטימונג פון „ראטה פון עלטערע".

דיא רעגירונגס־מאכט איז איבערגעגעבען געוואָרן צו 5 זאָ־גע־נאנטע דירעקטאָרען, וואס דער פארלאמענט האט בעדארפט אויס־קלייבען. יעדען יאהר האט איינער פון דיא דירעקטאָרען בעדארפט ארויסטרעטען און האט מעהר ניט געקענט אויסגעוועהלט ווערן. דיזע דירעקטאָרען זיינען געווען דיא אויבער־קאָמאנדירען פון דער ארמעע און פלאָטע און האבען געהאט דאָס רעכט אויסצוקלייבען מיניסטערס, געזאנדטע און אנדערע בעאמטע. דאס הייסט אייגענטליך, אז דיזע דירעקטאָרען זיינען געווען פרעזידענטען פון דער רעפּובליק. מען האט בעשטימט דיזע זאָנדערבארע רעגירונגס־פאָרמע, וועלכע טראָגט דעם נאָמען דירעקטאָריום, ווייל מען האט געפירכטעט, אז איין פרעזידענט וועט ווערן א דיקטאטאָר און פיליכט נאך א קעניג.

דאָנו, דער הויפּטפערפאסער פון דיזער זעהר רעאקציאָנערער קאָנסטיטוציאָן, און אנדערע וועלכע האבען געשטימט פאר איהר, האבען פון איין זייט געזוכט אָנצוהאלטען דיא רעפּובליקאנישע פאָר־

מע און פון דער אַנדער זייט איבערצייגעבען דיא גאַנצע מאַכט אין דיא הענד פון דיא רייכע קלאַסען, אַז דיא אַרבייטער זאָלען דיא קלענסטע דעה האבען. דורך דיא איינפיהרונג פון צוויי קאַמערן האט מען געזוכט אויסצומיידען צו האַסטיגע בעשליסע, וויא עס איז זעהר אָפט פאָרגעקומען אין דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג און אין קאָנווענט. צו דעם צוועק האט מען אויך בעשטימט, אַז יעדער געזעץ־פאָרשלאַג זאָל פריהער דריי מאָל פאָרגעלעזען ווערן, אום דיא דעפּוטאַטען זאָלען האבען גענוג צייט איהם צו בעטראַכטען איידער זיי שטימען.

נאַר אויסער דעם, וואס דיא גאַנצע אָרגאַניזאַציאָן פון דער דאָפּעלטער געזעצגעבענדער מאַכט און פון דער פינף־פאַכיגער רעגירענדער מאַכט איז געוועזן אַ זעהר פערפּלאָנטערטע און קאָמפּליצירטע, זאָ דאס עס האבען געמוזט אויסברעכען שטרייטען, האָט זיא אויסגעלייגט אַ וועג פאַר אַ מאָנאַרכיע, וויא עס איז אויך באַלד דער פאַל געווען. דיא טערמידאָריסטען און אַנדערע מיטגליעדער פון קאָנווענט, וועלכע האבען געהאט אַן אינטערעס, אַז דיא רעפּובליק זאָל פערבלייבען, האבען ניט פערפעהלט זיך אַרומצוזעהען, אַז זיי זיינען שוין צו וויט פערקראָכען אויף דעם רעאַקציאָנערען וועג. אַזוי וויא דיא יאַקאָבינער און אַלע הייסע רעוואָלוציאָנערען און אויפריכטיגע דעמאָקראַטען האט מען פערפאָלגט מיט דעם תירוץ, דאס זיי זיינען טעראָריסטען, און אַזוי וויא ביי דיא אַרבייטער האט מען צוגענומען דאס דירעקטע שטימרעכט און בעשטימט אַ צענזוס פאַר דיא וואַהלמענער, האט דער רעזולטאַט געמוזט זיין, דאס דיא ניי־ערוועהלטע דעפּוטאַטען וועלען זיין מאָנאַרכיסטען און יעדענפאלס אַזעלכע, וואס וועלען זיך ניט שטאַרק וועהרען געגען אַ מאָנאַרכיע. אָבער ניט נאָר האבען דיא בויערן, דיא ניי־אויפגעקומענע קאַפּיטאַליסטען און אַלע אַנדערע וואס האבען געקויפט דיא קאָנפיסצירטע לענדער פון דיא פּריצים און גלחים און וואס האבען איבערהויפּט פּראָפיטירט פון דער רעוואָלוציאָן מורא געהאט, אַז ווען מען וועט ווידער אַרויפזעצען אויפ'ן טראָן לודוויג'ס אַ ברודער אָדער אירגענד וועלכען מיטגליעד פון דער בורבאָנער פאַמיליע, וועט מען ביי זיי צונעהמע

וויינגסטענס א טהייל פון זייער גייעם אייגענטהום, זאָנדערן דיא מיטגליעדער פון קאָנווענט, וועלכע האבען געשטימט פאר דיא היני־ ריכטונג פון לודוויג XVI, האבען זיך נאָך געשראָקען, אז מען וועט זיי פערפאָלגען אונטער א מאָנארכיע.

דארום איז דער קאָנוענט געפאלען אויף א פּלאן אין דער זעלבער צייט אָנצוהאלטען דיא רעאקציאָנערע קאָנסטיטוציאָן און דיא רעפובליק דורך אן אָפּשטימונג, אז וויינגסטענס 500 פון זיינע מיטגליעדער זאלען אריינטרעטען אין דעם נייעם פארלאמענט. דיזער בעשלוס איז שוין געוועזען גענוג אונגעוועהנליך, אָבער נאך אויסער־ אָרדענטליכער איז געווען דער צווייטער בעשלוס, אז דיא 500 קאָנ־ ווענטס־מיטגליעדער זאלען ערוועהלט ווערן ניט פון פאלק, נאר פון קאָנווענט זעלבסט. דער צוועק פון דעם צווייטען בעשלוס איז געווען ניט צו דערלאָזען דיא פערבליבענע הייסע [מאָנטאָניארען צו זיצען אין דעם נייעם פארלאמענט. דער קאָנוענט האט זיך אויף דיזער וייזע אליין ערוועהלט און זאָ צו זאגען פערעוויגט, דען ער האט געזאָלט בילדען צוויי־דריטעל פון דעם נייען פארלאמענט.

אזוי וויא דער קאָנוענט האט ניט געוועלט האנדלען צו דיק־ טאטאָריש און אזוי וויא דיא מאָנארכיסטען האבען אָנגעפאנגען זעהר שארף צו פּראָטעסטירען, דאס מען רויבט אוועק ביי׳ם פאָלק דאָס שטימרעכט, האט מען בעשלאָסען איבערצוגעבען דיא קאָנסטיטוציאָן צוזאמען מיטביידע בעפעהלען צו אן אוראבשטימונג פון פאָלק. דער קאָנוענט האט עס אויך געטאָן, ווייל ער האט פאָרויסגעזעהען, אז דיא בויערן און דיא מיטעלקלאסע וועלען איהם שטיצען געגען דיא מאָנארכיסטען. וויא שוין געזאָגט, האבען דיא בויערן מורא געהאט פאר א מאָנארכיע. וואס אָנבעלאנגט צו דיא ארבייטער, זיינען זיי יעדענפאלס געווען פאר א רעפּובליק. דער סוף איז געווען, אז דער קאָנווענט האט זיך ניט גענארט אין זיינע רעכנונגען.

דיא קאָנסטיטוציאָן איז אָנגענומען געוואָרן פון פאָלק במעט איינשטימיג, דען דיא מאָנארכיסטען האבען אויך געשטימט פאר איהר אין דער האָפנונג, דאָס זיא וועט פיהרען צו א קעניגרייך. וואס אָנבעלאנגט צו דיא צוויי בעפעהלען וועגען דיא ערוועהלונג פון

500 קאָנוועגטס־מיטגליעדער, זיינען זיי אויך אָנגענומען געוואָרן, טראָץ אַלע פּראָטעסטען און אָנשטערונגען פון דיא מאָנארכיסטען. דאָס פאָלק האט עס בעסטראַטעט אַלס אַ פערזיכערונג פון דער רעפּובליק און האט געשטימט וויא דער קאָנווענט האט געוואונשען אין אַלע פּראָווינצען און שטעט אויסער אין פּאַריז.

דער זעלבער פּאַריז, וועלכער איז נאָך מיט אַ יאהר צוריק געוועזן דער צענטער פון דער רעוואָלוציאָן, איז יעצט געוואָרן דער צענטער פון דער רעאַקציאָן. נאר אין איין פּאַריזער דיסטריקט האט מען געשטימט פאר דיא בעפעהלען פון קאָנווענט, אין אַלע אַנדערע האט מען זיי פערוואָרפען. דיא „גאָלדענע יוגענד”, וועלכע איז גאַנץ אָפען ארוים פאר דער מאָנארכיע, איז ארומגעלאָפען איבער דיא גאַסען מיט געשרייען: „ניעדער מיט דיא בעפעהלע, ניעדער מיט דיא צוויי־דריטעל!” דיא יאַקאָבינער, וועלכע האבען אין דיזען פאַל גע־שטיצט דעם קאָנווענט, זיינען מיט געוואַלט פעריאָגט געוואָרן פון דיא מאָנארכיסטען, וועלכע האבען פערכאַפּט דיא וואהל־פּלעצער.

דעם 22 סעפּטעמבער 1795, ויען דער קאָנווענט האט בעקאַנט געמאַכט, אַז דיא קאָנסטיטוציאָן און זיינע בעפעהלען זיינען אַנערקענט געוואָרן מיט 914.900 געגען 40.000 שטימען, זיינען דיא מאָנאר־כיסטען אַזוי אויפגערעגט געוואָרן, אַז זיי האבען בעשלאָסען צו מאַכען אַן אויפשטאַנד געגען קאָנווענט. קוים 15 מאָנאַט זיינען פאָריבער נאָך דעם 9 טערמידאָר, און דיא מאָנארכיסטען האבען זיך שוין געפיהלט שטארק גענוג צו מעסטען זייערע קרעפטע אין פּאַריז מיט דעם אַלמעכטיגען קאָנווענט זעלבסט.

זעקסטער קאפיטעל.

מאָנארכיסטישער אויפשטאַנד און נאַפּאָלעאָן.

אין אָקטאָבער 1795, ווען עס איז געקומען אויסצו־וועהלען דעם דריטעל דעפּוטאַטען איןביידע קאַמערן פון דעם נייען פּארלאמענט, האבען דיא מאָנארכיסטען אָנגעפאַנגען צו אָרגאַניזירען זייערע קרעפטע צו אַן אויפשטאַנד. א סך עמיגראַנטען זיינען געהיימערהייט [אָנגעקומען אין פּאַריז, און איינינע פון זיי זיינען געוואָרען דיא קאָמאַנדירען און אָנפיהרערס. דיא מאָנארכיסטען האבען געשריען, אז דער קאָנווענט האט געפעלשט דעם רעזולטאַט פון דער פאָלקס־אָפּשטימונג וועגען זיינע דעקרעטען. וויא וויים דיזע בעשולדיגונג איז געוועזען ריכטיג, האט מען ניט געקענט דערגיין, דען דער קאָנווענט האט געהייסען פערברענען אַלע דאָקומענטען און רעכנונגען וועגען דיזע אָפּשטימונג. דער אָנפאַנג פון דיא מאָנארכיסטישע גערודערס איז געווען אין דעם זעלבען פאַלע־ראָיאַל, וואו עס האבען זיך אָנגעפאַנגען דיא ערשטע שטורמען פון דער רעוואָלוציאָן אין דער צייט פון דער צערשטערונג פון דער באַסטיליע. דיא „גאָלדענע יוגענד" איז געווען דיא רעכטע האַנד פון דיא מאָנארכיסטישע פערשווערער.

דער קאָנווענט האט ארויסגעלאָזט עטליכע שטרענגע בעפעהלען געגען זיינע מאָנארכיסטישע געגנער און האָט אויפגעפאָרדערט אַלע אנהענגער פון דער רעפּובליק איהם צו שטיצען. אין דער זעלבער צייט האט ער ענדליך אָבגעשאַפט דעם אַלטען רעוואָלוציאָנערען געזעץ וועגען פערדעכטיגע, דען ער האט מיט רעכט געפירכטעט, אז דיא מאָנארכיסטען, וועלכע האבען געקראָגען דיא אויבערהאַנד אין דיא פּאַריזער סעקציאָנען און א גרויסע דעה אין דער שטאָטפערוואַלטונג, וועלען זיך בענוצען מיט דיזען געזעץ געגען אַלע רעפּובליקאַנער. מיט עטליכע טעג פאַר דיא וואַהלען האבען דיא וואַהלמענער פון איינינע רייכע דיסטריקטען זיך פערזאַמעלט; אָבער ניט מיט דעם צוועק צו פערהאַנדלען וועגען זייערע פערטרעטער, זאָנדערן זיך צו צוגרייטען צו פעריאָגען מיט געוואַלט דעם קאָנווענט. זייערע פערזאַמלונגען זיינען געוועזען בעשיצט פון דער „גאָלדענער יוגענד" און פון אנדערע בעוואַפענטע

אנהענגער. דער קאָנוועגט האט פערבאָטען דיא וואהלמענער זיך צו פערזאמלען פאר דעם טאָג פון דיא וואהלען, אָבער דיא סעקציאָנען האבען אויסגעלאַכט און אויסגעפייפט דיזען בעפעהל.

דאן האט דער קאָנוועגט פעריאָגט מיט געוואלט דיא פער־זאמלונג פון דיא וואהלמענער, האט ערקלערט, אז זיינע זיצונגען וועלען ניט געשלאָסען ווערן ביז רוהע און אָרדנונג וועלען אייגגעפיהרט ווערן, און האט זיך זאָגאר געווענדעט צו דער הילפע פון דיא יאקאָבינער און טעראָריסטען, וועלכע ער האט א גאנצען יאָהר פערפאָלגט און וועלכע זיינען יעצט מוטהיג ארויסגעטראָטען צו רעטען דיא רעפובליק. מען האט זיי געגעבען געוועהר און אָרגאניזירט אין א באטאליאָן, וועלכער האט געטראָגען דעם נאָמען „פאטריאָטען פון 1789“. דיזער באטאליאָן איז בעשטאנען פון 3.000 ענערגישע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האבען ארויסגעצייגט זייער העלדענמוטה, ווען עס איז געקר־מען צו קעמפפען מיט דיא מאָנארכיסטען. זיי האבען פערנומען דעם טיולערי־גאָרטען און ארומגערינגעלט דיא געביידע פון קאָנוועגט. אין דער זעלבער צייט האט דער קאָנוועגט געהייסען ברייגגען 4000 סאָל־דאטען פון דעם סאבלאָן־לאגער און האט זיך אויך פערזאָרגט מיט 42 קאנאָנען.

דיא בעוואפענטע סעקציאָנען געגען קאָנוועגט האבען געצעהלט 10.000 מאן, נאר זיי האבען קיינע קאנאָנען געהאט, דען נאך דעם אויפשטאנד פון דיא פאָרשטעט דעם 1 פרעריאל (20 מאי) 1795 האט דער קאָנוועגט צוגענומען אלע הארמאטען ביי אלע סעקציאָנען. גענעראל מענו, וועמען דער קאָנוועגט האט בעשטימט פאר דעם קאָמאנדיר געגען דיא מאָנארכיסטישע סעקציאָנען, ווייל ער האט זיך אויסגעצייכענט ביי דער אונטערדריקונג פון דעם אויפשטאנד פון 1 פרעריאל, האט דעם 12 וואנדעמיער (3 אָקטאָבער) אָנגעפאנגען אן אטאקע אויף דער סעקציאָן לעפעלטיע, אָבער ער האט זיך צוריק־געצויגען, ווען ער האט געפונען, אז דיא סעקציאָנען זיינען ענטשלאָסען צו קעמפפען. ער איז אין הארצען געווען מיט דיא מאָנארכיסטען און האט יעדענפאלס ניט געוועלט שטארק אָנגרייפען דיא סעקציאָנען און דיא „גאָלדענע יוגענד“. דארום האט איהם דער קאָנוועגט גלייך ארונטער־

געזעצט און ערקלערט פאַר אַ פעררעטהער צום פאַטערלאַנד. אויף זיין פּלאַץ האט דער קאָנווענט אויסגעקליבען דעם דעפּוטאַט באַראַס, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט אַלס קאָמאַנדיר פון דעם קאָנווענט׳ס אַנהענגער דעם 9 טערמידאָר.

באַראַס האט זיך גלייך געווענדעט צו דער הילפע פון נאַפּאָ־לעאָן באָנאַפּאַרטע, וועלכער האט קיין ראָלע ניט געקענט שפּיעלען נאָך דעם פאַל פון ראָבעספּיער, ווייל דיא טערמידאָריסטען האבען איהם געהאַלטען פאַר אַ יאַקאָבינער. דעם צוקונפטיגען אימפּעראַ־טאָר האט מען זאָגאר אריינגעשליידערט אין געפענגניס נאָך דעם 9 טערמידאָר, נאר מען האט איהם באַלד אַרויסגעלאַזען. ער האט זיך ערוואָרבען אַ גוטען נאַמען אַלס אַן אַרטילעריע־אָפיציר זייט זיין גלענצענדע באָמבאַרדירונג פון טולאָן; אָבער דער מאָנטאַניאַר אָברי האט איהם פיינט געקראָגען און פערפאָלגט, זאָ דאס ער האט קיין קאָמאַנדע ניט געקענט קריעגען. ער האט מיט גרויס אונגעדולד געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט זיך אויסצוצייכנען. מען זאָגט אַז שוין אין דיזער צייט, ווען ער האט געלעבט אין דונקעלהייט און אין אַר־מוטה, האט ער געטרוימט וועגען אַ גלענצענדע צוקונפט און געגלויבט אין זיין שטערן. יעדענפאַלס, ווען באַראַס, וועלכער האט נאָך דעם 9 טערמידאָר נאַטירליך געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע, וואָלט איהם ניט אָנגעפאַנגען צו פּראָטעזשירען, אום צו האבען אַ גוטען מילי־טעריסט פאַר אַ צוגעבונדענעם פריינד, וואָלט נאַפּאָלעאָן פיליכט קיין מאָל ניט געקענט ווערן קייזער.

באַראַס האט פערשטאַנען, אַז דער בעסטער מיטעל צו בעזיע־גען דיא סעקציאָנען איז געווען צו געברויכען געגען זיי דיא געוועהר, וועלכע זיי האבען ניט געהאט נעמליך: קאַנאָנען. דארום האט ער פערלאַנגט, אַז מען זאָל איהם געבען נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע אַלס אַדיוטאַנט. „איך קען אַ קליינעם קאָרסיקאַנער, האט באַראַס גע־זאָגט, וועלכער וועט קיינע צערעמאָניעס ניט מאַכען מיט דיא מאָנאַר־כיסטען.“ ווען נאַפּאָלעאָן איז גערופען געוואָרן צו דער מיליטערישער קאָמיסיאָן פון דיא מיטגליעדער, וואס דער קאָנווענט האט בעשטימט, האט ער פאָרגעלייגט זיין פּלאַן צו בעשיצען דעם קאָנווענט מיט

אזא זיכערן טאָן און אזוי געשיקט, אז מען האט איהם גלייך אָנ־פערטרויט צו פערטהיידיגען דעם טולערי־פּאלאַץ. קיינעם האט זיך דאן ניט געקענט חלום'ען, אז דיזער „קליינער קאָרסיקאַנער" וועט דורך דיזע קאָמאנדע אין עטליכע יאהר ארום ווערן דער גרויסער אימפּעראטאָר.

מיט זיין זעלטענע ענערגיע און געניאַלע מיליטערישע פעהיג־קייטען האט זיך נאפּאָלעאָן גלייך גענומען צו דער ארבייט. ער האט באלד אומגעוואַנדעלט טולערי אין א פעסטונג און זיך פערזאָרגט מיט אַלע קאַנאָנען, וועלכע ער האָט נאר געקענט קריעגען. דיזע קאַנאָנען האט ער אויסגעשטעלט אזוי אז ער זאָל קענען שיסען אויף דיא אָנגרייפער פון אַלע זייטען. אין דער צייט, ווען דיא סעקציאָנען האבען גערעכענט צו אטאקירען דעם קאָנווענט, האט באָנאפּארטע אונ־ערמידליך געארבייט צו צייגען וואס ער קען. ער האט אפילו בעזאָרגט דיא קאָנווענטס־מיטגליעדער זעלבסט מיט געוועהר און מיט פּראָוויאַנט אויף עטליכע טעג. ער האט בלויז געהאט 7000 מאן אונטער זיין קאָמאנדע, אבער ער האט זיך פערלאָזען אויף זיינע קאַנאָנען, וועלכע ער האט אויך געברויכט מיט דעם גרעסטען ערפאָלג דעם 13 וואַנ־דעמיער, ווען דיא סעקציאָנען האבען ענדליך אָנגעפאנגען זייער אטאקע.

אין דער נאכט פון 12 וואנדעמיער האָבען 32 סעקציאָנען בעשלאָסען צו מאכען אן אויפשטאנד. דיא איבעריגע 16 סעקציאָנען, בעזאָנדערס פון דיא ארבייטער־פאָרשטעט סענט־אַנטואן און סען־מארסאָ, האבען נאר קיין אנטהייל ניט גענומען אין דיזען קאמפּף. דאס ארבייטער־פאָלק איז געבליבען גאנץ גלייכגילטיג צו דיא פּאָ־ליטישע שטרייטען און ענדערונגען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען נאך זייער נידערלאגע דעם 1 פּרעריאַל. זייט דיא רעוואָלוציאָן האָט זיך אָנגעפאנגען, איז דאס געווען דער ערשטער אויפשטאנד אין פאריז, אין וועלכען דאס פּראָסטע פאָלק האט קיין האנד ניט גענומען. פּרעראָן, וועלכער איז יעצט צוריקגעשטויסען געוואָרן פון זיין „גאָלדענע יוגענד", איז ארומגעלאָפען דיא גאנצע נאכט אין דיא פאָרשטעט, אום איינ־צורייזען דיא ארבייטער ארויסצוטרעטען פאר דעם קאָנווענט, אבער

ער האט גאר ניט אויסגעפיהרט. קיין זאך האט זיי שוין ניט געקענט ריהרען—אזוי ענטמוטהיגט זיינען זיי געוואָרן דורך דיא ענדע פון דער רעוואָלוציאָן, פאר וועלכע זיי האבען פערגאָסען טייכען בלוט.

אונטער דער קאָמאנדע פון גענעראל דאניקאן, וועלכער האט אפילו געקעמפפט פאר דעם קאָנווענט אין וואנדעי, נאר האט געמוזט עמיגרירען, האבען דיא בעוואפענטע סעקציאָנען, אונגעפעהר 30.000 מאן, גענומען מארשירען צום קאָנווענט. באראס און באָנאפארטע האבען זיי געלאָזען צוקומען אזוי נאָהענט, אז דיא קאנאָנען זאָלען זיי קענען טרעפען. דארום האבען זיי צוריקגעצויגען א טהייל פון זייערע סאָלדאטען, וועלכע זיינען אטאקירט געוואָרען פון דיא ערשטע רייהען פון דיא סעקציאָנען, גענעראל דאניקאן האט דאן געשיקט אן אָפיציר מיט א פערלאנג, אז דער קאָנווענט זאָל צוריקציהען זיינע סאָלדאטען, ענטוואפנען דיא יאקאָבינער און צוריקציהען דיא דעקרעטען וועגען דיא צוויי־דריטעל פערטרעטער. דיא אנהענגער פון דיא מאָנארכיסטען אין קאָנווענט האבען פערלאנגט מען זאל פערהאנדלען מיט דיא סעקציאָנען, אבער דער קאָנווענט האט זיך ענטזאגט דערפון, ווען איין מיטגליעד האט אויסגעשריען: „קיינע אונ־טערהאנדלונגען—דעם קאָנווענט בלייבט נאר זיעג אדער טויט."

דאן האט גענעראל דאניקאן געהייסען שטורמען דעם קאָנווענט. דיא מאָנארכיסטען האבען זיך א לאָז געטאָן דורך אלע גאסען, וועל־כע האבען געפיהרט צום טיולערי־פאלאץ; אבער אויף אלע פונקטען זיינען זיי אויפגענומען געוואָרן מיט א שרעקליכען דונער פון קאנאָנען. דיא גאס סענט־האָנארע איז באלד בעדעקט געוואָרן מיט טויטע און פערוואונדעטע. ווען דיא מאָנארכיסטען זיינען צומישט געוואָרן דורך אזא קאנאָנאדע, האט נאפאָלעאָן געהייסען זיינע סאָלדאטען אטאקירען מיט באיאָנעטען דיא בעסטע קרעפטע פון דיא מאָנאר־כיסטען לעבען דער קירכע סענט־ראָש. דיא מאָנארכיסטען האבען ניט געקענט אויסהאלטען דיזע אטאקע און האבען גענומען אנטלויפען. דיא שיסעריי האט זיך אָנגעפאנגען ארום 4 אוהר נאכמיטאג דעם 13 וואנדעמיער און אין 2 שטונדען ארום האבען נאפאָלעאָן'ס קאנאָנען צויאָגט דיא גאנצע מאסע אָנגרייפער. מען וויים ניט, וויא

פיעל מענשען עס זיינען אין דיזען אונגליכען קאמפף געטויטעט גע־וואָרן. מען רעכענט ניט וויינינגער וויא 400, אנדערע בעהויפטען— 1000.

יעדענפאלס איז דער זיעג פון קאָנוועגט געוועזן א פאַלשטענ־דיגער. באָנאפארטע האט גלייך פערנומען אלע וויכטיגע פונקטען. דיא פערבליבענע מאָנטאניארען האבען פערלאנגט, אז מען זאָל שטרענג בעשטראָפען דיא יעניגע, וואס האבען אנטהייל גענומען אין דעם אויפשטאנד; אָבער דיא רעאקציאָנערע מאיאָריטעט האט זיך בעגנוגענט דערמיט, וואס מען האט ענטוואָפענט דיא סעקציאָן לעפעלטיע, אראָפגעזעצט דעם גענעראל־שטאב פון דער נאציאָנאל־גוואַרדיע און אויפגעלעזט דעם באטאליאָן פון דער „גאָלדענער יוגענד". דער קאָנווענט האט זיך ארויסגעוויזען ווייכער צו דיא מאָנארכיסטען וויא מיט זעקס מאָנאט צוריק צו דיא יאקאָבינער. ער האט בעשטימט א קאָמיסיאָן צו פראָצעסירען דיא פיהרערס פון דעם אויפשטאנד, אָבער מען האט זיי שטילערהייט געגעבען דיא מעגליכקייט צו אנט־לויפען אָדער זיך צו בעהאלטען אין דער הייסער מינוט. בלויז צוויי פערזאָן האט מען הינגעריכטעט. איינער פון זיי איז געוועזן אן אלטער סאָלדאט פון קעניג. 40 אָנפיהרערס, דארונטער אויך גענעראל דאניקאן, זיינען פעראורטהיילט געוואָרן הינטער דיא אויגען, אָבער מען האט גאָר ניט געזוכט זיי צו פאנגען און א קורצע צייט שפע־טער האבען זיך עטליכע פון זיי גאנץ אָפען בעוויזען אין פאריז.

זיעבעטער קאפיטעל.

שלום פון קאָנווענט.

דעם 25 אָקטאָבער 1795, דריי וואָכען נאך דער אונטערדריי־קונג פון מאָנארכיסטישען אויפשטאנד אין פאריז, האט דער קאָנווענט ערקלערט, אז זיין מיסיאָן איז ערפילט און אז זיינע זיצונגען זיינען געענדיגט. דיא מיטגליעדער זיינען זיך דאן פאנאנדערגעגאנגען שריי־ענדיג: „עס לעבע דיא רעפובליק!"

דיא רעפובליק האט שוין ניט לאנג געהאט צו לעבען, נאר אין דער מינוט האט דיא מאיאָריטעט פון קאָנוועגט גאנץ אויפריכטיג געמיינט איהר צו שטיצען. דער אויפשטאנד פון דיא מאָנאַרכיסטען האט איבערגעשראָקען דיא נייע־אויפגעקומענע בורזשואזיע און האט ארויסגערופען א שטרעבונג צו בעשיצען דיא רעפובליק. דיא קאָנווענטס־מיטגליעדער, וועלכע האבען געשטימט פאר דיא הינריכטונג פון קעניג, האבען געהאט בעזאָנדערע אורזאכען זיך צו שרעקען פאר א מאָנארכיע. דער קאָנווענט, וועלכער האט נאך ראָבעספיער׳ס פאל געזוכט זיך צו שטיצען אויף דיא „גאָלדענע יוגענד" און רעאקציאָנערען געגען דיא יאקאָבינער, האט צולעצט געזוכט דיא שטיצע פון דיא פערבליבענע יאקאָבינער און פון אנדערע רעוואָלוציאָנערען געגען דיא רעאקציאָנערען און מאָנארכיסטען. זיין לעצטער וואונש איז געווען אָנצוהאַלטען דיא רעפובליק אָהן דעם רעוואָלוציאָנערען טעראָר. דיזען וואונש האט ער אויסגעפיהרט דורך דיא בעפעהלען וועגען דיא צוויי־דריטעל פון זיינע מיטגליעדער אין דעם נייעם פארלאמענט, וויא דאס איז שוין בעשריבען געווען פריהער, און דורך דיא ערקלערונג פון אמניסטיע (בעגנאדיגונג) פאר פאָליטישע פערברעכען. אויסגעשלאָסען פון דער אמניסטיע האט ער דיא פיהרערס פון דיא מאָנארכיסטישע עמיגראַנטען און פון דיא גלחים, וויא אויך ביליאָ־ווארען און קאָלאָ דהערבוא. פאר דיזע צוויי געוועזענע מיטגליעדער פון קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג האט נאך דער קאָנווענט מורא געהאט.

אום צו צייגען, אז ער איז ענטשיעדען געגען טעראָר, האט דער קאָנווענט אָפגעשאפט דיא טויט־שטראָף און בעפוילען, אז דער רעוואָלוציאָנס־פלאץ זאָל גערופען ווערען Place de la Concorde (פלאַץ פון איבערייינשטימונג). דאס איז יעצט דער שענסטער פלאץ אין פאריז און פילייכט אויך אין דער גאנצער וועלט.

אין דיא 3 יאָהר 1 מאָנאט און 4 טעג פון זיין הערשאפט איבער פראנקרייך האט דיזער מערקווירדיגסטער און רעוואָלוציאָנערסטער פארלאמענט ארויסגעלאָזען 8366 בעפעהלען. נאטירליך, א רויסער טהייל פון דיזע בעפעהלען זיינען געווען ניט איבערלייגט, ניט

פּראַקטישע, ארויסגעלאָזען אין היילענעס אין א הייסער מינוט און ניט זעלטען גלייך צוריקגערופען. אָבער דיא מייסטע געזעץ זיינען געווען נויטוועגדיג אונטער דיא אומשטענדען. יעדענפאלס האט דער קאָנ־ווענט בעזיעגט אלע זיינע אויסלענדישע און אינלענדישע פיינד און האט דורכגעפיהרט דיא גרויסע רעוואָלוציאָן מיט א זעלטענעם מוטה און מיט כמעט איבערמענשליכע ענערגיע. אפילו דיא שרעק־הער־שאפט. וועלכע בלייבט דער גרעסטער פלעק אויף איהם, איז געווען א טרויעריגע נויטווענדיגקייט, וויא דאס איז שוין פריהער ערקלערט געווען. ווען ראָבעספּיער, וועלכער איז געוואָרן דיקטאטאָר צוליעב דיזע שרעק־הערשאפט, איז פערקראָכען צו ווייט, האט איהם דער קאָנווענט שליסליך געצייגט זיין איבערמאכט.

אָבער אין דער ווירקליכקייט האט זיך דער קאָנווענט ניט אויפגעלייזט; ער איז אייגענטליך פערבליבען אונטער אַן אנדער נאָמען, דען איידער ער האט פערלאָזען זיין זיצונגס־זאל אין טיולערי־פּאלאַץ, האט ער אויסגעקליבען 500 פון זיינע מיטגליעדער אלס געזעצגעבערס אין דיאביידע נייע קאמערן און אויך דיא 5 דירעקטאָרען אָדער פּרעזידענטען פון דער רעפובליק. צוויי דריטעל פון דיא מיטגלידער פון דעם נייעם פּארלאמענט זיינען אלזאָ געווען מיטגליעדער פון קאָנ־ווענט, וויא דאָס איז שוין ערקלערט געווארען אין פאָריגען קאפּיטעל. זאָלאנג פּאַרלאמענטען עקזיסטירען האט עס נאך ניט געטראָפען, אז איין פּארלאמענט זאָל זיך אויף אזא אַרט אומוואנדלען אין אַן אנדערן; אָבער קיין מאָל האט אויך ניט עקזיסטירט אזא פּאַרלאמענט וויא דער קאָנווענט.

דער דריטעל מיטגליעדער פון דיא צוויי געזעצגעבענדע קאמערן, וואס זיינען אויסגעקליבען געוואָרן אויסערהאלב דעם קאָנווענט, האבען אויך מייסטענס געשטימט מיט דיא טערמידאָריסטען אָדער ריכטיגער מיט דער מאיאָריטעט פון קאָנווענט, וועלכער האט געוועלט אָנהאלטען א רעפּובליק אונטער דער הערשאפט פון דער בורזשואזיע. יעדענ־פאלס האט זיך דער קאָנווענט פערזיכערט געגען נייען דריטעל פער־טרעטער דורך דעם, וואס ער האט אליין אויסגעקליבען פאר דירעק־טאָרען אזעלכע פון זיינע מיטגליעדער, וועלכע האבען געשטימט פאר

דיא הינריכטונג פון דעם קעניג. דער ערשטער און וויכטיגסטער פון דיא דירעקטאָרען איז געוועזן דער דאַנטאָניסט באַראַס, דער קאָמאַנדיר פון דעם קאָנוועגט'ס אַנהענגער דעם 9 טערמידאָר און דעם 13 וואַנדעמיער (אויפשטאַנד פון דיא מאָנאַרכיסטען). נאָך איהם זיינען ערוועהלט געוואָרן פאַר דירעקטאָרען לאַרעוועליער-לעפאָ, רעוובעל, לעטורנויר און דער גלח סיעס. אָבער דער לעצטער, וועל־כער האט נאָך דעם 9 טערמידאָר אָנגעפאַנגען צו עפענען אַלץ מעהר זיין מויל און צו שפּילען אַלץ אַ גרעסערע ראָלע, האט זיך ענטזאָגט צו זיין דירעקטאָר, ווייל מען האט פערפאַסט דיא נייע קאָנ־סטיטוציאָן, וויא ער האט עס געוואָלט. דער קאָנוועגט האט דאָן אויף זיין פּלאַץ ערוועהלט דעם גענעראַלען מיליטערישען אָרגאַניזאַטאָר קאַרנאָ. דער שלויער און זעהר פעהיגער גלח סיעס האט זיך אָבער פערזאָרגט, דען ער האט אויסגעפיהרט מען זאָל איהם אויסקלייבען פאַר דעם געזאַנדטען אין פּרייסען.

דיא קאָנוועגטס-מיטגליעדער וואס זיינען געבליבען אויסערהאלב דעם נייעם פּאַרלאַמענט, זיינען פערזאָרגט געוואָרן מיט הויכע שטע־לען אין דער רעגירונג. איבערהויפּט האט דער קאָנוועגט געזוכט, אַז זיינע אַנהענגער זאָלען פערנעהמען דיא וויכטיגסטע און בעסטע עפענטליכע פּלעצער, אום פון איין זייט זיי צו בעלוינען פאַר זייער טרייהייט און פון דער אַנדער זייט אָנצוהאַלטען דיא רעפּובליק. דער קאָנוועגט האט אַלזאָ אַלץ בעהערשט גאַנץ פראַנקרייך, הגם ער האט זיך אויפגעלייזט. דיא מאָנאַרכיסטען זיינען אויסגעשלאָסען גע־וואָרן פון דער רעגירונג אויף דעם פאָרשלאַג פון טאַליען. אפילו דיא פערוואַנדטע פון עמיגראַנטען האבען ניט געטאָרט ווערן בעאַמטע פון דער רעפּובליק.

דיא וואַהלען פון דעם דריטעל מיטגליעדער פון נייעם פּאַרלאַ־מענט האבען יעדענפאַלס געצייגט, אַז ווען דער קאָנוועגט וואָלט ניט געהאַנדעלט אַזוי דיקטאַטאָריש, אום צו פערזיכערן דיא רעפּובליק און דיא נייע אָרדנונג, וועלכע איז געשאַפען געוואָרן דורך דיא רע־וואָלוציאָן, וואָלטען מאָנאַרכיסטען אויסגעוועהלט געוואָרן אין אַ גרויסע צאָהל דעפּאַרטאַמענטען.

די רעוואָלוציאָן איז סיי וויא סיי געווען געענדיגט, **דען דיא** קאָנוועטנס־מיטגליעדער איןביידע קאַמערן פון נייען פּאַרלאַמענט האבען אייגענטליך פאַרגעשטעלט דעם „זומפּף" פון דעם פריהער רעוואָלוציאָנערען קאָנוענט. דיא בעסטע און ראַדיקאַלסטע קרעפטע פון דעם קאָנווענט און פון דיא יאַקאָבינער זיינען געקעפּט געוואָרן, וויא מיר האבען עס געזעהען. אפילו דיא געבליבענע מאָנטאַניארען האבען שוין געזוכט נאר אָפּצוהאַלטען דעם רעוואָלוציאָנערען שטראָם און צו בעפעסטיגען דיא הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע אדער פון דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַסע.

אכטער קאַפּיטעל.

דיא פערדשווערונג פון גראַקכוס באַבעף.

טראָץ דעם פערלוסט פון זייערע בעסטע און פעהיגסטע פיה־רערס, טראָץ זייערע נידערלאַגעס אין דעם קאַמפּף מיט דיא טערמי־דאָריסטען און רעאַקציאָנערען, האבען דיא יאַקאָבינער נאָך ניט אויפגעגעבען זייער האָפנונג פאָרטצוזעצען דיא רעוואָלוציאָן אין דער־מאָקראַטישען זינען, נעמליך: אין דיא אינטערעסען פון גאַנצען ארבייטער־פאָלק. זיי האבען ניט געקענט פערטראָגען, וואס דיא פער־טרעטער פון דער בורזשואַזיע האבען פערכאַפּט דיא רעגירונגס־לייצעס און זיי האבען געזוכט ארויסצורייסען דיזע לייצעס און פיהרען דיא רעפּובליק צו גונסטען פון דעם גאַנצען פאָלק.

נאָך דער אונטערדריקונג פון דעם מאָנאַרכיסטישען אויפשטאַנד, ווען דער קאָנווענט האָט געמוזט אָנקומען צו זייער הילפע, וויא מיר האבען דאס געזעהן, האבען דיא יאַקאָבינער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האבען אויף זייערע געהיימע פערזאַמלונגען (דער קאָנווענט האט פערבאָטען אַלע פּאָליטישע קלובען און פערזאַמלונגען נאָך דער אונ־טערדריקונג פון יאַקאָבינער אויפשטאַנד) בעשפּראָכען פּלענער וויא צו דרייהען דיא ראָד פון דער רעוואָלוציאָן ווייטער פאָרויס. ווען זייער צאָהל איז פערשטאַרקט געוואָרן דורך דעם, וואס מען האט

ארויסגעלאָזען אַלע ארעסטירטע טעראָריסטען, בשעת דער קאָנווענט האט פאר זיין שליסונג בעגנאדיגט פּאָליטישע געפאנגענע, האבען די יאקאָבינער גערעכענט, אז זייער צייט איז געקומען צו שטירצען די דירעקטאָריום-רעגירונג, וועלכע איז נאך דערצו געווען א שוואכע צוליעב די אינערליכע שטרייטען און בעזאָנדערס צוליעב די גע־פעהרליך שלעכטע פינאנציעלע לאגע.

דער קורס פון די אסיגנאציעס איז געפאלען אזוי נידעריג, אז מען האט זיי אין האנד ניט געוועלט נעהמען. מען האט זיי ארויסגעלאָזען אין אונגעהייערע מאסען און אפילו איבערגעבאפּט די מאָס, וועלכע איז אזוי אויך געווען א צו ריזיגע. ווען מען האט גע־נומען מאכען אן אלגעמיינע רעכנונג פון די אָפּגעדרוקטע אסיגנא־ציעס, האט מען אויסגעפונען, אז זייער צאָהל איז געווען איבער 5000 מיליארדען! קיין וואונדער דארום, וואָס פאר איין זילבערנעם פראנק האט מען געגעבען 200 פראנק אין אסיגנאציעס. די דירעקטאָ־רען, בעזאָנדערס רעוובעל, וועלכער האט פערוואלטעט די פינאנצען, האבען זיך שטענדיג געבראָכען די קעפּ, וויא פּטור צו ווערן פון די אסיגנאציעס און צו שאפען מיטעל פיר די נויטיגסטע רעגירונגס־אויסגאבען, אָבער זיי האָבען זעהר ווייניג פערבעסערט די וויסטע פינאנציעלע לאגע אפילו דורך זייער בעסטען פאָרשלאג צו פערזעצען די נאציאָנאלע שטיקער לאנד און גיטער. יעדענפאלס האט מען געמוזט אויפהערען צו דרוקען נייע אסיגנאציעס. אום צו בערוהיגען דעם עולם, אז מען וועט שוין קיינע נייע אסיגנאציעס ניט ארויסלאָ־זען, האט מען דעם 21 פעברואר 1796 עפענטליך פערברענט די פרעסען און פלאטען פון דער אסיגנאציעס־פאבריק.

די יאקאָבינער און איבערהויפּט אַלע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען זיך פערבונדען מיט די עטליכע פערבליבענע מאָנטאניארען האבען זיך געוועלט בענוצען מיט די פינאנציעלע און אנדערע שווי־ריגקייטען פון דער רעפּובליק, אום צו צוציהען אויף זייער זייט די ארבייטער און צו שטירצען דעם דירעקטאָריום. אבער די ארבייטער פון די פאריזער פאָרשטעט האט מען שוין מיט קיינע פערשפּרעכונגען און אויפמונטערונגען ניט געקענט בעוועגען צו אן

אויפשטאַנד. זיי האבען געזעהען, אז אַלע ענדערונגען און אויפ־שטאַנדען האבען ניט פערבעסערט זייער לאַגע און אפילו ניט ער־לייכטערט זייער הונגער־נויט, און זיי האבען פערלאָרען יעדע האָפנונג עפּעס צו געווינען דורך אַן אויפשטאַנד צו גונסטען פון איין פּאַרטיי געגען דיא אַנדערע. קיין פּאַרטיי האט דארום ניט געקענט מאַכען צו יענער צייט אַן אָפענעם אויפשטאַנד. ווען דיא יאַקאָבינער האבען זיך איבערצייגט, אַז זיי קענען ניט רעכענען אויף דער הילפע פון דיא אַרבייטער־מאַסען אין אַ בעוואָפענטען שטראַסען־קאַמפּף האבען זיי זיך גענומען צו מאַכען פערשווערונגען, אום פּלוצלונג צו בעפאַלען דיא רעגירונג און איהר צו שטירצען.

דיא ערשטע און וויכטיגסטע פון דיזע פערשווערונגען איז אָר־גאַניזירט געוואָרן פון דיא פייערדיגע רעוואָלוציאָנערען באַבעף, דרוע און דאַרטהע. זיא טראָגט אין דער געשיכטע דעם נאָמען „פערשווער־רונג פון באַבעף", וויל דיזער טיעפער דיינקער און פעהיגער שרייבער איז געוועזן דער גייסטיגער פיהרער פון אַ סך רעוואָלוציאָנערען אין דער צייט.

נאָך דעם 9 טערמידאָר האט מען איהם אריינגעזעצט אין געפענגניס אלס אַ הייסען טעראָריסט. אין געפענגניס האט ער זיך בעד־זאַנדערס בעפריינדעט מיט דעם איטאַליענער בואָנאַראָטי, אַ פריינד פון ראָבעספּיער, און מיט דאַרטהע, וועלכער איז געוועזן אַ סעקרעטער פון דעם הינגעריכטעטען גרויזאַמען קאָנווענטס־קאָמיסאַר לעבאָן. דיזע דריי ענערגישע מענער, וועלכע האבען געטרוימט וועגען אַזאַ געזעלשאַפטליכע סיסטעם, אין וועלכער אַלע בירגער זאָלען אויך זיין עקאָנאָמיש גלייך, (דאָס הייסט עס זאָלען ניט זיין קיין אָרים און רייך)—פּלעגען אָפט רעדען צווישען זיך וועגען דיא מיטעל, וויא צו פערבעסערן דיא לאַגע פון אַרבייטער און איינצופיהרען גלייכהייט אין דער געזעלשאַפט.

ווען זיי זיינען פריינעלאָזען געוואָרען צוזאַמען מיט אַנדערע יאַקאָ־בינער, האט באַבעף געגרינדעט אַ צייטונג אונטער דעם נאָמען „דער פאָלקס־טריבון" און האט אָנגעפאַנגען אַלץ שאַרפער צו אַטאַקירען דיא דירעקטאָריום־רעגירונג און צו קריטיקירען דיא קאַפּיטאַליסטישע

געזעלשאַפטליכע סיסטעם. אַלץ העכער האט ער פערלאַנגט עקאָנאָמישע גלייכהייט. זיינע אַרטיקלען האט ער אונטערשריבען קאַיוס גראַקכוס*) באַבעף, אום דערמיט אָנצוצייגען, אַז ער וויל בעשיצען די אינטערעסען פון אַרבייטער־פאָלק געגען דיא בורזשואַזיע. אין אַלגעמיינען האט ער אָנגעפאַנגען צו פּרעדיגען קאָמוניזמוס.

ער האט שנעל צוגעצויגען צו זיך אַלע רעוואָלוציאָנערען, אַלע פערבליבענע אָנהענגער פון מאַראַט, ראָבעספּיער און העבערט, אַלע דיא יעניגע, וועלכע זיינען געוועזן אונצופריערען מיט דער בורזשואַזער רעגירונג און האבען געטרוימט וועגען אַ מעהר אדער וועניגער קאָמוניסטישע געזעלשאַפט. זייערע געגנער האבען אַלע דיזע אונצופריעדענע גערופען יאַקאָבינער אָדער „אויסגלייכער“.

זיי האָבען געגרינדעט אַ קלוב און פלעגען אָפּהאַלטען זייערע פערזאַמלונגען אין פּאַנטהעאָן. דיזער קלוב איז בעשטאַנען פון אַ 4.000 מיטגליעדער און איז געוועזן דער צענטראַל־פּונקט פון אַלע יאַקאָבינער. דאַרטהע און אַנדערע רעדנער פלעגען אָנצייגען אויף דיא אונגלייכהייט פון דער נייער געזעלשאַפט, פלעגען שילדערן דעם לוקסוס־לעבען פון דיא רייכע און דעם עלענד פון דיא אָרימע קלאַסען. באַבעף פלעגט דאס זעלבע טאָן אין זיין „פּאָלקס־טריבון“. קורץ, זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו שטעלען סאָציאַליסטישע פאָרדערונגען, ווייל זיי האבען דערזעהען, אַז מיט פּאָליטישע פרייהייטען און מיט גלייכהייט פאַר'ן געזעץ ווערט נאָך דיא אַרמוטה ניט אָפּגעשאַפט. דיא אַנהענגער פון באַבעף קענען דאַרום גערעכענט ווערן פאַר דיא ערשטע סאָציאַליסטען אין פראַנקרייך.

דיא דירעקטאָריום־רעגירונג האט אָנגעשטעלט אַ סך שפּיאָנען צו בעוואַכען דיא מיטגליעדער פון דעם פּאַנטעאָן־קלוב. אַזוי וויא

---

*) איינער פון דיא צוויי בעריהמטע ברידער אין אַלטען רוים, וועלכע זיינען אַרויסגעטראָטען געגען דיא רייכע אדער פּאַטריציער און האבען פערלאַנגט לאַנד און גלייכהייט פאַר דיא אַרימע אָדער פּלעבעיער. דער עלטערער ברודער, טיבעריוס גראַקכוס, איז געטויטעט געוואָרן פון דיא רייכע אין 133־טען יאָהר פאַר דיא קריסטליכע צייטרעכנונג.

באבעף׳ס קאָמוניסטישע פאָרדערונגען האבען אָנגעפאנגען אביסעל אויפצואוועקען דיא אויפגעקלערטע ארבייטער פון דיא פאָרשטעט, האט דיא רעגירונג געזוכט צו בערוהיגען דיא הונגערנדע מאסען דורך א פערטהיילונג פון ברויט און פלייש. ווען דאס איז איהר געלונגען, האט זיא זיך בענוצט דערמיט אום צו פערמאכען דעם פאנטהעאָן־קלוב. אלס תירוץ האט געדיענט א העפטיגע רעוואָלוציאָנערע רעדע פון דארטהע אין דיזען קלוב. דער דירעקטאָר באראס, וועלכער האט יעצט געפיהרט דיא רעדעל, האט געשיקט נאפאָלעאָן באָנאַ־פארטע, ווען ער האט געשטיצט, אום צו האבען אויף זיין זייט אזא גוטען קריעגס־פיהרער, אויסצופיהרען דעם בעפעהל צו צושליסען דעם נייעם יאקאָבינער קלוב.

דיא מיטגליעדער פון דעם פאנטהעאָן־קלוב האבען דאן אָנגעפאנגען צו פערזאמלען זיך אין געהיים און צו אָרגאניזירען זיך שטילערהייט צו אן אויפשטאנד. באבעף, וועלכער איז פערפאָלגט געוואָרן פון דער פאָליציי אזוי וויא אמאָל מאראט, פלעגט ארויסגע־בען זיין צייטונג אין פערבאָרגענע ערטער. אין זיינע ארטיקלען האט ער אלץ ווייטער און קלאָרער ענטוויקעלט זיין פלאן פון א קאָמו־ניסטישע געזעלשאפט. ער האט פערלאנגט, אז דיא ערד זאָל זיין א נאציאָנאלעם אייגענטהום און ניט אָפגעגעבען ווערן צו פריוואט־בעזיצער, אז מען זאָל אָפשאפען דאס ירושה־רעכט, אז אַ״ע זאָלען ערצויגען ווערן אויף שטאאטס־קאָסטען, אז אלע זאָלען ארבייטען נאך זייערע קרעפטע און קריעגען לעבענסמיטעל נאך זייערע בעדירפניסע, אז א פוילענצער זאָל געצוואונגען זיין צו ארבייטען, אז געלט זאָל אָפגעשאפט ווערן, אז דער האנדעל זאָל געפיהרט ווערן פון דער רע־גירונג א. ז. וו.

דאָ איז ניט דער אָרט זיך אָפצושטעלען אויף באבעף׳ס קאָמו־ניסטישע סיסטעם—דער לעזער קען געפינען וועגען דעם ערקלערונגען אין א געשיכטע פון סאָציאליזמוס. נאר וואס מען זאל ניט זאָגען וועגען דיזע סיסטעם, זיכער איז עס יעדענפאלס, אז איהר פערפאסער איז געווען א טיעפער דענקער מיט אן עדעלע הארץ. ער האט זיך אבער ניט בעגנוגענט מיט פרעדיגען אליין, דען ער איז אויך געווען א

פייערדיגער רעוואָלוציאָנער. ער האט דארום געזוכט צו פערווירקליכען זיינע געדאנקען דורך אַן אויפשטאנד.

ביסלעכוויז האט ער זיך פערבונדען מיט די הייסעסטע מאָנטאַניארען, אום צו שטירצען די רעגירונג, אזעלכע וויא אַמאַר, וואַדיע, לינדע און בעזאָנדערס דרוע, דער געוועזענער פּאָסטמאַסטער, וועלכער האט ניט דערלאָזען דעם קעניג אַנטלויפען נאך ווארען און איז נאך דעם 9-טערמידאָר פערבליבען אזא פייערדיגער רעוואָלוציאָנער, וויא אין דער צייט, ווען ער האט פערהאַלטען דעם קעניג. אזוי וויא באַבעף, בואָנאראָטי און דארטהע זיינען געוועזען פערעהרער פון ראָבעספּיער און אזוי וויא וואַדיע, אַמאַר און עטליכע מאָנטאַניארען האבען זעהר פיעל מיטגעהאָלפען צו שטירצען ראָבעספּיער׳ן, איז זייער פעראייניגונג אָנפאַנגס צוגעגאַנגען לאַנגזאַם. אויף די פערזאַמלונגען פון די פערשווערער האט מען זעהר אָפט בעקלאָגט דעם טויט פון מאראַט, ראָבעספּיער און סען־זשוסט.

אבער וויא נאר באַבעף האט זיך פעראייניגט מיט די מאָנטאַניארען, האט מען גלייך אויסגעארבייט א פּלאַן פון אַן אויפשטאנד. די פערשווערער האבען געוועלט אויפהייבען די ארבייטער פון די פּאָרשטעט, צוציהען צו זיך וויינינגסטענס א טהייל פון די בעוואָפענטע סעקציאָנען און אין א בעשטימטען טאָג בעפאַלען דעם דירעקטאָריום און ביידע קאַמערן פון נייעם פּאַרלאַמענט, אום זיי צו פעריאָגען און צוזאַמענצושטעלען א נייעם קאָנווענט, וועלכער האט געזאָלט בעשטיין פון די נאך געבליבענע 68 מאָנטאַניארען צוזאַמען מיט איין רעוואָלוציאָנערען פערטרעטער פון יעדען דעפּאַרטאַמענט. דיזער דיקטאַטאָרישער קאָנווענט האט געזאָלט גלייך איינפיהרען די קאָנסטיטוציאָן פון 1793 יאהר און ערקלערן די גיטער פון די אַנטלאָפענע מאָנאַרכיסטען פאַר נאַציאָנאַלעם אייגענטהום. „די קאָנסטיטוציאָן פון 1793! גלייכהייט! געמיינשאַפטליכעס גליק!“—דאס זיינען געוועזען די הויפּט־פּאָרדערונגען פון די פערשווערער. דורך דיזע פּאָרדערונגען האבען זיי גערעכענט צו קריעגען די שטיצע פון די ארבייטער־מאַסען.

די פערשווערער האבען אויך געהאט אַנהענגער אין די דעפּאַרטאַמענטען; אבער זיי האבען קיין צייט ניט געהאט זיך ווייטער צו אָרגאַניזירען, דען זיי זיינען פעררואַטען געוואָרן פון אַ פּאָר פאַלשע אַנהענגער. מיט דיזער פערשווערונג האט געטראָפען דאס זעלבע וואס מיט די מייסטע אַנדערע פערשווערונגען—זיא איז אויפגעדעקט געוואָרן דורך מיטגליעדער, וועלכע זיינען געווען שפּיאָנען. אַ געוויסער קאַפּיטאַן גריזעל האט געוואונען דעם צוטרויען פון די פערשווערער דורך זיינע רעוואָלוציאָנערע רעדען און שריפטען. ווען עס איז געקו־מען די צייט אויסצופיהרען דעם פּלאַן פון די פערשווערער, האט גריזעל מיטגעטהיילט אַלע איינצעלהייטען דעם דירעקטאָר קאַרנאָ. באַראַס, וועלכער האט אָנפאַנגס אַליין געהאט פערבינדונגען מיט די פערשווערער—מען רעכענט אַז דיזער זעהר פערדאָרבענער אינטריגאַנט האט עס געטאָן, אום צו זיין געזיכערט אין פאַל די פערשווערונג וועט געלינגען—האט געהאט זיינע שפּיאָנען צווישען די פערשווערער. ווען קאַרנאָ האט זיך דערוואוסט פון דער פערשווערונג, איז ער זעהר אין כעס געוואָרן, ווייל ער האט גערעכענט, אַז די פערשווע־רער האבען זיך געקליבען צו ערמאָרדען אַלע דירעקטאָרען.

גריזעל האט אויך אָנגעצייגט, וואו מען קען געפינען באַבעף׳ן, און דעם 10 מאי 1796 האט די פּאָליציי אַרעסטירט באַבעף׳ן צוזאמען מיט בואָנאַראָטי אין דער הויז פון אַ שטאָלער. פיעלע דאָקומענטען זיינען אַריינגעפאַלען אין די הענד פון דער פּאָליציי, וועלכע האט זיך באַלד בענוצט דערמיט צו אַרעסטירען אַ סך פער־שווערער. 65 פון זיי זיינען איבערגעגעבען געוואָרן צום הויכען גע־ריכט אין וואַנדאָם צוליעב דרוע, וועלכער איז געווען אַ מיטגליעד פון דעם 500־ראטה (נאך דער קאָנסטיטוציאָן האט מען ניט געטאָרט משפּט׳ן אַ דעפּוטאַט אין פּאַריז). אויסערדעם האט טאַקע די רעגירונג מורא געהאט צו פּראָצעסירען די אַרעסטירטע אין פּאַריז, ווייל זיי האבען געהאט אַ סך אַנהענגער און פריינד. נאר דרוע איז נאך אַלעם גאָר ניט אוועקגעפיהרט געוואָרן נאך וואַנדאָם, דען מען האט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו אַנטלויפען. די דירעקטאָ־רען האבען ניט געוועלט, אַז מען זאל פעראורטהיילען צום טויט

דעם זעלבען רעוואָלוציאָנער וואס האט פעהאַלטען דעם קעניג, און זיי האבען איהם דארום געלאָזען מאכען א פליטה.

דער פראָצעס פון דיא באבעפיסטען האט זיך געצויגען זעהר לאנג, כמעט א יאָהר. דיא פערשווערער, וואס זיינען געבליבען אין דער פרייהייט, האבען דעם 9 סעפטעמבער 1796 פּרובירט אָנפאנגען דעם געפּלאַנטען אויפשטאַנד. זייער צוועק איז געווען אריבערצוציהען אויף זייער זייט דיא סאָלדאטען, וועלכע האבען געלאגערט אין דער פאריזער פאָרשטאָט גרענעל. א 700 שלעכט בעוואפענטע רעוואָלוציאָנערען, אָנגעפיהרט פון דרועט און אַנדערע צוויי קאָנווענט־מיטגליעדער, האבען זיך אבענדס א לאָז געטאָן צום לאגער מיט געשרייען: „עס לעבע דיא רעפּובליק! עס לעבע דיא קאָנסטיטוציאָן פון 1793!“ אום צו שליסען ברודערשאפט מיט דיא סאָלדאטען, האבען דיא רעוואָלוציאָנערען מיטגענומען שפּייז און וויין פאר דיא סאָלדאטען. נאר דער קאָמאנדיר מאלאָ האט גלייך בעפוילען דיא סאָלדאטען צו פעריאָגען דיא רעוואָלוציאָנערען. דיא קאוואלעריע האט געפאָלגט דיזען בעפעהל. עטליכע רעוואָלוציאָנערען זיינען דאָן פערוואונדעט געוואָרן, 132 זיינען געפאנגען געוואָרן, דיא איבעריגע זיינען זיך צו־לאָפען. דיא געפאנגענע זיינען באלד איבערגעגעבען געוואָרן צו א מיליטער־געריכט, וועלכער האט שנעל פעראורטהיילט 86 פּערזאָן, דארונטער 31 צום טויט דורך דערשיסען. צווישען דיא דערשאָסענע זיינען געווען דיא דריי קאָנווענטס־מיטגליעדער קוסע, זשאוואָג און הוגעט (א ביסקופּ). דרועט האט זיך ווידער ארויסגעדרייהט דורך אנטלויפען.

אין פעברואר 1797 האט זיך געענדיגט דער פּראָצעס פון באבעף און זיינע אָנהענגער. יעדעס מאָל וואָס מען פלעגט ברייננגען דיא אָנגעקלאָגטע אין געריכט, פלעגען זיי זינגען דיא מארסעליעזע. געגען פיעלע פון זיי האט מען גאָר קיינע בעווייזע ניט געהאט און מען האט זיי דארום פריי געשפּראָכען. דיא קלאגע אין א פערשווערונג צו שטירצען דיא דירעקטאָריום־רעגירונג איז צוריקגעוויזען געוואָרן פון דיא געשוואָרענע. אבער דיא קלאגע אין א פערשווערונג איינצופיהרען דיא קאָנסטיטוציאָן פון 1793 און פאָלגליך צו פערניכטען „דיא קאָנ־

סטיטוציאָן פון דריטען יאָהר פון דער רעפובליק" איז אנערקענט גע־וואָרן. דארום האט דער געריכט פעראורטהיילט גראקכוס באבעף און בארטהע צום טויט און בואָנאראָטי און 6 אנדערע צו פערשיקונג.

ווען דער טויט־אורטהייל איז אויסגעשפראָכען געוואָרן, איז באבעף'ס 11־יעהריגער זוהן צוגעלאָפען צו זיין פאָטער איהם ארומ־צונעהמען. שטילערהייט האט דער אינגעל דערלאנגט זיין פאָטער און דארטהע שפּיזען.ביידע האבען זיך גלייך געשטאָכען; אָבער זיי האבען זיך בלויז פערוואונדעט. מען האט געלאָזען דיא שפּיזען אין זייערע וואונדען, אום צו פערלענגערן זייערע שמערצען. ווען מען האט זיי אויף מאָרגען געפיהרט צו דער גיליאָטינע, האבען נאך דיזע געפיינינגטע פאָלקס־קעמפּפער גע'גוסס'ט... זייערע קערפּערס האט מען ארויסגעשליידערט אויף א פעלד אזוי וויא גע'פּגר'טע חיות... זיי זיינען דאָרטען געלעגען ביז עטליכע בויערן האבען אוים מיטלייד בעדעקט זייערע קערפּערס מיט ערד.

אזוי האבען געענדיגט זייער לעבען צוויי העלדענמוטהיגע פאָלקס־קעמפּפער, וועלכע האבען געוועלט העלפען דיא ארבייטער־מאסען ניט מיט פיינע רייד, נאָר מיט טיעפע ענדערונגען אין דער גאנצער אָרגאניזאציאָן פון דער געזעלשאפט, וואס איז געשאפען געוואָרן דורך דיא גרויסע רעוואָלוציאָן. דיא הערשענדע בורזשואזיע האט זיך דערשראָקען פאר דיא קאָמוניסטישע פאָדערונגען פון באבעף'ס אנהענגער. דארום האט מען דעם גרויסען דענקער באבעף ניט נאָר געלאָזט זיך מאטערן פאר'ן טויט, זאָנדערן אויך געזוכט אויסצולאכען און צו בעשמוצען נאך זיין הינריכטונג.

ניינטער קאפיטעל.

ענדע פון וואנדעיער בירגערקריעג און דיא מלחמה מיט עסטרייך.

דיא דירעקטאָריום-רעגירונג האט אויך געהאט צו אונטערדריקען מאָנארכיסטישע אויפשטאנדען. אין וואנדעי האט זיך ווידער אָנגעפאנגען א בירגער-קריעג. דיא בויערן האבען זיך ווידער גענומען צו געוועהר אונטער דער פיהרונג פון זייערע הויפט-גענעראלען שארעט און סטאָפלע, וועלכע האבען געבראָכען זייער פריעדענס-אָפמאך מיט דער רעפובליק נאָך דער נידערלאגע פון דיא מאָנארכיסטען אין קווי־בעראָן. נאר דיזעס מאָל זיינען זיי שנעל צוקלאפט געוואָרען אויף אַלע פונקטען פון דעם גלענצענדען גענעראל האָש, וועלכער האט צו גלייכער צייט געזוכט צו האנדלען מיט גוטען וויא ווייט עס האט זיך געלאָזען. ער האט אויסגעמיידעט אומזיסטע בלוטפערגיסונגען און האט ניט פערוויסטעט דיא געגענדען, וויא דיא פריהערע רעפובליקאנישע גענעראלען.

קורץ, האָש איז אויך געווען א קלוגער דיפּלאָמאט און שטאאטס־מאן, דארום איז איהם געלונגען ווירקליך צו מאבען א סוף פון דעם לאנגען און שרעקליכען אויפשטאנד אין וואנדעי. דורך זיין גוטהערציגקייט און טאָלעראנץ האט ער זאָגאר אויסגעפיהרט, אז א טהייל פון דיא גלחים, וועלכע האבען געהאט אן אונגעהייערן איינפלוס אויף דיא בויערן, זאָלען איהם העלפען איינצופיהרען פריעדען. דיא אָב־טהיילונגען פון דיא קעמפפענדע בויערן האט ער דורך זיינע מיליטערישע פּלענער אָפּגעזונדערט און שנעל בעזיעגט. גענעראל סטאָפלע איז אריינגעפאלען אין זיינע הענט אין פעברואר 1796 און איז דערשאָסען געוואָרן אין דער שטאָט אנזשער. גענעראל שארעט איז געפאנגען געוואָרן דעם נעכסטען מאָנאט און איז דערשאָסען געוואָרן אין נאנט. ביי זיין הינריכטונג האט דיזער פייערדיגער מאָנארכיסטישער גענעראל ארויסגעצייגט א זעלטענעם מוטה אפילו אין יענע צייטען,

ווען אלע זיינען אזוי מוטהיג געשטארבען. ער האט אליין קאמאנדירט דיא סאלדאטען אויף איהם אויסצופייערן. גענעראל האש האט ניט דערלאזען מעהר הינריכטונגען, און דער אויפשטאנד איז אבגעשטאר־בען נאך דעם טויט פון דיא פיהרערס. אין יולי 1796 האבען דיא דירעקטארען אפיציעל ערקלערט אין פארלאמענט, אז דער בירגער־קריעג איז צו ענדע אין וואנדעי. דיא פאנאטישע בויערן האבען אבער נאך לאנג געטראגען א האס געגען דיא רעפובליק.

ניט אכטענדיג אויף זייער נידערלאגע אין וואנדעי, האבען דיא מאנארכיסטען ניט נאר ארגאניזירט געהיימע געזעלשאפטען אין פיעלע פראווינצען, בעזאנדערס אין זיד־פראנקרייך, מיט דעם צוועק צו שטירצען דיא רעפובליק, זאנדערן האבען אויך פרובירט מאכען אן אויפ־שטאנד אין פאריז זעלבסט. דיא ברידער פון דעם גיליאטינירטען קעניג האבען אנגעהאלטען זייערע אגענטען, וועלכע האבען אויך געזוכט אונטערצוקויפען גענעראלען פון דיא רעפובליקאנער ארמעען. דריי פון דיזע אגענטען האבען אויסגעארבייט א גאנצען פלאן פון אן אויפ־שטאנד געגען דירעקטאריום. צוערשט האבען זיי געוועלט געווינען אייף זייער זייט 12.000 סאלדאטען, וועלכע האבען געלאגערט אין סאבלאן. דיינקענדיג אז דער קאמאנדיר מאלא איז א מאנארכיסט, ווייל ער האט פעריאגט דיא יאקאבינער פון גרענעל - פלאץ, האבען זיי זיך געוועדעט צו איהם און האבען איהם איבערגעגעבען זייער פלאן. ער האט זיי געמאכט אזוי וויא ער סימפאטיזירט מיט זייער פלאן און האט זיך איינגעלאדען אין זיין וואהנונג, וואו געהיימע פא־ליציי־אגענטען האבען אלעם געקענט הערען. דיא דריי מאנארכיסטישע פערשווערער האט מען גלייך ארעסטירט און נאכטער פראצעסירט אין א מיליטער־געריכט; אבער מען האט זיי בלויז פעראורטהיילט צו 10 יאהר געפענגניס. דא האבען דיא נייע הערשער, וועלכע האבען נאך געשפיעלט דיא ראלע פון רעפובליקאנער, אפען ארויסגע־וויזען, אז זיי האבען ערגער און גרויזאמער פערפאלגט אמת'ע דע־מאקראטען, וויא מאנארכיסטען. דיא יאקאבינער האט מען הינגע־ריכטעט און דיא מאנארכיסטען געשיקט אין געפענגניס פאר דעם זעלבען פערברעכען.

עס איז שווער צו זאָגען, אויב דיא דירעקטאָריום־רעגירונג, וועל־בע האט געהאט אזוי פיעל געגנער פון אלע זייטען און איז יעדענפאלס געווען פעראכטעט, וואָלט זיך געקענט אָנהאלטען אפילו עטליכע מאָנאט, ווען ניט דיא זיעגען פון דיא ארמעען. מען האט באלד דערפיהלט דיא האנד פון דעם געניאלען קארנאָ אין דער אָרגאניזא־ציאָן פון דיא רעפובליקאנישע ארמעען. אין דירעקטאריום, אזוי גוט וויא אין קאָמיטעט פון עפענטליכע רעטונג, האט ער זיך כמעט אויסשליסליך אָפּגעגעבען מיט מיליטערישע אנגעלעגענהייטען.

אין 1796 יאהר איז דיא מלחמה ספּעציעל געפיהרט געוואָרן מיט עסטרייך, וועלכע איז דאן געווען דיא גרעסטע מאכט אין אוי־ראָפּאַ און האט אויך בעזעסען א גרויסען טהייל פון איטאליען. דער עסטרייכער קעניג איז געווען דער קייזער פון דייטשלאנד און האט דארום געקענט צושטעלען ריזיגע ארמעען. אום צו בעקעמפּפען דיזע גרויסע מאכט האט קארנאָ אָרגאניזירט דריי מעכטיגע ארמעען. איינע פון זיי איז געווען אונטער דער קאָמאנדע פון גענעראל זשור־דאן, דיא צווייטע אונטער דער קאָמאנדע פון גענעראל מאָראָ און דיא דריטע אונטער דער קאָמאנדע פון גענעראל נאפּאָלעאָן באָנאַ־פּארטע. דיא ערשטע צוויי ארמעען האבען געזאָלט זיך אריינרייסען אין דייטשלאנד אין נאָרד און אין זידען און צוקומען ביז צו וויען, דיא דריטע האט געזאָלט בעפרייען דיא איטאליענישע פּראָווינצען פון עסטרייכער יאָך.

מיר קענען זיך דאָ ניט אָפּגעבען מיט א בעשרייבונג פון דיא פער־שיעדענע שלאכטען, וואס זיינען געפיהרט געוואָרען אין 1796 און שפּעטער ביז נאפּאָלעאָן איז אראָפּגעזעצט געוואָרן פון זיין טראָן און פערשיקט געוואָרן אויף דעם אינזעל סענט־העלענא—דאָס וואלט אונז פערפיהרט אין צו ווייטע און אויך אין זייטיגע דרכים. מיר וועלען דארום נור בעמערקען, אז אלע דריי פראנצויזישע ארמעען האבען בעוויזען וואונ־דער אין אלע שלאכטען, אפילו ווען זיי האבען ניט געזיעגט. גראדע דער ריקצוג פון מאָראָ'ס ארמעע, נאכדעם וויא זשורדאן'ס ארמעע איז בעזיעגט געוואָרן פון דיא עסטרייכער לעבען אמבערג, ווערט בעוואונדערט אין דער מיליטערישער געשיכטע.

נאר ביידע ארמעען אין דייטשלאנד האבען אויך געליטען ני־דערלאגען און האבען שליסליך געמוזט צוריקטרעטען צום רהיין, וועהרענד דיא ארמעע אין איטאליען האט געהאלטען אין איין זיעגען. „דער קליינער קארפאראל“, וויא דיא סאלדאטען האבען גערופען גענעראל נאפאלעאן באנאפארטע, האט צוקלאפט איין עסטרייכער ארמעע נאך דיא אנדערע און ארויסגעוויזען אין אלע שלאכטען אזא גרויסען מיליטערישען זשעניע, דאס דיא גאנצע וועלט איז ערשטוינט געוואָרן. אין פראנקרייך האט מען איהם ביסלעכווייז אנגעפאנגען צו פערגעטערן, ווען מען האט געקראגען בעריכטען פון זיינע גלענ־צענדע זיעגען.

צעהנטער קאפיטעל.

נאפאלעאן באנאפארטע אין איטאליען.

דיא קאמאנדע איבער דער איטאליענישער ארמעע האט נא־פאלעאן געקראגען דורך דיא שטיצע פון דעם דירעקטאר באראס, וועלכער האט איהם געוועלט בעלוינען פאר דיא אונטערדריקונג פון דעם מאנארכיסטישען אויפשטאנד דעם 13 וואנדעמיער (4 אקטאָ־בער 1795). דיא שעהנע קרעאלין זשאזעפינע, דיא אלמנה פון דעם גי־ליאָטינירטען גענעראל באהארנע, אין וועלכער נאפאלעאן האט זיך פערליעבט מיט זיין גאנצע יוגענדליכע ליידענשאפט און מיט וועלכער ער האט חתונה געהאט, איז געוועזן א פריינדין פון באראס. אין דער צייט האט זיך באראס געווים ניט פארגעשטעלט, אז דער קליינער יונגער גענעראל וועט איהם אראפזעצען און אז זיין שעהנע פריינדין וועט ווערן דיא קייזערין פון פריינקרייך. אום איהר צוליעב צו טאָן, האט באראס אויסגעפיהרט, אז זיא זאָל קענען דערלאנגען אלס איהר נדן נאפאלעאנען דעם בעפעהל פון דיא דירעקטארס וועגען זיין קאמאנדע איבער דער ארמעע אין איטאליען, וויא דער צוקינפטיגער אימפעראטאר האט עס הייס געוואונשען.

דיא פראנצויזישע ארמעע אין איטאליען, וועלכע האט זיך גע־פונען אין א קלעגליכען צושטאנד, ווייל דיא סאָלדאטען האבען אפילו ניט געקראָגען גענוג שפייז, איז גלייך אויפגעמונטערט און אויפגעלעבט געוואָרן, וויא נאר נאפּאָלעאָן באָנאפּארטע איז אָנגעקומען און האט אַרויסגעוויזען זיין פייערדיגע ענערגיע. דער „קליינער קארפּאָ־ראל" האט צוגעצויגען צו זיך דיא סאָלדאטען וויא מיט א מאגנעט, און זיי זיינען נעגאנגען פאר איהם אין פייער און אין וואסער. ער האט פערשטאנען, וויא זיי צו בעגייסטערן. אויך האט ער גוט געזאָרגט, אז זיי זאָלען האבען אלעס נייטיגעס און זאָלען זיין צו־פריעדען. אזוי וויא פון דיא דירעקטאָרס האט ער ניט געקענט קריעגען א גראָשען—ער האט גוט געוואוסט, אז ניט נאר האט ער ניט צו ערווארטען געהאלט פון פראנקרייך, נאר דארף נאך צושיקע דיא דירעקטאָרס וואס מעהר קאָנטריבוציע—האט ער איינפאך ערנעהרט זיין ארמעע אויף דער רעכנונג פון דיא שונאים און פון דיא איינ־וואָהנער אין דיא איינגענומענע לענדער.

א טהייל פון זיין ערשטען צורוף צו זיינע סאָלדאטען האט געלויטעט אזוי: „סאָלדאטען, איהר זייט שלעכט ערנעהרט און זייט במעט נאקעט. דיא רעגירונג איז אייך שולדיג א סך, אבער זיא קען פאר אייך יעצט גאָר ניט טאָן. אייער געדולד און אייער מוטה פערשאפען אייך עהרע, אבער זיי ברייגגען אייך קיין נוצען און קיין שם. איך וויל אייך פיהרען אין דיא פרוכטבארסטע לענדער פון דער וועלט. איהר וועט קומען אין גרויסע שטעט און רייכע פּראָ־ווינצען. איהר וועט דאָרט געפינען ניט בלויז עהרע, זאָנדערן אויך רייכטהימער".

דיזע פערשפּרעכונגען אויף רייכטהימער האבען געמאכט דיא גרעסטע ווירקונג אויף דיא אָפיצירען און סאָלדאטען, ביי וועלכע דער פריהערער רעוואָלוציאָנערער ענטהוזיאזמוס פאר פרייהייט און גלייכ־הייט איז שוין אויסגעוועבט געוואָרן אזוי וויא אין פראנקרייך גופא. זיי זיינען יעצט געקראָכען אין פייער אונטער נאפּאָלעאָן'ס קאָמאנדע ניט צו בעפרייען אנדערע פעלקער, נאָר צו געווינען עהרע און רייכטהום. וויא נאָר נאפּאָלעאָן האט געבראכט זיין ארמעע פון 50 טויזענד

מאַן אין אָרדנונג, האט ער דורך געשיקטע מאַנעוורען אָפּגעטהיילט דיא עסטרייכער אַרמעע פון דער סאַרדיניער און האט זייביידע צור־קלאַפּט און פעריאָגט. דיא ערשטע אין דער שלאַכט לעבען מאָנטענאָטע, דיא אַנדערע לעבען מאָנדאָווי. נאַפּאָלעאָן׳ס זיעג איז געווען אַזאַ ענטשיעדענער, דאַס אַמאַדעוס דער צווייטער, קעניג פון סאַרדיניען און פּיעמאָנט, האט זיך דערשראָקען און געבעטען פריעדען. נאַפּאָלעאָן האט עס איהם בעווילִיגט, אָבער נאר מיט דיא בעדינגונגען, אַז דיא פּראָווינצען סאַוואָאַ און ניצאַ זאָלען געהערען צו פראַנקרייך, אַז דיא פראַנצויזישע עמיגראַנטען זאָלען פעריאָגט ווערן און דיא פּיעמאָנטער פרייהייטס־קעמפּפער זאָלען בעגנאַדיגט ווערן.

פּיעלע אַנדערע איטאַליענישע פירסטען האבען באַלד געפאָלגט דעם ביישפּיעל פון דעם פּיעמאָנטער קעניג און האבען אויך גענומען שליסען פריעדען מיט דיא זיעגרייכע פראַנצויזען. אפילו דער פּאַפּסט האט געמוזט בעטען פריעדען. נאַפּאָלעאָן, וועלכער איז אויך געווען אַ גוטער דיפּלאָמאַט, האט גערן געשלאָסען פריעדען מיט אַלעמען, וועלכע האָבען עס געוועלט; נאר ער האט עס ניט געטאָן אומזיסט. ער האט זיך געלאָזט זעהר טהייער בעצאָהלען. ער האָט ניט נאר געפאָדערט און געקראָגען מיליאָנען קאָנטריבוציע, וועלכע האבען גערעטעט דיא דירעקטאָריום־רעגיערונג פון באַנקראָט, זאָנדערן האט אויך גענומען פּראָוויאַנט פאַר זיין אַרמעע און קונסטווערק פאַר דיא פראַנצויזישע מוזעומען. אין דיא קונסט־גאַלערעען פון דיא איטאַליענישע שטעט פלעגט ער זיך אויסקלייבען טייערע בילדער און סטאַטועען און זיי שיקען נאך פּאַריז, אום דערמיט צו קיצלען דעם עהרגייץ פון דיא פראַנצויזען און זיך און זיין אַרמעע צו פערשאַפען אַ גרויסען נאָמען. דער פּאַפּסט האט געמוזט בעצאָהלען אַ גרעסערע קאָנטריבוציע, וויא דיא אַנדערע פירסטען און רעפּובליקען פון איטאַליען, נעמליך: 20 מיליאָן פראַנק, 100 פּראַכטפאָלע בילדער און סטאַטועען און 500 אַלטע מאַנוסקריפּטען פון דער ביבליאָטהעק אין וואַטיקאַן. דער הערצאָג פון מאָדענאַ האט געמוזט בעצאָהלען 10 מיליאָן פראַנק און 20 בילדער, דער הערצאָג פון פּאַרמאַ—4 מיליאָן פראַנק און 20 בילדער, דיא רעפּובליק גענואַ—4 מיליאָן פראַנק א. ז. וו.

וויא נאָר נאַפּאָלעאָן האט געשלאָסען פריעדען מיט אַמאַדעאוס דעם צווייטען, האט ער זיך אַ לאָז געטאָן אויף דער עסטרייכער ארמעע אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם אלטען גענעראל באָליעי, וועלכער איז אריבער דעם טייך פּאָ און האט זיך בעפעסטיגט לעבען בריק פון לאָ־די. נאַפּאָלעאָן האט געהייסען שטורמען דיזען בריק אונטער אַ שרעק־ליכען קאַנאָנען־פייער פון דיא עסטרייכער. עטליכע מאָל האבען דיא פראנצויזען געמוזט אָפּטרעטען מיט גרויס פערלוסט. אָבער זיי האבען ניט אויפגעגעבען דעם שרעקליכען קאמפּף ביז זיי האבען גענומען דעם בריק און פעריאָגט דיא עסטרייכער. באָליעי האט געמוזט אנטלויפען הינטערן טייך עטש מיט דיא געבליבענע טהיילען פון זיין ארמעע, אום זיך צו רעטען פון נאַפּאָלעאָן'ס הענט. דורך דיזען מערקווירדיגען זיעג האט נאַפּאָלעאָן געקענט איינגעהמען גאנץ לאָמבארדיען, וואו דיא איטאַליענער האבען בעגעגענט דיא פראנצויזען אלס זייערע בעפרייער פון עסטרייכער יאָך. נאַפּאָלעאָן האט צוטהיילט דעם נאָרד־טהייל פון איטאַליען אין צוויי רעפּובליקען, וועלכע האבען געטראָגען דיא נעמען סיזאַלפּינישע און טראנספּאַדאַנישע. דיזע רעפּובליקען זיינען אָרגאַ־ניזירט געוואָרן נאך דעם מוסטער פון דער פראנצויזישער רעפּובליק.

עסטרייך האט צוזאמענגעקליבען אַ נייע און זעהר שטארקע אר־מעע אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם גענעראל וואורמזער, וועלכער פלעגט זאָגען: „פון דיזען באָנאַפּארטע איז גאָר ניט אויסצוהאַלטען— ער פיהרט זיך גאָר ניט נאָך דיא קריעגס־רעגעלען". וואורמזער האט געהאט אַן ארמעע פון 80 טויזענד מאן און נאַפּאָלעאָן פון 50 טויזענד, נאָר דער „קליינער קאַרפּאָראַל" האט טאקע צוקלאפּט דעם אלטען עסטריי־כער קריעגספיהרער „אָהן קריעגס־רעגעלען". דער קאַמפּף איז בעזאָנ־דערס געפיהרט געוואָרן וועגען דיא פעסטונג מאַנטוא, וועלכע דיא עסטרייכער האבען נאָך געהאט אין זייערע הענד אין לאָמבאַרדיען. נאַפּאָלעאָן האט עס אַזוי וויט געבראַכט, דאָס ער האט ניט נאָר צוקלאַפּט צוויי עסטרייכער ארמעען. זאָנדערן האט נאך געצוואונגען דעם גענעראל וואורמזער צו פערשפּארען זיך אין דער פעסטונג מאַנ־טוא. עסטרייך האט דאַן צוזאמענגעקליעבען אַ דריטע ארמעע אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראל אַלווינזי, אבער אויך דיזע ארמעע איז

שליסליך בעזיעגט געוואָרן פון דיא פראַנצויזען נאָך דיא בעריהמטע שלאַכטען לעבען דעם אַרקאָל־בריק.

דיא גאַנצע וועלט איז ערשטוינט געוואָרן פון דיזע זיעגען, און ניט אומזיסט, דען אין פערלויף פון 10 מאָנאַט האט נאַפּאָלעאָן מיט אַן אַרמעע פון 50 טויזענד מאַן צוקלאַפּט דריי גרויסע עסטרייכער אַרמעען, אויסער דיא סאַרדיניער, האט געוואונען 12 גרויסע שלאַכטען און געפאַנגען 80 טויזענד סאָלדאַטען.

דורך דיזע זיעגען איז צושטערט געוואָרן דער ערשטער פערבאַנד פון אַלע מעכטע נעגען פראַנקרייך, וואָס דער ענגלישער מיניסטער האט אַזוי קונציג צוזאַמענגעבראַכט. נאָר נאַפּאָלעאָן האט ניט גע־רוהט ביז ער האט געצוואונגען עסטרייך צו בעטען פריעדען. ער האט בעזיעגט אַ נייע אַרמעע, וואָס עסטרייך האט מיט דיא גרעסטע שוועריגקייטען צוזאַמענגעקליעבען (דאָס איז געשעהען דעם 16 יאַנואַר 1797 אין דער בעריהמטער שלאַכט לעבען ריוואָלי), און דעם 2 פעברואַר 1797 האָט גענעראַל וואורמזער געמוזט איבערגעבען דיא פעסטונג מאַנ־טואַ צו דיא זיעגרייכע פראַנצויזען. נאָך דיזע זיעגען און אויך נאָכדעם, וויא נאַפּאָלעאָן האט צושטערט דיא אַדיסטאָקראַטישע רעפּובליק ווענעדיג, האט עסטרייך געמוזט אונטערשרייבען אַלע פראַנצויזישע בעדינגונגען אין קאַמפּאָ־פאָרמיאָ דעם 17 אָקטאָבער 1797.

דיא דירעקטאָריום - רעגירונג, וועלכע האט געקראָגען מוטה דורך דיא זיעגען פון דיא פראַנצויזישע אַרמעען אויף דער יבשה, האט אויך געוואָלט דערלאַנגען אַ דירעקטען קלאַפּ ענגלאַנד. צו דעם צוועק האט זיא געשלאָסען פריעדען מיט שפּאַניען און האט אויך אויסגעפיהרט, אַז שפּאַניען זאָל ערקלערען קריעג געגען ענגלאַנד. אַרום דער צייט האט זיא אויך בעשלאָסען אָנצוגרייפען ענגלאַנד מיט אַן אַרמעע אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל האָש.

עס איז שווער צו זאָגען, וואָס פאַר צרות ענגלאַנד וואָלט גע־האַט, ווען גענעראַל האָש וואָלט געלאַנדעט מיט אַן אַרמעע פון 15.000 מאַן אין אירלאַנד, וואו דאָס פאָלק האט געוואַרט מיט דער גרעסטער אונגעדולד אויף דיא פראַנצויזען, אום צו מאַכען אַן אויפשטאַנד געגען דיא ענגלישע הערשער; אָבער אַ שטורם האט

צושמעטערט דיא פראנצויזישע שיפען און דער גאנצער פלאַן איז דורכגעפאלען. דאָס גליק האט דאַ ווידער געשפיעלט אויף דער זייט פון ענגלאנד; נאָר דיא דירעקטאָרען האבען גענומען זוכען נייע פלענער צו אטאקירען ענגלאנד. איינער פון דיזע פלענער איז דורכגעפיהרט געוואָרן פון נאפאָלעאָנען אין דער בעריהמטער עגיפטישער עקספעדיציאָן, וויא מיר וועלען עס שפּעטער זעהען.

עלפטער קאַפּיטעל.

דער שטאַאטס־שטרייך פון 18־טען פרוקטידאָר.

אפילו נאפאָלעאָן׳ס וואונדערבארע זיעגען האבען שליסליך ווייניג געהאָלפען דער דירעקטאָריום־רעגיערונג, וועלכע מען האט אייגענטליך נאָר געדולדעט, ווייל מען האט פון איין זייט מורא געהאט פאר א מאָנארכיע און פון דער אנדערער זייט האט מען געציטערט פאר דיא יאקאָבינער און אַלע פערבליבענע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האבען געשטרעבט צו עקאָנאָמישע גלייכהייט. דער עולם איז אויסגעמאטערט געוואָרן פון אַלע אינערליכע אונרוהען און ענדערונגען און פון דיא אונאויפהערליכע מלחמות מיט דיא אויסלענדישע שונאים. דיא מאַיאָריטעט האט געזוכט רוהע און האט דארום אויך צו רוהע געלאָזען דיא זעהר שלעכטע רעגיערונג, וואס דיא רעאקציאָנערע קאָנסטיטוציאָן פון דריטען יאָהר פון דער רעפובליק האט געשאפען און וואס קיינער האט נים געאכטעט.

איןביידע קאמערן פון פארלאמענט זיינען גרעסער געוואָרן דיא אָפּאָזיציאָנען געגען דיא דירעקטאָרען און דיא נייגונגען צו א מאָנארכיע. מיר האבען שוין אָנגעצייגט, וויא וויים דיא אויסעראָרדענטליך שלעכטע פינאנציעלע לאגע האט געשטערט דער דירעקטאָריום־רעגירונג אין אַלע הינזיכטען און האָט ארויסגערופען געגען איהר דיא בורזשואזיע, אבער אויסער דעם האט זיא נאך געליטען דורך דיא אויסגעלאסענהייט און פערדאָרבענהייט פון דעם געוועזענעם דאנטאָניסט און

טעראָריסט באַראַס, וועלכער האט פערנומען דעם ערשטען פּלאַץ און האט ספּעציעל פערוואלטעט דיא אינלענדישע אנגעלעגענהייטען. דיזער מאַן, וועלכער האט געהאט א גרויסען טאַלענט צו אינטריגען און אן אונערזעטליכען אַפּעטיט צו פערגעניגען, האט זיך ארומגערינגעלט מיט א באַנדע פערדאָרבענע און פערגעניגען־זוכענדע פרויען און מענער, וועלכע האבען צו שאַנדע און שפּאָט געמאכט דיא גאַנצע רעגירונג. אָבוואָהל זיא האט אויך געהאט אזא גרויסען און עהרליכען מאַן וויא קאַרנאָ. נאַפּאָלעאָן, וועלכער איז אַליין אויך ניט געוועזען א צדיק, האט מיט רעכט גערופען באַראַס׳ן אין זיין חברה „דיא פערפוילטע“.

דיא אונצופרידענהייט מיט דער דירעקטאָריום־רעגירונג האט זיך בעזאָנדערס ארויסגעצייגט אין דעם, וואָס מען האט אַלץ אויסגעוועהלט מאָנארכיסטען אויף דעם פּלאַץ פון געשטאָרבענע אדער ארויסגעטראָטענע דעפּוטאַטען. דורך דעם איז דיא מאַיאָריטעט פוןביידע קאַמערן אדער ראַטהען געוואָרן איינפאַך א מאָנארכיסטישע. דיזע מאַיאָריטעט האט אויסגעוועהלט אין דעם 500־ראַטה אַלס פּאָרזיצענדען דעם בעריהמטען גענעראַל פּישעגרו, וועלכער איז צוגעשטאַנען צו דיא מאָנארכיסטען נאָכדעם וויא דיא דירעקטאָרען האבען איהם אראָפּגעזעצט פון זיין אַמט אַלס קאָמאַנדיר. דיא מאָנארכיסטען האבען זיך געפיהלט אַזוי שטאַרק, דאס זיי האבען שוין גערעכענט, אַז זיי וועלען קענען שטירצען דיא רעפּובליק און ווידער ארויפזעצען אויפ׳ן טראָן דיא בורבאָנען אויף א פריעדליכען וועג, נעמליך: דורך אַן אָפּשטימונג פון דער מאַיאָריטעט אין פּאַרלאַמענט. זייערע האָפנונגען זיינען נאָך שטאַרקער געוואָרן, ווען דער מאָנארכיסט באַרטעלעמי, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט אַלס דיפּלאָמאַט ביי דיא פריעדענס־אָפּמאַכונגען אין באַזעל, איז אויסגעוועהלט געוואָרן פאַר א דירעקטאָר אויף דעם פּלאַץ פון לעטורנויר, וועלכער האט געמוזט ארויסטרעטען נאָך דער בעשטימונג פון דער קאָנסטיטוציאָן, ווייל דער גורל איז געפאַלען אויף איהם.

דורך דיזע אויסוואהל איז אין דירעקטאָריום זעלבסט ענטשטאַנען א שפּאַלטונג, וועלכע האט געפיהרט און געמוזט פיהרען צו

זעהר וויכטיגע רעזולטאטען, וויא מיר וועלען עס באַלד זעהען. קאַרנאָ איז פון אָנפאַנג אָן געווען געגען באַראַס'ן. דיזער ערנסטער און עהרליכער מאַן, וועלכער איז אויך געווען א דעמאָקראַט, האָט נאַטירליך ניט געקענט שטימען מיט באַראַס'ן, נאָר אַזוי וויא ער האָט זיין גאַנצע צייט געמוזט אָפּגעבען צו מיליטערישע אַנגעלעגענהייטען, האָט ער זעלטען ווען געקענט אַרויסטרעטען געגען דיא פיהרונגען פון זיינע קאָלעגען. נאָר ווען בארטעלעמי איז אַריינגעטראָטען, האָט זיך קאַרנאָ פערבונדען מיט איהם געגען דיא אַנדערע דריי דירעקטאָרען, ניט אַכטענדיג אויף דעם, וואָס בארטעלעמי איז אָפען געווען פאַר א מאָנאַרכיע. אייגענטליך זיינען צוויי דירעקטאָרען (קאַרנאָ און בארטעלעמי) געווען געגען צוויי (באַראַס און רעוובעל), דען דער פינפטער דירעקטאָר, דער זשיראָנדיסט לאַרעוועליער־לעפּאָ, וועמען עס איז געלונגען זיך צו רעטען פון דיא יאַקאָבינער הענד, האָט אָפּגעגעבען פיעל צייט צו דער פערשפּרייטונג פון דער נייער רעליגיאָן, וועלכע ער האָט געגרינדעט און א נאָמען געגעבען טהעאָ־פיר־לאַנטראָפּיע. (וויא דער נאָמען צייגט, האָט דיזע רעליגיאָן בעצוועקט ליעבע צו גאָט און צו מענשען). דאָס איז געווען דער דריטער פערזוך איינצופיהרען א נייע רעליגיאָן אין פראַנקרייך, אבער דיזע פּראָבע איז אַזוי ווייניג געלונגען וויא דיא ערשטע צוויי. דער עולם האָט פיעל געלאַכט פון דיא טהעאָפילאַנטראָפּיסטען און נאָך מעהר פון זייער כהן גדול.

נאָר אַזוי וויא לאַרעוועליער־לעפּאָ האָט געשטימט מיט באַראַס'ן, איז קאַרנאָ שטענדיג געווען אין דער מינאָריטעט און באַראַס האָט געקענט טאָן וואָס ער האָט געוועלט.

דיא מאָנאַרכיסטען האָבען זיך נאַטירליך בענוצט מיט דער שפּאַלטונג אין דירעקטאָריום, וויא וויט זיי האָבען עס געקענט. זיי האָבען אויסגעפיהרט, אַז מען זאָל אַריינלאָזען דיא עמיגראַנטען און דיא גלחים, וואָס האָבען זיך אָפּגעזאָגט צו שווערען טרייהייט צו דער קאָנ־סטיטוציאָן. דורך דיא גלחים האָבען זיי נאַטירליך געקראָגען א סך בויערן אויף זייער זייט. אייניגע מאָנאַרכיסטישע דעפּוטאַטען האָבען געשטרעבט, אַז מען זאָל ווידער אַנערקענען דיא קאַטאָלישע קירכע

און ערלויבען איינצופיהרען קירבענגלאָקען (אין דער צייט, ווען דיא מאָנטאַניארען האבען געהערשט, האט מען צוגענומען אלע קירבענגלאָקען צו גיסען פון זיי קאַנאָנען און מען האט פערבאָטען איינצופיהרען נייע גלאָקען). גאָר דאס האט איבערגעשראָקען אלע אנהענגער פון דער נייער אָרדנונג, און בארַאס האט זיך זעהר געשיקט בענוצט דערמיט צו פערשטארקען זיין פארטיי.

דיא מאָנארכיסטישע דעפּוטאַטען האבען געגרינדעט א קלוב אין דעם קווארטאל קלישי מיט דעם צוועק איינצופיהרען א קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנארכיע. וועגען דיא איינפיהרונג פון דער אַלטער אָרדנונג, וויא פאר דער רעוואָלוציאָן, האָט שוין קיינער פון זיי ניט געוואגט צו דיינקען. מען האט זיי א נאָמען געגעבען קלישיסטען. דיא רעפּובליקאנער האָבען פון זייער זייט אויך געגרינדעט א קלוב, וועלכער האט געשטיצט דיא מאיאָריטעט פון דירעקטאָריום, אום צו רעטען דיא רעפּובליק.

דיא פאָרשטעט פון פאריז און איבערהויפּט דיא אַרבייטער האָבען שוין קיין אנטהייל ניט גענומען אין דיזע פארטיי־שטרייטען צווישען דיא געגנער און אנהענגער פון דירעקטאָריום, אָדער ריכטיגער צווישען מאָנארכיסטען און רעפּובליקאנער. וויא געזאָגט, האָבען דיא אַרבייטער פערלאָרען יעדע האָפנונג אויף א פערבעסערונג פון זייער טרויעריגער לאגע דורך פּאָליטישע ענדערונגען. דערפאר אָבער האט זיך בעוויזען אויף דעם פּאָליטישען שלאכט־פעלד א נייע קראפט, א קראפט וואס האט שנעל פערניכטעט דיא רעפּובליק. דיזע קראפט איז געווען דיא ארמעע. אין דער הייסעסטער צייט פון דער רעוואָלוציאָן האט דיא ארמעע קיין אנטהייל ניט גענומען אין דיא אינערליכע פארטיי־שטרייטען. זיא האט העלדיש געקעמפּפט געגען דיא אויסלענדישע שונאים. דיא בעוואפענטע פאריזער בירגער האבען דאן געקעמפּפט צווישען זיך, וויא מיר האבען עס געזעהען. ווען אָבער מען האט דיא סעקציאָנען ענטוואפענט, האט דיא רעגירונג געמוזט געברויכען טהיילען פון דער ארמעע צו בעשיצען זיך געגען איהרע געגנער. דיא ארמעע האט דארום געקראָגען אלץ א גרעסערע בעדייטונג אין אינערליכע אַנגעלעגענהייטען ביז זיא איז געוואָרען דיא הערשערין אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראל נאפּאָלעאָן באָנאפּארטע.

באַראַס, וועלכער האט זיך בענוצט מיט נאַפּאָלעאָן׳ס הילפע צו אונטערדריקען דעם אויפשטאַנד פון דער „גאָלדענער יוגענד“ און פון דיא מאָנאַרכיסטישע סעקציאָנען, אום צו בעשיצען דעם קאָנווענט, האט זיך יעצט געווענדעט צום גענעראַל׳ס הילפע געגען דעם מאָנאַרכיסטישען פּאַרלאַמענט. באַראַס, רעוובעל און לאַרעוועליער־לעפּאָ, וועלכע האבען זיך ניט געקענט שטיצען אויפ׳ן פאָלק, האבען געזוכט צו צוציהען אויף זייער זייט דיא אַרמעען, וועלכע זיינען פערבליבען רעפּובליקאַניש. זיי האבען אויפגעפאָדערט דיא גענעראַלען צו צושיקען זיי אַדרעסען צו גונסטען פון דער רעפּובליק, וואס דיא גענעראַלען האַבען גלייך געטאָן. דער שאַרפסטער רעפּובליקאַנישער אַדרעס איז אָנגעקומען פון דער איטאַליענישער אַרמעע און איז פערפאַסט געוואָרן פון גענעראַל נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע אַליין.

„ציטערט מאָנאַרכיסטען, האט געשריעבען דער „קליינער קאַרפּאָראַל“, וועלכער איז מיט קנאַפּע 7 יאָהר שפּעטער געוואָרן קייזער פון פריינקרייך—ציטערט, דען פאַר אונז איז נאַר איין שריט פון עטש (אַ טייך אין נאָרד־איטאַליען) ביז צו דער סענע. ציטערט, דען אייערע זינד זיינען געצעהלט און אייער שטראָף הייגגט אויף דיא שפּיצען פון אונזערע באַיאָנעטען. ביי דעם שאָטען פון דיא העלדען וואס זיינען געפאַלען פאַר דעם פאָטערלאַנד האבען מיר געשוואָרען קריעג אויף לעבען און טויט דעם מאָנאַרכיזמוס. זאָלען זיי זיך צייגען, דיא מאָנאַרכיסטען, זיי וועלען אויפהערען צו לעבען“.

דיא אַדרעסען פון דער אַרמעע, בעזאָנדערס נאַפּאָלעאָן׳ס סטראַשונקעס, האבען טאַקע איבערגעשראָקען דיא מאָנאַרכיסטען, נאַר דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו זוכען שטיצע אין אַ גרעסערע וואָך פון פּאַרלאַמענט און אין דיא רייכע סעקציאָנען פון פּאַריז. זיי האבען זיך אויך פערזיכערט מיט דיא גענעראַלען פּישעגרו און ווילאָט, וועלכע זיינען געוואָרן זייערע הויפּט־פיהרער.

דיא דירעקטאָרען באַראַס, רעוובעל און לאַרעוועילער־לעפּאָ האבען אבער קיין צייט ניט געגעבען זייערע געגנער זיך צו אָרגאַניזירען מיליטעריש. זיי האבען אָנגעפאַנגען צו צוגרייטען זיך צו אַ שטאַאַטס־

שטרייך, אום צו קענען פעריאָגען דיא מאָנארכיסטישע דעפוטאטען. צוערשט האבען זיי זיך געווענדעט צו גענעראל האָש און האבען איהם געהייסען ברייננען עטליכע רעגימענטען לעבען פאריז (נאך דער קאָנסטיטוציאָן האט מען ניט געטאָרט האלטען סאָלדאטען אפילו 12 מיילען ארום פאריז). נאר דיזער גרויסער און העלדעמוטהינער קריעגספיהרער איז ניט געשאפען געוואָרן פאר פּאָליטישע אינטריגען, און דיא דירעקטאָרען האבען דארום גאר ניט געקענט אויספיהרען מיט איהם. זיי האָבען דאן געבעטען נאפּאָלעאָן באָנאפּארטע ער זאָל זיי צושיקען איינעם פון זיינע מוטהיגע גענעראלען, אויף וועלכען זיי זאלען זיך קענען פערלאָזען. ער האט אויסגעקליבען דעם גענע־ראל אָזשעראָ, וועלכער האט זיך בעזאָנדערס בעריהמט געמאכט מיט זיינע מערקווירדיג בראווע אטאקעס אויף דיא עסטרייכער לע־בען דעם ארקאָל־בריק און וועלכער איז אויך געווען א הייסער רע־פּובליקאנער. אָזשעראָ האט געשטאמט פון פּראָסטען פאָלק און האט גאנץ גוט געוואוסט, אז ווען ניט דיא רעוואָלוציאָן, וואָלט ער קיין מאל ניט געקענט ווערן א גענעראל. ער האט עס געבראכט דעם אדרעס פון נאפּאָלעאָן'ס ארמעע און איהם האָבען דיא דריי דירעקטאָרען אנפערטרויט דורכצופיהרען זייער פּלאן פון א שטאאטס־שטרייך.

אין דער נאכט פון 18 פרוקטידאָר (4 סעפּטעמבער 1797) איז דיזער שטאאטס־שטרייך אויסגעפיהרט געוואָרן, וויא בּאראס האט עס געוואונשען. ביי נאכט האט גענעראל אָזשעראָ שטילערהייט צוזאמענגעקליבען סאָלדאטען. ארום 1 אוהר ביי נאכט האט ער שוין געהאט אונטער זיין קאָמאנדע 12.000 סאָלדאטען און א סך ארטילעריע. מיט דיזער ארמעע האט ער ארומגערינגעלט דעם טיר־לערי־פּאלאץ און דעם בורבאָן־פּאלאץ, וואו דיא ראטהען פון פאר־לאמענט האבען געהאלטען זייערע זיצונגען. ארום 4 אוהר מאָרגענס איז אָזשעראָ צוגעגאנגען מיט א בלאנקען שווערד אין דער האנד צו דיא טויערן פון טיולערי און האט אויסגעשריען צו דער וואך פון פּאלאץ: „זייט איהר רעפּובליקאנער?“ דיא גרענאַדירען פון דער וואך האבען איהם געענטפערט: „עס לעבע אָזשעראָ! עס לעבע דאס די־

רעקטאָריום!" און האבען געעפענט דיא טויערן. אומזיסט האט ראמעל, דער קאָמאנדיר פון דער וואך, געזוכט אויפצומונטערן זיינע סאָלדא־טען צום קאמפף. ער האט נאר אויסגעפיהרט, אז אָזשעראָ האט פאר בעס אראָבגעריסען ביי איהם דיא עפּאָלעטען און האט איהם ארעסטירט. אלע בעאמטע פון פאלאץ, דארונטער אויך דיא גענע־ראלען פּישעגרו און ווילאָט, זיינען באלד פערהאפטעט געוואָרן. אָזשעראָ האט ארויסגעשיקט אָבטהיילונגען פון זיין ארמעע צו פערנעהמען דיא בריקען און אנדערע וויכטיגע פונקטען פון פאריז און אויך צו ארעסטירען דיא צוריקגעקומענע עמיגראנטען און מאָנארכיסטישע דעפּוטאטען און זשורנאליסטען.

אין דער זעלבער צייט האבען דיא דריי דירעקטאָרען פערפאסט אלע נייטיגע דאָקומענטען, אום בעקאנט צו מאכען און צו ערקלערן דעם פאָלק וועגען דעם שטאאטס־שטרייך, וועלכער איז אויסגעפיהרט גע־וואָרן אין א פּאָאר שטונדען, און האבען אויך ארויסגעשיקט זשאנ־דארמען צו ארעסטירען דיא צוויי דירעקטאָרען קארנאָ און בארטעלע־מי. נאר קארנאָ, וועלכער האָט קיין אנטהייל ניט גענומען אין קיין פערשווערונג און האט גאר ניט געוואוסט פון דעם שנעלען שטאאטס־שטרייך, איז בעצייטענסט געוואָרנט געוואָרן, דאס מען וועט איהם ארעסטירען, און איהם איז געלונגען צו אנטלויפען. בארטעלעמי איז געפאנגען געוואָרן און איז אריינגעזעצט געוואָרן צוזאמען מיט אנדערע מאָנארכיסטען אין טעמפּעל־טהורם.

ארום 8 אוהר אין דער פריה זיינען דיא ווענט פון פאריז אויס־געקלעפּט געוואָרען מיט אפישען, אין וועלכע מען האט געמעלדעט, אז מען האט ענטדעקט און אונטערדריקט א גרויסע מאָנארכיסטישע פערשווערונג און אז דיא רעפּובליק איז גערעטעט געוואָרן פון דיא דריי דירעקטאָרען. דיא רעפּובליקאנער און אויך דיא יאקאָבינער, וועלכע האבען אין דיזען פאל געשטיצט דיא דריי דירעקטאָרען, האבען אויפ־גענומען דיא נייעס וועגען דעם שטאאטס־שטרייך מיט געשרייען: „עס לעבע דיא רעפּובליק און דאס דירעקטאָריום! ניעדער מיט דיא אריס־טאָקראטען און מאָנארכיסטען!"

דיא מיטגליעדער פוןביידע ראַטהען האבען געוועלט זיך דורכברעכע
אַ וועג צו זייערע זיצונגס־זאַלען, נאָר זיי זיינען פעריאַגט געוואָרן פון
אַזשעראַ׳ס סאָלדאַטען. דיא מאָנאַרכיסטישע דעפּוטאַטען האבען זיך
צוזאַמענגעקליבען אין צוויי הייזער פון זייערע מיטגליעדער. נאָר זיי זיינען
פערטריבען געוואָרן פון סאָלדאַטען, וועלכע האבען עטליכע פון זיי אויך
אַרעסטירט. דיא רעפּובליקאַנער דעפּוטאַטען האבען געקראָגען אַ בע־
פעהל פון דעם דירעקטאָר־טריאומוויראַט זיך צו פערזאַמלען אין אָדעאָן־
טהעאַטער (דער 500־ראַטה) און אין דער מעדיצינישער שולע (ראַטה
פון עלטערע). אַהין זיינען אויך געקומען דעפּוטאַטען, וועלכע האבען
זיך דערשראָקען פאַר דיא פערפאָלגונגען פון דיא דירעקטאָרען. דאָר־
טען האט מען זיי פאָרגעלייגט דיא פאָרשלעגע פון דיא דירעקטאָרען.
דיא פאָרלעזונג פון אַלע פאָרשלעגע און בעריכטען האט געדויערט דיא
גאַנצע נאַכט. דיא דעפּוטאַטען האבען קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט
וויא אַלעם צו בעוויליגען אָהן דעבאַטען. דורך דעם האבען דאַן דיא
דירעקטאָרען געקראָגען דיא מאַכט פון דיקטאַטאָרען.

דיא וויכטיגסטע געגנער פון דיא דירעקטאָרען זיינען פעראור־
טהיילט געוואָרן צו פערשיקונג, מייסטענס אין דער אונגעזונטער
קאָלאָניע גוויאַנאַ, וואו פיעלע זיינען אין אַ קורצע צייט אַרום געשטאָרבען
פון געלען פיעבער. דיזען פּסק האבען געקראָגען דיא דירעקטאָרען
קאַרנאָ און באַרטעלעמי, 41 מיטגליעדער פון 500־ראַטה (דאַרונטער
דיא גענעראַלען פּישעגרו און ווילאָט, בואַסי דאַנגלאַ, דער געוועזע־
נער מאָנטאַניאַר בורדאָן און דער אַדמיראַל ווילאַרעט־זשואַיעז), 11
מיטגליעדער פון דעם ראַטה פון עלטערע, 35 מאָנאַרכיסטישע זשור־
נאַליסטען, דער קאָמאַנדיר ראַמעל און עטליכע אַנדערע געגנער
פון דירעקטאָר־טריאומוויראַט.

אייניגע פין דיא פעראורטהיילטע איז געלונגען אַריבערצוגיין
דעם גרענעץ. קאַרנאָ איז געוועזען איינער פון דיא גליקליכע, וועלכע
זיינען זעהר פריינדליך אויפגענומען געוואָרן אין אויסלאַנד. דיא
איבעריגע האט מען אוועקגעפיהרט אין וואָגענס מיט אייזערנע גראַטעס
צום פאָרט ראָשפאָר, פון וואַנען מען האט זיי אוועקגעשיקט נאָך דער
וויסטענים סינאַמאַרי אין גוויאַנאַ. פּישערגרו, ווילאָט, באַרטעלעמי

און ראמעל איז עס געלונגען צו אנטלויפען אויף א קליין שיפעל, נאך גרויסע צרות און ליידען, אין דער האלענדישער קאלאניע סורינאם (לעבען גוויאנא). פון דארט זיינען זיי אוועקגעפאהרען נאך ענגלאנד. פּישעגרו האט שפּעטער אנטהייל גענומען אין א פערשווערונג געגען נאפּאלעאן, איז געפאנגען געווארען און איז געפונען געווארען א דער־שטיקטער אין געפענגניס. עטליכע אנדערע האבען פּרובירט זיך רע־טען אויף שיפלעך, נאר זיי זיינען דערטרונקען געווארען אין ים.

דער וויכטיגסטער פון אלע בעשליסע אויף דעם בעפעהל פון דירעקטאר־טריאומוויראט איז געווען, דאס מען האט ערקלערט פאר אונגילטיג דיא וואהלען אין 48 דעפּארטאמענטען, וואו מען האט אויסגעקליבען מאנארכיסטישע פערטרעטער, און דאס מען האט גע־געבען דיא דירעקטארען דאס רעכט צו קאסירען אלע וואהלען, וועלכע זיינען, נאך זייער מיינונג, געווען געפעהרליך פאר דיא קאנסטיטור־ציאן פון דריטען יאהר פון דער רעפּובליק. דורך דיזע געוואלט־מיטעל האבען דיא פערבליבענע קאנוועגט־מיטגליעדער ווידער גע־הערשט אין פּארלאמענט און אין דער רעגירונג. זיי האבען נאך אמאל גערעטעט דיא רעפּובליק און האבען זיך יעצט א נעהם געטאן ווידער צו פערפאלגען דיא גלחים און עמיגראנטען. דיא יאקאבינער האבען יעצט אויפגעהויבען דעם קאפּ און האבען פערלאנגט שרע־קענס־מיטעל. דיא אלטע רעוואלוציאנערע געזעץ געגען דיא קאטוילישע רעליגיאן, גלחים און עמיגראנטען זיינען פון דאס נייע איינגעפיהרט געווארן, און עס איז געווארן א צייט, וועלכע טראגט דעם נאמען „האלב־טעראר", וויל דיא גיליאטינע האט מען שוין ניט געברויכט.

אויף דיא פּלעצער פון קארנא און בארטעלעמי האט מען אויסגעקליבען דיא רעפּובליקאנער מערלען און פראנסוא, נאר באראס איז איינגענטליך געווארן דער דיקטאטאר דורך דעם שטאאטס־שטרייך און דיא געזעצע פון 18־טען פרוקטידאר.

צוועלפטער קאפיטעל.

דער קאַמפּף מיט ענגלאַנד און דער שטאַאַטס-שטרייך פון 22-טען פלאָרעאַל.

נאָך זייער לייכטען זיעג איבער דיא מאָנארכיסטען האבען דיא דירעקטאָרען באלד בעדארפט פיהרען א קאַמפּף מיט דיא יאַקאָבינער אָדער ריכטיגער מיט דיא יעניגע, וועלכע האבען אַלץ פערלאַנגט דיא איינפיהרונג פון דער קאָנסטיטוציאָן פון 1793 און וועלכע האבען זיך דאַן גערופען דעמאָקראַטען. דיא יעניגע וואס האבען אונטערשטיצט דיא דירעקטאָריום-רעגירונג און זיינען צופריעדען געווען מיט דער קאָנ־סטיטוציאָן פון דריטען יאָהר פון דער רעפּובליק, האבען זיך גערופען רעפּובליקאַנער. אין דער צייט פון דעם „האלב-טעראָר" האבען דיא מאָנארכיסטען אין פּאַרלאַמענט געשוויגען און געוואַרט. דער אינער־ליכער פּאָליטישער קאַמפּף איז הויפּטזיכליך געפיהרט געוואָרן צווישען דיא דעמאָקראַטען און דיא רעפּובליקאַנער.

דיא מאַסע פון פאָלק האט אַלץ וויינגער אַנטהייל גענומען אין דיא פּאָליטישע שטרייטען, וועלכע זיינען געפיהרט געוואָרען אין פּאַר־לאַמענט, אין סאַלאָנען און אויך אין קלובען. דיא דירעקטאָרען וואס האבען זיך נאָך דעם 18 פרוקטידאָר געמוזט שטיצען אויף אַלע רע־פּובליקאַנער, האבען ערלויבט דיא יאַקאָבינער צו עפענען זייערע קלובען, וועלכע האבען אַלץ מעהר בעדייטונג געקראָגען, וואס מעהר דיא די־רעקטאָרען האָבען געמאַכט פעהלערן און זיך געוואָרפען אויף אַלע זייטען, אום צו בלייבען ביים רעגירונגס-רודער. דאס פאָלק איז צו דער צייט אַלץ מעהר בעגייסטערט געוואָרען פאַר דיא גענעראַלען, וועלכע האבען זיך בעזאָנדערס אויסגעצייכענט מיט זייערע גלענצענדע מיליטערישע פעהיגקייטען און מערקווירדיגע זיעגען. דיא גענעראַלען האָש, מאָראָ און באָנאַפּאַרטע זיינען איינפאַך פערגעטערט געוואָרן.

נאר האָש, וועלכער האט אין 1797 געוואונען 3 גרויסע שלאַכ־טען אין דייטשלאַנד, איז געשטאָרבען פון א קראַנקהייט, וועלכע דיא

דאָקטוירים האבען ניט געקענט ערקלערן. דיא מאָנארכיסטען האבען בעהויפּטעט, אז דיא דירעקטאָרען האבען פערגיפטעט דעם עדעלען און עהרליכען רעפּובליקאנער גענעראל, נאר דאס איז איינפאך געווען א פערלוימדונג צו ווארפען נאך מעהר שמוץ אויף דעם שמוציגען באראס. האָש איז יעדענפאלס געשטאָרבען מיט א ריינעם נאָמען, געאכטעט און געליעבט אפילו פון זיינע געגנער, אין רעכטען גלאַנץ פון זיין יוגענד און פון זיינע זיעגען.

דורך דעם פריהצייטיגען און אלגעמיין בעדויערטען טויט פון גענעראל האָש האט זעהר פיעל געוואונען באָנאפּארטע, וועמעס נאָמען עס האט דאַן הויך געקלונגען איבער דער גאנצער וועלט. וואס אָנבעלאַנגט צו גענעראל מאָראָ, איז ער נאר געווען א מוטהיגער און זעהר פעהיגער קאָמאַנדיר, אָבער זאָנסט איין איינפאַכער מענש. פאר נאפּאָלעאָנען, וועלכער איז אויך געווען א שלויער פּאָליטיקער און דיפּלאָמאַט, איז מאָראָ קיין קאָנקורענט ניט געווען. מאָראָ, וועלכער איז פערבליבען א רעפּובליקאנער, האט פּרובירט ארויסטרעטען געגען נאפּאָלעאָנען, ווען דער לעצטער האט געוואלט ווערן קייזער, אָבער ער איז זעהר נאריש דורכגעפאלען. ווען האָש וואלט געלעבט, וואלט נאפּאָלעאָן זיך געמוזט רעכענען מיט איהם און וואלט וואהרשיינליך ניט געקענט ווערן קייזער; אָבער נאך דעם טויט פון זיין גרעסטען קאָנקורענט אין דער פערעהרונג פון דער ארמעע און פון פאָלק האט נאפּאָלעאָן געקראָגען אלץ מעהר אנהענגער, וועלכע האבען געוואונשען, אז ער זאָל ווערן דער הויפּט פון דער רעפּובליק.

אפילו דיא מאָנארכיסטען האבען אָנגעפאנגען צו לויבען אלץ העבער דעם „קליינעם קארפּאָראל" אין דער האָפנונג, טאָמער וועט ער שטירצען דיא דירעקטאָריום־רעגירונג, וועלכע זיי האבען געהאסט שוין צוליעב דעם אליין, וואס זיא האט געפייערט דעם 21 יאנוואר (דעם טאָג פון דעם קעניג'ס היגריכטונג) מיט פּאראדען און אונטערהאלטונגען, וויא אין דער צייט פון קאָנווענט און טעראָר.

אזוי איז געווען דיא שטימונג פון פראנצויזישען פאָלק, וואס איז אויסגעמאטערט געוואָרען פון דיא שטענדיגע פּאָליטישע פערדרייהענעסען און איבערקעהרענעסען און האט זיך אליין אויך זעהר שנעל

געענדערט און געוואָרפען אויף פערשיעדענע זייטען, ווען נאפּאָלעאָן איז אָנגעקומען אין פּאריז פון איטאַליען מיט דעם פריעדענס־אָפּמאַך פון קאמפּאָ־פאָרמיאָ אין דער האנט. מען האט איהם אויפגענומען מיט ענטהוזיאזמוס. פּאריז האט שוין לאנג ניט געהאט אזא פריידיגען טאָג. אלע האבען זיך א שאָט געטאָן זעהן דעם יונגען העלד, דעם פערגעטערטען „קליינעם קארפּאָראל", וועלכער האט זיך דאן געהאלטען זעהר איינפאך און דעמאָקראטיש. דיא דירעקטאָרען האבען איהם אויפגענומען מיט גרויסע צערעמאָניעס. בּאראס האט דערביי געהאל־טען א לאנגע רעדע, אין וועלכער ער האט בעזאָנדערס אָנגעצייגט, אז מען מוז זיך אָפּרעכענען מיט ענגלאנד און אז נאפּאָלעאָן איז דיא ריכטיגע פּערזאָן דערצו. גלייך נאך דעם האט מען בעשטימט, אז נאפּאָלעאָן זאָל זיין דער קאָמאנדיר איבער דער ארמעע געגען ענגלאנד. נאָר אזא ארמעע האט גאָר ניט עקזיסטירט און דיא דירעקטאָרען האבען גאר ניט געדענקט איהר צו שאפען. אן ארמעע איז איבערהויפּט ניט גענוג געגען ענגלאנד. מען מוז דערצו נאך האבען א ריזיגע פלאָטע. דאס האט פראנקרייך ניט געהאט. דארום האבען דיא פראנצויזען גאנץ ווייניג געקענט אטאקירען ענגלאנד דירעקט אפילו מיט דער הילפע פון דיא שפּאנישע און האָלענדישע פלאָטען.

דער צוועק פון דיא דירעקטאָרען, וועלכע האבען געזוכט מיטעל צו בעשטראָפען ענגלאנד, דעם שטארקסטען און גרעסטען פיינד פון דער פראנצויזישער רעפּובליק, איז געווען צו שיקען נאפּאָלעאָנען ניט נאך ענגלאנד, נאר נאך עגיפּטען, אום צו שטערן דעם ענגלי־שען האנדעל און, וויא ווייט נאר מעגליך, אָבצוהאקען דיא פער־בינדונגען פון ענגלאנד מיט איהרע אזיאטישע קאָלאָניעס און בעזאָנדערס מיט אינדיען. דיזען געוואגטען פּלאן האבען דיא די־רעקטאָרען געהאלטען אין געהיים, אום אָפּצונארען דיא ענגלישע מיניסטערס און קריעגספיהרערס. עס האט געהייסען, אז מען מאכט פּאָרבערייטונגען צו בעפאלען ענגלאנד; אבער אין אמת'ען האט מען אָר־גאניזירט אן ארמעע אונטער נאפּאָלעאָן'ס קאָמאנדע צו פערנעהמען עגיפּטען איידער אן ענגלישע פלאָטע וועט צייט האבען ניט צו לאָזען לאנדען דיא פראנצויזישע סאָלדאטען.

אגב האבען דיא דירעקטאָרען געוועלט ווירקען אויף דעם עהרגייץ און דיא פאנטאזיע פון דיא פראנצויזען. מצרים, דיא וויגעלע פון דער ציוויליזאציאָן, דאָס געהיימניספאָלע לאַנד פון פרעה׳ס און פיראַמידען, איז ניט נאר גערעכענט געוועזן פאר א וויכטיגען מיליטער־רישען פונקט געגען ענגלאנד, זאָנדערן אויך פאר אַן אָרט, וואו מען וועט קענען לייגען דעם פונדאמענט פון א ריזיגע אזיאטישע אימ־פעריע אונטער דער השגחה פון פראַנקרייך. דיא דירעקטאָרען האַ־בען געהאָפט צו פערשטארקען זייער הערשאפט אין פראַנקרייך דורך אַן עקספעדיציאָן נאך עגיפּטען. פאר איין גאנג האבען דיא דירעק־טאָרען אויך געוועלט פטור ווערן פון דעם „קליינעם קארפּאָראל״, וועלכער איז אלץ מעהר פערעהרט געוואָרן פון אלע קלאסען און וועלכער האט גענומען ארויסציינגען זיין הויכען עהרגייץ. זיי האבען איהם דארום אונטערגעיאָגט ער זאָל וואס שנעלער אָפּפאָהרען נאך מצרים.

נאפּאָלעאָן זעלבסט האט געוועלט זיך אויסצייכנען אויך אין מצרים. ער האט געוואוסט, אז וואָס עס זאָל דארט ניט פּאסירען, וועט זיין שם נאך גרעסער ווערן אין דער וועלט. זיין רעכנונג איז געוועזן צו פערנעהמען עגיפּטען און צוריק צוקומען נאך פראַנקרייך אזוי שנעל וויא נאָר מעגליך, דען ער האט געזעהען, אז דיא דירעק־טאָריום־רעגירונג וועט זיך ניט לאנג האלטען, און ער האט געפיהלט, אז עס וועט באלד קומען זיין צייט צו הערשען איבער פראַנקרייך.

דיא צייט איז גראדע געוועזן גינסטיג פאר דיא פראנצויזישע רעגירונג צו אטאקירען ענגלאנד, דען מיט עסטרייך האט מען גע־שלאָסען פריעדען אין קאמפּאָ־פאָרמיאָ און א קאָנגרעס אין ראשטאט האט געזאָלט בעשטימען אלע פונקטען וועגען דעם גרענעץ צווישען דייטשלאנד און פראַנקרייך. אין אלע האפענס פון פראַנקרייך האט מען אויסגעשטאטעט קריעגשיפען און מען האט פאנאנדערגעפויקט, אז מען וועט זיי געברויכען געגען ענגלאנד, נאר אין דער זעלבער צייט האט מען אין טולאָן שטילערהייט צוגעגרייט א פלאָטע פאר נאפּאָ־לעאָן׳ס עקספעדיציאָן נאך עגיפּטען. אום נאך מעהר אָפּצונאַרען ענגלאנד, האט מען דיא פלאָטע אין טולאָן אָנגערופען „דער לינקער פליגעל פון דער ארמעע געגען ענגלאנד״.

אין אירלאַנד האט מען מיט דער גרעסטער אונגעדולד געוואַרט אויף דיא פראַנצויזישע אַרמעע, אום אַראָפּצוּוואַרפען דעם ענגלישען יאָך. אין דובלין האט זיך געבילדעט אַ דירעקטאָריום, אום אָנצופיהרען דעם אויפשטאַנד. דיא אירלענדער האבען געהאָפט, אַז דיא נייע פראַנצויזישע עקספּעדיציאָן וועט בעסער געלינגען וויא דיא עקספּעדיציאָן אונטער גענעראל האָש אין 1796, ווען אַ שטורם האט אַזוי גוט געהאָלפען ענגלאַנד; אבער זייערע האָפנונגען זיינען ווידער געוועזען אומזיסט, דען דיא פראַנצויזישע רעגירונג האט פערזאַמט דיא ריכטיגע צייט, און ווען אַ קליינע פראַנצויזישע אַרמעע אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראל הומבערט האט געלאַנדעט דעם 22 אויגוסט 1798, איז זיא בעזיעגט און פעריאַגט געוואָרען פון אַן ענגלישער אַרמעע.

דיא ענגלישע רעגירונג האט דאַרום ווירקליך געמיינט, אַז נאַפּאָלעאָן וועט געשיקט ווערען מיט אַ פלאָטע נאָך אירלאַנד אדער נאָך ענגלאַנד גופא. אין טולאָן האט מען צוגעגרייט אַ מעכטיגע פלאָטע פון 15 גרויסע שלאַכט־שיפען, 14 פרעגאַטען, 72 קריעג־שיפען און 400 טראַנספּאָרט־שיפען, וועלכע האבען געזאָלט מיטפיהרען נאַפּאָלעאָן׳ס אַרמעע פון 36 טויזענד מאַן מיט אַלע נייטיגע געוועהר און פּראָוויזיאָן נאָך עגיפּטען.

נאָר מיט עטליכע טעג פאַר נאַפּאָלעאָן׳ס אָפּרייזע האבען דיא דירעקטאָרען געמאַכט אַ נייעם שטאַאַטס־שטריך געגען דעם פּאַרלאַמענט. וויא שוין אויבען בעמערקט, האט דיא דעמאָקראַטישע פּאַרטיי געקראָגען אַלץ מעהר אַנהענגער אין גאַנצען לאַנד נאָך דעם 18־טען פרוקטידאָר. דיא פראַנצויזען, וועלכע זיינען געוועזען אונצופריעדען מיט דער דירעקטאָריום־רעגירונג, האָבען זיך, נאָך הער נידערלאַגע פון דיא מאָנאַרכיסטען, אַ וואָרף געטאָן אויף דער זייט פון דיא דעמאָקראַטען, צווישען וועלכע עס זיינען אויך געוועזען כמעט אַלע פערבליבענע יאַקאָבינער. דער רעזולטאַט דערפון איז געוועזען, אַז ביי דיא נייע וואַהלען האט דער עולם געשטימט פאַר דיא דעמאָקראַטען. זעהר פיעל בירגער האבען גאָר קיין אַנטהייל ניט גענומען אין דיזע וואַהלען, דען זיי איז מיאוס געוואָרען יעדע פּאָליטישע בעוועגונג.

דיא יאַקאָבינער. וועלכע האבען אויפגעהויבען דעם קאָפּ נאך דעם 18־טען פרוקטידאָר, האבען זיך בענוצט מיט דיזער גלייכגילטיגקייט פון אַ גרויסע מאסע פראַנצויזען צו דיא וואהלען, און זיי איז דארום געלונגען אויסצו־וועהלען אַ סך פון זייערע קאַנדידאַטען.

ווען דיא דירעקטאָרען האבען דערזעהען, אז דיא דעמאָקראַטען וועלען קריעגען דיא מאַיאָריטעט און וועלען דאַן זיכער ענדערן דיא קאָנסטיטוציאָן פון דריטען יאהר פון דער רעפּובליק, האבען זיי דעם 22 פלאָרעאַל (11 מאַי 1798) ערקלערט אַלע דעמאָקראַטישע וואהלען פאר ניט גילטיג און האבען בעשטימט, אז דיא דורכגעפאַלענע רעפּובליקאַנער קאַנדידאַטען זאלען זיין דיא פערטרעטער אין פּאַרלאַמענט. דורך דיזע געוואלט־טהאַט זיינען דיא דירעקטאָרען פערבליבען ביי'ם רעגירונגס־רודער, אבער זייער רעגירונג איז נאך מעהר פעראַכטעט געוואָרען פון גאַנצען פאָלק. דיזע רעגירונג וואָלט זיך יעצט איין טאָג ניט געקענט האַלטען, ווען דאָס פאָלק וואלט ניט געווען אויסגעמאַטערט פון דער רעוואָלוציאָן און פון דעם אונאויפהערליכען קאַמפּף מיט דיא אויסלענדישע שונאים. דיא פראַנצויזען זיינען צוגעוואָהנט געוואָרן דורך דיזע געוואַלט־אַקטען געגען דיא פאָלקס־פערטרעטער צו פערטראָגען געדולדיג שטאַאַטס־שטרייכען, וואס ער האט דעם נעכסטען יאהר זעהר פיעל געהאָלפען דעם „קליינעם קאַרפּאָראַל" צו מאכען זיין שטאַאַטס־שטרייך און צו ווערן דורך דעם דער ערשטער קאָנסול נאָך זיין קומען צוריק פון עגיפּטען, וויא מיר וועלען עס זעהען.

דרייצעהטער קאפיטעל.

נאפאָלעאָן אין עגיפּטען און אין פּאַלעסטינע.

אונטער אזעלכע אינעריליכע אומשטענדען איז נאפּאָלעאָן אָפּגע־פאָהרען פון טולאָן נאָך עגיפּטען דעם 20 מאַי 1798. איהם האט גע־גליקט אויסצומיידען דיא ענגלישע פלאָטע אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם בעריהמטען אדמיראל נעלסאָן, וועלכער האט בעוואכט דעם פּאָרט פון טולאָן. אויפ'ן וועג האט ער נאָך פערנומען דעם אינזעל מאלטא, וואו עס האבען געהערשט דיא ריטער פון דעם קאטוילישען אָרדען, וואס איז געגרינדעט געוואָרען אין דער צייט פון דיא קרייץ־ציגע צו קעמפּפען געגען דיא מאָהאמעדאנער. דעם 1 יוני 1798 האט נאַ־פּאָלעאָן געלאנדעט אין אלעקסאנדריע און צוויי טעג שפּעטער האט ער גענומען דיא אַלטע שטאָט מיט שטורם אין דער צייט, ווען דער אד־מיראל נעלסאָן האט ניט אויפגעהערט צו זוכען דיא פראנצויזישע פלאָ־טע אויפ'ן מיטעל־מעער.

עגיפּטען האט דאן געהערט אָפיציעל צו טירקיי אזוי וויא יעצט, נאָר דיא אמתע הערשער זיינען געווען דיא זאָ־גענאַנטע מאַמעלוקען. דאָס איז געווען א ספּעציעלע קריעגערישע מחנה, וואס דיא סולטאַנען האבען געשאפען פון שקלאַווען אלס זייער לייב־גוואַרדיע, אָבער וואס זיינען מיט דער צייט מעכטיגער געוואָרען פאר דיא סולטאנען זעלבסט. דיא מייסטע מאַמעלוקען פלעגען געבראכט ווערן פון קאַווקאז. מען פלעגט דאָרט קויפען יונגע, קרעפטיגע און מוטהיגע יונגען אלס שקלאַ־ווען און זיי ערציהען צום מיליטערישען דיענסט. זיי פלעגען ניט חתונה האבען און פלעגען פערברייינגען זייער לעבען אין גראָבע פערגעניגען און אין קריעג. אין דער צייט ווען נאפּאָלעאָן איז אָנגעקומען אין עגיפּטען, זיינען צוויי קאָמאַנדירען פון דיא מאַמעלוקען, מוראד־בעי און איברא־הים־בעי, געוואָרן אזוי מעכטיג, אז זיי האבען זיך אָבגעטהיילט פון טירקיי. נאפּאָלעאָן, וועלכער האט זיך אזוי וויניג געקימערט וועגען טירקיי'ס רעכטע וויא דיא דירעקטאָרען און אלע אייראָפּעאישע מעכטע, האט זיך בענוצט מיט דיזער געלעגענהייט, אום כלומרשט זיך אָנצונעה־

מען דעם סולטאַנס קריוודע. ער האט ערקלערט, אז ער וויל דיא חוצפּה׳דיגע קאָמאַנדירען פון דיא מאַמעלוקען צווינגען צו אנערקענען דעם סולטאַן׳ס אויבערמאכט. נאָר דיא טערקישע רעגירונג האט זיך ניט געלאָזט נארען פון דיזע דריידלעך און דער סולטאַן סעלים דער דריי־טער האט אונטער דעם איינפלוס פון רוסלאנד און ענגלאנד ערקלערט קריעג דער פראנצויזישער רעפּובליק.

נאַפּאָלעאָן האט מיט זיין געוועהנליכע שנעלקייט און געוואגט־קייט זיך א לאָז געטאָן מיט זיין ארמעע נאך קאַאירא, דיא הויפּט־שטאָט פון דיא מאַמעלוקען. דער מארש איז געווען זעהר א שווערער און פיינליכער, דען מען האט געהאט זיך צו שלעפּען אין דיא זאמדען פון דיא וויסטענעסען אונטער א ברענענדער זוהן. אויסער דעם האבען דיא מאַמעלוקען געלויערט אויפ׳ן וועג צו בעפאלען אָפּטהיי־לונגען פון דער פראנצויזישער ארמעע. נאר ווען דיא פראנצויזען האבען דערזעהען דיא פּיראמידען ארום קאַאירא, זיינען זיי בעגייסטערט געוואָרן. דארט האט זיך אויסגעשטעלט דיא גאנצע ארמעע פון דיא מאַמעלוקען אונטער דער קאָמאנדע פון מוראַד־בעי, וועלכער האט זיך בעריהמט אז ער וועט צוהאקען דיא פראנצויזען וויא קרויט. נאַפּאָלעאָן האט אויסגעשטעלט זיין ארמעע צו אן אטאקע אויף דיא מאַמעלוקען לעבען דיא פּיראמידען און דאן האט ער עס אויסגערופען פאָלגענדע בעריהמטע פראַזע, אום אויפצומונטערן זיין ארמעע: „סאָל־דאַטען, דענקט, דאס פון דיא שפּיצען פון דיזע פּיראמידען קוקען אויף אייך ארונטער פערציג יאָהרהונדערטען!“

מוראַד־בעי האט באלד אויסגעפונען, אז ער האט געמאכט א ביטערן טעות אין זיינע רעכנונגען. דיא מאַמעלוקען זיינען געווען זעהר מוטהיגע און געניטע סאָלדאַטען, אבער געגען נאַפּאָלעאָן׳ס דיסציפּלינירטע ארמעע האבען זיי גאָר ניט געקענט אויפטאָן. מיט א ווילדער פערצווייפלונג האבען זיי זיך געוואָרפען אויף דיא געשלאָסענע רייהען פון דיא פראנצויזען, אבער יעדעס מאָל זיינען זיי צוריקגעשטויסען געוואָרן מיט פערלוסט. ענדליך האבען זיי געמוזט אנטלויפען אין ווילדען שרעק. א טהייל פון זיי זיינען אריינגעטריבען געוואָרן אין נילוס און זיינען דערטרונקען געוואָרן. מוראַד־בעי האט זיך קוים

גערעטעט מיט עטליכע בעגלייטערס. דער גאנצער לאגער פון דיא מאמעלוקען איז אריינגעפאלען אין דיא הענט פון דיא פראנצויזען, וועלכע האבען דארטען געפונען א סך געלד און טהייערע זאכען.

דעם נעכסטען טאג איז נאפאלעאן אריין אין קאירא און האט באלד אויסגעקליבען א קאמיסיאן, וועלכע האט געזאלט איינ־פיהרען א נייע רעגירונג אין עגיפטען. ער האט שוין גערעכענט, אז ער וועט באלד קענען אויספיהרען זיין פלאן צו גרינדען א ריזיגע אריענטאלישע אימפעריע; נאר ער האט פערזעהען, אז הינטער זיך האט ער געלאזען דיא ענגלענדער מיט זייער פלאטע. זיי האבען זיך טהייער אפגערעכענט מיט נאפאלעאנען פאר זיין גלענצענדען זיעג ביי דיא פיראמידען. דעם 1 אויגוסט האט אדמיראל נעלסאן, וועלכער איז געווען אזא מיליטערישער זשעניע אויפ'ן ים, וויא נא־פאלעאן אויף דער יבשה, אטאקירט דיא פראנצויזישע פלאטע אין דעם האפען פון אבוקיר. דיזע ים־שלאכט איז געווען א פירכטער־ליכע. דער פראנצויזישער אדמיראל איז געטויטעט געווארן, נעלסאן זעלבסט איז פערוואונדעט געווארן. דער סוף איז געווען, אז דיא פראנצויזישע פלאטע איז פערניכטעט געווארן פון דער ענגלישער און אז נאפאלעאן איז געבליבען אין א זעהר קריטישער לאגע. ער האט גערעכענט אפצופאהרען באלד נאך פראנקרייך און איבערלאזען זיין ארמעע אין עגיפטען אונטער דער קאמאנדע פון גענעראל קלעבער, און דא איז איהם דער וועג מיט איין קלאפ אפגעשניטען געווארן.

אן אנדערער אויף זיין פלאץ וואלט זיך פערלארען, אדער וואלט געזוכט וויא עס איז זיך ארויסצודרעהען, אום צוריק צו ציהען זיך; אבער נאפאלעאן, וועלכער איז שטענדיג געווען אבערגלויביש, האט שוין פעסט געגלויבט אין זיין שטערן און האט דארום בעשלאסען צו קעמפפען ווייטער מיט דיא מאמעלוקען און צו גרינדען אן אזיאטישע אימ־פעריע פאר פראנקרייך. מיט א טהייל פון זיין ארמעע האט ער זיך א לאז געטאן געגען דיא מאמעלוקען־ארמעע, וואס איבראהים־בעי האט צוזאמענגעקליבען, און ער האט איהר זעהר שנעל צוקלאפט. אן אנדער טהייל פון זיין ארמעע האט ער ארויסגעשיקט אונטער דער קאמאנדע פון דעם גרויסען גענעראל דעסע נאך דעם אויבער־

סטען טהייל פון מצרים, וואו דער בעזיעגטער מוראד־בעי האט זיך בעפעסטיגט מיט א נייע ארמעע פון מאמעלוקען און וואו ער איז ווידער בעזיעגט געוואָרן.

א סך פון דיא געלעהרטע, וואס נאפּאָלעאָן האט מיטגענומען, אום צו מאכען וויסענשאפטליכע נאכפאָרשונגען אין מצרים און פאר איין גאנג אום אויך צו פערגרעסערן זיין שם אין דער וועלט, האבען נאָכגעפאָלגט דיא עקספּעדיציאָן פון גענעראל דעסע, רייטענדיג אויף עזלען. דיא סאָלדאטען האבען ארויסגעוויזען זייער אכטונג צו דיא געלעהרטע, נאר זיי פלעגען פון דעסטוועגען ניט ווייניג שפּאס מאַכען וועגען דעם „געלעהרטען באטאליאָן" און פלעגען רופען דיא עזלען „האלב־געלעהרטע", ווייל ביי יעדער אטאקע פון דיא מאמעלוקען פלעגט מען דיא ערשטע זאך א קאָמאנדעווע טאָן: „דיא געלעהרטע און דיא עזלען אין מיטען!" דיזע געלעהרטע האבען שליסליך זעהר פיעל אויפגעטאָן פאר דער וויסענשאפט. איינער פון דיא גרעסטע רעזולטאטען פון זייערע נאכפאָרשונגען איז געווען דיא ענטדעקונג פון דעם זאָ־גענאנטען ראָזעטטא־שטיין, וועלכער האט געגעבען דעם שליסעל צו דיא געהיימניספאָלע היעראָגליפען־שריפטען פון אלטען מצרים.

ווען נאפּאָלעאָן איז געוואָרן דער הערשער פון גאנץ מצרים, האט ער ווידער ארויסגעוויזען זיינע דיפּלאָמאטישע פעהיגקייטען אזוי וויא אין איטאליען. ער האט געהאט צו טאָן מיט א בעפעלקערונג, וועלכע האט אפילו געהאסט דיא מאמעלוקען־הערשער, אבער האט אויך פיינט געהאט קריסטען. אום צו צוציהען דיא מאָהאמעדאנער, האט נאפּאָלעאָן אויפגעפאָדערט גענעראל מענו אָנצונעהמען אָפיציעל דעם מאָהאמעדאנישען גלויבען. נאכהער האט ער אויסגעפיהרט, אז דיא מאָהאמעדאנער גייסטליכע אין מצרים זאָלען איהם ערקלערען פאר מאָהאמעד'ס נאכפאָלגער. דיא רעגירונג האט ער פּרובירט איינפיהרען נאך דעם אייראָפּעאישען מוסטער, וויא וויים עס האט זיך געלאָזען. נאר דיא מאָהאמעדאנער זיינען ערשטענס ניט געווען גענייגט צו אייראָפּעאישע פיהרונגען און צווייטענס זיינען זיי אויפגעהעצט געוואָרן געגען דיא „גיאאורען" דורך טערקישע אגענ־

טען, וואס דער סולטאן האט ארויסגעשיקט. אבער דאס וואָלט נאך פילייכט ניט אזוי שטארק אויפגעבראכט דיא פאנאטישע מאָהאמע־דאנער געגען דיא „פראנקען“, ווען נאפּאָלעאָן וואָלט ניט געמוזט ארויפלייגען אויף זיי הויכע שטייערן, אום אויפצוהאלטען זיין ארמעע.

יעדענפאלס האבען דיא איינוואָהנער פון קאאירא געמאכט אן אופשטאנד געגען דיא פראנצויזען אין אָקטאָבער 1798. אויף א געגעבענעם סיגנאל זיינען זיי פלוצלונג בעפאלען דיא פראנצויזישע בעאַמטע און איינצעלנע סאָלדאטען און האבען זיי אויסגעשלאכטעט. נאפּאָלעאָן האט אין היילענעס ארויסגעפיהרט זיין ארמעע פון דער שטאָט, וועלכע ער האט גלייך נאכדעם אָנגעפאנגען צו באָמבארדי־רען פון דער פעסטונג. ווען פיעלע עפענטליכע געביידעס זיינען אָנ־געצונדען געוואָרן פון דיא קוילען, האט ער געהייסען זיינע סאָלדאטען געהמען דיא שטאָט מיט שטורם, וואס עס איז אויסגעפיהרט געוואָרן נאך א שרעקליך בלוטיגען געפעכט. דיא פראנצויזען האָבען אָהן ערבארמען געשאָכטען דיא מאָהאמעדאנער, וועלכע זיי האבען גע־טראָפען אויפ'ן וועג. דיא שטאָט איז כמעט אין גאנצען צושטערט געוואָרן און דיא גאסען זיינען פערפלייצט געוואָרן מיט בלוט. נאַ־פּאָלעאָן האט זיך געפונען אין אזא לאגע, אז ער האט געמוזט איינ־פיהרען א שרעק־הערשאפט, אום צו רעטען זיין קליינע ארמעע, וועלכע איז אָפּגעשניטען געווען פון פראנקרייך. נאך דער בלוטיגער אונטער־דריקונג פון דעם פאנאטישען אויפשטאנד האט ער ערקלערט, אז דיא אזיאטען מוז מען בעהערשען מיט שרעק, און ער האט אָהן ער־בארמונג געשלאכטעט אלע דיא יעניגע, וואס האבען ארויסגעוויזען זייער אונצופריעדענהייט מיט דיא „פראנקען“.

אין דיא דריי מאָנאטען רוהע־צייט, וואס נאפּאָלעאָן האט געהאט נאך דער אונטערדריקונג פון דעם אויפשטאנד, האט ער אויסגעאַר־בייט א פּלאַן איינצונעהמען פּאלעסטינע און סיריען, צו גרינדען דאָרטען אן אזיאטישע אימפעריע און נאכהער זיך א לאָז צו טאָן נאך קאָנ־סטאנטינאָפּאָל, אום צו צווינגען דעם סולטאן צו שליסען פריעדען. ער האט זיך דערוואוסט, אז א טערקישע ארמעע קלייבט זיך צו מארשירען פון סיריען נאך עגיפּטען און אז אן ענגלישע פלאָטע וועט אונטערשטי־

צען דיא טערקען. אום צו צושטערען דיזע פלענער פון דיא טערקען און ענגלענדער, האט ער זיך אין פעברואר 1799 א לאָז געטאָן נאך סי־ריען מיט אן ארמעע פון 12.000 מאן. דיא איבריגע סאָלדאטען האט ער איבערגעלאָזען אין עגיפּטען אונטער דער קאָמאנדע פון זיינע בעסטע גענעראלען.

אין סיריען האט דאן געהערשט א גרויזאמער אלטער פּאשא, וועלכער האט גענקראָגען דיא צונעמענעם „דזשעזאר", וואס עס בעדייטעט אויס־שלאכטער. דיא ענגלענדער האבען איהם געשטיצט מיט געלט און געוועהר געגען דיא פראנצויזען; אָבער נאפּאָלעאָן האט איינגענומען איין שטאָט נאך דיא אנדערע אין פּאלעסטינע, דארונטער אויך יפו, פון וואנען ער איז אוועק צו דער פעסטונג אין דעם סירישען פּאָרט סען־זשאן־ד'אקר, וועלכער איז נאך בעריהמט געוואָרן אין דער צייט פון דיא קרייץ־ציגע. דאָרט האט דזשעזאר־פּאשא צוזאמענגעקליבען זיין הויפּטמאכט און האט געווארט אויף דעם „קליינעם קארפּאָראל" היג־טער דיא שטארקע מויערן פון דער בעריהמטער פעסטונג.

נאפּאָלעאָן האט געמיינט, אז ער וועט לייכט איינגעהמען דיזע פעסטונג, און ער האט געהייסען איהר שטורמען; אָבער ער האט זיך באלד ארומגעזעהן, אז ער האט דיזעס מאָל געמאכט א טעות אין זיינע רעכנונגען. דזשעזאר־פּאשא איז ניט נאָר געווען געשטיצט פון אן ענגלישע פלאָטע, זאָנדערן אויך פון אויראָפּעאישע אָפיצירען, וועלכע האבען ארויסגעוויזען גרויסע מיליטערישע קונסט ביי דער פערטהיידי־גונג פון דער שטאָט. דערצו נאך האָבען דיא ענגלענדער געפאנגען דיא שיפען, וועלכע האבען געפיהרט גרויסע קאנאָנען פאר נאפּאָלעאָן'ס ארמעע. נאכהער האבען זיי איבערגעגעבען דיזע קאנאָנען צו דיא פער־טהיידיגער פון דער פעסטונג, וועלכע האבען זיך דערמיט זעהר גוט בענוצט געגען דיא פראנצויזען.

דער רעזולטאט דערפון איז געווען, דאס נאפּאָלעאָן האט געמוזט אָפּטרעטען מיט א גרויסען פערלוסט. ער איז געווען אויסער זיך דורך דיזע נידערלאגע, דען ער האט זיך גאר ניט געקענט פאָרשטעלען צו געפינען אזא שטארקען ווידערשטאנד אין אן אזיאטישער פעסטונג. אום צו פערלירען וואס ווייניגער סאָלדאטען פון זיין קליינער ארמעע,

האט ער בעשלאָסען דיא פעסטונג צו בעלאגערן. אין דיזער צייט האט ער נאך געהאט צו קעמפפען מיט א גרויסע ארמעע, וואס דיא טערקען האבען צוזאמענגעקליבען אין סיריען; נאר דיזע ארמעע האבען זיינע גענעראלען קלעבער און מוראט צוקלאפּט און פעריאָגט. אזוי וויא דיא בעלאגערונג האט זיך צו לאנג געצויגען און געשטערט אלע זיינע פלענער וועגען אן אזיאטישע אימפּעריע, האט נאפּאָלעאָן אָנגעפאנגען דעם 7 מאַי 1799 א נייעם שטורם. דיזעס מאָל איז דיא פראנצויזען געלונגען זיך אריינצורייסען אין א טהייל פון דער פעסטונג, אָבער זיי זיינען שליסליך צוריקגעשטויסען געוואָרן נאך א בלוטיגען געפעכט. נאפּאָלעאָן האט געשטורמט יעדען טאָג דיא פעסטונג ביז דעם 12 מאַי אָהן ערפאָלג, דען דיא ענגלענדער האבען געהאָלפען דיא טערקען מיט זייער פלאָטע און סאָלדאטען. ענדליך האט ער איינגעזעהען, אז ער וועט דיא פעסטונג ניט קענען איינגעהמען זאָלאנג דער פאָרט וועט בלייבען אין ענגלישע הענט, דארום האט ער זיך דעם 20 מאַי צוריקגעצויגען פון סען־זשאַן ד׳אַקר מיט א ווייטאָג אין הארצען.

דיזע קליינע פעסטונג האט צושטערט אלע פלענער פון דעם „קליינעם קארפּאָראל“. איהם איז געבליבען צוריק צו קעהרען זיך נאך עגיפּטען און דאָרט זיך צו האלטען געגען זיינע געגנער אזוי לאנג וויא עס וועט נאר מעגליך זיין. דעם 14 יולי 1799 איז ער ווידער אָנגעקומען אין קאאירא, נאָר דאָרטען האט ער קיין צייט געהאט זיך אפּצורוהען, דען א גרויסע טערקישע ארמעע האט געלאנדעט לעבען אלעקסאנדריא און האט פערנומען דיא פעסטונג אבוקיר. ער האט אזוי שנעל אטאקירט דיא טערקען און זיי צוקלאפּט אזוי קונציג און שטארק, אז זיין גרויסער מיליטערישער שם, וואס איז אביסעל פערדונקעלט געוואָרן נאך זיינע אונגליקליכע אטאקעס אויף דער פעסטונג סען־זשאַן־ד׳אַקר, האט ווידער אויפגעגלאנצט. דיא טערקען זיינען מיט אזא געוואלט צוריקגעשטויסען געוואָרן צום ים, דאס זיי האבען זיך ניט געקענט רעטען אויף דיא שיפלעך פון זייער פלאָטע און וויניגסטענס 6.000 פון זיי זיינען דערטרונקען געוואָרן. אין דער פעסטונג אבוקיר זיינען געבליבען איינגעשפּארט 4.000 טערקען, וועלכע האבען זיך באלד געמוזט אונטערגעבען.

טראָץ דיזען גלענצענדען זיעג האט נאפאָלעאָן געפיהלט גאר ניט היימליך אין עגיפטען. דורך דיזע אלע שלאכטען איז נאטירליך זיין ארמעע פיעל פערקלענערט געוואָרן. אויף פערשטארקונגען פון פראנקרייך האט ער גאָר ניט געקענט האָפען. דיא מאמעלוקען האבען ווידער אָנגעפאנגען צו פערזאמלען זייערע קרעפטע, און דיא טערקען האבען צוזאמענגעקליבען א נייע און זעהר גרויסע ארמעע אין סיריען. דערצו נאך האט נאפאָלעאָן געקראָגען פון פאריז נאכ־ריכטען, וועלכע האבען איהם אויפגעמונטערט אויסצופיהרען זיין טרוים צו ווערן דער הערשער פון פראנקרייך.

ער האט געפיהלט, אז זיין צייט איז ענדליך געקומען צו נעה־מען אין זיינע הענד דיא רעגירונג פון דער פראנצויזישער רעפובליק און ער האט דארום בעשלאָסען זיך אָפצוטראָגען פון עגיפטען שטי־לערהייט. ער האט זיך פערלאָזען אויף דער שוואכקייט פון דער דירעקטאָריום־רעגירונג און אויף דעם, וואס ער איז איינפאך פער־געטערט געווען ביי דעם גרעסטען טהייל פון פראנצויזישען פאָלק, אז מען וועט איהם ניט פערפאָלגען דערפאר, וואס ער האט אָהן ערלויבניס איבערגעלאָזען זיין ארמעע, און דעם 22 אוגוסט 1799 איז ער געהיים אָפגעפאָהרען פון קאאיראָ מיט זיינע בעסטע גענע־ראלען און טרייעסטע פריינד.

אין א פערשלאָסענעם בריף האט ער איבערגעלאָזען א בעפעהל, אז גענעראל קלעבער זאל זיין דער אָבער־קאָמאנדיר פון דער פער־בליבענער ארמעע.

ווען דיא ענגלענדער האבען זיך דערוואוסט, אז נאפאָלעאָן איז אוועק פון מצרים, האבען זיי ארויסגעשיקט שיפען איהם צו פאנגען; אבער איהם איז געלונגען זיך דורכצודרייהען און צו לאנדען דעם 9 אָק־טאָבער אין פראנקרייך, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן מיט דער גרעסטער פריידע איינפאך אלס א'ן ערלייזער.

פערצעהנטער קאפיטעל.

דער צווייטער בונד געגען פראנקרייך און סואווארא׳ס מארש.

אין פערלויף פון דיא 15 מאנאטען, וואס נאפאלעאן האט פערבראכט אין עגיפטען און אין סיריען, האט פראנקרייך ווידער געהאט צו פיהרען קריעג געגען כמעט גאנץ אייראפא. פיטט, דער ביטערסטער און גרעסטער פיינד פון דער פראנצויזישער רעפובליק, האט ניט אויפגעהערט אויפצומונטערן מיט פערשפרעכונגען און מיט געלד צו א קאמפף געגען פראנקרייך, און א קורצע צייט נאך דעם פריעדען פון קאמפא־פארמיא איז איהם געלונגען צו ארגאניזירען א נייע קאאליציאן (פערבינדונג) געגען פראנקרייך. דיזעס מאל איז צו דעם בונד אויך צוגעשטאנען דער רוסישער קייזער פאול דער ערשטער, וועלכער איז בעזאנדערס אויפגעבראכט געווארן אויף פראנקרייך, נאכדעם וויא נאפאלעאן האט פערנומען דעם אינזעל מאלטא ביי דעם ארדען, וועמעס גראסמייסטער ער איז דאן געווען. דיא נייע קאאליציאן איז אלזא געווען נאך גרעסער און שטארקער וויא דיא ערשטע, וועלכע איז אין גאנצען געבראכען געווארן נאך נאפאלעאן׳ס זיעגען אין איטאליען, וויא מיר ווייסען עס שוין.

אין דער צייט, ווען מען האט נאך אין ראשטאט דיסקוטירט דיא פונקטען לויט נאך דעם פריעדענס־אפמאך פון קאמפא־פארמיא, איז שוין א רוסישע ארמעע פון 60.000 מאן אונטער דער קאמאנדע פון דעם בעריהמטען סואווארא אנגעקומען אין עסטרייך, אום צו פערטרייבען דיא פראנצויזען פון איטאליען, און עסטרייך האט שטילערהייט ארגאניזירט נייע ארמעען. דיא דירעקטאריום־רעגירונג האט זיך דארום אויך אנגעפאנגען צו צוגרייטען צו א קאמפף. זיא האט צוזאמענגעקליבען 200 טויזענד מאן, וועלכע זיא האט צוטהיילט אויף פינף גרויסע ארמעען. נאכהער האט זיא אנגעקינדיגט דורך איהרע געזאנדטע אין ראשטאט, אז זיא בעטראכטעט דעם אנקומען פון א רוסישע ארמעע אין עסטרייך אלס א קריעגס־ערקלערונג. עסטרייך האט דאן

געענטפערט, אז פראנקרייך זאָל צוריקציהען איהרע אַרמעען פון איטאַ־ליען און שווייץ. דיא פריעדענס־פערהאנדלונגען זיינען צוליעב דעם נאַטירליך באַלד אונטערבראָכען געוואָרען, און דיא מלחמה האט זיך אָנגעפאנגען אויף אַלע זייטען אָהן שום אָפיציעלע קריעגס־ערקלערונג. דאס איז געשעהען דעם 23 אַפּריל 1799.

דער קאָנגרעס אין ראשטאט האט זיך נאָך דערצו געענדיגט מיט א שרעקליכען פערברעכען—מיט דער ערמאָרדונג פון דיא דריי פראַנצויזישע געזאַנדטע באָניע ד׳ארקאָ, ראָבערזשאָ און זשאן דע־בּרי. זיי האבען געקראָגען א בעפעהל צו פערלאָזען ראשטאט אין 24 שטונ־דען, נאר באַלד וויא זיי זיינען ארויסגעפאָהרען, זיינען זיי בעפאַלען געוואָרען פון עסטרייכער הוזארען, וועלכע האבען זיי צוזאַקט מיט שווערדען. באָניע ד׳ארקאָ און ראָבערזשאָ זיינען אויסגעגאנגען אונטער דיא אויגען פון זייערע יאָמערנדע פרויען, און זשאן דע־בּרי איז געבליבען ליעגען אין א שטערבענדען צושטאנד א גאנצע נאכט. אויף מאָרגען האט מען איהם געפונען אין א גרוב און געבראכט אין ראשטאט, וואו ער איז גערעטעט געוואָרען נאָך לאַנגע ליידען. דיא קארעטען פון דיא געזאַנד־טע האבען דיא הוזארען ארומגעקוקט פון אַלע זייטען און צוגענומען אַלע פּאַפּירען, וועלכע זיי האבען געפונען צווישען דיא זאכען. דיזע פּאַפּירען זיינען עס געווען דיא אורזאכע פון דעם שוידערליכען מאָרד, וועלכער בלייבט איין אייביגער פלעק אויף עסטרייך און אויף יענער צייט, דען אַפילו ביי ווילדע פעלקער ווערט דיא ערמאָרדונג פון געזאַנד־טע גערעכענט פאַר דעם גרעסטען און שרעקליכסטען פערברעכען.

וואס פאר דיפּלאָמאטישע געהיימניסע דיא פּאַפּירען פון דיא ערמאָרדעטע געזאַנדטע האבען ענטהאַלטען, ווייס מען ניט גענוי ביז׳ן היינטיגען טאָג. מען רעכענט, אז דיזע פּאַפּירען האבען געצייגט דיא פאַלשע האַנדלונג פון עסטרייכער רעגירונג געגענאיבער דיא מלכים און פירסטען פון דער דייטשער אימפּעריע. יעדענפאלס האט דער פערדאָרבענער עסטרייכער קאַנצלער טהוגוט, וועלכער האט זיך פער־קויפט צו פּיטט׳ן, געהאט א זעהר גרויסען אינטערעס, אז דיא דאָקו־מענטען פון דיא פראַנצויזישע געזאַנדטע זאָלען בלייבען אין זיינע הענד. מען האט דארום קיין מאָל ניט געפאנגען און ניט בעשטראָפט דיא

מערדער, און דיא אונטערזוכונג, וועלכע מען האט צום שיין געמאכט, האט צו גאָר ניט געפיהרט.

דיזער בארבארישער מאָרד האט אויפגערעגט אלע מענשען מיט א הארץ. אין פראנקרייך האט ער נאטירליך ארויסגערופען א שטורם פון צאָרן און פעראכטונג צו עסטרייך און צו אלע מאָנארכיעס. דיא פראנצויזישע סאָלדאטען האבען זיך געריסען צו נעהמען ראכע פאר זייערע ערמאָרדעטע געזאנדטע.

נאר דער מזל פון מלחמה האט אָנפאנגס כמעט אין גאנצען פערלאָזען דיא פראנצויזישע ארמעען. בעזאָנדערס האבען זיי געליטען פון דער רוסישער ארמעע, וואס דער גרויסער קריעגס-פיהרער סוא־וואָראָוו האט געטריבען דורך דיא בערג פון שווייץ נאך איטאליען. אפילו גענעראל מאָראָ איז געשלאָגען געוואָרען פון דיזען מערקווירדי־גען קאָמאנדיר, וועלכער האט געשטורמט גאר ניט אכטענדיג אויף דעם לעבען פון זיינע סאָלדאטען. ווען סואוואָראָוו אין אריין אין מילאן, דיא הויפטשטאָט פון לאָמבארדיען, נאך זיין זיעגרייכען מארש דורך דיא שווייץ, איז ער בעגריסט געוואָרען פון דעם ארכי־ביסקופ און פון דער אריסטאָקראטיע אלס דער „רעטער פון איטא־ליען". דער וויכטיגסטער רעזולטאט פון סואוואָראָוו'ס זיעגען איז געוועזען, דאָס דיא איטאליענישע רעפובליקען זיינען אזוי שנעל געשטערצט געוואָרען וויא שנעל נאפאָלעאָן האט זיי געגרינדעט.

סואוואָראָוו האט שוין גערעכענט, אז ער וועט זיך קענען אריינרייסען אין פראנקרייך גופא און זיך דאָרט אָפּרעכענען מיט דיא „סאנקיולאָטען"; אבער שליסליך האט ער קוים געקענט אָפּ־טרעטען צוריק דורך דיא שווייץ און רעטען זיין ארמעע נאָך א שרעק־ליכען פערלוסט.

ביי דער בעריהמטער שלאכט לעבען צוריך דעם 14 אוגוסט 1799 איז דיא רוסישע ארמעע אונטער דער קאָמאנדע פון פירסט קאָרסאקאָוו אין גאנצען צוקלאפט געוואָרען פון דיא פראנצויזען אונ־טער דער קאָמאנדע פון דעם מוטהיגען און גלענצענדען גענעראל מאסענא, וועלכער האט דאן, קען מען זאָגען, געראַטעט דיא פראנ־צויזישע רעפובליק פון אן איבערפאל פון רוסען און עסטרייכער. דיזע

שלאכט האט געדויערט 2 טעג, און דיא גאסען פון צוריך זיינען פער־פלייצט געוואָרן מיט בלוט. קאָרסאַקאָוו האט געמוזט אָפּטרעטען מיט דעם רעשט פון זיין בעזיעגטער ארמעע, און מאסענא האט זיך באלד א לאָז געטאָן נעגען סואוואַראָוו׳ן, וועלכער האט גע־יאָגט זיין אויסגעמאטערטע ארמעע דורך בערג און טהאָלען, אום צו פער־בינדען זיך מיט קאָרסאַקאָוו׳ס ארמעע.

טויזענדע רוסישע סאָלדאטען זיינען אומגעקומען ניט בלויז פון דיא פראנצויזישע קוילען, זאָנדערן אויך פון קעלט און הונגער אין דיזען מארש, וועלכער איז איינער פון דיא בעריהמטעסטע אין דער מיליטערישער געשיכטע. סואוואַראָו האט בעוויזען וואס פאר א גרויסער קאָמאנדיר ער איז געווען און האט אויסגעהאלטען אלע אטאקעס פון גענעראל מאסענא, אבער ער האט אלץ געמוזט צור־ריקטרעטען. ווען ער איז ענדליך אריבער דיא בערג און איז אָנגע־קומען אין דייטשלאנד, האט ער שוין ניט געהאט קיין איינציגע קאַנאָנע, און זיינע איבערגעבליבענע העלדישע סאָלדאטען זיינען געווען אָפּגעריסען און אין דעם קלעגליכסטען צושטאנד. דער צאר פּאַול האט דאן געהייסען בריינגען דיזע ארמעע צוריק נאך רוסלאנד, און אזוי האט זיך געענדיגט דיא ערשטע מיליטערישע אריינמישונג פון רוסישע סאָלדאטען אין דער מלחמה געגען פראנקרייך.

א רוסישע ארמעע פון 20 טויזענד מאן האָט נאך וויניגער גליק געהאט אין האָלאנד, וואו זיא האט געקעמפּט צוזאמען מיט ענגלענדער, אום ארויפצוזעצען אויפ׳ן טראָן דעם שטאאטהאלטער ווילהעלם דעם פינפטען. דיא פראנצויזישע ארמעע אונטער דער קאָמאנדע פון גענעראל ברון האט אזוי צוקלאפּט דיא ענגלענדער און רוסען, אז זיי האבען געמוזט בעטען מען זאָל זיי לאָזען פריי אָפּפאָהרען פון האָלאנד. דער פראנצויזישער גענעראל האט עס זיי ערלויבט, אבער מיט דער בעדינגונג, אז זיי זאָלען אויסליפערן 10.000 געפאנגענע פראנצויזען און האָלענדער און זאָלען ווידער אויפבויען דיא דעמע (שוץ־ווענט געגען וואסער) און דיא פעסטונגען, וועלבע זיי האבען צושטערט.

דיזער גרויסער זיעג פון דיא פראנצויזען אין האָלאנד האט גראָדע געטראָפען מיט א פּאָר טעג איידער נאפּאָלעאָן איז אָנגעקומען פון מצרים.

פופצעהנטער קאפּיטעל.

דער פּאַרטיי־קאמפּף אין פּאַרלאמענט און אין דירעקטאָריום.

טראָץ דיא לעצטע זיעגען פון דיא גענעראלען מאסענא, מאָרא און ברון, וועלכע האבען אין 1799 געראַטעט פראנקרייך פון אן איבערפאל און מהיילוויז צוקלאפּט פּיטט'ס צווייטע קאָאליציאָן, איז דיא רעפּובליק געווען אין א זעהר קריטישער לאגע. אויסער דיא שטענדיגע פינאנציעלע שוויריגקייטען און דעם אינדוסטריעלען קריזיס, וועלכע זיינען אלץ גרעסער געוואָרן וואס ווייטער דיא מלחמות האבען זיך פערצויגען, האבען זיך אָנגעפאנגען נייע רוהעשטערונגען אין פראנקרייך.

דיא ארבייטער האבען שרעקליך געליטען. דער האנדעלס פערקעהר מיט דיא קאָלאָניען איז אָפּגעשניטען געוואָרן פון דיא ענגלישע פלאָטען. דיא ארמוטה האט געפיהרט צו א שרעקליכע פערמעהרונג פון רויבער אין גאנצען לאנד. אין וואנדעי האט זיך ווידער אָנגעפאנגען אן אויפשטאנד, ווייל מען האט דאָרטען געגלויבט אז סואוואָראָוו'ס זיעגען וועלען באלד ווידער ברייננען דיא בורבאָנען אויפ'ן טראָן.

אין סעפּטעמבער 1799 איז דיא לאגע פון פראנקרייך געווען אזא שרעקליכע, אז גענעראל זשורדאן האט פאָרגעשלאָגען אין ראטה פון 500 צו ערקלערן „דאס פאטערלאנד אין געפאהר" אזוי וויא אין 1792; נאר דיזער פּאָרשלאג איז דורכגעפאלען, ווייל מען האט מורא געהאט, דאס דיזע ערקלערונג וועט ווידער פיהרען צו א טעראָר מיט א רעוואָלוציאָנערען טריבונאל און א גיליאָטינע.

דיא פורכט פאַר אַ רעוואָלוציאָנערען טעראָר פון איין זייט און פאַר אַן מאָנאַרכיע פון דער אַנדער זייט, דאָס זיינען געווען דיא הויפּטאורזאַכען, וואָרום עס האָט זיך אַזוי לאַנג אָנגעהאַל־טען דיא דירעקטאָריום־רעגירונג טראָץ דעם, וואָס זיא איז אַלגע־מיין פעראַכטעט און פערהאַסט געווען. דיא מאָנאַרכיסטישע אויפ־שטאַנדען, וועלכע האָבען אייגענטליך קיין מאָל ניט אויפגעהערט אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן, האָבען בעזאָנדערס געהאָלפען דיא דירעקטאָרען צו פערבלייבען ביי׳ם רעגירונגס־רודער, דען דיא ניי־אויפגעקומענע בורזשואַזיע האָט מורא געהאַט, וויא מיר ווייסען עס שוין, דאָס אַ מאָנאַרכיע וועט שטיצען דיא פריצים און גלחים זיי זאָלען צוריק קריעגען דיא קאָנפיסצירטע פון פערקויפטע גיטער.

דאַרום האָט דיא בורזשואַזיע אויך גענומען שטיצען אין 1798 דיא נייע דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, פון וועלכער עס איז דיא רייד געווען אין אַ פאָריגען קאַפּיטעל. דער שטאַאַטס־שטרייך פון 22 פלאָרעאַל (11 מאי 1798) האָט ניט לאַנג געהאָלפען דיא דירעקטאָרען, דען ביי דיא נייע וואַהלען דעם נעקסטען יאָהר האָבען דיא דעמאָ־קראַטען געקראָגען אַ גרויסע מאַיאָריטעט אין דעם 500־ראַטה און אַ שטאַרקע מינאָריטעט אין דעם ראַטה פון עלטערע. דיא דירעק־טאָרען האָבען שוין דיזעס מאָל ניט געוואַגט צו מאַכען אַ נייעם שטאַאַטס־שטרייך און אָנצושטעלען זייערע אָנהענגער וויא דעם 22 פלאָרעאַל. דערצו נאָך זיינען זיי אַליין צוטהיילט און צוריסען געווען. אין דירעקטאָריום איז פאָרגעקומען אַ זעהר וויכטיגע ענדערונג דורך דעם, וואָס רעוובעל האָט געמוזט אַרויסטרעטען, ווייל דער גורל איז אויף איהם געפאַלען. אויף זיין פּלאַץ האָט מען אויסגעוועהלט דעם גלח סיעס. דיזעס מאָל האָט שוין דער שלויער גלח אָנגעכאַפּט זיין פּלאַץ מיט ביידע הענט. ער האָט זיך אויך אַרומגעטראָגען מיט עהרגייציגע פּלענער אַזוי וויא נאַפּאָלעאָן און האָט געדעכענט, אַז עס איז געקומען זיין צייט צו הערשען איבער פראַנקרייך.

ער האָט ניט געשטימט ניט מיט דיא רעפּובליקאַנער און ניט מיט דיא דעמאָקראַטען, נאָר ער איז געווען געגען דיא קאָנסטיטוּ־ציאָן פון דריטען יאָהר פון דער רעפּובליק, ווייל ער האָט געוועלט

דורכפיהרען זיין פּלאַן פון אַ קאָנסטיטוציאָן. אין ראַטה פון עלטערע, וואו ער איז געווען אַ מיטגליעד, האט ער געקראָגען דיא מאַיאָריטעט. דיזע מאַיאָריטעט האט מען גערופען דיא סיעס־פּארטיי. נאר אין 500־ראַטה איז דיזע פּארטיי געווען גאנץ שוואך. אום אויסצופיהרען זיין פּלאַן האט זיך סיעס פערבונדען מיט דיא דעמאָקראַטען, וועלכע האבען דאן נאר געזוכט אראָפּצוזעצען אלע דירעקטאָרען און איינצופיהרען דיא קאָנסטיטוציאָן פון 1793. פון דיא דירעקטאָרען זיינען לאַרעוועילער־לעפּאָ, מערלען און טריילאר געווען פאר דיא קאָנסטיטוציאָן פון דריטען יאָהר פון דער רעפּובליק, סיעס איז געווען געגען דיזע קאָנסטיטוציאָן און באַראַס האט זיך געוואָרפען אויף אלע זייטען, זוכענדיג נאר זיינע פערגעניגען.

דיא דעמאָקראַטען און דיא סיעס־פּארטיי האבען צוערשט אראָפּגעזעצט דעם דירעקטאָר טריילאר מיט דעם תירוץ, דאס זיין וואהל איז נים געווען רעגעלמעסיג. אויף זיין פּלאַץ האט מען אויסגעקליבען דעם דעמאָקראַט גאָהיע. נאכהער האבעןביידע פּארטייען גענומען שטורמען דיא דירעקטאָרען לאַרעוועילער־לעפּאָ און מערלען, וועלכע זיינען שליסליך געצוואונגען געווען צו רעזיגנירען. זייערע פּלעצער האבען פערנומען דער דעמאָקראַט מולען און דער סיעסיסט ראָזשע־דיוקאָ. אויף אזא אויפ'ן איז שוין דיא מאַיאָריטעט פון דירעקטאָריום אויך געווען געגען דיא קאָנסטיטוציאָן, וועלכע האט געשאפּען דיזע זעהר שלעכטע רעגירונגס־פאָרמע. פון דיא ערשטע דירעקטאָרען איז נאר פערבליבען באַראַס, אָבער ער האט אין דער צייט אינטריגירט אין געהיים מיט דיא מאָנארכיסטען, אום דיא בורבאָנען זאָלען ווידער ארויף אויפ'ן טראָן.

דיא דעמאָקראַטען האבען געגרינדעט אַ קלוב, וואו עס פלעגען אויך קומען ענערגישע יאַקאָבינער. זיי האבען אגיטירט אין לאַנד פאר אַ שטארקע דעמאָקראַטישע רעפּובליק נאך דעם מוסטער פון דער קאָנסטיטוציאָן פון 1793 און האבען געהאָפּט צו קריעגען נאך אַ גרעסערע מאַיאָריטעט ביי דיא נעכסטע וואהלען. אָבער אויך דיא מאָנארכיסטען האבען געלאָזט פון זיך אלץ שטארקער הערען. אום זיי איינצושרעקען, האבען דיא דעמאָקראַטען דורכגעפיהרט אַ זעהר

שטרענגען און רעוואָלוציאָנערען געזעץ, וועלכער איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „דאס געזעץ פון משכנות". נאך דיזען געזעץ זיינען דיא קרובים אָדער אַנהענגער פון דיא עמיגראַנטען און פון אזעלכע אדע־ליגע, וועלכע האבען אַנטהייל גענומען אין אַן אויפשטאַנד אָדער אונ־רוהען, בעטראַכטעט געוועזען אַלס א משכון. מען האט זיי געהאַלטען פעראַנטוואָרטליך מיט זייער פערמעגען און מען האט זיי גענומען האַלטען אונטער אַרעסט אין זייערע וואָהנונגען אויף זייער אייגענע רעכנונג. פאַר יעדען מאָרד פון א בירגער, וואס האט געקויפט קאָנפיסצירטע אייגענטהום, האט מען געזאָלט פעראורטהיילען צו פערשיקונג 4 פערוואַנדטע פון אַן עמיגראַנט.

דיזער טעראָריזמוס האט נאַטירליך אין העכסטען גראַד אויפ־גערעגט דיא מאָנאַרכיסטען, וועלכע האבען געמאַכט א נייעם אויפ־שטאַנד אין וואַנדעי און אונאָרדנונגען אין זידליכע פראָווינצען. דיא לאַגע איז אַלזאָ געוועזען א זעהר אונרוהיגע און צומישטע אין יעדער בעציהונג, און א קריזיס מיט א נייעם שטאַאטס־שטרייך איז געוואָרן אונפערמיידליך.

סיעס, וועלכער האט איינגעזעהען, אז דיא דעמאָקראַטען וועלען געווינען ביי דיא קומענדע וואהלען, און האט עס ניט געוועלט דער־לאָזען, האט אָנגעפאַנגען צו פלאַנעווען א שטאַאטס־שטרייך נאך דעם מוסטער פון דעם שטאַאטס־שטרייך„פון 18־טען פרוקטידאָר, אום ער זאָל קענען ווערן דער דיקטאַטאָר מיט דער הילפע פון זיין פאַרטיי און פון עטליכע גענעראַלען. צו דיזען צוועק האט ער זאָגאר אָנגע־פאַנגען צו לערנען זיך רייטען. יעדען פריהמאָרגען פלעגט דיזער גלח אַרומרייטען אין לוקסאַמבורגער פאַלאַץ צוגרייטענדיג זיך צו זיין ראָלע אַלס דיקטאַטאָר.

אין דער צייט איז עס נאַפּאָלעאָן אָנגעקומען פון עגיפּטען. מען זאָגט, אז סיעס און זיין אַדיוטאַנט ראָזשע־דיוקאָ האָבען געהיימער־הייט געלאָזט וויסען דעם „קליינעם קאַרפּאָראַל", אז ער זאָל קומען, ווייל דיא רעגירונג מוז געענדערט ווערן. יעדענפאַלס האט זיך סיעס געוועלט בענוצען מיט דעם גענעראַלס הילפע, אזוי וויא בּאַראַס האט עס פריהער געטאָן. נאר ער האט געמאַכט א טעות אין זיינע רעכנונגען.

דען נאפּאָלעאָן איז שוין ניט געווען דער אונבעקאנטער, אָרימער און פערפאָלגטער ארטילעריע־אָפיציר, זאָנדערן דער בעריהמטעסטער און גרעסטער קריעגספיהרער, וועלבער איז דערצו נאָך פערגעטערט גע־ ווען פון פראנצויזישען פּאָלק. אלע פּארטייען האבען געזוכט זיין פריינדשאפט; אָבער ער האט זיך דיא ערשטע טעג געהאלטען אָן א זייט און זיך ניט געמישט אין דיא פּאָליטישע שטרייטען. דיא מיליטעריסטען, מיט אויסנאהמע פון עטליכע רעפּובליקאנישע גענע־ ראַלען, וויא זשורדאן, אָזשעראָ און בערנאַרדאָט (אין 1818 איז בער־ נאַרדאָט אויסגעקליבען געוואָרן פאר דעם קעניג פון שוועדען), האבען בעזאָנדערס געוועלט, אז נאפּאָלעאָן זאל נעהמען דעם רעגירונגס־ רודער אין זיינע שטארקע הענט. נאפּאָלעאָן איז אויך געשטיצט געווען פון זיין ברודער לוסיאן באָנאפּארטע, וועלבער איז צו דער צייט געוואָרן דער פּאָרזיצענדער פון דעם 500־ראטה.

פון דער זייט האט נאפּאָלעאָן נאכגעפאָרשט דיא פערהעלט־ ניסע פון אלע פּארטייען און איז געקומען צום שלוס, אז דער בעס־ טער וועג פאר איהם איז זיך צו פערבינדען מיט דעם גלח סיעס, אום אָפּצושאפען דיא קאָנסטיטוציאָן פון דריטען יאָהר פון דער רעפּובליק. דיזען בעשלוס האט ער געפאסט מיט זיין געוועהנליכע שנעלקייט און ענערגיע, דען פון דעם טאָג, ווען ער איז אָנגעקומען אין פּאריז, ביז דעם טאָג, ווען ער האט אויסגעפיהרט דעם פּלאָן פון א שטאאטס־שטרייך, זיינען בלויז פּאָריבער 3 וואָכען. מיט באראס׳ן, זיין פריהערען בעשיצער, האָט נאפּאָלעאָן ניט געקענט קומען צו א פערשטענדיגונג, און ער האָט דארום בעשלאָסען איהם אין גאנצען צו פערלאָזען. סיעס און ראָזשע־דיוקאָ האבען געפיהרט זייער פערשווע־ רונג אין געהיים געגען באראס׳ן, אזוי וויא באראס האט עס געטאָן דעם 18־טען פרוקטידאָר געגען דיא דירעקטאָרען קארנאָ און באר־ טהעלעמי. דיא אנדערע צוויי דירעקטאָרען, דיא דעמאָקראטען גאָ־ היע און מולען, זיינען פעררעטהען געוואָרן פון פושע, דעם בעריהמטען פּאָליציי־מיניסטער, און פון טאלעיראן, דעם בעריהמטען דיפּלאָמאט, וועלבער האט געזאָגט, אז „דיא שפּראך איז געגעבען געוואָרן דעם מענשען, אום צו בעהאלטען זיינע געדאנקען“.

דיא דעמאָקראטען און זאָגאר יאַקאָבינער זיינען אזוי ווייט גענאַרט געווען אין נאפּאָלעאָן׳ס שטרעבונגען, אז זיי האבען אויס־געוועהלט זיין ברודער לוסיאן פאַר דעם פּאָרזיצענדען פון 500־ראַטה, אום איהם דערמיט אויסצודריקען זייער אכטונג אין צוטרויען. דיא דעמאָקראטען האבען זיך נאך איינגערעט, אז נאפּאָלעאָן איז אין הארצען פערבליבען א יאַקאָבינער. אין אמת׳ן איז דיזער עהרגייציגער מענש קיין מאָל ניט געווען א יאַקאָבינער און האט איבערהויפּט ניט געהערט צו קיין פּארטיי.

זעכצעהנטער קאפּיטעל.

דער שטאַאטס־שטרייך פון 18־טען ברומער.

נאפּאָלעאָן און סיעס האבען איין אבענד בעשטימט זייער פּלאַן פון א שטאַאטס־שטרייך. דיא הויפּט־פּונקטען פון דיזען פּלאַן זיינען געווען פאָלגענדע: ערשטענס, צווינגען דעם ראטה פון עלטערע צו בעשטימען, אז דער פּארלאַמענט זאָל האלטען זיינע זיצונגען אין סען־קלו (א פּלאַץ לעבען פּאריז) און אז נאפּאָלעאָן זאָל זיין דער קאָמאַנדיר פון דער ארמעע; צווייטענס, צווינגען דיא דירעקטאָרען צו רעזיגנירען; דריטענס, צווינגען דעם פּארלאַמענט אין סען־קלו אָנצונעהמען א נייע רעגירונג פון דריי קאָנסולען: סיעס, ראָזשע־דיוקאָ און נאפּאָלעאָן באָנאפּארטע; און פערטענס, איינצופיהרען מיט דער צייט א נייע קאָנסטיטוציאָן. פאַר דעם לעצטען פּונקט האט בעזאָנדערס געהאלטען סיעס, וועלכער האָט שוין לאנג פערפאסט א קאָנסטיטוציאָן נאך זיין געשמאַס און ועמעס העכסטער ציעל איז געווען איהר דורכצופיהרען. זיא איז אבער שליסליך געבליבען ליעגען אין זיין שרייבטיש.

דיזער פּלאַן איז אויסגעפיהרט געוואָרן דעם 18 ברומער (9 נאָוועמבער 1799).

נאפּאָלעאָן האט מיט א טאָג פריהער אריינגעפיהרט אין פּאַריז עטליכע רעגימענטען סאָלדאטען מיט דעם תירוץ צו מושטירען זיי. אין דער נאכט פאר דער שטאאטס־שטרייך האבען דיא טרייעסטע אָנהעננער פון סיעס צוזאמען מיט לוסיאן באָנאפּארטע זיך פערזאמעלט אין דעם זיצונגס־זאל פון דעם ראטה פון עלטערע, אום צו בעשטימען, וויא זיי זאלען האנדלען. מען האט אלעס צוגעגרייט און פערפאסט אלע פּראָקלאמאציאָנען און בעפעהלען. דיא מיטגלידער פון דעם ראטה פון עלטערע האט מען פעררופען צו א זיצונג 7 אוהר מאָרגענס, נאָר דיא מיטגליעדער פון 500־ראטה האבען געזאָלט ערעפענען זייער זיצונג 11 אוהר בייטאָג, אום זיי זאָלען שוין קריעגען אָפּגעשטימטע בעפעהלען פון דעם ראטה פון עלטערע.

נאפּאָלעאָן האט דיא גאנצע נאכט ענערגיש געארבייט צו בעשטימען דיא אָפיצירען און סאָלדאטען אויף זייערע אָנגעצייגטע ערטער און אויך אום אייגצולאדען צו זיך אום 7 אוהר מאָרגענס פיעלע אָפיצירען און גענעראלען. אום דיא פּאריזער קאָמונע זאָל ניט מאַכען קיינע שטערונגען, האט מען איהר אויפגעלייזט. אלע טויערן פון פּאריז האט מען צוגעמאכט אויף דעם בעפעהל פון פּאָליציי־מיניסטער פושע, וועלכער האט טיכטיג געארביים פאר נאפּאָלעאָנען.

ווען דיא אָפיצירען און גענעראלען זיינען זיך צוזאמענגעקומען אין נאפּאָלעאָן׳ס הויז, האט מען זיי ביסלעכווייז ערקלערט, אז מען דארף מאכען א סוף פון דיא הערשאפט פון „אדוואָקאטען“ (אזוי האבען דיא מיליטעריסטען אָנגעפאנגען צו רופען דיא רעדנער פון פּארלאמענט), אז מען מוז רעטען פראנקרייך און איינפיהרען א פעסטע רעגירונג. אלע זיינען געווען דערמיט איינפערשטאנדען. אפילו גענעראל מאָראָ, דער נעכסטער גרויסער קריעגספיהרער נאך נאפּאָלעאָנען, איז איבערגעגאנגען אויף נאפּאָלעאָן׳ס זייט און האט איהם געהאָלפען אויספיהרען דעם שטאאטס־שטרייך.

אין דעם ראטה פון עלטערע האט מען שנעל אויסגעפיהט דיא פּאָרשלעגע פון דיא פערשווערער, אז דער פּארלאמענט זאל זיך פערזאמלען אין סען־קלו און אז נאפּאלעאָן זאָל זיין דער הויפּט־קאָמאנדיר פון אלע מיליטערישע קרעפטע אין און ארום פּאריז. אום

8 אוהר מאָרגענס האט שוין נאַפּאָלעאָן געקראָגען דעם בעפעהל װעגען זיין אבער־קאָמאַנדע „צו בעשיצען דעם פּארלאַמענט“, װעלכען ער האט זיך געקליבען פּאַנאַנדערצױאָגען. ער איז גלייך אװעק מיט אלע אָפיצירען און גענעראלען צום ראַטה פון עלטערע, װאוהין מען האט איהם איינגעלאַדען צו קומען. דאָרטען האט ער געהאַלטען פאָלגענדע רעדע:

„בירגער־פערטרעטער, דיא רעפּובליק האט געהאַלטען ביי'ן אונטערגאַנג, אייער בעפעהל האט איהר גערעטעט. װעה צו דיא יעניגע, װאס װעלען זיך װעהרען געגען דיזען בעפעהל. מיט דער הילפע פון גענעראל לעפעבר, פון גענעראל בערטהיע און פון אלע מיינע מיליטערישע קאַמעראַדען װעל איך צושטערען אלע זייערע פּלענער. זוכט ניט קיינע ביישפּיעלען אין דער פערגאַנגענהייט. קיין זאַך אין דער געשיכטע קען זיך ניט פערגלייכען מיט דעם סוף פון אכצעהנ־טען יאָהרהונדערט; קיין זאַך פון דעם סוף פון דיזען יאָהרהונדערט קען זיך ניט פערגלייכען מיט דיזען מאָמענט. אייער װייזהייט האט אייך דיקטירט דיזען בעפעהל, אונזערע הענט װעלען איהם אויספיהרען. מיר פערלאַנגען אַ רעפּובליק װאס זאל זיין בעגרינדעט אויף אמת'ע פרייהייט און מיר װעלען איהר האבען. איך שװער עס, איך שװער עס!“

דאס האט ער געשװאָרען, אום אויסצומיידען אַ רעגעלמעסיגע שבועה צו בעשיצען דיא קאָנסטיטוציאָן, װעלכע ער האט נאר געזוכט צו פערניכטען. איין מיטגליעד האט געװעלט אויפמערקזאם מאַכען, אַז מען האט בעדאַרפט הייסען דעם גענעראל שװערען טרייהייט צו דער קאָנסטיטוציאָן; אבער מען האט איהם געענטפערט, דאָס מען קען זיך בעגיין אָהן צערעמאָניעס, און דיא מיטגליעדער זיינען זיך גלייך נאכדעם צוגאַנגען. יעדענפאַלס האט נאַפּאָלעאָן שפּעטער געבראָכען זיין שבועה צו פערטהיידיגען דיא רעפּובליק, דען ער איז געװאָרן קייזער.

נאַך זיין קורצע און שאַרפע רעדע אין ראַטה פון עלטערע איז נאַפּאָלעאָן אריין אין הויף און גאָרטען פון טיולערי, אום צו בע־טראַכטען דיא רעגימענטען סאָלדאַטען, װעלכע זיינען אָנגעקומען נאַך

דעם בעשטימטען פּלאַן, און זיי אויפּצומונטערן איהם צו פאָלגען. זיי האבען איהם אויפגענומען מיט פריידע. דיא אָפיצירען האבען ער־קלערט, אז ער קען זיך אויף זיי פערלאָזען. דאן איז ער אוועק דורכ־צורייידען זיך מיט דיא דירעקטאָרען סיעס און ראָזשע־דיוקאָ, וואס מען זאל ווייטער טאָן.

אום צו צווינגען אלע דירעקטאָרען זיך צוריקצוציהען אויף א געזעצליכען וועג, האבען זיי אָפּגעמאכט, אז סיעס און ראָזשע־דיוקאָ זאָלען אליין רעזיגנירען. נאר אום צו צושטערן דיא דירעקטאָריום־רעגירונג אָהן געוואלט, האט מען נאך בעדארפט אויספיהרען, אז א דריטער דירעקטאָר זאָל רעזיגנירען. דריי זיינען געווען דיא געזעצליכע רעגירונגס־מאַיאָריטעט, און דיא אנדערע צוויי דירעקטאָרען וואָלטען גאר ניט געקענט אויפטאָן לויט נאך דער קאָנסטיטוציאָן.

דיא דריי אָנפיהרערס פון דעם שטאאטס־שטרייך, סיעס, נאָ־פּאָלעאָן און ראָזשע־דיוקאָ, האבען דאן אוועקגעשיקט דעם דיפּלאָ־מאט טאַלעיראַן איינצורייידען דיא דירעקטאָרען צו רעזיגנירען און דעם גענעראַל מאָראָ מיט 500 גרענאדירען זיי איינצושרעקען. מאָראָ האט גלייך פערנומען דעם לוקסאמבורגער פּאלאַץ, וואו דיא דירעקטאָרען האבען געוואָהנט, און וויא נאָר באראס האט עס דערזעהן, האט ער גלייך פערשטאַנען, אז דיזעס מאָל האט מען איהם אונטערגעשטעלט א פיסעל און אז יעדער װידערשטאנד איז נוצלאָז. ער האט דארום גלייך רעזיגנירט, וויא מען האט עס פערלאנגט פון איהם, און האט פערלאָזען פּאריז אונטער דער בעגלייטונג פון סאָלדאטען, וועלכע מען האט אָנגעשטעלט כלומרשט אום איהם צו בעשיצען. דאס איז געווען דער סוף פון דער פּאָליטישער קאריערע פון דיזען אויסגעלאַ־סענעם מענש און מיוס'ן אינטריגאַנט. ער האט נאכהער געלעבט אויף זיינע גיטער וויא א מאגנאַט ביז זיין טויט אין 1829.

דיא צוויי דעמאָקראַטישע דירעקטאָרן גאָהיע און מולען האט מען פערהאַלטען אין לוקסאמבורגער פּאלאַץ אויף יעדען פּאַל. שפּעטער האָבען זיי אויך געמוזט רעזיגנירען, ווייל זיי האבען קיין אנדער ברירה ניט געהאט.

אויף אזא ארט האט זיך געענדיגט די דירעקטאָריום־רע־
גירונג.

די בעפעהלען פון דעם ראטה פון עלטערע און די רע־
זיגנאציאָן פון די דירעקטאָרען זיינען גלייך בעקאנט געמאכט געוואָרן
דורך פּראָקלאמאציאָנען, וועלכע מען האט אויסגעקלעפּט אויף די
ווענט. אין דער זעלבער צייט האט נאפּאָלעאָן ארויסגעלאָזען אן איי־
גענע פּראָקלאמאציאָן, וועלכע האט שוין קלאָר אָנגעדייטעט אויף דער
ראָלע פון א דיקטאטאָר, וואס ער האט אָנגעפאנגען צו שפּיעלען.

„וואס האט איהר געמאכט פון פראנקרייך, וואס איך האב
אייך איבערגעלאָזען אין גלאנץ? האט ער געפרעגט די אראָפּגע־
שליידערטע דירעקטאָרען. איך האב אייך איבערגעלאָזען פריעדען און
געפינט יעצט קריעג; איך האב אייך איבערגעלאָזען זיעגען און געפין
יעצט נידערלאגען; איך האָב אייך איבערגעלאָזען מיליאָנען פון איטא־
ליען און געפין איבעראל עלענד און רויבערישע שטייערן. וואס האט
איהר געמאכט פון די 100־טויזענד סאָלדאטען וואס איך האב
געהאט פאר חברים אין מיינע זיעגען? זיי זיינען טויט!... ניין, האט
ער געענדיגט, דיעזער צושטאנד קען לאנג ניט דויערן, אין פערלויף
פון דריי יאָהר וועט ער אונז פיהרען צו מאָנארכיזמוס".

דער „קליינער קארפּאָראל", וועלכער האט שוין געשטרעבט צו
ווערן קייזער, האט דאָ געוואָרנט געגען א מאָנארכיע, אום צו שיטען
זאמד אין די אויגען מיט זיין טרייהייט צו דער רעפּובליק.

נאר עס איז נאך געבליבען איבערצוקומען די גרעסטע שטע־
רונג אין דער דורכפיהרונג פון דעם אָנגעפאנגענעם שטאאטס־שטרייך.
דאס איז געווען דער ווידערשטאנד פון דעם 500־ראטה, וועלכער
איז בעהערשט געווען פון דעמאָקראטען און פון פיעלע אויפריכ־
טיגע רעפּובליקאנער. זיי האבען יעצט איינגעזעהען, וואוהין נאפּאָ־
לעאָן ציעלט און וואס זיין פּראָקלאמאציאָן בעדייטעט אין דער
ווירקליכקייט; אָבער זיי האבען ניט געוואוסט וואס צו טאָן און זיי
האבען זיך אויך געפיהלט שוואך געגענאיבער די מיליטערישע מאכט,
וואס נאפּאָלעאָן האט צוגעצויגען אויף זיין זייט. דאס פאָלק איז געבליבען
גאנץ פון ווייטענס אין דיזען שטאאטס־שטרייך. די פּאריזער ארביי־

טער האבען פערלאָרען, וויא מיר ווייסען עס שוין, יעדען צוטרויען צו פּאָליטישע ענדערונגען. א סך ארבייטער האבען זאָגאר סימפּאַטי־זירט מיט דעם „קליינעם קארפּאָראַל״, וועמעס ענערגיע און זשעני־יי האבען בעוואונדערט. אָהן דיא שטיצע פון פּאָלק איז דעם 500־ראַטה נאר געבליבען צו פּראָטעסטירען געגען דעם געוואַלט־אַקט אין נאָמען פון געזעץ.

דאס האבען דיא דעמאָקראַטען געטאָן וויא נאר זיי זיינען זיך צוזאַמען געקומען אין סען־קלו, וואו נאַפּאָלעאָן האט פריהער צוזאַ־מענגעקליבען א מאַסע סאָלדאַטען. דיא זיצונג איז געוועזען זעהר א שטורמדיגע. דיא דעמאָקראַטען, וועלכע האבען דיא גאַנצע צייט געשטרעבט איינצופיהרען דיא קאָנסטיטוציאָן פון 1793, האבען יעצט בעשלאָסען צו האַלטען זיך אָן דער קאָנסטיטוציאָן פון דעם דריטען יאָהר פון דער רעפּובליק, אום צו קענען בעסער און שאַרפער ארויס־טרעטען געגען דעם שטאַאטס־שטרייך, וועלכער האט פאָרויסגעזאָגט א מיליטערישע דיקטאַטור. זיי האבען אלע געשוואָרען טרייהייט צו דער בעשטעהענדער קאָנסטיטוציאָן אונטער גוואַלדיגע און ענטהוזי־אַזטישע געשרייען: „עס לעבע דיא רעפּובליק!״ איינינע האבען געשריען, אז באָנאַפּארטע וויל נאָכמאַכען יוליוס צעזאר און קראָמוועל, אַנדערע האבען פערלאַנגט, אז מען זאָל איהם ערקלערן אויסערהאַלב געזעץ, אויב ער וועט געברויכען געוואַלט געגען דעם פּאַרלאַמענט.

ווען נאַפּאָלעאָן איז אָנגעקומען צוזאַמען מיט סיעס און ראָזשע־דיוקאָ אין סען־קלו און האט דערהערט וואָס דער 500־ראַטה האט געטאָן, האט ער זיך אביסעל דערשראָקען. ער האט געגלויבט אז ער וועט ניט דארפען געברויכען געוואַלט געגען דיא פּאָלקס־פער־טרעטער און ער האט עס אויך געוועלט אויסמיידען. דער גאַנצער פּלאַן פון דעם שטאַאטס־שטרייך פון 18־טען ברומער איז אזוי אויס־געאַרבייט געוואָרן, אז אלעס זאל האבען דעם שיין פון געזעצליכקייט. מיט דעם ראַטה פון עלטערע און מיט דיא דירעקטאָרען האט מען עס אויסגעפיהרט, ווייל זיי האבען געטאָן וואס מען האט זיי געהיי־סען; אבער דער 500־ראַטה האט זיך ניט געוועלט אונטערגעבען אָהן ווידערשטאַנד. סיעס, וועלכער האט אויף יעדען פאַל געהאט אָנגע־

גרייט א קארעטע מיט 6 איינגעשפאַנטע פערד, אום זיך באַלד אָפּצוטראָגען, ווען דער שטאַאטס־שטרייך וועט ניט געלינגען, האט געראַטהען נאַפּאָלעאָנען צו פּרובירען פריהער ווירקען מיט גוטען אויף דיא דעמאָקראַטען פון ביידע ראַטהען.

נאַפּאָלעאָן איז דאַן צוערשט אַוועקגעגאַנגען אין ראַטה פון עלטערע, וואו דיא דעמאָקראַטען האבען זיך אָנגעשטרענגט אויפצר־מונטערן געגען שטאַאטס־שטרייך דיא יעניגע פון דיא סיעסיסטען, וועלכע האבען געוועלט אָנהאַלטען א רעפּובליק.

„פּאָלקספּערטרעטער, האט דער צוקינפטיגער קייזער אויסגע־שריען צו דיא פערזאַמעלטע מיטגליעדער פון ראַטה פון עלטערע, איהר געפינט זיך ניט אונטער געוועהנליכע אומשטענדען; איהר זייט אויף א וואולקאַן. ערלויבט מיר צו ריידען צו אייך מיט דער אָפענ־הערציגקייט פון א סאָלדאַט. איך בין געזעסען רוהיג אין פּאַריז, ווען איך האב ערהאַלטען דעם בעפעהל פון ראַטה פון עלטערע, וועלכער האט מיר אָנגעוויזען אויף דיא געפאַהרען פון דער רעפּובליק. אויף'ן שטעל האָב איך גערופען און אויפגעזוכט מיינע קריעגס־קאַ־מעראַדען און מיר זיינען געקומען אייך פאַרשלאָגען דיא אָרעמס פון דער נאַציאָן, דען איהר זייט איהר קאָפּ. אונזערע אַבזיכ־טען זיינען געווען ריין, אונאייגענניציג; אָבער אלס פּרייז פאַר דיא טרייהייט וואס מיר האבען געסטערן בעוויזען, פערוואַרפט מען אונז שוין היינט מיט רכילות. מען רעדט פון א נייעם צעזאַר, פון א ניי־עם קראָמוועל. מען בעהויפּטעט, אַז איך וויל איינפיהרען א מילי־טערישע רעגירונג.

„פּאָלקספּערטרעטער, ווען איך וואָלט געוועלט אונטערדריקען דיא פרייהייט פון מיין פאַטערלאַנד, ווען איך וואָלט געוועלט פער־כאַפּען דיא העכסטע מאַכט, וואָלט איך גאר ניט געפאָלגט אייערע בעפעהלען, איך וואָלט גאר ניט בעדאַרפט ערהאַלטען דיא פאָלמאַכט פון סענאַט. מעהר וויא איין מאָל, אונטער דיא גינסטיגסטע אומ־שטענדען בין איך גערופען געוואָרן צו נעהמען דיא אויבערמאַכט. נאָך אונזערע זיעגען אין איטאַליען בין איך אויפגעפאָרדערט געוואָרן

צו דיזער ראָלע דורך דעם וואונש פון דער נאַציאָן, דורך דעם וואונש פון מיינע קריעגס־קאַמעראַדען. איך האב עס אָבער ניט געטאָן.

„פאָלקספערטרעטער, דער ראַטה פון עלטערע האט א גרויסע פאָלמאכט, אָבער ער איז דורכגעדרונגען מיט ווייזהייט. פערלאָזט זיך נאָר אויף אייער ווייזהייט, נעהמט נאָר אין אָנבעטראַכט דיא געפאַהרען און דערלאָזט ניט צו אויפשטאַנדען. לאָמיר אויס־מיידען צו פערלירען דיא צוויי זאכען, פאַר וועלכע מיר האבען געבראַכט אזוי פיעל אָפּפער—דיא פרייהייט און גלייכהייט!..."

איין דעמאָקראַט האט איהם דאַן אונטערבראָכען מיט דיא ווערטער: „און דיא קאָנסטיטוציאָן?"

„דיא קאָנסטיטוציאָן! האט נאַפּאָלעאָן ערווידערט מיט פייער —וויא קענט איהר זיך נאָך שטיצען אויף איהר? קען זיא דען זיין א גאַראַנטיע פאַר דעם פראַנצויזישען פאָלק? זיא איז פערניכטעט געוואָרען דעם 18 פרוקטידאָר דורך דעם שטאַאטס־שטרייך געגען דיא פאָלקספערטרעטונג, דעם 22 פלאָרעאַל דורך דיא צוריקווייזונג פון דיא דעמאָקראַטישע וואהלען, דעם 30 פּרעריאַל דורך דעם פאַל פון צוויי דירעקטאָרען. אָבער דיא פאָלקסהערשאַפט, דיא פרייהייט, דיא גלייכהייט, דיזע הייליגע פונדאַמענטען פון דער נייער אָרדנונג — זיי בלייבען נאָך, זיי מוז מען רעטען.

„איבריגענס, איך ערקלער אייך, אז וויא נאָר דער יעצטיגער קריזיס וועט זיין צו ענדע, וועל איך מעהר ניט זיין אין דער רעפּוב־ליק וויא דיא האנט וואס וועט אונטערשטיצען דאס וואס איהר וועט פעסטשטעלען. אויב איך בין א פאַלשער, זייט איהר דיא ברוטוסען. און איהר, מיינע קריעגס־קאַמעראַדען, וואס איהר בעגלייטעט מיך— זאָלען דיזע באַיאָנעטען, מיט וועלכע מיר האבען צוזאַמען געזיעגט, זאָלען זיי דורכשניידען מיין הארץ. אָבער אויך, אויב אירגענד וועל־כער רעדנער, וואס ווערט אונטערגעקויפט פון אויסלאַנד, וועט וואַגען ארויסצורייזען געגען אייער גענעראַל דאס וואָרט „אויסערהאַלב גע־זעץ"—זאָל דער דונער פון מלחמה איהם גלייך נידערשלאָגען! געדיינקט, אז איך מאַרשיר אין דער בעגלייטונג פון דעם קריעגס־גאָט און פון דעם גליק־גאָט."

דיזע שאַרפע סאָלדאַטסקע רעדע האט געהאט דיא געווינשטע ווירקונג אויף דיא צוהערער. דער איינדרוק איז נאָך שטאַרקער גע־וואָרן דורך דעם, וואס הינטער דיא טהירען פון זיצונגס־זאַל האבען געבליסצעט דיא באַיאָנעטען פון נאַפּאָלעאָן׳ס גרענאַדירען. דיא מאַ־יאָריטעט פון דעם ראטה פון עלטערע איז אייגענטליך פון אָנפאַנג אָן ניט געוועזן געגען דעם שטאַאטס־שטרייך.

אַנדערס איז עס צוגעגאַנגען אין דעם 500־ראטה. ווען נאַ־פּאָלעאָן האט זיך דאָרט בעוויזען אין דער בעגלייטונג פון עטליכע גרענאַדירען, האבען דיא דעפּוטאַטען, וועלכע האבען עבען געענדיגט שווערען טרייהייט צו דער קאָנסטיטוציאָן, אויסגעשריען פון אַלע זייטען מיט גוואַלדיגע קולות: „ניעדער מיט דעם דיקטאַטאָר! ניעדער מיט דעם טיראַן! אויסערהאַלב געזעץ דיזען קראָמוועל! פערשווינדעט מיט דיא באַיאָנעטען!“ דיא הייסעסטע דעמאָקראַטען האבען זיך אַ וואָרף געטאָן צו איהם, האבען איהם אַרומגערינגעלט און געסטראַ־שעט מיט׳ן טויט. נאר דיא גרענאַדירען האבען אָנגעכאַפּט זייער גענעראַל און האבען איהם איינפאַך אַרויסגעטראָגען פון זאַל אויף זייערע הענט, אַ בלייכען און אַ צומישטען. ער איז בלויז פערבליבען אין זיצונגס־זאַל אַ מינוט דריי און האט ניט געקענט אויסריידען אַ וואָרט. מען זאָגט, אַז אין דעם גוואַלדיגען געטומעל האבען דיא גרענאַדירען געקראָגען שטאָכען פון שפּיזען, וועלכע מען האט גע־ציעלט אויף זייער גענעראַל.

דיא דעמאָקראַטען האבען דאַן אָנגעפאַנגען צו שטורמען זייער פּאָרזיצענדען, נאַפּאָלעאָן׳ס ברודער, ער זאָל איבערגעבען צו אבשטי־מונג דעם פּאָרשלאַג צו ערקלערן אויסערהאַלב געזעץ גענעראַל באָ־נאַפּאַרטע. לוסיאַן באָנאַפּאַרטע האט געזוכט צו פערטהיידיגען זיין ברודער, וויא ער האט עס געקענט, אבער ווען דיא געשרייען זיינען געוואָרן אַלץ העכער, האט ער אויסגערופען: „וויא, איהר ווילט אַז איך זאָל מיין לייבליכען ברודער ערקלערן אויסערהאַלב געזעץ! איך וועל זיך בעסער ענטזאַגען פון מיין אַמט! איך ענטזאַג זיך!“ ער איז אַרויס מיט כעס און איז אַוועק אונטער דעם שוץ פון גרענאַדירען צו זיין ברודער, וועלכער איז אין דער צייט אַרומגעריטען צווישען דיא

סאָלדאַטען, זיי אויפצומונטערן צו א געוואַלט - טהאַט געגען דיא פאָלקס־פערטרעטער. אום זיי נאָך מעהר צו געווינען אויף זיין זייט, האט ער געזאָגט, אַז מען האט איהם געוועלט ערמאָרדען אין זי־צונגס־זאַל.

מען בעהויפּטעט, אַז נאַפּאָלעאָן, וועלכער האט ניט ערוואַרטעט אזא ווידערשטאַנד אין 500־ראַטה, האט זיך ניט געקענט ענטשלי־סען צו געברויכען געוואַלט געגען דיא פאָלקספערטרעטער, אָבוואָהל ער האט פערשטאַנען, אַז ווען ער זאָל ניט האַנדלען שנעל און ענער־גיש, איז ער א פערלאָרענער. נאַר זיין ברודער האט איהם צוגעגע־בען מוטה און האט איהם בעוואָגען צו פעריאָגען דיא פאָלקס־פער־טרעטער. לוסיאַן באָנאַפּארטע האט זיך אַרויפגעזעצט אויף א פערד, איז צוגעריטען צו דיא גרענאַדירען צוזאַמען מיט נאַפּאָלעאָנען און האט פאר זיי געהאַלטען א רעדע, אין וועלכער ער האט ערקלערט, אַז דער 500־ראַטה ווערט איינגעשראָקען פון עטליכע מעסער־העלדען, וועלכע לאָזען ניט דורכפיהרען דעם ווילען פון דער מאַיאָריטעט, און ער האט אויפגעפאָדערט דיא סאָלדאַטען, אלס פאָרזיצענדער פון דעם 500־ראַטה, „צו פעריאָגען מיט געוואַלט דיא יעניגע, וועלכע זיינען שוין ניט פערטרעטער פון פאָלק, זאָנדערן פערטרעטער פון שפּיעז". צום שלום האט ער געשוואָרען, אַז ער וועט אַליין דער־שטעכען זיין ברודער, ווען יענער וועט וועלען אָפּשאַפען דיא פרייהייט.

דיזע פאַלשע רייד און בלבולים אויף דיא פאָלקס־פערטרעטער האבען געווירקט אויף דיא סאָלדאַטען, וועלכע זיינען סיי וויא סיי געניינט געוועזען צו פאָלגען זייער פערגעטערטען גענעראַל. ווען נאַפּאָלעאָן האט דערזעהען, אַז דיא סאָלדאַטען וועלען טאָן וואס ער וועט זיי הייסען, האט ער אויפגעלעבט; נאר אום צו צייגען, אַז ער פיהרט נאר בלומרשט אויס דעם בעפעהל פון דעם פאָרזיצענדען פון דעם 500־ראַטה, אָבוואָהל לוסיאַן איז שוין מעהר ניט געוועזען פאָרזיצענדער, דען ער האט זיך אַליין ענטזאָגט דערפון, האט נאַפּאָלעאָן אויסגע־שריען וועגדענדיג זיך צו זיין ברודער: „פּרעזידענט, אייער פערלאַנג וועט גלייך אויסגעפיהרט ווערן". דאַן האט ער ווייטער געשפּיעלט דיא קאָמעדיע און האט זיך געווענדעט צו דיא סאָלדאַטען מיט דיי־

זע ווערטער: „סאָלדאַטען, איך האב אייך שטענדיג געפיהרט צום זיעג, קען איך רעכענען אויף אייך?“ דיא סאָלדאַטען האבען געענטפערט: „יאַ, יאַ, עס לעבע גענעראַל באָנאַפּאַרטע!“ דאַן האט נאַפּאָלעאָן גענעבען אַ בעפעהל, אַז מען זאָל פעריאָגען דיא פאָלקס־פערטרעטער מיט באַיאָנעטען.

דיזער בעפעהל איז גלייך אויסגעפיהרט געוואָרן פון גענעראַל לעקלער, וועלכער האט זיך אַריינגעריסען אין זיצונגס־זאַל מיט גרענאַדירען. וויא ער איז נאָר אַריין, האט ער אויסגעשריען: „אין נאַמען פון גענעראַל באָנאַפּאַרטע ערקלער איך, אַז דער ראַטה פון 500 איז אויפגעלייזט! ווער עס איז אַ גוטער בירגער, זאָל אַרויסגיין!“ דיא פאָלקס־פערטרעטער האבען גוואַלדיג פּראָטעסטירט, בלייבענדיג אויף זייערע פּלעצער. אייניגע האבען געשריען, אַז זיי ווילען ליעבערסט שטאַרבען, וויא אָפּטרעטען. לעקלער האט דאַן קאָמאַנדירט: „גרענאַדירען פאָרווערטס!“ אונטער דעם קלאַנג פון פּויקען, וועלכע האַבען פערהילכט דיא פּראָטעסטען פון דיא דעפּוטאַטען, האבען זיך דיא גרענאַדירען אויסגעשטעלט מיט זייערע באַיאָנעטען פאָרויס אין דער גאַנצער ברייט פון זאַל. דיא דעפּוטאַטען זיינען דאַן אויפגעשפּרונגען מיט געשרייען: „עס לעבע דיא רעפּובליק!“ נאר דיא גרענאַדירען האבען זיי קיין צייט ניט געגעבען לאַנג צו שרייען, דען דיא באַיאָנעטען האבען געיאָגט זעהר שנעל. דיא דעפּוטאַטען האבען אַלץ געמוזט צוריקטרעטען, אום ניט געשטאָכען צו ווערן פון דיא גרענאַדירען, וועלכע האבען מאַרשירט רעגעלמעסיג און ענטשלאָסען פאָראויס. דיא דעפּוטאַטען זיינען צוגעטריבען געוואָרן צו דיא גרויסע פענסטער פון דעם זיצונגס־זאַל, און זיי איז דאַן קיין אַנדער אויסוועג ניט געבליבען, וויא צו שפּרינגען דורך דיא פענסטער און צו אַנטלויפען. דאס האַבען זיי געטאָן, און אַרום 6 אוהר אַבענד דעם 19 ברומער זיינען נאר גרענאַדירען געבליבען אין זאַל פון 500־ראַטה.

לוסיאַן באָנאַפּאַרטע איז אַוועק צום ראַטה פון עלטערע זיי צו דערצעהלען וואס עס איז פאָרגעקומען אין 500־ראַטה. מען האט איהם געהייסען צוזאַמענקלייבען וואס שנעלער דיא יעניגע מיטגליעדער פון דעם 500־ראַטה, וואס זיינען געוועזן איינפערשטאַנדען מיט

דעם שטאאטס־שטרייך אָדער וואס האבען ניט געוועלט אַרויסטרע־
טען געגען, ווען דיא פערשווערונג איז שוין דורכגעפיהרט געוואָרן.
איהם איז געלונגען צוזאמענצורופען א גרויסע צאָהל דעפּוטאטען,
אָבער זיכער ניט דיא מאַיאָריטעט פון 500־ראטה, וויא עס איז
נאכהער בעריכטעט געוואָרן אין דער אָפיציעלער צייטונג פון דער
רעגירונג.

ביידע ראטהען האבען פערבראַכט דיא גאנצע נאכט פון 19
ברומער אויף אָפּשטימונגען פון דיא בעפעהלען, וועלבע דיא נייע
הערשער האבען זיי צוגעשטעלט. זיי האבען געשטימט, וויא מען האט
זיי געהייסען. דער גאנצער פּלאן פון דעם שטאאטס־שטרייך איז
אזוי דורכגעפיהרט געוואָרן.

דיא דירעקטאָריום־רעגירונג איז אַלזאָ אָפּגעשאפט געוואָרן,
און נאפּאָלעאָן באָנאפּארטע, סיעס און ראָזשע־דיוקאָ זיינען ערקלערט
געוואָרן פאר קאָנסולען אָדער פּרעזידענטען פון דער רעפּובליק. 62
דעפּוטאטען, דארונטער אויך גענעראַל זשורדאַן, זיינען אויסגעשלאָסען
געוואָרן, און ביידע ראטהען האבען אָפּגעלייגט זייערע זיצונגען אויף
דריי מאָנאט, וויא דיא קאָנסולען האבען עס געוואונשען, אום
צו האבען א פרייע האנט צו טאָן וואס זיי האבען געוועלט. אין
דיזער צייט האבען דיא קאָנסולען צוזאמען מיט צוויי קאָמיסיאָנען
פון ביידע ראטהען, צו 25 מיטגליעדער יעדע, געזאָלט אויסארבייטען
א נייע קאָנסטיטוציאָן און איהר איבערגעבען צו דער אוראבשטימונג
פון פראנצויזישען פאָלק.

אזוי האט זיך געענדיגט דער שטאאטס־שטרייך פון 18 ברומער,
וועלבער איז געווען דער אָנפאנג פון נאפּאָלעאָן׳ס הערשאפט. ער
האט ניט ארויסגערופען קיינע אונאָרדנונגען און האט ניט געקאָסט
אפילו א טראָפּען בלוט. דיא קאָמעדיע מיט דער געזעצליכקייט איז
אויסגעפיהרט געוואָרן ביז צום סוף פון גענעראַל נאפּאָלעאָן און פון
דעם גלח סיעס מיט זעלטענע קונסט.

זיעבצעהנטער קאפיטעל

נאפאָלעאָן ערשטער קאָנסול.

סיעס, וועלכער האט גערעכענט צו שפּיעלען דיא ערשטע ראָלע נאך דעם שטאאטס־שטרייך פון 18 ברומער, האט זיך גלייך אויף דער ערשטער זיצונג פון דיא קאָנסולען ארומגעזעהען, אז ער האט געהאט א טעות וועגען זיין מיליטערישען חבר, דעם „קליינעם קארפּאָראל“, אזוי גוט וויא אלע אנדערע פּאָליטישע פיהרערס און פּארטייען, וואס האבען געהאפט אויף נאפאָלעאָן׳ס מיטווירקונג. דער גענִיאַלער קריעגס־פיהרער האט געארבייט נאר פאר זיך אליין, ער האט זיך קונציג אויסגעלייגט א וועג צו זיין אימפּעריע. באלד נאך דער ערשטער זיצונג האט סיעס אָפען ערקלערט: „מיר האבען יעצט א הערר, וואָס פערשטעהט אלעס וויא צו מאכען, וואָס קען אלעס מאכען און וואס וויל אלעס מאכען“.

נאפאָלעאָן האט ווירקליך רעגירט איבער פראנקרייך. סיעס איז שנעל אראָפּ אויף דעם צווייטען פּלאן. וואָס אנבעלאנגט צו ראָזשע־דיוקאָ, איז ער איבערהויפּט געווען א שוואכער מענש. פריהער האט ער געפאָלגט נאך סיעס׳ן, יעצט איז ער געוואָרן נאפאָלעאָן׳ס א פערעהרער און האט געשטימט, וויא דער גענעראל האט געוועלט. דאס פאָלק האט יעדענפאלס בעטראכטעט נאפאָלעאָנען פאר דעם ערשטען פערטרעטער פון דער רעגירונג און האט זיך גאנץ ווייניג געקימערט וועגען דיא אנדערע צוויי קאָנסולען.

דער „קליינער קארפּאָראל“ האט אלץ מעהר ארויסגעוויזען זיינע גרויסע דיפּלאָמאטישע פעהיגקייטען. דיזער גענִיאַלער גענעראל איז אויך געווען א גרויסער שטאאטסמאן, וויא ער האט עס שוין געצייגט, ווען ער האט קאָמאנדירט אין איטאליען. ער האט געזוכט זיך צו שטיצען אויף דער בורזשואזיע און איז צום שיין געווען א הייסער רעפּובליקאנער. נאר דעמאָקראטען, וועלכע האבען זיך בעזאָנדערס אויסגעצייכענט מיט זייערע פּראָטעסטען געגען דעם שטאאטס־שטרייך פון 18 ברומער, האט ער דאך טיראניש פערפאָלגט.

37 דעמאָקראַטען פון 500־ראַטה זיינען פערשיקט געוואָרן נאך דיא אונגעזונטעסטע ערטער פון גוויאַנא, 21 אנדערע, דאַרונטער אויך גענעראַל זשורדאַן, זיינען ארויסגעשיקט געוואָרן אונטער דער אויפ־זיכט פון דער פּאָליציי. מיט דיא מאָנאַרכיסטען דאַגעגען האט ער קאָקעטירט. זיי האבען אָנפאַנגס גערעכענט, אז ער וועט איבערגע־בען דיא מאַכט צו דיא בורבאָנען, נאר ווען זיי האבען איינגעזעהען, אז זייערע האָפנונגען זיינען געוועזן פאַלשע און אז דער גענעראַל שטרעבט אליין צום טהראָן, האבען זיי איהם דאך געשטיצט, איינ־פאך אוים האַס צו דער רעפּובליק. יעדענפאַלס האט ער צוגעצויגען צו זיך דיא מאָנאַרכיסטען דערמיט, וואס ער האט אָבגעשאַפט דעם טעראָריסטישען „משכנות־געזעץ״ און האט בעגנאַדיגט דיא מאָנאַר־כיסטען. וואס זיינען פערשיקט געוואָרן נאך דעם שטאַאַטס־שטרייך פון 18 פרוקטידאָר.

אלס מיניסטאָרען האט זיך נאַפּאָלעאָן אויסגעקליבען זעהר גע־שיקטע און פעהיגע מענער. פושע, א געוועזענער הייסער יאַקאָבינער, וועלכער האט אויסגעפיהרט דעם שטאַאַטס־שטרייך פון 18 ברומער, איז פערבליבען פּאָליציי־מיניסטער און האט בעדעקט גאַנץ פראַנק־רייך מיט א נעץ פון שפּיאָנען, אום צו פערפאָלגען אלע פיינדע פון דעם נייען דיקטאַטאָר. דיזער פושע ווערט גערעכענט פאַר דעם גרינדער פון דער מאָדערנער געהיים־פּאָליציי. אין זיין פאַך האט ער געהאַט זעהר ווייניג גלייכע צו זיך. טאַלעיראַן האט געהאָלפען נאַפּאָלעאָנען אלס מיניסטער פון אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען מיט זיינע געניאַ־לע דיפּלאָמאַטישע פעהיגקייטען. דיזער געוועזענער ביסקופּ איז וואהר־שיינליך געוועזן דער גרעסטער דיפּלאָמאַט, וואס דיא וועלט האט ווען עס איז בעשאַפען. ער האט אבער צום סוף אזוי געשיקט פערראַטהען נאַפּאָלעאָנען, וויא ער האט איהם אָנפאַנגס געדיענט.

אלס יוסטיץ־מיניסטער איז געוועזן קאַמבאַסערעס, א גרויסער געלעהרטער, וועלכער איז אזוי וויא ספּעציעל געבאָרען געוואָרן פאַר זיין שטעלע. ער איז עס געוועזן דער הויפּט־צוזאַמענשטעלער פון דעם קאָדעקס (געזעץ־זאַמלונג), וואס טראָגט דעם נאָמען „נאַפּאָ־לעאָן׳ס קאָדעקס״ און וואס איז נאך ביז היינט צו טאָג אין קראַפט

אין פראנקרייך. ער איז אויך געוואָרן דער צווייטער קאָנסול, ווען נאפּאָלעאָן האט אראָפּגעזעצט סיעס׳ן.

פאר זיין קריעגס־מיניסטער האט נאפּאָלעאָן צוערשט אויסגעקליבען זיין חבר אין פיעלע שלאכטען. דעם זעהר פעהיגען גענעראל בערטהיע, אָבער ווען קארנאָ איז אָנגעקומען צוזאמען מיט אנדערע פערשיקטע, וועלכע זיינען בעגנאדיגט געוואָרן נאך דעם שטאאטס־שטרייך פון 18 ברומער, האט נאפּאָלעאָן איהם פאָרגעשלאָגען צו ווערן קריעגס־מיניסטער. דער געניאלער „אָרגאניזאטאָר פון זיעג" האט עס אָנגענומען, אָבער ער איז ניט פערבליבען לאנג אין נאפּאָלעאָן׳ס רעגירונג, דען ער איז נאך אלץ געוועזן א שטרענגער רעפּובליקאנער און האט ניט געקענט שטימען מיט דעם צוקינפטיגען קייזער.

דער פינאנץ־מיניסטער, וועלכער האט געהאט דיא שווערסטע ארבייט, דען דיא קאסע איז געוועזן איינפאך פּוסט, איז אָנפאנגס געוועזן גאָדען, וועלכער האט נאך פערנומען דעם זעלבען פּאָסט ווען לודוויג XVI איז געוועזן קעניג, און נאכהער לעברען, א גרויסער פינאנסיסט. זיי האבען עס לאנגזאם איינגעפיהרט אָרדנונג אין דיא פינאנצען און האבען זעהר פיעל פערשטארקט דערמיט נאפּאָלעאָן׳ס הערשאפט.

נאפּאָלעאָן, וועלכער האט געזוכט אלעמען צו געפעלען, האט זיך אויך געוועלט צושמייכלען צו דער געלעהרטער קלאסע. דארום האט ער אויסגעקליבען פאר דעם מיניסטער פון אינלענדישע אנגעלעגענהייטען דעם בעריהמטען אסטראָנאָם לאפּלאס, דעם פערפאסער פון דער „הימלישער מעכאניקע"; אָבער דיזער געניאלער געלעהרטער, וועלכער האט אזוי גוט געקענט דעם הימעל, האט גאנץ ווייניג געקענט דיא דיא מענשען. יעדענפאלס האט ער ניט געטויגט פאר א מיניסטער פון אינלענדישע אנגעלעגענהייטען, און זיין פּלאץ האט נאכהער פערנומען לוסיאן באָנאפּארטע.

מיט דער הילפע פון אזעלכע מיניסטאָרען האט נאפּאָלעאָן געקענט איינפיהרען רוהע און אָרדנונג און געבען ענדליך דעם אויסגעמאטערטען פראנצויזישען פאָלק א פעסטע און גוט־אָרגאניזירטע רעגירונג. דאס האט איהם מיט יעדען טאָג אלץ מעהר פערשטארקט און פערשאפט אלץ מעהר אנהענגער. נאר דער פּרייז פון דיזער אָרדנונג איז

שליסליך געווען דער פערלוסט פון פרייהייט און דער סוף פון דער רעפובליק.

מיט סיעס'ן האט נאפאלעאן געהאט זיך צו רעכענען בעזאנ־דערס אויף דיא זיצונגען פון דער קאמיסיאן, וואס האט בעדארפט אויסארבייטען א נייע קאנסטיטוציאן. סיעס האט געוועלט דורכפיה־רען זיין פלאן פון א קאנסטיטוציאן און האט געהאט פיעלע אנהענגער. יאהרענלאנג האט ער אויסגעארבייט זיין קאנסטיטוציאן־פלאן. ער האט געמיינט, אז ער וועט בעגליקען פראנקרייך און דיא גאנצע מענשהייט דערמיט. עס איז ווירקליך געווען א זעהר קונציג אויס־געארבייטעטע סיסטעם, נאר זיא איז ניט געווען פראקטיש, און דיא קאמיסיאן האט איהר שליסליך פערווארפען אונטער דעם איינפלוס פון נאפאלעאן, וועלכער איז געווען געגען איהר אין פיעלע פונקטען. א טהייל פון דיא פארשלעגע פון סיעס זיינען דאך אנגענומען געווארן, און דארום איז טאקע דיא קאנסטיטוציאן פון זיעבטען יאהר פון דער רעפובליק, וועלכע טראגט אויך דעם נאמען קאנסול־קאנסטיטוציאן, געווען איינע פון דיא ערגסטע אין פראנקרייך.

נאפאלעאן זעלבסט האט בעזאנדערס געזארגט וועגען דעם, אז דיא רעגירונגס־מאכט זאל בלייבען אין זיינע הענד. דאס האט ער אויסגעפיהרט דורך דעם פונקט וועגען דעם ערשטען קאנ־סול. אזוי וויא ער האט גוט געוואוסט, דאס ער וועט זיין דער ערשטער קאנסול, האט ער אויסגעפיהרט, אז דיא קאנסטיטוציאנס־קאמיסיאן זאל בעשטימען, דאס דער ערשטער קאנסול זאל אויסגע־וועהלט ווערן אויף 10 יאהר און זאל ניט נאר האבען דיא מאכט פון א קאנסטיטוציאנעלען קעניג, זאנדערן ער זאל אויך אליין קענען אויס־וועהלען צוויי אנדערע קאנסולען, וועלכע זאלען נאר האבען א בע־ראטהענדע שטימע. דער ערשטער קאנסול איז אלזא געווען דער פרעזידענט פון דער רעפובליק און דיא אנדערע צוויי זיינען בלויז געווען צירונגען, אום צו שיטען זאמד אין דיא אויגען, אז נאפאלעאן איז ניט א דיקטאטאר.

אין אלגעמיינען איז דיא נייע קאנסטיטוציאן אויסגעארבייטעט **געווארן אזוי, אז זיא זאל בעדעקען א מיליטערישען דיקטאטאר אדער**

זאָגאַר א מאָנאַרכיע מיט א רעפּובליקאַנישען מאַנטעל. נאַר דאס פאָלק איז אזוי פערקאָכט געווען אין דעם „קליינעם קאַרפּאָראַל", אז אלע האבען געשטימט וויא ער האט געוועלט. דיא נייע קאָנסטיטוציאָן האט מען איבערגעגעבען צו אַן אוראַבשטימונג פון פאָלק און זיא איז אָנגענומען געוואָרן מיט איבער 3 מיליאָן געגען בלויז 1562 שטימען.

נאַפּאָלעאָן האט זיך דאַן אליין ערקלערט פאר דעם ערשטען קאָנסול אויף דעם פאַלשען גרונד, דאס דער נייער סענאַט, וועלכער האט געזאָלט אויסוועהלען דעם ערשטען קאָנסול לויט נאָך דער קאָנ־סטיטוציאָן, איז נאָך ניט צוזאמענגעשטעלט געווען. דאַן האט ער אויסגעקליבען אלס זיינע מיטקאָנסולען דיא מיניסטערס קאמבאסערעס און לעברען. אויף דיזער וויזע איז ער פטור געוואָרן פון דיא קאָנסולען סיעס און ראָזשע־דיוקאָ. אלע פינף קאָנסולען האבען דאַן בעשטימט סענאַטאָרען, וועלכע זיינען צוליעב דעם געווען נאַפּאָלעאָן'ס טרייע דינער. סיעס איז געוואָרן דער פּאָרזיצענדער פון סענאַט. אויסערדעם האט איהם נאַפּאָלעאָן געלאָזט פערנעהמען 800 פראַנק פון דער שטאַאטס־קאַסע און האט איהם געגעבען א גרויסען מאַיאָנטעק, וואס איז ווערטה געווען א מיליאָן פראַנק, אלס א „בעלוינונג פון דער נאַציאָן" פאר זיינע לייסטונגען. דערמיט האט נאַפּאָלעאָן איינגעשטילט דעם בעס פון דעם גלח, וועמען ער האט ארויסגעשטופּט פון דער רעגירונג. סיעס איז ניט לאַנג פערבליבען פאָרזיצענדער פון סענאַט. ער האט רעזיגנירט און האט שוין מעהר קיין פּאָליטישע ראָלע ניט געשפּיעלט ביז זיין טויט אין 1836. ראָזשע־דיוקאָ האט זיך געמוזט בעגנוגענען מיט א זיץ אין סענאַט און מיט 125.000 פראַנק בעלוינונג.

אכצעהנטער קאפיטעל

שלום.

אלס ערשטער קאָנסול אדער איינפאַך אלס פרעזידענט פון דער רעפובליק איז נאפּאָלעאָן געווען פיעל שטארקער און זעלבסט־שטענדיגער וויא א קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנארך. ער האט געקענט טאָן און האט געטאָן, וויא ער האט עס געוועלט. איהם האט נאר גע־פעהלט דער טיטול קייזער, דען אין דער ווירקליכקייט איז ער עס געווען נאך דעם 18־טען ברומער. דיזען טיטול האט ער געקראָגען אין קנאפּע פינף יאָהר ארום, דעם 30 פלאָרעאַל פון 12־טען יאָהר פון דער רעפּובליק (18 מאי 1804), ווען דער סענאט האט ערקלערט אז „נאפּאָלעאָן דער ערשטער איז מיט גאָטעס גנאדע און דורך דיא קאָנסטיטוציאָן פון דער רעפּובליק קייזער פון דיא פראנצויזען“.

דעם 2 דעצעמבער 1804 איז ער געקרוינט געוואָרן אלס קייזער מיט גרויסע צערעמאָניעס אין דעם פּאריזער קאטהעדראַל נאָטר־דאַם. דער פּאפּסט זעלבסט, פּיאוס דער זיעבטער, האט געמוזט קומען אויספיהרען דיא קרוינונגס־צערעמאָניע געגען זיין ווילען. דער „קליינער קארפּאָראל“, וועלכער האט צו דער צייט בעהערשט גאַנץ אייראָפּא, האט עס געפאָדערט, און דער פּאפּסט האט געציטערט איהם צו ענטזאגען. נאר דיא קרוין ארויפזעצען אויפ׳ן קאָפּ האט איהם נאפּאָלעאָן ניט דערלאָזען. ווען פּיאוס דער זיעבטער האט, נאך פערשיעדענע זאַלבונגס־צערעמאָניעס, געוועלט ארויפלייגען דיא קרוין אויף נאפּאָלעאָן׳ס קאָפּ, האט נאפּאָלעאָן איהר ארויסגעכאפּט פון דעם פּאפּסט׳ס הענט און זיך אליין אָנגעטאָן אויפ׳ן קאָפּ. נאַ־פּאָלעאָן האט אויך אליין געקרוינט זיין פרוי זשאָזעפינע.

דיא רעפּובליק האט אלזאָ עקזיסטירט 12 יאהר; אָבער דיא רעוואָלוציאָן איז געווען צו ענדע נאך דעם 9־טען טערמידאָר, וויא דאס איז שוין ערקלערט געווען, אדער יעדענפאלס נאך דעם 18־טען ברומער. אין דיא 10 יאָהר, וואס נאפּאָלעאָן איז פערבליבען קייזער,

האט ער במעט אונאויפהערליך געפיהרט מלחמות. מיט דער הילפע פון אזעלבע גלענצענדע קריעגס־פיהרער וויא מוראט, נעי, מאסענא, לאן, בערטהיע, סולט, בערנארדאָט א. ז. וו., האט ער איבערגעקעהרט דיא גאנצע וועלט און פיעלע מאל געענדערט דיא קארטע פון אויראָפּא. ער האט געשאפען און געשטירצט קעניגרייכען נאך זיין קאפּריז. דיא סאָלדאטען זיינען געגאנגען אין פייער און אין וואסער פאר זייער „קליינעם קארפּאָראל", זינגענדיג אלץ דיא מארסעליעזע, אבער פער־הילבענדיג שוין איהרע רעוואָלוציאָנערע קלאנגען מיט געשרייען: „עס לעבע דער קייזער!"

דיא פראנצויזען, פון נאפּאָלעאָנען ביז דעם קלענסטען סאלדאט, האבען בעוויזען וואונדער אין דיזען ריזיגען קאמפּף מיט גאנץ אויראָפּא. זיי זיינען יאָהרענלאנג געווען אונבעזיעגבאר. נאר אונזער אויפגאבע איז געווען צו שרייבען דיא געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָן. דארום וועלכען מיר לאָזען אָן א זייט דיא שלאכטען און אויך דיא אינערליכע קעמפּפע פון פראנקרייך אין דער צייט וואס נאפּאָלעאָן איז געווע ערשטער קאָנסול און קייזער.

מען דארף אבער ניט מיינען, אז נאר נאפּאָלעאָן אליין איז געווען פעראנטוואָרטליך פאר דיזע אונאויפהערליכע שלאכטען. ווען ער איז גע־וואָרן ערשטער קאָנסול, האט נאפּאָלעאָן ערקלערט אין זיינע פּראָקלאמאַ־ציאָנען, אז ער וויל פריעדען. ער האט זיך אויך געווענדעט דירעקט צום קעניג פון ענגלאנד און צום קייזער פון עסטרייך מיט א פּאָרשלאג צו שליסען שלום מיט פראנקרייך; אבער זיי האבען דיזען פּאָרשלאג פערוואָרפען. דאן האט נאפּאָלעאָן נאטירליך געמוזט פּאָרזעצען דיא מלחמה און זוכען צו צושטערען דיא נייע קאָאליציאָן פון ענגלישען מיניסטער פּיטט. דורך דיא קונציגע דיפּלאָמאטיע פון טאלעיראן איז נאפּאָלעאָנען געלונגען אין 1800 יאהר צו בעוועגען דעם צאר פּאול דעם ערשטען צוריקצורופען אלע רוסישע סאָלדאטען פון וועסט־אויראָפּא און ענטזאגען זיך צו שטיצען עסטרייך און ענגלאנד. פראנק־רייך האט אלזאָ דאן געהאט צו פיהרען מלחמה נאר מיט ענגלאנד און עסטרייך.

דער קאמפף מיט ענגלאנד איז געפיהרט געוואָרן אין עגיפּטען, וואו נאפּאָלעאָן'ס ארמעע איז פערבליבען, וויא מיר וויסען עס שוין. דיא פראנצויזען זיינען געוועז אָפּגעשניטען פון דער אויסערער וועלט דורך דיא ענגלישע פלאָטע, וועלכע האט שטרענג בלאָקירט אלע עגיפּטישע פּאָרטען, אָבער דאָך האבען זיי זיך העלדענמוטהיג געהאַל־טען אָהן נאפּאָלעאָנען. גענעראַל קלעבער, וועמען נאפּאָלעאָן האט איבערגעלאָזען דיא קאָמאנדע איבער דיא אונגעפעהר 20 טויזענד לע־בעדיג געבליבענע פראנצויזישע סאָלדאטען, איז געוועזן א בראַווער און פעהיגער גענעראַל. דיא סאָלדאטען האבען געהאט צוטרויען צו איהם אזוי וויא צו נאפּאָלעאָנען. אזוי וויא א טערקישע ארמעע פון 80 טוי־זענד מאַן האט מארשירט פון פאַלעסטינע נאָך עגיפּטען און אזוי וויא גענעראַל קלעבער האט קלאָר געזעהען, דאס ער וועט זיך לאַנג ניט קענען האַלטען געגען דיא טערקען צוזאמען מיט דיא ענגלענדער, האט ער בעשלאָסען צו רעטען זיין ארמעע דורך אַן אָפּמאך מיט ענגלאַנד. דער ענגלישער פערטרעטער סידני סמיטה, א פאַלשער מענש און גרויסער אינטריגאַנט, האט אין יאנואר 1800 געשלאָסען מיט גענעראַל קלעבער א פערטראג, נאָך וועלכען דיא פראנצויזען האבען זיך בעדאַרפט צוריקציהען פון קאַירא און פון רעכטען נילוס־ברעג און דיא ענגלענ־דער האבען דערפאר בעדאַרפט ברייגנען אויף זייערע שיפען דיא פראַנ־צויזישע ארמעע צוריק נאָך פראנקרייך.

גענעראַל קלעבער האט פּינקטליך און עהרליך אויסגעפיהרט זיין פערשפּרעכען, גלויבענדיג סידני סמיטה אויפ'ן וואָרט; נאָר ער איז איינפאך פעררעטהען געוואָרן פון דער ענגלישער רעגירונג. אונטער דער פיהרונג פון פּיטט'ן, וועלכער האט זיך ניט אָפּגעשטעלט אפילו פון דרוקען פאַלשע פראַנצויזישע אסיגנאציעס, אבי נאָר צו שעדיגען דער רעפּובליק, האט דיא ענגלישע רעגירונג איבערהויפּט געהאנדעלט זעהר געמיין און הייכלעריש. ווען גענעראַל קלעבער האט געוואַרט, אז דיא ענגלישע ארמעע זאָל איהם אָפּפיהרען מיט זיין ארמעע נאָך פראנקרייך, האט ער ערהאַלטען פון דעם ענגלישען אדמיראַל א בריעף, אז דיא ענגלישע רעגירונג פערלאנגט, דאס דיא פראַנצויזען זאָלען זיך אונטערגעבען אַלס קריעגס־געפאַנגענע. דאס האט שרעקליך אויפגע־

בראכט דיא פראנצויזישע ארמעע. גענעראל קלעבער האט ארויסגע־
לאָזען א פּראָקלאמאציאָן צו זיינע סאָלדאטען, אין וועלכער ער האט
געמעלדעט וועגען דיא געמיינהייט פון דער ענגלישער רעגירונג און וועל־
כע ער האט געענדיגט מיט דיא ווערטער: „סאָלדאטען! אויף אזעלכע
אונפערשעמטהייטען ענטפערט מען נאָר מיט זיעגען. מאכט אייך
פערטיג צו א שלאכט!“ דיא לאגע פון דיא פראנצויזען איז געווען א
פערצווייפעלטע, נאר זייער העלדענמוטה האט זיי ניט פערלאָזען. מיט
אַן ארמעע פון בלויז 12 טויזענד מאַן האט גענעראל קלעבער בעשלאָ־
סען צו אטאקירען אַן ארמעע פון 80 טויזענד טערקען. „פריינדע, האט
ער געזאָגט צו זיינע סאָלדאטען, אין עגיפּטען בעזיצט איהר נאָר דיא
שטיקלעך ערד אונטער אייערע פיס. ווען איהר וועט נאר אָפּטרעטען
איין שריט צוריק, זייט איהר פערלאָרען“.

דיזע בעריהמטע שלאכט איז פאָרגעקומען דעם 20 מערץ 1800
לעבען דיא חורבות פון דער אַלט־עגיפּטישער שטאָט העליאָפּאָליס
און האט זיך געענדיגט מיט א פאָלשטענדיגען זיעג פון דיא פראנצויזען.
דיא טערקען האבען ניט געקענט אויסהאלטען דיא פערצווייפעלטע
באַיאָנעטען־אטאקע פון דיא פראנצויזען און זיי זיינען זיך צולאָפען אין
שרעק. אין דיזער מערקווירדיגער שלאכט האבען דיא פראנצויזען בלויז
פערלאָרען עטליכע הונדערט מאַן. נאר אין דער צייט, ווען גענעראל
קלעבער האט געפיהרט דיא שלאכט מיט דיא טערקען, האט דיא בע־
פעלקערונג פון קאאירא ווידער געמאכט אַן אויפשטאנד. איבראהים־
בעי, וועלכער איז געקומען צופליהען נאך קאאירא צוזאמען מיט זיינע
מאמעלוקען, ווען דיא טערקישע ארמעע איז געשלאָגען געוואָרן (ער
האט געהאָלפען דיא טערקען), האט פערשפּרייטעט דעם פאַלשען
קלאנג, דאס דיא „פראנקען“ זיינען בעזיעגט געוואָרן. דאס האט גע־
געבען מוטה דיא איינוואָהנער צו מאכען אַן אויפשטאנד און אויסצו־
שלאכטען דיא קליינע צאָהל פראנצויזען, וועלכע זיינען פערבליבען אין
קאאירא. נאר אין א וואָך נאך דער שלאכט ביי העליאָפּאָלים האט
גענעראל קלעבער זיך בעוויזען לעבען קאאירא און האט אָנגעפאנגען צו
באָמבארדירען דיא שטאָט. נאך א פערצווייפעלטען קאמפף, וועלכער
האט געדויערט א גאנצען מאָנאט, זיינען דיא פראנצויזען וויעדער

אריין אין קאאירא, וועלכע איז פערגאָסען געוואָרן מיט בלוט און טהיילוייז צושטערט געוואָרן. איבראהים-בעי האט זיך דאן געמוזט אָפּטראָגען מיט זיינע מאמעלוקען נאָך סיריען.

גענעראל קלעבער האט בעוויזען, אז ער איז אויך א גוטער אדמיניסטראטאָר און רעגירער. אין א קורצע צייט האט ער געוואונען דעם צוטרויען און דיא אכטונג פון דיא עגיפּטער. ער האט אויסגעמיידעט נאפּאָלעאָן'ס פעהלערן און האט בעזאָנדערס געזאָרגט ניט צו בעשטייערן צו פיעל דיא בעפעלקערונג. דורך זיין קלוגע רעגירונג האט ער זיך אזוי בעפעסטיגט אין עגיפּטען, דאס ער האט שוין אָנגעפאנגען צו האָפען, אז ער וועט זיך דאָרטען קענען האלטען ביז פריעדען וועט געשלאָסען ווערן אין אייראָפּא. נאָך דעם 14 יוני 1800 איז ער ערמאָרדעט געוואָרן פון א פאנאטישען דערוויש, וועלכער האט זיך בעהאלטען אין דעם גאָרטען פון דעם גענעראל'ס פאלאץ. דער דערוויש, וועלכער האט בעשלאָסען צו נעהמען ראכע פון דעם „סולטאן פון דיא פראנקען" פאר דער נידערלאגע פון דער טערקישער ארמעע אין דער שלאכט ביי העליאָפּאָליס, איז פּלוצלונג ארויסגעשפּרונגען אויף גענעראל קלעבער און האט איהם אריינגעשטאָכען א שפּיעז אין הארצען. דעם האלב-משוגענעם דערוויש האט מען געפאנגען און הינגעריכטעט מיט עכט-אזיאטישע גרויזאמקייט דורך ארויפזעצען אויף א שפּיציגען פלאָקען.

גענעראל מענו, וועלכער האט זיך גערופען אבדאלאה זייט ער האט זיך בעקעהרט צו מאָהאמעדאניזמוס אויף נאפּאָלעאָן'ס פערלאנג, איז געוואָרן דער קאָמאנדיר פון דער איבערגעבליבענער פראנצויזישער ארמעע; אָבער ער האט ניט בעזעסען דיא פעהיגקייטען פון גענעראל קלעבער און איז פעראכטעט געוואָרן פון דיא פראנצויזען און פון דיא עגיפּטער.

עס איז שווער צו זאָגען, וואס עס וואָלט געוואָרן פון דיא פראנצויזען, וועלכע האבען זיך געפונען אין עגיפּטען וויא אין א פאסטקע, ווען דיא לאגע אין אייראָפּא וואָלט זיך אין דער צייט ניט געענדערט דורך דיא צוריקציהונג פון דיא רוסישע סאָלדאטען אויף דעם בעפעהל פון צאר פּאול, וועלכער איז בעזאָנדערס אין כעס געוואָרן

אויף דיא ענגלענדער דערפאר, וואס זיי האבען פערכאפּט דעם אינזעל מאלטא (דער פראנצויזישער אדמיראל וואָבוא האט צוויי יאָהר אויס־געהאלטען דיא אטאקעס פון ענגלישע, פּארטוגעזישע, נעאפּאָליטאנישע און רוסישע שיפען אויף דיזען אינזעל, וואס נאפּאָלעאָן האט פער־נומען אויף'ן וועג נאך עגיפּטען). דיא ענגלענדער האבען דאן יע־דענפאלס געוועלט פּטור ווערן פון דיא פראנצויזען אין עגיפּטען, אום צו האבען א פרייע האנד אנדערסוואו. דארום האבען זיי פּאָרגעשלאָ־גען גענעראל מענו אויסצופיהרען דעם אָפּמאך מיט גענעראל קלעבער, נעמליך: אָפּפיהרען דיא פראנצויזישע ארמעע נאך פראנקרייך. נאר גענעראל מענו האט מורא געהאט, אז דיא ענגלענדער וועלען איהם פערראטהען אזוי וויא גענעראל קלעבער, און ער האט דארום געענט־פערט, אז ער מוז פריהער אָנפרעגען דעם ערשטען קאָנסול נאפּאָלעאָן.

דיא ענגלישע רעגירונג האט דאן בעשלאָסען צו שיקען אן אייגענע ארמעע, אום ארויסצוטריבען דיא פראנצויזען פון עגיפּטען. זיא האט צוזאמענגעקליבען אן ארמעע פון 17.000 מאן און האט אטאקירט דיא פראנצויזען נית ווייט פון אלעקסאנדריא דעם 21 מערץ 1801. דיא פראנצויזען האבען פערצווייפעלט געקעמפּט, אבער זיי זיינען בעזיעגט געוואָרן. גענעראל מענו האט זיך געמוזט צוריקציהען מיט זיין ארמעע נאך אלעקסאנדריא, וואו ער איז באלד בעלאגערט געוואָרן פון ענגלענדער און טערקען. אן אנדער טהייל פון דיא פראנצויזישע סאָלדאטען האט זיך בעפעסטיגט אין קאאירא אונטער דער קאָמאנ־דע פון גענעראל בעליארד. ווען דיזער גענעראל האט זיך דערוואוסט, אז דיא ענגלענדער האבען געבראכט 7 טויזענד סאָלדאטען פון אינדיען און אז א נייע גרויסע טערקישע ארמעע העלפט דיא ענג־לענדער, האט ער בעשלאָסען זיך אונטערצוגעבען, אבער נאר מיט דער בעדינגונג, אז דיא ענגלענדער זאלען אָפּפיהרען נאך פראנקרייך דיא סאָלדאטען מיט אלע זייערע געוועהר און דיא געלעהרטע מיט אלע זייערע אנטיקען און פּאפּירען. דיא ענגלענדער האבען אָנגענו־מען דיזע בעדינגונגען און דארום האט אויך מיט א מאָנאט שפּע־טער (27 אויגוסט 1801) גענעראל מענו זיך אונטערגעגעבען אויף דיא זעלבע בעדינגונגען.

דיא ענגלענדער האבען דיזעס מאל אזוי זיך געהיילט אויסצופיהרען זייער וואָרט, אַז דעם 2 סעפּטעמבער זיינען שוין דיא פראַנצויזען אָפּגעפאָהרען אויף ענגלישע שיפען פון עגיפּטען, וואו זיי האבען אומזיסט געקעמפּפט מיט אזא וואונדערבארען העלדענמוטה איבער 3 יאהר. דיא ענגלענדער האבען שׂ׳יסליך דאך געמוזט אויספיהרען דיא בעדינגונגען, וואס גענעראל קלעבער האט געשטעלט מיט 18 מאָנאַט פריהער און וואס זיי האבען געמיין געבראָכען.

יעדענפאלס האבען דיא פראַנצויזען נאך אלץ ניט געקענט שטארק אָנגרייפען ענגלאַנד, ווייל זייער פלאָטע איז געווען צו שוואך. דערפאר אבער האבען זיי קרעפטיג צוקלאפּט עסטרייך אין פיעלע שלאַכטען, בעזאָנדער אין דער בעריהמטער שלאַכט פון מארענגאָ דעם 14 יוני 1800, וואו נאַפּאָלעאָן זעלבסט האט קאָמאַנדירט, און אין דיא שלאַכטען לעבען דאָנוי, וואו גענעראל מאָראָ האט קאָמאַנדירט. קארנאָ אלס אָרגאַניזאטאָר און נאַפּאָלעאָן און מאָראָ אלס הויפּטקאָמאַנדירען האבען בעוויזען וואונדער נאך וואונדער.

דיא ערגסטע קלעפּ האט עסטרייך געכאפּט אין 1800 פון גענעראל מאָראָ. פאר דער בעריהמטער שלאַכט ביי דעם דאָרף האָהענלינדען איז מאָראָ מיט זיינע גענעראלען אזוי זיכער געווען צו זיעגען, דאס איינער פון זיי האט געזאָגט: „לאָמיר גלייך אָנשרייבען דעם בעריכט פון דער שלאַכט: געפאַנגען צעהען טויזענד סאלדאטען און פופציג קאַנאָנען“. דאס איז אויך געשעהען, אבער אין א גרעסערער מאָס: זיעבען טויזענד עסטרייכער זיינען געטויטעט און פערוואונדעט געוואָרן און עלף טויזענד סאָלדאטען און הונדערט קאַנאָנען זיינען געפאַנגען געוואָרן פון דיא פראַנצויזען, וועלכע האבען נאר פערלאָרען 2500 מאַן, טויטע און פערוואונדעטע צוזאמען. נאך דיזער שלאַכט איז מאָראָ צוגעקומען ביז וויען, און דיא עסטרייכער רעגירונג האט געמוזט בעטען וואפענשטילשטאַנד, וועלכער איז געשלאָסען געוואָרן דעם 25 דעצעמבער 1800. נאך דיזען וואפענשטילשטאַנד האט אויך געפאָלגט א נייער פריעדענס־אָפּמאך, וועלכער איז געשלאָסען געוואָרן אויף דיא זעלבע בעדינגונגען וויא דער געבראָכענער פריעדענס־

טראַקטאַט פון קאַמפאָ־פאָרמיאָ און וועלכער איז בעשטעטיגט געװאָרן אויף דעם קאָנגרעס אין רעגענסבורג דעם 7 מערץ 1801.

ענגלאַנד איז דאַן אויך געצוואונגען געװען צו שליסען פריעדען מיט פראַנקרייך, דען דיא מלחמות האבען איהר אָבגעקאָסט איבער 300 מיליאָן פונט סטערלינג, ניט רעכענענדיג דעם גרויסען פערלוסט אין מענשען, װעגען װעלכע דער עהרגייציגער און פערביסענער פיטט האט זיך איבערהויפט זעהר װייניג געקימערט. דיזער פריעדען, װעלכער איז מיט א יאָהר שפּעטער געבראָכען געװאָרן פון ענגלאַנד, איז געשלאָסען געװאָרן אין דער שטאָט אמיען דעם 27 מערץ 1802. ענגלאַנד האט געמוזט צוריק קעהרען כמעט אַלע קאָלאָניעס װאס זיא האט פערכאַפּט אין דער צייט פון דער מלחמה. אין יוני 1802 האט פראַנקרייך אויך געשלאָסען פריעדען מיט טירקיי, זא דאס אײראָפּאַ האט זיך געקענט אָפּרוהען פון דיא אונאויפהערליכע מלחמות, װעלכע זיינען ארויסגערופען געװאָרן דורך דיא רעװאָלוציאָן.

ליידער האט דער פריעדען בלויז געדויערט א יאָהר. נאר געבראָכען געװאָרן איז ער ניט פון נאַפּאָלעאָנען, זאָנדערן פון ענגלאַנד, װעלכע האט ניט געװאָלט פינקטליך אויספיהרען אַלע פונקטען פון דעם אמיען־פריעדען. נאַפּאָלעאָן, װעמעס מאַכט איז נאַטירליך געשטיגען אין פראַנקרייך און אויך אין גאַנץ אייראָפּאַ דורך דעם פריעדען, האט געזוכט אויסצומיידען א נייע מלחמה. נאר װען זיא האט זיך אָנגעפאַנגען מיט א קריעגס־ערקלערונג פון ענגלאַנד דעם 18 מאי 1803, האט נאַפּאָלעאָן איהר אָנגעפיהרט מיט זיין גאַנצע ענערגיע און האט ארויסגעוויזען זיינע געניאַלע מיליטערישע פעהיג־קייטען אין פולען גלאַנץ. 12 יאָהר האט ער געקעמפּפט מיט גאַנץ אייראָפּאַ, דען דער ענגלישער רעגירונג איז װיעדער געלונגען צו פערבינדען אַלע קעניגע געגען פראַנקרייך—דאס איז געװען דיא דריטע קאָאַליציאָן—און ער האט זיי אַלעמען בעזיעגט ביז זיין בעריהמטען מאַרש נאָך רוסלאַנד אין 1812. זיין דורכפאַל אין רוסלאַנד איז געװען דער סוף פון זיין הערשאַפט צוערשט אין אייראָפּאַ, נאָכהער אין פראַנקרייך. אין 1813 האט ער פערלאָרען דיא שלאַכט ביי לייפּציג און האט געמוזט זיך צוריקציהען נאך פראַנקרייך. אין 1814

זיינען דיא ארמעען פון דער קאַאַליציאָן אריין אין פּאריז, און נאפּאָ־לעאָן האט זיך געמוזט אָפּזאָגען פון טהראָן און זיך בעגנוגענען מיט דעם אינזעל עלבא און מיט דעם טיטול קייזער.

דיא פערבונדענע מעכטע האבען דאן ארויפגעזעצט אויפ'ן טהראָן לודוויג דעם זעכצעהנטען'ס ברודער, גראף פון פּראָוואנס, וועלכער האט זיך א נאָמען געגעבען לודוויג XVIII. נאר אָבוואָהל ער האט געגעבען א קאָנסטיטוציאָן, וועלכע איז ניט ערגער געווען וויא נאַ־פּאָלעאָן'ס קאָנסטיטוציאָן, (גענאנט אויך „דיא קאָנסטיטוציאָן פון צעהנטען יאהר פון דער רעפּובליק"), איז דאס פאָלק דאָך ניט צו־פריעדען געווען מיט איהם און מיט זיין רעגירונג. אויסער דעם האבען א גרויסער טהייל פון פראנצויזישען פאלק און דיא גאנצע ארמעע נאך אלץ פערגעטערט דעם וואונדערבארען קאָרסיקאנער, זאָ דאָס ווען ער איז אנטלאָפען פון אינזעל עלבא אין מערץ 1815 און האט געלאנדעט אין פראנקרייך, איז ער מיט ענטהוזיאזמוס אויפגענומען געוואָרן. לודוויג XVIII האט געמוזט אנטלויפען נאך בעלגיען און נאפּאָלעאָן איז ווידער געוואָרן קייזער.

נאר ער איז לאנג ניט געבליבען אויפ'ן טהראָן, בלויז 100 טעג. דיא מעכטע, וועלכע האבען דאן פערהאנדעלט וועגען דיא פּאָליטישע קארטע פון אייראָפּא אויף דעם קאָנגרעס אין וויען, האבען גלייך ארויסגעגאזען א פּראָקלאמאציאָן, אז נאפּאָלעאָן איז „דער פיינד און שטערער פון פריעדען אין דער וועלט", און זיי האבען געשיקט זייערע ארמעען איהם ווידער צו פעריאָגען פון פראנק־רייך. דיזעס מאָל איז עס זיי פערהעלטניסמעסיג לייכט געלונגען. אין דער בעריהמטער שלאכט לעבען וואטערלאָאָ (בעלגיען) דעם 18 יוני 1815 איז נאפּאָלעאָן'ס ארמעע אין גאנצען צוקלאפּט געוואָרן פון דיא ענגלענדער און פּרייסען. דיא פערבונדענע ארמעען זיינען צום צווייטען מאָל אריין אין פּאריז, און נאפּאָלעאָן האט זיך ווידער אָפּגעזאָגט פון טראָן. ער האט זיך דאן אונטערגעגעבען צו ענגלאנד, וועלכע האט איהם ערקלערט פאר א קריעגס־געפאנגענעם און האט איהם פערשיקט אויף דעם אָפּגעזונדערטען אינזעל סענט־העלענא לעבען זיד־אפריקא, וואו ער איז געשטאָרבען דעם 5 מאי 1821.

לודוויג XVIII איז ווידער געוואָרן קעניג מיט דער הילפע פון אויסלענדישע אַרמעען. נאָר אין 1824 איז ער געשטאָרבען און די קרוין איז איבערגעגאַנגען צו זיין ברודער גראף ד'אַרטואַ, וועלכער איז געוועזען אַ פערביסענער רעאַקציאָנער. ער האט געטראָגען דעם נאָמען קאַרל X און איז פעריאַגט געוואָרן פון פראַנקרייך נאָך דער רעוואָלוציאָן פון 1830.

די 15 יאָהר וואס ביידע ברידער פון לודוויג XVI זיינען געוועזען קעניגע פון פראַנקרייך ווערן גערופען אין דער געשיכטע „רעסטאַראַציאָן" (ווידער-אויפשטעלונג), ווייל די בורבאָנען-דינאַסטיע איז ווידער אַרויף אויפ'ן טראָן. נאָר דאס איז שוין געוועזען דער ענדע פון דער בורבאָנען-הערשאַפט אין פראַנקרייך.

ביידע בורבאָנען-קעניגע האבען נאַטירליך געזוכט צוריק איינצופיהרען די אַלטע אָרדנונג כמעט אזוי וויא זיא האט עקזיסטירט פאר די רעוואָלוציאָן. נאָר דאס איז זיי ניט געלונגען. זיי האבען געמוזט געבען אַ קאָנסטיטוציאָן. זאָנסט וואָלטען זיי ניט געקענט זיצען אויפ'ן טראָן אפילו איין טאָג. אויך האבען זיי ניט געקענט צוריק צונעהמען די פעלדער און גיטער, וועלכע זיינען קאָנפיסצירט און פערקויפט געוואָרן אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן. אַ גרויסער טהייל פון די קאָנפיסצירטע שטיקער לאַנד זיינען שוין איבערגעגאַנגען דורך פערקויפען פון איין נייעם אייגענטהימער צו אַן אַנדערן. ווען די בורבאָנען וואָלטען אָנגעפאַנגען צוריקצוקעהרען די קאָנפיסצירטע און פערקויפטע לענדער צו די פריצים און גלחים, וואָלטען די בויערן און די מיטעלקלאַסע זיך אויפגעהייבען און זיי פעריאָגט.

דעם וויכטיגסטען טהייל פון דער נייער אָרדנונג האבען שוין אַליאָ די צוריקגעקומענע בורבאָנען און עמיגראַנטען ניט געקענט ענדערן. זיי האבען נאָר געזוכט צו קריעגען שאַדענערזאַץ פאר די קאָנפיסצירטע מאַיאָנטקעס, וועלכע זיי האבען ניט געקענט בעקומען צוריק. דאס האבען זיי טהיילוויז געקראָגען, ווען קאַרל X איז געוואָרן קעניג. ער האט דורכגעפיהרט אין פאַרלאַמענט, אַז מען זאָל געבען די עמיגראַנטען אַ מיליארד פראַנק שאַדענערזאַץ אין דריי-פּראָצענטיגע רענט-פּאַפּירען, אָבער שפּעטער, נאָך דער רעוואָלוציאָן פון 1830, האט מען

דיזע סומע פערקלענערט. יעדענפאלס האבען דיא פּריצים געקראָגען א זעהר קליינעם טהייל פון דעם ווערטה פון זייערע קאָנפיסצירטע מאַיאָנטקעס, און דיא גאנצע פעאָדאלע סיסטעם איז שוין אויף אייביג אָפּגעשאפט געוואָרן אין פראנקרייך.

זעהר פיעלע ענדערונגען זיינען פאָרגעקומען אין פראנקרייך אין 19־טען יאָהרהונדערט, אָבער דיזע ענדערונגען זיינען ארויסגערופען געוואָרן ניט אזוי דורך דעם, וואס דיא פּאָליטישע שטרעבונגען פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן זיינען ניט דורכגעפיהרט געוואָרן פאָלשטענדיג, זאָנדערן ווייל דיא עקאָנאָמישע שטרעבונגען, וויא זיי זיינען בעזאָנדערס אויסגעדריקט געוואָרן אין 1793—דעם רעוואָלוציאָנערסטען יאָהר פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן—און נאכהער אין באבעף'ס פערשווערונג, זיינען גאר ניט ערפילט געוואָרן. דיא קאָנסטיטוציאָן פון 1793 איז געבליבען א טויטער בוכשטאב און דיא פאָדערונגען פון עקאָנאָמישע גלייכהייט האבען נאר געפיהרט צו שרעקליכע אויפשטאנדען און בלוטפערגיסונגען. דיא וויכטיגסטע פון דיא רעוואָלוציאָנען אין נאמען פון ווירקליכע גלייכהייט פאר אלע מענשען, ניט בלויז גלייכהייט פאר'ן געזעץ, איז געוועזען דער אויפשטאנד פון 18־טען מערץ 1871, דיא זאָגענאנטע „פאריזער קאָמונע", אָבער זיא איז דערטרונקען געוואָרן אין טייכען ארבייטער־בלוט. דיא עקאָנאָמישע פאָדערונגען פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן ווערן יעצט געשטעלט מיט אלץ מעהר קראפט און קלאָרהייט פון דיא סאָציאליסטען אין דער גאנצער וועלט.

ענדע.